STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09891

MAYN EYTSEH

Leon Zolotkoff

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. א. קלאַרמאַן

מיין עצה

ענטפערס אויף פּראָבלעמען וועלכע ענטשטעהען
אין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקא.

ניו יאָרק
פערלאַג „פאַמיליענפריינד", 77 באָוערי
1931

פרייז $2.50

Copyright, 1931, by Jacob Fishman

Printed in the United States of America

Up-To-Date Printing Co., Inc.
476 Broadway
New York

אינהאַלט:

די פאַמיליע

זייט

פאַרוואָרט — 5
די פאַמיליע און איהרע פּראָבלעמען 11
מיט אַ מאַן אַ צדיק — 19
„ער איז אַראָפּ פון דרך הישר" — 22
זאָל ער זאָגן זיין פרוי? — 25
„קהל" שטערט דעם שלום בית — 27
ווען דער מאַן זאָל זיין אַ „ספּאָרט" 30
ווען פרעמדע ציינגער ריידן — 34
ער קריגט „נדן" און איז ברוגז — 35
פאַרוואָס אַזוי שנעל עגטוישט — 39
אַ קאַפּעלע אוידעלקייט, ברענגט שלום 43
ער גיט איהר אַלעס, נאָר קושן זיך? — „נאַרישקייטן" — 46
צוליב די „נאַרישקייטן" האָט מען חתונה — 49
„אַך, יענע ברויט, יענע ווייב־טרויבן!" — 51
אַ פאָרשלאַג פון „גט אויף פּראָבע" 52
ווי פאַרשליסט מען דעם מאַן? — 55
ליבע און אייפערזוכט — 58
אַ פרוי אָהן אַ דזשאָב" — 60
אָבער „ער" וויל הערשן — 63
קליינע שטעך־ווערטלעך — 66
ער וויל אַ „היים", און זי — „סאָסיועטי" — 70
אַן עם־הארץ ווערט „אַמעריקאַניעץ" 73
כעס צושטערט אַ פאַמיליע — 75
פאַר שילטן קומט „גט אָהן אַ כתובה" 79
צערטליכקייטן נויטיג ווי מזונות 81
„צופיל" אמת טויג אויך ניט — 85
אַליין צו דער ווייב — 87
זי וויל דוקא „לערנען" דעם מאַן — 90
אַ פרוי מיט אַ „גאָלדענעם נאָז־באַנד" 93
אַ צונג מאַכט חרוב אַ היים — 96
איינזעהעניש איז נויטיג — 99
די ערשטע מחלוקת — 102
אויסצומיידן צאַנקערייי איבער געלט 106
זי וויל ווערן יונג — 110
די פרוי מוז „וואַקסן" מיט'ן מאַן 112
איז כדאי צו האָבן קינדער? — 115
ער האָט ליב זיין ווייב און — פינאַקל 118
אַ גט? יאָ, — אָבער זי וויל אַ מקח 121
צו וואָס האָט זי עס געדאַרפט? — 124
ווען אַ נאַרישע פרוי קריגט די ממשלה — 127

ליבע און הייראַט

מעלאָדראַמע פון אַ גאַליציאַנער מיידל 136
מוז מען חתונה האָבן? — 139
פאַרוואָס ער וויל ניט הייראַטן — 142
ער וויל, נאָר ער האָט מורא — 144
אַ חתן פול מיט חרטה — 147
די אַלט־נייע פראַגע — 151
טאָכטער וויל ניט חתונה האָבן — 154
ענדליך געהייראַט, און האָט חרטה — 157
אַ פרוי זאָל ניט „קאָמאַנדעווען" — 160
צי לוינט זיך דער שידוך? — 164
איין מיידל מיט דריי חתנים — 166
ווען ער זאָל זיין אַ ביסעלע שענער 169
צו פריה צו הייראַטן — 172
ניט קיין פאַרשוין, און צו פעט — 175
זי האָט זיך אַנדערש פאַרגעשטעלט 178
געפאַנגען פון אַ „ים־מיידל" — 180
אַן אַמעריקאַנער און „גרינער" — 182
ליטוואַק און גאַליציאַנער — 185
דאָס פּראָבלעם פון אַ קליינשטעטלדיגע — 189
קאַנטרי־אידן מיט טעכטער — 192
אַ חתן מיט אַ קינסטליכן פוס — 195
אַ פאַרשוין, און האָט קיין מזל — 198
ער איז ראָמאַנטיש, זי — „קאַלטלעך" 200
די מאַמע וויל אַ „זיידענעם" איידים 202
די טאָכטער מאַכט אַ פעהלער — 206
אַ מיידל היים און קאַלט — 209
אַ ראָמאַן מיט אַ פלאַנטער — 212
וואַרטענדיג אויף ליבע, האָט זי חתונה — 214
צוויי קוזינעס וועגן ליבע און תכלית — 218
עלטערן שטערן ווייל דער חתן איז אָרעם — 221
אָהן נדן געהט עס ניט — 225
זי וויל אַן אויטאָמאָביל — 228
אַ בחור'ס שווערער נסיון — 231
אַ לעזער קריטיקירט אַן עצה — 235
פאַרליבט אין אַ קאַטאָליקין — 239
אַ שומר שבת מיט אַן אוירישע — 242
אַ מיידעל מיט שכל — 246
טאָכטער פון ראַדיקאַל האָט טראָבל 248
אַ מאַמע געגן הייטיגע מיידלעך — 250
אַ גר אין דער משפחה — 253

עלטערן און קינדער

זייט

אַ „פּאַספּאָרט" צום הימעל — — 257
ווי ווייט מוזן עלטערן אָפּפערן? — 258
צו אָפּפערן צוקונפט פאַר קינדער — 262
ערשטע פליכט איז צו איהר מאַן — 264
„צו גוט" איז אויך ניט גוט — — 266
ווי ערציהט מען גוטע קינדער? — 269
צו געווינען די ליבע פון קינדער 272
ווען אַ טאַטע פאַרנאַכלעסיגט קינדער 275

זייט

וועגן „הויכע" בילדונג פאַר טעכטער 278
איז כדאַי שיקן קינדער אין קאַ־
לעדזש? — — — — — — 281
וועגן אַ „קאַריערע" פאַר אַ מיידל 283
דריי זיהן און איין אַלטער טאַטע — 286
געגן טאַטענ'ס צווייטע הייראַט — 290
זאָל דער טאַטע בלייבן באַלעבאָס
ביי זיך? — — — — — — 293
נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון 296

אַלגעמיינע בריף

„שווער צו זיין אַ פרוי" — — — 299
פאַר וועמען פאַרבן זיך מיידלאַך? 302
אַ „קאָמסאָמאַלעץ" געפעלט ניט
אַמעריקאַ — — — — — — 305
דאַרף אַ פרוי באַלאַנגען צו סאָ־
סייעטיס — — — — — — 309
וועגן עפענען פרעמדע בריף — — 312
פרויען וואָס אַרבייטן, ניט אויס
נויט — — — — — — — — 313
יושר צווישן צוויי ברידער — — 315
פליכטן צו דער ווייב'ס פאַמיליע — 317
צוויי ברידער און אַ געוויסן — — 319

קולטור פראַגן

וואָס האָבן מיר פון איינשטיין'ס
„רעלאַטיוויטי"? — — — — — 323
וואָס איז ציוויליזאַציע און וואָס
קולטור? — — — — — — 325
די צוויי שוועסטער־וויסענשאַפטן — 332
אַ טאַטע וועלכער וויל פאַרשטעהן — 335
וואָס זעהט מען אויף דער לבנה? 338
צו וואָס אַזויפיל שפראַכן? — — 343
שלום־וואָרט — — — — — — 349

אַנערקענונג

מיין איניגסטער דאַנק ווערט דאָ אויסגעדריקט
צו מיין פריינד און קאָלעגע
מר. דזשייקאָב פישמאַן
מענעדזשינג עדיטאָר פון „מאָרגען זשורנאַל",
פאַר די פריינדליכע אָנרעגונג און מיטווירקונג
אין דער אַרויסגעבונג פון דעם בוך.

דר. א. ק.

פאָרוואָרט

דאָס גאַנצע לעבען באַשטעהט פון פראַגען און ענטפערס, פון פּראָבלעמען און לייזונגען. אַזוי גיך ווי איין פראַגע איז פאַרענטפערט, קומט תיכף אַ צווייטע אויף איהר פּלאַץ; אַ פּראָבלעם געלייזט, מאַכט בלויז פּלאַץ פאַר אַ צווייטע פּראָבלעם.

די ערשטע פראַגע, וועלכע דער מענש שרייט אַרוים גלייך ווי ער ווערט געבאָרען, איז: „וואו עסט מען דאָ?", און ער געפינט דעם ענטפער ביי דער ברוסט פון דער מוטער. זיין לעצטע פראַגע איז: „וואוהין געה איך?" אויף דער פראַגע קריגט ער קיין ענטפער.

צווישען וויגעלע און קבר געהט ער דורך אַ כסדר'דיגע, ניט־אונטערבראָכענע רייה פון פראַגען און ענטפערס, וועלכע זיינען געשלאָסען און געבונדען איינע אין די אַנדערע, אַזוי ווי די רינגעלעך אין אַ קייטעלע: יעדע פראַגע צווינגט אַרוים אַן ענטפער, און יעדער ענטפער פּראָדוצירט אַ פראַגע, ביז עס קומט צו דער לעצטער פראַגע אויף וועלכער דאָס לעבען בלייבט דעם ענטפער שולדיג.

* * *

די אַלע פראַגען, וועלכע מענשען פרעגען געוועהנליך, קענען איינגעטיילט ווערען אין פיר קאַטעגאָריעס: 1) פראַגען פון פּרנסה; 2) געזעלשאַפטליכע פראַגען, וועלכע נעמען אַריין פראַגען פון פאַמיליען־לעבען, ליבע און הייראַט, און באַציהונגען פון מענשען איינער צום אַנדערען; 3) פראַגען פון דרך־ארץ, מאָראַל און עטיקעט, און 4) קולטור־פראַגען, וואָס מענשען פרעגען אוים נייגירדע, צו באַפרידיגען זייער נייגעריקייט איבער דער וועלט אַרום זיין.

נישטאָ איין פראַגע, וועלכע אַ מענש קען פרעגן, וואָס זאָל זיך ניט אַריינפּאַסען אין איינער אָדער אין דער אַנדערער פון די פיר קאַטעגאָריעס. אויסגעשלאָסען פון דעם כלל זיינען פיליכט נאָר אַזעלכע פּראָבלעמען, וועלכע קומען פון קאַפּריז, אָדער שטימונג, אָדער געמיט, און אַפילו די מייסטע פון אַזעלכע פראַגען, אויב מ'זאָל זיי גרינדליך אַנאַליזירען, וועט מען געפינען אַז זיי זיינען אַ ביי־פּראָדוקט פון די אויסגערעכענטע פיר קאַטעגאָריעס.

* * *

קיין מענש איז אימשטאַנד צו ענטפערן, פון אייגענער ערפאַהרונג, אויף אַלע פראַגען וועלכע ער פרעגט זיך אַליין. אויב ער זאָל, צום ביישפּיל, פרעגען: „וואָס קען שטילען מיין הונגער?" און

ער וועט ענטפערן: „ברויט", איז דאָס פון אייגענער ערפאַהרונג. „וואָס וועט שטילן מיין דורשט?", און ער וועט ענטפערן: „וואַסער", איז דאָס אויך פון אייגענער ערפאַהרונג. קוים אָבער וויל ער וויסען וואו עס געפינט זיך אַ געוויסע גאַס אין די בראָנקס, אָדער אין בראָנזוויל, מוז ער שוין זוכען אַן ענטפער פון די ערפאַהרונגען פון אַנדערע מענשען.

שטעלט ער אָבער פראַגען וועלכע ליגען אויסער די גרענעצען פון מענשליכע ערפאַהרונגען, קען ער אויף זיי גאָר קיין ענטפערס ניט קריגען.

* * *

דאָס לעבען איז אַ פאַרפּלאָנטערטער ענין, וואָס מ'קען ניט דערגרונטעווען, קומען די פראַגען, וועלכע מענשען שטעלען זיך, מייסטענטיילס אויך אַרוים פאַרפּלאָנטערט.

יעדע פראַגע האָט אַלע מאָל נעבען־פראַגען, זייטיגע זאַכען, וועלכע האָבען אויפ'ן גרונד גאָר ניט צו טאָן מיט דעם עיקר, און דאָך, ווען עס קומט צו דער לייזונג פון אַ פראַגע, מוזען די זייטיגע זאַכען אויך גענומען ווערען אין באַטראַכטונג.

נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ איינפאַכע פראַגע וואָס אַ מיידעל פרעגט אָפט, אויב זי זאָל חתונה האָבען מיט אַ געוויסען בחור.

דאָס איז אַ פראַגע וואָס געהערט צו אונזער צווייטער קאַטעגאָריע, און דער ענטפער צו איהר וואָלט על פּי שכל געדאַרפט באַשטימט ווערען בלויז פון דער באַטראַכטונג פון דער צוועקמעסיגקייט פון אַזאַ חתונה צו דער דערגרייכונג פון דעם געווינשטען ציל, און דאָס איז, די באַפרידיגונג פון דעם געשלעכטליכען טריב.

מישט זיך באַלד אַריין די פראַגע פון פרנסה, אָדער אָפטמאָל אויך די פראַגע פון פרומקייט, אָדער בילדונג, אָדער יחוס, אָדער געגנערשאַפט פון עלטערן — זאַכען וועלכע האָבען קיין שייכות צו דעם עיקר, און וועלכע מוזען דאָך גענומען ווערען אין באַטראַכטונג.

* * *

דער מענש איז אַ געזעלשאַפטליכע באַשעפעניש, און מוז לעבען אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע מענשען. דערפאַר איז ניטאָ אַזאַ פּראָבלעם, וואָס אַ מענש זאָל קענען לייזען פאַר זיך אַליין גאַנץ אומאָפּהענגיג פון זיין אומגעבונג, אָדער ניט פרעגענדיג זיך, ווי אַזוי די לייזונג וועט ווירקען אויף זיין אומגעבונג, אָדער ווי אַזוי אַנדערע וועלן רעאַגירן אויף דער לייזונג פון זיין פּראָבלעם.

נייטיגען זיך אַלע מענשען אין עצות — דאָס מיינט צו לערנען פון די ערפאַהרונגען פון זייערע מיטמענשען.

ביי דעם אידישען מענשען אין אמעריקא, בעזונדערס ביי די איינגעוואַנדערטע אידען אין ערשטען און צווייטען דור, קומען די פּראָבלעמען אַרויס אַ קאַפּעלע מעהר פֿאַרפּלאָנטערט ווי ביי אַנדערע. די צוגעגעבענע קניפּעלעך און קנייטשעלעך וואַקסען אַרויס פֿון דער איבערוואַנדערונג פֿון איין לאַנד אין אַ צווייטעס, און פֿון דעם פּראָצעס פֿון צופּאַסען זיך און אַריינלעבען זיך אין אַ פֿרישער אומגעבונג.

אַ גרויסער טייל פֿון דער פּערזענליכער ערפֿאַהרונג וואָס דער איד ברייגנט מיט פֿון דער פֿריהעריגער אומגעבונג געהט לאיבוד; נייטיגט ער זיך אָפּטער, און אין אַ גרעסערער מאָס, אין די ערפֿאַהרונגען פֿון אַנדערע לייט.

*　*　*

צייט עטליכע יאָהר איז געווען, און איז, די אויפֿגאַבע פֿון דעם פֿאַרפֿאַסער פֿון אָט־דעם בוך, צו ענטפֿערען אויף אַלערליי פֿראַגען פֿון אידען אין אַן אָפּטיילונג וואָס אַ טעגליכע אידישע צייטונג האָט דערצו בעשטימט; בייצושטעהן אַלע וואָס ווענדען זיך צו דער צייטונג אין דער לייזונג פֿון זייערע פּערזענליכע פּראָבלעמען.

די טויזענדע בריף וועלכע זיינען אונטער דער צייט דערהאַלטען געוואָרען זיינען אַלע, אָהן אויסנאַם, געענטפֿערט געוואָרען, הגם בלויז אַ קליינער טייל פֿון די בריף איז ערשינען אויף די זייטען פֿון דער צייטונג.

דער פֿאָרצוג איז געגעבען געוואָרן צו אַזעלכע פּראָבלעמען, וועלכע קומען אַם אָפֿטעסטען פֿאָר אין אידישען לעבען, און די אַרומריידונג פֿון זיי קען דערפֿאַר דינען אַ גרעסע צאָל לעזער. אויף דעם אופֿן האָבען אויך אַנדערע גענאָסען פֿון דעם זכות פֿון איין בריף־שרייבער. פֿילע לעזער וועלכע האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט ענליכע פּראָבלעמען האָבען אָפֿט געפֿונען אַ לייזונג אין דעם ענטפֿער וואָס איז געגעבען געוואָרען צו איינעם פֿון זיי.

*　*　*

פֿון אַזעלכע לעזער איז געקומען די אָנרעגונג צו דרוקען דאָס בוך וואָס דער לעזער האַלט איצטער אין זיינע הענט. עס האָבען זיך געמערט די אָנפֿראַגען, אויב די בריף מיט די ענטפֿערס וועלען ערשיינען אין בוך־פֿאָרם; און פֿון פֿאַרשיידענע זייטען זיינען אַפֿילו געקומען אָנבאָטען פֿון לעזער זיך צו באַטייליגען אין דער אויסגאַבע פֿון אַזאַ בוך.

דאָס האָט געפֿירט צו דעם באַשלוס צו דרוקען דאָס בוך.

עס פֿאַרשטייט זיך, דאָס ניט אַלע בריף וועלכע זיינען פֿאַר־

עפּענטליכט געוואָרן זיינען אַריינגענומען געוואָרן. עטליכע אַזעלכע ביכער וואָלטען זיך געפֿאָדערט דערצו. אָבער פֿון די פֿריהער־געדרוקטע בריף און ענטפֿערס זיינען אויסגעקליבען געוואָרן די ניצ־ליכסטע און די אינטערעסאַנטעסטע. עס זיינען אויך צוגעגעבען געוואָרן אַ צאָל וויכטיגע בריף און ענטפֿערס וועלכע האָבען צוליב טעכנישע אורזאַכען פֿריהער ניט געקענט געדרוקט ווערן ווייל זיי האָבען געפֿאָדערט פֿיל מעהר פּלאַץ אַלס אַ צייטונג האָט זיי זיי געקענט געבען.

* * *

דער פּאַרפֿאַסער פֿון דעם בוך ציט פֿיל באַפֿרידיגונג פֿון דעם פֿאַקט, וואָס זיין מי איז ביז איצטער געשעצט געוואָרן פֿון אַ גרויסען עולם, און איז מיט באזונדערע דאַנקבאַרקייט אויפֿגענומען געוואָרן פֿון אַלע וועלכע האָבען געהאַט די געלעגענהייט זיך צו ווענדען צו איהם מיט זייערע פּראָבלעמען.

דאָס קלינגט אפשר אַ ביסעל באַריהמעריש, אָבער עס וואָלט געווען פֿאַלשע עניוות דאָס צו פֿאַרשווייגען, ווייל נאָך אַלעמען איז דאָס כמעט דער איינציגער גרונט פֿאַר די אַרויסגעבונג פֿון דעם בוך.

צוויי זאַכען וויל דער פֿאַרפֿאַסער דערגרייכען מיט דער אונטער־נעמונג: ערשטענס, צו געבען דעם לעזער א בוך מיט קורצע דער־ציילונגען (שאָרט סטאָריעס) פֿון לעבעדיגע מענשליכע אינטע־רעסען, דען יעדער בריף מיט זיין ענטפֿער שטעלען צוזאַמען אַ „גאַנצע זאַך"; און, צווייטענס, אַרומצורייזען די פּראָבלעמען וועלכע קומען אַם אָפֿטעסטען פֿאַר ביי אונזערע אידען, און אויף דעם אופֿן העלפֿען זיי לייזען מאַנכע עהנליכע פּראָבלעמען.

אַ חוץ די צוויי צילען איז אויך פֿאַראַן די מעגליכקייט, דאָס מאַנכער לעזער מיט אַ טיפֿערן בליק זאָל געפֿינען, נאָכדעם ווי ער וועט האָבען געלעזען אַ צאָל בריף און ענטפֿערס, דאָס ער האָט פֿאַר זיך א קוועהר־שניט פֿון דעם לעבען פֿון אַ גרויסע מאַסע אידען — אַזוי ווי מ'שניידט אַמאָל דורך אין דער קוועהר א פֿאַרפּלאָנטערטע שטיק מעכאַניזם, כדי צו זעהן די רעדעלעך און פּרוזשינקעלעך וועלכע ריהרען זיך אינעווייניג.

דר. א. קלאָרמאַן.

ניו יאָרק, מאַרטש 1, 1931.

די פֿאַמיליע

די פאַמיליע און איהרע פּראָבלעמען

די פאַמיליע איז די ערשטע מענשליכע חברותא׳לע, די ערשטע גע־זעלשאפטליכע גרופּקעלע, וואָס איז אַלע מאָל באטראכט געוואָרען אַלס א איינינקייט, א „יוניט", פאר זיך.

זי איז געבויט, קודם כל, אויף דעם נאַטירליכען טריב, אָדער „מוז", פון דעם געשלעכטליכען פּאַרקעהר צווישען מאַן און פרוי, און דערנאָך אויף די דערציהונג פון קינדער.

דער נאַטירליכער „מוז" צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט (קיום המין) פיהרט מאַן און ווייב צוזאַמען; די האַדעוואַניע פון קינדער העלפט זיי האַלטען צוזאַמען.

מענשליכע נייגעבאָרענע קינדער זיינען אונבאהאָלפען, און ווייניגער אין שטאַנד צו זאָרגען פאר זיך אַליין, אַלס די נייגעבאָרענע קינדער פון אַנדערע באַשעפעניסען; נויטיגען זיי זיך אין דער הילף פון דערוואַקסענע פיל לענגער אַלס די אַנדערע.

וואָס מעהר ענטוויקעלט א מענשליכער שטאַם (שבט) איז, וואָס העכער זיין קולטור און זיין ציוויליזאציע איז, אַלץ מעהר צייט פאָדערט זיך פאר די האָדעוואַניע פון די קינדער ביז זיי קענען זאָרגען פאר זיך אַליין.

ווי לאַנג צוריק די פאַמיליע האָט אָנגעהויבען עקזיסטירען איז זיך שווער אפילו משער צו זיין. עס עקזיסטירען פאַמיליען אויך ביי אַנדערע באַשעפעניסען, ביי חיות און פויגלען. אָבער זייערע קינדער פאָדערען, אין צוגלייכונג, א גאַנץ קורצע צייט פאר זייער האָדעוואַניע ביז זיי קענען זיך אַליין באַזאָרגען. האַלט ביי זיי אָן די „פאַמיליע" בלויז אַזוי לאַנג ביז די קינדער האָבען ניט מעהר נויטיג זייער השגחה. דאַן צוגעהען זיי זיך און דערקענען זיך ניט מעהר.

אין דער מענשליכער פאַמיליע נעמט עס יאָהרען.

די נאַטור וועלכע זאָרגט הויפּטזעכליך פאר׳ן קיום המין, אַז קינדער זאָלען געבראַכט ווערען אויף דער וועלט, האָט איינגעפלאַנצט אין אַלע באַשעפעניסען א צובונד, א צערטליכקייט, א ליבשאַפט צו זייערע יונגע. אָט־דאָס געפיהל ווערט נאָך מעהר פארשטאַרקט דורך די געוואוינהייט פון א יאָהרענלאַנגען צוזאַמענלעבען מיט זיי.

ווען מ׳זעהט טאָג נאָך טאָג דאָס וואַקסען, דאָס פּראָגרעסירען פון די קליינוואַרג, ניט נאָר אין קערפּער נאָר אויך אין שכל, אין גייסט; ווען מ׳זעהט זייער שמייכעל, זייער שפּילען־זיך, זייער וואונדערען־זיך איבער

אַלץ וואָס זיי זעהען אַרום זיך, ווערט מען אַלץ מעהר צוזאַמענגעוואַקסען מיט זיי.

אַזוי האַלט זיך די פאַמיליע.

אין פאַרלויף פון מעהר דורות אַלס מענשען קענען צעהלען האָבען זיך אויסגעבילדעט מנהגים, באַשטימטע פליכטען פון עלטערן צו קינדער און פון קינדער צו עלטערן, צערעמאָניעס און געזעצען, וועלכע העלפען נאָך מעהר די צוזאַמענהאַלטונג פון דער פאַמיליע.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אין פאַרלויף פון די אונצעהליגע דורות האָט די פאַמיליע דורכגעמאַכט גרויסע און פאַרשידענע ענדערונגען. עס האָבען זיך געענדערט די באַציהונגען צווישען מאַן און ווייב, די באַציהונגען פון עלטערן צו קינדער און פון קינדער צו עלטערן, און אין פאַרשידענע אַנדערע הינזיכטען האָט די פאַמיליע זיך געענדערט.

פאַמיליען אין וועלכע דער מאַן האָט געהאַט פיל ווייבער, זיינען אין העכערע שטאַמען איבערגעגאַנגען צו פאַמיליען מיט בלויז איין ווייב. דער פאָטער פון דער פאַמיליע האָט ניט מעהר געקענט, אין די ציוויליזירטע גרופען, ענטשיידען איבער לעבען און טויט פון זיינע קינדער. ער האָט ניט מעהר געקענט פאַרקויפען אַ קינד אין שקלאַפעריי.

מנהגים און געזעצען האָבען איהם אָנגעהויבען צווינגען צו זאָרגען פאַר זיין ווייב און קינדער, אויב ער טוט דאָס ניט מיט זיין אייגענעם ווילען.

ניט מעגליך אויסצורעכענען אַלע אַנדערע ענדערונגען וועלכע זיינען אין פאַרלויף פון דורות פאָרגעקומען אין דעם כאַראַקטער פון דער פאַמיליע.

וואָס ווייטער, אַלץ שנעלער די ענדערונג

אַזאַ גוואַלטיגע שנעלע ענדערונג ווי די פאַמיליע אין די ציוויליזירטע לענדער מאַכט איצטער דורך פאַר אונזערע אויגען, האָט נאָך געוויס קיינמאָל ניט פּאַסירט.

עס איז מעהר ווי אַן ענדערונג; עס איז אַ גראַדענווייזע, כסדר׳דיגע אויפלייזונג און איבערבויאונג פון דער פאַמיליע. זי הערט ביסלעכווייז אויף צו זיין די איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע וואָס זי איז געוועזען אין דעם משך פון אונצעהליגע יאָהרטויזענדע.

פאַר וואָס דאָס איז אַזוי? דאָס איז דערפאַר וואָס דער שנעלער פּראָגרעס, און די פאַרמעהרונג אין די באַקוועמליכקייטען פון לעבען, מאַכען די מיטגלידער פון דער פאַמיליע וואָס ווייטער אַלץ וועניגער אָפּהענגיג איינעם פון אַנדערן, און וועניגער אָפּהענגיג פון אַ „היים״.

שטאַרקער פון אַלץ ווירקט אין דער אויפלייזונג פון דער פאַמיליע די פאַרמעהרונג פון אַלערליי מאַשינעס און מאַכינאַציעס וועלכע שפּאָרען איין הויז־אַרבייט.

אין די אמאָליגע דורות איז די פאַמיליע געוועזען איין גאַנצע זאַך

אויך אין ארבייט, אין אינדוסטריע. די פאַמיליע האָט פאַר זיך געבאַקט ברויט, געשפּונעו, געוועבט, גענעהט איהרע קליידער, געזעעט איהר גאָר־טען, געבויט איהר הייזעל.

די ענטוויקלונג פון אינדוסטריע האָט געמאַכט אַ סוף דערצו. די אינטערעסען פון בשותפות׳דיגע ארבייט אין דער פאַמיליע עקזיסטירן שוין לאַנג ניט אין די ציוויליזירטע לענדער.

דער נעקסטער פאַקטאָר אין דעם פּראָצעס פון דער פאַמיליען־אויפ־לייזונג איז די ענגשאַפט אין וועלכער פאַמיליען לעבען אין די גרויסע שטעדט.

די וואוינונג פון דער פאַמיליע דינט בלויז צום שלאָפען און צום עסען, און דאָס אויך בלויז טיילוויז. די טעאַטערס און די האָלס און די מיטינגס נעמען אוועק אַ גרויסען טייל פון דער שלאָף־צייט, און די רעס־טאָראַנטס, לאָנטש־רומס און דעליקאַטעסן סטאָרס האַלטן צוריק פאַמיליען־מיטגלידער פון זייערע היימען אין דער עס־צייט.

„היים״ האָט ניט מעהר די זעלביגע באַדייטונג וואָס אמאָל, ווייל איצ־טער ווערט מען געבאָרען אין האָספּיטאַלס, מ׳אונטערהאַלט געסט אין קלוב, מ׳עסט אין רעסטאָראַנטס, און מ׳ווערט געפיהרט צום בית עלמין פון אַן אַנדערטייקער׳ס אַנשטאַלט.

אין די אָרימערע פאַמיליען נעמען די שאַפּ און די סטאָר אוועק די פּרוי פון איהר היים; אין די רייכערע טוט דאָס דער אויטאָמאָביל.

אין צוגאָב צו דער ענגשאַפט קומט נאָך צו די אונשטענדיגקייט, די צופעליגקייט, מיט וועלכע די פאַמיליע פאַרברענגט צוזאַמען. וואָס ווייטער אַלץ זעלטענער קומען זיי זיך צונויף.

ארומפאָהרען, רייזען, איז היינטיגע צייטען לייכט. עקאָנאָמישע אור־זאַכען, געשעפטליכע אורזאַכען, פאַרגעניגען־זוכעריי, און אַנדערע אורזאַ־כען, צווינגען צום רייזען. מענשען האַלטען אין איין רייזען. ניטאָ אַ פאַמיליע פון וועלכער איין מיטגליד אָדער מעהרערע, זאָלען ניט זיין פאַררייזט.

קומט אויס אַז די פאַמיליע איז זעלטען צוזאַמען אין גאַנצען.

אמאָל זיינען אַזעלכע צופאָרעניש געווען אַ זעלטענהייט. איצט קומען זיי פאַר אַזוי אָפט דאָס עס איז כמעט ניט מעגליך צו געפינען איין גאַנצע פאַמיליע צוזאַמען, אויסער פיליכט ביי דער געלעגענהייט פון אַ פאַמיליען־פעסט, אָדער אַ יום־טוב און דאָס אויך ניט אַלע מאָל.

אַ פאַמיליע וואָס האַלט כסדר אין צושיטן־זיך און אין ווידער פאַר־זאַמלען־זיך ביי געלעגענהייטען, איז אַזוי ווי אַ כלל (רול) מיט פילע אויס־נאַהמען (יוצאים מן הכלל).אויב די אויסנאַהמען מעהרען זיך, הערט דער כלל אויף, מיט דער צייט, צו זיין אַ כלל.

אין דער באַציהונג שפּילט דער אויטאָמאָביל אַ גאַנץ גרויסע ראָלע.

ער גיט די מעגליכקייט די מיטגלידער פון דער פאַמיליע אוועקצובלייבען פון דערהיים אָפטער און לענגער. די פאַמיליע אַלס איינהייט ווערט דורך דעם נאָך מעהר אָפּגעשוואַכט. די „היים", אַלס סימבאָל פון דער פאַמיליע, פאַרלירט איהר באַדייטונג.

ווען די פרוי ווערט אַ שפּייזערקע.

אַזוי לאַנג ווי דער מאַן איז געווען דער איינציגער בעל מפרנס, האָט ער איבערגעלאָזען די פיהרונג פון דער „היים" צו דער פרוי. די הויז־ווירטשאַפט — האָט ער געזאָגט — דערמיט זאָל זיך די פרוי פאַרנעמען.

פאַרצייטיגע אידען האָבען דאָס אויסגעדריקט מיט די ווערטער „ביתי זו אשתי" — מיין היים, דאָס איז מיין ווייב. זיי פלעגען אפילו אמאָל פאַרבייטען און זאָגען „היים" אַנשטאָט „ווייב".

אָבער ווען אַ פרוי מוז געהן אַרבייטען אין שאָפּ אָדער פעקטאָרי, אָדער העלפען אין סטאָר, נעמט זי זיך אָן מיט דערזעלביגער גלייכגילטיג־קייט צו דער „היים" אַזוי ווי דער מאַן.

און דאָס איז נאָך ניט אַלעס. וואו ביידע אַרבייטען, ער ביי זיין באַשעפטיגונג און זי ביי איהרער, און ביידע טראָגען ביי צו דער אויפ־האַלטונג פון דער „היים", איז עס כמעט אונפאַרמיידליך, אַז עס זאָל ניט פאָרקומען דינגעניש, אַמפּערונג און צאַנקעריי וועגען ווי פיל יעדערער פון זיי זאָל געבען פון זיינע פאַרדינסטען.

די צאַנקעריי קומט פאָר דורך די פאַרשידענקייט אין זייערע אינטע־רעסען ניט ווייניגער ווי דורך די פאַרשידענקייט אין זייערע באַקאַנט־שאַפטען און חבר'שאַפטען וועלכע זיי מוזען מאַכען. דער פאַמיליען־קנופּ ווערט דורך דעם אַלץ לויזער און שוואַכער.

וואָס־זשע איז דער סך־הכל פון דעם אַלעם?

דער סך הכל איז, אַז די פאַמיליע איז ניט מעהר די „פירמע" וואָס געהט מיט איהר אייגענעם כח, און וואָס האַלט זיך צוזאַמען אַלס איינהייט, אַלס גאַנצעס, געגען דער אויסענוועלט. זי ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר צופאַהרן.

די אויטאָריטעט פון עלטערן איז אָפּגעשוואַכט; באַציהונגען צווישן די פאַרשידענע מיטגלידער אין דער פאַמיליע גופא, צווישן ברודער און שוועסטער, צווישן מוטער און זוהן, אָדער מוטער און טאָכטער, זיינען ניט מעהר אַזוי פריינדליך־פעסט ווי זיי פלעגען זיין אַמאָל.

דער גאַנצער באַגריף פון בלוט־פאַרוואַנדשאַפט, פון קרובה'שאַפט, און די פליכטען וואָס זי לייגט אַרויף, איז צוטרייסעלט געוואָרן.

געהט עס צו בעסער, אָדער צו ערגער?

איבער אָט־דער פראַגע — צי דאָס איז בעסער אָדער ערגער — הערט מען היינטיגע צייטען פאַרשידענע מיינונגען. מאַנכע ווילען זאָגען, אַז

די גרויסע ענדערונג אין דעם כאראקטער פון דער פאמיליע איז ניט אהן איהרע גוטע זייטען. א גרינדליכע דורכלופטערונג פון דער פאמיליע — זאגען זיי — קען ניט זיין גאר שלעכט.

די פאמיליע פון אמאל, זאגען זיי ווייטער, איז געווען צופיל גע־וואקסען אין זיך. האט זי געהאט גליק, איז איהר גליק געווען א צוזאמענ־געשטיקטער, א קליינעטשקער. איז זי געווען אומגליקליך, האט איהר אומגליק דורכגענומען און פארגיפטעט דעם ענגען קרייז.

די גאנצע פאמיליע האט ארויסגעקוקט אין די אויסענוועלט דורך איין־איינציגען „שפאקול”. די ענדערונג האט אריינגעבראכט מעהר פאר־שידענארטיגקייט אין די וועלט־אנשויאונגען פון די מיטגלידער.

עס זיינען פאראן אפילו אזעלכע וואס באהויפטען, אז דאס וואס טאטע־מאמע האבען ניט מעהר אזא דעה איבער די קינדער ווי אמאל, איז אויך ניט גאר־אין־גאנצען שלעכט.

מאנכע אונוויסענדע נארישע עלטערן, קאפריזנע עלטערן, פלעגען קאמאנדעווען מיט די קינדער אהן שכל און אהן איינזעהעניש, און מאנכע פארקריפעלטע נפשות זיינען פון די קינדער אויסגעוואקסען.

איצטער, אויב עלטערן ווילען האלטען די קינדער נאהענט און צוגע־בונדען צו זיך, מוזען זיי קולטיווירען זייער פריינדשאפט און חבר׳שאפט, מוזען לערנען צו פארשטעהן אויך זייער שטאנדפונקט. זיי קענען ניט מעהר מאכען די קינדער צו טאן זייער ווילען בלויז מיט דעם כח פון פאטערשאפט און מוטערשאפט.

אבער די פראגע צי דאס איז בעסער אדער ערגער ענדערט ניט די זאך. דער פאקט איז, אז די פאמיליע האלט זיך אין אויפלייזן און איבערבויען.

דאס אלעס וואס די איז געזאגט געווארן באציהט זיך אויף די פאמיליע בכלל, די אידישע ווי די ניט־אידישע, ווי מ׳זעהט זי איצטער אין אמעריקא. רעדט מען אבער פון דער אידישער פאמיליע באזונדער, קען מען ניט פאר־פעהלען צו באמערקען ספעציעלע פאקטארען וואס פארמעהרן איהר אויפטרייסלונג און צוריסענקייט.

וואס אידישע וואנדערונג טוט צו דער פאמיליע.

דאקטוירים זאגען, דאס געוויסע קראנקהייטען זיינען געפעהרליכער פאר געזונטע שטארקע ארגאניזמען אלס פאר שוואכע און געברעכליכע. אפשר מחמת דעם טעם זיינען די צושטערנדע איינפלוסען וועלכע אטאקירן איצטער די פאמיליע בכלל, פיל געפעהרליכער פאר די אידישע פאמיליע.

די אידישע פאמיליע איז צייט הערן און געדענקען געווען שטארק געבויט און פעסט צוזאמענגעהאלטען; איז געווען א דויערהאפטערער און פעסטערער ארגאניזם אלס די דורכשניטליכע ניט־אידישע פאמיליע.

עס איז ניט נויטיג נאָכצופאָרשען דעם סליאַד פון דער אידישער פאַמיליע צו איהר סאַמע אָנפאַנג, צו געפינען באַווייזע פאַר די באַהויפּ־טונג. ווער עס איז מעהר אָדער ווייניגער באַקאַנט מיט דעם אידישען ספר, ווייס ווי שטרענג די פאַמיליע איז געווען אַרומגעצאַמט געגען פרעמדע אַריינמישונגען, און ווי הייליג דער בונד פון דער פאַמיליע איז געהאַלטען געוואָרען.

אַפילו דורך די אימה'דיגע יאָהרהונדערטע פון מיטעלאַלטער, דורך די בלוטיגע רדיפות און גירושים, איז די מאָראַל פון דער אידישער פאַ־מיליע געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה.

אין צוגאָב צו די נאַטירליכע אינסטינקטיווע כחות וואָס האָבען צוזאַמענגעהאַלטען עלטערן מיט קינדער, האָבען די אידישע רעליגיעזע און אַנדערע מנהגים אַרומגעוועבט די פאַמיליע מיט הונדערט אונזיכטבאַרע פעדים, וועלכע האָבען געמאַכט דעם פאַמיליען־בונט נאָך פעסטער.

דער שבת, די אידישע יום־טובים, און די אונצעהליגע אַנדערע קלע־נערע פייערליכקייטען, האָבען געהאַלטען אַלע מיטגלידער אין דעם בוזעם פון דער פאַמיליע.

אין די לעצטע דריי־פיר דורות האָבען די קנופּען זיך אָנגעהויבען לאַנגזאַם דריבלען; אָבער די מאַסען־וואַנדערונג פון די לעצטע פאַר דורות האָט כמעט אין גאַנצען צושטערט זייער צוזאַמענהאַלטענדען כח פאַר די פאַמיליע.

נאָך ערגער איז די צוריסענקייט וואָס די וואַנדערונג ברענגט צו די אידישע פאַמיליען אויף אַ דירעקטען וועג, צושיידענדיג די מיטגלידער קערפּערליך אַזוי גוט ווי גייסטיג.

ווען דער מאַן איז אין אַמעריקאַ, און די פרוי מיט די קינדער אין יוראָפּ, אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר, ווערט די גייסטיגע צוריסענקייט צווישען זיי אַזוי גרויס ווי די קערפּערליכע אָפּגעזונדערטקייט.

דער מאַן ווערט ביסלאַכווייז אַמעריקאַניזירט, לערנט אַנאַנדער שפּראַך, קריגט אַנדערע באַגריפען פון לעבען, און ווען די פאַמיליע קומט זיך אַפילו דערנאָך צוזאַמען זיינען זיי פאַרפרעמדט איינער צום אַנדערן, און זעלטען וואַקסען זיי ווידער צוזאַמען אַזוי ווי זיי זיינען פריהער געוועזען.

די קלענערע קינדער געהען אין סקול און זייער שפּראַך ווערט ענגליש. דאָס מאַכט די דערווייטערונג צווישען עלטערן און קינדער פיל ווירקזאַמער, דען עלטערן און קינדער הערען אויף, גראַדענווייז, צו פאַרשטעהן איינער דעם צווייטען. אַפילו ווען די קינדער ריידען נאָך אידיש צו די עלטערן, אָדער די עלטערן כאַפּען אויף געווגג ענגליש צו ריידען מיט די קינדער אין זייער שפּראַך, פיהרט דאָס ניט צו קיין גרעסערער דערנעהנטערונג, וועיל די קינדער דענקען שוין ענגליש, און די עלטערן דענקען אידיש.

אויב מ'קען נאָך געפינען אין אַמעריקאַ איין־איינציגע אידישע פאַ־

מיליע פון ערשטען און צווייטען דור איינוואַנדערונג, אָהן סימנים פון צוריסענקייט און דערווייטערונג צווישן די מיטגלידער, איז אַזאַ פאַמיליע אַ זעלטענע אויסנאַמע. אויב די צוריסענקייט קומט ניט פון עקאָנאָמישע אורזאַכען, קומט זי פון רעליגיעזע, געזעלשאַפטליכע, אָדער קולטורעלע פאַרשידענהייטען.

פולשטענדיגע אויפלייזונג אָדער רעאָרגאַניזירונג ?

ווי ווייט קען די אידישע פאַמיליע אין אַמעריקא ווייטער אַזוי אָנגעהן אין דעם פּראָצעס פון אויפלייזונג און ניט פאַרלירען איהר כאַראַקטער אַלס פאַמיליע ?

דאָס די צוזאַמענהאַלטענדע פעדים ווערן ביסלאַכוויז צוריסען איינער נאָך דעם אַנדערן דורך די צוטרייסלונג וואָס די אויבען־דערמאָנטע פאַקטאָרען האָבען פאַראורזאַכט — אין דעם קען קיינער ניט צווייפלען, ווייל מ'זעהט דאָס מיט די אויגען.

די באַציהונגען צווישן מאַן און ווייב, צווישן קינדער און עלטערן, ווערן גאַנץ אַנדערע און וועניגער ממשות'דיג אַלס זיי זיינען פריהער געוועזען, און זיי ווערן וואָס ווייטער אַלץ לויזער.

פיהרט דאָס צו אַ פולשטענדיגער אויפלייזונג, אָדער צו אַ רעאָרגאַניזירונג פון דער פאַמיליע ?

אין דער פראַגע קענען זיין פאַרשידענע מיינונגען. מאַנכע זעהען אין די נייע באַציהונגען די סימנים פון אַ פולשטענדיגער פאַרשווינדונג פון דער פאַמיליע אַלס אַ געזעלשאַפטליכע גרופּקעלע, אַלס אַ „יוניט". דאָס ווערט פאָראויסגעזאָגט ניט פאַר די אידישע פאַמיליע אַליין, נאָר פאַר די פאַמיליע בכלל.

אַנדערע דענקען אַז די פאַמיליע געהט בלויז דורך אַ תקופה פון רעאָרגאַניזאַציע. ביסלאַכוויז וועלען אָוועקפאַלען די פאַראַלטערטע פעדים און טראַדיציעס וואָס האָבען פריהער געדינט אַלס צוזאַמענהאַלטענדע כחות, און האַלטען איצטער אין פאַרלירען זייער גילטיגקייט, און אויף זייער פּלאַץ וועלען אויסוואַקסען נייע.

דער שרייבער פון די ציילען גלויבט, אַז די פאַמיליע האַלט זיך אין אומבויען און קען ניט פאַרשווינדען. ער באַגרינדעט זיין מיינונג אויף דעם נאַטור־אינסטינקט פון אַלע באַשעפעניסען, און פון דער מענשליכער באַשעפענים בפרט.

ווי אַזוי איז די מענשליכע פאַמיליע איבערהויפּט געקומען אויף דער וועלט ? אונזער שכל און אונזער אייגענער אינסטינקט דערקלערן דאָס אונז בקיצור אַזוי: אין דעם מאָמענט ווען דער פרימיטיווער חיה־מענש האָט דערזעהן דאָס קליינע בריאה'לע ביי דער ברוסט פון דער „סאַמקע", און אין זיין פאַרוואָלקענטע באוואוסטזיין האָט זיך עטוואָס א ריהר געטאָן

אין סימפּאַטי צו דער קליינער באַשעפענים, דאַן איז ענטשטאַנען די פאַמיליע.

די נאַטור־אינסטינקטען זיינען אין מענשען איצטער אַזוי שטאַרק ווי ביי דעם פּרימיטיווען מענשען. דערפאַר קען די פאַמיליע קיינמאָל ניט אויפגעלייזט ווערן, ווי גוואַלטיג עס זאָלען ניט זיין די ענדערונגען וועלכע קומען אין איהר פאָר.

דער פּראָצעס פון דער רעאָרגאַניזירונג פון דער פאַמיליע איז בכלל אַ לאַנגזאַמער און אַ שווערער. ביי אידען ווערט ער נאָך פיל שווערער געמאַכט דורך די אידישע וואַנדערונג און דורך די נייע אומגעבונג. ווי פאַרטומעלטע שטעהען אידישע טאַטעס און אידישע מאַמעס, אידישע מענער און אידישע ווייבער, און קענען זיך קיין קלאָרען באַגריף ניט מאַכען פון דעם וואָס עס קומט פאָר. נייע פּראָבלעמען, וועלכע זיי קענען ניט פון זייערע פריהעריגע ערפאַהרונגען, ענטשטעהען פון צייט צו צייט, און זיי זוכען לייזונגען פאַר זיי. אין זייער פאַרווירונג ווענדען זיי זיך צו דער צייטונג וועלכע זיי לעזען, מיט דעם פאַרלאַנג, מ'זאָל זיי געבען באַשייד אויף זייערע פראַגען.

די בריף און די ענטפערס צו זיי וואָס דער לעזער געפינט דאָ וועיטער, שטעלען פאָר פראַגען פון אַזעלכע לעזער, און די ענטפערס וואָס זיינען זיי געגעבען געוואָרן.

מיט אַ מאַן אַ צדיק.

ווערטהער דר. קלאָרמאַן.

פּליעז, גיט אַן עצה. איך בין אַ יונגע פרוי, אכט־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, געבאָרן אין ניו יאָרק. האָב געקראָגן די בעסטע אויסציכנונג אין סקול און אין קאָלעדזש, און האָב אויך געהאַט אַ גוטע אידישע ערציהונג. איך רייד אפילו העברעאיש מיט דער הברה הספרדית. מיינע עלטערן קור־מען פון קאָווגער גובערניע, זיינען שטרענג פרומע מענשען און שטאַמען פון לומדישן יחוס. צו אונז אין הויז פלעגט איינגעהן אַ יונגער מאַן, אייניגע יאָהר עלטער פון מיר, אַ ביזנעסמאַן, מיט אַ שאַפּ פון דרעסעס, און אַ שומר שבת. מיינע עלטערן איז ער שטאַרק געפעלן געוואָרן און מיר אויך. ער איז אַ מאַן פון שעהנעם אויסזעהן און פון פיינער באַנעמונג. נאָך אַ לייגגערער באַקאַנטשאַפט האָבען מיר אויסגעפונען נאָך אַנדערע גרויסע מעלות: ער האָט סמיכות אויף רבנות, איז באַלעזן אין מאָדערנע ליטע־ראַטור און אין פילאָזאָפיע, און איז ווערטה אַ הונדערט טויזענד דאָלער. מיר האָבן חתונה געהאַט און מיר האָבן דריי ליבע קינדער. מיין מאַן איז ליבענסווירדיג און קלוג און שעהן. איך בין גליקליך מיט איהם. דער איינציגער חסרון איז, וואָס ער איז אַ קאַפּעלע צו פרום. איך בין אַליין אויך ניט קיין גויה, חלילה; אָבער זיין פרומקייט איז אויסערגעוועהנליך. אַ באַריהמטער ניו יאָרקער רב האָט מיר געזאָגט, אַז מיין מאַן איז ניט וויי־ניגער פרום פון ר׳ נחום הוראדנער. ער האָט אַלע מידות פון ר׳ נחום: נאָר ר׳ נחום האָט געלעבט אין הוראדנע מיט זעכציג יאָהר צוריק, און מיין מאַן לעבט אין אמעריקא. מיין מאַן לייגט צוויי פּאָר תפלין, רעדט ניט קיין דברי חול אום שבת, רעדט ניט ארויס קיין איבריג וואָרט, און זינט איך קען איהם האָב איך ניט געהערט ער זאָל ווען זאָגען אַ שלעכט וואָרט וועגן וועמען־עס־איז. ער איז אַ הייסער ציוניסט, אַ גרויסער פאַרעהרער פון „חפץ חיים" פון ראַדין, און פאַרהייליגט דעם נאָמען פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער. ווען נאָר ער איז פריי לערנט ער. אפילו אין סאַבוויי טראָגט ער מיט זיך אַ קליינע גמרא. ער ריכט אָפּ חצות אַלע נאַכט און קלאָגט אויף חורבן בית המקדש ווי אַמאָליגע דורות פלעגען דאָס טאָן. אין זיין האַלטונג איז ער הונדערט פּראָצענט אַמעריקאַנער. ער איז אַ מכניס אורח און אַ בעל צדקה, און איז גוט צו זיין פרוי און קינדער ווי עס קען גאָר בעסער ניט זיין.

איצטער האָט ער זיך אַריינגענומען די אידעע, אַז מיר זאָלען פאָהרן נאָך ארץ ישראל און דאָרט מאַכן אונזער היים. אָט וועגען דעם פרעג איך די עצה. מיין מוטער פאַרגיסט טייכן טרערן ביי דעם געדאַנק, אַז מיר

וועלן פאַרלאָזן אַמעריקאַ, וואו מיינע עלטערן לעבן. און איך פרעג, ווי שטעלט מען איין אַ נאָרמאַלן לעבן מיט אַ מאַן, וואָס איז אַזאַ צדיק תמים, דען איהר דאַרפט וויסן, אַז אין אַלץ וואָס ער טוט איז ער די אויפריכטיג־קייט אַליין, אָהן אַ סימן פון פאַרשטעלטקייט. איז דאָ אַן עצה?

פנינה.

אַ וואונדערבאַרע פּאָר פון פאָלק זייט איהר ביידע! די פרוי — אַן אַמעריקאַניש געבאָרענע מיט אַ קלאָרן קאָפּ, מיט אַ קאָלעדזש עדיוקיישאָן און רעדט העברעאיש מיט דער ספרד׳ישער הברה.

דער מאַן — כמעט איינער פון די למד־וואָוו צדיקים, אונטער דער מאַסקע פון אַ ביזנעסמאַן וואָס האָט אַ שאָפּ פון דרעסעס.

ער אונטערשיידעט זיך פון די ריכטיגע למד־וואָוניקעס בלויז דערמיט וואָס ער פאַרמאָגט אין צוגאָב צו זיין לומדות און יראת שמים אַ הונדערט טויזענד דאָלער — אַ זאַך וואָס מיר האָבן פון למד־וואָווניקעס קיינמאָל ניט געהערט.

אָבער קיין חסרון איז דאָס נאַטירליך ניט, אומגעקעהרט, די פרוי אַליין, און איהרע עלטערן, און אַלע אַנדערע, וועלן צוגעבן אַז דאָס איז גאָר אַ גרויסע מעלה.

עס איז זעהר מעגליך, דאָס ווען ניט די הונדערט טויזענד וואָס מאַכט לייכטער פאַר איהם דעם עול פון פרנסה, וואָלט ער פיליכט ניט אימשטאַנד געווען צו טראָגן דעם עול תורה, און דעם עול פון יראת שמים, מיט אַזאַ חשק און מיט אַזאַ חן.

די פראַגע וועלכע איהר שטעלט, שוועסטער לעבן, איז, ווי אַזוי מ׳שטעלט איין אַ נאָרמאַלן לעבן מיט אַ מאַן וואָס איז אַזאַ צדיק, דאָס הייסט, וואָס איז אַזוי פיל איבערגעגעבן צו רוחניות און וואָס אינטע־רעסירט זיך אַזוי ווייניג מיט די געוועהנליכע דרכים פון לעבן.

וואָס איהר פאַרשטעהט אונטער „נאָרמאַלן לעבן" איז ניט גאַנץ קלאָר, ווייל פון אייער בריף גופא איז צו זעהן, דאָס ניט קוקענדיג אויף אייער מאַן׳ס צדקות און לומדות, ניט קוקענדיג אויף זיין עבודה און יראת שמים, טוט ער אַלצדינג ווי אַ גאַנץ נאָרמאַלער מענש, אַזוי ווי אַ בשר ודם מיט שכל דאַרף טאָן.

ער האָט זיך אויפגעבויט אַ ביזנעס און האָט זיך באַזאָרגט מיט חיונה. דערנאָך האָט ער גענומען אַ ווייב. און דער פועל יוצא פון דער האַנדלונג זיינער זיינען דריי ליבע קינדערלעך זאָלען לעבען.

דאָס איז אַלץ ווי עס בעדאַרף צו זיין, און מ׳זעהט אין דעם קיין סימן פון אַ ניט־נאָרמאַלן לעבן. אדרבה, דאָס איז זעהר און זעהר נאָרמאַל.

נאָר עס קען זיין אַז וואָס איהר פארשטעהט אונטער „נאָרמאַלן לעבן" איז אין באַציהונג צום געזעלשאַפטליכן לעבן.

ווערהענד איהר האַלט פון תורה ועבודה צו וועלכע אייער מאַן גיט אָפּ אין גאַנצן זיין צייט ווען ער איז פריי פון ביזנעס, דיינקט איהר פון דעסטוועגן, אַז עס וואָלט רעכט געווען ער זאָל געבן אַביסל צייט צו זיין פאַמיליע.

איהר וואָלט וועלן ער זאָל אַמאָל מיט אייך געהן אין געזעל־שאַפט, פיליכט צו אַ מיטינג, צו אַ לעקטשור, אָדער אַמאָל צו אַ שאָו.

איהר דיינקט ווארשיינליך, אַז עס וואָלט געווען אַנגענעהם צו אונטערהאַלטן אַמאָל פריינד ביי זיך אין דער היים, און אייער מאַן זאָל זיך באַטייליגן אין דער אונטערהאַלטונג.

אָבער לויט ווי איהר באַשרייבט זיינע זעלטענע מידות טובות, און זיין אונפאַרפעלשטע פרומקייט, קענט איהר דאָס פון איהם ניט ערוואַרטן, און איהר דאַרפט זיין העכסט גליקליך מיט איהם אַזוי ווי ער איז.

מיט אַזעלכע מידות און מיט אַזאַ פרומקייט איז ער אין אמע־ריקא געווים אַ יחיד בדורו, דען עס וואָלט שווער געווען צו געפינען נאָך איינעם אַזעלכן אפילו אונטער די פרימסטע רבנים, וואָס זייער תורה איז זייער אומנות.

ער איז אַ זעלטענע טייערע „כלי". און ווען איינער באַזיצט אַ טייערע כלי, ווי למשל, אַ גאָלדענע וואַזע אָדער אַ גאָלדענעם בעכער וואָס אַ גרויסער קינסטלער האָט געמאַכט, האַלט ער עס פאַרשלאָסן הינטער אַ גלאָז.

אַזאַ כלי איז צו גוט פאַר דעם טאָג־טעגליכן געברויך, ווייל עס קען חלילה קריגן אַ פגימה, קען אָפּגעניצט ווערן, און בלויז פאַר אַ גרויסן יום טוב נעמט מען עס ארויס פון זיין באַהעלטעניש.

דאָ זיינען ניטאָ קיין ר' נחום'ס הוראדנער, און קיינע ר' ישראל סאַלאַנטערס מיט וועלכע ער זאָל קענען פאַרברייינגען, און די דורכ־שניטליכע אידיש־אַמעריקאַנישע געזעלשאַפטן זיינען לאַנגווייליג גע־נוג אַפילו פאַר קלענערע צדיקים ווי אייער מאַן איז.

אַלס גאַנצער פרומער איד און אַ תלמיד חכם איז ער שוין גאָר נאָרמאַל. די איינציגע זאַך וואָס פעהלט צו זיין אויסלעבן־זיך אויך אין געזעלשאַפטליכער באַציהונג איז אַ פאַסענדע סביבה.

און דערפאַר איז זיין געדאַנק צו מאַכן ארץ ישראל פאַר די היים פון זיין פאַמיליע גאָר ניט קיין קרומע זאַך. ער פליסט ארויס אויף אַ גאַנץ נאָרמאַלן לאָגישן אופן פון זיין גייסטיגער וועלט.

קיינע ר' נחום'ס און קיינע ר' ישראל סאַלאַנטערס וועט ער אין

ארץ ישראל אויך ניט געפינען. אָבער ער וועט געפינען אַ אידישע סביבה, דורכאויס אידיש, וואָס איז פיל נעהנטער צו זיין גייסט.

און אויב ער דיינקט אָפּט פון דער אידישער ערציהונג פון זיינע קינדער — ווי דאָס איז צו ערוואַרטן פון אַזאַ אידן — ווייס ער אַז דאָרט וועט ער אין דער באַציהונג געפינען מעהר באַפרידיגונג אַלס אין אַמעריקאַ.

אויך ווייס אייער מאַן די חשיבות פון לעבן אין ארץ ישראל, וואָס אונזערע פאַרצייטיגע חכמים האָבן בעטראַכט אַלס איינע פון די גרעסטע מצוות וואָס אַ איד קען טאָן אין זיין לעבן.

לעבן אין ארץ ישראל, עסן אין ארץ ישראל, ערציען קינדער אין ארץ ישראל, בויען אַ הויז אין ארץ ישראל — דאָס אַלץ מיינט העלפן בויען ארץ ישראל, ווערט דאָס גאַנצע לעבן געהייליגט דורך דעם.

און אין ארץ ישראל איז געזעלשאַפטליכקייט אויך אַ ביישטראַג צום בנין פון ארץ ישראל, איז דאָס אויך אַ מצוה. וועט אייער מאַן מיט אייך צוזאַמען האָבן דאָרט מעהר געזעלשאַפטליכקייט אַלס איהר האָט אין אַמעריקאַ.

און וואָס אייער מוטער פאַרגיסט טרערען ווען זי טראַכט פון אייער אַוועקפאָרען — אויף דעם איז זי דאָך אַ מאַמע. אָבער דאָס מאַכט ניט אייער מאַן'ס פּלאַן ווייניגער נאָרמאַל אָדער ווייניגער לאָגיש.

„ער איז אראָפּ פון דרך הישר".

ווער קען צעהלען די טראַגעדיעס, ווער קען מעסטן די ביטערע ענטוישונגען וועלכע קומען איבער פאַמיליען וואָס די אומשטענדן האָבן צוריסן, ווען זיי זוכן ווידער צוזאַמענצואוואַקסן אין אַמעריקע נאָך יאָהרן פון שיידונג?

עס ליגט אין דער נאַטור פון די אומשטענדן אונטער וועלכע די שיידונג ווי די ווידער־פעראייניגונג קומען פאָר, אַז די ענטוישונגען מוזן קומען אונפערמיידליך.

אַ פאַמיליע לעבט ערגעץ־וואו אין די „אָלד קאָנטרי", ווערן צוזאַמענגעוואַקסן מיט זייער אומגעבונג און איינער מיט דעם אַנדערן, אַזוי דאָס די פאַמיליע איז ווי אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם.

דאַן קומט נויט, אָדער מלחמה, אָדער עפּעס אַן אַנדער אורזאַכע, און דער מאַן פאָהרט זוכן זיין גליק אין אַמעריקע.

איך רייד דאָ ניט פון די כאַראַקטערלאָזע מענער וועלכע פאַר־געסן זייערע פאַמיליעס. די בריינגען אומגליקן און עלענד וואָס איז

גאר ניט משער צו זיין. איך רייד פון די אנשטענדיגע, איבער-געגעבענע מענער און פאטערס, וועלכע הערן ניט אויף צו טראכטן פון די וואס זיינען געבליבן אין דער היים.

איידער דער מאן דערשלאגט זיך צו עטוואס, אז ער זאל קענען אראפברייינגען זיין ווייב און קינדער, אדער זיין ווייב אהן קינדער, פארגעהען עטליכע יאהר.

די פרוי לעבט דארט אין דער אומגעבונג אין וועלכע זיי האבן פריהער געלעבט צוזאמען.

דער מאן אבער מוז זיך אנהויבן צופאסן צו אמעריקאנישע אומשטענדן, אין א גאנץ נייער אומגעבונג.

אין דער אלטער היים איז ער געגאנגען אין א צוגעוועהנטער קאלעיע, און אזוי האט איהם זיין ווייב געקענט.

אין אמעריקע מוז ער איינשלאגן גאנץ אנדערע קאלעיען, און ווי פעסט ער זאל ניט זיין אין זיין כאראקטער און אין זיינע פרינציפן, מוז ער ביסלעכווייז אפווייכן פון זיינע אלטע מנהגים.

מאנכע טוען עס לאנגזאם, אונבאמערקט פאר זיך אליין; אנדערע מאכן עס שנעלער און בעוואוסטזיניג, מיט דער אנשטריינ-גונג זיך צוצופאסן צו די נייע אומשטענדן וואס גיכער.

דערנאך קומען די ווייבער פון דער אלטער היים, געפינען זייערע מענער גאנץ אנדערש ווי זיי האבן זיי געקענט, און זיינען ביטער ענטוישט.

וועגן אזא פאל האנדעלט זיך אין דעם בריף וואס ווערט דא געדרוקט.

ווערטהער דר. קלארמאן.

איך בין א פרוי פופצעהן יאהר פארהייראט, האב צוויי קינדער, דריי-צעהן און צעהן יאהר אלט. צעהן יאהר נאך מיין חתונה איז מיין מאן אוועק אין אמעריקא. שוין א יאהר ווי איך בין געקומען צו איהם נאך אמעריקא. איך האב געפונען מיין מאן גאר ניט דעם אייגענעם — א פושע ישראל מיט אלע קליפערלעך! ער לייגט קיין תפילין, איז א מחלל שבת בפרהסיה; ביי איהם וואלט רעכט געוועז איך זאל פיהרן א טריפה הויז. פון אייו ימים נוראים ביז'ן צווייטן זעהט מען איהם ניט אין א שוהל. איך בין ערצויגן געווארן אין א פרומע אידישע הויז, האב אפילו געלערנט חומש מיט רש"י, און איך בין געוואוינט צו געהן אלע שבת אין שוהל. מיין מאן איז א בר אורין, קען לערנען, אבער ער איז אראפ פון דרך הישר, און איך זעה, אז איך קען איהם ניט מעהר מחזיר למוטב זיין.

אלזא, דר. קלארמאן — צי מעג א אידישע טאכטער לעבן מיט אזא

מאַן? צי מעג איך ברייגנען נאָך קינדער מיט אַזאַ מאַן, וואָס דינו כעכו"ם לכל דבר? מיר מאַכן אַ גאַנץ פיינעם לעבן, עס פעהלט אונז גאָר ניט. מיר וואוינען אין אַ וועסטערן שטאָדט.

וואָס איך וויל וויסן איז, צי בין איך פאַררעכענט פאַר אַן עהרליכע אידישע פרוי ווען איך וואוין מיט אַזאַ מאַן. איך בין גרייט זיך צו גט'ן.

אַלזאָ, טהייערער דר. קלאַרמאַן, אַזוי ווי איהר וועט מיר זאָגן אַזוי וועל איך טאָן.

ברגשי כבוד,

די אידישע מאַמע מיט די צוויי קינדער.

איך בין ניט קיין רב, ליבע פרוי, און וועל ניט פסק'ענען פאַר אייך קיין שאלה על פי דין, צי איהר מעגט וואוינען מיט אַזאַ מאַן צי ניט. אויב איהר זייט אויסן צו פרעגן אַזאַ שאלה, מוזט איהר געהן צו אַ רב.

וואָס איך קען טאָן פאַר אייך איז בלויז צו זאָגן מיין מיינונג על פי שכל.

ביי מיר קומט אויס, אַז איהר האָט אויף זיך די הייליגע אויפ־גאַבע צו מאַכן אייער מאַן פאַר אַ בעסערן אידן, און איהר גיט אויף צו גיך די האָפנונג איהם מחזיר למוטב צו זיין. אַ פושע ישראל איז אַלץ אַ ישראל.

איהר ווילט איהם מאַכן צוריק פאַר אַ פרומען אידן מיט זאָגן איהם מוסר, מיט מאַכן פאַרווירפע, און מיט גריזשען. וועט איהר אויף דעם וועג גאָר ניט אויספיהרן. דאָס רופט אַרויס בלויז עקשנות.

אָבער אויב איהר וועט פיהרען אַ כשר אידיש הויז, ערציהען אייערע קינדער אין גוט־אידישקייט, און שאַפן אין אייער הויז אַן אמת־אידישע אַטמאָספערע, וועט אייער מאַן מיט דער צייט מוזן ווערן אידישער.

אייערע קינדער וועלן אייך העלפן איהם מאַכן פאַר אַ בעסערן אידן.

אייך וועט ער פון וועג ניט אַראָפּפיהרן; אָבער מיט גוטן, און ביסלעכווייז, און אין אַ ליבער אידישער אַטמאָספערע וועט איהר איהם ברייגנען נעהענטער צו אידישקייט.

פון וואַנען האָט איהר גענומען אַז אייער מאַן איז „כעכו"ם לכל דבר"? האָט עס אייך אַ רב געזאָגט, אָדער האָט איהר דאָס אַליין גע'פסק'נט?

איהר וועט געפינען אין אַמעריקע צוויי מיליאָן אידן וואָס זיינען

ניט פרימער פון אייער מאַן, און איך גלויב ניט, אַז אַ רב וועט זיך ערלויבן צו זאָגן אַז זיי זיינען „בעכו״ם לכל דבר״.

איהר זייט אַ כשר׳ע אידישע פרוי און איהר זייט פאַר אייער מאַן ניט פעראַנטוואָרטליך, ניט על פי דין און ניט על פי שכל.

געהט ניט מיט רוגזה, נאָר לאַנגזאַם, און מיט גוטן. אַביסל צוליב אייך, אַביסל צוליב די קינדער, און הויפּטזעכליך צוליב די אידישע אומגעבונג אין הויז, וועט אייער מאַן מיט דער צייט אַנדערש ווערן.

אָבער ווען איהר רעדט פון גט — דאָס מיינט פאַר׳יתום׳ן אייערע צוויי קינדער, און באַרויבן זיי פון אַ פאָטער — דאָס קלינגט צו האַרט־האַרציג פאַר אַ פרומע אידישע מאַמע.

געננוג לעבעדיגע יתומים, און געננוג עלנדע גרושות זיינען דאָ וואָס קעמפפן פאַר אַ שטיקל ברויט. פאַרמעהרט ניט זייער צאָהל.

זאָל ער זאָגן זיין פרוי?

ווערטהער דר. קלאַרמאַן.

איך בין בלויז צוויי־און־פופציג יאָהר אַלט, אָבער שוין אַזוי אויס־געאַרבייט און שוואַך, אַז איך וועל גאָר אין קורצען אויפגעבען אַרבייטען. איך האָב אַ שוואַכע האַרץ און שוואַכע נירען — דאָס זיינען צוויי זאַכען וואָס קענען לאַנג ניט אויסהאַלטען צוזאַמען. איצט איז אַזוי: מיר האָבען אַ פּאָר טויזענד דאָלער. בין איך זיכער, דאָס אויב איך זאָל זאָגען מיין פרוי פון מיין ריכטיגען צושטאַנד, וועט זי מיר תיכף מאכן סטאָפּן אַרבייטן, וועט מיך צווינגען געהן אין די קאַנטרי, רופן דאָקטוירים, און פאַרקריינקען די עטליכע דאָלער, און נאָך מיר, וועט זי בלייבן מיט גאָרניט. זי וועט פאַר מיר קיין געלד ניט זשאַלעווען, און זאָל איך איהר ווידער דאָס ניט זאָגן, טאָ וועמען קען איך דאָס פאַרטרויען? בעט איך אייך, דר. קלאַר־מאַן, גיט מיר אייער ראטה.

שטענדיגער לעזער פון לאָנג איילאנד.

איך געדענק ניט די צייט ווען אַן איינפאַכע פראַגע, אַזוי קלאָר און איינפאַך פאָרגעלייגט, זאָל מיך האָבן אַזוי צוטומעלט, דאָס איך זאָל ניט וויסן ווי אַזוי אָנצופאַנגען אַן ענטפער.

איז עס די קראַנקהייט פון דעם מאַן וואָס האָט מיך אַזוי געריהרט? איך גלויב אַז ניט די קראַנקהייט, ווייל אַזעלכע אומ־גליקן זיינען דאָ צופיל און איך הער זיי יעדן טאָג.

איז עס די אָרעמקייט און די נויט וועלכע ערוואַרטעט די

פרוי, אויב דער מאַן זאָל חלילה שטאַרבן, אָדער זיין אונפעהיג צו אַרבייטן, און די פּאָר דאָלער וועלן זיין פאַרצעהרט?

אויך דאָס איז ניט וואַרשיינליך, ווייל די נויט-געשרייען פון הילפלאָזע און באַדערפטיגע זיינען שטענדיג אין די אויערן פון יעדן איינציגן וואָס קען הערן, און קיין זאַך שטומפט ניט אָפּ אַזוי די געפיהלן ווי געוואוינהייט.

וואָס-זשע ריהרט מיך אַזוי אין דעם בריוועלע פון דעם „שטענדיגן לעזער פון לאָנג איילאַנד"?

מיך ריהרט עטוואָס טיף-מענשליכעס, עטוואָס נאָבעלעס, עטוואָס ערהאַבענעס, וואָס דער פּשוט'ער שרייבער איז גאָר ניט אויסן געווען אַריינצוטאָן אין זיין בריוועלע — און טאַקע דערפאַר איז דאָס אַזוי פּאַקענד, אַזוי האַרץ-ערגרייפענד!

דאָס איז, נאָך מיין מיינונג, דאָס צאַרטסטע וואָס מ'וואָלט וועז געקענט ערוואַרטן אין איינזעהעניש צווישן מאַן און ווייב, דאָס נאָבעלסטע אין מענשליכער פריינדשאַפט!

אַ שוואַכע האַרץ און קראַנקע נירן — און וואָס פאַר אַ נשמה!

וואָס גיט ניט אַ מענש אַוועק צו ראַטעווען זיין לעבן? „אַ הויט פאַר אַ הויט" — ווי דער שטן האָט געזאָגט צו גאָט אין „איוב" — „און וואָס אַ מאַן באַזיצט גיט ער אַוועק פאַר זיין לעבן!"

„אַ פייל אין די אויגן פון שטן!" אָט איז אַ פּראָסטער אידישער אַרבייטער ניט אין ארץ עוץ, נאָר אין לאָנג איילאַנד, וואָס שטעלט אונטער זיין הויט כדי זיין לעבענס-פריינדין זאָל ניט ליידן שפּעטער!

און וואָס מאַכט די זאַך נאָך ריהרענדער און שעהנער, איז, וואָס ער צווייפעלט ניט איין אויגענבליק אין דעם וואָס זיין ווייב וועט טאָן ווען זי וועט ערפאַהרן פון זיין צושטאַנד.

„זי וועט אויסגעבן די עטליכע דאָלער איהם צו ראַטעווען — און וואָס וועט זי נעבעך טאָן דערנאָך, אַז ער וועט ניט מעהר זיין?

ניט די פראַגע פון זיין זעלבסט-אויפבעוואַהרונג, נאָר פון איהר עקזיסטענץ באַשעפטיגט זיין מח אין די שווערע מינוטן פון זיין לעבן!

אין דער אידישער פאַמיליע פון אַמאָל האָבען אָפט געמוזט פאָרקומען אַזעלכע פאַלן. אָבער אין אונזערע טעג איז דאָס אַ זעלטענע „איבערבלייבעניש" — פיליכט די לעצטע.

אין אַ דור פון „אַלימאָני" און בעזונדערע באַנק-ביכלעך, פון לעבן אָהן חשבון, און אַ מאַן און ווייב יעדערער ציהענדיג צו זיך, און יעדערער זוכענדיג אַרויסצוציהען וואָס מעהר פון צווייטן — וועט מען אַזעלכע ביישפּילן ניט מעהר געפינען.

אַ שאָד וואָס מ'קען דאָס ניט אויסשטעלן אַלס „עקזיביט" צו

אונזערע יונגע דורות פון „פריענד האזבענד" און „פריענד ווייף" — וואס אמת'ע פריינדשאפט צווישן מאן און ווייב האט אמאל געמיינט אין אידישן פאמיליען-לעבן.

אבער אט האב איך נאכגעגעבן דעם אייגענעם „יצר הרע" פון „לעקטשורן", און דא שטעהט דערוויל אונזער ליבער „שטענדיגער לעזער פון לאנג איילאנד" אוןווארט אויף זיין ענטפער.

אלזא, פריינד, אוועקלייגענדיג אלע מחשבות אן א זייט, זאלט איהר זאגן אייער ווייב, אז די עטליכע דאלער וואס איהר האט זאל תיכף אוועקגעלייגט ווערן אין „טראסט" פאר איהר, און זי זאל עס ניט קענען ארויסנעהמען ביז נאך אייער טויט.

אין א נויטפאל, ווען מ'מוז האבן עטליכע דאלער איצטער, זאל זי עס קענען נעהמען מיט אייער צושטימונג.

דאן זאלט איהר געהן צו א דאקטאר, צוזאמען מיט אייער פרוי און זיך לאזן גרינדליך אונטערזוכן. אויב עס וועט נויטיג זיין איהר זאלט אויפגעבען ארבייט וועט איהר דאן זוכן וואס צו טאן.

דערוויל אבער וועט אייער פרוי ניט גלייך קענען זיך אריינלאזען מיט דאקטוירים און פראפעסארן — פארוואס איהר האט מורא. העלפן איז אזא פאל קענען זיי סאי-ווי גאנץ ווייניג.

איך וויל האפן אז אן אונטערזוכונג וועט געפינען אייער צושטאנד פיל וועניגער געפעהרליך אלס איהר דיינקט, און איהר וועט נאך א לאנגע צייט דערהאלטן ווערן פאר אייער פרוי.

„קהל" שטערט דעם שלום בית.

ווערטהער דר. קלארמאן.

מיין מאן און איך זיינען פינף-און-צוואנציג יאהר פארהייראט. מיר האבן א טאכטער און צוויי זיהן. מיין מאן זאל לעבן, איז א פרומער מענש. מיר האבן אלע מאל געהאט א גוט לעבן. זעקס שעה א טאג העלף איך איהם ארבייטן אין זיין קליינער ביזנעס, דערנאך געה איך אהיים אטענדן צו מיין הויז און די קינדער. מיין מאן האט די געוואוינהייט, אז ווען ער קומט פון ביזנעס און עסט אפ סאפער, געהט ער גלייך אוועק אין שטיבעל לערנען און קומט ערשט צוריק א זייגער צעהן אדער עלף, און איך מיט די קינדער זיינען צו הויז. דאס איז אלץ אזוי געגאנגען ווי לאנג די קינדער זיינען געוועזן קליינע. אבער איצט, אז מיר האבן שוין, גאט צו דאנקען, חתונה געמאכט אונזער טאכטער, און די בייעס זיינען שוין אויך עלטער געווארן, און אלע קינדער, מיט דעם יונגען פארעל און מיט מיין

מאַן, עסן אַפּ סאַפּער, און צוגעהען זיך, בלייב איך איינע אליין אין זעקס רומס.

א פּאָר מאָל א וואָך, ווען עס ווערט מיר גאָר אומעטיג אליין אין הויז, נעהם איך מיט ארבייט און געה ארויף צו א לאַנדס־פרוי, א חשוב'ע אידענע און פאַרברייננג דאָרט דעם אָוונט. מיין מאַן קען די פרוי און איהר מאַן און וויים אז זיי זיינען בכבוד'ע מענשען. אמאָל, צוריקקעהרענדיג פון שטיבעל, נעמט ער מיך אָפּ און מיר געהען צוזאַמען אהיים. מאַכט זיך א מעשה, אז א שטיבעל־מעמבער וואוינט אין דעם זעלבן הויז און ער האָט מיך עטליכע מאָל געזעהן ארויפגעהענדיג אהין. שרייבט ער אריין א לעטער אין שטיבעל אריין, אז עס פּאַסט ניט פאַר א שטיבעל־ברודער צו לאָזען זיין וויב געהן פאַרברייננגען אין פרעמדע הייזער ווען זי האָט אַן אייגענע היים. האָט „קהל" פון שטיבעל פאָרגעבראַכט דעם לעטער ביי א מיטינג און האָט באשלאָסן אז איך טאָר מעהר ניט געהן צו מיין לאַנדס־פרוי, נאָר איך מוז זיצן אין הויז. און מיין מאַן האָט מיר געבראַכט דעם באַפעהל פון שטיבעל. ער פאַרשטעהט, אז דאָס איז עפּעס ניט גלייך, אָבער ער קען זיך ניט העלפן. פרעג איך אייך, צי בין איך אזוי פאַרשקלאַפט אז איך מוז פאָלגן דעם באַפעהל פון שטיבעל? קריגן זיך מיט מיין מאַן וויל איך ניט, האָבן מיר באשלאָסן צו שרייבן צו אייך, און אזוי ווי איהר וועט ראטהן וועלן מיר טאָן. איך האָף אז איהר וועט נעמען מיין לעטער אין אכט.

לעזערין פון די בראָנקס.

אזוי, שוועסטערל, זאָגט איהר אז אייער מאַן זעהט איין אז דאָס איז עפּעס ניט גלייך — נו, דערפאַר קומט איהם א יישר כח.

דאָס בעווייזט אז צו זיין פרומקייט און לומדות האָט ער נאָך א קאַפּעלע שכל אויך, און דאָס איז פאַר א תלמיד חכם זעהר נויטיג.

ווייל אין אונזערע ספרים שטעהט, א תלמיד חכם וואָס האָט קיין שכל ניט איז ערגער פון א נבלה.

איך וויל גלויבן אז אייער מאַן, ביי זיך אין האַרצן, ווייס אייך צו שעצן. ער געהערט צו דעם קלאַס מענשן וועלכע זאָגן דאָס זעלטן ארויס צו א פרוי, אָבער ביי זיך מוז ער מן הסתם וויסן וואָס פאַר אַן אוצר ער האָט אין אייך.

א פרוי וואָס העלפט דעם מאַן אין ביזנעס און פאָדערט דערפאַר קיין זאַך ניט; וואָס האָדעוועט אוים דריי גערעטענע קינדער; וואָס געהט ניט אין טעאַטערס און אין מואוויס; וואָס לאָזט דעם מאַן אלע נאַכט געהן צו זיין שטיבל און בלייבט צו־הויז; א פרוי וועלכע דער מאַן נעמט קיינמאָל אין ערגעץ ניט מיט, און זי באַקלאָגט זיך ניט, און זי האָט איהם ליב און בעטראַכט דאָס א „גוט לעבן" — וויפיל זיינען דאַ אזעלכע ווייבער?

בלויז אַ כשר'ע אידישע טאָכטער אַ צנועה און בת טובים, מיט די פיינסטע טראַדיציעס פון דער ווייבליכער געדולד און איינזעהעניש און שטאָלץ מיט איהר פאַמיליע קען זיך פיהלען גליקליך אין אַזאַ לעבן.

קומט אַ ווילד־פרעמדער איד און שרייבט וועגן איהר אַ לעטער צו „קהל" אַז זי באַזוכט אַ פּאָר מאָל אין וואָך אַ לאַנדס־פרוי, וועלכע איז אויך אַ בכבוד'ע פרוי.

דאָס דער איד וואָס האָט דעם לעטער געשריבן איז אַ שפּל און אַ בור, דאָס ליגט פון אויבן־אויף.

ווען אַ פרוי געהט בעזוכן אַ פאַמיליע מיט דעם וויסן פון איהר מאַן, און איהר מאַן קומט איהר אָפּנעמען, איז זי ניט קיין „יצאנית", קיין אַרומלויפערקע. דאָס איז אַקוראַט ווי זי וואָלט געגאַנגען צו־זאַמען מיט איהר מאַן.

פון וואַנען, און אין וועמעס נאָמען, נעהמט זיך „קהל" פון שטיבל אַזאַ אויטאָריטעט צו פסק'ענען איבער די רעכטע און פריי־הייטן פון אַ מענשן?

אין וועלכן ספר שטעהט דאָס, אַז אַ בכבוד'ע פרוי טאָר ניט פאַרברייגגען אַן אָוונט אין הויז פון אַן אַנדער בכבוד'ער פרוי, מיט דעם רשות פון איהר מאַן?

ווער האָט געגעבן דאָס רעכט צו „קהל" פון שטיבל, זיך אַרום־צוװאַרפן ביי אַ מיטינג מיט דעם אומבאַפלעקטן נאָמען פון אַ בכבוד'ע אידישע טאָכטער, אַ אשה צנועה, אַ מאַמע פון דערוואַקסענע קינדער?

פאַרשטעהט אייער מאַן אַז דאָס איז ניט גלייך — דאָס איז זעהר שעהן פון זיין זייט.

אָבער פאַרוואָס קען ער זיך ניט העלפן? עס איז ניט קיין כבוד פאַר אַ אידן אַ בן תורה צו זיין אַ מעמבער אין אַ חברותא וועלכע ערלויבט זיך צו טאָן אַזעלכע זאַכן.

ווייניג פלעצער זיינען דאָ אין ניו יאָרק וואו אַ איד קען פאַר־ברייגגען אַן אָוונט איבער אַ ספר?

וואָס איז טייערער אין דעם לעבן פון אַ אידישע פאַמיליע אַלס דער שלום בית — צוליב שלום בית, זאָגן אונזערע פאַרצייטיגע חכמים, — האָט הקדוש ברוך הוא אַליין פאַרבויגן אַביסעלע דעם אמת ריידענדיג צו אברהם אבינו.

זיין ווייב, די מאַמע פון זיינע קינדער — די וואָס האָט אַזויפיל יאָהרן אָהן מורמען, אָהן באַקלאָגן זיך, געהאָלפן איהם און גע־זאָרגט פאַר זיין באַקוועמליכקייט, און געגעבן איהם די מעגליכקייט

צו זיין אַ פרומער איד און צו לערנען תורה — זי פאַרדינט מעהר אַכטונג פון איהם אַלס די חברותא פון שטיבל.

ער טאָר קיין זאַך ניט לאָזן קומען צווישן איהם און אייך צו שטערן דעם פרידליכן גאַנג פון אייער לעבן.

דעריבער איז מיין ראטה צו אייך ביידן, אַז איהר זאָלט ניט געבן קיין אַכטונג צו דעם באַפעהל פון „קהל", און איהר זאָלט זיך פון קיינעם ניט לאָזן דיקטירן אין אייער אייגענעם לעבן אויסער אייער אייגענעם געוויסן, און אייער אייגענעם חוש פון אַנשטענ־דיגקייט.

און אויב „קהל" פון שטיבל זוכט צו מאַכן אייער מאַן שוועריג־קייטן זאָל ער זיך אָפּזאָגן פון זייער חברותא אָהן באַדויערן. עס איז קיין כבוד צו אַזאַ חברה צו געהערן.

ווען דער מאַן זאָל זיין אַ „ספּאָרט".

ווערטהער דר. קלאָרמאַן.

מיין פּראָבלעם איז, ווי אזוי צו מאַכן אז מיין מאַן, וועלכן איך ליב און אכטע, זאָל זיין וויניגער אָפּגעלאָזן אין זיין קליידונג, און אביסעלע מעהר געזעלשאַפטליך.

איך בין אַן אַמעריקאַניש־געבאָרענע יונגע פרוי, זעקס־און־צוואַנציג יאָהר אַלט. מיינע עלטערן, שטרענג־פרומע מענשן, זיינען געקומען פון ליטא. מיין פאָטער, זאָל געזונט זיין, איז אַ גרויסער למדן און א צדיק תמים. איך בין נאַטירליך געגאַנגען אין די סקולס. צו אכצעהן יאָהר האָב איך געוואונען אַ ביוטי קאָנטעסט. איך האָב אויך גוט געשפּילט פּיאַנאָ. האָבן מיר ניט געפעהלט קיין „באָיס". אַבער מיין פאָטער האָט געזוכט פאַר מיר א תלמיד חכם. מיין פאָטער האָט ענדליך איינעם געפונען און האָט איהם איינגעלאַדן צו אונז אין הויז. איך בין ניט געווען געגן דעם, ווייל איך בין אויך רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטיש געזאָנען. ער איז געווען אַ בחור אַן עילוי פון סלאָבאָדקער ישיבה, שוין אַ היבשע צייט אין אמעריקא. בקיצור, מיר האָבן למזל חתונה געהאַט, און דורך די עטליכע יאָהר פון אונזער פאַרהייראַטן לעבן האָב איך ניט געהאַט איין מינוט פון באַדויערן. מיין מאַן איז אַ נאָבעלער מענש און קלעהרט בלויז פון דעם גליק פון זיין פרוי און קינדער. נאָך אונזער חתונה איז ער געווען אַ רב אין אַ גרויסע קאָנגרעגיישאָן אין די מידל־וועסט. פּלוצלינג האָט ער זיך מיישב געווען און האָט אויפגעגעבן די רבנות און האָט זיך אַ נעם געטאָן צו ביזנעס. ער האָט אַרויסגעוויזן גרויס פעהיגקייט אויך אַלס ביזנעסמאַן. מיר זיינען גאָט־צו־דאַנקען רייך געוואָרן. מיר האָבן געגנוג הכנסה פון אונזער פּאַר־

מעגן, און קענען זיך פאַרגינען א קאַר מיט א שאָופער. מיר וואָהנען אין די מידל־וועסט און האָבן ב"ה פיינע קינדערלעך. איך האָב מיך אויף מיין מזל ניט צו באַקלאָגן.

בלויז איין זאַך פאַרשאַפט מיר פיל ערגערניס, און דאָס איז מיין מאַן'ס אַפּגעלאָזענקייט אין זיין קליידונג. ביי איהם איז רעכט צו טראָגן א קאָוט מיט לעכער, און צוריסענע שיך ווי דער גרעסטער קבצן. וועהרענד איך בין געקליידט „לייטעסט סטאַיל" ווי א מיליאָנערשע. איך ליב מיין מאַן פאַר זיינע גרויסע מעלות און זיין געטרייהייט, אָבער ווי ברייננט מען איהם אַרויף אויף א וועג צו זיין כאָטש א שטיקעלע ספאָרט. איך שעהם מיך צו געהן מיט איהם אין סטריט צוליב זיין אַפּגעלאָזענקייט. רייד איך מיט איהם וועגען דעם, זאָגט ער, אז איהם ליגן ניט אין קאָפּ אזעלכע נאַ־רישקייטן. איהר טרעפט איהם אימער ביי א ספר. ער געהט קיינמאָל ניט אין טעאַטער. מיר קומען קיינמאָל ניט צוזאַמען צווישן מענשען. ער איז ערשט זעקס־און־דרייסיג יאָהר, און באַנעמט זיך אַקוראַט ווי א מאַן פון אַכציג.

אויב איך וואָלט איהם אין דער באַציהונג געקענט א קאַפּעלע ענדערן וואָלט מיין גליק געווען אין גאַנצן פאַרפול. פּליז, דאָקטאָר, גיט אן עצה.

דבורה.

א חוץ דעם פּראָבלעם וואָס די יונגע פרוי שטעלט דאָ פאָר אַזוי אָפּענהערציג, און א חוץ די עצה וואָס מ'קען דערצו געבן, איז דאָס סתם א פיינע מעשה — אן אונגעוועהנליכע פיינע מעשה!

אין פּונקט פון אָריגינאַליטעט און גליקליכע צוזאַמענטרעפונגען וואָלט מען קיין שעהנערע ניט געקענט אויסטראַכטן.

אַלע טיילן אין דער דאָזיגער קורצער באַשרייבונג פון א ראָמאַנס און א גליקליכן פאַמיליען־לעבן ענטהאַלטן א געוויסע „קינסטלערישע" איבערטרייבונג צו מאַכן דעם הויפּט־פּונקט שאַר־פער און איינדרוקספאָלער.

דאַרף די פרוי זיין א שעהנע, איז שעהן אַליין ניט גענוג — זי געווינט א „ביוטי קאָנטעסט"! א געראָטענע? איז זי א גוטע פּיאַנאָ־שפּילערין; א געבילדעטע? איז זי געגאַנגען אין די סקולס; א גאַנצע אַמעריקאַנערין? — א היגע א געבאָרענע: א מיוחסת? די טאָכטער פון א גרויסן למדן און א צדיק תמים. און דערצו רעלי־גיעז־נאַציאָנאַליסטיש געזאָנגען!

וויפיל אַזעלכע פאַלקאָמענהייטן געפינט מען ביי אונז?

מעהר אוים ליבע צו איהר פאָטער אַלס צו דעם חתן וואָס ער האָט איהר געבראַכט פון בית המדרש — ווי אונזערע זיידעס

פלעגן טאָן מיט הונדערט יאָהר צוריק — ווארפט זיך די שעהנע אַמעריקאַנערין אין די אָרעמס פון אַ סלאָבאָדקער ישיבה בחור, צעהן יאָהר עלטער פון איהר, וועלכער ווערט אַ רב — (ווי דאָס איז געוועזן צו ערוואַרטן) — און זי לערנט איהם ליבן און שעצן, און זיין גליקליך מיט איהם.

אַזעלכע ניסים טרעפן אויך ניט אַלע טאָג.

ווען חתונות צווישן אַמעריקאַניש-געבאָרענע מיידלעך און היי־מישע ישיבה בחורים קומען יאָ אַמאָל פאָר, הערט מען דערנאָך על פי רוב גאַנץ אַנדערע טענות — טענות וועלכע קלינגען מעהר מיט טרעהרען פון חרטה אלס מיט יובעל און גליק.

דאַן, נאָך אַ גרעסערער נס: אין נאָך אַ קורצע צייט פאַר־וואַנדעלט זיך דער סלאָבאָדקער ישיבה בחור אין אַן ערפאָלגרייכן ביזנעסמאַן, און ווערט אַן עושר — אָבער אַן עושר ווי עס געהער צו זיין! די פרוי געקליידט ווי אַ מיליאָנערשע, אַ קאַר, אַ שאָופער!

וואָס-זשע טוט דער עקס-ישיבה בחור ווען ער קומט צו אַזאַ גדולה? איז ער געוואָרן אַ מנהיג אין דער קהלה? קומט ער צווישן מענשן צו ווייזן זיך מיט זיין פרוי און קינדער און מיט זיין עשירות?

טראָגט ער אַ פול-דרעס צו אַ כשר'ן באַנקעט? מאַכט ער אַ ספיטש לכבוד דעם פרעזידענט פון אַ תלמוד תורה אַז זיין ווייב זאָל קלייבן נחת?

ניין! ער זיצט אין אַ ווינקל ביי זיך אין דער היים איבער אַ גמרא אָדער עפּעס אַן אַנדער ספר, און לאָזט איבער די וועלט צו זיין פרוי און קינדער.

זיין פרוי מעג האָבן אַ פאָר קאָוט און זיידענס; ער אַליין איז צופרידן מיט זיין פאַר-דריי-יאָהריגן קאָוט מיט לעכער אין די אַרבעל און מיט געלאַטעטע שיך!

בלויז אויפ'ן סטיידזש טרעפט מען אַמאָל אַזעלכע קאָנטראַסטן.

„פאַקטן — זאָגט מען — זיינען אָפט חידוש'דיגער ווי אויס־געטראַכטע מעשיות!" ווען דער בריף פון „דבורה" וואָלט ניט געטראָגן אויף זיך געוויסע אונפערקענבאַרע סמנים פון עכטקייט, וואָלט איך חושד געווען אַז אַ געניטער שרייבער פון פיקשאָן האָט אויסגעטראַכט אַ מעשה און מיר צוגעשיקט.

אָבער דאָס לעבן איז אָפט-מאָל „קינסטלערישער" פון קונסט. מיר שיינט אַז די מעשה איז אמת. נאָר טאָמער האָב איך אַ טעות, וועל איך אָנווענדן דאָס אַלטע ווערטל: „אויב ניט אמת, איז עס גוט אויסגעטראַכט". (סי נאָן ע ווערא, בענע טראָוואַטאָ).

נאָר צי די מעשה איז אמת צי ניט — דאָס פּראָבלעם וואָס „דבורה" שטעלט פאַר איז שוין גאָר אַ ריכטיגע. מען באַגעגענט עס צו אָפט אין לעבן.

אַמאָל דער מאַן, אַמאָל די פרוי, ווערט נאָכלעסיג און האַלט ניט מיט מיט דעם צווייטן אין געזעלשאַפטליכן לעבן, און דער „טיעם" הערט אויף ציהען צוזאַמען.

„דבורה" ווייזט אויס צו זיין אַ ליבעפולע, טרייע איבערגעבענע פרוי ווי אַ אידישע טאָכטער אַ צנועה דאַרף זיין, דאָך קלינגט ווי אַ דראָהונג אין איהר אויסגעשריי: „אַ מאַן פון זעקס-און-דרייסיג יאָהר און באַנעהמט זיך ווי אַ מאַן פון אַכציג!"

זי האָט עס ניט געמיינט אַלס דראָהונג, אָבער ווער עס האָט אויערן קען הערן.

אויב דער עקס-ישיבה-בחור איז אַ מענש מיט שכל — און ווי מ'זעהט, האָט ער שכל — וועט ער ניט לאָזן זיין ווייב'ס מאַהנונג אונבעאַכטעט.

און אייך, דבורה-קרוין, וועל איך ראָטען אַזוי:

איהר מאַכט אַ פאַרשווערונג מיט אַ גוטן שניידער, וועלכער זאָל מאַכן פאַר אייער מאַן אַ נייעם סוט, ניט קיין צו טייערן, און ניט צו סטיליש, נאָר באַלעבאַטיש.

זאָל דער שניידער ניט באַדערן איהם מיט נעמען אַ מאָס. אַ גוטער שניידער גיט זיך אַן עצה אָהן אַ מאָס נעהמען.

איין פריהמאָרגן וועט אייער מאַן אויפשטעהן און אַנשטאָט זיינע טראַנטעס וועט ער געפינען ניש'קשה'דיגע מלבושים. ער וועט זיך קרימען אַביסל, אָבער ער וועט זיי טראָגן.

ער וועט זוכן זיין קאָוט מיט די לעכער, זיינע שיך מיט די לאַטעס, און וועט געפינען אַנדערע, וועט ער זיי מוזן טראָגן.

גרייט צו אַ פרישע העמד מיט אַ פרישן קאָלער אַלע טאָג. צו אַזעלכע זאַכן געוועהנט מען זיך שנעל.

און איהר אַליין, אַנשטאָט די „האַי-סטיילס" פון אַ מיליאָנערשע, באַנוגענט זיך מיט די סטיילס פון אַ הונדערט טויזענד דאָלערדיגע גביר'טע.

ווען דער קאָנטראַסט וועט קלענער ווערן צווישן אייערביידענס אויסזעהן, וועט אייער מאַן פאַרלירן זיין „געפאַלענקייט ביי זיך" ווען ער געהט אויס מיט אייך צוזאַמען.

ווען פרעמדע צינגער ריידן.

ווערטהער דר. קלאַרמאַן.

מיר זיינען דריי יאָהר פאַרהייראַט און לעבן זעהר צופרידן מיט איינאַנדער און מיט אונזער בייבי. מיר טוען קיין זאַך איינער אָהן דעם אַנדערנס וויסן און האָבן קיינע אַרגומענטן און קיינע וויכוחים. מיין פרוי בעזוכט אָפט איהרע עלטערן און שוועסטער און ברידער וועלכע וואוינען ניט ווייט פון אונז. זוכן זיי איהר איבערצוריידן און צו לערנען איהר ווי אַזוי זי דאַרף זיך פיהרן אין איהר פאַמיליען-לעבן. איך האָב איהר פאַמיליע זעהר גערן, זיי זיינען בכבוד'ע מענשען, אָבער מיר ווייזט אויס. אַז זיי טוען מיין ווייב און מיר אַ רעה ווען זיי גיבען מיין ווייב עצות, וועלכע זי פרעגט ביי זיי ניט. איך זעה קלאָר, אַז די עצות וועלכע זיי זוכן אַרויפצודרינגען, בעזונדערס דער יונגער לאַיער אין דער פאַ־מיליע, קען פיהרן צו טראָבעל. בעט איך אייך, דר. קלאַרמאַן, צו געבן אַ ראַטה ווי אַזוי מען קען זיך אויסהיטן פון אַזאַ אַריינמישונג אין מיין פאַמיליען-לעבן.

דער ראַביי.

די ערשטע וואָס האָט זיך ווען אַריינגעמישט אין אַ פאַמיליען־לעבן און האָט אַנגעמאַכט טראָבל איז געווען די שלאַנג אין גן-עדן.

פון דער דערצעהלונג וועגן די אַריינמישונג פון דער שלאַנג אין חוה'ס פאַמיליען-לעבן איז ניט צו זעהן אַז די שלאַנג איז אויסן געווען צו טאָן חוה'ן אַ רעה — אדרבה, זי האָט בלויז געוואָלט עפענען חוה'ס אויגן. זי איז אויסן געווען איהר טובה.

עס איז זעהר מעגליך אַז די שלאַנג האָט עס געטאָן מיט די בעסטע כוונה און האָט בלויז געוואָלט אַריינגעבן חוה'ן מעהר שכל.

און וואָס איז אַרויסגעקומען דערפון? אדם און חוה זיינען צוליב דעם אַרויסגעטריבן געוואָרן פון גן-עדן.

אפשר קען מען דערפון לערנען, ווי געפעהרליך עס איז אַריינ־צומישן זיך ניט-געבעטענערהייד מיט עצות אין דעם לעבן פון מאַן־און ווייב.

שלום בית איז אַזאַ הויכע און אַזאַ דעליקאַטע זאַך, דאָס אַפילו גאָט אַליין, אין זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט אברהם'ן, האָט בע־נוצט פיל טאַקט ניט אַנצומאַכן קיין פּראָבלעמס.

ווי מיר וויסן, האָט די מאַמע שרה געלאַכט ווען זי האָט גע־הערט די בשורה פון די מלאכים, אַז זי וועט האָבן אַ זוהן: „מיין האַר איז אַלט”, האָט זי געזאָגט אויף איהר אברהם'לען.

גאָט ווייס אַז אַ מאַן האָט שטאַרק פּאַראיבל ווען אַ ווייב זאָגט

איהם אז ער איז צו אלט. האט ער ניט איבערגעבראכט צו אברהם'ן אלץ וואס שרה האט געזאגט, — פון שלום בית וועגן.

אונזערע חכמים וואס האבן דאס ארויסגע'דרשן'ט פון פסוק, האבן דערמיט געגעבן א לעסאן, ווי פארזיכטיג מ'מוז זיין מיט שלום בית.

שלום בית איז אזוי ווי א פיינער דועט. א פרעמדער טאן, אפילו דער פריינדליכסטער, קען קאליע מאכן די מוזיקע.

דערפאר מוזן בכבוד'ע מענשן זיין זעהר פארזיכטיג ניט ארייננ־צומישן זיך אפילו מיט א ווארט אין א פאמיליען־לעבן וואס איז ניט זייערס, און וואס געהט כשורה, בעזונדערס וואו זייער ארייננ־מישונג ווערט ניט געזוכט.

אבער דער בעסטער שוץ געגן זייטיגע אריינמישונג מוז קומען פון דעם מאן און דער פרוי אליין. מ'טאר זיך ניט צוהערן וואס אנדערע ריידן אריין. ווען די מאמע חוה וואלט זיך ניט צוגעהערט צו דער שלאנג וואלט קיין טראבל ניט געקומען.

די ערשטע פליכט פון א פרוי איז צו איהר מאן; און ווען מ'לעבט בשלום מיט א מאן, און מ'קען מיט איהם אויסקומען, איז דאס די בעסטע גאראנטי פאר דעם סוקסעס פון דער פאמיליע.

אויב אייער פרוי איז א פרוי מיט שכל, וועט זי ניט געבן קיין אויפמערקזאמקייט צו די אונגעבעטענע עצות וואס איהרע קרובים גיבן איהר, ווען אפילו זיי טוען דאס מיט די בעסטע כונות.

ער קריגט „נדן”, און איז ברוגז.

ווערטהער דר. קלארמאן.

מיר זיינען דריי יאהר פארהייראט און האבן א מיידעלע פון דריי מא־נאט. מיר האבען א ביזנעס פון וועלכע מיר מאכן א לעבן.

פאר דער חתונה האב איך געהאט מיינע פיר טויזענד דאלאר: האב איך מיין מאן דערפון ניט דערצעהלט. מיר איז געווען אנגענעם צו וויסן אז ער נעמט מיך פאר מיין אייגענע פערזאן און ניט צוליב נדן. עס איז אונז אין אנפאנג געווען שווער, אבער איך האב מיין סוד געהאלטן, ניט קענענדיג באשליסן, צי זאל איך איהם זאגן אדער ניט. ענדליך האב איך איהם אויסגעזאגט. איך האב דערווארטעט אז דאס וועט זיין פאר איהם אן אנגענעמע איבערראשונג, און ער וועט זיך פרעהען, און וועט דאנקבאר זיין. שטעלט זיך פאר מיין ענטוישונג, ווען ער איז גאר ברוגז געווארן און האט אויפגעהערט ריידן צו מיר. ער איז גאר אנאנדער מענש געווארן. זיין טענה איז, אז א פרוי וואס האט סודות פון איהר מאן איז ניט די ריכ־

טיגע פרוי פאַר א פאַמיליען־לעבען. ער זאָגט, דאָס ווען איך וואָלט איהם לכתחילה דערצעהלט דערפון מיט דער ערקלערונג אז איך וויל דאָס געלד ניט אינוועסטן אין ביזנעס, וואָלט ער מסכים געווען דערצו. און ווי באַלד אז איך האָב דאָס ניט געטאָן, צייגט עס אז איך האָב צו איהם קיין צוטרוי ניט געהאַט. ער לאָזט זיך גאָר ניט ריידן.

בעט איך אייך, דר. קלאַרמאַן, אונז צו זאָגן, צי איז מיין האנדלונג אין אמת׳ן געווען אַזוי שפל און מיאוס, דאָס אַ מאַן זאָל ברוגז ווערן וועגן דעם, און ווי אַזוי קען איך צוריק ברייגנען שלום און אחדות אין אונזער היים.

דבורה.

הלואי קיין ערגערע סודות זאָלן אידישע פרויען ניט האָבן פון זייערע מענער, און קיין גרעסערע עוולות זאָלן זיי צו זייערע מענער ניט טאָן.

סודות צו סודות זיינען ניט גלייך. עס איז ניטאָ קיין איין־איינ־ציגער מאַן וואָס זאָל זיך ניט אַרומטראָגן מיט געדאַנקען וועלכע ער האַלט בסוד פון זיין פרוי. און ניטאָ אַ פרוי וועלכע זאָל ניט האָבען וועלכע סודות וואָס זי באַהאַלט פון איהר מאַן.

אָבער עס זיינען דאָ שלעכטע סודות, און עס זיינען דאָ אונ־שולדיגע, אַפּילו ניצליכע סודות.

אַמאָל געהט אַ מאַן אַרום מיט אַ סוד וואָס ער האָט פאַרלאָרן געלט, אָדער חלילה ער געפינט אַז זיין געזונט ליידט, און ער האַלט דאָס בסוד פון זיין פרוי צו פאַרהיטן איהר פון ערגערנים.

אָדער אַ פרוי הערט עפּעס וועגן איהר מאַן וואָס איז ניט אַנגע־נעהם, און זי האַלט עס בסוד, איהם ניט זועה צו טאָן, אָדער צו פאַר־היטן אַ סקאַנדאַל, אָדער אַ קריג.

היינט זיינען דאָ הונדערטע קליינע סודות וואָס געהערן צו דער קונסט פון צוזאַמענלעבן. אַ פרוי קויפט זיך אַ קלייד, און האַלט דאָס בסוד ביז אַ צייט, ווייל דער מאַן איז פעראייגגט און עס קען קומען צו אַ מחלוקת.

אָדער אַ מאַן פאַרשפּילט זיך אין אַ פינאַקל און כדי צו פאַר־היטן ערגערנים זאָגט ער אַז ער איז געווען ביי אַ לאָדזש מיטינג.

מאַלע וויפיל קליינע און גרעסערע סודות עס זיינען דאָ צווישן מאַן און ווייב!

אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען אונשולדיגע סודות, אַפּילו נייטיגע סודות, און עס איז גוט וואָס מענשן זיינען אַזוי באַשאַפן, אַז זיי קענען אַמאָל איינהאַלטן אַ סוד, אַז ניט וואָלט גאָר ניט מעגליך געווען צו לעבן צוזאַמען.

ניט אַלע סודות וואָס אַ מאַן האַלט פון דער פרוי, אָדער די

פרוי פון דעם מאַן, צייגן אויף מאַנגל אין צוטרוי אָדער אין ליבע. מאַנכע סודות ווייזן פונקט דעם היפוך דערפון.

איך האָב ערגעץ־וואו געלעזן אַ מעשה פון אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ מאַן אַ שרייבער, און ער איז געווען זעהר שטאָלץ מיט זיין טאַלאַנט. ער האָט געהאַט די איינרייידענעס פון אַ פיל גרעסערן טאַלאַנט אַלס ער האָט אין אמת'ן בעזעסן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט פילע שרייבער.

ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך און האָט עס געלאָזט דרוקן און איבערגעגעבן צו בוכהענדלער צום פערקויפן, אָבער דאָס בוך האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט. דער עולם האָט ניט געקויפט.

איז די פרוי געגאַנגען, און האָט שטילערהייד אויסגעקויפט אַלע עקזעמפּלאַרן פון דעם בוך, און האָט עס פאַרשענקט, כדי צו מאַכן דעם מאַן גלויבן אַז זיין בוך איז אַ גרויסער סוקסעס.

ווען דער מאַן האָט מיט אַ פּאָר יאָהר שפּעטער זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער זיך מיט איהר גע'גט. ער האָט זיך געפיהלט גע־קריינקט אין זיין אייגענליבע. ער האָט עס אויסגעטייטשט, אַז זיין פרוי האָט קיין צוטרוי צו זיין גרויסן טאַלאַנט, און ווען זי וואָלט זיין בוך ניט אויסגעקויפט, וואָלט עס דער עולם צוצוקערט.

אין דעם פונקט פון צוטרוי, איז אייער פאַל, דבורה־לעבן, ניט אונעהנליך צו דעם פאַל פון דעם שרייבער. איהר האָט, ווי עס שיינט, אַ גאַנץ אַנשטענדיגן מאַן, אָבער ער איז אַ שלעכטער פּסי־כאָלאָג און אַ קאַפּעלע צו גאוה'דיג ביי זיך.

געמאַכט פון אייער סוד תיכף אַ פראַגע פון צוטרוי, און פיהלט זיך געטראָפן אין זיין אייגענליבע. אין אַזאַ שטימונג קען אַ מענש ניט דיינקען לאָגיש.

ביי מיר, אַלס אונפּאַרטייאישן זייטיגן מענשן, קומט אויס, אַז אייער סוד האָט ווייניג געהאַט צו טאָן מיט צוטרוי.

דאָס געלד וואָס איהר האָט געהאַט פאַר דער חתונה איז געווען אייערס, און איהר האָט געהאַט אַ רעכט דאָס צו האַלטן אַזוי בסוד ווי איהר האָט געוואָלט.

אייער פרויען־שטאָלץ און פרויען־אינסטינקט האָבן אייך אונטער־געזאָגט, ניט צו זאָגן דעם מאַן דערפון פאַר דער חתונה; ער זאָל אייך נעהמען אָהן זייטיגע „פּרימאַנקעס". דאָס איז דוקא שעהן.

און אויב אַפילו ביי אייך אין האַרצען איז אויך געלעגן דער געדאַנק, דאָס איהר ווילט פריהער זעהן ווי אַזוי איהר וועט זיך איינלעבן, איידער איהר זאָגט איהם פון אייער קליינעם פאַרמעגן, איז אויך קיין עוולה ניט.

מענער פאַר דער חתונה, און מענער נאָך דער חתונה, זיינען

אַמאָל גאַנץ פאַרשידענע כאַראַקטערן. און עס זיינען דאָ אורזאַכן אָהן אַ צאָהל צוליב וועלכע מאַן־און־ווייב קענען זיך ניט איינלעבן, אַפילו אַז זיי האָבן דעם גרעסטן צוטרוי איינער צום אַנדערן.

און וואָס איהר האָט דעם סוד געהאַלטן דריי יאָהר, גראָדע אין די ערשטע צייטן ווען איהר האָט ביידע געקעמפט שווער, ווייזט מיר אויס אַז איהר האָט געהאַנדעלט זעהר פּראַקטיש.

אין ענגשאַפט און אין באַדריקונג וואָלט איהר ניט געקענט צוריקהאַלטן אייער געלט פון אייער מאַן, און דאָס וואָלט געוויס געהאַט אַן אַפּשוואַכענדע ווירקונג אויף זיינע ענערגיען.

נויט און שוועריגקייטן רופן אַרויס די רעזערווע כחות, און פיהרן צו העכערע אָנשטריינגונג. אַ פּלוצלונגע פאַרלייכטערונג וואָס פאַלט אַרונטער ווי פון דער לבנה, קען אַמאָל האָבן אַ פאַרוויסטענדע ווירקונג.

דאָס איז אונגעפעהר אַזוי ווי ווען איינער שטריינגט זיך אָן מיט אַלע כחות צו שלעפּן אַ שווערן וואָגן, און פּלוצלונג גיט איינער פון הינטן אַ שטופּ דעם וואָגן פאָרוועדטס. אויב דאָס קומט אונער־וואַרטעט קען אַמאָל דער מענש וואָס שלעפּט דעם וואָגן גע׳ניזק׳ט ווערן.

די פּלוצלונגע אונטערברעכונג פון אַן אָנהאַלטענדע אָנשטריינ־גונג קען אַמאָל זיין שעדליכער ווי די גרויסע אָנשטריינגונג אַליין.

איצט, נאָך דריי יאָהר פאַרהייראַטן לעבן, ווען ס׳איז שוין דאָ אַ בייבי, און ס׳איז דאָ אַ ביזנעס פון וועלכע מ׳מאַכט אַ לעבן, קען די ענטדעקונג פון אַ „קליינעם אוצר׳ל" אין דער פאַמיליע בלויז פאַר־לייכטערן דאָס לעבן.

איהר האָט פּסיכאָלאָגיש ריכטיג באַרעכענט, דבורה־לעבן, אַז די ענטדעקונג פון דעם „סוד" אין דעם איצטיגן אויגענבליק דאַרף אייער מאַן געבן גרויס צופרידנהייט און ער דאַרף פיהלן דאַנק־באַרקייט.

על פי שכל האָט אַזוי געדאַרפט זיין. אָבער איהר האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אייגענליבע און אַ גאוה׳דיגקייט, וועלכע עס איז שווער געווען פאָראויסצוזעהן.

און וועגן אייער פראַגע וואָס איהר זאָלט טאָן צוריקצוברענגען שלום און אחדות אין אייער היים, איז מיין מיינונג אַז איהר דאַרפט קיין זאַך ניט טאָן.

די ערשטע זאַך וואָס האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן ווען ער האָט דערהערט דעם „סוד" איז געווען: „סטייטש! פאַרוואָס האָב איך דאָס פריהער ניט געוואוסט!"

פון דעם „קלאַפּ" האָט ער זיך נאָך ניט אויסגעניכטערט.

לאָזט איהם צו־רוה אַ ווײלע. זוכט זיך ניט צו פאַרענטפערן, ווײל איהר האָט קײן עוולה ניט געטאָן.

אויב אײער מאַן איז אַ מענש מיט שכל, וועט ער זיך אַרומזעהן, אַז זײנע טענות קומען פון אַ נאַרישער אײגענליבע און פון פּוסטער גאוה.

ווען ער וועט די זאַכע באַרעכענען מיט איבערלײגונג וועט ער אײך דאַנקבאַר זײן פאַר אײער „סוד”.

פאַרוואָס אַזוי שנעל ענטוישט?

אָט דאָס איז די פראַגע וועלכע אַ יונגע פרוי שטעלט דר. קלאָרמאַן אין דעם בריף וועלכער ווערט דאָ ווײטער געדרוקט.

וואָס זי שרײבט איז אַזוי וואָכעדיג, אַזוי ניט נײ, און אַזוי אַלגעמײן בעקאַנט צו יעדן פערהײראַטן מאַן אָדער פרוי, דאָס עס קוקט אויס ווי אַן איבריגע זאַך זיך אָפּצושטעלן אויף אַזאַ בריף, אָדער מאַכן אַ רײד דערפון.

דאָך איז דער בריף אינטערעסאַנט טאַקע דערמיט, וואָס ער שטעלט פאָר, אין דער שילדערונג פון די בעציהונגען פון אײן פאָר פאָלק, אַ צושטאַנד וועלכער לאָזט זיך זעהן און פיהלן אין טויזענדע אַנדערע פאַמיליען לעבענס.

דאָס איז דער צושטאַנד פון שטענדיגער אונצופרידענהײט, פון שטענדיגן פאַראיבעל, פון אַ שטענדיגן קראַצענעס פון נערוון, וואָס קומט פון קוים בעמערקבאַרע אורזאַכן.

ווען מ׳זאָל זיך נעהמען אונטערזוכן די אורזאַכן איז ניטאָ וואָס אָנצוטאַפּן: פּוסטע קלײניגקײטן אָהן אַ ממשות; אַ וואָרט, אַ בליק, אַ באַוועגונג ניט אין דער צײט, אַן אונבעדײטענדע מיספערשטענדנים — ברײנגען אָן אַזאַ צושטאַנד פון שטענדיגער אונצופרידענהײט.

און דאַן וואונדערט מען זיך פאַר וואָס מ׳איז אַזוי דערווײטערט געוואָרן אײנער פון אַנדערן, און מ׳פיהלט פערצווייפלונג בײ דעם געדאַנק, אַז מ׳וועט אַזוי מוזן פערברײנגען אַ לעבן, און מ׳זאָגט זיך, אַז מ׳איז אַרײנגעפאַלן אין אַן אומגליק.

און אין די מײסטע פאַלן איז דאָס אומגליק ניט מער ווי נאַכלעסיגקײט און ניט בערעכענונג.

דער פאַל פון וועלכן דאָ ווערט גערעדט איז אַ טיפּישער בײשפיל. די יונגע פרוי שרײבט:

ווערטהער דר. קלאַרמאַן.

מיין מאַן און איך זיינען זעקס מאָנאַט פאַרהייראַט. מיר זיינען פאַר אונזער חתונה געווען ענגיידזשט באַלד אַ יאָהר, און עס איז כמעט ניט גע־ווען אַ טאָג אין וועלכן מיר האָבן זיך ניט געזעהן. צו זאָגן אַז מיר זיי־נען געווען פאַרליבט איז אַ מילדער אויסדרוק. עס האָט אויסגעוויזן אַז מיר קענען ניט לעבן איינער אָהן דעם אַנדערן. מיר זיינען געווען זעהר גליקליך אויך אין די ערשטע דריי מאָנאַטן נאָך אונזער חתונה. איצטער האָט זיך דער צושטאַנד אין אונזער לעבן שטאַרק געענדערט. מיין מאַן איז ניט מעהר דער פריינדליכער חבר און ליבהאָבער וואָס ער איז געווען. איך האָב אָפט פון איהם פאַרווירפע פאַר אויסברייגעריי, כאָטש איך בין ניט קיין אויסברייגערקע. איך הער מעהר קיין פריינדליך וואָרט פון איהם. ער געהט אַרום אַן אַנגעבלאָזענער. ער זאָגט מיר אַז איך בין ניט מעהר דאָס וואָס איך בין געווען. איך קען ניט פאַרשטעהן, וואָס עס איז געשעהן, און ווען איך גיב אַ טראַכט אַז איך וועל אַזוי מוזן אויסלעבן מיינע יאָהרן ווינש איך מיר דעם טויט. פּליעז, דר. קלאַרמאַן, דערקלעהרט מיר וואָס דאָ איז געשעהן, און אויב עס איז דאָ אַ מיטעל דאָס צו פאַרריכטן.

די פאַרצווייפעלטע יונגע פרוי.

עס איז ניט שווער צו דערקלעהרן די אורזאַכע פון דעם גע־ענדערטן צושטאַנד, ווייל ער קומט פאָר אַזוי אָפט אין דעם לעבן פון פאַמיליען, און ווער עס האָט אויגן צו בעטראַכטן, קען אויסרעכענען.

דאָ איז ניט איין אורזאַכע, נאָר עטליכע.

צוערשט קומט די גלייכגילטיגקייט איינער צום אַנדערן אַלס גאַנץ נאַטירליכע רעאַקציע נאָך אַ פעריאָדע פון צו הייסע ליבע.

אַ אידיש ווערטעל זאָגט: „ווען די מויז איז זאַט, איז די מעהל ביטער".

דאַן קומט נאַכלעסיגקייט, אונפאַרזיכטיגקייט, ניט־בערעכענונג, און אַ נייגונג צו אָפּגעלאָזענקייט וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם גע־פיהל, אַז איצטער דאַרף מען שוין קיין זאַך ניט טאָן, צו האַלטן איינער דעם אַנדערנס גונסט און גוט־חבר'שאַפט.

עס פערשטעהט זיך, אַז די טעמפעראַמענטן פון די פערזאָנען שפּילן דאָ אַ גרויסע ראָלע.

מאַנכע פערזאָנען זיינען צו עמפּפינדליך, פיהלן זיך צו שנעל בעליידיגט; דאָס מינדעסטע וואָרט ניט ווי זיי געפעלט רעגט זיי אויף, טשעפּען זיך צו ווערטער, טראַכטן איבער צופיל, און איבער־טרייבן גוואַלדיג די אמתע אָדער איינגערעדטע עולות וואָס ווערט זיי געטאָן.

אָבער טאַקטלאָזיגקייט און אָפּגעלאָזענקייט זיינען די געפעהר־ליכסטע שונאים פון פאַמיליען לעבענס.

די איינרייידענעש אַז נאָך דער חתונה דאַרף מען שוין קיין זאַך ניט טאָן איינער דעם אַנדערן צו געפעלן איז די געפעהרליכסטע שטרויכלונג אָן וועלכער אַ שיף פון פאַמיליען־לעבן ווערט אַם־אָפּטעסטן צודרוזגעט.

פאַר דער חתונה וואָלט זיך אַ מיידל ניט ערלויבט צו זאָגן צו איהר געליבטן חתן די זאַכן וואָס זי זאָגט איהם נאָך דער חתונה.

פאַר דער חתונה איז ער שעהן, און קלוג, און וויציג; נאָך דער חתונה לאַכט זי ניט מעהר פון זיינע וויצן, און גענעצט ווען ער דערציילט אַ מעשה וואָס זי האָט שוין פריהער געהערט.

ער ווידער געפינט אַז זי איז ניט מעהר אַזוי ציערליך און נעט ווי זי איז געווען פאַר דער חתונה, און אָנשטאָט צו זאָגן איהר ווי פריהער, ווי גוט זי זעהט אויס, און ווי געשמאַקפול זי קליידט זיך, און דאָס איהר גרינע קלייד ליגט אויף איהר ווי אויסגעגאָסן, קוקט ער זיך גאָר ניט מעהר אום אויף וואָס זי טהוט אָן.

אין ביזנעס וואָלט דער מאַן קיינמאָל ניט געוואָגט צו זאָגן צו אַ קאָסטאָמער, אַז ער קוקט אויס ווי אַ נעכטיגער, אָדער ער קליידט זיך ווי אַ שלומיאל.

און אויב די פרוי האָט פאַר דער חתונה געהאַלטן אַ דזשאָב אין אַן אָפיס, וואָלט זי קיינמאָל ניט געקומען צום באָס בעטן אַ „רעיז" אין דער מינוט ווען ער דאַרף צאָהלן אַ נאָוט אין באַנק, אָדער ווען ער האָט אַן אָנפאַל פון דיספעפסיא.

זי וואָלט שטודירט זיינע געוואוינהייטן, און וואָלט געזוכט זיך צוצופאַסן צו זיינע לוינען, אום אויסצונעהמען ביי איהם, און פראָגרע־סירן אין איהר דזשאָב.

זי וועט אויך זיין פאָרזיכטיג צו קומען יעדן פריהמאָרגן צו דער אַרבייט אַ פאַרקאַמטע, אַן אַרומגעוואַשענע, אַזוי צירליך און נעט געקליידעט ווי די אומשטענדן ערלויבן איהר.

זי וועט זיין פאָרזיכטיג ניט צו ריידן צום באָס אָהן איבערלייגונג, ניט אויסצואוווייזן נאַריש, אָדער ניט אַרויסצורייידן אַ בעליידיגענד וואָרט.

ווען מאַן און ווייב וואָלטן בענוצט דעמזעלביגן טאַקט און פאָר־זיכטיגקייט איינער געגן דעם אַנדערן, ווי זיי בענוצן געגן קאָסטאָ־מערס און באָסעס וואָלטן פילע פילע צוזאַמענבראָכן פון פאַמיליעס פערמידן געוואָרן.

ווען מאַן און ווייב, צוליב זייער אייגענעם גליק און צופרידענ-הייט, וואָלטן געזוכט בעסער צו פערשטעהן איינער דעם אַנדערן. און זיך נעהמען די מיה, און בענוצן דעם טאַקט און די פאַרזיכטיג-קייט וואָס זיי בענוצן געגן פרעמדע, אין זייער אייגענעם לעבן וויפיל הארצוועה און צוריסענקייט וואָלט פאַרהיט געוואָרן!

עס זיינען דאָ זיכערע מיטל ווי אַזוי צו בעזייטיגן די אַלע אורזאַכן געגן וועלכע די יונגע פערצוויפלטע פרוי בעקלאָגט זיך, און די זיינען: טאַקט, נאָכדיינקען, בערעכענונג, איינזעהעניש, און ניט־אָפּגעלאָזענקייט.

ענטהאַלטזאַמקייט איז אַ זיכערער מיטל געגן איבערזעטיגונג און גלייכגילטיגקייט, אָבער ענטהאַלטזאַמקייט אָהן טאַקט און אָהן שכל, נאָר דורך קאַפּריז, קען פיהרען צו גרעסערער אונצופרידענהייט.

אַ פרוי מיט טאַקט און שכל וועט וויסן ווי אויסצומיידן אַזאַ צושטאַנד אויף אַ ליבענסווירדיגן אופן, אָהן פערדרוס.

עס זיינען דאָ מענשן, וואָס ווען זיי זעצן זיך צום טיש עסן, ווייסן זיי ניט ווען זיי האָבן גענוג, און דער פועל יוצא דערפון איז אַ שלעכטער מאָגן, פאַרלוסט פון אַפּעטיט.

זאָגן דאָקטוירים, אַז עס איז בעסער אוועקצוגעהן פון טיש אַביסעלע אַ הונגעריגער, איידער איבערזאַט.

דאָס איז אַזוי אויך אין אַנדערע זאַכן, וואָס „צו" איז אומגעזונד.

דאַן מוז אַ פרוי זיך היטן געגן אָפּגעלאָזענקייט, און געגן דעם געדאַנק, אַז איצטער, נאָך דער חתונה, דאַרף מען זיך ניט פּוצן, און עס איז רעכט ווי מ'זעהט אוים פאַר'ן מאַן.

דאָס איז דער גרעסטער טעות וואָס פרויען מאַכן.

מ'דאַרף געווינען דעם מאַן אַלע טאָג אַזוי ווי אַ פרישן קאָסטאָמער.

און דער מאַן וועלכער וויל האָבן אַ גליקליך לעבן דאַרף פּראַק-טיצירן געגן זיין ווייב די זעלביגע טאַקטיק וואָס ער האָט בענוצט פאַר דער חתונה. דאָס קאָסט אַזוי ווייניג, און דאָס ברייינגט אַזויפיל גליק און צופרידענהייט.

אַנשטאָט צו זאָגן אַז זי ווערט צו פעט, אָדער צו זאָגן איהר פאַר מענשן אַז זי האָט קיין שכל ניט — וואָס אַהרט איהם אַז ער וועט איהר זאָגן דאָס זי איז אַזוי ליבליך ווי מיידלווייז און דאָס זי איז אַ פרוי מיט פערשטאַנד?

דאָס זיינען די מיטעל געגן אַ צושטאַנד פון שטענדיגער אונצו-פרידענהייט, פון פאַרדרוס און רוגזה אין אַ יונגער פאַמיליע.

א קאפּעלע אידעלקייט, ברענגט שלום.

ווערטהער דר. קלאַרמאַן.

ס'איז נאָך קיין יאָהר ניטאָ ווי איך האָב געהייראַט דעם יונגן מאַן צו וועלכן איך בין צוויי יאָהר געווען ענגיידזשד. דורך די גאַנצע צוויי יאָהר האָב איך פון איהם ניט געהערט קיין גראָב וואָרט. מיר זיינען געווען פארליבט איינער אין דעם אַנדערן, און יעדער איינציגער פון אונז האָט אַלע מאָל געטאָן דעם צווייטן וואָס צוליב, יעדערער האָט זיך באַמיהט עטוואָס צו טאָן פאר'ן צווייטן וואָס זאָל איהם זיין אנגענעם. איך האָב זעלטן געהערט פון איהם אַן אַנדער נאָמען ווי „סוויטהאַרט". איך האָב געהאָפט, אז דאָס וועט אַלע מאָל אזוי זיין, און האָב געטרוימט פון אַ לעבן פול ליבע און פריינדשאַפט. איך קען ניט באַגרייפן ווי אזוי דאָס האָט זיך געענדערט, און פאר וואָס דאָס האָט זיך געענדערט. מיר קענען ניט אויסריידן צעהן ווערטער איינער צום אַנדערן אז עס זאָל ניט קומען צו אויפרעגונג. באַליידיגונגען און גראָבהייטן זיינען פון די געוועהנליכסטע זאַכן ביי אונז. ווען איך באַטראַכט אז אזוי וועל איך מוזן פאַרברענגען אַ לעבן, ווינש איך מיר דעם טויט. עס זיינען דאָ צייטן ווען עס ערוועקט זיך עטוואָס פון דער אַלטער ליבע, אָבער אזעלכע צייטן קומען אַלץ זעלטענער. איך וואָלט מיך ענטשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס הויז, אָבער איך דערמאָן מיך אָן די צוויי יאָהר פון אונזער ענגיידזשמענט וואָס איז געווען די שעהנסטע צייט פון מיין לעבן, און האָף נאָך אַלץ אז דאָס וועט זיך צוריקקעהרן.

איך בעט אייך אַ ראַטה, דר. קלאַרמאַן, וואָס איך קען טאָן דערצו. איך ווייס ניט וועמעס שולד דאָס איז. מיין מאַן זאָגט, אז דאָס איז מיין שולד, און איך זאָג, אז דאָס איז זיין שולד. ער זאָגט, איך בין צו פּרעטיקלע, איך באַליידיג זיך פאר יעדע קלייניגקייט, און איך זאָג, אז ער איז גראָב צו מיר. קענט איהר אונז פּילייכט ראַטהן ווי אזוי צו פאַרהיטן די אויפרעגונגען און ערגערנישן צווישן אונז?

די ענטוישטע פרוי.

ראַטהען קען איך שוין, אָבער אויב איהר וועט פאָלגן מיין ראַטה בין איך ניט זיכער.

דאָס איז אַקוראַט ווי צו ראַטהען אַ שיכור, וועלכער ליידט פון שכרות, אַז ער זאָל אויפהערן טרינקען. דער ראַטה איז דער בעסטער וואָס מ'קען איהם געבן, אָבער ווייניגע שכורים האָבן די ווילענסקראַפט אויפצוגעבן טרינקען.

אין די צוויי יאָהר וואָס איהר זייט געווען ענגיידזשט, און פאַר־

ליבט, האָט ער איך גערופן „סוויטהאַרט״, און איהר איהם וואָהר־שיינליך מיט עהנליכע צערטליכע נעמען.

איהר זייט איינער צום אַנדערען געווען העפליך, און איינער דעם אַנדערן געזוכט צוליב צו טאָן, עס איז קיינעם פון אייך גאָר ניט איינגעפאַלן צו זאָגן איינער דעם אַנדערן אַ גראָב וואָרט אַפילו ווען עס איז אויסגעקומען עטוואָס אויסצורייידן איינער דעם אַנדערן.

די ליבשאַפט צווישן אייך האָט אייך געצוואונגען צו זיין איידל איינער צום אַנדערן. איצטער, אַז דער ערשטער ברען איז ניטאָ מעהר, האָט איהר ביידע אַוועקגעוואָרפן די איידלקייט, די העפליכקייט איינער צום אַנדערן.

איהר זייט ביידע, ווי מיר שיינט, אויפגערעגטע נאַטורן, און איהר האַלט ניט מעהר פאַר נויטיג זיך איינצוצאַהמען, אַזוי ווי איהר האָט זיך איינגעצאַהמט איידער איהר האָט חתונה געהאַט.

איהר זייט ניט די איינציגע וועלכע מאַכן זיך געגענזייטיג אַזוי עלענד. טויזענדע און טויזענדע פאַמיליען מאַכן פון זייער לעבן אַ גיהנם צוליב די זעלביגע אורזאַכן.

איינמאָל חתונה געהאַט — דיינקען זיי — צו וואָס זיך צערעמאָניען? ריידן זיי איינער צום אַנדערן אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך קיינמאָל ניט ערלויבט צו ריידן צו אַ ווילד־פרעמדן.

צו אַנדערע קענען זיי זיין העפליך, און איידל. אָבער זיי בעהאַנדלען די העפליכקייט און די איידלקייט אַזוי ווי אַ נאַשעריי וואָס מען האַלט בלויז אויף כיבוד פאַר געסט. אליין קען מען זיך דאָס ניט פאַרגינען; אַ צו טייערער אַרטיקל.

צווישן זיך אַליין זאָגט מען זיך גראָבע, ברוטאַלע ווערטער, ניט איבערקלעהרענדיג וואָס פאַר אַ ווירקונג זיי מאַכן. מען געפינט הנאה אין וועה־טאָן איינער דעם צווייטן.

מענער און פרויען לעבן אָפּ יאָהרן צוזאַמען, נעהמען אָן איינער פון דעם צווייטן אַלערליי אָפּפער און דינסטלייסטונגען, און עס פאַלט זיי גאָר ניט איין צו זאָגן „אַ דאַנק״, וואָס מ׳זאָגט צו אַ ווילד־פרעמדן פאַר אַ שוועבעלע, אָדער פאַר זאָגן אייך וואו אַ סטריט איז.

פאַרוואָס אַ מאַן זאָל אָננעהמען אַז ווי באַלד ער האָט די פרוי געהייראַט איז ער ניט מעהר מחויב צו ווייזן איהר איידלקייט; און פאַר וואָס אַ פרוי, איינמאָל חתונה געהאַט, זאָל זיך ערלויבן צו ריידן צו איהר מאַן גרעבער ווי צו אַ משרת, קען מען בלויז ערקלעהרן מיט נאַטירליכע גראָבקייט, און ניט־באַרעכענטקייט.

איידלקייט און העפליכקייט צווישן מעמבערס אין אַ פאַמיליע איז דאָס זעלבע וואָס אויל צו אַ מאַשין. עס פאַרהיט דאָס סקריפּען פון די רעדער, און די מאַשין באַוועגט זיך גלאַטער.

פיליכט פופציג פראצענט פון מחלוקת צווישן מאן און ווייב קומען ארויס איבער געלד־זאכן. אמאל איז דער מאן צו קארג און צעהלט צו פענים, אן אנדערש מאל איז די פרוי ניט אויסגערעכנט מיט דער הוצאה און גיט אויס מעהר אלס דער מאן קען באהויפטן.

אנדערע פרויען בעהאנדלען דעם מאן בלויז אלס „קעש רעדזשיסטער", און זיי דולדן איהם אזוי לאנג ווי ער פארדינט; און הערט ער אויף פארדינען, אדער פארלירט זיין דזשאב, ווילען זיי פון איהם פטור ווערן.

מאנכע פרויען טעראריזירן דעם מאן, און ער דולדעט ווייל ער וויל האבן רוה; אנדערע מענער טוען דאס זעלבע צו זייערע פרויען.

אין אייער פאל, ענטוישטע פרוי, ווייזט ניט אויס צו זיין די געלד־פראגע, ווייל איהר דערמאהנט וועגן דעם גאר ניט.

ביי אייך איז אויך ניט דער פאל פון טעראריזירן איינער דעם צווייטן, אדער זוכן צו הערשעווען איינער דעם אנדערן.

אייך פעהלט ביידן א קאפעלע טאקט, א קאפעלע איידלקייט, און אביסעלע איינגעהאלטנקייט פון אייערע היציגע טעמפערס.

איהר זאגט זיך איינער דעם צווייטן צופיל „אמת'ן", און איהר באנוצט ביידע צו ווייניג דיפלאמאטיע.

דערמאנט אייך וויפיל מאל, ווען איהר זייט געווען ענגיידזשט, און ווי אפט, האט איהר געזאגט צו אייער באשערטן אז איהר האט איהם ליב; וויפיל מאל האט איהר געלאכט פון זיינעם א ווערטל; וויפיל מאל האט איהר געלויבט זיין בריה'שקייט!

און ער, אייער באשערטער, וויפיל מאל האט אייך געמאכט קאמפלימענטן פאר אייער שעהנעם גאנג, אדער פאר אייער ליבן שמייכל אדער פאר אייער געשמאק אין קליידן זיך!

פארוואס זאלט איהר דאס איצטער ניט טאן אזוי? עס קאסט צו טייער?! פארוואס זאלט איהר זוכן איינער ביי דעם אנדערן פגימות און חסרונות, אנשטאט צו לויבן איינער דעם אנדערנ'ס מעלות.

יעדער מאן וויל זיין א העלד אין די אויגן פון זיין ווייב; אבער ווען זי זאגט איהם איינמאל און נאך אמאל אז ער איז א „באם", אדער א שלים־מזל'ניק, און נאך אזעלכע זאכן, קען ער איהר דערפאר ניט דאנקבאר זיין.

יעדע פרוי וויל האבן חן אין די אויגן פון איהר מאן; אבער ווען ער זאגט איהר איינמאל און נאך אמאל אז זי איז א שלומפער, אדער קוקט אויס ווי א פארזעהעניש, קען זי ניט פיהלען קיין צו גרויסע צערטליכקייט צו איהם.

זאָל איינער פון אייך אָנהויבן אונטערדריקן זיין טעמפּער, און ריידן העפליך און איידל, און אויסמיידן גראָבקייטן און באַליידי־גונגען, וועט עס דער אַנדערער אויך טאָן.

פּרובירט איהר דאָס, ענטוישטע פרוי, וועט איהר זעהן די ווירקונג דערפון.

אפשר האָט איהר געהערט וועגן דעם פּאָבל פון דעם קליינעם באַי, וואָס האָט אין וואַלד גערופן שלעכטע נעמען, און דער עכאָ האָט איהם דאָס זעלבע צוריק־געענטפערט?

האָט ער אָנגעהויבן רופן גוטע נעמען, האָט דער עכאָ איהם אויך גערופן גוטע נעמען.

פאָלגט דעם ביישפּיל פון דעם באַי אין דעם פּאָבל.

ער גיט איהר אַלעס, נאָר קושן זיך? — „נאַרישקייטן".

ווערטהער דר. קלאָרמאַן.

איך בין אַ פרוי פון פינף־און־דרייסיג יאָהר, פופצען יאָהר פארהייראַט און אַ מוטער פון צוויי ליבע קינדער וועלכע געהען אין סקול. מיין מאַן איז אַ וואַטשמייקער מיט אַ ווינדאָו פאַר זיך, און מאַכט אויס גאַנץ פיין. ער ארבייט שווער, לאַנגע שטונדען, אָבער ער באַקלאָגט זיך ניט. מיר לעבן גאַנץ אַנשטענדיג און גאָט־צו־דאַנקען מיר פעהלט קיין זאַך ניט, ניט פאַר מיר און ניט פאַר די קינדער. ער האָט מיר געגעבן אַן אקאונט אין אַ באַנק, און אַז איך דאַרף האָבן עטליכע דאָלער שרייב איך אַ טשעק; און אויב איך דאַרף וואָס קויפן פאַר זיך אָדער פאַר די קינדער, האָב איך אַן אַקאונט אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר. אַמאָל ברייננט ער מיר אַ שטיקעל דזשולערי, ווען עס מאַכט זיך איהם צו קויפן. וואָלט איך מיך געשעצט די גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט, אויב איך וואָלט נאָר געוואוסט אַז ער האָט מיך ליב. איך הער זעלטן פון איהם אַ ליב וואָרט ווי מ׳זאָגט אַמאָל צו אַ ווייב. ער איז חלילה ניט גראָב; איך הער פון איהם קיין שלעכט וואָרט ניט, אָבער צו זאָגן אַמאָל אַז ער ליבט מיך — דאָס ניט. איך האָב געזעהן ביי פילע פון אונזערע פריינד, ווען דער מאַן קומט אַ היים, צוקושט ער זיך מיט דער פרוי. און ווען ער געהט אין־דער־פריה ארויס צו ביזנעס — דאָס גלייכן. ביי מיר האָט עס נאָך קיינמאָל ניט געטראָפן. און טאָמער ווילט זיך מיר אַ קוש טאָן מיין מאַן, מאַכט ער אַ זויערע מינע אַקוראַט ווי איהם וואָלט געוועזן ניט אָנגענעם. דערפון ווערט מיר אָפּט אַזוי שווער אויפ׳ן הארצן, אַז איך מוז מיך אויסוויינען. מיר ווייזט אויס אַז

ער האָט מיך ניט ליב, און איך טראַכט איבער גאָט וויס וואָס. פּליז, דר. קלאַרמאַן, וואָס קען איך טאָן וועגן דעם? (מיין מאַן לעזט אייער צייטונג).

א פרוי מיט א שווער האַרץ.

לעזענדיג אַזאַ בריף פון אַ פרוי, דאַכט זיך אַ פרוי מיט שכל, דערמאָנט מען זיך אָן יענעם קליינעם איינגעל, וואָס האָט זיך צורוויינט אַז ער וויל „וועטשערע".

וואָס די מאַמע האָט איהם ניט געגעבען — בייגעל מיט פּוטער, קעז, בלינצעס, עפּעל — ניין, ער וויל וועטשעטע!

די אַלע געריכטען וואָס די מאַמע האָט איהם אָנגעבאָטען, מאַכען דאָך אייגענטליך אַ גוטע „וועטשערע"; אָבער אין דער קינדערשער פאָרשטעלונג איז „וועטשערע" געוועזען עפּעס גאָר אַן אַנדער זאַך — אַ זאַך וואָס ער האָט אייגענטליך אַליין ניט געוואוסט מיט וואָס מ'עסט דאָס, אָבער מ'רופט דאָס וועטשערע.

דאָס איז אַ משל אַנטקעגען אייך, ליבע שוועסטער!

איהר זוכט די ליבע פון אייער מאַן; איהר האָט מורא אַז ער האָט אייך ניט ליב, און אַלע זאַכען וואָס ער טוט פאַר אייך, לויט ווי איהר אַליין באַשרייבט דאָס, זיינען די בעסטע סמנים פון אמת'ער ליבע — פיל שטאַרקערע סמנים אַלס אַ קוש אָדער אַ שמייכעלהאַפּט וואָרט.

אַ קוש און אַ קאָמפּלימענט קאָסטען גאָר ניט. אייער מאַן וואָלט וואַרשיינליך געקענט יוצא זיין דערמיט אנשטאָט דעם באַנק-אַקאַונט וואָס ער האָט געעפענט פאַר אייך, און אנשטאָט די זשולערי וואָס ער ברענגט אייך.

אָבער אייער מאַן האָט אייך ליב גענוג צו געבען אייך ממשות־דיגערע זאַכען, וועלכע זאָלען אייך מאַכען פאַרגעניגען, און האַלטען אייך צופרידען — וועלכע נאָך סמנים דאַרפט איהר, אַז ער האָט אייך ליב?

איך וויל ניט זאָגען אַז אַ מאַן דאַרף ניט אַמאָל אַ קוש טאָן זיין ווייב, אָדער זאָגען איהר אַ ליב וואָרט פון וועלכע אַ פרוי קוויקט זיך. שאַדען שאַדט עס געוויס ניט, און האַלט די פרוי מונטער.

פון אַ קאָמפּלימענט וואָס איז אַמאָל ניט ווערטה אַן אויסגעבלאָזענע איי קען זיך אַ ווייב אַמאָל פרעהען אַ וואָך כסדר, און אירבערדערצעהלען דאָס צו איהרע שוועסטער און שכנות. דאָס קאָסט קיין געלד ניט, און די פרוי מאַכט עס גליקליך.

אָבער עס זיינען דאָ מענער וועלכע זיינען בטבע ניט דעמאָנסטראַטיוו, דאָס מיינט, זיי האָבען פיינט צו מאַכען „אַ וועזן". זיי טראָגען ניט זייערע ליבעס און פריינדשאַפטען אויפ'ן אַרבעל אַז אַלע זאָלען זעהן.

זיי ווייזן אַרויס זייער ליבע דורך האַנדלונגען וועלכע צייגן פיל קלעהרער אַז זיי טראַכטן פון דעם געגנשטאַנד פון זייער ליבע, און געפינען מיטעל צו זאָרגן פאַר דער פרוי און צו פאַרשאַפן איהר הנאה.

אין אַמעריקא איז קושן-זיך צווישן מענער און פרויען, אַ גאַנץ ביליגע זאַך. דאָס ווערט געטאָן צווישן מאַן און ווייב מאַשינאַלנע, ווייל עס איז די מאָדע אַזוי.

אַ יונגע פאַר פאָלק האַלט זיך אין קושן און האַלזן אומעטום וואו זיי זיינען, פאַר אַלעמען אין די אויגן. דעם צווזעהער פאַלט אָפט צו אַ ניט-גוטקייט דערפון, צוצוזעהן ווי אַ פאָר נאַרן באַגאַווערן זיך געגענזייטיג, מיינענדיג אַז זיי ווייזן דערמיט אַרויס זייער שטאַרקע ליבע.

און אַפילו אין אמעריקא ווערט דאָס אויך ניט געטאָן אַזוי אָפט אונטער מענשן וועלכע באַזיצן פיינערע געפיהלן פאַר די פאַסיגקייט פון זאַכן.

ביי אונז אידן, באַזונדערס ביי די, וואָס האָבן נאָך אין זיך עטוואס פון דעם עלטערן דור, זיינען דאָ גאָר פילע, וועלכע זיינען ניט דעמאָנסטראַטיוו, וועלכע קושן זעלטן זייער פרוי, און ווי צו מאַכן אַ קאָמפּלימענט ווייסן זיי אין גאַנצן ניט.

פון אייער בריף, ליבע שוועסטער, שטוים איך מיך אָן, דאָס איהר זייט וואַרשיינליך פיל יינגער אין אמעריקא אלס אייער מאַן, פילייכט אַמעריקאַניש געבאָרן, און איהר זייט מעהר געוועהנט צו די אַמעריקאַנישע פאָרמען.

אייער מאַן האָט געוויס ניט געזעהן ביי זיינע עלטערן פיל קושן זיך, און האָט ניט געהערט קיין זיסע קאָמפּלימענטן פון טאַטן צו דער מאַמען, איז ער ניט געוועהנט דערצו.

זאָלט איהר זיך ניט נעמען קיין אומזיסטע זאָרגן און ניט איבערטראַכטן. אויב אייער מאַן האָט ניט ליב געקושט צו ווערן, דאַקוטשעט איהם ניט. עס זיינען דאָ פילע אַנדערע וועגן פאַר א פרוי צו ווייזן איהר ליבשאַפט און טרייהייט צו איהר מאַן.

ווען אַ פרוי זאָרגט פאַר די באַקוועמליכקייט פון איהר מאַן, זעהט זי איהם צו מיט זיין עסן און מיט זיין אַפּרוה, און דורך איהר ביישפיל פון רעספעקט און דאַנקבאַרקייט צו איהר מאַן פלאַנצט זי איין די זעלביגע אייגנשאַפטן אין די קינדער — איז זי א ליבענסווערטהע פרוי אפילו אַז זי קושט ניט.

איהר האָט, אָהן עין הרע, אַ גאַנץ פיינע מערכה פאַר אייער מאַן, און איהר האָט אַלע אורזאַכן זיך צו פיהלן צופרידן.

צוליב די „נארישקייטן" האט מען חתונה.

ווערטהער דר. קלארמאן.

איך בין א פרוי זעקס־און־דרייסיג יאהר אלט און עלף יאהר פאר־הייראט. מיין מאן איז מיט מיר פון איין עלטער. ער איז אכט יאהר אין לאנד, איך בין געקומען א יאהר שפעטער. ער פארדינט 45 דאלער א וואך. דאס איז ניט צופיל פאר א פאמיליע מיט פיר קליינע קינדערלעך, אבער איך בין צופרידן, אבי געזונד זאל מען זיין. די ארבייט אין הויז און די האדעוואניע פון פיר קינדער מאטערט אויס, איז קיין חידוש ניט וואס איך קוק אויס עטוואס עלטער ווי איך בין. איך בין אמאל געווען באטראכט אלס א גאנץ שעהנע. איך בין נאך אויך איצטער ניט מיאוס, אבער נאטירליך איז ניט דאס וואס מ'איז געווען פאר דער חתונה. מאכט מיין מאן מיר פארווירפע. ער איז א פיינער, אינטעליגענטער מענש, נאר אין דעם פונקט האט ער זיין שוואכקייט. ער זאגט, אז א פרוי אין מיינע יאהרן דארף זיין מונטער און מוטיג און דארף טרייען אויסצוקוקן שעהנער און קליידן זיך מיט מעהר געשמאק, ווייל א שעהנע פרוי, זאגט ער, איז איינע פון די דריי זאכן וואס שטעלן א מענשן צופרידן, און האלט אז די ליבע צווישן מאן און ווייב אז זי זאל ניט אפגעקיהלט ווערן. זאג איך צו מיין מאן, אז מיר זיינען שוין ניט קיין ספרינג־טשיקענס און מ'דארף ניט האבן אין זינען אזעלכע נארישקייטן. א געטרייער מאן, זאג איך צו איהם, דארף ארייננעהמען אין דער ווייב'ס לאגע און באגרייפן, אז ווען מ'האט אויף זיך א הויז מיט פיר קליינע קינדער קען מען אזעלכע זאכן אין זינען ניט האבן. מ'דארף האבען געדולד ביז די קינדער וועלן אונטערוואקסן. דער־ווייל בין איך נאך ניט קיין אלטע אידענע. מיין מאן זאגט, איך זאל פרעגן א דאקטאר וועגן מיין געזונד און זאל מעהר אכטונג געבן אויף זיך און ניט זיין אפגעלאזן, כדי איך זאל מעהר נושא חן זיין ביי איהם. און איך דיינקט, אז מ'קען לעבן אהן דעם אויך. ווייל איך הערן אייער מיינונג.

ב. ש.

ווייסט איהר, ליבע שוועסטער, אין וואס אייער בריף דער־מאהנט מיך? ער דערמאהנט מיך אן א מעשה'לע וואס איהר מעגט הערן.

ביי אונז אין שטאדט איז געווען א איד א פיינער באלעבאס, אבער ניט קיין גרויסער נדבן, ניט קיין בעל צדקה.

דערצו איז ער נאך געווען א שטיקל לץ, וואס האט ליב געהאט צו מאכן א שפאס; און אז אן ארעמאן פלעגט קומען נאך א נדבה, איז לא די וואס ער האט ניט געגעבן, האט ער נאך חוזק געמאכט פון איהם.

קומט איינמאָל צו איהם אַן אָרעמאַן און זאָגט אַז ער איז הונגעריג.

— הונגעריג? — פרעגט דער באַלעבאָס, — וועט איהר אפשר עסן קאַלטן צימעס?

— קאַלטן צימעס! — רופט אוים דער אָרעמאַן מיט התלהבות, — דאָס איז דאָך אַ מאכל מלכים! — אוודאי וועל איך עסן!

— אויב אַזוי, — זאָגט דער באַלעבאָס, — טאָ קומט זייט מוחל מאָרגן, ווייל היינט איז נאָך דער צימעס הייס.

איהר און אייער מאַן זייט ביידע אין די בעסטע יאָהרען, פער לאַנגט איהר פון איהם ער זאָל ניט טראַכטן פון די „נאַרישקייטן” ביז די קינדער וועלן אונטערוואַקסן.

אין אַזאַ פערלאַנג איז ניטאָ ניט קיין שכל און ניט קיין יושר.

צוליב די „נאַרישקייטן” האָבן מענשן חתונה.

אוודאי דאַרף אַ מאַן מיט איינזעהעניש ניט פאָדערן צופיל פון אַ פרוי וואָס אַרבייט שווער אין הויז, און האָט פיר קליינע קינדער צו האָדעווען.

אוודאי איז זיין פליכט איהר בייצושטעהן און צו העלפן ווי ווייט נאָר מעגליך.

אָבער ער האָט אויך אַ רעכט צו פאַרלאַנגען אַז זיין פרוי זאָל ערפילן איהרע פליכטן אַלס ווייב.

אַ קלוגע פרוי דאַרף ניט וואַרטן ביז איהר מאַן וועט איהר זאָגן אַז זי זאָל זיך מאַכן אַנציהענד, און ניט זיין אָפּגעלאָזן. זי וועט עס טאָן אַליין, לויט איהרע מעגליכקייטן.

מיר שיינט אַז איהר האָט באמת אַ פיינעם אינטעליגענטן מאַן, וועלכער רעדט צו אייך ווי אַ פריינד, און בעט אייך צו טאָן די זאַכן וועלכע זיינען גוט פאַר אייך: זעהן אַ דאָקטאָר, זיך קליידן בעסער, צו זיין מונטערער.

מ׳זעהט פון אייער שרייבן, אַז איהר לעבט רוהיג און צופרידן אויף אייער באַשיידענעם אופן, און איהר האָט אייער מאַן ליב; טאָ מיידט-זשע אוים אורזאַכן פאַר אומצופרידנעהייט.

וואָס איהר זאָגט אַז „מ׳קען אויסקומען אָהן דעם”, איז גאָר ניט שכל׳דיג. מ׳קען אויך אויסקומען אָהן ברעקפעסט, אָבער יעדער גע־זונטער מענש מיט אַפּעטיט וויל האָבן זיין ברעקפעסט.

עס איז קיינמאָל ניט גוט צו געהן צו עקסטרעמען; אָבער איינגעהאַלטענקייט און מעסיגקייט זיינען ניט געגען גוטען געזונט. אדרבא, זיי גיבן צו געזונט.

„אך, יענע ברויט, יענע ווײנטרויבן!"

ווערטהער דר. קלאָרמאַן.

מיר זיינען נאָך יונגע מענשן, איך מיט מיין מאַן, און מיר האָבן דריי ליבע קינדער, און זיינען ניט אָרעם. מיין מאַן האָט א פיינע ביזנעס. ווען מיר האָבן געהייראַט זיינען מיר געווען פארליבט איינער אין דעם אנדערן ביז משוגעת. מיר האָבן איינער אָהן דעם אנדערן א טאָג ניט געקענט לעבן. אָבער נאָך מיין דריטע בייבי איז אַלץ אזוי ווי אויסגעלאָשן געוואָרן. וואָס עס איז געקומען צווישן אונז ווייס איך ניט, אָבער מיר ווייזט אויס, אַז מיר דערווייטערן זיך אַלץ מעהר איינער פון אַנדערן. מיר קריגן זיך ניט, און קיינער פון אונז דיינקט ניט וועגן אָפּברעכן די היים, דען מיר זיינען ביידע צוגעבונדן צו די קינדער. אָבער וואוהין קען אזא גלייכגילטיגקייט פיהרן? צי קען ניט עפּעס געטאָן ווערן וועגן דעם?

א פרוי וואָס זאָרגט.

אַנשטאָט אַן ענטפער, ליבע שוועסטער, וועל איך אייך דערצעהלן אַן אמת'ע מעשה'לע, וואָס וועט אייך אפשר דינען פאַר אַן אילוסטראַציע אין אייער צושטאַנד.

מיינער אַ פריינד איז אין זיינע יונגע יאָהרן געווען אַ סטודענט אין פּאַריז. ער האָט געהונגערט און שטודירט. קיין בעסערן מאכל האָט ער זיך ניט געקענט פאַרשטעלן, ווי אַ לאַנגען פראַנצויזישן ברויט און אַ פונט ווײנטרויבן. ווען ער האָט געהאַט די געלעגענהייט האָט ער געגעסן ברויט מיט ווײנטרויבן און זיך געלאָבט דערמיט.

מיין פריינד איז מגולגל געוואָרן אין אַמעריקאַ, האָט דוקאַ געקראָגען געגנוג צום עסן, און עס האָט איהם קיין זאך ניט געפעלט; אָבער ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אַן דעם ברויט מיט ווײנטרויבן אין פּאַריז, פלעגט איהם לויפן די סליונקעס פון מויל.

אַך! יענע ברויט און יענע ווײנטרויבן! — פלעגט ער זאָגן מיט בענקשאַפט — וואו נעמט מען זיי איצטער?

נאָך פילע יאָהרן איז איהם אויסגעקומען צו מאַכן אַ רייזע נאָך פּאַריז, האָט ער זיך גלייך ביים זעצען אויפ'ן שיף געקוויקט מיט דעם געדאַנק, אַז די ערשטע זאך וואָס ער וועט טאָן ביים אָנקומען אין פּאַריז וועט זיין — צו עסן אַ לאַנגען ברויט און אַ פונט ווײנטרויבן.

ער האָט אזוי געטאָן. אָבער זיין ענטוישונג איז געווען טיף. ער האָט געגעסן און געקלאָגט, אַז פּאַריזער ברויט מיט ווײנטרויבן זיינען ניט מעהר דאָס וואָס זיי זיינען געווען.

אין דעם האָט ער געמאַכט אַ טעות. פאַריזער ברויט און וויינטרויבן האָבן געהאַט דעמזעלביגן געשמאַק וואָס אַמאָל, מעהר ניט, מיין פריינד איז ניט מעהר געווען דערזעלביגער וואָס אַמאָל.

וואָס עס האָט איהם געפעהלט, איז דער יוגענדליכער אַפּעטיט, און דער הונגער פון אַן אָרימען סטודענט. ער האָט צופיל ערוואַר־טעט פון דעם ברויט מיט די ווייטרויבן.

דער מוסר השכל דערפון איז — אפשר ערוואַרט איהר צופיל פון אייער יוגענדליכער ליבע.

איהר דאַרפט וויסן זיין, אז מענשן קענען זיך ניט לאַנג האַלטן אויפ׳ן אויבערשטן טרעפּל פון הינרייסונג, פון זעלבסט־פאַרגעסענ־הייט. אפילו אַ הייליגער יום טוב האַלט אָן בלויז אַ טאָג־צוויי, דער־נאָך קומט חול המועד.

עס איז נאָך אַלץ יום טוב, אָבער וואָכעדיג.

צוויי פאַרליבטע ביז משוגעת — ווי איהר זאָגט — וועלכע האָבן שוין דערלעבט דריי בייבים, האָבן געהאַט צייט פאַר איבער־זעטיגונג.

די רפואה דערצו איז, זיך אויסצוהונגערן ווי עס געהער צו זיין.

יענעם ברען, יענע התלהבות פון די ערשטע יאָהרן קענט איהר צוריק ניט כאַפּן. אָבער, אויב דער מאַנגל דערפון איז די זאַך איבער וועלכע איהר באַקלאָגט זיך, ווייזט מיר אוים אז איהר איבערטרייבט די גלייכגילטיגקייט פון אייער מאַן.

עס איז די טבע פון פילע פרויען זיך צו באַקלאָגן וועגן דעם. מען דערצעהלט פון אַן אַכציג־יעהריגער באָבע וועלכע האָט זיך באַקלאָגט פאַר איהרע אייניקלעך: „ניטאָ די כחות פון מוידוויז״. אָבער אַלע אַזעלכע קלאַגן קומען פון עראינערונגען פון יונגע יאָהרן וועלכע פאַרגעהען ניט צוריקצוקערן.

מיר שיינט, איהר האָט אַ גליקליך פאַמיליען־לעבן, און די גלייכ־גילטיגקייט איז בלויז אַ רעאַקציע נאָך יאָהרן פון שטאַרקער ליב־שאַפט.

א פאַרשלאַג פון „גט אויף פּראָבע״.

ווערטהער דר. קלאָרמאַן:

מיין מאַן און איך האָבן זעהר יונג געהייראַט, אָהן דער צושטימונג פון מיין פאַמיליע. אין די ערשטע יאָהרן נאָך אונזער חתונה, ווען מיר זיינען געווען אָרים און געראַנגעלט זיך מיט נויט, האָט זיין פאַמיליע מיין

לעבן נאָך שווערער געמאכט. זיי האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף מיין מאַן און האָבן איהם געלערענט ווי זיך צו באַנעהמען געגן מיר. איצט זיינען מיר פערצן יאָהר פאַרהייראַט און האָבן אַ בייבי. דורך די יאָהרן איז פאַר מיר קיין זאַך ניט צו שווער געווען צו מאַכן מיין מאַנ'ס לעבן און זיין היים אַזוי באַקוועם ווי נאָר מעגליך. איך האָב איהם אימער ליב געהאַט, ניט אַכטענדיג אויף זיין גלייכגילטיגקייט און זיין שטענדיגן זוכן חסרונות. איך בין ניט אונוויסנד און ניט נאַריש און האָב אַלע מאָל געזוכט וועגן צו זיין אַ ריכטיגע חבר'טע צו איהם. אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געוויזן גענוג צוטרוי אָדער געדולד צו רעדן מיט מיר ווי אַ חבר. מיר זיינען זעלטן אויסגעגאַנגען צוזאַמען.

לעצטנס האָב איך מיט זיין צושטימונג גענומען אַ וואָך וואַקיישאָן און האָב פאַרבראַכט די וואָך אין דער היים פון זיין שוועסטער. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס הויז אויף אייניגע מאָנאַטן, אויסצוגעפינען אויב עס וועט איהם ציהען צוריק אַהיים, און אויב עס איז מעגליך, אַז זיין פאַמיליען־לעבן זאָל זיין נאָרמאַל אַזוי ווי ביי אַנדערע פאַרהייראַטע מענער. ער זאָגט מיר, אַז ער האָט צו מיר גאָרניט, אָבער ער וויל ניט זיין געבונדן צו אַ פאַמיליען־לעבן, דאָס גיט ניט די באַפרידיגונג, וועלכע ער וואָלט וועלן פיהלן. ער בעט מיך איך זאָל זיך דאָס ניט נעהמען שטאַרק צום האַרצן, נאָר האָבן געדולד און זען, וואָס עס וועט אַרויסקומען פון אַזאַ פּראָבע. מיך האָט עס אינגאַנצן צעבראָכן. איך קען ניט פאַרשטיין, וואָס ער איז אויסן. ער טוט איצטער גאַנץ פיינע ביזנעס און מיר האָבן אַ באַקוועמע היים. דאָך האָט ער די היים פאַרלאָזן.

זינט ער איז אַוועק פון דער היים האָב איך איהם אַ פּאָר מאָל געזען און געבעטן ער זאָל צוריקקומען. עס איז מערקווירדיג, דאָס ער איז צו מיר פריינדליכער ווי פריהער, האָט מיר אָנגעבאָטן אפילו אַ ווערטפולע מתנה, אָבער אַהיימקומען — ניט. ביי אַלע זיינע פריינדליכקייטן גיט ער מיר אָנצוהערעניש, אַז דאָס בעסטע פאַר מיר וואָלט געווען צו פאַר־לאָזן די היים און אויב איך זאָל דאָס טאָן, וועט ער זאָרגן פאַר מיר און אונזער קינד אויף דעם בעסטן אופן. דאָס קען איך ניט פאַרשטיין און די פריינד, וואָס האָבן גערעדט מיט איהם, צו באַוועגן איהם ער זאָל ענדערן זיין שטעלונג, קענען דאָס אויך ניט פאַרשטיין. איך קען ניט טראַכטן פון פאַרלאָזן מיין היים, דען ניט איך האָב צו ווענדן צו גיין און ניט עס איז גוט פאַר מיין אינגעלע אַוועקגענומען צו ווערן פון זיין היים. אָבער אַזוי ווי ניט איך, ניט די אַנדערע לייט, פאַרשטייען, וואָס מיין מאַן איז אויסן, ווענד איך מיך צו אייך צו זאָגן אייער מיינונג און מיר צו ראַטן ווי אַזוי איך זאָל דאָ האַנדלען אין מיין אומגליקליכער אַנגעלעגענהייט.

האַרטבראָקען ווייף.

עס וואָלט גאָרניט שווער געווען צו דערקלערן די אורזאַכן פון אייער מאַנ׳ס באַשלוס און זיין באַנעמונג געגען אייך; אָבער דאָס איז ניט נויטיג צו טאָן, ווייל וואָס ווייניגער איהר וועט זיך גריבלען אין דעם, אַלץ גרינגער וועט אייך זיין דאָס אַריבערצוטראָגן.

די אָפּקיהלונג און גלייכגילטיגקייט פון אַ מאַן צו זיין פרוי, אָדער פון אַ פרוי צו איהר מאַן, איז גאָרניט קיין זעלטענהייט. ווען די גלייכגילטיגקייט איז איינזייטיג און דער צווייטער צד איז נאָך פאַרליבט, איז דער צושטאַנד אַ באַדויערענסווערטער.

אין אַזאַ פאַל קומען געוועהנליך פאָר שטורעמס, סצענעס, אויס־ברוכען פון אייפערזיכטיגע אָנפאַלן.

פון דעם געלאַסענעם, רוהיגן טאָן פון אייער בריף און פון דער זאַכליכער באַשרייבונג, קען איך זעהן, דאָס אייער פאַל איז אַן אויסנאַמע. איהר טראָגט אייער ביטערע ענטוישונג אין הארצן און איהר מאַכט ניט דערפון קיין דעמאָנסטראַציע.

דאָס באַווייזט אַ זעלבסטבאַהערשונג און אַ באַנעמונג, וועלכע זיינען גראָדע נאָבל. ווען אייער מאַן וואָלט געהאַט אַ ביסעל מעהר אינטעליגענץ, וואָלט ער דאָס געוואוסט צו שעצן.

עס איז נויטיג, אַז איהר אַליין זאָלט ריכטיג באַגרייפן די לאַגע. פאַר אַ מענשן, וואָס איז באַדרענגט פון אַ צרה, און זיין גייסט ליידט, איז אָפטמאָל שווער אָפּצושאַצן דעם אייגענעם צושטאַנד.

אַזוי ווי עס איז איבערהויפּט ניט מעגליך אויפצואוועקן ליבע אין א הארצן, וואו די ליבע איז אויסגעלאָשן געוואָרן, וואָלט איך אייך ראַטן ניט צו אַמפּערן זיך מיט אייער מאַן וועגן זיין באַשלוס, צו פאַרלאָזן די היים.

עס איז פיל בעסער ווי זיין שטענדיג איינער אין דעם אַנדערנ׳ס אויגן און קראַצן איינער דעם אַנדערנ׳ס נערוון.

אייער מאַן שיינט צו גלויבן, דאָס אַליין, אַוועק פון דער היים, וועט ער זיך פיהלן גליקליכער. לאָזט איהם דאָס פּרובירן, דען איהר קענט איהם סיי־ווי־סיי ניט צווינגען צו זיין אין דער היים.

וואָס איהר קענט יאָ פאָדערן איז, אַז אייער היים זאָל אויסגע־האַלטן ווערן פאַר אייך און אייער קינד ניט ערגער ווי פריהער, אָדער בעסער, אויב אייער מאַנ׳ס פאַרדינסטן ערלויבן דאָס.

וואָס אייער מאַן טראַכט זיך, ווען ער ראַט אייך צו פאַרלאָזן אייער היים, איז קיין אונטערשיד ניט. דאָס פּאַסט זיך וואַרשיינליך אַריין אין זיין פּלאַן פון „גליקזעליגקייט״.

איהר אָבער זאָלט גאָרניט דענקען פון אַזאַ אונזין. דאָס איז אייער היים און די היים פון אייער קינד; און ווען אייער מאַן וועט זיך

ארומזועהן, אז די באקוועמליכקייטן פון אייער היים קען ער אנדערש־וואו ניט געפינען, וועט דאס פיליכט ווידער זיין אויך זיין היים.

זאלט איהר זאגן צו אייער מאן, אז אזוי לאנג ווי ער וועט זארגן פאר זיין היים, פאר אייך און אייער קינד, מעג ער זיין וואו ער וויל. איהר וועט איהם לאזן צו־רוה און וועט זיך אפילו ניט נאכ־פרעגן וואו ער איז און וואס ער טוט.

אבער אייער היים זאלט איהר אויף קיין פאל ניט פארלאזן.

און אין דער צייט, וואס אייער מאן וועט „געניסן זיין פריי־הייט”, זאלט איהר ניט זיצן אין שטוב, „אין א זאק מיט אש אויפ'ן קאפ”, אזוי ווי אין א חורבן. דאס וועט אינגאנצן אונמעגליך מאכן א פרישן „סטארט” צווישן אייער מאן און אייך.

איהר זאלט זיך קליידן אזוי פיין און סטייליש ווי אייערע מיטל דערלויבן אייך און איהר זאלט אויסגעהן אדער אויספאהרן מיט פריינד אזוי אפט ווי איהר האט די געלעגענהייט.

און גיט אייער גאנצע צערטליכקייט צו אייער קינד, אין וועלכן איהר וועט געוויס געפינען טרייסט אין די שטונדן פון אייער איינ־זאמקייט.

ווי פארשליסט מען דעם מאן?

מיר זיינען צוועלף יאהר פערהייראט, מיין מאן און איך, און האבן צוויי קינדער. מיין מאן האט א סטאר און טוט ניט קיין שלעכטע ביז־נעס. מיר האבן א פיינע היים, און אביסל הכנסה פון אינוועסטמענטס אויסער די סטאר. וואלטן מיר זיך געקענט פארגינען אמאל אויסצופאהרן אין די קאנטרי אויף דריי־פיר וואכן. קען איך דאס ביי מיין מאן ניט פועל'ן. ער זאגט, אז ער קען ניט פארלאזן די סטאר אפילו ניט אויף א טאג. ער הייסט מיר נעהמען די קינדער און פאהרן אין קאנטרי אהן איהם. אבער מיר שרעקט דאס הארץ. איך האב מיין מאן נאך קיינמאל ניט פארלאזן אויף א טאג אפילו זינט מיר זיינען געווען חתן־כלה. מיר לעבן צופרידן, און ער ווייס קיין אנדערע פלעצער ווי די סטאר און די היים. זעלטן ווען מיר גייען אין קאני איילאנד, אדער צו א פארטי, אבער איך ווייס פרויען און אפילו מיידלעך וואס זיינען מיר מקנא. ווען איך בין אין דער היים ווייס איך אלע מאל וואו מיין מאן איז. אבער ווען איך זאל אוועקפאהרן אויף דריי־פיר וואכן, וועט מיר ניט רוהען מיין הארץ. איך קען דאס מיין מאן ניט זאגן, און ער האלט אין איין ריידן צו מיר אז איך זאל נעהמען מיט די קינדער א וואקיישאן אין די בערג. ווייס איך ניט

ווי איך זאָל טאָן. ניט גיין איז שלעכט, ווייל די קינדער און איך האָבן נויטיג א וואקיישאָן; און גיין האָב איך מורא. פרעג איך ביי אייך, דר. קלאָרמאַן, וואָס איז דאָס בעסטע פאַר מיר צו טאָן? דבורה.

אויף אַזאַ פראַגע איז זעהר שווער צו ענטפערן; דאָס איז אַן אמת'ע „קלאָץ-קשיה".

וואָס איהר פאַרלאַנגט אייגענטליך פון מיר, דבורה-לעבן, איז, איך זאָל אייך זאָגן, אויב אין דער צייט וואָס איהר וועט שעפּן פרישע לופט אין די בערג, וועט אייער מאַן זיצן אין דער היים און טראַכטן פון אייך, און אויסגעהן פאַר בייגקעניש, אָדער ער וועט זיך דערפריהלן צום ערשטן מאָל זינט זיין חתונה א „פריי-מאַיאָר", און וועט זוכן צושטרייאונג אַנדערשוואו?

אייך עקבערט דער צווייפעל, צי וועט אייער אוועקבלייבן פון דער היים אויף דריי-פיר וואָכן פאַרמעהרן אייער חן אין די אויגן פון אייער מאַן, און ער וועט ווינשן איהר זאָלט קומען וואָס גיכער צוריק צו איהם; אָדער ער וועט חלילה וואַרפן אַן אויג אויף איינע פון די ווייבלעך און מיידלעך וועלכע זיינען אייך מקנא, און וועט ווינשן איהר זאָלט אָנהאַלטן אייער וואַקיישאָן וואָס לענגער?

אייער צווייפל איז ניט אונבאַגרינדעט. מענשליכע ערפאַה-רונגען ווייזן אַן אויף ביידע מעגליכקייטן, ווי מ'קען זעהן פון די שפּריכווערטלעך וואָס מען געפינט אין אַלערליי שפּראַכן.

אין ענגליש, צום ביישפּיל, איז דאָ א ווערטל, אַז „דערווייטערונג גיט צו חן", און אַן אַנדער ווערטל, אַז „אַבוועזענהייט מאַכט די האַרץ צערטליכער".

פון דער אַנדער זייט ווידער איז דאָ אַן אַנדער ווערטל, אַז „אַוועק פון די אויגן, איז אַרויס פון האַרצן".

און די אַלע ווערטלעך זיינען אמת; עס הענגט בלויז אָפּ פון דעם טעמפּעראַמענט פון די פּערזאָנען און פון די אומשטענדן.

נאָהענטקייט צווישן אַ מאַן און אַ פרוי וועלכע האָבן זיך גערן, באַזונדערס פאַר דער חתונה, איז געוויס מסוגל צו ברענגען זיי נאָך נעהענטער און צו שטאַרקן דעם בונד צווישן זיי.

ווען אַ מאַן האָט ליב זיין פרוי, און זי פאַרלאָזט איהם פאַר אַ געוויסע צייט, וועט די דערווייטערונג פאַרמעהרן איהר חן אין זיינע אויגן.

פון נאָהענטן קען טרעפן אַמאָל אַז זי דאַקוטשעט איהם מיט אַ וואָרט, מיט אַ האַנדלונג פון איהר זייט וואָס איז געגן זיין געשמאַק; פון ווייטן זעהען זיך די חסרונות ניט אַרויס, און בלויז איהרע גוטע זייטן בלייבן אין זיין געדאַנק.

אזוי ווי אפילו קרעפלאך ווערן צוגעגעסן ווען מ'עסט זיי אלע טאג, קען אמאל א מאן זיך אנהויבן לאנגווײלן; דאס צוזאמענלעבן ווערט א זאך פון געוואוינהייט; און אמאל קומט איבערזעטיגונג.

אביסעלע דערוױיטערונג אין אזא פאל איז גאר ניט קיין שלעכטע זאך. נאטירליך קומט די געפאהר פון די ווייבלעך און מיידלעך וועלכע זיינען אייך מקנא, ווי איהר זאגט.

אזעלכע ווייבלעך און מיידלעך זיינען אמאל אמת'ע מזיקים פאר א מאן וואס איז אליין, און וואס זיין ווייב איז אין דער קאנטרי.

און דאך, גלויב איך, אז איהר דארפט קיין מורא ניט האבן צו נעמען מיט אייערע קינדער א וואקיישאן אויף דריי־פיר וואכן.

א מאן וואס לעבט מיט זיין פרוי צוועלף יאהר כסדר, און וויס בלויז פון זיין ביזנעס און זיין היים, און איז א גוטער מאן צו זיין פרוי און א צערטליכער טאטע צו די קינדער, האט צו טיף ארײנ־געגומען אין זיך די געוואוינהייט פון דעם דרך הישר, און דריי־פיר וואכן צייט איז ניט לאנג גענוג אז ער זאל זיך לאזן אפברעכן פון דער געוואוינהייט.

א מאן וועלכער איז אזוי „סטעדי" אין זיינע געוואוינהייטן וועט זיך פילן אונבאקוועם ווען זיין רוטין איז פלוצלינג געשטערט געווארן.

קומענדיג אהיים פון רעסטאראן, וואו ער וועט ווארשיינליך האבן געגעסן זיין סאפער, און ניט באגעגענענדיג די קינדער מיט זייער קינדערשער פלאפלעריי, און ניט געפינענדיג זיינע פאנטאפל אויף זייער פלאץ, וועט ער ווינשן אז זיין ווייב מיט די קינדער זאלן קומען אהיים וואס גיכער.

מעגט איהר נעמען אייער וואקיישאן, און ווערן מונטערער און פרישער, אי איהר, אי די קינדער, און ווען איהר וועט קומען צוריק, אביסעלע אפגעברענט פון דער זון, און מיט פולערע באקן, וועט איהר זיין נאך מעהר ווילקאמען צו אייער מאן.

דורך דער צייט וואס איהר זייט אין די בערג זאלט איהר ניט פארנעכלעסיגען צו שרייבן צו אייער מאן — אלע טאג אויב מעג־ליך — און צו לאזן די קינדער שרייבן, כדי ער זאל אייך איין טאג ניט פארגעסן.

זאל אייער הארץ זיין רוהיג, ווייל אויב איהר וועט איבער־קלעהרן וועגען די ווייבלעך מיט די מיידלעך, וועט אייך ניט איינ־געהן אייער וואקיישאן, און איהר וועט פארלירן אין געזונט אנ־שטאט צו געווינען.

מיר ווייזט אוים, אז איהר האט אייער מאן אין די צוועלף יאהר ניט שלעכט „ערצויגן", האט איהר ניט וואס מורא צו האבן.

ליבע און אייפערזוכט

ווערטהער דר. קלאַרמאַן:

מיין מיידל און איך געהען אין קורצן הייראַטן. איך בין אַן אַר־בייטער, האָב אַ סטעדי דזשאַב און בין אימשטאַנד אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע, ניט אין לוקסוס, אָבער אָהן דחקות. מיין מיידל שאַפט אין אַן אָפיס און פאַרדינט גענוג פאַר אַלץ וואָס זי דאַרף. אַזוי ווי זי וואוינט מיט איהר מוטער וועלכע האָט אַ שטיקל הכנסה, קען זי נאָך שפּאָרן אַ דאָלער. איך בין ניט פרום און אינטערעסיר מיך גאַנץ ווייניג מיט רעליגיעזע זאַכן. מיין מיידל דאַגעגן איז ערצויגן געוואָרן פון אַ פרומע אידישע מאַמע, און זי היט אָפּ פילע זאַכן אין אידישקייט צו וועלכע איך בין גלייכגילטיג. זאָגט זי, אַז נאָך דער חתונה זאָל איך ווערן אַ מעמבער אין דער שוהל וואו איהר פאָטער איז געווען אַ מעמבער (ער איז שוין אַ פאָר יאָהר טויט) און אָפּהיטן אידישקייט אַזוי ווייט ווי עס וועט מעגליך זיין. איך האָב גאָר קיין חשק ניט צו דעם. זי פערלאַנגט אויך אַז נאָך דער חתונה זאָלן מיר וואוינען ביי איהר מוטער. דאָס געפעלט מיר גאָר ניט. אויך זאָגט זי מיר, אַז נאָך דער חתונה וועט זי ניט אויפ־געבן איהר דזשאָב. איך האָב מיר אַלע מאָל פאָרגעשטעלט אַז איך וועל האָבן מיין היים מיט מיין אייגענע באַלעבאָסטע און הנאה האָבן פון לעבן אונגעשטערט. בין איך דערמיט גאָר ניט צופרידן און מיר האָבן ארגו־מענטן וועגן דעם. די לעצטע פראַגע איז די שווערסטע, וויל מיר זיינען ביידע אייפערזיכטיגע נאַטורן. מיך ערגערט ווען איך זעה זי צווישן מאַנסלייט וואָס זיינען צו פאַמיליאַרנע מיט איהר, און דאָס קען ניט פאַר־מידן ווערן אין אַן אָפיס. און זי קען ניט ליידן ווען איך קום אין באַ־ריהרונג מיט אַנדערע פרויען. אָבער חתונה האָבן מוזן מיר. מיר האָבן איינער דעם אַנדערן ליב. האָבן מיר בעשלאָסן צו פרעגן דר. קלאַרמאַן ווי אַזוי די פראַגן קענען פאַרענטפערט ווערן.

א יונגערמאַן מיט פיר פראַגן.

איהר זייט גערעכט, מיין פריינד, ווען איהר זאָגט אַז די לעצטע פראַגע איז די שווערסטע, וויל קיין זאַך איז ניט אַזוי צושטערנד פאַר אַ פאַמיליען־לעבן ווי אייפערזוכט.

אַזוי גיך ווי מאַן און ווייב הויבן אָן פאַרדעכטיגן איינער דעם צווייטן, איז מעהר קיין פלאַץ ניטאָ פאַר גליק און צופרידענהייט.

אייפערזוכט ליגט אין דער נאַטור פון פילע מענשן. זיי זיינען אָפט אייפערזיכטיג אָהן אַ גרונד, און זוכן אַ גרונד צו זיין אייפער־זיכטיג. מיט אַזעלכע מענשן איז ניט מעגליך צו פיהרן אַ פריד־ליכעם לעבן.

אבער מענשן מיט שכל היטן זיך אוים פון אייפערזוכט אהן א גרונד.

איהר, מיין פריינד, געהט איצטער הייראטן מיט דער מיידל וועלכע איהר האט ליב. ווארשיינליך האט איהר צוטרוי צו איהר. און אויך זי מוז האבן צוטרוי צו אייך, אז ניט וואלט זי אייך ניט אויסגעקליבן אלס איהר באשערטן.

צוליב וועלכע אורזאכע קענט איהר אנהויבן פארדעכטיגן איינער דעם צווייטן נאך אייער הייראט? אויב אייער שכל זאל אייך ניט אויסהיטן פון פארדעכטיגונג איז פיל גלייכער איהר זאלט ניט הייראטן, ווייל דער מאנגל אין געגנזייטיגן צוטרוי וועט אייך ביידן מאכן אומגליקליך.

די פראגע קענט איהר לייזן דורך א פעסטן באשלוס צו זיין אויפריכטיג איינער מיט דעם אנדערן, און ניט צולאזן קיין פער־דאכט אין די טרייהייט פון איינעם צום אנדערן, אונטער קיינע אום־שטענדן.

די פראגע פון אייערע פארשידענע שטעלונגען צו אידישקייט קען פיל לייכטער פארענטפערט ווערן.

איהר זייט ניט קיין רעליגיעזער מענש, ווי איך זעה, ניט דער־פאר וואס איהר זייט א פילאזאף, וואס איז געקומען צו דער איבער־צייגונג אז מ׳דארף ניט אפהיטן אידישקייט.

ווי טויזענדע אנדערע אידן האט איהר זיך אויסגעטאן פון אידישקייט און איהר טראכט ניט וועגן דעם. אפשר דערפאר וואס מ׳האט אייך אין דער יוגענט ניט ערצויגען אין גוט־אידישקייט; אדער דערפאר וואס איהר האט אלע אייערע יאהרן געלעבט אין א ניט־אידישער אומגעבונג.

דאס איז דאך ביי אייך ניט קיין פרינציפ־זאך, אז מ׳טאר ניט אפהיטן אידישקייט.

עס וועט אייך געוויס גאר ניט שאדן אויב אייער פרוי וועט פיהרן כשר די הויז און וועט אנצינדן ליכט פרייטאג־צו־נאכט, און האלטן שבת און יום טוב וועניגסטענס אין הויז.

אומגעקערט, ווען איהר וועט זיך אביסעלע צוגעוואוינען צו אזא לעבן, וועט עס אייך דוקא זיין אנגענעמער. דאס גיט דעם פאמיליען־לעבן א געוויסן כאראקטער.

און וועגן ווערן א מעמבער אין שוהל — איז דאס אויך גאר ניט קיין שלעכטע זאך, אפילו אז מ׳איז ניט קיין למדן אין אידיש־קייט. אין דעם לעבן פון א אידישער פאמיליע קומען פאר פילע זאכן אין וועלכע די צוגעהעריגקייט צו א קהלה איז פון גרויסן נוץ.

מעגט איהר אין דער זאך נאכגעבן דעם וואונש פון אייער כלה.

איהר דאַרפט איהר אויך נאָכגעבן איהר וואונש אַנצוהאַלטן איהר דזשאַב אין אַפּיס נאָך דער חתונה.

מיר ווייזט אויס אז זי איז אַ בעסערער בעל-חשבון ווי איהר זייט ווען עס קומט צו דאָלערס און סענטן.

טאַקע איהר האָט אַ סטעדי דזשאַב, און קענט אויסהאַלטן אַ פאַמיליע, אָבער לעבן פון האַנט צום מויל איז ניט קיין תכלית. אייער מיידל פאַרשטעהט, אז ווען זי וועט אַנהאַלטן איהר דזשאַב וועט איהר גיכער קומען צו אַן אָפּגעשפּאָרטן דאָלער פאַר דעם שפּריכווערטליכן „רעגענדיגן טאָג”.

נאָר אין איין זאַך זאָלט איהר ניט נאָכגעבן, און דאָס איז, אין איהר פאַרלאַנג אז נאָך דער חתונה זאָלט איהר וואוינען מיט דער מוטער צוזאַמען.

זי איז געווים אַ גוטע געטרייע מאַמע, און וועט פיהרן די באַלעבאַטישקייט און זיין אַ הילף צו אייער פרוי. אָבער עס איז פיל וויכטיגער איבערצולאָזן אַ יונגע פּאָר פאַלק אין גאַנצן צו זיך אַליין.

אפילו די געטרייעסטע מאַמע איז אַ שטערונג אין דעם פּראָצעס פון צופּאַסען-זיך צווישן אַ יונגע פּאָר פאָלק. מ'דאַרף זיי לאָזן אַליין געניסן זייער לעבן, און אַליין אויסגלייכן זייערע פּראָבלעמס, אויב עס קומען וועלכע פאָר צווישן זיי.

דאָס איז דער בעסטער ענטפער וואָס איך קען אייך געבן אויף אייערע פיר פראַגן.

אַ פרוי אָהן אַ „דזשאַב”

ווערטהער דר. קלאַרמאַן.

איך בין אַ פרוי, פופציג יאָהר אַלט, דרייסיג יאָהר פאַרהייראַט. מיין מאַן איז אַן ארבייטער וואָס האָט אַלע מאָל געטרייט מאַכן אַ לעבן פאַר זיין פאַמיליע. ער האָט מיר זיינע פאַרדינסטן אַלע מאָל אָנפאַרטרויעט, און איך האָב געטאָן וואָס איך האָב געקענט צו שפּאָרן. מיר האָבן אויפגעהאָדעוועט אַ פאַמיליע פון פינף קינדער. מיט אַ יאָהר דרייצען צוריק איז מיין מאַן קראַנק געוואָרן. דאָקטוירים האָבן געראַטהן ער זאָל פאָהרן נאָך קאַליפאָרניא. דאָס ביסל געלד וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט האָט מיר געגעבן די מעגליכקייט צו נעמען איהם אהין, צו פלעגן איהם ביז ער איז געזונט געוואָרן. דאַן האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט די קינדער, וועלכע איך האָב געהאַט פאַרטיילט אונטער דער פאַמיליע, און מיר האָבן זיך באַזעצט אין קאַליפאָרנא. מיין מאַן האָט ווידער געאַרבייט ווי פריהער, און מיר האָבן געשפּאָרט, ביז מיר האָבן זיך גאָט צו דאַנקען צו עטוואָס דערשלאָגן. די

קינדער זיינען אלע פארזארגט. מיר האבן א פאר אייגענע הייזער, און מיר זיינען אין גוטע אומשטענדן. וואלטן מיר איצטער געקענט הנאה האבן פון לעבן און קומען אמאל צווישן מענשן, לאזט ניט מיין מאן. ער ווייס נאר פון ארבייטן דעם טאג, פון אפעסן סאפער, לייענען זיין פייפער, און געהן שלאפן. מיר געהען צו קיינעם ניט און קיינער קומט ניט צו אונז. אזוי לאנג ווי די קינדער זיינען געווען קליינע, האב איך עס געקענט דערטראגן ווי עס איז, ווי לאנגווייליג און כמורנע אזא לעבן איז געווען. איצטער קען איך דאס ניט מעהר דולדן. איך האב געוואלט באזוכן א קראנקע שוועסטער אין די איסט, האט מיין מאן געמאכט א סקאנדאל און האט געזאגט, אז אויב איך פאהר זאל איך ניט קומען צוריק. בין איך ניט געפאהרן. איך בין געווארן א מעמבער אין א לידיס אוקזילערי צו העלפן נויטליידענדע, מאכט ער קולות פאר וואס איך בין געווארן „א גאנצע סאסיעטי לידי". געה איך אין סטאר, קוקט ער אויפ'ן זייגער איך זאל מיך ניט צו לאנג פארזאמען. איך לייד און שוויג אוים רעספעקט פאר מיינע קינדער, אבער איך פיהל אז מיין געדולד ענדיגט זיך. פליז, דר. קלארמאן, זאגט וואס קען איך טאן? רשה.

עס זיינען דא איניגע זאכן וואס איהר וואלט געקענט טאן, פרוי שרה, אבער אין דעם אנגעצויגענעם צושטאנד וועלכער הערשט צווישן אייך און אייער מאן וואלט עס געווען ניט ריכטיג צו ראטהן אייך עטוואס צו טאן וואס קען נאך מעהר שטערן אייער פאמיליען-לעבן.

אייער טענה איז א גערעכטע. קען איך אייך ניט זאגן אז איהר זאלט וויטער אזוי אנגעהן און טראגן געדולדיג אייער לאנגווייליגעס לעבן אהן א סימן פון צושטרייאונג.

פון דער אנדער זייט אבער איז עס ניט די פאסיגע זאך פאר א פרעמדן זיך אריינצומישן און געבן עצה'ס וואס קענען פיהרן צו אויפרעגונגען אין א פאמיליע.

די פראגע וואס אינטערעסירט מיך מעהר אין אייער פאל, איז — וואס קען אייער מאן טאן צו פארהיטן אז עס זאל ניט קומען צו א צוזאמענברוך.

מ'קען זעהן אז ער איז אן אנשטענדיגער בכבוד'ער מענש, אבער ניט גענייגט צו געזעלשאפטליכקייט. ער געהערט צו די נאטורן וואס לעבן פאר זיך, און מיידן אוים באריהרונגען מיט מענשן אזוי ווייט ווי זיי קענען.

דער מענש איז בטבע א געזעלשאפטליכע באשעפעניש, און דער נארמאלער צושטאנד פון א מענש איז, צו האבן חברים, צו קומען אין געזעלשאפט, און זוכן צושטרייאונג.

אזוי לאַנג ווי אַ מענש איז יונג, האָט קליינע קינדער און דאגות פון פּרנסה, געפינט ער גענוג פּערזענליכע אינטערעסן אין לעבן אויסצופילן זיינע געדאַנקען און זיין צייט אָהן פיל געזעלשאַפט־ליכקייט.

זיין אַרבייט, זיין שאַפ, זיין פייפער גיבען איהם אַביסל צו־שטרייאונג.

אָבער ווען א מענש הויבט זיך אָן עלטערן ענטוויקעלט ער שגעונות, קאַפּריזן, און ביי אַ מענשן וואָס איז ניט געזעלשאפטליך קענען זיי אַמאָל אָננעהמען שאַרפע פאָרמען.

ווען אייער מאַן און איהר וואָלטן נאָך געווען יונגע מענשן, און אייער מאַן וואָלט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אויפרעגונג ווען איהר געהט אַוועק פון הויז א וויילינקע, און וואָלט אַזוי געהיט אייערע טריט, וואָלט מען געקענט זאָגן אַז דאָס איז אייפערזוכט.

ביי אַ יונגען מאַן איז אייפערזוכט אַ נאַטירליכע ערשיינונג.

אָבער ביי אַ מאַן אין די פופציגער יאָהרן, ווען מ׳האָט אָפּגע־לעבט מיט אַ ווייב אַ לעבן פון צוטרוי, און אויפגעהאָדעוועט אַ שעהנע פאַמיליע, איז אַזאַ ערשיינונג ניט נאָרמאַל. דאָס איז אַ קאַפּריז, אַ שגעון, פון וועלכע א מענש מיט שכל דאַרף זיך צו־ריקהאַלטן.

אויך דאַרף אַ מענש מיט אַ שכל הישר פאַרשטעהן, דאָס פאַר אַ מענשן איז נויטיג אָפּטמאָל צושטרייאונג, און קומען צווישן מענשן, אַזוי ווי עס איז נויטיג פאַר וואַסער זיך צו באַוועגן כדי ניט צו ווערן טוכלע און אומגעזונט.

נאָרמאַלע מענשן נעמען אַ וואַקיישאַן, פאַהרן זיך דורך, גייען צו מיטינגס, כדי דורכצולופטערן זייערע געדאַנקען, און צו ווערן, פרישער, מונטערער.

און א פרוי וואָס איז געוואוינט געווען צו פירן אַ הויז מיט קינ־דער, ווען זי בלייבט אָהן א „דזשאַב״, און האָט בלויז צו פיהרן אַ באַלעבאַטישקייט פאַר צוויי, מיט פיל פרייע צייט אָהן באַשעפ־טיגונג, ווייס זי ניט וואָס צו טאָן מיט זיך און פאַלט אַריין אין אומ־צופרידענהייט, אין נערוועזיטעט.

דאַן בילדעט זיך אין אַזאַ הויז אַ צושטאַנד פון גערייצטקייט, פון רוגזה, און אין אַזאַ אַטמאָספערע איז איין פונק אַמאָל גענוג אויפצופלאַקערן אַ מחלוקת.

אַ מאַן מיט שכל, אונטער אַזעלכע אומשטענדן, רעדט דוקא צו זיין ווייב, אַז זי זאָל אויסגעהן אָפטער, געפינען פאַר זיך וועלכ…

ניצליכע אינטערעסאנטע באשעפטיגונג, זיך באגעגענען מיט אנדערע פרויען, און דורך דעם ווערן פרישער, אופגעמונטערטער, און ממילא אויך צופרידענער.

געפעלט מיר ניט דער קאפריז פון אייער מאן וואס ער וויל אייך אימער האלטן אין הויז און ניט אראפלאזן פון די אויגן.

דאס איז ניט קיין נארמאלער צושטאנד. ער איז ווארשיינליך אין א נערוועזן צושטאנד, וואס איז ניט גוט. ער דארף זיך נעמען אין האנט און ניט דערלאזן אז זיין קאפריז זאל שטערן דאס רוהיגע לעבן פון זיין הויז.

מיר שיינט, אז אייער מאן נויטיגט זיך מעהר אין אן עצה ווי איהר. עס וואלט פיליכט גוט געווען ער זאל נעהמען ביי א דאקטאר א טאניק פאר זיינע נערוון.

אבער „ער" וויל הערשן

ווערטהער דר. קלארמאן:

דינסטאג, דעם 5טן פעברואר, איז אין אייער צייטונג געווען געדרוקט א בריף מיט די הערליין „א פרוי אהן א דזשאב". איך האב דעם בריף געלעזן און דערקענט אז מיין פרוי האט דאס געשריבן. איך וועל אייך דאנקבאר זיין ווען איהר וועט מיך אויסהערן און דאן ארויסזאגן אייער מיינונג.

צו ערשט וויל איך אייך באמערקן דאס מיין פרוי איז נאך ניט גע־בליבן אהן א דזשאב. זי האט נאך צו אטענדן מיך און די קינדער און אויך א גרויסע הויז.

איך בין א מאן איבער 51 יאהר אלט. איך ארבייט א גאנצן טאג שווער אין שאפ, און ווען איך קום אהיים וויל איך האבן מיין רעסט. און איך קען ניט פארשטיין ווי מיין פרוי ווילט זיך נאך אויסגיין, ווען זי האט אויך, ווי זי זאגט, געארבייט אין הויז א גאנצן טאג. זי באקלאגט זיך, איך האב איהר ניט געלאזט פאהרן זעהן איהר פאמיליע אין די איסט. ווען זי זאל ארבייטן אויף דעם געלד אזוי שווער ווי איך, וואלט זי אויך ניט וועלן פאטראניזירן די ריילראוד קאמפאניע, און זיין א פאר מאנאטן אוועק פון דער היים. זי זאגט, ווען זי געהט אין סטאר עטוואס קויפן, קוק איך אויף דעם זייגער, דאס איז ווייל איך ווייס זי דארף זיך זאמען א האלבע שטונדע, קומט זי קיינמאל ניט צוריק אין צייט, און אלע מאל האט זי אנדערע תירוצים. ווען איך געה, קום איך אימער צוריק אין צייט.

יעצט, ווערטהער דר. קלאַרמאַן, ווען איך האָב אייך שוין אַרויסגע־שריבן מיין זייט, בין איך זיכער דאָס איהר וועט האָבן אַן אַנדער מיי־נונג וועגן מיר.

דוד.

עס טוט מיר די גרעסטע הנאה, ר׳ דוד, וואָס איהר האָט מיר צוגעשיקט אייערע טענות אויך, און מיר געגעבן די געלעגענהייט צו באַטראַכטן דעם סכסוך צווישן אייער ווייב און אייך אומפּאַר־טייאיש, פון בײדע זייטן.

ניט אַלע מאָל האָב איך אַ געלעגענהייט מיך צו איבערצייגן אויב מיין אורטייל איז ריכטיג אָדער ניט, ווייל געוועהנליך קומט מיר אוים צו הערן בלויז איין צד.

אין דעם פאַל האָט איהר מיר באַוויזן צוויי זאַכן: ערשטענס, אַז אייער פרוי האָט אין איהר בריף געשריבן דעם גאַנצן אמת, און האָט קיין זאַך ניט איבערטריבן.

און, צווייטנס, אַז איך האָב געאורטיילט ריכטיג, און האָב קיין גרונד מיין אורטייל צו ענדערן.

לאָמיך אייך דאָס געבן צו ערקלערן, הגם איך האָב מורא אַז מיין מיה וועט זיין אומזיסט, ווייל קיינער איז ניט אַזוי בלינד ווי דער וואָס וויל ניט זעהן.

דרייסיג יאָהר איז די פרוי געווען אייער ווייב, די מוטער פון אייערע קינדער, די אַם, די קעכין, די נוירם — דרייסיג יאָהר!

זאָגט איהר, אַז זי האָט נאָך איצטער אויך דעם דזשאָב צו טענדן צו אייך, צו די קינדער, צו אַ גרויסער הויז.

און איך זאָג אייך, אַז זי איז דאָס ניט מחויב צו טאָן. טענדן צו אייך, יאָ, אָבער זי איז ניט מחויב צו זיין אַ קעכין און אַ דינסט צו דערוואַקסענע קינדער און צו אַ גרויסן הויז.

ניט געזעץ און ניט יושר קענען דאָס פאָדערן פון איהר.

אַ פרוי וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט אַ פאַמיליע ביז זיי זיינען גרויס און קענען זאָרגן פאַר זיך, האָט געענדיגט איהר דזשאָב אַלס מוטער.

זי איז ניט מעהר מחויב צו טאָן; און וואָס זי טוט איז מיט׳ן גוטן ווילן, און קינדער דאַרפן דערפאַר דאַנקבאַר זיין.

איצטער לאָמיר מאַכן מיט אייך אַ שטיקעלע חשבון:

ווען אייער ווייב וואָלט דרייסיג יאָהר כסדר געווען אַ דינסט אין אַ פרעמדן הויז, אַ קעכין, אַ הויז־ווירטין, — און וואָלט גע־שפּאָרט אפילו נאָר אַ טייל פון איהר געהאַלט, וואָלט זי איצטער געווען אַזוי רייך ווי איהר, און וואָלט געווען פריי און זעלבסט־שטענדיג.

וואלט זיך איהר פארוואלט פאהרן זעהן א שוועסטער אין די איסט, וואלט איהר קיינער קיין דעה ניט געזאגט.

וואלט זי געוואלט באלאנגען צו א ליידים סאסייעטי וואלט איהר קיינער דאס ניט אויסגערעדט און וואלט ניט געזאגט ווי א באליי־דיגונג „אז זי ווערט א גאנצע סאסייעטי ליידי".

וואלט זי זיך פארזאמט מיט א פערטעל שטונדע מעהר אין גראסערי סטאר, וואלט זי ניט געהאט איבער זיך קיין שקלאפן־טרייבער, וואס זאל צעהלן איהרע מינוטן.

איז דערפאר וואס זי איז געוועזן צו אייך א ווייב, און א נוירס אין אייער קראנקהייט, און די מאמע צו אייערע קינדער, האט זי פארלארן איהר פערזענליכקייט, איהר גאנצע פרייהייט, און איז ניט מעהר ווי א שקלאפין — ניט ווי א אידישער שקלאף וואס ווערט פריי נאך זעקס יאהר — נאר ווי אן עבד כנעני, אויף אייביג!

איהר זאגט, אז איהר ארבייט שווער אויף אייער געלט! זי ארבייט אויף אייער געלט ניט וועניגער שווער ווי איהר. ווען זי זאל ניט קאכן, און ניט סערווירן, און ניט מאכן אייער בעט, און ניט צירעווען אייערע זאקן, און ניט אייננעהען אייערע קנעפלעך, און ניט זארגן פאר הונדערט אנדערע באקוועמליכקייטן אייערע, וואלט איהר ניט געמאכט אייער געלט.

ווען א פרוי ארבייט אפ דרייסיג יאהר און וויל זיך דורכפאהרן זעהן מיט איהר פאמיליע, צו דערפרישן איהר גייסט — רעדט איהר וועגן די עטליכע דאלער וואס איז איהרע אזוי גוט ווי אייערע.

זי האט ביי אייך געדינט און איהר האט איהר קיין ווייזשעס ניט געצאלט!

זיך דורכפאהרן אמאל, ענדערן די סצענע וואו מ'איז פאר־שקלאפט איז אמאל אזוי נויטיג ווי עסן, ווי קליידער, ווי שיך.

אויב איהר ווילט ניט זי זאל פאהרן, כדי ניט רייך צו מאכן די ריילראודס, פארוואס טראגט איהר שיך? — איהר מאכט דאך רייך די שוה פעקטארי!

דאן זאגט איהר, אז איהר פארשטעהט ניט, פאר וואס ווען איהר קומט פון שאפ א פארמאטערטער, ווילט איהר האבן אייער רוה און איהר געדהט שלאפן, ווערענד זי, נאך א טאג ארבייט אין הויז, ווילט זיך איהר גאר ארויסגעהן!

עס איז גאר ניט נויטיג אז איהר זאלט דאס פארשטעהן. ניט אלע קענען אלעס פארשטעהן.

אייער ווייב איז אין אלע הינזיכטן אזא מענש ווי איהר, נאר מיט א ביסעל אן אנדער טעמפעראמענט, ווייל עס זיינען ניטא אין דער וועלט צוויי מענשן וואס זאלן אין אלע באציהונגען זיין גלייך.

אייער אָרגאַניזם פאָדערט מעהר שלאָף, מעהר רוה; אייער ווייב נויטיגט זיך מעהר אין דערהייטערונג, אין דערמונטערונג, ווייל דאָס בארוהיגט מעהר איהרע נערוון.

ווען זי פאַרזאַמט זיך אין גראָסערי צו לאַנג מאכט איהר קולות, און איהר זאָגט, אַז זי גיט יעדעס מאָל אַנדערע תירוצים. דאָס באווייזט בלויז אַז זי וויל אויסמיידן סקאַנדאַלן, ווייל ווען ניט דאָס, האָט זי אייך אין גאנצן ניט געדאַרפט ענטפערן.

ווער האָט אייך געמאכט פאַר אַ שקלאַפן-טרייבער צו פאָדערן פון איהר דין וחשבון פאַר יעדע מינוט? האָט איהר זי געדונגען פער שטונדע?

ניין, ר' דוד, מיין אורטייל איז געווען ניט שטרענג גענוג. אייער בריף באַשולדיגט אייך נאָך מעהר ווי דער בריף פון אייער פרוי.

דאַנקט גאָט פאַר אייער פרוי. אַן אַנדערע אויף איהר אָרט, מיט אַביסל ווייניגער בושה פאַר לייטן און מיט ווייניגער רעספעקט פאַר זיך און פאַר דערוואַקסענע קינדער, וואָלט מיט אייך געלערנט בלק...

קליינע שטעד־ווערטלעך

ווערטהער דר. קלאַרמאַן:

מיין מאַן און איך זיינען עלף יאָהר פערהייראַט, און מיר האָבן צוויי ליבע קינדער, דאָך קען איך זאָגן אַז דורך די גאַנצע צייט, וויים איך ניט אויב איך האָט געהאַט איין בארוהטן טאָג. מיינע צרות האָבן אָנגעפאַנגען אַ וואָך נאָך אונזער חתונה. פאַר דער חתונה איז מיין מאַן געווען שטאַרק פאַרליבט אין מיר. אַלץ וואָס איך האָב געטאָן, און מיין יעדער טריט איז איהם געווען אַנגענעהם. נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבן זוכן חסרונות: איך רייד ניט גוט מיט מענשן, איך געה ניט גוט, איך קאָך ניט גוט, איך ערציה די קינדער ניט גוט, הכלל, וואָס איך טו איז ניט גוט. שפּאָר איך פון דער הוצאה באַשולדיגט ער מיך אין זאַמלען אַ „קניפּעלע”, שפּאָר איך ניט, בין איך אַן אויסברייגגערין. און טאָמער זאָג איך איהם, אַז מיר געפעלט ניט ווי ער האַלט די הענט אין די קעשענעס ביים טיש, אָדער ווי ער גענעצט ווען ער זיצט מיט מענשן, און נאָך אַזעלכע זאַכן, איז „הימל עפן זיך!” צוויי מאָל בין איך פון איהם אַוועק, איז ער געקומען בעטן איך זאָל קומען צוריק, און האָט געמאַכט אַלערליי הבטחות. איז אַ פּאָר וואָכן שטיל, דערנאָך הויבט ער ווידער אָן. וואָלט איך אין גאַנצן אַוועק פון איהם און געפינען אַ דזשאָב, איז אָבער די פראַגע וואָס טוט מען מיט די קינדער. בעט איך אייך, דר. קלאַרמאַן, גיט מיר אַן עצה.

די געערגערטע פרוי.

אַמ איז אַ קראַנקהאַפּטער צושטאַנד אין אַ פאַמיליע פאַר וועלכן, עס ווייזט אויס, איז מעהר קיין האָפנונג ניטאָ, און וואָס ווערט וואַרשיינליך פריהער אָדער שפּעטער ענדיגן אין אַ גט.

און די פאַמיליע האָט אָנגעפאַנגען אַזוי גלענצענד, אַזוי פאַר־שפּרעכענד, פול מיט געגענזייטיגער ליבע און ערגעבנהייט.

וואָס איז דאָרט אַזוינס געשעהן? וואָס האָט געבראַכט דאָס שיפל פון אַמ־דעם פאַמיליען־לעבן צו אַזאַ וועהטאָגדיגער שטרויכלונג?

נאָכדעם ווי מ׳האָט געלעזן דעם בריף פון דער „געערגערטער פרוי” איז ניט שווער צו געפינען דעם שטיין אָן וועלכן זייער שיפל איז געשייטערט. דער שטיין אין זייער וועג איז געגענזייטיגע קריטיקע.

באַלד ער און באַלד זי, און אַמאָל ביידע צוגלייך, האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אָנווייזן איינער דעם אַנדערן אויף די זייטן פון זייערע פערזענליכע מאַניערן, וועלכע געפעלן ניט. אַנשטאָט צו ריידן איינער צום אַנדערן פון די אַנגענעהמע זייטן וועלכע זיי האָבן איינער אין דעם אַנדערן ענטדעקט פאַר זייער חתונה.

ס׳איז באמת ניטאָ קיין ממשות׳דיגער גרונט אין דעם לעבן פון אַמ־דער פאַמיליע פאַרוואָס זיי זאָלן זיין אומגליקליך און ניט געהן זייער וועג צוזאַמען — אויסער אין ביטערע ווערטער.

אַ פרוי קען מוחל זיין אַ מאַן מאַנכע זאַכן, אָבער ווען יעדן טאָג צו ברעקפעסט זאָגט ער איהר אַז זי פאַרשטעהט ניט ווי צו מאַכן טאָוסט, אָדער דאָס זי ווייס ניט ווי צו ערציהען די קינדער, אָדער די גראָסערי און בוטשער בילס זיינען צו גרויס, דאָס קען זי ניט מוחל זיין, און דאָס זאַמלט זיך אין איהר געמיט, ווי ברען־מאַטעריאַל וואָס מוז פריהער אָדער שפּעטער אויסברעכן אין ברענענדיגע פאַרווירפע.

דאָס גלייכן ווערט אַ מאַן אפשר גיכער פאַרקוקן וואָס זיין ווייב איז ניט קיין ערשט־קלאַסיגע באַלעבאָסטע, און ניט די בעסטע קעכין, אָדער וואָס די קינדער זיינען ניט אַלע מאָל געוואַשן; אָבער וואָס ער ווערט איהר ניט מוחל זיין איז וואָס זי האַלט איהם אין דער־מאָנען וואָס פאַר אַ שלים־מזל ער איז, און דאָס ער קען ניט מאַכן אַזוי פיל געלט ווי זיין ברודער אָדער זיין שוואָגער, אָדער איז ניט שעהן אין זיין אויסזעהן אָדער אין זיינע מאַניערן.

קיין זאַך ברענגט ניט אַרויס אַזוי פיל גאַל און ביטערקייט, און קיין זאַך טליעט ניט אַזוי אין זכרון ווי אַט אַזעלכע שטעך־ווערטלעך, און אַזעלכע קריטיקן.

אַלע מענער און אַלע ווייבער ווייסן דאָס, און דאָך ווילן זיי זיך

פון דעם ניט צוריקהאלטן; מאַכן קיין אַנשטרענגונג זיך צוריקצו־האַלטן, און לאָזן דעם פאַרשטיקטן פייער זיך אָנזאַמלען ביז ער ברעכט אויס, און ס'איז ניט מעהר מעגליך איהם איינצולעשן.

אַלע וויסן דעם אמת פון דעם אלטן ווערטל, אַז „טויט און לעבן הענגען אָפּ פון צונג", און זיי וועהלן דעם וועג פון טויט אַנשטאַט דעם וועג פון לעבן.

וויפיל מענער און פרויען זיינען דאַ, וועלכע שטעהען איינער געגן דעם אַנדערן ווי שונאים און קלערן נאַר וואָס ביטערער אַרויס־צוזאָגן איינער דעם אַנדערן? וויפיל ווייבער זיינען דאַ וואָס האָבן פון זייערע מענער קיינמאָל ניט געהערט קיין וואָרט פון בייפאַל, פון לויב אָדער פון אַן אויסדרוק פון צופרידענהייט? וויפיל מענער זיינען דאַ וועלכע הערן קיינמאָל ניט פון זייערע פרויען אַ וואָרט פון אַנער־קענונג אָדער ערמוטיגינג אין זייערע טעגליכע לאַסטן?

אָבער אַזעלכע מענער און אַזעלכע ווייבער וועלן זעלטן פאַר־ביילאָזען אַ געלעגענהייט צו זאָגן איינער צום אַנדערען אַ וואָרט פון קריטיק, — געהסט ניט גוט, שטעהסט ניט גוט, רעדסט ניט גוט, און אַזוי ווייטער.

אַ פרוי קען ניט אַריינלייגן איהר האַרץ אין איהר אַרבייט פאַר איהר מאַן ווען זי ווייס אַז זי קריגט סיי־ווי קיין דאַנק דערפאַר, נאָר, פאַרקעהרט, שטעך־ווערטלעך און קריינקונג.

און אַ מאַן וועט ניט מאַכן קיין אָנשטריינגונג צו טאָן מעהר פאַר אַ ווייב וואָס גריזשעט, און ערגערט, און געהט אימער קידער־ווידער.

און דאָס ערגסטע דערביי איז — די בייזע ווירקונג וואָס אַזאַ לעבן האָט אויף קינדער, וועלכע וואַקסן אויף אין אַן אַטמאָספערע פון שטענדיגער אונצופרידנהייט, אויב ניט פון אָפענער שנאה.

איך דערמאָן מיך אין אַ פאַל פון אַ פאָר קינדערלעך וואָס האָבן געשפּילט אין מאַן־און־ווייב, און די מיידעלע האָט כלומרשט דער־לאַנגט דעם „מאַן" עסן.

פרעגט דער אינגעלע: „נו, פאַר וואָס זאָגסטו ניט?" ענטפערט די מיידעלע: „אי, איך האָב גאָר פאַרגעסן: „ווער דערוואָרגן!"

דאָס האָבן די קינדערלעך ביי אַ געלעגנהייט געהערט פון דער מאַמען, און עס איז געבליבן אין זייער זכרון.

מיר שיינט, אַז דאָס איז די צרה אין דער פאַמיליע פון דער „געערגערטער פרוי". איך לעז דאָס אַרויס טאַקע פון איהר איי־גענעם בריף.

עלף יאָהר פערהייראַט, איז צייט אַז דער מאַן זאָל וויסן דאָס

פון זיינע פארדינסטן קען זיין ווייב ניט נתעשר ווערן און קען ניט אפשפארן קיין „קניפלעך".

און אויב אפילו זי שפארט יא עטוואס אפ, דארף ער דערפאר דאנקבאר זיין, און ניט מאכן קיין פארווירפע, ווייל נאך אלעמען שפארט זי פאר איהרע קינדער.

און אנשטאט צו זאגן איהר אז זי געהט ניט גוט, אדער שטעהט ניט גוט, וואלט ער בעסער געקענט ארויסזוכן די זאכן אין וועלכע זי טוט גוט, און איהר דאס זאגן, וואלט זי זיך געסטארעט בעסער צו טאן איהם צו געפעלן.

פאר דער חתונה איז ער אין איהר געווען פארליבט, מן הסתם האט ער דאך אין איהר געזעהן עטוואס וואס איהם איז געווען געפעלן. זי האט געוויס ניט אלע איהרע רייצן פארלארן! זאל ער בעסער ארויסזוכן די וואס זי באזיצט און ריידן וועגן זיי, אלס צו ריידן וועגן די חסרונות וואס ער האלט אין ענטדעקן פון טאג צו טאג.

איצטער איז זי די מוטער פון זיינע צוויי קינדער פון וועלכע ער האט נחת. זי פארדינט איינזעהעניש און צערטליכקייט אלס די מוטער פון די קינדער.

און דאסגלייכן זי וואלט ניט געדארפט מאכן א וועזן פון אזעלכע ריין-פערזענליכע מאניערן ווי האלטן די הענט אין די קעשענעס ווען אפילו דאס איז איהר ניט אנגענעהם. און ווען אפילו זי מוז איהם דאס אויסריידן, קען מען דאס טאן אהן רוגזה, און מיט טאקט, עס זאל ניט בלייבן קיין ביטערקייט.

וואס פאר אן עצה קען מען אין אזא פאל געבן? ווען עס וואלטן דא קיין קינדער ניט געווען, וואלט מען געקענט זאגן צו אזא פאר פאלק: „איהר קענט ניט לעבן גליקליך צוזאמען — לעבט גליקליך בעזונדער!"

אבער דא זיינען פאראן צוויי יונגע קינדער וועלכע וועלן בלייבן לעבעדיגע יתומים. ווער וועט זארגן פאר זיי?

קען זיך די פרוי פארלאזן אז דער מאן וועט איהר צאהלן „אלי-מאני" און זי וועט האדעווען די קינדער? דאס איז שווער צו ערווארטן. ער וועט זוכן פרייהייט און אן אנדער פרוי.

און זי וועט אין בעסטן פאל געפינען א שטיף-טאטן פאר די קינדער.

און אט-דער גאנצער חורבן וועט זיין ארויסגעקומען בלויז פון

זייער ניט קענען האַלטן דעם צונג, פון געבן שטעך־ווערטלעך און מאַכן פאַרווירפע איינער דעם צווייטן.

איז דאַריבער מיין עצה: „האַלט אייז אייער כעס און אייערע צינגער!"

יעדעס מאָל ווען איינעם פון אייך פאַלט איין אַרויסצוזאָגן אַ ביטער וואָרט, טראַכט פון די קינדער, און זאָגט בעסער אַרויס אַן אַנגענעהם פריינדליך וואָרט. וועט איהר גאָר אין קורצן אויסגעפינען אַז אייער ליבע פון חתן־כלה־צייט איז נאָך ניט אין גאַנצן אויסגע־וועפּט, און איהר קענט אַנגעהן צוזאַמען אָהן שטרויכלונגען.

ער וויל אַ „היים", און זי — „סאָסייעטי"

ווערטהער דר. קלאָרמאַן:

מיין מאַן איז אַ סטאָרקיפּער. מיר זיינען זיבעצעהן יאָהר פערהייראַט. מיר האָבן די גאַנצע צייט געוואוינט ווייט פון סטאָר, האָב איך געמוזט זיין אַליין פערשקלאַפּט מיט די קינדער. האָב איך געמופט נעהענטער צום סטאָר, כדי די קינדער זאָלן אויך זיין אביסל לעבן טאַטן. די ערשטע צייט איז מיין מאַן געווען צופרידן. איצט איז געקומען אַן איבערקעהרע־ניש. איך האָב מיך אַנגעשלאָסן אַן פרויען־סאָסייעטיס, איך זאָל אויך פאַרברייינגען אביסל צווישן מענשן, פאַרגינט מיר נישט מיין מאַן. איך בעלאָנג צו דריי סאָסייעטיס, איין אָוונט אין וואָך שליסט מיין מאַן די סטאָר בעצייטנס, וויל ער דעם אָוונט מאַכן אַ גאַנצן יום־טוב, מ'זאָל וואַרטן מיט'ן עסן אַז די גאַנצע פאַמיליע זאָל זיין ביים סאַפּער; דאַן וויל ער אַז מיר זאָלן געהן צו אַ שאָו, אָדער בעזוכן מיין משפחה — אַ גאַנצן יום טוב וויל ער מאַכן פון דער נאַכט. פרעג איך אייך, אַז ער האָט די איין נאַכט פריי, קען ער דען ניט פאַרברייינגען אין הויז מיט די קינדער, אָדער געהן אַליין ערגעץ־וואו פאַרברייינגען אַזוי ווי איך געה דריי מאָל אַ וואָך? איז דען ניט גענוג אַז איך בין מיט איהם געווען אין סטאָר יעדן טאָג אַ שטונדע אָדער צוויי? מיינע סאָסייעטי־שוועסטער פלעגן מיר שוין טעלעפאָנירן אין סטאָר, און איך האָב געפיהלט גאַנץ גוט, איך האָב געהאַט מיט וועמען צו ריידן. איך בין געשטאַנען ביים קאַונטער און גערעדט מיט די קאַסטאָמערס. פּלוצים ווערט מיין מאַן בייז. איך קום אין סטאָר — מיין מאַן דרעהט זיך אַוועק; אַ צווייטן מאָל, געהט ער אַוועק פון סטאָר. אַ דריטן מאָל, ווי ער זעהט מיך קומען, שליסט ער צו די סטאָר פון אינווייניג און לאָזט מיך ניט אַריין, מוז איך אַרויפגעהן צוריק אין הויז אַריין. שוין דריי מאָנאַטן ווי מיר ריידן ניט, און איך קום ניט אין סטאָר. ער האָט אַנגעשטעלט אַ באָי פאַר די צוויי שטונדן,

כאטש ער איז ניט אימשטאנד צו צאהלן ווייל ער איז אנגעשולדיגט איבער'ן קאפ. מיין קוזינע האט צו איהם גערעדט וועגן דעם, האט ער געענטפערט: „אז מיין פרוי דארף מיך נישט אין הויז, דארף איך זי נישט אין סטאר". פלאגט ער זיך אליין און וויל מיך נישט אריינרופן בלויז מיר צו שטערן מיין פארגעניגן. דר. קלארמאן, פיליכט קענט איהר איהם געבן א לעסאן ווי עס בעדארף צו זיין, אז א פרוי מעג אויך אוועקגעהן אן אוונט, און ער קען אליין פארברייגגען.

פעסעל רויזין.

לאמיר דאס גוט בעטראכטן, פרוי פעסל, און זעהן וואס פאר א סארט „לעסאן" אייער מאן פארדינט.

איהר זייט מיט איהם זיבעצעהן יאהר פערהייראט, און דורך די גאנצע צייט האט ער, ווי עס שיינט, מפרנס געווען זיין ווייב און קינדער, און זיי באזארגט מיט אלעם נויטיגן לויט זיינע מיטעל.

דורך די גאנצע צייט איז ער, ווי עס ווייזט אויס, געוועזן טריי צו זיין ווייב, און איז חלילה ניט געלאפן זוכן אנדערע; ער איז איהר איצטער אויך טריי און האט זי ליב, און דער בעסטער בעווייז איז, אז ער זוכט איהר חבר'שאפט, ווייל זי האבן ביי זיין זייט.

ער איז א סטארקיפער, און ווי איהר אליין זאגט, איז ער איינ־געטונקט אין חובות, און איז אפילו ניט אימשטאנד אנצושטעלן א באי איהם אויסצוהעלפן. מן הסתם פעהלן איהם קיין דאגות ניט.

יעדן טאג אין דער וואך מוז ער שטעהן אין סטאר פון דערפריה ביז שפעט אין דער נאכט, האט ער ווייניג געלעגענהייט צו געניסן די געזעלשאפט פון זיין פאמיליע.

איין אוונט אין וואך איז ער פריי — איז דער אוונט ביי איהם א יום־טוב. אין דעם אוונט וויל ער זיך זעצן צום טיש, צו סאפער, מיט זיין פרוי און קינדער ארום איהם, דערנאך געהן מיט זיין ווייב צו א שאו אדער בעזוכן פריינד און הנאה האבן פון לעבן.

איז דוקא אין דעם אוונט, פרוי פעסל, געהט איהר אוועק צו אייער פרויען־סאסייעטי צו פארברייגגען מיט חבר'טעס, און אייער מאן, זאגט איהר, זאל זיצן אין דער היים מיט די קינדער, אדער געהן וואו ער וויל.

ווייס איך ניט, פרוי פעסל, וואס פאר א „לעסאן" איך קען אייער מאן געבן; און איך האב מורא, אז אויב איך זאל איהם געבן דעם „לעסאן" ווי איך פארשטעה, וועט עס אייך גאר ניט שמעקן.

ניט אייער מאן דארף האבן דעם „לעסאן", נאר איהר, זיין ווייב, וועלכע ווייזט מיר אויס צו זיין אהן דעם ריכטיגן באגריף

וועגן די פליכטן פון א פרוי, און אָהן די געהעריגע סימפּאַטיע פאַר א גוטן מאַן.

א מאַן וואָס האָרעוועט צו ערנעהרן זיין פאַמיליע, און ער טוט עס מיט א גוטן ווילן, און איז אנשטענדיג, און איבערגעבן — אַזאַ מאַן פאַרדינט גאָר די ליבע און גאָר די סימפּאַטיע וואָס א פרוי און א מוטער פון זייערע קינדער קען איהם געבן.

ווען אַזאַ מאַן וויל מאַכן א יום טוב פון דעם איין־איינציגן אָווענט וואָס ער האָט פריי, און דעם יום־טוב וויל ער פייערן ניט מיט חברים ביי א פלאַש „בוטלעג", און ניט ביי א פּאָוקער־געים, נאָר אין דעם קרייז פון זיין פאַמיליע, און וויל געהן מיט זיין ווייב צו א שאָו, ווי הויך האָט א פרוי מיט שכל געדאַרפט וויסן דאָס צו שעצן, און וויפיל האָט זי געדאַרפט זיין גרייט צו אָפּפערן דערפאַר!

דאָס איז אַזוי שעהן, אַזוי האַרציג, כמעט ריהרענד.

און איהר, פרוי פעסעל, זייט אַפילו ניט מרוצה צו אָפּפערן דערפאַר אייער באַזוך צו אייער פרויען סאָסייעטי, וועהרענד איהר האָט נאָך אַנדערע צוויי אָווענטן צו באַזוכן סאָסייעטים.

און ווען אַפילו איהר געהט אריין אין סטאָר כלומרשט צו העלפן אייער מאַן א שטונדע אָדער צוויי, טוט איהר דאָס בלויז צו אייער אייגענעם פאַרגעניגן, איהר זאָלט קענען שמועסן פער טעלעפאָן מיט אייערע חבר'טעס פון די לײדים סאָסייעטיס!

און נאָך אַלעם דעם וואונדערט איהר זיך וואָס אייער מאַן וויל אייך ניט האָבן אין סטאָר און איהר ווילט מ'זאָל איהם געבן א „לעסאָן" דערפאַר.

מ'קען געפינען פרויען אָהן א צאָהל פון וועלכע יעדע איינציגע וואָלט זיך געשעצט גליקליך מיט אַזאַ מאַן ווי איהר האָט — אר־בייטזאַם, פלייסיג, געטריי, און א פאַרזאָרגער פאַר די פאַמיליע.

איהר אָבער, ווייזט מיר אויס, טראַכט בלויז פון אייער פערזענ־ליכער באַקוועמליכקייט און פון אייער פערזענליכן פאַרגעניגן, און גיט קיין געדאַנקען צו אייער מאַן'ס באַקוועמליכקייט און צו זיין פאַרגעניגן.

איצטער, זאָגט איהר, איז שוין דריי מאָנאַטן ווי איהר רעדט ניט איינער צום אַנדערן. איך קען אייער מאַן ניט באַשולדיגן דער־פאַר. ער האָט ביי אייך א ריכטיגע עולה. איהר באַהאַנדעלט איהם שלעכט.

מיט יעדן טאָג ווייטער וואָס איהר רעדט ניט, ווערט דער ריס צווישן אייך ברייטער, און איהר ווערט אַלץ מעהר פאַרפרעמדט איינער פון אַנדערן.

מיט אייערע אייגענע הענד צוברעכט איהר א פאמיליען־לעבן וואס האט אלע אויסזיכטן צו זיין א גליקליכעס.

איך ראטה אייך ווי אן אמת'ער פריינד, פרוי פעסל, אז איהר זאלט מאכן א סוף צו אזא צושטאנד פון צוריסענקייט.

געהט צו אייער מאן און זאגט איהם אז איהר זעהט איין אייער טעות, און דאס איהר זייט געווען אומגערעכט געגן איהם.

זאגט איהם, אז איהר אנערקענט זיין טרייהייט און זיין איבער־געבענהייט, און דאס אין דער צוקונפט וועט איהר אייך באמיהען לייכטער צו מאכן זיין לאסט, ווי א גוטע איבערגעבענע פרוי און מוטער.

אן עם־הארץ ווערט „אמעריקאניעץ"

ווערטהער דר. קלארמאן:

צוויי וואכן נאך אונזער חתונה זיינען מיר געקומען אין אמעריקא. דאס איז געווען מיט ניין יאהר צוריק. איך בין דאמאלסט אלט געווען צוואנציג יאהר. אין דער אלטער היים בין איך פאררעכענט געווען פאר א געבילדעט מיידל. האב באזוכט א העברעאישע שולע. דא בין איך איינ־געשפאנט געווארן אין קיך, און דריי קינדערלעך זיינען געקומען פון וועלכע דאס עלטסטע איז אכט יאהר אלט, האב איך נאטירליך קיין צייט געהאט צו לערנען. מיין מאן איז געווען אונוויסענדער פון מיר; אפילו א אידיש פייפער האט ער ניט געקענט לייענען אזוי גוט ווי איך; אבער אין די ניין יאהר, רייבענדיג זיך צווישן מענשן אין שאפ און ביי סאסייעטי מיטינגס, האט ער זיך אביסל גיכער „אויסגעגרינט" אלס איך. אין שאפ איז ער געווארן א פארמאן; אין א סאסייעטי איז ער געווארן פינאנץ סעקרעטאר; איז ער געווארן א שרעקליכער תקיף. מיך רופט ער מיט די שענדליכסטע נעמען, שילט ווי א סעדעכע, און טרייבט מיך פון הויז. ער כאפט זיך אפילו שלאגן, אבער דא שטעל איך מיך אנטקעגן. איך וואלט גערן געגאנגען פון הויז, אבער ווי קען א מוטער איבערלאזן דריי קליינע קינדער?

מיין מאן שפילט אין קארטן און קומט אפט שפעט אהיים. אליין אין הויז מיט קליינע קינדער ווערט מען נערוועז. בין איך געווארן א נערוועזע פרוי. לעצטנס קומט ער שבת־צו־נאכט גאר ניט אהיים. ער געהט אוועק שבת און קומט צוריק זונטאג. רייד איך איהם דאס אויס, זאגט ער, אז די היים איז איהם נמאס געווארן. צום לעבן גיט ער, אבער ווי קען איינגעהן דאס לעבן ווען א מאן שילט און זידלט? מיר ווערט אפטמאל אזוי שלעכט אז איך האב מורא איך וועל אראפגעהן פון

זינען. ער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון זיין היים, איז ניט קיין מאַן און ניט קיין פאָטער. ווייס איך ניט וואָס צו טאָן. אפשר איז דאָ א ראטה פאַר מיר, דאָקטאָר קלאָרמאַן?

די ליידענדע פרוי.

א גאָר נישקשה'דיג בילד האָט איהר געגעבן פון אייער מאַן, אָרימע, נערוועזע פרוי! מען דערקענט אין איהם איינעם וועלכער געהערט צו א קלאַס.

אונטער די אָריבערגעקומענע וואָס שטאָלצירן מיט זייער „אַמע־ריקאַנישקייט", און וועלכע בליקן אויף זייערע פרויען מיט גרויס־האַלטעריי, ווייל די פרויען זיינען ווייניגער „אַמעריקאַניש", טרעפט מען גאַנץ אָפט אַזעלכע טיפּן.

זיי וואַרפן אַראָפּ פון זיך די „גרינע" קליידער; זיי ערלערנען עטליכע צעהנדליג ווערטער פון ניו יאָרקער העסטער־סטריטער ענג־ליש, וואַרפן זיי אַראָפּ פון זיך זייער היימישן לשון.

אויב זיי האָבן אין דער היים געטראָגן וואָנסן, וואַרפן זיי דאָ אַרונטער די וואָנסן; אויב אין דער היים האָבן זיי געזעהן געטרייע פאַמיליען־לעבענס, זוכן זיי עס דאָ צו פאַרגעסן.

קורץ, אַלצדינג וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, זוכן זיי דאָ אַראָפּצואוואַרפן פון זיך, אויסער איין זאַך: דעם היימישן גראָבן יונג, דעם האַלטן זיי; דעם וואַרפן זיי ניט אַראָפּ פון זיך.

קללות, און כאַפּן זיך שלאָגן צו א פרוי, — דאָס קומט מיט דעם גראָבן יונג פון דער אַלטער היים. אַן איידעלער מענש טוט עס דאָרטן אויך ניט. און אין אַמעריקא ווערט דאָס באַטראַכט אַלס דאָס נידריגסטע אין דעם כאַראַקטער פון א מענשן.

איבערהויפּט ווייס אַמעריקא ניט פון די „קלאַסישע" מאַרק־ווייבער קללות וועלכע מ'הערט אין דער אַלטער היים. די ווערן געוויס אימפּאָרטירט מיט דעם גראָבן יונג.

ווייזט אויס, אָרימע שוועסטער, דאָס אייער מאַן האָט ניט וואו אויסצובריינגען זיין גראָב־יונגישע סחורה, אויסער ביי זיך אין דער היים פאַר זיין פרוי און קליינע קינדער.

פאַר זיינע חברים אין שאַפּ, וואו ער איז פאָרמאַן, און אין דער סאָסייעטי וואו ער איז פינאַנס־סעקרעטער, שעהמט ער זיך געוויס. דאָרט זוכט ער כבוד און וויל בעטראַכט ווערן אַלס א דזשענטעלמאַן.

דעם רעספּעקט פון זיין פרוי און פון זיינע קינדער זוכט ער ניט, ווייל ער איז בעצם א „גראָבער פליגעל", און פאַרשטעהט ניט, אַז דער רעספּעקט פון פרוי און קינדער איז וויכטיגער פון אַלע כיבודים וואָס פרעמדע קענען איהם געבען.

נאך אין עטליכע יאהר ארום, די קינדער וועלן אונטערוואקסן, וועלן זיי באגרייפן די ליידן פון דער מוטער, און וועלן אנהייבן זיך שעהמען מיט זייער טאטן.

איצטער דיינקט ער געוויס אז איהם קימערט ניט די ווייב און ניט די קינדער, אבי ער איז פארמאן אין שאפ און פינאנס סעקרעטער אין דער סאסייעטי.

אבער מ׳האט געזעהן הונדערטער אזעלכע פאלן, פון אזעלכע טאטעס, וועלכע הויבן שפעטער אן לעכצן נאך א פריינדליךווארט פון דער אייגענער פרוי, פון אן אייגן קינד, און זיי קענען עס ניט קריגן.

דאס איז געוועהנליך די הארטע שטראף וועלכע געפינט זיי אויס שפעטער. דערוויל אבער פארלאנגט איהר אן עצה וואס צו טאן, און אזא עצה איז שווער צו געבן.

עס איז קוים צו האפן, אז אייער מאן זאל זיך בעסערן. אום ער זאל איינזעהן אז ער געהט אויף א שלעכטן וועג, און זיך פארנעמען אויף א בעסערן — דערצו פאדערט זיך א קאפעלע מעהר אינטעליגענץ, מעהר איינזעהעניש, און מעהר איינגעהאלטענקייט פון בייזען אינסטינקט אלס אייער מאן שיינט צו באזיצן.

דאס בעסטע וואס איך קען אייך ראטהן, איז צו ליידן און שווייגן — איבערהויפט שווייגן; דאס איז דאס בעסטע מיטל.

ערפילט אייערע פליכטן ווי ווייט אייך איז מעגליך, און גיט זיך איבער אין גאנצן צו די קינדער. אין זיי זוכט אייער טרויסט.

אויב אייער מאן שילט און זידלט — ענטפערט איהם ניט. האלט איין אייערע נערוון. זאל דאס זיין ביי אייך ווי א הונט האט געבולן.

אויב ער פארמעסט זיך צו שלאגן, זאלט איהר נעמען דעם בעסטן פאלומעשאק, דעם שטארקסטן פיטשער וואס איהר האט אין הויז, און דאס צוברעכן אויף זיין קאפ.

אבער למען השם, ענטפערט איהם ניט. שווייגט. האלט איין אייערע נערוון. און מיט דער צייט וועט איהר פיליכט איינזעהן, אז שווייגן איז דאס בעסטע מיטל אין אזא פאל.

בעם צושטערט די פאמיליע

ווערטהער דר. קלארמאן:

דאס שרייבט אייך א פרוי פון איין־און־דרייסיג יאהר, וועלכע איז דרייצעהן יאהר פערהייראט, און איז א מוטער פון דריי ליבע קינדער.

מיין מאן איז פערציג יאהר אלט. מיר שטאמעןביידע פון אנ־

געזעהענע אָרטאָדאָקסישע פאַמיליען. מיין מאַן איז אין ביזנעס מיט זיין פאָטער. מיר האָבן אַ פיינע היים. מיר וואָלטן געקענט זיין גליקליך און צופרידן, ווען ניט מיין מאַן'ס אויפברויזענדע נאַטור. ווערט ער אין כעס פאַר די קלענסטע נאַרישקייט, כאַפּט ער זיך שלאָגן. געהט איהם אָפּ דער כעס האָט ער חרטה, און בעט פאַרגעבונג, און זאָגט, אַז ער וועט דאָס מעהר ניט טאָן. די חרטה האַלט אָן ביז צו זיין נעקסטן כעס. ער האָט עס אָנגעפאַנגען נאָך אין אונזער „האָני מון". אַ לאַנגע צייט האָב איך עס געשטיקט אין מיר, ווייל איך האָב מיך געשעהמט פאַר מענשן. אָבער ענדליך האָב איך ניט מעהר געקענט דערטראָגן, און האָב פאַרלאַנגט אין קאָורט אַ דיוואָרס. איך בין דאַמאָלס נאָך געוועזן אָהן בייבים. ער האָט אָנגעהויבן שיקן מענשן, בעטן, און וויינען, ער וויל שלום. ער האָט אָנגעבאָטן אַלערליי זיכערהייטן. אָבער מיין פאָטער האָט ניט געהאַט קיין אמונה אין זיינע פאַרשפּרעכונגען. ענדליך האָט מיין פאָטער געשטעלט די באַדינגונג, אַז מיין מאַן זאָל געהן צו זיין אָנקעל'ס קבר און שווערן פאַר מענשן, אַז ער וועט מעהר קיין האַנט ניט הויבן געגן זיין פרוי. דער אָנקעל איז געוועזן ביים לעבן אַ פיינער איד וועלכן מיין מאַן האָט פאַרהייליגט.

מיין מאַן האָט אָנגענומען די באַדינגונג. מיט צוויי אַלטע רבנים, און מיט אַ מנין אידן איז ער אַרויסגעפאָהרן צו זיין אָנקעל'ס קבר, און האָט גענומען אַ פייערליכע שבועה, אַז מעהר וועט ער געגן מיר קיין האַנד ניט הויבן. זיינען מיר זיך ווידער צוזאַמענגעקומען. דאַן זיינען געקומען די קינדער, פון וועלכע די עלטסטע איז איצטער זיבן יאָהר. די בייבי איז צוויי און אַ האַלב יאָהר אַלט.

וועל, מיין מאַן האָט זיין שבועה געבראָכן. איך האָב ווידער לאַנג געליטן און געשוויגן, ביז איינמאָל איז ער געלאָפן צו מיר מיט אַ מעסער. ווען ניט מיין טעכטערל וואָלט אָנגעהויבן שרייען, און די דינסטמיידל, ווייס איך ניט וואָס עס וואָלט פּאַסירט.

איצט בין איך מיט מיינע קינדער ביי מיינע עלטערן. נאַטירליך בעט ער ווידער שלום, אָבער איך קען ניט מעהר בויען אויף זיין פאַר־שפּרעכן. ער אַליין ווייס ניט פאַר וואָס ער האַנדלט אַזוי. זיינע אייגענע עלטערן האָבן מיר געראַטן איך זאָל איהם געבן מיט אַ קלאָב איבער די הענט, אָבער איך בין אַ שוואַכע פרוי און קען זיך ניט שלאָגן. איך וויל נאָך אַמאָל אָנגעבן פאַר אַ דיוואָרס. מיינע עלטערן ווילן זיך ניט מישן. מיין ברודער זאָגט מיר איך זאָל דאָס ניט טאָן צוליב די קינדער. אָבער איך פיהל אַז איך קען אַזאַ לעבן ניט מעהר דערטראָגן. בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן, מיר צו ראַטהען וואָס איך זאָל טאָן.

די אומגליקליכע פרוי.

עס פארשטעהט זיך, דאס די ערשטע בעטראכטונג דארפן זיין די קינדער. זייערע לעבענס ווערן צוריסן צוליב די זינד פון די עלטערן, און זיי זיינען דאך גאנץ אונשולדיג.

אבער אין דעם פאל איז א גרויסע פראגע, אויב עס איז בע־סער פאר די קינדער אז די עלטערן זאלן ווידער צוזאמענקומען, אדער איז בעסער דאס די קינדער זאלן זיין מיט דער מוטער, אפגע־זונדערט פון זייער פאטער.

וואס פאר א טיפע וואונד אין דער יונגער נשמה׳לע פון א זיבן־יעהריגע מיידעלע האט געמוזט צוריקלאזן יענע שרעקליכע סצענע, אין וועלכער דער פאטער לויפט מיט א מעסער צו דער מוטער!

אזעלכע וואונדן פארהיילן זיך קיינמאל ניט אין גאנצן. פון צייט צו צייט שווימט ארויף די ביטערע עראינערונג אין דעם מוח פון דעם קינד, און פון דער דערוואקסענער יונגפרוי, און אפילו ביז צו איהר עלטער, און מאכט זי שוידערן.

עס איז זעהר ניט אנגענעם צו דיינקען פון א פאטער מיט א מעסער אין האנד זיך יאגענדיג נאך דער מוטער — פון א פאטער וועלכער האט נאך א האר געקענט ווערן א מערדער.

און דער ביישפיל פון א פאטער וועלכער שלאגט די מוטער אפילו אהן א מעסער אין האנד, קען ניט בלייבן אהן א שעדליכע ווירקונג אויף יונגע קינדער.

פאר די קינדער איז געווים געזינטער אין אלע הינזיכטן, אז זיי זאלן ניט מעהר זעהן אזעלכע ברוטאליטעטן פון זייער פאטער.

די מיינונג פון דעם ברודער, אז די פרוי דארף געהן צוריק מיט די קינדער צו איהר מאן צוליב די קינדער, ווייזט מיר דעריבער אויס ניט גוט באגרינדעט.

פיל שכל׳דיגער ווייזט מיר אויס צו זאגן, אז די קינדער זאלן קומען אזוי וויניג אין בארירונג מיט זייער פאטער ווי נאר מעגליך, און זיי זאלן איהם קיינמאל ניט זעהן אין די מינוטן ווען ער פאר־לירט קאנטראל איבער זיך.

אזוי וויים וועגן די קינדער. אבער וואס איז פון דער פרוי אליין? זאל זי מפקיר זיין איהר לעבן, און דערטראגן ערנידעריגונג און ברוטאליטעט, און אפשר שטעלן איהר לעבן אין געפאהר, בלויז פון לייטנס וועגן?

דאס איז זעהר א באדויערנסווערטהער פאל, דען דער מאן ווייזט אויס צו זיין א גייסטיג־קראנקער מענש, אהן געגוג מאראלישע קראפט צו באהערשן די חיה רעה וועלכע זיצט אין איהם, און וועלכע ברעכט אויס פון צייט צו צייט.

דאָס איז אויך אַ גאַנץ אונגעוועהנליכער פאַל, דען אין אַנדערע הינזיכטען ווייזט ער אוים צו זיין ניט קיין פאַרדאָרבענער מענש.

אַ זוהן פון בכבוד׳ע אידישע עלטערן, אַ ביזנעסמאַן, וועלכער פיהלט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר אַ פאַמיליע — פאַר אַזאַ מאַן צו באַגעהן זיך ברוטאַל געגן דער מוטער פון זיינע קינדער, איז ניט קיין געוועהנליכע זאַך.

עס איז אויך אַנצונעהמען, דאָס ער האָט ליב זיין פרוי און קינדער, און דאָס יעדעס מאָל וואָס די חיה רעה אין איהם ברעכט אוים, האָט ער דערנאָך אויפריכטיג חרטה.

זיין אונטערגעבן זיך צו דער באַדינגונג פון געהן אויף אַ קבר און שווערן פאַר מענשן, אַז ער וועט ניט מעהר זיין ברוטאַל צו זיין פרוי, באַווייזט ווי אויפריכטיג זיין חרטה איז געווען.

אָבער עס איז קלאָר אַז ער קען זיך ניט קאָנטראָלירן. יעדער מענש האָט אין זיך אַ שטיקעלע פון דער חיה רעה וועלכע קומט צום פאָרשיין אין מינוטן פון ליידענשאַפטליכען כעס.

אָבער טויזענדע דורות פון מענשלען-זיך האָבן דעם מענשן געלערנט זיך מעהר אָדער ווייניגער איינצוצאַמען.

אין דעם פאַל, ווייזט אוים, האָט דער מאַן אַ צו גרויסע פאָרציע פון דער חיה רעה, און ווען זי ברויזט אויף אין איהם האָט ער ניט גענוג מאָראַלישע קראַפט זי איינצוצאַמען.

אַזעלכע נאַטורן בעסערן זיך ניט מיט עלטער. אַמאָל ענדיגן זיי אין אַ משוגעים-הויז. אַמאָל באַגעהן זיי אַ גרוילטאַט וועלכע ברענגט זיי אין קרימינאַל-געריכט.

און וועלכע זיכערהייט קען דאָ זיין? וועלכע באַוואָרעניש? דער פאָטער פון דער פרוי האָט אויסגעטראַכט די שטאַרקסטע באַוואָרעניש וואָס איז נאָר מעגליך געווען — די פייערליכע שבועה אויפ׳ן בית עולם.

אויב דאָס האָט ניט געקענט בינדן די הענט פון דעם מאַן, קען מעהר קיין גייסטיגע באַוואָרעניש ניט זיין. דאָס בעסטע וואָס מ׳קען זאָגן פאַר דעם מאַן איז, אז ער איז ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר דאָס וואָס ער טוט; אָבער דאָס איז ווייניג טרייסט פאַר די וואָס ליידן דערפון.

ער אַליין ווייס ניט ווען, און צוליב וועלכער קלייניגקייט, זיין ווילדקייט קען אויסברעכן. עס איז אַ רחמנות אויף איהם; אָבער נאָך מעהר רחמנות איז אויף דער פרוי און קינדער.

נט׳ן זיך אָדער ניט, — דאָס איז אַ פראַגע וועלכע די פרוי אַליין

דארף ענטשיידן. דאס הענגט אפּ פון דעם ווי שטארק זי וויל פריי זיין.

אָבער איך וואָלט אויף קיין פאַל ניט וועלן נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט צו שיקן די פרוי צוריק צו דעם מאַן וועלכער קען ניט קאָנטראָלירן אויסברוכן פון ווילדע ברוטאַליטעט.

פאַר שילטן קומט „גט אָהן אַ כתובה״

זוערטהער דר. קלאַרמאַן:

מיין ווייב און איך האָבן אַ שטאַרקן וויכוח, בעט איך אייך איהר זאָלט מיר אויסהערן און זאָגן ווער עס איז גערעכט.

איך בין אַן אָפּערייטאָר ביי טרייד. בין געקומען אהער אַלס באָי פון פופצעהן, בין 25 יאָהר אין לאַנד. פאַר צוואַנציג יאָהרן האָב איך גע־הייראַט. מיר האָבן צוויי געראָטענע קינדער. מיין עלטערער זוהן געהט שוין אין קאַלעדזש. איך פאַרדין פערציג דאָלאַר אַ וואָך. דערפון גיב איך מיין פרוי דרייסיג דאָלאַר אויסצוהאַלטן די הויז. פון מיינע צעהן דאָלער עס איך ברעקפעסטס און לאָנטשעס און אַ פּאָר מאָל סאַפּערס אויך אַ וואָך. דאַן איז מען דאָך ניט מעהר ווי אַ מענש, געהערט מען צו אַ סאָסייעטי, און צו אַ לאַנדסמאַנשאַפט. קאָסט דאָס אַמאָל אַ דאָלער, און קאַרפעירס מוז מען צאָהלען. איך בין חלילה ניט קיין געמבלער, אָבער אַמאָל פאַרברענגט מען אַן אָוועגט מיט פריינד ביי אַ פינאקל. עס האָט נאָך חלילה ניט געטראָפן איך זאָל מיין פרוי ניט ברענגען מיינע ווידזשעס. איצטער איז מיין פרוי זיך מיישב און זאָגט, אַז איך פאַר־ברענגען די אָווענטן צו הויז, און אַז ניט — טוט זיך חושך. איך בין צופרידן צו קומען מאָנטאָג צו סאַפּער און דערנאָך פאָהרן צום מיטינג; דאָסגלייכן מיינע מיטינגען דינסטאָג צוויי מאָל אין מאָנאַט. נאָר פאַר שבת נאָכמיטאָג פאָדער איך פאַר מיר דאָס רעכט צו פאַרברענגען עטליכע שטונדן מיט מענשן. זונטאָג דעם גאַנצן טאָג בין איך מיט מיין פאַמיליע. איז דאָס וויל זי מיר אויך ניט נאָכגעבן. הערט זי ניט אויף צו טייכעווען און שילטן. אַנומאָלט זאָג זי מיר: „איך זאָל דערלעבן פיהרן מיין זוהן צו דער חופּה אָהן דיר״. מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט ביי אַ טויזנט דאָלער, איז דאָס אויף איהר נאָמען, און זי קען מיר קיין זאָך ניט חושד זיין, און דאָך מאַכט זי די הויז אייננג פאַר מיר מיט איהרע קללות. פליז דר. קלאַרמאַן, זאָגט מיר וואָס איך קען טאָן.

בן הרב.

אין מאַנכע זאַכן ווייזט מיר אויס אַז אייער פרוי איז גערעכט. מיט דרייסיג דאָלער אַ וואָך אויסצוהאַלטן אַלע הוצאות פון אַ הויז,

און נאָך דערצו פון צוויי האַלב-דערוואַקסענע קינדער — איינער אַ קאַלעדזש-באָי — דאָס איז גאָר ניט קיין לייכטע אויפגאַבע.

איהר נעמט אַרונטער צעהן דאָלער פאַר אייערע קליינע הוצאות. דאָס איז ניט פיל, אָבער דאָס איז אַ פיערט-חלק פון אייער הכנסה.

אויב אייער פרוי רעכנט, אַז ווען איהר זאָלט עסן אַלע אייערע סאַפּערס אין דערהיים און ווייניגער אויסגעהן אין „סאָסייעטי", קענט איהר שפּאָרן אַ וועלכע פיר-פינף דאָלער אַ וואָך מעהר פאַר דער הוצאה, אָדער לייגן אין באַנק אויף שפּעטער, איז זי אפשר ניט גאַנץ אומגערעכט.

אָבער אויב זי פאָדערט חוץ דעם, אַז איהר זאָלט פאַרברענגען די גאַנצע צייט אין דערהיים, כדי איהר זאָלט הערן איהרע קללות, איז דאָס ניט מעהר ווי קאַפּריז, וואָס איהר דאַרפט ניט נאָכגעבן.

אַ אידענע וואָס „טייכעוועט" און שילט מיט „בייזע קללות" פאַרדינט, לויט מיין מיינונג, גאָר קיין איינזעהעניש ניט, ווייל אַזאַ אידענע פאַרוואַנדעלט אַ היים אין אַ גיהנום.

מיט אַ ווייב וואָס שילט איז אַ לעבן גאָר קיין לעבן ניט, און מ'קען אַ מאַן ניט פאַרדענקען אַמאָל אויב ער ווערט געטריבן צו געוואַלט-טאַטן, אָדער צו פאַרלאָזן זיין פאַמיליע — צוליב אַ ווייב, וועלכע „טייכעוועט" און שילט.

אין דעם פאַל האָט די פרוי אַ זעהר אָנשטענדיגן מאַן, גאָר ניט נאָך איהרע מעשים.

ער איז צוואַנציג יאָהר פאַרהייראַט, און האָט נאָך קיין וואָך ניט פאַרפעהלט צו ברענגען זיינע ווידזשעס אהיים.

אויב זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט עטליכע דאָלער האָט זי דאָס אויף איהר נאָמען.

האַנדעלט זיך נאָר פון דער פראַגע, אויב עס איז אַ יושר, אַז דער מאַן זאָל אַראָפּנעמען צעהן דאָלער אַ וואָך פאַר זיינע פּערזענליכע הוצאות, אָדער ער זאָל זיך באַנוגענען מיט ווייניגער.

אין אַן אַרגומענט פון דעם סאָרט, צו זאָגן צו אַ מאַן: „איך זאָל זוכה זיין צו פיהרן מיין זוהן אונטער דער חופּה אָהן דיר", ווייזט אַ רשעות פון אַ גיפטיגער באַשעפעניש.

דער מאַן מעג זיך אויסלאַכן דערפון — מאַלע וואָס ווייבער שילטן! — אָבער דער געדאַנק אליין פון אַזאַ קללה וואָלט געמאַכט שווידערן אַן אויפריכטיגע איבערגעבענע פרוי.

איך ווייס אַ פאַל פון אַ פרוי, וועלכע האָט ערפילט איהרע פליכטן פון אַ פרוי צו איהר מאַן, אָבער איין מאָל, אין כעס, האָט זי איהם געזאָגט: „מיר זאָל דאָס וואויל באַקומען, און דו זאָלסט דאָס

אויסקרענקען", האט א רב גע'פסק'ענט, אז עס קומט איהר דערפאר א גט אהן א כתובה.

שילטען! קללות! ווי מיאוס, ווי גראב דאס איז! ובפרט נאך אין א הויז פון אמעריקאניש-געבארענע קינדער, וועלכע הערן קיינמאל ניט א קללה אין סקול.

ווי ווייניג רעספּעקט מוזן זיי האבן פאר זייערע עלטערן!

אויב איהר און אייער ווייב ווילט פארלאזן זיך אויף מיין פּשרה וואלט איך געזאגט אזוי: קודם כל מוז אייער ווייב נעמען אויף זיך א נדר ניט צו שילטען.

דאן זאלט איהר אויסרעכענען: אויב איהר זאלט קומען אלע נאכט צו סאפּער אהיים קענט איהר איינשפּארן א דריי-פיר דאלער א וואך, דארפט איהר דאס טאן.

אבער אויב אייער פרוי פאדערט פון אייך, איהר זאלט יעדן אוונט, און אלע אייערע פרייע שטונדן זיצן אין הויז, זאלט איהר איהר ניט הערן.

קיין שקלאף ביי אייער ווייב זייט איהר ניט, און איהר האט א רעכט צו געהן זיך טרעפן מיט פריינט און לאנדסלייט און פארברענגען א שבת נאכמיטאג מיט זיי.

ווען אייער ווייב זאל האבן מעהר שכל, וואלט זי געמעגט זיין צופרידן צו זעהן, אז איהר זיצט ניט יעדן אוונט אין הויז, ווייל ווען מ'זיצט צופיל אין דערהיים ווערט מען אלט פאר דער צייט.

צערטליכקייטן נויטיג ווי מזונות

ווערטהער דר. קלארמאן:

מיין פרוי און איך האבן מיט דרייסיג יאהר צוריק חתונה געהאט אין קאוונע און דעמזעלביגן יאהר זיינען מיר געקומען אין אמעריקא. די ערשטע פינף יאהר האבן מיר ביידע שווער געארבייט און האבן ביידע געשפּארט, ביז מיר האבן געהאט גענוג געלט צו קויפן א קליינע ביזנעס אין א שטאדט ניט ווייט פון ניו יארק. אין צעהן יאהר איז אונזער ביזנעס געווארן א גרויסע ביזנעס. מיין פרוי האט ניט מעהר געדארפט העלפן אין די ביזנעס. מיר האבן געקויפט אן אייגענע היים, און האבן זי אויסגעפּארנישט אויפ'ן שעהנסטן אופן. מיין פרוי האלט א דינסט, און פיהרט די הויז אין דער בעסטער ארדנונג, אבער שוין צוואנציג יאהר ווי איך געפין פאר זיך קיין ארט ניט ביי זיך אין דער היים. איך טאר מיך ניט זעצן אויף א טשער אין פארלאר, דאס איז נאר פאר געסט,

און אויב איך פאַרגעס און זעץ זיך, איז הימל עפן־זיך: זידלעריי, קולות, קללות. איך טאָר אין הויז ניט רויכערן אַ ציגאַר. אויב איך לייען אַ צייטונג און לאָז עס ליגן אויף אַ טשער, ווערט אַ געוואַלד. ביים טיש האָט זיך געטראָפן דאָס מיין קאָפּע האָט זיך אויסגעגאָסן איבער׳ן טיש־טוך, איז דריי טעג כסדר געווען אַ גיהנם אין הויז. איך געדיינק ניט אין די צוואַנציג יאָהר אַז איך זאָל האָבן געזען אַ פרייע מינע פון איהר. זי זאָגט קיין זאַך ניט אָהן רוגזה, אָהן גריזשענעס. מיר איז פשוט נמאס דאָס לעבן.

ווער איהר אפשר פרעגן פאַר וואָס איך האָב מיך אַזוי שפּעט ארומ־געזען? וועל איך אייך אויף דעם ענטפערן, אַז עס זיינען געווען צוויי אורזאַכן: ערשטנס, קליינע קינדער. מיר האָבן דריי פיינע קינדער. און צווייטנס, די מורא פאַר לייטישע רייד. ווען ניט דאָס וואָלט שוין לאַנג געווען אַ סוף פון אונזער לעבן צוזאַמען.

איצט זיינען די קינדער גרויס. די טאָכטער איז פאַרהייראַט און וואוינט אין אַן אַנדער שטאָדט; די צוויי באָים זיינען מיט מיר אין די ביזנעס. זיי פאַרשטעהען אַלצדינג, נאָר זיי מישן זיך ניט. בלייבט נאָר די צווייטע אורזאַכע — לייטישע רייד. איז ביי מיר אַ פראַגע צי דאַרף איך ליידן גיהנם פאַר די איבעריגע יאָהרן וואָס מיר איז באַשערט צו לעבן צוליב דעם וואָס מענשן וועלן ריידן? איהר זאָלט ניט דיינקען, דר. קלאַרמאַן, אַז דאָ איז פיליכט פאַרמישט אַן אַנדער פרוי. אַלץ וואָס איך וויל איז האָבן רוה, און אין מיין היים קען איך דאָס ניט האָבן. איך האָב פאַרגעלייגט מיין פרוי אַז מיר זאָלן זיך גט׳ן. איך לאָז איהר איבער די הויז און אַלץ וואָס איז דערין, און וועל זי באַוואָרענען מיט אַ הכנסה אויף איהר גאַנצן לעבן. איהר ענטפער איז געווען: „געה אין דר׳ערד אריין, דו לאָו־לייף, דו שאַלטאַק!"

קום איך צו אייך, דר. קלאַרמאַן, און בעט אייך מיר צו געבן אַן עצה, וואָס איז דאָס בעסטע פאַר מיר צו טאָן, און ווי אַזוי קען איך האָבן אַ רוהיג לעבן?

א מאַן אויף צרות.

עס איז קלאָר פאַר יעדן איינציגן, אַז דאָרט וואו מאַן־און־ווייב קענען אויף קיין פאַל ניט זיין גליקליך צוזאַמען, איז גלייכער אַז זיי זאָלן זיין גליקליך יעדערער באַזונדער.

אין פילע אַזעלכע פאַלן ווערט די שיידונג שווער געמאַכט צוליב דעם וואָס די פרוי איז אָפּהענגיג פון איהר מאַנ׳ס פרנסה.

אין אייער פאַל איז אַזאַ שטערונג ניטאָ. איז באמת ניטאָ קיין גרונד, פאַרוואָס איהר זאָלט זיך ניט קענען „פריינדליך" אויסאיינאַנ־דערגעהן. און אַנשטאַט צו זיין שונאים פון נאָהענטן, בעסער זיין גוטע פריינד פון וויטן.

איין אומשטאנד איז דאָ אין אייער לאגע וואָס לאָזט זיך נים לייכט דערקלערן — און דאָס איז, ווי אַזוי זייט איהר ביידע געקומען צו אַזאַ צרה'דיגער מדרגה — איהר ביידע, מיט די בעסטע טשאַנ־סעס אין דער וועלט צו לעבן גליקליך?

איהר האָט ביידע יונג געהייראַט; איהר האָט די ערשטע יאָהרן ביידע געאַרבייט, ביידע געשפּאָרט, און ביידע געזוכט צו קומען צו אַ תכלית. דורך יענע ערשטע יאָהרן האָט איהר ביידע, ווי עס שיינט, גוט געקענט אויסקומען איינער מיט דעם אַנדערן.

עס זיינען געקומען דריי קינדער, וואַרשיינליך, אין די ערשטע יאָהרן נאָך אייער חתונה — די האָבן געזאָלט נאָך פעסטער מאַכן דעם בונד צווישן אייך.

ווי אַזוי־זשע האָט איהר זיך אַזוי דערוויטערט איינער פון אַנדערן, אַז איהר קענט זיך נים דולדן איינער דעם צווייטן, און אייך איז שווער צו לעבן אונטער איין דאַך?

איהר פאַרזיכערט, אַז דאָ איז נים פאַרמישט אַן אַנדער פרוי, קען דאָ נים זיין קיין רייד פון אייפערזוכט. טאָ וואָס אייגענטליך איז געשעהן ביי אייך? און וויפיל האָט איהר אַליין בייגעטראָגן צו דעם צושטאַנד?

איך האָב אַ פּאָר דערקלערונגען צו דעם, וואָס הגם איך בין נים זיכער אַז איך וועל מיט זיי „טרעפן אין פינטל אריין", וועל איך זיי דאָך אַרויסזאָגן.

מיר שיינט אַז אין די לעצטע צוואַנציג יאָהר זייט איהר געווען אַזוי פאַרטאָן אין ביזנעס אַז איהר האָט זיך נים גענומען קיין צייט צו ווייזן אַבּיסעלע צערטליכע אויפמערקזאַמקייט צו אייער פרוי.

דערמאָנט זיך, צי האָט איהר אין די צוואַנציג יאָהר געזאָגט איהר אַמאָל אַז איהר האָט זי ליב; צי האָט איהר זיך אַמאָל גענומען צייט מיט איהר אויסצופאָהרן, אָדער אויף אַן אַנדער אופן געזוכט צו ווייזן איהר אַז איהר ווייסט זי צו שעצן.

ווי אָפט האָט איהר געזאָגט אַז זי איז אַ גוטע באַלעבאָסטע, אַ גרויסע בריה, און האַלט איהר הויז אין פיינער אָרדנונג?

איהר האָט וואַרשיינליך קיינמאָל נים געטראַכט דערפון. איהר האָט עס גענומען ווי אַ זאַך וואָס דאַרף זיין, וואָס קומט ממילא.

אין די יאָהרן ווען איהר האָט ביידע געאַרבייט זייט ביי זייט, און איהר האָט ביידע געקאַרגט און געשפּאָרט, כדי צו קומען צו אַ תכלית, האָט זי דאָס וואַרשיינליך נים געפיהלט. זי איז געווען פאַר־טאָן אין די ביזנעס אַזוי ווי איהר.

אָבער נאָכדעם ווי נאָט האָט געהאָלפן און זי האָט נים מעהר

גערדאַרפט ארבייטן, און האָט אָנגעהויבן לעבן בהרחבה, אין אַן אייגענער חיים, אָהן דאגות פון פרנסה, אָהן אַ נויט פון קאַרגן און שפּאָרן, דאַן האָבן איהר אָנגעהויבן פעהלן די אנדערע זאַכן נאָך וועלכע אַ פרוי גאַרט — צערטליכקייט, אַנערקענונג, אויפמערקזאַמקייט.

דאַן האָט זי דערפיהלט ווי פאַרבלאָזן, גרוי, און איינפאָרמיג איהר לעבן איז, און איז געוואָרן אומצופרידן; או ןדי אומצופרידענהייט איז געוואַקסן פון יאָהר צו יאָהר.

און אַ צווייטע ערקלערונג איז, אַז עס זיינען דאָ פרויען (און אַמאָל אויך מאַנסבילן), וועלכע קענען ניט פאַרטראָגן קיין וואוילטאָג. זיי זיינען רוהיגע, געטרייע פרויען אין נויט און דחקות, נאָר ווי עס הויבט אָן געהן בעסער, פאַנגען זיי אָן צו „קיקן", און וואָס בעסער עס געהט זיי, אַלץ שטאַרקער „קיקן" זיי.

דאָס זעהט מען אָפט ביי די „גרינע" ווייבער, וועלכע קומען צו זייערע מענער אין אַמעריקע. מאַנכעס מאָל קומען זיי פון נויט און עלענד צו אַ מאַן וואָס קאָן זיי בלויז געבן נישקשה'דיגע רומס, און מיטעלמעסיגע קליידונג, און גענוג צו עסן.

ווי נאָר זיי דערפילן דעם טעם פון אַ בעסער לעבן הויבן זיי אָן „וואָיעווען", פאָדערן, מקנא זיין די ווייבער פון אַנדערע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן מעהר, און פארפינסטערן דאָס לעבן פון מאַן און קינדער.

קען זיין אַז אייער פרוי, מיין ליבער מאַן־אויף־צרות, איז אַ פרוי מיט אַזאַ נאַטור. פון דערהיים, וואַרשיינליך, אַן אָרעמע מיידל, געוואוינט צו אַרבייטן, האָט זי דאָ אויך אין די ערשטע יאָהרן שווער געאַרבייט מיט אייך.

אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבן איז שווער געווען, איז אַלעס געווען רעכט; מיט אַמאָל איז זי געקומען אין אַ רחבות (ראַכוועס), אין אַן עשירות, קען זי דאָס ניט פאַרטראָגן.

אויב איהר ווילט, זיינען מיינעביידע דערקלערונגען בלויז איין דערקלערונג, ווייל זיי קענען געהן צוזאַמען.

און איהר אַליין האָט פיללייכט אויך בייגעטראָגן דערצו, דערמיט וואָס איהר האָט מיט צוואַנציג יאָהר פריהער ניט געקעמפט פאַר אייער רעכט ביי זיך אין דערהיים. איהר האָט געלאָזט געהן ווי עס געהט, ווייל עס איז לייכטער געווען.

איצט פרעגט איהר אַן עצה: ווי אַזוי זיך אויסאיינאַנדערצוגעהן. אייער ווייב שיקט אייך „אין דר'ערד אַריין". איהר זייט ניט מחויב צו פאָלגן.

ווי באלד אז די הויז און אלעם דערין ווילט איהר געבן סאי ווי סאי, און פארזארגן איהר מיט פרנסה אויך, טא ווער לאזט אייך ניט געהן?

מופט ארוים פון אייער הויז און וואוינט אנדערשוואו. לאזט איבער די פראגע פון גט'ן זיך אויף שפעטער. דערווייל וועט איהר האבן די רוה וואס איהר זוכט.

„צופיל" אמת טויג אויך ניט

ווערטהער דר. קלארמאן:

ווען איך האב מיט צוועלף יאהר צוריק געמאכט די בעקאנטשאפט מיט דער מיידל, וועלכע איז דערנאך געווארן מיין ווייב, האב איך זי ליב געקראגן הויפטזעכליך דערפאר וואס איך האב זי געפונען אהן פאלש־קייטן, און ריידענדיג אלע מאל אמת. איך אליין א פראסטער ארבייטער. איך היט מיך אוים פון ליגן אזוי וויט ווי דאס איז נאר מעגליך; דאס האב איך בקבלה פון מיין פאטער ע"ה, וועלכער איז געווען באריהמט אין אונזער שטעדטעל פאר אן איש אמת. דרייצעהן יאהר בין איך געווען אין אמעריקא איידער איך האב געפונען א מיידל וועלכע רעדט אמת אונטער אלע אומשטענדן. זיינען מיר צוועלף יאהר פערהייראט און האבן צוויי קינדער. מיט א צייט צוריק האב איך באמערקט אז מיין פרוי האט זיך געלאזט פארבן איהרע האר. זי האט אנגעפאנגען ווערן גרוי, איז זי אוועק אין ביוטי פארלאר און איז געווארן בלאנד. מילא זאל זיין בלאנד. אבער אנומעלט הער איך ווי זי רעדט מיט א שכנה וועלכע האט זי פריהער ניט געקענט, און באריהמט זיך אז איהרע בלאנדע האר ווערן ניט שיטערער און ווערן העלער אבער ניט גרוי. דאס איז געווען ליגן נומער איינס. פאר אן אנדער פרוי האט זי געזאגט, אז זי איז איין־און־דרייסיג יאהר אלט. ווען מיר האבן געהייראט האט זי מיר געזאגט אז זי איז זיבן־און־צוואנציג, מוז זי איצטער זיין ניין־און־דרייסיג יאהר אלט. דאס איז ליגן נומער צוויי. אנומעלט, ווידער, רעדט זי מיט אן אנדער שכן'טע, א פעטע דיקע פרוי, באריהמט זי זיך פאר איהר, אז זי וועגט הונדערט־פערציג פונט, און היט זיך אפ אין עסן — עסט בלויז ברויט און זויער־מילך. דער אמת איז, אז זי וועגט 162 פונט, און עסט טשיקן און גריבענעס און אייז־קרים מיט פיל אפעטיט. איך קען אייך ניט זאגן ווי די ליגנס קריינקען מיך, ווייל איך האב מורא אז די קינדער וועלן לערנען צו זאגן ליגן. איך האב דאס מיין ווייב אויסגערעדט, האט זי מיר גע־ענטפערט אז איך בין א אידיאט, און שוין צוויי וואכן ווי זי רעדט ניט צו מיר. איך בין ביטער ענטוישט. פליעז, דר. קלארמאן, וואס קען איך טאן דערצו?

דער ענטוישטער.

מיין פריינד, אמת ריידן איז אַ טייערע מידה, אָבער ווען איהר געהט זוכן אמת ביי אַ פרוי ווען עס האנדלט זיך וועגן איהר פער־זענליכן אויסזעהן, קריכט איהר אין טראָבל.

איהר ווילט זיין מעהר אמת'דיג פון גאָט־ברוך־הוא.

אויב איהר זייט אַמאָל געגאנגען אין חדר געדענקט איהר געוויס וואָס דער רבי האָט אייך געזאָגט וועגן אונזער מאַמע שרה.

ווען זי האָט געהערט ווי אַזוי די מלאכים זאָגן צו אברהמ'ען אַ זוהן פון זיין ווייב שרה, האָט זיך שרה צולאַכט: „איך בין אָפּגע־לעבט, און מיין מאַן איז אַלט!"

אָבער ווען גאָט האָט וועגן דעם גערעדט צו אברהמ'ען האָט ער אויסגעלאָזט די ווערטער „מיין מאַן איז אַלט". אַ מאַן האָט פאַר־איבל אז אַ ווייב זאָגט איהם דאָס. גאָט־ברוך־הוא האָט בלויז איבער־געגעבן דאָס וואָס שרה האָט געזאָגט וועגן זיך אַליין.

קומען אונזערע חכמים און ערקלערן, אַז פון שלום בית וועגן מעג מען אַמאָל אונטערדריקן אַן אמת.

און איהר, מיין פריינד, ווילט געהן מיט'ן אמת אפילו אין אַזעלכע זאַכן וואָס איז נוגע בלויז דאָס אויסזעהן פון אייער פרוי, ניט אַכטנדיג אויף אייער שלום בית.

די זאַכן אין וועלכע איהר האָט געכאַפּט אייער פרוי ביי ליגנם געהערן צו די זאַכן מיט וועלכע די מייסטע פרויען נאַרן זיך אַליין, גלויבנדיג אַז זיי נאַרן די וועלט. אָבער זיי טוען דאָס ניט פון פאַלש־קייט, אָדער פאַרדאָרבענקייט, אָדער פון לוסט צו זאָגן ליגן, נאָר אוים מורא פאַר אַלט ווערן.

אום זיך איינצורעדן אַז זיי זיינען יונג טוען זיי די קאָמישסטע זאַכן.

יעדע פרוי קען דערקענען מיט איין בליק די געפאַרבטע האָר אויף אַן אַנדער פרוי; אָבער זי רעדט זיך איין אַז איהרע האָר וועט מען ניט דערקענען אַז זיי זיינען געפאַרבט.

יעדע פעטע פרוי באַטראַכט אַ צווייטע פעטע פרוי און דאַנקט גאָט וואָס זי איז ניט אַזוי פעט ווי יענע, וועהרענד אין אמת'ן וועגט זי מיט צוואַנציג פונט מעהר.

יעדע פרוי ווייסט, דאָס איהר מאַן ווייסט אַקוראַט ווי אַלט זי איז. זי קען איהם אפשר אָפּנאַרן אין אַ פּאָר יאָהר פאַר דער חתונה, אָבער נאָך דער חתונה קען ער שוין קיין טעות ניט מאַכן. נאָר הערן דאָס פון איהם וויל זי ניט.

זי וויל זיין אַזוי ווי אונזער מאַמע שרה „בת ק' כבת כ' — אַ הונדערט יעהריגע ווי אַ צוואַנציג יעהריגע.

אַלע רעספּעקט צו אייך פאַר אייער ליבע צום אמת, פאַר אייער

פארלאנג צו הערן בלויז אמת פון אייער ווייב, אבער מיט'ן ריינעם אמת אהן א קאפעלע טאקט, אהן ווּיסן וואו צו פארשווייגן, איז שווער אויסצוקומען די וועלט, אדער דורכצוקומען מיט אן אייגענער פאמיליע.

אייער פרוי באנוצט אלע קינסטליכע מיטל צו ערשיינען אינגער און שעהנער ווי זי איז. זי טוט עס אויס איטלקייט, כדי מ'זאל זאגן אז זי איז א יונגע שעהנע פרוי, און טוט עס פיליכט אויך פון אייערטוועגן, ווייל זי וויל אייך נאך געפעלן.

אפשר דערגרייכט זי ניט איהר ציל, און איהר אנשטרענגונג איז אומזיסט, אבער פאראכטונג אדער באליידיגונג און קריינקונג דערפאר פארדינט זי ניט.

ווער ציהט אייך פאר'ן צונג אז איהר זאלט קומען און איהר זאגן: „דו פארבסט דיינע האר, דו ביזט ניין-און-דרייסיג יאהר אלט און ניט איין-און-דרייסיג, דו וועגסט הונדערט זעכציג און ניט הונדערט פערציג."

ווער צווינגט אייך צו זאגן אזא אמת — וועלכן צוועק דינט דאס?

וועט איהר צוגעהן צו א קריפל אין גאס און זאגן צו איהם: „דו האסט א הויקער"?

אפילו אז דאס איז אמת קענט איהר כאפן א מפלה.

דאס זיינען פון די אמת'ן פון וועלכע מ'רעדט ניט.

דערפאר דענק איך אז אייער ווייב'ס רוגז איז א גערעכטער און איהר זייט מחויב זי איבערצובעטן.

אלץ צו דער ווייב

ווערטהער דר. קלארמאן:

מיר זיינען זיבן יאהר פערהייראט און האבן צוויי קינדער, א באי פון זעקס יאהר, און א מיידעלע פון דריי יאהר. די ערשטע פינף יאהר האבן מיר געלעבט גליקליך. מיין מאן האט געארבייט און איך האב אטענדעט די הויז. דערנאך האט ער פארלארן זיין דזשאב. צוויי יאהר האבן מיר זיך געמאטערט. דאן האבן פריינדע אונז געגעבן געלד צו קויפן א קליינע סטיישאנערי. מיין מאן האט ווידער אנגעהויבן ארבייטן ביסלעכווייז. איך אטענד צו די סטאר און אויך צו די הויז און די קינדער. צוויי דריטעל פון דעם געלד וואס מ'האט אונז געגעבן איז שוין

בעצאַהלט געוואָרן. מיר וואָלטן זיך איצטער געקענט ביסלעכווייז ארויס־ארבייטן ווען מיין מאַן וואָלט ניט פאַרביטערט אונזער לעבן. ער האָט זיך איינגערעדט אז איך נעהם געלד פון סטאָר אָהן זיין ידיעה, און פיל איך זאָל איהם ניט זוכן צו איבערצייגן אז ער איז מיר חושד אומזיסט, העלפט ניט. די לעצטע צייט רעדט ער ניט צו מיר, עסט ניט אין הויז, און געהט ארום מיט א פינסטערן פנים. איך וואָלט וועלן האָבן שלום אין אונזער לעבן און וויל ניט מאַכן קיין קריג, אָבער איך ווייס ניט ווי צו האנדלען. פליז, דר. קלאַרמאַן, גיט מיר אן עצה.

מרס. פ. פ. ניו יאָרק.

מ'מוז סימפּאַטיזירן מיט אייך, שוועסטער, ווייל קיין גרעסערע צרה קען ניט געבן אין א פאַמיליע, פאַר דער פרוי און קינדער, ווי א מאַן וואָס געהט שטענדיג ארום מיט א בייזן פנים און רעדט ניט, און ווען ער רעדט יאָ, איז בלויז שלעכטע ווערטער און זידלעריי.

מ'דאַרף ניט זיין קיין נביא צו טרעפן וואוהין דאָס פיהרט, און וואָס פון אזא באנעהמונג קען ארויסקומען.

אפילו א פרוי מיט אייזערנע נערוון קען ניט גאָר לאַנג דער־טראָגן אזא מאַן אין הויז, און פריהער אָדער שפּעטער, מוז די פאַ־מיליע צוריסן ווערן.

און אויב אפילו די פרוי זאָל עס לאַנג דולדן, וועט אזא מאַן שפּעטער קיין פּלאַץ ניט געפינען ביי זיך אין הויז.

ער פאַרפרעמדט פון זיך די פרוי און די קינדער; און ווען די קינדער וועלן אונטערוואַקסן, וועלן זיי זיין זיינע שונאים, דען מ'קען ניט ליב האָבן א פאָטער וואָס זידלט און רופט שלעכטע נעמען, אָדער געהט ארום שטענדיג אין כעס און רעדט ניט.

עס זיינען דאָ פילע טאַטעס אזעלכע, וועלכע האָבן אין די פרי־העריגע יאָהרן פאַרביטערט דאָס לעבן פון פרוי און קינדער, און שפּעטער, ווען זיי זיינען פאַרשטויסן און פאַרנאַכלעסיגט, קלאָגן זיי אויף שלעכטע קינדער.

און זיי באַרעכענען ניט, אז אָנשטאָט צו זיין חבר פון די קינדער און געווינען זייער ליבע און פריינדשאַפט פון קינדווייז־אויף, האָבן זיי די קינדער דערווייטערט פון זיך דורך קללות, זידלעריי און אָפטמאָל אויך דורך גרויזאַמקייט.

און אויב אפילו ביי זיך אין הארצן באַרעכענען זיי דאָס יאָ, און האָבן אפשר חרטה, קומט זייער חרטה צו שפּעט.

עס זיינען דאָ מענשן וועלכע זיינען בטבע פול מיט חשד געגן

יעדערן, און האבן צו קיינעם קיין צוטרוי, אפילו ניט צו אן אייגענע מוטער, אדער פרוי, אדער קינדער.

ביי מאנכע ענטארטעט זיך דאס צו א גייסטיגער קראנקהייט, צו אן איינגערעדטער מורא, אז מ׳געהט זיי טאן שלעכטס, אז מען פארפאלגט זיי, אדער מען פארראטה זיי.

ווען דאס דערגרייכט צו אזא פונקט, דאן איז פאר אזא מענשן מעהר קיין רעטונג ניטא. פילע אזעלכע מענשן ענדיגן זייערע יאהרן אין אסיילומס פאר גייסטעס־קראנקע.

ווען א מענש הויבט אן פיהלן אין זיך אזא נייגונג — חושד צו זיין, צו זיין בייז אהן אן אורזאכע, א. ד. גל. — דארף ער מיט אלע כחות קעמפפן געגן דעם און דאס ניט לאזן געהן צו ווייט.

אויב ער פיהלט א נייגונג צו שווייגן, צו זיין א ברוגז׳ער, זאל ער זיך דוקא צווינגען צו ריידן אין דעם פריינדליכסטן אופן.

אויב ער פיהלט אז אין איהם געהט אויף א חשד געגן ווער עס איז, זאל ער אליין זאגן אז דער חשד איז פאלש, און האנדלען און ריידן מיט דער פארדעכטיגער פערזאן אנפענהארציג, און אהן רוגזה.

ער מוז לעבן אין א פרעהליכער רוהיגער אטמאספערע, וואו עס איז ניטא קיין צאנקערייי און קיינע אויפרעגונגען.

דאס איז די עצה וואס איך וואלט געגעבן אייער מאן אויב ער זאל פרעגן ביי מיר.

די עצה וואס איך האב פאר אייך איז, אז ביז ער וועט ניט ענדערן זיין אויפיהרונג, און וועט אויפהערן געברויכן אזעלכע שענדליכע ווערטער ווי „גנב” געגן פרוי און קינדער, זאלט איהר איהם אינגאנצן איגנארירן.

קוקט ניט אויף זיין מינע און זוכט ניט זיך צו פארענטפערן, ווען איהר פיהלט ביי זיך אין הארצן אז איהר האט איהם קיין עוולה ניט געטאן.

שטעלט זיך אן אזוי ווי ער וואלט גאר ניט עקזיסטירט.

איהר זייט א פרוי אן אשת חיל — אטענדעט צו די סטאר, צו די קינדער, צום הויז, באזארגט די זאכן וואס אייער מאן האט נויטיג; און ווייטער לאזט איהם לויפן.

אויב ער וועט קומען צו באזינונג און זיך ארומזעהן אז ער פיהרט זיך אויף שלעכט, און וועט ווערן מענשליכער, דאן זאלט איהר איהם באגעגענען פריינדליך ווי אין די ערשטע יאהרן.

זי וויל דוקא „לערנען" דעם מאַן

ווערטהער דר. קלאָרמאַן.

גוואלד, טייערער דאָקטאָר, גיט אן עצה וואָס פאר א מיטעל קען מען אָנווענדען אז א ווייב זאָל אויפהערן „נעגן" און „גריזשען".

מיר זיינען צוואנציג יאָהר פארהייראט, מיר האָבן פיינע קינדער, און מיר מאכן, גאָט צו דאנקען, גאָר א פיינעם לעבן. מיר וואָלטן געקענט לעבן זעהר גליקליך. איז די איינציגע צרה וואָס מיין ווייב האלט אין איין גריזשן, אין איין לערנען אַלעמען דרך ארץ, און אין טשעפּן זיך פאר יעדע קליינינקייט.

מיינט איהר חלילה, אַז זי איז א מרשעת אָדער אן ארורה? חלילה! זי איז א בכבוד'ע, גוט־הארציגע פרוי, א גוטע באַלעבאָסטע. דערזעהט זי איינעם אין נויט וואָלט זי אוועקגעגעבן וואָס זי קען, צו העלפן. איז ווער קראנק, אפילו א פרעמדער, איז זי גרייט צו זיין א נוירס און פאר־ברענגען שטונדן ארום קראנקן. נאָר זי קען זיך ניט צוריקהאַלטן פון „לערנען" דעם מאַן מיט די קינדער דרך ארץ, ווי צו שטעהן, ווי צו געהן, וואָס צו ריידן און ווי צו ריידן, ווי צו טאָן ביזנעס, מיט וועמען צו האָבן עסקים און מיט וועמען ניט, און פאר יעדעם האָר איז ברוגז, הארץ־עסעניש און „לעקטשורס". איך וואָלט דאָס ווי עס איז דערטראָגן, ווי שווער דאָס איז, אָבער איך זעה ווי די קינדער — צוויי באָיס און צוויי מיידלעך — ווערן דאָקוטשעט פון איהר און זיי פארלירן די ליבע און רעספּעקט וואָס מ'דארף האָבן פאר א מאַמע. דאָס קריינקט מיך מעהר ווי איך קען אייך אויסשרייבן, און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן דערצו. אפשר איז דאָס ביי איהר אַזאַ פעהלער וועגן וועלכן מ'דארף פרעגן א דאָקטאָר? פּליז, דר. קלאָרמאַן, ווייסט איהר פּילייכט א מיטעל דערצו?

געפּלאָגטער מאַן.

וועל, מיין געפּלאָגטער פריינד, א פעהלער איז דאָס גאָר א גרויסער. מעהר חורבנות מאכט אָן „נעגן" און „גריזשען" אין פאַמיליען אַלס פילע אַנדערע אורזאַכן וואָס שטערן דעם פרידליכן פאַמיליען־לעבן.

אָבער אויב א דאָקטאָר קען דערצו העלפן איז א גרויסער ספק. זעהר מעגליך, אַז אויב אייער פרוי וואָלט עס אָנערקענט אַלס א פעהלער, און וואָלט זיך ענטשלאָסן צו פרעגן ביי א דאָקטאָר, וואָלט עס אפשר יאָ געהאָלפן.

אויב ניט די רפואה וואָס דער דאָקטאָר וואָלט איהר געגעבן צו איהרע נערוון, וואָלט איהר ווייניגסטענס געהאָלפן די איבער־

ציונג, אַז זי טוט ניט ריכטיג, און זי וואָלט אַליין געזוכט זיך איינצוצאַמען.

אָבער די צרה איז, וואָס אייער פרוי האַלט דאָס ניט פאַר אַ פעהלער. זי גלויבט געוויס אַז זי ערפילט די פליכט פון אַ געטרייער ווייב און פון אַ גוטער מאַמע ווען זי „נעגט" און „גריזשעט".

און אויב איהר זאָלט איהר צומוטהען צו פרעגן אַ דאָקטאָר, וועט איהר מן הסתם הערן אַ „לעקטשור", אַז איהר וועט פאַרזאָגן א צעהנטן, איז גלייכער צו לאָזן דעם דאָקטאָר צו־רוה און באַקלעהרן צי איז ניטאָ עפּעס אַן אַנדער מיטל.

צו היילן אַ פעהלער איז נויטיג פריהער צו דערגרונטעווען פון וואַנען ער נעהמט זיך. יעדער פאַרשטעהט אַז די לוסט צו „נעגן", און „גריזשען", און „לערנען", איז ניט אַ פעהלער פון גוף, נאָר פון דער נשמה. אויף דאָקטוירים־לשון וואָלט מען געזאָגט: „אַ פּסיכאָ־לאָגישער פעהלער".

קענען זיין מעהרערע פּסיכאָלאָגישע אורזאַכן.

איין אורזאַכע קען זיין ליבע. דאָס קלינגט משונה'דיג, ליב צו האָבן און צו דערגעהן די יאָהרן. אָבער דאָך איז דאָס זעהר מעגליך.

מ'זאָגט אַז עס זיינען דאָ מאַלפּעס וועלכע האָבן אַזוי ליב זייערע קינדער, דאָס זיי צודריקן זיי אָפּט אין זייערע אָרעמס פאַר ליב־שאַפט.

עטוואָס עהנליכעס קען אויך זיין אין אַ מענשן. מעהר ניט ביי אַ מענשן דריקט זיך דאָס אויס אין „נעגן" און „גריזשען".

איך צווייפל ניט אַז אייער פרוי איז געטריי איהר מאַן און ליבט איהם, און זי האָט אויך ליב איהרע קינדער. זי וואָלט זיך פיליכט אין אַ נויט פאַר זיי מקריב געווען.

ציטערט זי אַלע מאָל, און טראַכט איבער, אַז דער מאַן אָדער די קינדער זאָלן חלילה מיט עפּעס ניט געשטרויכלט ווערן, זאָלן אַלע מאָל באַנעמען זיך ריכטיג, זאָלן האַנדלען קלוג, זאָלן זיין פאָרזיכטיג, און אַזוי ווייטער.

און זי האָט איהרע אייגענע באַגריפן פון פאָרזיכטיגקייט, פון באַנעהמונג, פון האַנדלען מיט מענשן, און איז איבערצייגט אַז זי פאַרשטעהט דאָס ריכטיג.

קען זי ניט רוהען אויב זי זעהט, אָדער דענקט, אַז דער מאַן אָדער די קינדער טוען אַנדערש; אָדער זי האָט מורא אַז זיי וועלן טאָן אַנדערש, און זוכט דאָס צו באַוואָרענען.

אַן אַנדער אורזאַכע קען זיין — און דאָס האָט אַ שייכות מיט דער ערשטער — איהר באַגעהר זיך צו באַהויפּטן, צו לאָזן פיהלן איהר פּערזענליכקייט, צו שפּילן אַ ראָלע אין דעם לעבן פון אַנדערע.

דאָס איז אַ נאַטירליכער באַגעהר, ביי מאַנכע מענשן שטאַרקער, ביי אַנדערע שוואַכער, אָבער יעדער איינציגער האָט איהם.

אויב אַ מענש געפינט דעם ריכטיגן אָרט וואו צו לאָזן זיך אויסשפּילן דעם באַגעהר, ווי צום ביישפּיל, אַ מענעדזשער פון אַ ביזנעס, אַ פּרעזידענט פון אַ שוהל, א. ד. גל., געפינט ער באַפרידיגונג.

אַ פרוי וועלכע איז באַשרענקט אויף איהר הויז מיט איהר הויזגעזינד, און האָט קיינע אַנדערע געלעגענהייטן וואו צו לאָזן גילטן איהר פּערזענליכקייט, ווענדעט זי עס אָן אויף איהר מאַן מיט די קינדער.

פרויען וואָס „קאָמאַנדעווען", וואָס „נעגן" און „גריזשען" און לערנען זייער הויז-געזינד, זיינען מייסטענס אַזעלכע, וואָס זייער גאַנצע טעטיגקייט איז באַשרענקט אויף דעם ענגען קרייז פון זייער הויז.

די פרויען, וועלכע האָבן אַנדערע אינטערעסן אויך, ווי צום ביישפּיל, ביזנעס, אָדער פאַרנעהמען זיך מיט אויסזייטיגע געזעלשאַפטליכע אַרבייטן, אָדער מיט טשאַריטי, און געפינען אָן אָרט וואו צו לאָזן זייער פּערזענליכקייט זיך באַהויפּטן, און שפּילן אַ ראָלע, — די זיינען ווייניגער גענייגט צו „קאָמאַנדעווען" ביי זיך אין דערהיים.

אויב איהר, געפּלאַגטער מאַן, האָט געלעזן וואָס דאָ אויבן איז געשריבן, און איהר דענקט, אַז דאָס איז צוגעטראָפן צו אייער פרוי, דאַן איז פאַראַן איין מיטל פאַר אייך.

איך קען ניט גאַראַנטירן אַז דער מיטל וועט העלפן, אָבער יעדנפאַלס איז דאָס אַ מיטעל וואָס איז כדאי אויסצופּראָבירן: „אם לא יועיל לא יזיק" — אויב ער וועט ניט העלפן — שאַדן וועט ער געוויס ניט.

רעדט צו אייער פרוי אַז זי זאָל אָנפאַנגען עפּעס אַ ביזנעס פאַר זיך און איהר וועט די ביזנעס פינאַנסירן.

און אויב זי האָט דערצו קיין חשק ניט, אָדער איז ניט פעהיג צו ביזנעס, אָדער איהר קענט דאָס ניט טאָן צוליב אַנדערע זאַכן — רעדט איהר צו אַז זי זאָל זיך נעמען פאַר געזעלשאַפטליכע אַרבייט.

עס וואָלט אייך געלוינט אַז אין אייער נאַכבאַרשאַפט זאָל געשאַפן ווערן א ליידיס סאָסייעטי, אַ ליידיס קלוב, אָדער אַן אָקזילערי, צו עפּעס א שוהל, אָדער אַ האָספּיטאַל, אָדער אַן אַנדער טשאַריטייבל אינסטיטושאָן, און איהר זאָלט שטילערהייד אַזוי אַזוי אַראַנזשירן, אַז מ'זאָל אייער פרוי אויסקלייבן פאַר פּרעזידענט. אויב איהר זייט פאַרמעגליך, און איהר קענט זיך לאָזן קאָסטן

אויף דעם אביסל געלט, וועט ווערטח זיין יעדער דאלער וואס איהר וועט אויף דעם אויסגעבן.

דאס וועט דינען פאר אייך ווי א סארט „בליץ־אפלייטער". איהר פארשטעהט מן הסתם וואס דאס מיינט. מ'שטעלט ארויס א קופער־נעם דראט וואס ציהט צו דעם בליץ, כדי דער בליץ זאל ניט איינ־שלאגן דעם דאך.

איהר וועט געבן אייער פרוי א געלעגענהייט צו „קאמאנדע־ווען", צו „נעגן" און צו לערגען אנדערשוואו. איהר פערזענליכקייט וועט זיך לאזן באהויפטן אויסערהאלב איהר אייגענעם הויז־געזינט, און זי וועט לאזן צו־רוה דעם מאן מיט די קינדער.

פרובירט דאס, דאס וועט זיין אן אינטערעסאנטער עקספע־רימענט.

א פרוי מיט א „גאלדענעם נאז־באנד"

ווערטהער דר. קלארמאן:

איך בין מיט מיין פרוי פערהייראט צוויי־און־צוואנציג יאהר. מיר זיינען פערצעהן יאהר אין אמעריקא. מיר קומען אליין פון א קליין שטעדטל אין גאליציען. מיר האבן דריי קינדער. די עלטערע טאכטער פארדינט שוין פאר זיך. איך בין א שלאסער ביי טרייד. אלצדינג וואלט שוין גאר ניט שלעכט געווען, נאר מיין ווייב איז מיט מיר ניט צופרידן. זי איז שטענדיג ברוגז און אנגעבלאזן, און דאס ווארפט ארויף א מרה־שחורה אויף די הויז. די אומצופרידנהייט איז ניט פון געלד־זאכן, נאר פון דעם וואס איך געפעל איהר ניט מעהר. ווען איך בין ניטא אין הויז איז זי פרעהליך און מונטער. איך האלט זי ניט אין גאנצן פאר שולדיג. וואס זאל זי טאקע טאן ווען זי האט מיך ניט ליב? מיר זיינען, ווייזט אויס, לכתחילה קיין באשערטע פאר ניט געווען. זי איז דער היפוך פון מיר אין א סך זאכן. זי איז אן אומרוהיגע נאטור, און איך א שטילער רוהיגער מענש. זי איז א שעהנע פרוי, אפילו איצטער ווען זי איז שוין אריבער פינף־און־פערציג; און איך בין ניט מעהר אנציהענד, בפרט די לעצטע צייט ווען איך בין שטארק אויסגעמאטערט פון מיין שווערע ארבייט. זי זאגט, זי שעהמט זיך צו קומען מיט מיר אין געזעלשאפט; איך מאך ניט קיין גוטן איינדרוק, זאגט זי, אויף די אנוועזענדע. און איך פיהל טאקע ניט גוט אין געזעלשאפט מיט איהר צוזאמען. וואס איך רייד ארוים געפעלט איהר ניט. קומענדיג אהיים לייענט זי מיר א נאטאציע ווי עס געהער צו זיין. אין דער צייט וואס זי איז ברוגז — און דאס איז כמעט שטענדיג — איז ווי איך געה טויג ניט, וואס איך טו טויג ניט,

כּאַטש נעהם און באַגראָב זיך אין דר'ערד. איך מוז אייך זאָגן, אַז צווישן מענשן אויסער הויז, דיינקט מען גראד ניט שלעכט פון מיר. איך בין פאַר די לעצטע אַכט יאָהר אויף איין דזשאָב, אַנגעקומען אויף דרייסיג דאָלער א וואָך און זיך אַרויפגעאַרבייט אויף פופציג, און מ'איז צופרידן פון מיר.

די ווייזשעס גיב איך איהר אָפּ אין גאַנצן. זי האָט אָפּגעשפּאָרט פופצעהן הונדערט דאָלער; אָבער דאָס איז אויף איהר נאָמען. איך האָב אויף דעם קיין דעה ניט. זי זאָגט מיר אָפּן, אַז זי דולדעט מיך נאָר ווייל איך מאַך אַ לעבן פאַר דער פאַמיליע, אַז ניט וואָלט זי מיט מיר ניט געוואוינט צוזאַמען. איך פיהל, אַז אויב איך וועל אויפהערן פאַרדינען וועל איך אין הויז קיין פּלאַץ ניט האָבן. אַזוי ווי איך בין שוין אַכט און־פערציג יאָהר, און מיינע כחות ווערן שוואַכער פון דער שווערער אַרבייט, און נאָך מעהר פון ערגערניס, שרעקט מיך זעהר מיין צוקונפט.

פּליעז, דר. קלאָרמאַן, זאָגט מיר איז טאַקע מיין צוקונפט אַזוי שרעקליך ווי איך שטעל זי מיר פאָר, אָדער עס קען אַמאָל בעסער ווערן? גיט מיר אַן עצה וואָס זאָל איך טאָן. צייטענווייז פיהל איך ווי צו מאַכן אַן ענדע צו מיין לעבן מיט די צרות צוזאַמען. איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין פאַר אייער עצה.

אַ לעמבערגער.

יאָ, מיין פריינד, אייך איז אָסור מקנא צו זיין, און די צוקונפט פאַר וועלכע איהר שרעקט זיך איז באמת גאָר ניט גלענצענד.

אַ פרוי וועלכע איז אַזוי גראָב, און אָהן אַיינזעהעניש, צו זאָגן איהר מאַן, אַז זי דולדעט איהם בלויז אַזוי לאַנג ווי ער קען פאַרדינען, וועט פעהיג זיין אַרויסצויאָגן דעם מאַן פון הויז ווען ער וועט ניט מעהר קענען פאַרדינען.

איהר אַליין לערנט אויף איהר אַ זכות ווען איהר זאָגט „וואָס זאָל זי טאָן ווען זי האָט מיך ניט ליב?"

דאָס איהר קענט אונטערדריקן אייער עלענד און לערנען אַ זכות אויף איהר איז אַ הויכע מדרגה פון זעלבסט־באַהערשונג.

גאָט האָט אייך געשטראָפט מיט אַ ווייב וואָס איז גרויזאַם, האַרטהערציג און אָהן אַ געפיהל פון איינזעהעניש אָדער מיטלייד.

זי איז אָנגעפילט מיט פוסטע אַמביציעס, גרויסהאַלטעריי, אויס־צונעהמען אין געזעלשאַפט, ערנידריגט זי און קרענקט איהר מאַן, איהר שפּייזער, דעם פאָטער פון איהרע קינדער, ווען זי איז געוויס ניט ווערטה צו האָבן.

איך זעה פון אייער שרייבן, אַז איהר זייט ניט בלויז אַ גוטער בעל מלאכה, נאָר אויך אַ מענש מיט אַ קלאָרן שכל, און מיט אינ־טעליגענץ, פעהיג אַרויסצוזאָגן אויפ'ן פּאַפּיר אייער ווען אַזוי גלאַט

און באשיידן, ווי מ'טרעפט דאס ניט אפט אונטער פארהארעוועטע מענשן.

איהר האט אויך א בליק קלאר גענוג צו בארעכענען אקוראט אייער צוקונפט. א פרוי האט געדארפט זיין שטאלץ מיט אזא מאן, אפילו אז ער איז ניט אזוי שעהן ווי א וואלענטינא.

אבער אייער פרוי, א פינף-און-פערציג-יעהריגע, מוז זיך איבער־נעמען ווארשיינליך מיט איהר שעהנקייט. איהר זאגט אז זי איז נאך שעהן. אבער וואס פאר א ווערטה האט שעהנקייט אהן הארץ און אהן געפיהל.

דער קליגסטער פון אלע מענשן, שלמה המלך, האט וועגן אזא פרוי א גאנץ טרעפליכן פסוק: „נזם זהב באף חזיר אשה יפה וסרת טעם", וואס מיינט, ווי א גאלדענער נאז-באנד אויפ'ן שנוק פון א חזיר, איז א שעהנע פרוי אהן אנשטאנד און אהן שכל.

ניין, מ'קען אזא זכות אויף אייער פרוי ניט לערנען. זי איז אייער פרוי צוויי-און-צוואנציג יאהר, און זי האט מיט אייך דריי קינדער.

עס איז זעהר זעלטען דאס ביי מאן און ווייב וועלכע האבן אזוי לאנג געלעבט צוזאמען זאל נאך ברענען די יוגענדליכע ליבע.

אבער א פרוי מיט געפיהל, אכטעט אין איהר מאן דעם פאטער פון איהרע קינדער, און באזונדערס, ווען ער איז א טרייער מאן, ארבייטזאם, פלייסיג, און טוט אלעס וואס ער קען בלויז פאר זיין ווייב און קינדער.

אייער פרוי האט ניט גענוג שכל אין איהר מח דאס צו פאר־שטעהן; געדאנקען פון פוסטע נארישע גרויסהאלטעריי פילן אן איהר מח, איז דארט קיין פלאץ ניטא פאר איידעלערע געדאנקען.

אייער צרה ווערט נאך גרעסער, דערפאר וואס איהר זייט א רוהיגער, שטילער, געדולדיגער מענש, האט איהר זי געלאזט וואיעווען איבער אייך. אזעלכע פרויען באווייזן געוועהנליך צו פאר'מיאוס'ן דעם פאטער אין די אויגן פון קינדער, אזוי דאס ער ווערט ווי א לעסטיגער פרעמדער אין זיין אייגענעם הויז, און איז גאר אין גאנצן עלענד.

אייער צוקונפט קוקט אויס אקוראט אזוי דונקל ווי איהר שטעלט זיך פאר, און עס איז די העכסטע צייט אז איהר זאלט זיך ארומזעהן און זוכן א באווארעניש געגן אזא צוקונפט.

ווען דער פאטאלער טאג וועט קומען, און אייער פרוי וועט אייך ארויסיאגן פון אייער הויז, אדער וועט אייך פארלאזן, דערפאר וואס איהר קענט ניט מעהר פארדינען, מוזט איהר האבן אפגעשפארט אביסל געלט, איהר זאלט קענען געפינען פאר זיך א היים.

ביז איצטער האָט איהר אָפּגעגעבן אייער פרוי אייערע ווייד־זשעם אין גאַנצן, און זי האָט אָפּגעשפּאָרט פּופּצעהן הונדערט דאָלער, אויף איהר נאָמען. פון איצטער אָן און ווייטער מוזט איהר שפּאָרן אויף אייער נאָמען. יעדע וואָך נעמט ארונטער פון אייערע ווײדזשעס און לייגט עס אין באַנק אויף אייער נאָמען.

אַזוי לאַנג ווי איהר קענט נאָך ארבייטן און פארדינען מוזט איהר דאָס טאָן פאַר אייער פּראָטעקשאָן.

מעג אייער פרוי שטורעמען און סטראַשען — איהר זאָלט ניט נאָכגעבן אין דעם פונקט, איהר מוזט פאַר זיך אָפּשפּאָרן אַביסל געלט.

צו זיין שטיל, און רוהיג, און געדולדיג, איז זעהר שעהן, אָבער אַמאָל הערט דאָס אויף צו זיין אַ טוגענד.

און אויב אייער פרוי וועט אייך מאַכן ענג די הויז מיט איהר ברוגז און מיט איהרע טענות, און איהר וועט מוזן פארלאָזן דאָס הויז, איז געווים בעסער איהר זאָלט עס טאָן איצטער איידער שפּעטער, ווען איהר וועט ניט מעהר קענען פארדינען.

קיין בעסערע עצה האָב איך לײדער פאַר אייך ניט.

אַ צונג מאַכט חרוב אַ היים

ווערטהער דר. קלאַרמאַן.

איך בין אַ פרוי פינף־און־דרייסיג יאהר אַלט, פופצעהן יאָהר פאַר־הייראַט, און מיר האָבן איין קינד. אַ מיידעלע פון פינף יאָהר. אין אמע־ריקאַ זיינען מיר צעהן יאהר. אין יוראָפּ, אין די מלחמה־יאהרן, האָבן מיר פיל אריבערגעטראָגן. מיין מאַן'ס פאָטער האָט אונז געהאָלפן געהן אין אַמעריקאַ. ער האָט אונז געגעבן וואָס ער האָט געקענט, און האָט אויך געבאָרגט פון אַנדערע אונז צו העלפן. מיין שווער איז איצטער אויך אין אמעריקאַ. מיר זיינען ניט רייך געוואָרן, אָבער מיין מאַן מאַכט אַ בכבוד'ען לעבן. ער איז אַ רעליגיעזער מענש, און איך האָב גאָט־צו־דאַנקן כבוד פון איהם. מיין מאַן האָט צוריקגעצאָהלט אַלעם וואָס זיין פאָטער האָט געבאָרגט פון אַנדערע, אָבער דעם פאָטער אַליין זיינען מיר נאָך שולדיג. מיר האָבן אויך איינינע טויזענד דאָלאַר אינשורענס, און אַ פיינע היים. מיר וואָלטן געקענט זיין צופרידן, אָבער עס קומט ארויס קריגעריי צוליב זיין פאַמיליע. מיין שווער איז אַן אַלטמאָדישער איד און איך קען ניט ליידן ווען ער קומט צו אונז צו־גאַסט.

ניט לאַנג צוריק האָט פּאַסירט אַזאַ מעשה: אַן עלטערע שוועסטער פון מיין מאַן איז אין יוראָפּ געשטאָרבן, איבערלאָזנדיג דעם מאַן מיט פיר

קליינע יתומים. דער אלמן האט געהייראט מיין מאן'ס אינגערע שוועסטער, אָבער די מיידעל האט נויטיג געהאט נדן. האט מיין מאן בייגעשטייערט דערצו דריי הונדערט דאלאר, וואס איז א העלפט פון זיין גאנצן פארמעגן. וועגן דעם האב איך מיט מיין מאן זעהר שטארק זיך געקריגט, און האב געשאלטן איהם מיט זייגע עלטערן מיט זיין איינציגע שוועסטער. זייט דאמאלס איז מיין מאן ברוגז און ער באהאנדעלט מיך ניט ווי פריהער. ער קומט אהיים שפעט, און איך האב מורא אז ער געהט מיט דער נעקסט-דאָריגער'ס טאכטער. ער רעדט צו מיר זעהר ווייניג. ער הייסט מיר געהן פון הויז און זאָגט אז ער וועט מיך סופּאָרטן. ער זאָגט, ער ליבט מיך ניט מעהר. פרעג איך ביי אייך אן עצה, דר. קלאָרמאַן, וואס זאָל איך טאָן?

שרה בת אשר.

אט איז א ביישפּיל פון א פרוי, וועלכע האט געהאט אלע שאנסן צו זיין גליקליך און פיהרן א מוסטערהאפט-צופרידענעם לעבן, און האט עס מיט איהרע אייגענע הענט (ריכטיגער זאָגט: מיט איהר אייגענעם מויל) חרוב געמאכט.

איהר בריף פארדינט געדרוקט צו ווערן בלויז דערפאר, וואס פון איהם קענען טויזענדע אנדערע פרויען, וועלכע צושטערן זייערע לעבענס מיט זייערע מיילער, ציהען א גרויסארטיגן מוסר השכל.

אן אנדער פארדינסט האט דער לעטער פון שרה בת אשר, וואס אזוי ווייט ווי ער געהט איז ער אָפענהארציג און אמת, און קען דינען אלס אָנקלאגע געגן איהר אליין.

זי זוכט ניט צו פארדעקן דאס אומרעכט וואס זי האט געטאָן; זי דערצעהלט די פאקטן, אמת בקיצור, אָבער פון זיי קען מען זיך אָנשטויסן, וואס פאר א גיהנם זי האט געמוזט מאכן פון דעם הויז פאר איהר מאן.

און דער מאן, לויט איהר אייגענע באשרייבונג, איז א בכבוד'ער, מ'מעג זאָגן, א נאָבעלער מענש, מיט ליבע און אָפּפערפעהיגקייט פאר די זייניגע, און מיט רעספּעקט און דאנקבארקייט צו זיין אלטן פאָטער, וועלכער האט פון זיין זייט געגעבן מעהר אלס ער האט געהאט, צו העלפן זיין זוהן און זיין שנור.

זי אָבער, די שנור, אַנשטאָט צו זיין דאנקבאר צו דעם אלטן מאן, און איהם ווייזן דעם רעספּעקט און די ליבע וואס ער פארדינט, זאָגט נאָר אז זי קען ניט ליידן ווען ער קומט צו זיין זוהן צו-גאַסט, דערפאר וואס ער איז אן „אַלטמאָדישער" איד.

אַקוראַט ווי צו זיין אן „אַלטמאָדישער איד", — אין דעם פאל אן עהרענהאפטער אלטער מאן, מיט ערגעבענהייט צו זיינע קינ-דער, — וואלט געווען א חסרון.

און פאַר וואָס האָט זי זיך „שטארק געקריגט” מיט איהר מאַן? פאַר וואָס האָט זי געשאָלטן איהם און זיינע אַלטע עלטערן, און זיין שוועסטער?

דערפאַר וואָס ער האָט געטאָן אזא נאַבעלע, פיינע, אונאייגענ-ניציגע טאַט„ אַוועקצוגעבן אַ העלפט פון זיין אָרימען פארמעגן צו אַ שוועסטער, כדי זי זאָל קענען הייראַטן און זיין מוטער צו פיר יתומים פון אַן עלטערער שוועסטער.

א פרוי מיט איידעלערע געפיהלן וואָלט געדאַרפט זיין שטאָלץ אויף אַזאַ מאַן, און איהם אדרבה טרייסטן און זאָגן, אַז גאָט וועט אָפּגעבן כפל כפלים פאַר דאָס געלט וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן צו אַזאַ נאָבעלן צוועק.

און בפרט, אַז דאָס געלט האָט פיליכט געקומט צו דעם אַלטן פאָטער פאַר די הילף וואָס ער האָט זיי געגעבן צו קומען נאָך אַמעריקע.

אָבער ווען אַ מענש איז זעלבסטזיכטיג, אייגענניציג, אָהן א זין פאַר יושר, האָט ער קיין פּלאַץ אין הארצן פאַר די פיינערע איידעלערע געפיהלן, און לאָזט זיך הינרייסן ביז צו ווילדקייט און ניט-אנשטענדיגקייט, נאָכצוגעבן דעם אייגענעם בייזן אינסטינקט.

דורך אַזאַ אויפפיהרונג איז קיין וואונדער ניט, וואָס אַ פאַמיליען-לעבן, וועלכעס האָט געקענט זיין אמת גליקליך, איז דער-פיהרט געוואָרן צו רואין.

איצטער, מיין אומבארעכענטע שרה בת אשר, פרעגט איהר וואָס איהר זאָלט טאָן. איך וועל אייך מיין ראָט ניט ענטזאָגן, ווייל מיין עובדא איז צו העלפן מיט ראָט יעדערן וואָס פרעגט, אַזוי ווייט ווי מיר איז מעגליך; אָבער איך צווייפל אויב אפילו דער בעסטער ראָט קען ווידער גוט-מאַכן דאָס וואָס איהר האָט פארדאָרבן.

איהר האָט מיט אייער גראָבקייט געטויטעט די ליבע אין דעם הארצן פון אייער מאַן.

שילטן און קריגן זיך איז איבערהויפּט גראָב און וואולגאר, און בפרט נאָך שילטן די אַלטע עלטערן פון אייער מאַן, צו וועלכע איהר זייט שולדיג דאנקבארקייט, און פאַר'ן מאַן אין די אויגן.

וואָס אייער מאַן זאָגט, אַז ער האָט אייך ניט מעהר ליב, קען איך גלויבן. עס איז שווער ליב צו האָבן אַ ווייב פון וועלכער מען פיהלט זיך געקרענקט ביז צו די טיפענישן פון דער נשמה.

אייער מורא, אַז אייער מאַן געהט מיט דער „נעקסט-דאָריגער'ס טאָכטער”, גלויב איך ניט, ווייל איך דערקען אין דער מורא די איבערגעשפּאנטקייט פון אַ פרוי וועלכע זוכט אַן אורזאַכע פאַר די קאַלטקייט פון דעם מאַן.

איז מיין עצה צו אייך אַזוי: ערשטענס, מוזט איהר אַנערקענען ביי זיך אין הארצן, אַז אייער אויפיהרונג געגן אייער מאַן און זיין פאַמיליע איז געווען שענדליך, און איהר האָט אויפריכטיג חרטה אויף דאָס אומרעכטע וואָס איהר האָט געטאָן צו זיי.

צווייטענס, זאָלט איהר האָבן דעם מוט און די אויפריכטיגקייט צו קומען צו אייער מאַן און זאָגן אים, אַז איהר זעהט איין דאָס איהר זייט געווען אומגערעכט געגן איהם און זיין פאַמיליע, און איהר בעט ער זאָל אייך מוחל זיין.

און איהר מוזט אויך בעטן די ענטשולדיגונג פון אייער שווער, אייער זוהנ'ס פאַטער, און איהם אויפנעהמען מיט כבוד, ווען ער טוט אייך דעם כבוד צו קומען אין אייער הויז.

און, דריטענס, זאָלט איהר פאר אייער מאַן און אייער שווער אין די אויגן נעהמען אויף זיך אַ נדר און אַ שבועה, אַז פון איצטער אָן און ווייטער וועט נים געהערט ווערן קיין קללה און קיין זידל־וואָרט פון אייער מויל, ניט געגן ווענען־עס־איז פון זיין פאַמיליע.

איך דערקען פון אייער לעטער, אַז אייער מאַן איז אַ פרידליכער מענש, אַ שטילער, בכבוד'ער מענש, וועלכער האָט ליב זיין היים און זיין קינד, און וויל לעבן רוהיג.

אויב איהר וועט אַזוי ריידן צו איהם, אָפּענהארציג, אויפריכטיג, איז זעהר מעגליך, אַז זיין הארץ וועט גערירט ווערן, און ער וועט אייך פארגעבן, און די פריהערדיגע געפיהלן פון ליבע און צערט־ליכקייט וועלן ווידער אויפוואַכן.

דאָס איז די איינציגע עצה וועלכע איך קען אייך געבן, ווידער גוט־צו־מאַכן אין אַ געוויסן מאָס דאָס וואָס איהר האָט קאַליע געמאכט.

איינזעהעניש איז נויטיג

ווערטהער דר. קלאַרמאַן:

מיר זיינען צוועלף יאָהר פערהייראַט און האָבן דריי קינדער, מיין מאַן איז אַ פאַרמאַן אין אַ שאַפּ. ער מאַכט אַ לעבן, און שפּאָרט פיליכט אַ דאָלער, אָבער איך ווייס ניט פון זיינע פארדינסטן, אָדער פון זיין שפּאָרן. מיין אַרבייט איז צו וואַשן, שייערן, נעהען, באַקן, קאָכן, פּרעסן, באָדן די בייבים, איינגעהען קניפּלעך, צירעווען זאָקן, פאַרריכטן און לאַטען, פאַרבינדן צובלוטיגטע פינגערלעך, ענטפערן הונדערט קינדערשע פראַגן אַ טאָג, אָנטאָן און אויסטאָן זיי, און ענטפערן יעדן געשריי „מאַמע"!

דאַן קומט מיין מאַן אהיים. אַלע פאַרדראָסן וואָס האָט זיך ביי איהם אָנגעקליבן איבער'ן טאָג אין שאַפּ, לאָזט ער אויס אין דערהיים. „רחל, וואו איז מיין העמד?" „רחל, וואו האָסטו אהינגעטאָן מיינע נעקטיים?" „איך האָב דיר טויזענד מאָל געזאָגט דו זאָלסט מיינע זאַכן לאָזן ליגן וואו איך לייג זיי!" רחל פאַרלאָזט דעם אויוועז אין קיך, הויבט אויף עטליכע אָנגעוואָרפענע קינדערשע צאַצקעס, און געהט אויס־העלפן דעם פאַרצווייפלטן מאַן. זי געפינט זיין העמד און זיין קראַוואַטקע אונטער דער העמד וואָס ער האָט ערשט אַליין אויסגעטאָן, און געהט צוריק צו איהר אַרבייט אין קיך.

אין די ערשטע פאָר יאָהר נאָך אונזער חתונה פלעגט מיין מאַן מיר אָפט העלפן אין מיינע הויז־אַרבייט. ער פלעגט צושטעלן דעם קאָפּע־טאָפּ איך זאָל מיך קענען אָנטאָן דערוויילע, און אין אָוונט פלעגט ער מיר צוהעלפן מיט די דישעס. אָבער נאָך דער ערשטער בייבי האָט ער דאָס אויפגעהערט. ער זאָגט, ער קומט אהיים אַ פאַרמאַטערטער פון אַ שאַפּ קען ער מיר ניט העלפן. נאָך סאַפּער געהט ער אָפט זעהן אַ פיקטשור. צוליב די בייבים מוז איך זיצן אין הויז. רייד איך איהם דאָס אויס אַמאָל, זאָגט ער מיר: „דו ביזט אַ גאַנצן טאָג צו הויז אַ פרייע, איך מוז אַרומלויפן אין שאַפּ ווי אַ משוגענער".

ווען מיין מאַן דאַרף האָבן אַ נייעם סוט געהט ער און קויפט. ווען איך דערמאָהן וועגן אַ קלייד, הויבט ער אָן דערצעהלן וועגן די אינשור־רענס וואָס ער דאַרף צאָהלן, וועגן דעם דאָקטאָר־ביל פון לעצטן קימפּעט וואָס ער האָט ערשט יענעם מאָנאַט בעצאָלט, און וועגן אַנדערע בילס, באַצאָהלטע און ניט באַצאָהלטע, און ער האַלט אין איין בורטשען.

די לעצטע צייט האָב איך זעהר נויטיג געהאַט אַ קלייד, איך האָב איינפאַך ניט געהאַט אין וואָס אין גאַס אַרויסצוגעהן. איך האָב אויך נויטיג געהאַט אַ פאָר שיך. איך בין אַוועק אין סטאָר און האָב דאָס גע־קויפט „אָן טשאַרדזש" — מיין מאַן האָט דאָרט אַן אַקאַונט — און האָב געגעבן מיין מאַן דעם ביל. איז ער געוואָרן אָנגעצונדענער. סטייטש, איך האָב דאָס געטאָן אָהן זיין ערלויבנים! „אויב דו טוסט מיך נאָך אַמאָל אַזאַ טריק — שרייט ער — וועסטו מיך ניט מעהר אָנזעהן אין דיינע אויגען!"

דאָ איז מיר איבערגעגאַנגען די גאַל, האָב איך געכאַפּט די בייבי און בין אַוועק צו מיין שוועסטער.

איצטער בליימען זיי מיך און זאָגן אַז איך האָב בעגאַנגען אַ רציחה צו פאַרלאָזן דעם מאַן און די קינדער. מיר טוט וועה די האַרץ איבער די קינדער. איך וואָלט בעסער געהן אַרבייטן ביי וואָס עס איז. און מיין מאַן סטראַשעט ער וועט מיך צוריק ניט נעהמען אויב איך קום ניט אהיים גלייך. טאָ וואָס איז דאָס בעסטע פאַר מיר צו טאָן?

רחל.

דאָס בעסטע פאַר אייך צו טאָן, רחל, איז צו פאָלגן אייער אייגענעם האַרצן, וועלכער זאָגט אייך איהר זאָלט געהן צוריק צו אייערע קינדער.

עס איז אייך שווער צוריקצוקעהרן זיך צו אַ מאַן מיט אַזוי ווייניג איינזעהעניש, אַזוי זעלבסטזיכטיג און אָהן מיטגעפיהל; אָבער אַזעלכע מאַמעס ווי איהר זייט האָבן פון אייביג־אָן געבראַכט דעם קרבן צוליב די קינדער, און איהר וועט דאָס אויך טאָן.

וואָס אַנדערש בלייבט אייך צו טאָן? ווען אפילו אייערע קרובים זאָלן זיין צופרידן צו האַלטן אייך און אייער בייבי, וועט איהר געפינען ווייניג רוה ווייסענדיג דאָס די עלטערע צוויי קינדער ווערן פאַרנאַכלעסיגט און ווילן זייער מאַמען.

אייער מאַן ווייס גאַנץ גוט אַז איהר הענגט אָן אייערע קינדער, איז ער ביי זיך האַפערדיג, און ער סטראַשעט אָנשטאָט צו קומען בעטן איהר זאָלט צוריקקומען.

מ'זעהט אַז אייער מאַן איז ניט צופיל באַלעסטיגט מיט געפיהלן פון צערטליכקייט און פון איינזעהעניש.

דאָך מוז מען אָננעהמען, אַז צופיל נחת האָט ער אין די פאָר וואָכן ניט געהאַט.

ער איז צוועלף יאָהר געוועהנט געווען צו געפינען ווייב און קינדער וואַרטענדיג אויף איהם אין דער היים; צו געפינען זיין סאַפּער, און די זאַכן צו וועלכע ער איז געוואוינט.

צו געפינען די קינדער פאַרלאָזן, ווייגענדיג פיליכט, בענקענדיג נאָך דער מאַמען, צו געהן מיט די קינדער אין אַ רעסטאָראַן, אָדער פיליכט אָנשטעלענדיג אַ פרעמדע פרוי די הויז באַזאָרגן קען איהם ניט געבן קיין תענוג.

דאָס ער געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אויפרעגונג איז צו זעהן פון דעם פאַקט וואָס ער סטראַשעט, און וואָס ער וויל אייך תיכף האָבן צוריק.

פאָדערט ניט פון איהם קיין אונטערטעניגקייט, קיין אונטער־געבונג, ווייל אַזעלכע נצחונות לאָזן איבער טיפע סמנים וואָס רופן זיך שפּעטער אָפּ.

געהט צוריק אַהיים און נעמט ווידער אויף אייערע לאַסטן.

אויב אייער מאַן האָט אַ טראָפּן שכל אין זיין מח וועט ער אין די פאָר וואָכן האָבן געלערנט דעם לעסאָן דאָס איהר זייט אַקוראַט אַזוי נויטיג צו זיין לעבן און צו זיין גליק, און צו דעם לעבן און גליק פון די קינדער, ווי ער פאַר אייער לעבן.

ער וועט אין די פאָר וואָכן פיליכט אויך האָבן איינגעזעהן, צו וואָס זיין אייגענניציגקייט און ניט־באַרעכענטקייט קענען פיהרן, און

דאָס ער קען רואינירן אי זיך אליין אי זיין פאַמיליע דורך זיין קורצ־זיכטיגקייט.

אייער פאַל, ליבע רחל, איז ניט אַ פאַראיינצעלטער. טויזענדע פרויען טראָגן אַזוי זייער לאַסט, און עס איז אַ גאָט׳ס רחמנות, ווייל דאָס אַלץ איז גאָר ניט נויטיג.

אַלץ וואָס אַזעלכע ווייבער און מוטערס פאָדערן לייכטע צו מאַכן זייער לאַסט, צו מאַכן זיי גליקליכער, איז אַביסעלע מעהר טיילנאהמע, אַביסל מעהר איינזעהעניש, אַ פריידליך וואָרט פון צייט צו צייט.

עס איז ניט קיין וואונדער וואָס די געדולד פּלאַצט אַמאָל ביי אַ פרוי מיט נערוון און זי פליהט פון דער היים; דער חידוש איז וואָס אַזעלכע פאַלן קומען ניט פאָר אָפטער.

אויך איהר, ליבע רחל, וועט האָבן אין די פאָר וואָכן געלערנט, דאָס אַן אייגענע היים, ווי אומבאַקוועם, שווער, און נערוו־רייסענד זי איז, איז נאָך אימער בעסער ווי צו זיין אַנגעוואָרפן אויף קרובים.

דערום ראָט איך אייך, רחל, געהט צוריק צו אייערע קינדער און צו אייער מאַן.

די ערשטע מחלוקת

ווערטהער דר. קלאָרמאַן.

איך האָב פאַר צוויי וואָכן געהייראַט אַ מיידעל וועלכע איז מיר זעהר ליב. תיכף נאָך דער חתונה זיינען מיר אוועקגעפאָהרן אויף אונזער „האָני־מון״. די וואָך אויף דער רייזע, די האָטעלס, די טעאַטערס, האָבן מיר אָפּ־געקאָסט העכער דריי הונדערט דאָלאַר. איך בין אַ קליינער ביזנעסמאַן, אימשטאַנד אויסצוהאַלטן אַ היים פאַר מיין פרוי און איהר געבן אַלע ווי־גאָדעס, אָבער אויף צו פאַרשווענדן געלד אויף נאַרישקייטן טראָגט מיין געשעפט ניט. איך מוז זיין אויסגערעכענט און שפּאָרן יעדן דאָלאַר צו האַלטן מיין ביזנעס און מיין קרעדיט אויף אַ געזונטן יסוד. אין דער וואָך האָט מיין יונגע פרוי אויסגעגעבן פיליכט פופציג דאָלאַר אויף פּרע־זענטן. האָב איך איהר קיין וואָרט ניט געזאָגט. נאָך אַלעמען, האָב איך געטראַכט, האָט מען דאָך בלויז איינמאָל חתונה — זאָל זי האָבן איהר פאַרלאַנג. געהענדיג צו דעם ריילראָוד סטיישאָן, צו פאָהרן אהיים, דער־זעהט זי אין אַ פענסטער פון אַ טאַי־שאָפּ אַ קליינעם טריין וואָס לויפט מיט עלעקטריסיטי, מיט אַ פּרייז פון צוועלף דאָלאַר אויף אַ קאַרטעל. זאָגט זי, אַז זי מוז דאָס קויפן פאַר איהר פּלימעניקעל, איהר שוועסטער׳ס אינגעלע — אַ בייבי פון צוויי יאָהר. דאָ האָב איך פּראָטעסטירט. איך האָב גראַדע

געזעהן ביי איהר שוועסטער די אנגעווארפענע שפילזאכן, צובראכענע און גאנצע, וואס דאס איינגעלע האט. דאס האט אפגעקאסט צעהנדליגע, פי־ לייכט הונדערטע דאלאר. אלע קרובים ברייננגען מתנות דעם איינגעלע. זאג איך צו מיין ווייב, אז דאס איז אן אויסברייננגעריי, ווי ארויסגעווארפענע געלד, און איך בין נעגן דעם. אין דער פולמאן קאר האט זיך צואוויינט, האט געזאגט, אז זי זעהט וואס פאר א סארט מאן איך בין, און זי איז אומגליקליך. איז שוין באלד א וואך ווי זי איז צוריק ביי איהרע עלטערן. די זיינען גראדע מענשן מיט שכל, אבער זי איז זייער קינד. האלטן זיי מיט איהר. ווען איך זאל קומען זי איבערבעטן און זאגן אז איך בין גע־ ווען אומגערעכט וועט זי ווארשיינליך קומען צוריק צו מיר. אבער ביי מיר איז א פראגע צי זאל איך עס טאן. טאקע איך האב זי ליב און פיהל זעהר שלעכט וואס זי איז אוועק פון מיר; אבער איך וויים, אז איך בין געווען גערעכט, און איך האב פיינט מיך נאריש צו מאכן. פארלאנג איך פון אייך, דר. קלארמאן, איהר זאלט מיר ראטהן ווי אזוי איך זאל דא האנדלען. יונגער באלעבעסיל.

איהר האט זעהר ריכטיג געהאנדעלט, מיין פריינד, און עס איז דורכאוים נויטיג, פאר אייער שלום בית אין דער צוקונפט, אז איהר זאלט שטעהן אייזענפעסט ביי אייער האנדלונג, און קיין זאך ניט נעהמען צוריק.

די ערשטע באדינגונג פאר א גליקליכעס פאמיליען־לעבן, איז צו לעבן לויט דער הכנסה, און ניט מיט איין סענט איבער דער הכנסה.

פארלעבן ווייניגער ווי די הכנסה, מיינט צופרידענהייט, א רוהיגן קאפ און א געזונטע הארץ.

קארגקייט איז א חסרון. קארגקייט ברענגט צרות און הארץ־ וועהטאג. אבער שפארעוודיגקייט מיט שכל איז א טייערע מידה.

די געלט־פראגע אין פאמיליען־לעבן איז די געפעהרליכסטע פראגע. קיין אנדער פראגע רופט ניט ארוים אזוי פיל ביטערקייט, אזוי פיל אויפרעגונג, אזוי פיל צוריסענקייט אין פאמיליען, ווי די איבערריידעניש וועגן געלט.

און דערפאר וואס די פראגע איז אזא געפעהרליכע, און איז אזוי לייכט אויסצוברעכן און מאכן טראבל, מוז א מענש מיט שכל אזוי איינארדנען זיין לעבן, אז די פראגע זאל קיין טשאנס ניט האבן ארויפצושווימען.

פילע מענשן פארלירן זייער שכל הישר ווען עס קומט צו דער געלט־פראגע. זיי פאדערן אז די פרוי וועלכע האט אויף זיך פאר־ אנטווארטליכקייט פאר דער גאנצער הויז־פיהרונג, זאל אויסקומען מיט א סענט וואו עס איז נויטיג א ניקעל.

זיי קענען זיך ניט שיידן מיט דער מטבעה, אפילו ווען דאָס איז נויטיג, איידער זיי דערגעהן די ווייבער די יאָהרן.

אומגליקליך איז די פרוי, און אומגליקליך די קינדער וואו דער מאַן און פאָטער איז אַ מענש מיט אַזאַ נאַטור, וואָס צוליב אַ פרוטה קען ער מאכן פון זיין היים אַ גיהנם.

דאַגעגן אָבער זיינען אויך דאָ פרויען אָהן חשבון און אָהן איינזעהעניש פאר זייערע מענער, וועלכע קענען ניט איינהאַלטן אַ דאָלער.

עס זיינען דאָ פרויען וואָס האָבן אַ משוגעת צו וועלן קויפן. זיי קענען די לוסט ניט קאָנטראָלירן אַזוי ווי אַ שיכור וואָס קען ניט קאָנטראָלירן זיין לוסט צום טרינקען.

געהען זיי אין גראָסערי וועלן זיי אָנקויפן זאַכן וועלכע זיי האָבן ניט נויטיג, אָדער מעהר ווי זיי האָבן נויטיג, און דערנאָך דאָס לאָזן געהן לאיבוד.

געהען זיי אין אַ דעפּאַרטמענט סטאָר קענען זיי ניט ביישטעהן דעם נסיון ניט צו קויפן זאַכן וואָס זיי פארגלוסט זיך.

זיי פרעגן זיך ניט, אויב דעם מאַנ'ס הכנסה קען סטאַיען. זיי שלעפּן דעם מאַן אין חובות, און פילע זיינען די קרבנות וועלכע זיינען דורך אַזעלכע ווייבער געפאַלן.

פילע געשעפטן זיינען דורך אַזעלכע ווייבער רואינירט געוואָרן און פילע פאַמיליען זיינען דורך דעם צוריסן געוואָרן.

אַזעלכע ווייבער זיינען אין געלט-זאַכן ניט עהרליך געגן זייערע מענער.

דער מאַן טרויט איהר אָן געלט צו באַצאָהלן דעם בוטשער, דעם גראָסער, אָדער רענט, און זי געהט און קויפט זאַכן וואָס איהר גלוסט זיך און לאָזט דערנאָך דעם מאַן צאָהלן די בילס.

צווישן די עקסטרעמע קאַרגקייט פון אַ מאַן וואָס מאכט אַ גיהנם אין הויז פאר יעדן סענט וואָס די ווייב פארלאַנגט פון איהם אויף איהרע ריכטיגע הצטרכות'ן, און דעם מאַן וואָס לאָזט זיך פאַרשקלאַפן פון זיין ווייב'ס אויסברענגעריי, איז פאַראַן אַ מיטל-וועג.

דער מיטל-וועג איז דער וועג פון צופרידענהייט און פון שלום אין דער פאַמיליע.

און דער מיטל-וועג קען נאָר דערגרייכט ווערן דורך אַ פעסטן שטעל, דורך אַ באַשטימטע „רול", וויפיל פון דער הכנסה פון דער פאַמיליע זאָל אויסגעגעבן ווערן, און אויף וועלכן אופן דאָס זאָל אויסגעגעבן ווערן.

עס איז די פליכט פון דעם מאַן אריינצוגעהן אין דער פרוי'ס לאַגע, און געבן איהר די הוצאה וואָס די הויז מוז האָבן, אָהן

צאנקעריי; און עס איז די פליכט פון דער פרוי אריינצוזעהן אין דעם מאנ'ס לאגע, און ניט מאכן זיין לעבן שווערער פאר איהם דורך חובות.

דער גליקליכער מיטעלוועג קען דערגרייכט ווערן, ווען מאן און ווייב זאלן זיך איינמאל אוועקזעצן צוזאמען, מיט א פענסיל אין האנט, און נעמען „סטאק" פון זייער הכנסה, און אויסרעכענען בעסטע וואס מ'קען קריגן דערפאר.

דער ערשטער פרינציפ מוז זיין — קיינע חובות, אונטער קיינע אומשטענדן!

דאן אויסרעכענען: רענט, בוטשער, גראסערי, קליידער, אמיוז־מענטס, אינשורענס, טשאריטי — אלע זאכן אויף וועלכע א פאמיליע מוז אויסגעבן געלט.

און דער חשבון מוז אזוי געמאכט ווערן אז עטוואס זאל נאך פון דער הכנסה בלייבן — זאל זיין א דאלער, א האלבער דאלער, אבער עטוואס זאל בלייבן.

דערפון שאפט זיך מיט דער צייט אן אפגעשפארטער „פאנד", פאר ניט־פאראויסגעזעהענע הוצאות.

דאס איז דער אידעאלער וועג פאר הויז־פיהרונג; דאס איז אויך דער זיכערסטער וועג אויסצומיידן קריינקונג, ערנידעריגונג, טרעהרן, צוריסענקייט און פילע יאמער וואס קומען איבער פאמיליען דורך רייסעניש איבער געלט.

* * *

קומענדיג צו אייער פראגע, מיין יונגער באלעבעסיל, ווייזט מיר אויס, אז אייער גוטע יונגע פרוי האט נאך ניט דעם ריכטיגן זין פון פראפארציע אין אויסגעבן געלט, אין באציהונג צו אייער הכנסה.

עס איז דורכאויס נויטיג, אז אזוי גיך ווי זי וועט זיך לאזן איבערבעטן און קומען צוריק אהיים — איך בין כמעט זיכער אז דאס וועט געשעהן גאר אין קורצן — זאלט איהר זיך מיט איהר צו־זאמעננעהמען, און אויסארבייטן מיט איהר א בודזשעט פאר אייער הוצאה.

קיין קינדער זיינען נאך ניטא. איז דאס באזונדערס גרינג צו טאן.

אזוי ווי איהר פיהרט א חשבון אין אייער ביזנעס, מוז אייער פרוי פיהרן א חשבון אין הויז.

אויב, למשל, איהר זייט אימשטאנד צו פארלעבן אין הויז פופציג דאלער א וואך, טאר דאס ניט זיין איין־און־פופציג, נאר ווענינער ווי פופציג, און אייער פרוי זאל האבן טאשן־געלט פאר זיך.

אַבער העלפט אייער פרוי איינשטעלן אזא בודזשעט, זי איז נאָך אומערפאהרן, מוזט איהר איהר ווייזן ווי אַזוי.

ניט טרערן און ניט צערטליכקייטן זאָלן אייך אראָפּפיהרן פון דעם מיטל-וועג, וועט איהר האָבן פרידן אין אייער הויז.

אויסצומיידן צאַנקעריי איבער געלט

ווערטהער דר. קלאַרמאַן.

איך בין אַ מיידעל פון פיר־און־צוואנציג, ענגעידזשט צו אַ יונגן מאַן איינינע יאָהר עלטער פון מיר. ער איז אַ ביזנעסמאַן, אַ מענש מיט שכל און פון אויספּרובירטער עהרליכקייט. איך האָב איהם זעהר ליב. ער ליבט מיך אויך. אין די עטליכע מאָנאַטן וואָס מיר געהען אוים צוזאמען, האָב איך באַמערקט, אז אין געלט־זאכן איז ער זעהר אויסגערעכענט. איך קען ניט זאָגן, אז ער איז קארג. ווען ער געהט מיט מיר אין אַ טעאַטער, אָדער אין אַ רעסטאָראַן, לאָזט ער זיך קאָסטן. אָבער ווען ער באַצאָהלט, נעמט ער תיכף ארוים אַ ביכעלע פון פּאַקעט און פאַרשרייבט. דאָס געפעלט מיר גראָד, ווייל דאָס ווייזט, אז ער לעבט מיט אַ חשבון. און דאָך גיט דאָס מיר פיל נאָכצודיינקען.

איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז, אין וועלכן עס איז ניט אַוועק אַ טאָג אָהן אַן ארגומענט צווישן מיינע עלטערן וועגן געלט. זיי זיינען ביידע ליבע מענשן, האָבן הארמאָנירט אין אַלצדינג, זיינען געווען איבער־געגעבן איינער צום אַנדערן; נאָר ווי עס איז געקומען צו רייד וועגן די הוצאה אין הויז, איז די הויז געוואָרן ווי פאַרגיפטעט. דאָס זעלבע האָב איך באַמערקט ביי מיין עלטערע שוועסטער, וועלכע איז אכט יאהר פאַר־הייראַט. מיין גאַנצע יוגענד איז מיר פארביטערט געוואָרן דורך די צאַנ־קעריי וועגן געלט. ווי ליב איך האָב מיין יונגן מאַן — ווען איך זאָל וויסן, אז איך וועל דארפן דורכגעהן די זעלביגע פּיין וועגן געלט־זאכן, אַזוי ווי מיין שוועסטער, אָדער מיין מוטער, וואָלט איך מיך ענטזאַגט צו הייראַטן.

פּליעז, דר. קלאַרמאַן, פּיליינט ווייסט איהר אַ מיטעל ווי אַזוי דאָס צו פאַרהיטן. איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין מיין גאַנצן לעבן.

מיניע ק—ל.

יאָ, ליבע מיניע, עס איז דאָ אַ מיטל — איין־איינציג מיטל וואָס קען ווייט געהן צו באַוואָרענען, אז צאַנקעריי וועגן געלט־זאכן זאָלן פאַרמידן ווערן, און דער מיטל איז — שכל.

עס פאַרשטעהט זיך, אז פיל העננט אָפּ פון דעם כאראקטער פון

די פּערזאָנען. אויב די פרוי איז זעלבסטזיכטיג, צי איינגענניציג, אָדער צו אונווויסענד צו באַרעכענען, וואָס דער מאַן קען אָדער קען ניט טאָן;

אָדער אויב דער מאַן איז פון נאַטור אַזוי קאַרג, דאָס אַ סענט איז ביי איהם טייערער אַלס אַ צופרידן לעבן;

דאַן איז דאָס מיטל ניט ווירקזאַם גענוג. עס קען העלפן אַביסל, אָבער אין גאַנצן אויסמיידן צאַנקעריי דאָרט וואו עס הערשט זעלבסט-זוכט און עס פעהלט איינזעהעניש, איז ניט מעגליך.

אָבער אונטער נאָרמאַלע מענשן איז די אַנווענדונג פון אביסל טאַקט און אַביסל שכל דאָס בעסטע מיטל, און די זיכערסטע באַ־וואָרעניש געגן אַזעלכע אונאַנגענעמליכקייטן.

האָט אין זינען די איינע זאַך: איהר געהט איצטער הייראַטן, און אייער גליק און וואוילזיין פאַר די נעקסטע דרייסיג, פערציג, אָדער פופציג יאָהר הענגט אָפּ פון דעם, ווי אַזוי איהר וועט דער־ציהען אייער מאַן. דאַרפט איהר אָפּלייגן אויף דעם אַלע אייערע געדאַנקען.

די „ערציהונג" דאַרף זיך אָנפאַנגען גלייך, אויף מאָרגן נאָך דער חתונה, און דאַרף אָנהאַלטן וועניגסטענס זעקס חדשים, אָדער אַ יאָהר, ביז דער מאַן איז „איינגעבראָכן", אַזוי ווי מען ברעכט איין אַ יונג פערדל צו טראָגן דעם כאָמוט.

דאָס קאָן ניט געטאָן ווערן מיט געוואַלט, און ניט מיט קאַפּריז נאָר מיט שכל און מיט אויפריכטיגקייט.

אַ מאַן וואָס הייראַט צום ערשטן מאָל האָט באמת ניט קיין ריכטיגן באַגריף פון די פאָדערונגען פון אַ הויז, פון אַ פרוי, און פון די הוצאות וועלכע זיינען אומפאַרמיידליך.

ער האָט חתונה מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער וועט דאַרפן זאָרגן פאַר אַ פאַמיליע; אָבער פון די איינצעלהייטן קלערט ער ניט. אויף אַן אומקלאָהרן שטייגער האָט ער בדעה צו געבן זיין פרוי וואָס זי האָט נויטיג, און זי וועט שוין פיהרן דאָס הויז.

ער רעכענט דאָס ניט אין דאָלאַרס און סענטס. ווען מען האָט חתונה, און מען איז פאַרליבט, רעכענט מען זיך ניט מיט דאָלאַרס און סענטס.

דאַמאַלס איז מען פרייגיביג (פאַר אַ קורצער צייט) און מען לאָזט די יונגע פאַרליבטע פרוי באַלעבאַטעווען ווי זי וויל.

און עס איז די טבע פון אַ יונגער פרוי, תיכף נאָך דער חתונה, צו וועלען איינאָרדנען אַ היים וואָס שעהנער, צו געבען דעם מאַן פון דאָס בעסטע, מיט דער האָפנונג, אַז עס וועט שוין אַזוי געהן ווייטער.

אין דעם מאַכען די מייסטע יונגע ווייבלעך אַ ביטערן טעות. אין זייער פאַרליבטקייט האַלטן זיי ניט פאַר נויטיג צו ריידן מיט'ן מאַן וועגן געלט, וועגן זיין הכנסה, און וויפיל ער איז אין שטאַנד צו פאַרלעבן אַ יאָהר.

אין זייער באַגעהר איינצואָרדנען זייער לעבן וואָס שעהנער, כאַפּן זיי אָפּט איבער די מאָס. זיי פאַרספּענדן מעהר אַלס זיי קענען אַפּאָרדן לויט זייער הכנסה; מאַנכעס מאָל געהען זיי נאָך אין חובות.

געהען אַוועק דריי־פיר מאָנאַטן, זעהט זיך דער מאַן ארום, אז ער מוז פאַרציהען דאָס שנירעל פון געלט־בייטעלע. דאַן הויבט זיך אָן איבעררייידעניש וועגן געלט, פאָרווירפע וועגן קאַרגקייט פון איין זייט, און וועגן אויסבּרענגעריי פון דער אַנדער זייט.

און אויב דער מאַן ווערט געוואוינט פון אָנפאַנג־אָן צוצוטיילן דער פרוי אויף די זאַכן וואָס זי פאָדערט, יעדעס מאָל ווען זי האָט וואָס נויטיג, דאַן איז גאָר אַ צרה. דער מאַן קריגט דעם באַגריף, אַז ער האָט אַ ווייב וואָס איז אונערזעטליך — אַלץ געלט און געלט.

הענגט אַלץ אָפּ פון אייער ערשטן שטעל, מיניע, און פון דער אָרדנונג וואָס איהר וועט איינפיהרן ביי אייך אין הויז פון אָנפאַנג־אָן.

איהר זייט דער „מענעדזשער" פון הויז, דאַרפט איהר וויסען גלייך פון אָנפאַנג אָן, וויפיל איהר האָט צו אייער פאַרפיגונג, און לויט דעם דאַרפט איהר איינאָרדנען אייער לעבן.

אין די פליטער־וואָכן איז אַ מאַן ווייך און נאָכגיביג און וועט טאָן אַלץ וואָס זיין יונגע פרוי פאַרלאַנגט. איז דעמאָלט די בעסטע צייט צו קומען מיט איהם צו אַ פאַרשטענדעניש וועגן די הויז־פיהרונג.

אייער מאַן וועט אייך דאַנקבאַר זיין, אויב איהר וועט איהם אין טרייהייט און אויפריכטיגקייט זאָגן דאָס וואָס איהר שרייבט אין אייער בריף, וועגן די ביטערע ערפאַהרונגען וועלכע איהר האָט דורכגעלעבט אין אייער עלטערליכן הויז מיט באַצוג אויף די קריי־געריי וועגן געלט.

זאָגט איהם, אַז אין א י י ע ר לעבן ווילט איהר דאָס אויס־מיידן.

מן הסתם וועט אייך אייער פאַרליבטער מאַן ענטפערן:

„קעצעלע מיינע, ביי אונז וועט דאָס ניט זיין אזוי; מיינע — דיינע, וואָס דו דאַרפסט וועסטו האָבן".

זאָלט איהר אַזאַ ענטפער ניט אָננעמען. מיט צערטליכקייט, אָבער פעסטקייט, זאָל איהר באַשטעהן אויף אַ קלאָרן חשבון. ער

זאָל איך זאָגן, וויפיל, אַן ערך, קען ער איך געבן אויף צו פיהרן דאָס הויז.

מאַכט איהם אַ קלאָהרן חשבון פון דעם וואָס איהר מוזט האָבן, לויט זיין הכנסה.

אויב איהר באַשטימט, אַז איהר קענט פאַרלעבן הונדערט דאָלאַר אַ וואָך, זאָלט איהר פעסטשטעלן וויפיל עס מוז געהן אויף רענט, וויפיל פאַר׳ן בוטשער, פאַר׳ן גראָסער, פאַר עלעקריסיטי, פאַר קליידער, פאַר אמיוזמענטס, און עטליכע דאָלאַר מוזן איך דערפון בלייבן אויף אייערע פערזענליכע הוצאות.

אויב ער קען איך געבן וויינינגער ווי הונדערט, אָדער מעהר ווי הונדערט, מוזט איהר לויט דעם איינאָרדנען אייער לעבן.

„זאָגט איהם:

„מיין טייערער, לאָמיר דאָס אויספּרובירן גלייך די ערשטע וואָך".

נאָך דער ערשטער וואָך וועט איהר וויסן פיל בעסער, צי איהר לעבט צו־הויך, אָדער צו־נידעריג; צי אייער הכנסה דעקט די הוצאה, אָדער ניט.

איהר זאָלט וויזן אייער מאַן אַקוראַט וואו דאָס געלט איז אַהינגעקומען. דאָס איז די ערשטע ערציהונג זיינע. ער לערענט וואָס די הוצאה פון אַ הויז איז.

אַזוי ווי אייער מאַן — זאָגט איהר — האָט אַ טבע צו פאַר־שרייבן זיינע הוצאות, וועט ער אייער האַנדלונג באַזונדערס וויסן צו שעצן.

נאָך דער ערשטער וואָך קענט איהר איינציהען די הוצאה — אויב די הכנסה סטאַיעט ניט, אָדער איהר קענט זיך אַ ביסעלע מעהר ערלויבן — אויב איהר האָט אַ צו־גרויסן „באַלאַנס אַן הענד".

אַזוי וועט איהר אייער מאַן ערציהען פון אָנפאַנג־אָן איך צו געבן די סומע, וועלכע איהר מוזט האָבן, און איהר זאָלט ביי איהם ניט דאַרפן בעטן פאַר יעדע זאַך באַזונדער.

אויב די ביזנעס געהט גוט, און ער קען באַהויפּטן צו געבן איך מעהר, איז אודאי גוט; אויב, חלילה ניט, וועט איהר מוזן מענעדזשן דאָס הויז לויט דער הכנסה.

אָבער די הויפּט־זאַך איז, ער זאָל איינגעוועהנט ווערן פון אָנ־פאַנג־אָן איך צו געבן די באַשטימטע סומע ניט־געבעטענערהייט.

דאָס איז דאָס בעסטע מיטעל, וואָס איך קען איך רעקאָמענדירן.

זי וויל ווערן יונג

ווערטהער דר. קלאָרמאַן.

איך בין פינף־און־פערציג יאָהר אַלט, און מיין ווייב איז אַ דריי יאָהר אינגער פון מיר. עס איז ב״ה דאָ פּרנסה, און אונזערע דריי קינדער — צוויי מיידלעך און אַ באָי, — זיינען אויך אין גוטע אומשטענדן. די מיידלעך זיינען ביידע טיטשערס, דער באָי געהט אין קאַלעדזש. אַלצ־דינג וואָלט געגאַנגען כשורה, נאָר צייט די לעצטע דריי־פיר יאָהר האָט מיין פרוי אָנגעהויבן זיך שפּייזן מיט אַ דייעט, זי זאָל מאָגערער ווערן, און האָט זיך אָנגעהויבן קליידן אַקוראַט ווי איהרע טעכטער. זי האָט אויך אַרונטערגעשניטן איהרע האָר, און זי פּודערט זיך און פאַרבט זיך, אויס־צוזעהן יונג. זי חבר'ט זיך בלויז מיט מיידלעך אָדער גאַנץ יונגע ווייב־לעך און געהט טאַנצן. ביז מיט אַ יאָהר פיר־פינף צוריק האָבן מיר געלעבט זעהר צופרידן איינער מיט דעם אַנדערן, זעלטן ווען ביי אונז איז פאָרגעקומען אַ קריג אָדער אַן איבעררייד. נאָר פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר, זינט זי האָט אָנגעהויבן ווערן יונג, האָבן מיר אָפט טענות איינער צום אַנדערן, און עס איז ניט מעהר דאָס, וואָס איז געוועזן. איך זאָג אַז איך וויל ניט האָבן אַ ווייב אַ פלעפּערקע, איך וויל אַז מיין ווייב זאָל זיין נעהנטער צו מיינע יאָהרן אין אויסזעהן און אין איהר פיהרונג. ענטפערט זי מיר, אַז זי איז נאָך אַ יוגענד און וויל נאָך לעבן אויף דער וועלט, און מיך רופט זי „אַלטער" און לאַכט פון מיר דערפאַר וואָס מיין מאָגן סטאַרטשעט אַרויס אַביסעל. איך האָב מורא אַז דאָס פיהרט ניט צום גוטן, און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן דערצו. אפשר ווייסט איהר אַן עצה.

דער מאַן פון אַ פלאַפּער.

איך האָב אַן עצה פאַר אייער ווייב; איהר דאַרפט קיין עצה ניט, ווייל איהר קענט קיין זאַך ניט טאָן אויסער מאַכן פּראָוואָירפע, קריגן־זיך מיט איהר, און ערגערן זיך, און דאָס טוט געוויס קיין גוטס ניט, נאָר רופט אַרויס נאָך מעהר עקשנות.

אייער ווייב דענקט געוויס, אַז איהר פאַרגינט איהר ניט וואָס זי זעהט אויס יונג און שעהן, און אַנשטאַט צו שטאָלצירן מיט איהר מאַכט איהר גאָר סקאַנדאַלן.

נאַטירליך איז אייער פרוי זעהר גענאַרט אין זיך. אַ צוויי־און־פערציג יעהריגע פרוי קען ניט אויסזעהן ווי אַ צוואַנציג־יעהריגע ווען זי זאָל אַפילו באַדעקן זיך מיט אַלע פּודערס און מיט אַלע פאַרבן פון רעגענבויגן.

זי רעדט זיך איין, אַז זי נאַרט די וועלט, און אַלע נעמען זי אָן פאַר אַ יונגע פלעפּערקע.

דער אמת איז, אַז זי נאַרט קיינעם ניט, נאָר זיך אַליין, און ווען זי פאַרדעקט איהר ריכטיגען אויסזעהן נאָך איהרע יאָהרען, נעמט מען זי אָן פאר עלטער. דאָס איז די ווירקונג פון פודרע און פארב אויף מיטעל־יעהריגע פרויען.

א פאָר קנייטשעלעך אונטער די אויגען פאַרראַטען אַלע פאַר־שטעלעניסען.

פילע פרויען דענקען אַזוי ווי אייער פרוי — אַז בלויז יוגענד און שעהנקייט זיינען די טייערסטע זאכען פאַר א פרוי, און בלויז דאָס איז נויטיג צו איהר גליק.

נאר אַזוי ווי קיין מענשליכע מאַכט קען צוריקהאַלטען יוגענד זי זאָל ניט פארגעהען, און אזוי ווי די יוגענדליכע שעהנקייט מוז פאַר־בליהען, בלייבט א פרוי וואס דענקט אזוי גאָר אָהן האָפנונג און אָהן מוטה אין לעבען ווען יוגענד און שעהנקייט פארשווינדען.

דער אמת איז, אז יעדער עלטער פון א פרוי האָט זיינע שעהנ־קייטען אזוי ווי יעדער סעזאָן פון יאָהר.

דער פריהלינג איז שעהן מיט זיינע בליהונגען, מיט זיין פריש־קייט, מיט די גרין־באַדעקטע ערד, און מיט די בלומען.

דער זומער מיט זיינע צייטיגע פרוכטען, מיט די ריחות פון די פריש־געשניטענע תבואות, מיט דער הייסער זון וועלכע מאַכט דאָס בלוט הייסער.

דער הערבסט מיט זיינע קיהלערע ווינטעלעך, מיט די גאָלד־געפארבטע בלעטער וואָס פאַלען פון די בוימער, מיט די זון־שטראַהלען וועלכע פאַלען אין דער קרום, און מיט דער ליבליכקייט פון א שטי־לערע, באַרוהיגטערע נאַטור.

און דער ווינטער — אַפילו דער ווינטער מיט זיינע שנעען, און מיט זיין קעלט, און מיט זיין ווייס־באַדעקטע ערד — אפילו ער האָט זיינע שעהנקייטען. וואונדער־שעהן איז אַ קלאָרער קאַלטער ווינטער־טאָג, ווען די לופט איז שטאַרקענד, דערפרישענד, און די שטראַהלען פון דער ווינטער־זון, ניט מעהר הייס, ניט מעהר קאָכיג, באַדעקן אַלעס מיט אַ העלען גלאַנץ.

ווען אַ טאָג פון הערבסט צו־ווארעמט זיך ווי א זומער־טאָג פיהלען זיך מענשען אונבאַקוועם און זאָגען אַז ער איז ניט אין סיזאָן.

ווען א צוויי־און־פערציג יעהריגע פרוי וויל ווערן צוריק אַ פלאַ־פער, און חבר'ט זיך מיט יונגע מיידלעך, און טאַנצט, און מאַכט מחזקות ווי אַ פלאַפער, איז זי אַ פאַטעטישע פיגור און מאַכט זיך בלויז לעכערליך.

מ׳וועט ניט זאָגן אויף איהר „אַט איז א פלעפער״, נאָר מ׳וועט זאָגן: „אַט איז אַן עלטערע פרוי וועלכע קרימט זיך ווי א פלאַפער״.

און אָנצוהאַלטן אַ דייעט ביי דעם עלטער כדי צו ווערן מאַגערער און אויסזעהן אינגער, איז גאָר ניט קיין געזונטע זאַך, און די ווירקונג דערפון איז אַקוראַט פארקעהרט פון דעם וואס זי זוכט צו דערגרייכן.

די נאַטור מאַכט די מיטעל־יעהריגע פרוי קאָרפּולענטער, דיקער, ווייל דאָס איז געזינטער. א מיטעליעהריגע פרוי וועלכע פאנגט אָן איינצוצעהרן ווערט גאָר גיך אַלט.

אַ פרוי אין די מיטעלע יאָהרן, וועלכע קליידט זיך נאָך איהר עלטער, און האַלט זיך נעט און ציכטיג, האָט אויך איהרע שעהנקייטן און איהר גראַציע.

זי דאַרף ניט שפּרינגען ווי אַ פלאַפער, און זיך ניט מאַכן אויפגערעגט ווי די יונגע ציגעלעך, און דאַרף ניט ריידן הויך און אויפגערעגט ווי דאָס טוען די פלאַפערס. דאָס קען איהר ניט צוגעבן קיין שעהנקייט.

איהר שעהנקייט איז ווירדע, געלאַסענקייט, לאַנגזאַמע באוועגונגען, און רוהיגקייט אין איהר ריידן ווי אין איהר האַנדלען.

די פרוי מוז „וואַקסן״ מיט׳ן מאַן

ווערטהער דר. קלאָרמאַן.

ווען איך האָב מיט דריי יאָהר צוריק געהייראַט, איז מיין מאַן געווען ערשט ארוים פון קאַלעדזש, און אָרעם. מיר זיינען געווען פארליבט איינער אין אַנדערן. איך האָב איהם געהאָלפן מיט וואס איך האָב געקענט. ער האָט געמאַכט א פיינעם סוקסעס, און מיר לעבן גאַנץ גוט, נאָר איין זאַך שטעהט צווישן אונז און שטערט אונז: איך וויים ניט ווי צו באַנעמען זיך אין געזעלשאַפט. און זיין פּראָפעסיע פאָדערט ער זאָל קומען צווישן מענשן אין געזעלשאַפט און צו אַלערליי אַפעירס. איך בין ניט אונוויסענד, איך האָב דורכגעמאַכט הייסקול, אָבער אין געזעלשאַפט האָב איך געהאַט ווייניג ערפאַהרונג. ווען מיין מאַן בעט מיך איך זאָל געהן מיט איהם צו אַן אַפעיר, זאָג איך מיך אָפּ, ווייל איך האָב מורא איך זאָל איהם ניט פאַרשעהמען. איך וויים ניט די עטיקעט ביים עסן, און ווי אָנצופיהרן א געשפרעך מיט מענשן. צוליב דיזעלביגע אורזאַכע קען איך ניט איינלאַדן מענשן צו אונז אין דער היים ווי מיין מאַן פארלאַנגט. דאָס מאַכט מיך פיהלן זעהר שלעכט. פליעז, דאָקטאָר קלאָרמאַן, איז דאָ אַן עצה דערצו?

אַ פרוי אין זאָרג.

געווים איז דאָ אַן עצה דערצו — צו לערנען ווי אַזוי זיך באַנעמען צווישן מענשן.

דאָס איז ניט אַזאַ גוואַלדיגע „תורה" אַז מ'זאָל זיך דאָס ניט קענען אויסלערנען. מ'דאַרף זיך נאָר נעמען דערצו. „אַ בער פון וואַלד — זאָגט מען — קען מען אויך אויסלערנען טאַנצן."

איהר זייט ניט אונוויסענד, איהר קענט לעזן און שרייבן, נעמט מען אַ ביכעל און מ'לערנט.

עס זיינען דאָ צעהנדליגע ביכער איבער עטיקעט: ווי אַזוי צו זיצן ביים טיש, ווי אַזוי צו עסן, ווי צו באַנוצן גאָפּעל-מעסער, און אפילו ווי אָנצופיהרן אַ געשפּרעך, און באַזונדערס ווי צו שווייגן.

איהר טאָרט דאָס ניט פאַרנאַכלעסיגן, ווייל די זאַך איז פיל ערנסטער ווי איהר דענקט.

איהר לאָזט אייער מאַן אַוועקוואַקסן פון אייך, איהר האַלט ניט מיט מיט איהם, און דער סוף קען זיין, אַז איהר זאָלט איהם פאַרלירן.

איהר בלייבט אין הינטערגרונט, איהר נעמט קיין אַנטייל אין זיין לעבן אויסערהאַלב דעם ענגן קרייז פון אייער היים, וועט ער מיט דער צייט אייך אין גאַנצן פאַרגעסן.

אַ ווייב היינטיגע צייטן מוז זיך נעמען די מיה צו וואַקסן צוזאַמען מיט איהר מאַן. אויב זי טוט דאָס ניט, ווערט זי ביי איהם אַן איבעריגע זאַך, און אַ לאַסט פון וועלכער ער ווינשט זיך צו באַפרייען.

ניטאָ קיין געפעהרליכערע זאַך פאַר דאָס צוזאַמענלעבען פון מאַן און פרוי ווי ווען דער מאַן פיהלט אַז ער שעמט זיך מיט זיין פרוי.

ער האָט געמעגט פאַרליבט זיין אין זיין פרוי איבער די אויערן, וועט אָט-דאָס געפיהל פון שעהמען זיך מיט איהר מיט דער צייט טויטן זיין ליבע.

די פרוי, פאַר מענשן, שטעלט פאַר זיין געשמאַק, זיין שכל אין וועהלן אַ פרוי; זי טראָגט זיין נאָמען און איז אַ טייל פון איהם. קיין זאַך וועט אַ מאַן ניט אַזוי קריינקען ווי ווען ער זאָל זעהן אַז זיין פרוי רופט אַרויס אַ שמייכעל פון גרינגשעצונג, אָדער אָפּלאַכעניש פון איהר באַנעמונג אָדער פון איהר ריידן.

אויב ער אַליין מאַכט זיך צום נאַרן וועט ער פיליכט ניט מערקן, אָבער ווען זיין ווייב טוט עס וועט עס איהם שטעכן אין דער זיבעטער ריפּ.

עס איז אויך דאָ דערביי נאָך אַ געפאַהר: דער מאַן קומט אין

געזעלשאַפט און זעהט אַנדערע פרויען וועלכע ווייסן יאָ ווי זיך צו באַנעמען, און ווי צו ריידן מיט מענשן. ניט-ווילענדיג מוז ער טראַכטן פון זיין ווייב און אָנשטעלן אַ פאַרגלייכונג.

אין אַזעלכע פאַרגלייכונגען האַלט זי ניט אויס פּראָבע און מוז פאַרלירן.

דערפאַר ראַטה איך אייך, אַז איהר זאָלט מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונג וואָס איהר קענט, צו דעריאָגן וואָס איהר האָט ביז איצט פאַרנאַכלעסיגט.

די „תורה" ווי אַזוי צו עסן זופּ, און ווי אַזוי צו עסן פיש בלויז מיט אַ גאָפּעל, און ווי אַזוי ניט צו באַנוצן די פינגער און דאָס גלייכן, דאָס קען מען זיך גאָר גיך אויסלערנען פון א ביכעל איבער עטיקעט.

מיט'ן ריידן ווי עס געהער צו זיין, און איבערהויפּט צו וויסן איבער וואס צו ריידן — דאָס איז שוין אַביסעל שווערער צו ער-לערנען. אָבער אויך דאָס קען מען בייקומען.

אויב נויטיג, נעמט א טיטשער אויף א קורצער צייט, איינער וואָס איז באַלעזן און וואָס רעדט שעהן ענגליש. זאָל זי מיט אייך לעזן צוזאמען איניגע גוטע ביכער. זאָל זי אייך דערצעהלן וואָס זי האָט געלעזן, און איהר הערט זיך גוט צו.

לייענט אַ צייטונג אַלע טאָג, ניט בלויז די אַדוועדטייזמענטס פון באַרגיינס אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס, נאָר אויך אינטערעסאַנ-טע נייעס פון טאָג, כדי איהר זאָלט קענען נאָכפאָלגן א געשפּרעך פון טאָג-נייעס.

אייער מאַן וועט געוויס זיין צופרידן פון דער מיה וואָס איהר נעמט זיך פון זיינעטוועגן.

און אַזוי גיך ווי איהר פיהלט, אַז איהר האָט עטוואָס ערלערנט, זאָלט איהר זיך ניט אָפּזאָגן צו באַגלייטן אייער מאַן אין זיינע געזעלשאַפטן.

עס איז פיל לייכטער צו געווינען ערפאַהרונג אין אַזעלכע זאכן ביי זיך אין דער היים; זאָלט איהר ביי דער ערשטער געלעגענהייט פאַרבעטן אייער מאַנ'ס פריינדע צו זיך אין דער היים.

איהר קענט אָנפאַנגען מיט אַ קליינע געזעלשאַפט, פון די נאָ-העטסטע פריינד, און מיט דער צייט פאַרגרעסערן אייער ליסטע פון געסט.

פאַרנאַכלעסיגט דאָס ניט, דען דאָס גליק פון אייער פאַמיליען-לעבן אין דער צוקונפט הייננט אָפּ דערפון.

איז כדאי צו האבן קינדער?

ווערטהער דר. קלארמאן.

מיין מאן און איך — מיר זיינען זיבען יאהר פארהייראט און לעבען זיך גאנץ רוהיג און באקוועם. מיר וואוינען אין אן אפארטמענט האטעל, אין צוויי רומס מיט א קליינע קיטשען. מיין מאן האט א פיינע שטעלע, פעהלט אונז גאט־צו־דאנקען קיין זאך ניט, און מיר האבען אויך עטליכע טויזענד דאלאר אין באנדס. אלעס וואלט געווען גוט, און איך פיהל מיך זעהר צופרידן, נאר מיין מאן האלט אין איין טענה'ן אז ער וויל האבען קינדער, און איך בין ניט איינפארשטאנען מיט איהם. וואס האט מען פון קינדער? איך האב מיך אנגעזעהן אין מיין אייגענער משפחה גענוג צרות פון קינדער. טראגן און האבן איז אפט א סכנה, און דערנאך איז מען צוגעבונדן ווי א שקלאף, פריהער צו דער בייבי, און ווען די בייבי וואקסט אונטער האט די מוטער קיין בארוהטע שעה. אויסער דעם וואקסן אפט אויס שלעכטע קינדער, איז דאס גאר אן אומגליק. אויך קאסט דאס אזוי פיל געלד! און מיר זיינען ניט אזוי רייך אז מ'זאל קענען דורכ־טראגן גרויסע דאקטאר בילס. און אויב מיר זאלן האבן קינדער מוזן מיר מופן אין גרעסערע רומס, און איך וועל מוזן טראגן א באלעבאטישקייט אויף מיין קאפ, און איך וועל מיך קיינמאל ניט ספראווען מיט האדעווען א בייבי און אטענדן צו די הויז און צו מיין מאן. ווען איך זאג דאס צו מיין מאן האט ער ניט וואס צו ענטפערן, נאר ער ווערט אין כעס. קומט אפט ארויס איבערריידעניש וועגן דעם. בעט איך אייך, דר. קלאר־מאן, אונז צו זאגן, ווען פון אונזביידן איז גערעכט.

מרס. מירעל.

מ'זעהט פון אייער בריף, מרס. מירעל, אז איהר זייט „מיט זיך אליין פון איין שטעדטעל". איהר האט זיך גאר ניט פיינט, און איהר האט מורא צו נעמען אויף זיך פליכטן וועלכע קענען אייך חלילה שטערן אייער רוהיגעס, צופרידענעם לעבן.

איהר פרעגט, „וואס האט מען פון קינדער?" דאס קען נאר פרעגן א פרוי, וועלכע האט נאך קיינמאל קיין קינד ניט געהאט, איז ניט געווען מוטער, און האט קיינמאל ניט געפיהלט דעם אונבא־שרייבליכן תענוג וואס א מאמע פיהלט ביי דער באריהרונג מיט איהר בייבי, ווען די בייבי'ס הענטעלע גלעט איהר האלז, אדער ווען די בייבי שמייכעלט.

ווען איהר וואלט איינמאל געהאלטן אייער אייגענע בייבי אין אייערע ארעמס וואלט איהר קיינמאל ניט געפרעגט „וואס האט מען פון קינדער?"

איהר וואָלט דאַן גרייט געווען צו אָפּפערן אייער צופרידענהייט מיט זיך אַליין, אייער וויגאָדע און אייער פרייהייט, און איהר וואָלט געפונען אין דער בייבי, אַ באַלוינונג וועלכע איהר וואָלט געשעצט פיל העכער אלס אייער אָפּפער.

איהר שרעקט זיך פאַר די יסורים פון ברייגגען אַ קינד אויף דער וועלט; מיליאָנען פרויען שרעקן זיך אזוי ווי איהר. אָבער פון דעם פאַקט דאָס אזוי פיל זיינען צופרידן צו ברייגגען אויף דער וועלט מעהרערע קינדער איז, ערשטענס, אַ באַווייז אַז די סכנה איז ניט אַזוי גרוים ווי איהר שטעלט זיך פאָר, און צווייטענס, אַז זיי געפינען אַ הויכע באַלוינונג און באַפרידיגונג אין זיין אַ מוטער.

איהר פיהלט דאָס ניט, ווייל אייער מוטער־געפיהל איז דער־שטיקט דורך אייער דאגה פאַר זיך אַליין; איהר זייט פאַרטאָן מיט אייער אייגענער באַקוועמליכקייט.

עס זיינען דאָ מענשן וואָס האָבן קיין חוש פאַר מוזיק, ווייל זיי האָבן ניט ענטוויקעלט זייער געהער צו האָבן הנאה דערפון. אָבער די וועלכע האָבן דעם חוש וועלן גיכער פאַרפעלן אַ מאָלצייט איידער פאַרפעהלן צו הערן אַ גוטן קאָנצערט, אָדער אַ גוטן חזן.

איהר זאָגט, אַז קינדער קאָסטן צופיל. אָבער זיי זיינען אויך אַן „אינוועסטמענט" וואָס צאָהלט צוריק אין תענוג, אין גליק, אין געבן אַן אינטערעס אין לעבן; דאָס איבערשטייגט אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָסט.

עס פאַסירט, אַז אַ קינד וואקסט אויס אַ שלעכט קינד, און פאַר־שאַפט די עלטערן צרות. דאָס איז אזוי ווי אַ שלעכטער „אינוועסט־מענט". אָבער מענשן הערן דאָך ניט אויף צו געהן אין ביזנעס אויס מורא, טאָמער וועט עס ניט געראָטן. אַלע עסקים פון דער וועלט וואָלטן אויפגעהערט אויב אַלע מענשן וואָלטן אזוי געהאַנדעלט.

אויך מאַכט איהר אַ גרויסן טעות אין אייער חשבון. איהר שטעלט זיך פאָר, אַז איהר קענט דורכגעהן דאָס גאַנצע לעבן אזוי צופרידן, פריי און לייכט, דערפאַר ווילט איהר ניט קיין קינד; קינ־דער, זאָגט איהר, זיינען „טראָבעל", און צו וואָס דאַרף מען דאָס?

אָבער וואָס איהר געווינט איצטער אין פרייהייט, און אין לייכט־קייט און אין צופרידענהייט מיט זיך אַליין, וועט איהר שפּעטער מוזן באַצאָהלן מיט לאַנגווייל, מיט איינזאַמקייט, און מיט פאַרלירן אייער אינטערעסע אין לעבן.

די נאַטור לאָזט זיך ניט אימער נאַרן. ווען מ'נאַרט איהר אין איין זייט, מאָהנט זי עס דערנאָך איין מיט פּראָצענט אין אַן אַנ־דער זייט.

איצט זייט איהר נאָך יונג, ערשט זיבן יאָהר נאָך אייער חתונה.

איהר פילט אוים אייער צייט וואַרשיינליך מיט קליידער, מיט מואָוויס, מיט באַזוכן פון חבר׳טעס.

ווען איהר ווערט דערגרייכן די מיטעלע יאָהרן ווערט איהר געפינען אז די זאכן וועלן האָבן פאַרלאָרן פאַר אייך פיל פון זייער אינטערעסע. די חבר׳טעס ווערן עלטער און צוגעהען זיך ווער אַהין, ווער אַהער. דער מאַן ווערט עלטער, און איהר זעהט אז איהר קענט ניט מעהר כאַפּן די חלומות פון דער יוגענט.

איהר ווערט דעמאלאָס באַדויערן דאָס איהר האָט ניט וועמען, אייער אייגענעם, וואָס זאָל פאַרגרעסערן אייער אינטערעס אין לעבן, און עס ווערט זיין צו שפּעט.

א מוטער לעבט איבער נאָך אַמאָל איהר יוגענד אין איהר טאָכטער, און אויף דער עלטער, ווען זי האָט אייניקלעך, פיהלט זי זיך ווידער ווי א מאַמע צו קליינע קינדער.

א קינד מאַכט פאַרגעסן פילע אונאנגענעמליכקייטן אין לעבן, לאָזט ניט טראַכטן שטענדיג פון זיך אַליין, און שאַפט צופרידענהייט דערמיט וואָס עס לערנט אייך געבן אנשטאָט אימער צו נעמען.

וואָס גיט אַ מוטער מעהר פאַרגעניגן אלס צו קליידן איהר בייבי, אלס צו זעהן דעם פאָרטשריט וואָס איהר בייבי מאַכט; וואָס מאַכט אַ מוטער מעהר פרייד ווי צו הערן פון די טריאומפן וואָס דאָס קינד מאַכט אין סקול; און אַפילו די דאגות וואָס קינדער ברייגנגען מיט זיך האָבן אויך זייער באַלוינונג. זיי נעמען אַוועק די איינזאַמקייט און די לאַנגוויילע, זיי צווינגען צו טאָן, צו שאַפן, צו זוכן, צו טראַכטן, און דאָס איז לעבן.

און די גרעסטע וויכטיגקייט פון אַ קינד פאַר א פאַמיליע איז, וואָס עס האַלט צוזאַמען די פאַמיליע פעסטער ווי אירגענד וועלכע אַנדערע זאַך.

מאַן און פרוי, אָהן קינדער, ווערן צוזאַמענגעהאַלטן אלס אַ פאַמיליע בלויז דורך די באַפרידיגונג פון זייער לוסט. אַזוי לאַנג ווי מ׳איז יונג איז דאָס אַ וויכטיגער ענין. וואָס וויַיטער ווערט אָטדער אינטערעס אָפּגעשוואַכט.

פאַרלירט מען דעם פייער פון דעם צובונד, ווערט מען פרעמד איינער צום אַנדערן; און אָפטמאָל פאַלט מען איינער דעם אַנדערן צו לאַסט.

אַ קינד איז אַ פרישער צובונד. עס קומט, און עס וואַקסט מיט יעדן טאָג אַלץ טיפער אין די הערצער פון טאַטע-מאַמע, און שאַפט אַ נייע אינטערעסע, וואָס זיי האָבן בשותפות, און האַלט זיי פעסטער צוזאַמען.

און אויף דער עלטער געפינט מאַנכער אַלטער פאַטער אָדער אַלטע מוטער אַ שטיצע אין די קינדער.

מיט אייער ניט-וועלן טראַגן און האָבן אַ קינד באַרויבט איהר זיך, באַרויבט אייער מאַן, און איהר נאַרט די נאַטור וועלכע וועט זיך נוקם זיין.

קענט איהר זעהן, מרס. מירעל, אַז אייער מאַן איז ניט אומגע-רעכט, ווען ער ווערט אין כעס פון אייערע רייד, אַז איהר ווילט ניט דעם „באַדער" פון אַ בייבי.

ווייזט אויס אַז אייער מאַן האָט דעם חוש פון „מוטערליכקייט" אין אַ שטאַרקערן מאָס ווי איהר. איז ער נעבאַך גערעכט.

ער האָט ליב זיין ווייב און — פינאַקל

ווערטהער דר. קלאַרמאַן.

מיר זיינען אַ יונגע פּאָר, ערשט אַ קורצע צייט נאָך אונזער חתונה, און אַלעס האָט אייגענטליך געזאָלט זיין ביי אונז ליבע און צופרידענהייט, דאָך קומען פאָר קאָנפליקטן וועלכע מיר ביידע קענען ניט אויסגלייכן אָהן אַ „כתוב השלישי" וואָס זאָל קומען „מכריע" זיין, ווייל מיר זיינען ביידע עקשנים, און יעדערער האַלט זיך ביי דאָס זייניגע. דער הויפּט קאָנפליקט קומט דערפון וואָס מיין מאַן, אַזוי גיך ווי ער איז פאַרטיג מיט'ן סאַפּער, זעצט זיך תיכף אַוועק שפּילן פינאַקעל מיט אַ שכן. ער זאָגט, דאָס אַזוי ווי ער שפּילט אָהן געלד, האָב איך קיין אורזאַכע איהם צו שטערן. פינאַ-קעל, זאָגט ער, איז זיין „ריקריאיישאָן" און ער האָט דעם גרעסטן פאַרגע-ניגן דערפון. מיין טענה איז אָבער, אַז אין דער צייט וואָס ער קלייבט נחת פון פינאַקעל דאַרף איך זיצן און צוקוקן און זיך נודיען, און זיך לאַנגווייל. מיט מיר רעכענט ער זיך ניט. איך זאָג, אַז אויב אפילו ער שפּילט ניט פאַר געלד, פאַרלירט ער צייט וועלכע מ'וואָלט געקענט פאַר-ברייננגען אויף אַ געזינטערן און מעהר אנגענעמען אופן. אָט דאָס איז אין קורצן אונזער מחלוקה פאַר די לעצטע פּאָר וואָכן. און אַזוי ווי מיר קומען ניט צו קיין טאָלק האָבן מיר באַשלאָסן צו פרעגן אייער משפט, און וואָס אייער „סאָלושאָן" זאָל ניט זיין וועט ביי אונז זיין „קודש". ווארטן מיר אויף אייער ענטפער. רות און בועז.

און עהנליכן אַרגומענט האָב איך ערגעץ-וואו געלעזן ביי רודיאַרד קיפּלינג. דאָרט האָט זיך געהאַנדעלט ניט וועגן פינאַקעל, נאָר וועגן רויכערן צופיל ציגאַרן. און די פאַרענטפערונג פון דעם רויכערער

איז געווען: „אַ פרוי איז בלויז אַ פרוי, אָבער אַ גוטער ציגאַר איז אַ „סמאוק״.

אַזוי קלעהרט זיך מן הסתם מר. בועז: „אַ פרוי איז בלויז אַ פרוי, אָבער פינאַקעל איז אַ שפּיל״.

איך אַליין האַלט ניט פון פינאַקעל אַלס אַ צייט־פאַרטרייב, בפרט ווען מ׳שפּילט נאָך אָהן געלד.

שפּילט מען פאַר געלד האָט דער „געמבלינג אינסטינקט״ עפּעס צו זאָגען דערביי, און באַפּעפּערט און באַזאַלצט די געים. אָהן געלד האָט עס ווייניגער טעם, דען נאָך אַלעמען איז די קונץ פון אויסרעכענען אַ קאָרט ניט געוואַלדיג גרויס, און אז מ׳טוט עס עטליכע מאָל מוז דאָס ווערן צוגעגעסן.

אָבער די געשמאַקן זיינען פאַרשידן, און איך בין ניט קיין פאַנאַטישער אַנטי־פינאַקעל פּרעדיגער.

אויב איינער געפינט פאַרגעניגן אין פאַרברענגען אַביסעל צייט אין פינאַקעל, דערקען איך אָן זיין רעכט אַזוי צו טאָן.

נאָר אויב פינאַקעל ווערט ביי איהם אַ ליידענשאַפט, און נעמט אַוועק זיינע אָווענטען כסדר, פון תיכף נאָך סאַפּער ביז מ׳געהט צו בעט, צו דער אויסשליסונג פון אַלע אַנדערע זאַכן, דאַן הערט עס אויף צו זיין אַ שפּיל און ווערט אַ „נוסענס״.

אויב דער שפּילער מיט זיין שפּיל פאַרנאַכלעסיגט פליכטן און פאַרלעצט די רעכטע פון אַן אַנדער פּערזאָן, דאַן ווערט דאָס שפּיל נאָך עטוואָס ערגערס אַלס אַ נוסענס; עס ווערט אַן אומרעכט און קען פיהרן אַמאָל צו ערנסטע פאָלגן.

און ניט בלויז מיט פינאַקעל איז עס אַזוי, נאָר מיט יעדן צייט־פאַרטרייב אין וועלכן אַ מענש לאָזט זיך אַריין אָהן אַ מאָס און אָהן אַ פּראָפּאָרציע אין פאַרהעלטנים צו זיינע אַנדערע פליכטן און באַשעפטיגונגען.

מיט אַ קורצע צייט צוריק האָב איך דערהאַלטען דעם קאָמפּליינט פון אַ פרוי, וואָס איהר מאַן לויפט צו אַ באָל־געים תיכף ווי ער שליסט די סטאָר, און גיט קיין צייט צו זיין פאַמיליע.

צו זעהן אַ באָל־געים איז ניט אַזוי שלעכט ווי פינאַקעל; ווייניגסטענס איז מען אויף דער פרייער לופט; אָבער אויב מ׳לאָזט זיך אַריין אין דעם מיט אַלע חושים פאַרלירט מען אינטערעסע אין פילע וויכטיגערע זאַכן און מען פאַרנאַכלעסיגט די פאַמיליע.

אַ צווייטע פרוי האָט זיך באַקלאָגט וואָס איהר מאַן, תיכף ווי ער קומט פון דער אַרבייט, פאַרנעמט ער זיך שפּילן מיט דער בייבי, און הערט ניט אויף ביז די בייבי שלאָפט איין, און אויך דאַן קען

ער אָפּזיצן שטונדען־לאַנג און ניט אַראָפּנעמען אַן אויג פון דער שלאָפנדער בייבי.

דאָס איז געווים אַ העכערער תענוג וועלכער אַפּעלירט צו די „מוטערליכקייט" פון דעם מאַן; אָבער אויך דאָס איז אומגעזונט ווען דאָס ווערט פּראַקטיצירט מיט איבערטרייבונג. דאָס איז אונ־געזונד פאַר די בייבי און אונגעזונד פאַר דעם מאַן.

אויך בייבים דאַרפן האָבן פאַרשידענאַרטיגקייט אין שפּיל, דאָס איז בעסער פאַר זייער גייסטיגע ענטוויקלונג. און די שטענדיגע נאָהענטע באַריהרונג מיט אַן ערוואַקסענעם איז ניט גוט פאַר זיי. עס איז פיל בעסער אז מען לאָזט זיי צו־רוה.

פאַר וואָס זאָלן יונגע מענשן ניט קענען איינפיהרן אַן אָרדנונג אין זייער פאַמיליען־לעבן און איינטיילן די פרייע שטונדן זייערע אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן אריינברייגגען פאַרשידענאַרטיגקייט אין זייער צייט־פאַרטרייב, מיט איינזעהעניש איינער פאַר דעם אַנ־דערן?

אָט לאָמיר נעמען טאַקע דעם פאַל פון וועלכן מיר ריידן דאָ.

דער מאַן האָט ליב צו שפּילן אַ פּינאַקעל. באַשטימט מען אין פאַראויס צוויי אָוונטן א וואָך פאַר פּינאַקעל. ווייס די פרוי, אַז די אָוונטן מוז זי געפינען פאַר זיך א באַשעפטיגונג וואָס זאָל זי האַלטן אינטערעסירט, און זאָל ניט געצוואונגען זיין צו זיצן ווי אַ „קיבעצער" אָהן אינטערעס און זיך לאַנגווײלן.

אַנדערע צוויי אָוונטן באַשטימט מען פאַר א מואווינג־פּיק־טשור, אָדער פאַר באַזוך פון פריינדע, אָדער אפילו פאַר אַ קאַר־ראַיד.

און אויב מ'האָט אַביסעל אינטעליגענץ, און מען אינטערעסירט זיך פאַר העכערע זאַכן, האָט מען נאָך דריי אָוונטן אין וואָך פאַר הערן אַ לעקטשור, אדער בייוואוינען אַן אינטערעסאַנטן מיטינג, אָדער מען באַשעפטיגט זיך מיט לעזן.

ווען עס קומען קינדער קען מען די צייט אויך איינטיילן צום בענעפיט פאַר די קינדער. עס איז א ברכה פאַר קינדער וועלכע וואקסן אוים אין אַ הויז, וואו אלעס פיהרט זיך מיט ארדנונג, און ניט מיט קאַפּריזן פון דעם אויגענבליק.

דאָס, גלויב איך, איז אויך די בעסטע „סאָלושאָן" אין דעם וויכוח וואָס „רות און בועז" האָבן פאָרגעשטעלט אין דעם אויבן־געדרוקטן בריף.

דאָס פאַר פאָלק דאַרפן זיך צוזאַמענעמען און איינמאָל פאַר אָלע מאָל אויסאַרבייטן א פּראָגראַם פאַר זייערע אָוונטן און פרייע טעג, און דעם פּראָגראַם ניט ענדערן, סיידן עס קומען נייע צו־שטענדע וועלכע פאָדערן אַן ענדערונג, ווי צום ביישפּיל, אַ בייבי.

ביי צוויי אינטעליגענטע לעבעדיגע מענשן, וועלכע זיינען פאר־בונדן אויפ'ן גאנצן לעבן, קען נאר א פעסטגעשטעלטע אָרדנונג אין זייערע באציהונגען איינער צום אנדערן אויסהיטן זיי פון מחלוקת און ערגערניסן.

עקשנות און קאפריזן מוזן פיהרן צו דעם רואין פון א פאמי־ליען־לעבן. עס זאמעלט זיך פארדרוס און ביטערקייט, ביז די מאָס ווערט איבערפילט, און דאן איז קיין היילונג מעהר ניטאָ.

דאָס לעבן ווערט א צוואנג, און מ'פיהלט זיך איינער ביי דעם אנדערן ווי פארשקלאפט. מ'האלט זיך צוזאמען ניט אויס פרייען ווילן און פריינדשאפט און ליבע, נאר דורך זייטיגע ערוועגונגען, ווי קינדער, אָדער „וואָס וועלן לייט זאָגן".

דאָס קען פארמידן ווערן בלויז דורך אָרדנונג און דורך איינ־זעהעניש איינער פאר דעם אנדערנ'ס נייגונגען און געשמאקן.

דאָס לעבן בכלל באשטעהט אין גאנצן פון פשרות. ווען יעדער איינציגער זאָל באשטעהן אויף אויספיהרן בלויז וואָס ער וויל, וואָלט זיך קיין רעגירונג און קיין צוזאמענלעבן ניט געהאלטן.

כדי צו קענען לעבן אין רוה, אין א געמיינשאפטליכן לעבן, מוז יעדער איינציגער עטוואס נאָכלאָזן פון דאָס זייניגע.

א פעסטגעשטעלטע אָרדנונג אין א פאמיליע איז אקוראט ווי דאָס געזעץ פאר א מדינה. עס מאכט מעגליך א רוהיגערעם לעבן.

אַ גט ? יאָ, — אָבער זי וויל אַ מקח

ווערטהעער דר. קלאָרמאַן.

איך בין צעהן יאָהר פארהייראַט צו אַ מאַן, וועלכן איך האָב פריהער ניט געליבט און ליב איהם אויך איצטער ניט. מיינע עלטערן האָבן גע־וואוינט אין אַ קליינע שטאָדט ניט ווייט פון פיטסבורג, און מיין מאַן, נאָך אלס פראָסטער בחור, האָט געפּעדעלט אין יענער געגענד, און פלעגט טאָן ביזנעס מיט מיין פאָטער. מיינע עלטערן האָבן מיר אזוי לאנג איינ־גערעדט ביז איך האָב איינגעוויליגט איהם צו הייראַטן. נאָך דער חתונה האָט ער געעפענט אַ קליינע סטאָרקע, אין אַן אנדער שטעדטעל, ניט ווייט פון אונז. איצט האָבן מיר אַ גרויסע סטאָר אין אונזער אייגענע ביל־דינג, מיר האָבן צוויי קארס, און מיין מאַן האָט אַ גוטן קרעדיט. מיר פעהלט קיין זאַך ניט, און ווען איך וואָלט געהאַט אַ מאַן וועלכן איך וואָלט געקענט ליב האָבן, וואָלט איך געווען די גליקליכסטע. קיין קינדער האָבן מיר ניט, און איך וויל אויך ניט האָבן. איצטער פארלאַנגט פון מיר מיין מאַן, אז מיר זאָלען זיך גט'ן, ווייל ער זאָגט, אז לויט'ן אידישן

דין, אז מ'לעבט מיט אַ פרוי צעהן יאהר אָהן קינדער, דאַרף מען זיך גט'ן. ער איז צופרידן צו געבן מיר פארזיכערונג פאר אַן אינקאַם, וואָס זאָל זיין גענוג פאַר מיין לעבן אזוי ווי איך לעב איצטער, ביז איך וועל ווידער הייראַטן, און ער וויל מיר געבן וועלכע קאר איך וויל, און איינינע טויזענד דאָלאר קעש. אָבער דאָס האָב איך דאָך סיי־ווי־סיי, טאָ פאַר וואָס זאָל איך איהם מאכן פריי? ער זאָגט מיר, אז ער וויל הייראַטן אַ פרוי וועלכע זאָל איהם ברייננן קינדער. פאַרלאַנג איך פון איהם ער זאָל מיר געבן אַ העלפט פון דעם פאַרמעגן וואָס באַטרעפט איבער הונ־דערט טויזענד דאָלאַר. ער סטראַשעט, אז אויב איך וועל ניט אָננעמען זיין אָנבאָט, וועט ער מאַכן אַ תל פון אַלצדינג און וועט אוועק וואוהין די אויגן וועלן איהם טראָגן. איך גלויב ניט אז ער מיינט דאָס מיט אַן אמת, נאָר ער איז אזוי אויפגערעגט, אז אפשר קען ער דאָס טאָן. בעט איך פון אייך אַ ראַטה, ווי עס איז בעסער פאַר מיר, אָנצונעמען זיין פאָר־שלאָג אָדער ניט. סערעה מ.

דאָס איז, הייסט עס, אַ בלויזע געלד־פראַגע; איהר ווילט מעהר אויסלייז־געלד, און ער באָט אָן ווייניגער, פאַרלאַנגט איהר פון מיר אַ ראַטה ווי אזוי צו מאַכן אַ בעסערן „באַרגיין".

איהר אַליין זאָגט, אז איהר האָט איהם ניט ליב, וועט איהר געווים ניט פיהלן קיין האַרצוועהטאָג איהם צו פאַרלירן.

פון אייער בריף קען מען מערקן, אז אין האַרצן ווילט איהר אויך זיין פריי, און פיליכט חלום'ט איהר גאָר פון „אַ מאַן וואָס איהר זאָלט קענען ליבן".

מעהר ניט, איהר פאַרגינט איהם ניט, פאַר וואָס ער זאָל איינ־האַנדלען זיין פרייהייט צו ביליג; און פאַר וואָס זאָל ער נעמען אַן אַנדער ווייב און פיליכט נאָך האָבן קינדער און הנאה האָבן פון זיין לעבן. ווילט איהר אַרויסציהען פון איהם וואָס מעהר.

דאָס איז ביי אייך מיט אייער מאַן אַ סאָרט פּאָוקער־געים, אין וועלכן איינער בלאָפט דעם צווייטן; איהר בלאָפט איהם, אַז איהר וועט איהם ניט פריי מאַכן, סיידן ער גיט אייך אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן, און ער בלאָפט אייך, אַז ער וועט מאַכן פון אַלץ אַ תל און אַנטלויפן.

וועל, סערעה, ווען איך זאָל אפילו וויסן פון אַ ראַטה ווי אזוי איהר זאָלט אַרויסציהען פון אייער מאַן אַ העלפט פון זיין פאַר־מעגן, וואָלט איך אייך דעם ראַטה ניט געגעבן, ווייל דאָס וואָלט געווען געגן יושר און געגן גערעכטיגקייט.

איהר האָט דאָס ביי איהם ניט פאַרדינט, און, אויפריכטיג גע־

רעדט, ווייזט מיר אויס, אז דאָס וואָס ער באַט אייך אָן זייט איהר אויך ניט ווערטה.

צעהן יאָהר האָט אייך דער מאַן אויסגעהאַלטן מיט אַלע וואויל־טאָגן וואָס אַ מאַן קען געבן צו אַ פרוי לויט זיין שטאַנד, און איהר אַליין זאָגט, אז אייך האָט ביי איהם קיין זאך ניט געפעהלט.

וואָס האָט איהר איהם געגעבן דערפאַר? גאָר נישט! ניט ליבע, ניט צערטליכקייט, ניט טרייהייט, ניט פריינדשאַפט — איהר האָט בלויז גענומען פון איהם.

ער איז אַ מאַן, ווי עס ווייזט אויס, מיט אַ פאַטערליכן אינס־טינקט. ער גאַהרט נאָך אַ קינד. האָט איהר דאָס איהם אויך ניט געוואָלט געבן, פיליכט דערפאַר וואָס אין אייער זעלבסטזוכט און אייגענוציגקייט, האָט איהר ניט געוואָלט זיין געבונדן צו איהם מיט קיין זאך.

איהר האָט פאַרגעצויגן צו זיין פויגעל־פריי, ארומפליהען אין זיין קאַר, געהן צו ברידזש־פאַרטיעס און צו אמיוזמענטס, קויפן זיך קליידער, און לאָזן איהם צאָהלן די בילס.

ווען אייער מאַן וואָלט ניט געווען אזוי געדולדיג — ווער ווייס, אפשר האָט ער אין זיין פראַסטקייט אייך ליב געהאַט, און האָט געהאָפט פון אייך צו דערלעבן א קינד — וואָלט ער ניט גדאַרפט ווארטן צעהן יאהר איידער ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן אַ גט.

יאָ, ער האָט באמת געמוזט זיין אַ „פראָסטער" בחור, אָפצולעבן אזוי מיט אַ ווייב צעהן יאָהר, צו געבן איהר אַלעס און קיין זאך פון איהר ניט צו ערוואַרטן פאַר אַלץ וואס ער טוט פאַר איהר.

עס קוקט אויס, אז וואָס איהר דערוואַרט פון זיין „פראָסטקייט" איצטער איז, אַז ער זאָל זיך לאָזן איינשרעקן, אָדער איבעררריידן, און אייך געבן אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן, צו וועלכן איהר האָט קיין זאך ניט בייגעטראָגן.

ער דאַרף שוין זיין גאָר „פראָסט" אַז ער זאָל דאָס טאָן.

איהר דיינקט אז ער בלאָפט, און ער מיינט עס ניט ערנסט מיט זיין סטראשונאָק, צו מאכן פון אַלצדינג א תל און צו אנטלויפן פון אייך.

אין דעם, קען זיין, מאַכט איהר אַ טעות.

אייער מאַן, אין זיין „פראָסטקייט", האָט באַוויזן אין צעהן יאָהר ארויפצוארבייטען אַ קליינע סטאַרקע אויף א פאַרמעגן פון הונדערט טויזענד דאָלאר.

איהר אַליין זאָגט, אז ער האָט אַ גוטן קרעדיט, דאָס מיינט, אז ביזנעסלייט האָבן צוטרוי צו איהם.

אַזעלכע זאַכן ערוועקט מען זיך ניט דורך בלאָפס. ער מעג טאַקע זיין פּראָסט, אָבער מענשן האָבן וואָרשיינליך איינגעזעהן, אַז ער איז אַ מענש מיט כאַראַקטער, דאָס אַ וואָרט איז ביי איהם אַ וואָרט, און אַ צוזאָג איז אַ צוזאָג. געטרויט מען איהם.

נאַטירליך זיינען דאָ מענשן וואָס אין ביזנעס זיינען זיי פּראָמפּט, און עהרליך, נאָר אַ ווייב ערלויבט מען זיך אונטערצובלאָפן אביסעל.

אָבער דאָס קענט איהר אַליין אָם בעסטן וויסן — צי האָט ער אייך ווען עס איז פריהער געבלאָפט אָדער ניט.

אויב ער האָט אייך פריהער קיינמאָל ניט געבלאָפט, איז זעהר מעגליך אַז ער בלאָפט אייך איצטער אויך ניט און ער מיינט דאָס גאַנץ ערנסט. טאָן קען מען אַזאַ זאַך.

ראַטה איך אייך — פון אייערטוועגן אַזוי גוט ווי פון זיינטוועגן אַז איהר זאָלט ניט נעמען קיין צו גרויסע טשאַנסעס, ווייל איהר קענט נאָך פאַרשפּילן דאָס וואָס ער באַט אייך אָן.

צו וואָס האָט זי עס גערדאַרפט?

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיר זיינען זעקס מאַנאַטן פאַרהייראַט. פאַר מיין חתונה האָב איך געהאַלטן אַ פיינעם פּאָזישאָן אַלס סטענאָגראַפער און קאָרעספּאָנדענט אין אַ גרויסע ביזנעס און האָב געהאַט מיינע פינף־און־פערציג דאָלער אַ וואָך. איך האָב ניט שלעכט געלעבט, אָבער איך בין שוין געווען אַ מיידעל פון אַכט־און־צוואַנציג יאָהר, און מיין דזשאָב איז ניט געווען קיין גרינגער. איך האָב איהם געהאַלטן פיר יאָהר איז ער מיר אביסעל צוגעגעסן געוואָרן. מיין מאַן איז געווען פאַרליבט אין מיר, אַזוי האָט ער מיר אָפט געזאָגט. ער איז דער אייגענטימער פון אַ קליינע ביזנעס און מאַכט אַ לעבן — ניט רייך, אָבער מ'קומט ניט שלעכט אויס. ער האָט געוואָלט איך זאָל אויפגעבן דעם דזשאָב און איהם הייראַטן. האָב איך ענדליך באַשלאָסן צו טאָן זיין פאַרלאַנג. איך האָב געוואָלט זיין פריי פון מיין דזשאָב און האָב געהאָפט נאָך דער חתונה מיך אויסצורוהען. אין דעם האָב איך מיך אָפּגענאַרט. מיין מאַן וויל ניט נעמען קיין דינסט אָדער אַ קעכין, ער זאָגט אַז זיין ביזנעס טראָגט ניט אויף דעם. מיר וואוינען אין פיר רומס, מוז איך אַליין אַלע טאָג אויפראַמען, און קאָכן, און נאָך וואַשן די קלייניגקייטן וואָס מ'קען ניט שיקן אין די לאָנדרי. געהט מיר אוועק דער טאָג אין אַרבייט וואָס איז שווערער ווי סטענאָגראַפיע אָדער קאָרעספּאָנדענס. עס ווערט מיר שרעקליך דערעסן און איך בין אונצו־

פרידן. איך פרעג, צו וואס האב איך דאס אין גאנצן געדארפט? איז מיין מאן אויך אונצופרידן, און איך ווייס ניט וואס איך זאל טאן. איז פאראן אן עצה דערצו?
די אונצופרידענע.

יא, ליבע שוועסטער, איהר האט זיך ווירקליך אפגענארט. איהר האט געמאכט א טעות אין חשבון — דעם זעלביגן טעות וואס פילע פון אייערע שוועסטער מאכן, און וואס רואינירט מעהר פאמיליען אלס אלע אנדערע טעות'ן וואס זיי קענען מאכן.

אייער טעות באשטעהט ניט אין דעם, וואס איהר האט געהייראט — עס איז שוין לאנג צייט געווען פאר אייך צו הייראטן — נאר אין דעם, וואס איהר האט געקוקט אויף די חתונה ווי אויף א מיטעל צו באפרייען זיך פון אלע פליכטן.

פאר דער חתונה האט איהר געמוזט ארבייטן אום צו קענען עקזיסטירן. איהר האט געמוזט ערפילן די פליכטן וואס זיינען אויף אייך ארויפגעלייגט געווארן. איהר האט געמוזט טאן אייער ארבייט גוט און פינקטליך, צופרידן צו שטעלן אייער באלעבאס.

ווען אייער באלעבאס האט אייך געהייסן וואס טאן, האט איהר איהם ניט געזאגט, אז איהר ווילט בעסער געהן צו א מאטינע, אדער ער זאל דינגען אן אנדער מיידעל דאס צו טאן.

איהר האט געוואוסט, אז אויב איהר וועט איהם אזוי-וואס זאגן, וועט זיין א סוף צו אייער דזשאב, און איהר וועט מוזן זוכן אן אנדער דזשאב, אדער הונגערן.

האט איהר בארעכנט, אז אויב איהר וועט חתונה האבן וועט איהר האבן א דזשאב פון וועלכן מ'קען אייך ניט אוועקשיקן — א דזשאב אהן פליכטן, אהן ארבייט, און פאר דאס איבריגע זאל זיך דער מאן פארדרעהען זיין קאפ.

און איצט האט איהר אויסגעפונען, אז דער נייער „באלעבאס" פאדערט אויך די ערפילונג פון געוויסע פליכטן. טאקע אוועקשיקן קען ער אייך ניט — עס איז דא א געזעץ געגן דעם — אבער ער פארלאנגט פון אייך געוויסע ארבייט.

„היינט ווי באלד אזוי — טראכט איהר זיך — טא וואס האב איך דא אויסגעפיהרט, און וואס האב איך דא אויפגעטאן?"

טאקע געמאכט א טעות.

און ווי גרויס אייער טעות איז, האט אייער מאן געמאכט נאך א גרעסערן.

ער איז געווען פארליבט אין אייך — ווי איהר אליין זאגט — און האט געהאפט צו געפינען אין אייך א חבר'טע, א לעבענס-באגלייטערין.

ער האָט געזעהן אין אייך אַ ווייב וואָס זאָל טיילן מיט איהם זיינע פריידן אוןליידן, זאָל איהם העלפן קומען צו אַ תכלית, זאָל טיילן מיט איהם די לאַסטן און די פריידן פון אַ פאַמיליען-לעבן, און פיליכט אויך פון ערציהען אַ קינד אָדער צוויי.

ער האָט געהאָפט, אַז איהר וועט פיהרן אייערביידענס הויז שפּאָרעוודיג, אָהן אויסברייינגעריי, און איהר וועט מעגליך מאכן פאַר איהם, אויף דעם אופן, צו לאָזן זיין ביזנעס גרעסער ווערן, ביז די ביזנעס וועט טראָגן אויף דינסטן, אויף קעבינס, און אַפילו אויף אַ קאַר מיט אַ שאָופער.

איצטער געפינט ער אַז ביי די איינפאַכסטע און נאַטירליכסטע פליכטן וואָס אייער דזשאָב פאָדערט פון אייך זייט איהר שוין אונצופרידן, און איהר „קיקט”.

ער געפינט אויך ווארשיינליך אזוי ווי איהר, אַז ער האָט זיך גענאַרט, און עס איז קיין וואונדער וואָס ער איז אונצופרידן.

איהר פרעגט, אויב עס איז דאָ אַן עצה דערצו? געווים איז דאָ, אָבער די עצה ליגט אין דער ענדערונג פון אייער בליק אויף די גאַנצע זאַך.

איהר מוזט געווינען די איבערצייגונג, אַז איהר האָט זיך גאָר ניט גענאַרט, נאָר איהר האָט געמאַכט אַ גוט „געשעפט” מיט וועלכען איהר דאַרפט זיין צופרידען און גליקליך, דאַן וועט אייער שוועריגקייט געלייזט ווערן.

איהר דאַרפט באַרעכענען, אַז מיט אייער בייט, האָט איהר ערשטענס געוואונען אַ מאַן וועלכער האָט אייך ליב — און דאָס איז אויך עפּעס ווערט.

צווייטנס, האָט איהר געוואונען אַ היים וואו איהר קענט איינ-ריכטן אייערע באַקוועמליכקייטן פאַר אייך ביידן ווי אייך געפעלט.

דריטנס, האָט איהר געפונען אַ „סטעדי דזשאָב” אָהן מורא, אַז מ'קען אייך הייסן געהן און אָפּשניידן אייך פון אייערע „ווייִדזשעס” פון וועלכע איהר דאַרפט לעבן.

און אַלעס וואָס איהר דאַרפט טאָן אום צו זיין גליקליך און צו-פרידן איז צו בעזאָרגן פאַר אייער מאַן אַ באַקוועמע היים לויט זיינע פאַרדינסטן און זיינע מיטל. און ער דאַרף דערפאַר צושטעלן אייך פון זיינע פאַרדינסטן גענוג צו דער אויסהאַלטונג פון הויז און פון אייערע באַדערפנישן, און אייך געבן אַ חוץ דעם טאַשן-געלד פאַר אייערע אייגענע קליינע הוצאות.

איהר נעמט אַראָפּ פון איהם די זאָרגן פון די הויז-פיהרונג, און איהר שטעלט איהם צו די קליינע באַקוועמליכקייטן וועלכע אַ מאַן שעצט הויך אין זיין היים.

ער נעהמט אַרונטער פון אייך אַלע זאָרגן פון אייער אויס־קומעניש.

אויב איהר מאַכט פון איהם אַ צופרידענעם מאַן, וועט ער זיך בעסער קענען איבערגעבן צו זיין ביזנעס און פאַרמעהרן זיין הכנסה. וועט איהר ממילא האָבן מעהר מיטעל פאַר אייער הויז־פיהרונג.

און אפשר מיט דער צייט וועט איהר באמת קענען האָבן אַ דינסט און אַ קעכין; אָבער אויב ניט אפילו, דאַרף דאָס ניט שטערן אייער גליק און אייער צופרידנהייט.

איהר האָט געמאַכט אַ גוטן באַרגיין. איהר האָט אויפגעגעבן אַ דזשאָב אָהן זיכערקייט, און זייט איינגעטראָטן אַלס פּאַרטנער אין אַ געהענדע ביזנעס.

אויב איהר וועט פּינקטליך ערפילן אייערע פליכטן אַזוי גוט ווי אייער מאַן זיינע, איז קיין אורזאַכע ניטאָ פאַר וואָס אייער פּאַרט־נערשיפּ זאָל ניט אָנהאַלטן אויף אייער גאַנצן לעבן.

דאָס איז די בעסטע עצה וואָס איך קען אייך געבן.

ווען אַ נאַרישע פרוי קריגט די ממשלה.

ווערטהער דר. קלאָרמאַן.

אונזער קליינע פאַמיליע איז ערשט אַכט יאָהר אין לאַנד. איך בין ניט קיין עושר. איך מאַך גאָט־צו־דאַנקען אַ בכבוד׳ען לעבן. מיין פרוי און איך זיינען ניט קיין אויסברענגערס. מיר האָבן אַ זיבן־אַכט הונדערט דאָלער אין באַנק און עטליכע טויזענד דאָלער אינשורענס. צו קומען אין אַמעריקא האָט מיר געהאָלפען מיין פאָטער, זאָל געזונט זיין. צוליב מיין פרוי האָב איך איהם נאָך ניט צוריקגעצאָלט וואָס איהם האָט געקאָסט. מיין פרוי האָט ניט ליב צו אַנערקענען אַ טובה, און האָט ניט גערן אַז איך זאָל העלפן מיין פאַמיליע. ווען מיין פאָטער קומט אַמאָל צו מיר צו גאַסט, האָב איך פון איהר קיצור ימים. איצטער האַנדעלט זיך וועגן מיין שוועסטער אין יוראָפּ — איין־איינציגע שוועסטער געבליבן פון פיר. זי דאַרף אין קורצן חתונה האָבן, און זי מוז האָבן אַביסל נדן. איך וויל זיך ניט קריגן מיט מיין ווייב, אָבער ניט צו העלפן מיין איינציגער שוועסטער קען איך אויך ניט. בעט איך אייך אַן עצה. האָב איך אַ רעכט צו נעמען אַ טייל פון מיין פאַרמעגן און אַוועקשענקען צו העלפן מיין שוועסטער און דאַן אויסשטעהן מחלוקת און „נעגעניש" פון מיין ווייב, אדער מוז איך צוליב שלום בית פאַרשליסן מיין הארץ צו מיין אייגן בלוט־און־פלייש?

המחכה לגאולה.

איהר האָט ניט נאָר אַ רעכט — עס ליגט אויף אייך אַ הייליגע פליכט צו העלפן אייער שוועסטער אין אַזאַ לעבענס־פראַגע.

און אויב איהר מוזט צוליב דעם שטערן אייער שלום בית, זאָלט איהר עס טאָן; ווייל אַ שלום בית וואָס איז באַגרינדעט אויף

הארטהארציגקייט, רשעות, אונדאנקבארקייט, און איינזיכטסלאזיג-קייט — אזא שלום בית איז ניט פיל ווערטה.

עס קען זיין אז אייער ווייב האט פילע מעלות, אבער פיל שכל, האב איך מורא, האט זי ניט. ווייל א פרוי מיט שכל, וועלכע האלט פון איהר מאן און פון איהער קינדער, וואלט ניט אזוי געהאנדעלט.

זאל זי זיך נאר פארשטעלן אז צוליב איהר רשעות און גייציג-קייט וועט דארטן אין יוראפ צושטערט ווערן דער שידוך פון דער ארימער יתומה.

איהר מאן דא, וועט ארומגעהן מיט א געפלאגטן געוויסן, מיט א קריינקונג אין הארצען, וועלכע קען זיך אמאל חלילה שלעכט ענדיגן, און זי וועט האבן געגן זיך, ביז איהר ענדע לעבן, דעם ביטערן פארוואורף, אז צוליב איהר שלעכטסקייט האט זי אומ-גליקליך געמאכט יענע יתומה און איהר אייגענעם מאן.

די נארישע פרוי! זי באגרייפט נישט אז אויב זי האט אין אייך א בכבוד'ן מאן, וואס זוכט אויסצומיידן מחלוקת, איז עס הויכטזעכליך דערפאר וואס איהר האט א בכבוד'ען פאטער וועלכען איהר שעצט.

זי באגרייפט ניט, אז אויב מ'קען צושטערן אין דעם הארצן פון א מאן זיין טרייהייט און איבערגעבענהייט צו זיינע עלטערן, איז אויך ניט שווער צו צושטערן אין זיין הארצן זיין טרייהייט און איבערגעבענהייט צו זיין ווייב.

זי איז צו נאריש און ענגהערציג צו באגרייפן, אז ווען זי צו-שטערט די פריינדשאפט און דעם גוטן ווילן פון איהר מאן צו זיין פאמיליע, טוט זי דאס צו איר אייגענעם שאדן.

דער מאן וואס מיסהאנדעלט זיינע עלטערן וועט אויך מיס-האנדלען זיין ווייב.

און זי אליין פארזעט אין הארצן פון איהר מאן א שנאה צו איהר טיראניי, וועלכע מוז טויטן יעדן רעספעקט און יעדע ליבע צו איהר.

און דאס אלץ צוליב עטליכע דאלער וועלכע געהערט צו איהר מאן מעהר ווי צו איהר.

ניין, מיין פריינד, אין אזעלכע זאכן טארט איהר אייער פרוי ניט הערן.

העלפט אייער שוועסטער די יתומה, לויט אייערע מעגליכקייטן, און אויב איהר מוזט צוליב דעם אויסשטיין פון אייער ווייב מחלוקת, זידלעריי, נעגעניש און טרערן, וועט איהר וויינגסטענס האבן דאס באוואוסטזיין אז איהר זייט א מארטירער פאר א גוטע זאך.

ליבּע און הייראַט

ליבע און הייראַט

שווער איז אַלע מאָל געווען דער זיווג (זיוועג) פון מענשען, און נאָך פיל מאָל שווערער איז ער אין אונזערע טעג.

ער איז געווען שווער ווען דער פרימיטיווער מענש האָט געמוזט פאַנגען זיין „באַשערטע" און שלעפּען זי מיט גוואַלט צו זיך אין הייהל אַריין;

ער איז געווען שווער, אַפילו ווען דער מאַן האָט איינגעהאַנדעלט זיין „כלה" פון איהר פאָטער ווי אַ שטיקל סחורה, און זי אַליין האָט גאָר קיין דעה ניט געהאַט אין דעם עסק;

ער איז געווען שווער סאַי ווען דער מאַן האָט געקענט איינהאַנדלען וויפיל ווייבער ער האָט געוואָלט, און סאַי ער האָט נאָר געקענט האָבען איין ווייב; סאַי די ווייב האָט געהאַט וועלכע־עס־איז רעכטע, און סאַי ניט.

די שווערקייט איז אַלע מאָל געלעגן אין דעם פּראָבלעם פון געפינען די פּאַסענדע, וועלכע זאָל געבען די צופרידענהייט צו דעם מאַן און וועלכע דער מאַן האָט געזוכט פאַר זיין באַקוועמליכקייט, און מיט וועלכער ער זאָל זיך קענען איינלעבן מיט די וויינינגסטע שטערונגען.

אַפילו אין די גאַנץ אַלטע צייטען, ווען שידוכים זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען ניט פרעגענדיג ביי דער כלה, איז די געראָטענקייט אָדער ניט געראָטענקייט פון דעם זיווג באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מזל־זאַך, אַלס אַ צופאַל. עס האָט געהייסען, אַז איינער קריגט אַ ווייב לויט ווי זיין מזל טראָגט אויס.

איינער האָט אָנגעטראָפען אַן „אשת חיל", אַ טוגענדהאַפטע, טעטיגע פרוי, וואָס איהר ווערט איז „טייערער פון רובינען"; און אַ צווייטער האָט איינגעהאַנדעלט אַן „אשה מר ממות" — אַ ווייב אַ שלאַק וואָס איז ביטערער ווי דער טויט.

„דער מאַן פאַרלאָזט זיין פאָטער און זיין מוטער — זאָגט אונז די תורה — און באַהעפט זיך מיט זיין ווייב, און זיי ווערן איין לייב". דאָס באַציהט זיך, זעלבסטפאַרשטענדליך, בלויז אויף די באַפרידיגונג פון דעם געשלעכטליכען באַגעהר. דאָס דריקט אויס דעם הויפּט־צוועק פון הייראַטען אין זיין איינפאַכסטער פאָרמע, פריי פון אַלע אַנדערע פאַרפלאָנטערונגען פון לעבען.

ווען אין דעם אַליין וואָלט באַשטאַנען דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון הייראַט, וואָלט עס אויך ניט אַלע מאָל אָנגעקומען אָהן שווערינקייטען.

אָבער הייראַט ברענגט אויך פילע אַנדערע פּראָבלעמען. דער גע־

שלעכטליכער פאַרקעהר מאַכט ניט מאַן און ווייב פאַר איין מענשען, אפילו ניט „בדרך משל ומליצה“, דאָס הייסט אפילו ניט פיגוראַטיוו.

זיי זיינען צוויי באַזונדערע מענשען, און יעדערער פון זיי האָט זיינע אייגענע נייגונגען, זיין אייגענעם געשמאַק, זיינע אייגענע וואונשען און פאַרלאַנגען, זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט, כאַראַקטער, און ווילען.

צוצופאַסען די פאַרשידענהייטען, אַז זיי זאָלען מעהר אָדער וועניגער האַרמאָנירען צוזאַמען, איז געוועזן אַ שווערע אויפגאַבע אפילו אין די צייטען ווען זוכען און געפינען אַ כלה איז געוועזן אַן איינזייטיגע אונטער־נעמונג, און בלויז איינער האָט געדאַרפט קלייבען — דער מאַן.

האָט ער געפונען איינע וואָס האָט איהם אויסגעוויזען אַלס פּאַסענד פאַר איהם, איז זיין פּראָבלעם באַשטאַנען אין קומען צו אַן אויסגלייך מיט איהרע עלטערן אָדער קרובים, און באַצאָהלען דעם פּרייז.

דאָס איז אויך ניט געוועזן אַלע מאָל אַ לייכטע זאַך, אָבער לגבי די שווערקייט וואָס מען באַגעגענט היינט אין דער דורכפיהרונג פון אַ זיווג איז דאָס ווי אַרויסצוציהען אַ האָר פון מילך.

קוים איז די פרוי געקומען אין דעם שטאַנד צו זאָגען אויך איהר דעה, אויב דער מאַן געפעלט איהר אָדער ניט, אויב זי וויל איהם הייראַטען אָדער ניט, איז דאָס פּראָבלעם פון געפינען אַ כלה אָדער אַ חתן געוואָרן צעהן מאָל, הונדערט מאָל שווערער.

די פראַגע פון געשלעכטליכער אָנציהונג, וואָס מען פאַרשטעהט היינ־טיגע צייטען אונטער דעם אויסדרוק „פאַרליבען־זיך“, איז אין אַמאָליגע צייטען געוועזן אַן איינזייטיגע; בלויז דער מאַן האָט זי געדאַרפט ליבען. מ׳האָט ניט געפרעגט צי די מיידעל האָט איהם ליב. איצט מוז די פראַגע געלייזט ווערן פון ביידע זייטען, אויב דער זיווג זאָל צושטאַנד קומען.

אַזוי ווי עס איז שווער צו געפינען צוויי מענשען וואָס זאָלען זיין גלייך איינער צום אַנדערן אין זייערע טעמפּעראַמענטען, געפיהלען, באַ־גריפען פון שעהנקייט, און איינגעבילדעטע אידעאַלען פון געשלעכטליכע אייגענשאַפטען, מאַכט דאָס די וואהל פיל מאָל שווערער.

עס פאָדערן זיך פיל גרעסערע און צאָלרייכערע געלעגענהייטען פאַר באַגעגענישן, פאַר באַקאַנטשאַפטען, און אַ פיל גרעסערע אויסוואהל, און נאָך עד היום האָט מען ניט אויסגעפונען קיין מיטעל דורך וועלכע צוזאַמענ־צוברענגען די וועלכע פּאַסען זיך אַם בעסטען איינער צום אַנדערען. דאָס מוז אין גאַנצען איבערגעלאָזען ווערן צום צופאַל.

און דאָך, ווי שווער די פראַגע פון ביידערזייטיגער געשלעכטליכער צונייגונג זאָל ניט זיין, וואָלט זי געוועזן פון די קלענסטע שטערונגען צו זיווגים אויב דאָס לעבען אין היינטיגער ציוויליזאַציע וואָלט ניט געקומען

מיט זיינע אונצעהליגע אַנדערע פראַגען און וואָלט זי ניט נאָך הונדערט מאָל מעהר פארפלאָנטערט.

אין דער ערשטער רייה קומט די עקאָנאָמישע פראַגע. אַ יונגער מאַן און אַ מיידעל מעגען זיין פארליבט איינער אין דעם צווייטען „ביז צום טויט”, און קענען דאָך ניט געניסען זייער גליקזעליגקייט אין זיכערהייט, און מיט יוצא זיין פאר די מיינונג פון דער וועלט, דורך הייראַט, אויב דער יונגער מאַן קען נאָך קיין לעבען ניט מאַכען.

ס'טרעפט נאַטירליך אויך, דאָס אַ פּאָאר זיינען אַזוי באַטרונקען פון זייער ליידענשאַפטליכער ליבע, אַז זיי שליסען די אויגען צו אַלע אַנדערע פאָדערונגען פון לעבען, גלויבענדיג אַז זייער ליבע אַליין וועט זיי דורכ־טראָגען דורכ'ן לעבען. אַזעלכע זיווגים האַלטען זיך זעלטען לאַנג, נאָך דער אויסניכטערונג. און האַלטען זיי זיך יא אַמאָל, איז אין זיי דאָ ווייניג צופרידענהייט.

בלויז גאַנץ הויכע נשמות, נאָבעלע כאַראַקטערען, מענשען מיט הויכע אידעאַלען, קענען אַמאָל באַווייזען צו לעבען אַ פאַמיליען־לעבען אין עלענד און נויט און ניט דערגעהן די יאָהרען איינער דעם אַנדערן. אַזעלכע זיינען ווייניג פאַראַן, און נאָך זעלטענער איז אַז צוויי פון זיי זאָלען זיך צוזאַמענטרעפען.

די געשיכטע וויים צו דערצעהלען פון פילע גרויסע, נאָבעלע מענער, וועמעס לעבען איז פארביטערט געוואָרן דורך בייזע אונצופרידענע פרויען, און פון נאָבעלע פרויען וועמעס לעבענס עס זיינען פארגיפטעט געוואָרן דורך שפּל'ע מענער.

מיט דער עקאָנאָמישער פראַגע אַליין — דאָס הייסט די פראַגע פון פרנסה נאָך דער חתונה — ענדיגן זיך נאָך ניט די שוועריגקייטען פון זיווגים. עס קומט צו אַ גאַנצע רייהע פון ריין־סענטימענטאַלע פראַגען פון פארשידענהייטען אין רעליגיע און בילדונג, זיטען, קלאַסען, צושטימונג פון עלטערן און קרובים, פאָראורטיילען, און אַנדערע, צו פיל אויסצו־רעכענען.

די עקאָנאָמישע פראַגע איז היינטיגע צייטען די הויפּטשטערונג צו זיווגים ביי אַלע מענשען אין אַלע לענדער. דאָס איז אויך אַזוי געוועזן פאַרצייטען. אָבער וואָס ציוויליזירטער אַ לאַנד איז, און וואָס מעהר עקאָנאָמיש ענטוויקעלט זי איז, אַלץ אַ גרעסערע שטערונג איז די עקאָנאָ־מישע פראַגע צו הייראַט.

ביי אונז אין אַמעריקא, וואו עקאָנאָמישער סוקסעס און מאַטעריעלע באַקוועמליכקייטען ווערן געשטעלט העכער פון אַלע אַנדערע זאַכען, פיהרט די עקאָנאָמישע שטערונג דערצו, אַז גרויסע צאָהלען יונגע לייט, פוןביידע געשלעכטער, זאָלען בלייבען אונפאַרהייראַט.

עס איז ניט נויטיג צו ריידען פון די איבלען צו וועלכע אזא צושטאנד פיהרט, ווייל יעדער מענש וואָס האָט אויגען און שכל, קען זיי זעהן און פיהלען.

די באַזונדערע אידישע שוועריקייטען.

אויב די שוועריגקייטן צו זיווגים וועלכע זיינען דאָ אויבן אויסגע־רעכענט זיינען ווירקליכע און ממשות׳דיגע בנוגע צו אמעריקא בכלל, ווי פיל ווירקליכער און ממשות׳דיגער מוזען זיי זיין ביי אידען אין אמעריקא, באזונדערס ביי אידען פון דעם ערשטען און צווייטען דור איינוואנדערונג!

וועלכע שוועריגקייט מ׳זאָל ניט באטראכטען, קומט זי ארויס ביי אידען פיל שאַרפער, שמערצליכער, און אונלייזבארער אַלס ביי דער איבע־ריגער באפעלקערונג.

דאָס עקאָנאָמישע פּראָבלעם, צום ביישפּיל, איז שווער גענוג ביי דעם גרעסערן טייל פון דער אַלגעמיינער באפעלקערונג ווען עס האנדעלט זיך וועגען הייראַטען. ביי אידען איז זי שאַרפער פיליכט דערפאַר וואָס אידישע מיידלאך זיינען מעהר געוויגט צו טראכטען פון תכלית אפילו ווען זיי זיינען פאַרליבט, און וואָס אידישע יונגע לייט אָהן א זיכערן באשטאנד האָבען מעהר מורא צו נעמען אויף זיך די פאראנטוואָרטליכ־קייטען פון א פאַמיליען־לעבען.

פילע יונגע לייט מאכען פון הייראַט א מיטעל צו פארבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע; זיי זוכען נדן, אָדער פאָדערן אז די עלטערן פון דער מיידעל זאָלען זיי באזאָרגען מיט א ביזנעס — א זאך וואָס ביי דער ניט־אידישער באפעלקערונג עקזיסטירט כמעט ניט.

און אויב די מיידעל איז פון אַן אָרטאָדאָקסישען הויז, און דער יונגער מאַן איז א שומר שבת, גיט ער פון זיין זייט אַן זיין פרומקייט אין נדן, מוז מען איהם „אָפּגילטען" דערפאַר.

די פראגע פון רעליגיע און ראַסע איז ביי אידען די שווערסטע. ביי דער ניט־אידישער באפעלקערונג עקזיסטירט די פראגע אין א גאַנץ לייכ־טער פאָרמע. עס הייראַטען קאַטאָליקען און פּראָטעסטאַנטען, עס הייראַטען איטאַליענער, דייטשען, רוסען, פּאָליאַקען אז״וו אונטעראנאנדער אָהן פיל שוועריגקייטען. די פארשידענהייט אין זייערע רעליגיעס שטערן זיי ניט פיל, ווייל נאָך אַלעמען טרעפען זיי זיך אַלע אין צלם.

ביי אידען איז דאָס די שמערצליכסטע פראגע. און די וועה־געשרייען פון עלטערן וועמעס קינדער עס באגעהען א געמישטע הייראַט, דריקען אויס די ביטערסטע פארצווייפלונג. און די קינדער זיינען ניט גליקליך, ווען זיי פיהלען אז זיי ברעכען די הערצער פון עלטערן דורך זייער ליבע.

די געמישטע הייראַטען, אין זייער רייה, ברענגען ארויס א גאַנצע

רייה פון ספּעציעל אידישע פּראָבלעמען, מיט זייער אָפּקלאַנג און איינוויר־קונג אויף דאָס אידישע לעבען.

די צאָהל פון געמישטע הייראַטען מעהרט זיך פון טאָג הויפּטזעכליך דערפאר וואָס די אויסוואָהל ביי אידישע יונגע לייט, פון ביידע געשלעכטער, איז אין פילע קאָמיוניטים צו קליין. די געלעגענהייטען פון באגעגענישען און באקאנטשאפטען זיינען אונבאדייטענד אפילו אין די גרויסע אידישע צענטערס; אין די קליינע קאָמיוניטים זיינען זיי זעלבסטפארשטענדליך פיל באשרענקטער.

ווי אזוי דיזע און עהנליכע שטערונגען אין זיווגים ביי אידען אין אַמעריקא ווירקען אין לעבען — דאָס שפּיגעלט זיך אָפּ אין די בריף וועלכע ווערן דאָ ווייטער געדרוקט.

מעלאָדראַמע פון אַ גאַליציאַנער מיידל

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיין פאַמיליע איז נאָך דעם וועלט־קריג געקומען אין אַמעריקאַ. איך בין אַ מיידעל פון 21 יאָהר. מיין אָנקעל, אַ רייכער מאַן, מיין מוטער'ס ברודער, האָט אונז פיל געהאָלפען. מיט זיין הילף זיינען מיינע עלטערן געקומען צו אַ ביזנעס און מאַכן אַ פיינעם לעבן. מיין אָנקעל האָט אַ טאָכטער אין מיינע יאָהרן. האָט זי געהאַט אַ געבורטסטאָג פּאַרטי צו וועלכער איך בין אויך געווען געלאַדן. צו דער פּאַרטי איז אויך געקומען אַ אינטעליגענטער יונגער מאַן, אַ טראַוועלינג סיילסמאַן, וועלכער איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. באַזונדערס איז ער געפעלן געוואָרן מיין קוזינע. נאַטירליך איז ער מיר אויך פאָרגעשטעלט געוואָרן. ער איז אַוועקגעפאָהרן און איז איניגע טעג שפּעטער געקומען צוריק און האָט באַנייט זיין באַקאַנטשאַפט מיט מיר. אַזוי איז ער עטליכע מאָל געקומען, האָט מיך איינגע מאָל אויסגענומען, און דער סוף איז געווען אַז מיר האָבן איינער דעם צווייטן ליב באַקומען, און האָבן אונז ענדליך ענ־גיידזשט. מיין אָנקעל'ס פאַמיליע איז זעלבסטפאַרשטענדליך איינגעלאַדן געוואָרן צו דער ענגיידזשמענט־פּאַרטי, זיינען זיי ניט געקומען.

אויף מאָרגן נאָך דער ענגיידזשמענט־פּאַרטי קומט מיין אָנקעל צו מיין פאָטער, און זאָגט איהם, אַז איך האָב מיין חתן אויסגעכאַפּט פון זיין טאָכטער, און אויב ער וועט דערלאָזן דעם שידוך וועט ער איהם צו גרונד ריכטן. עס האָט ניט לאַנג גענומען, און מיין פאָטער האָט אָנגע־הויבן פיהלן, אַז דער סטראַשונאָק איז ניט קיין פּוסטער. עס האָט ווירקליך געהאַלטן דערביי, אַז מיין פאָטער זאָל רואינירט ווערן אין זיין ביזנעס. איך האָב ניט געוואָלט, אַז דורך מיר זאָל געשעהן אַזאַ אומגליק צו מיינע עלטערן האָב איך געשריבן אַ בריף צו מיין חתן, אַז איך האָב אויסגעפונען, אַז איך האָב איהם ניט ליב און מיר קענען ניט זיין גליקליך, שיק איך איהם צוריק זיין ענגיידזשמענט־רינג. אונטערשרייבענדיג דעם בריף האָב איך געפיהלט ווי איך שרייב אונטער מיין טויט־אורטייל. דערהאַלטענדיג דעם בריף איז מיין חתן תיכף געקומען צו פאָהרן, אָבער איך בין שוין געווען אין אַן אַנדער שטאָדט. ער האָט אָבער ניט גערוהט און האָט אַזוי לאַנג געזוכט ביז ער איז דערגאַנגען וואו איך בין. ער האָט מיר טעלעגראַפירט, אַז ער קומט, האָב איך איינגעפּאַקט מיינע זיבן זאַכן און בין אַוועק פון דאָרטן.

איך האָב געפונען אַ דזשאַב אין אַ סטאָר. נאָך איניגער צייט הער איך, אַז מיין חתן קומט ניט צו מיר, נאָר צו דער סטאָר, אַלס סיילסמאַן.

איך האָב מיך געמעלדעט קראַנק און בין ווידער אַוועק. איך זאָג אייך דעם אמת, אַז ווען ער וואָלט מיך געפונען, וואָלט איך ניט געוועזן שטאַרק גענוג איהם צו ענטזאָגן. מיין חתן שרייבט נאָך אימער צו מיינע עלטערן, אַז ער וועט ניט רוהען ביז ער וועט מיך געפינען, און איך בין גאַנץ צובראָכן פון הארצוועה און ביינקשאַפט. מיין חתן וויים נאָך עד־היום גיט, פאַרוואָס איך האָב געבראָכן אונזער ענגיידזשמענט.

איך בעט ביי אייך אַ ראַט, דר. קלאַרמאַן, צו זאָל איך שרייבן צו מיין חתן די ריכטיגע אורזאַכע, אָדער ניט?

מרים.

אַלע כאַראַקטערן אין דער מעלאָדראַמע ווייזן אויס צו זיין פאָל־קאָמען, כאָטש נעהם און שטעל זיי גלייך אויף דער ביהנע — בלויז דער „אינטריגאַנט“, דער „ווילעין“ איז אַביסעלע שוואַך אין זיין „ראָלע“.

גוטע, פרומע עלטערן, אַ טאָכטער וואָס איז אַזוי געטריי, דאָס זי אָפּפערט זיך פאַר זיי, אַ געטרייער ליבהאָבער, וועלכער זוכט זיין כלה און רוהט ניט, אַ „ריוואַלין“ וואָס איז אייפערזיכטיג און וויל זיי אויסאײנאַנדעררייסן — שרייבער פון טעאַטער־שטיקער מעגן נעמען אַ מוסטער, ווי אַזוי דאָס לעבן אַליין פאַרפאַסט אַ מעלאָ־דראַמאַ.

נאָר דער „אינטריגאַנט“, דער „ווילעין“, וואָס איז אין דעם פאַל דער אָנקל, האָט אַ שוואַכע ראָלע, ווייל ער ווייזט דוקא אויס צו זיין אַן אָנשטענדיגער אָנקל, גרייט צו העלפן זיין פאַמיליע, נאָר איז צייטווייליג פאַרפיהרט פון אַן ערגערניש, וועלכע פאַרבלענדט זיין שכל הישר.

עס איז גאָר ניט שווער אויסצורעכענען וואָס דאָ איז פאָרגע־קומען הינטער דער סצענע.

דער אָנקל איז אַ גוטער פאָטער צו זיין טאָכטער. דאָ איז געקומען צו איהם אין הויז אַ יונגערמאַן, אַ פּאַסענדער חתן פאַר זיין טאָכטער, און ער איז דער טאָכטער שטאַרק געפעלן.

דער יונגערמאַן איז פיליכט צו דעם צוועק איינגעלאַדן געוואָרן צו דער געבורטסטאָג־פּאַרטי און אפשר איז די געבורטסטאָג פּאַרטי בלויז צוליב איהם געמאַכט געוואָרן.

מיט אַמאָל דערזעהט דער יונגער מאַן ביי דער פּאַרטי אַן אַנדער מיידל, און ער ווערט צוגעצויגן צו איהר שטאַרקער אַלס צו דער טאָכטער פון הויז.

דאָס מיינט ניט אויסגעכאַפּט דעם חתן פון דער קוזינע, דער יונגערמאַן איז ניט אַ „ליימענער גולם“, וואָס מ׳קען איהם אויס־כאַפּן. ער האָט אויגן צו זעהן. און ער האָט די ברירה צו וועהלן.

די מיידל האָט דאָ קיין ניט־פּאַסיגע זאַך געטאָן דעם יונגען מאַן צוצוציהען, אויסער די געוועהנליכע באַנעהמונג פון יעדער מיידל מיט אַ יונגען מאַן.

עס ליגט אין דער טבע פון דער פרוי צו וועלן געפעלן, באַזונדערס צו אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט חן אין איהרע אויגן. דאָס איז אַ גאַנץ אומשולדיגער „פלירט".

ביי אונז אין דער גמרא איז דאָ אַ ווערטל: „אשה כלי זיינה עליה", אַ פרוי האָט שטענדיג איהר כלי־זין אויף זיך, איהר וואָפן.

אַ גוטע נאַטור האָט איהר אויסגעשטאַט מיט די זאַכן, וועלכע ציהען צו דעם מאַן, און דאָס איז איהר כלי־זיין. זי איז ניט אין שטאַנד צו „ענטוואָפנען" זיך. איהר נצחון איז אַ נאַטור־זאַך.

זי איז זיכער ניט געקומען צו דער געבורטסטאָג פּאַרטי פון דער קוזינע מיט דעם צוועק צו געווינען דעם יונגען מאַן. דאָס איז געווען אַ ריינער צופאַל.

וואָס־זשע קען דער אָנקל האָבן צו איהר? וואָס האָט זי אַזוינס געטאָן וואָס זאָל דערוועקן זיין צאָרן געגן איהרע עלטערן?

געוויס פיהלט זיין טאָכטער אַ ביטערע ענטוישונג, און ער, אַלס פאָטער, פיהלט די ענטוישונג מיט איהר. אָבער וואָס פאַר אַ גוטס קען אַרויסקומען צו איהם, אָדער צו זיין טאָכטער, אויב די פלימעניצע וועט ניט הייראַטן דעם יונגען מאַן?

דאָס איז ניט געהאַנדעלט מיט שכל אָדער יושר, נאָר מיט קאַפּריז און אַ געפיהל פון ניט־פאַרגינען, וואָס פאַרדונקעלט דעם שכל.

דער אָנקל איז אַלזאָ ניט דער ריכטיגער „ווילעין" פאַר אַ מעלאָדראַמאַ, ער איז, ווי עס שיינט, אַן אַנשטענדיגער מענש, צייטווייליג הינגעריסן פון זיין ענטטוישונג, און פון דעם צער פון זיין טאָכטער.

איצטער, מרים־לעבן, פרעגט איהר אַ ראַט, צי איהר זאָלט שרייבן צו אייער חתן, און איהם ערקלערן די ריכטיגע אורזאַכע, פאַרוואָס איהר האָט איהם צוריקגעשיקט אייער ענגיידזשמענט רינג?

געוויס דאַרפט איהר איהם שרייבן. אויב ער איז אַ יונגערמאַן מיט שכל און געפיהל וועט ער באַגרייפן, אַז איהר ווילט ניט אָפּפערן אייערע עלטערן צוליב אייער אייגענעם גליק, און ער וועט אייך נאָך מעהר רעספּעקטירן דערפאַר.

און אויב ער האָט אייך אויפריכטיג ליב און וויל אייך פאַר זיין פרוי, וועט ער אַליין זוכן איבערצוקומען די הינדערניש וועלכע ליגט אין וועג.

עס זיינען דאָ פארשידענע וועגן אויף וועלכע דאָס קען געטאָן ווערן. ער קען, צום ביישפּיל, זעהן זיך מיט אייער אָנקל און איהם ערקלערן, אַז איהר האָט קיין זאַך ניט געטאָן דורך אינטריגע, איהם אויסצוכאַפּן, נאָר ער אַליין האָט געוועהלט.

עס איז באַדויערליך, וואָס די וואַהל איז צופעליג געשעהן פון צוויי קוזינעס, אונטער אומשטענדן וועלכע פאַראורזאַכן קריינקונג צו איינער פון זיי, אָבער דאָס איז אַ צופאַל, פאַר וועלכן קיינער קען ניט זיין פאַראַנטוואָרטליך.

און דאַן, אויב אייער יונגערמאַן איז אין אַ גוטן מצב, קען ער פיליכט עטוואָס טאָן צו מאַכן אייערע עלטערן אונאָבהענגיג פון אייער אָנקל, וואָס וואָלט געווען די בעסטע לייזונג פון אייער פּראָבלעם.

און אויב דיביידע זאַכן זיינען ניט מעגליך — האָט ביידע גערולד אַ ווײַלע. אַזעלכע פּראָבלעמען ווערן אָם בעסטן אָפט געלייזט דורך דער צייט. יעדענפאַלס דאַרפט איהר איהם שרייבן.

מוז מען חתונה האָבן?

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

פון מיין פופצעהנטן יאָהר אָן ארבייט איך אין אַן אָפּיס און פּאַרדין גענוג צו ערנעהרן און צו קליידן זיך אַליין, און נאָך אויסצוהעלפן אַמאָל מיין מוטער. איך האָב אויך אָפּגעשפּאָרט עטליכע טויזענד דאָלער וועלכע איך האַלט אין גוטע סעקיורעטיס. מיין מוטער הערט ניט אויף צו דערמאָנען מיך ביי יעדער געלעגענהייט אַז אַ מיידעל מוז חתונה האָבן. פיליכט איז זי גערעכט. ווען איך בין געווען פיל אינגער האָב איך געהאַט מיינע באַקאַנטשאַפטן און מיינע חלומות פון וועלכע עס האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזן. אין די פופצעהן יאָהר וואָס איך ארבייט בין איך געקומען אין באַריהרונג מיט מענער אין ביזנעס, און בין געוואָרן גלייכ-גילטיג אין מיינע באַציהונגען צו זיי, און איך טו קיין זאַך ניט וואָס איז באַרעכנט צו געווינען די אויפמערקזאַמקייט פון מענער. איך אַטענד צו מיין ביזנעס און קימער זיך ניט צו איך געפעל די מאַנסלייט אָדער ניט. מיין מוטער זאָגט מיר, אַז איך טו שלעכט און איך רואינער מיין לעבן. וויל איך ביי אייך פרעגן, דר. קלאַרמאַן, צו איהר דענקט אויך אַזוי ווי מיין מוטער, אַז איך מוז הייראַטן. מיין מוטער לעזט אייערע עצות, און בעט מיך איך זאָל ביי אייך פרעגן.

די טאָכטער פון אַ לעזערין.

מ׳קען לייכט באַגרייפן די האַרץ פון אַ אידישער מאַמע, וועלכע זעהט־צו איהר דערוואַקסענע טאָכטער ווערט „פאַרזעסן״.

דאָס איז געווים איהר טיפסטער צער אין לעבן, דען וועלכע האָפנונג איז ביי אַ מאַמען גרעסער אַלס צו דערלעבן נחת אויף אַ טאָכטער, צו זעהן איהר געסעטעלט מיט אַ מאַן, און פיליכט ניאַנטשן אייניקלעך.

אין אַייער מוטער׳ס צייטן איז דאָס געווען די איינציגע אויס־זיכט און דער איינציגער צוועק אין דעם לעבן פון אַ פרוי.

אין אונזער דור האָט זיך די נאַטור פון דער פרוי ניט גע־ענדערט. יעדע מיידל האָפט צו געפינען איהר באַשערטן אַזוי גוט ווי איהר מאַמע און איהר באָבע האָבן גע׳חלום׳ט אין זייערע יונגע יאָהרן.

אָבער אין מאַנכע הינזיכטן האָבן זיך די צושטענדע פיל גע־ענדערט. די פרוי האָט אָנגעהויבן געהן אין ביזנעס און האַלטן דזשאָבס און שטעלעס אין אָפיסעס, און קוקט ניט מעהר אויף חתונה־האָבן אַלס אויף דאָס איינציגע מיטל פון באַזאָרגן זיך מיט אַ לעבן.

אויך איז דער ענין פון חתונה־האָבן ניט מעהר אַזאַ זיכערע איינריכטונג פאַר די איבעריגע יאָהרן פון אַ פרוי׳ס לעבן ווי דאָס איז געווען אַמאָל.

אין די פריהערדיגע דורות ביי אידן, אַז אַ מיידל האָט געהייראַט, איז זי געווען „געסעטעלט״.

האָט זי געלעבט גוט מיט איהר מאַן, און האָט געטראָפן מיט איהר זיווג, האָט עס געהייסן אַז זי האָט פאַר איהם אַ גוטע „מערכה״, אויב ניט, איז די „מערכה״ געווען אַ שלעכטע, זי האָט געליטן, אָבער די הייראַט איז געווען ענדגילטיג.

היינטיגע צייטן, באַזונדערס אין אמעריקא, איז די הייראַט אַקוראַט אַזאַ געמבל ווי צו קויפן סטאַק אויף׳ן סטאַק־מאַרקעט.

דער גאַנצער ענין פון הייראַטן איז געוואָרן ווי אַן אינצידענט אין לעבן. מען פרובירט מזל. טרעפט מען, איז גוט; אַז ניט, איז „אויס כלה און ווידער אַ מויד״.

דאָס איז באַזונדערס ריכטיג אין דעם ניט־רייכן לעבן, ווען די פרוי מוז אויך געהן פאַרדינען און העלפן מיט דער אויסהאַלטונג פון הויז.

די פרוי איז מיט איהר חיונה ניט מעהר אַזוי אָפּהענגיג פון דעם מאַן, און אויב זי איז אין איהם ענטוישט, הויבט זי אָן פרעגן, צו וואָס זי האָט עס אין גאַנצן געדאַרפט.

דער מאַן, ווידער, פיהלט אויף זיך ווייניגער פאַראַנטוואָרטליכ־קייט, און נעהמט זיינע פליכטן צו דער פרוי פיל לייכטער.

אַ מיידל וועלכע ערנעהרט זיך אַליין אויף אַ בכבוד'ען אופן, און פיהלט זיך מעהר אָדער ווענינער זיכער מיט איהר חיונה, טוט גוט זיך מיישב צו זיין, אויב עס איז כדאי צו נעמען אַ טשאַנס מיט אַ מאַן, און פיליכט ערגער מאַכן איהר לאַגע.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָרט וואו עס איז דאַ אַ שטאַרקע צוציהונג, ווען מ'איז פאַרליבט אין איינעם און מ'פיהלט דעם נאַטיר־ליכן „מוז", דאַן פאַלן אַוועק אַלע באַרעכענונגען.

אָבער געהן הייראַטן בלויז צו זיין פאַרהייראַט, ווען עס פעהלט די נייגונג דערצו, איז ניט די ריכטיגע זאַך פאַר אַזאַ מיידל ווי איהר.

איהר דאַרפט הייראַטן, אָבער איהר מוזט ניט.

עס איז זעהר וואַרשיינליך, אַז איהר וועט נאָך אָנטרעפן דעם מאַן וועגן וועלכן איהר וועט פיהלן אַז איהר מוזט הייראַטן.

דאָס איז דער גליקליכסטער מאָמענט אין דעם לעבן פון יעדער מיידל. דאַ נעמט מען אַלע טשאַנסעס און מ'רעכנט ניט וועגן וואָס עס וועט זיין. מ'האָפט אויף דאָס בעסטע. נאָך מעהר, מ'איז זיכער אַז אַלעס וועט ארויסקומען גליקליך.

אָבער ווען דער מאָמענט איז ניטאָ, און די פראַגע פון הייראַטן אָדער ניט הייראַטן איז בלויז אַ זאַך פון קאַלטער איבערלייגונג, צי איז דאָס כדאי אָדער ניט, דאַן איז בעסער — ניט. ווייניג באַפרי־דיגונג איז דאַ אין אַזאַ הייראַט, און דער געמבל איז ריזיקאַליש.

מוזן הייראַטן איז ניט גוט. קיין מענש מוז מוזן. דאַרפן הייראַטן יאָ, אָבער ניט מוזן — אויב עס פעהלט דער נאַטירלי־כער „מוז".

אין אייער פאַל, שוועסטערל, שטעל איך מיך פאָר, אַז וואָס אייער מוטער באַדויערט אַם מייסטן, און פון וואָס זי האָט פיל צער, איז, וואָס איהר זייט געוואָרן אין גאַנצן גלייכגילטיג צו דער פראַגע פון הייראַטן, און איהר האָט אייך, ווי מיר שיינט, ענטשלאָסן צו לאָזן געהן ווי עס געהט.

זי געפינט וואַרשיינליך, אַז אין אייער פיהרונג און באַנעהמונג מיט מענער מאַכט איהר קיין אָנשטרענגונג צו געפעלן, און צו געבן אַ געלעגנהייט וועמען צו דערנעהנטערן זיך צו אייך.

ווען אַ פרוי קומט צו אַזאַ געדאַנקען־צושטאַנד מיינט דאָס אַז זי האָט אויפגעגעבן די האָפנונג צו געפינען איהר זיווג, און עס קימערט איהר ניט מעהר. פאַר אַ יונגע פרוי איז דאָס ניט קיין נאָר־מאַלער צושטאַנד, און דערפון האָט אייער מוטער צער.

אין דעם פונקט איז זי פיליכט גערעכט.

איהר זייט ניט מחויב צו הייראַטען דעם ערשטען מאַן וואָס קומט אייך אין וועג אום בלויז צו זיין פאַרהייראַט, אָבער אָפּצושטויסען פון זיך א געלעגענהייט דאַרפט איהר ניט.

עס קוקט אוים אַקוראַט ווי איהר וואָלט וועלען זיך נוקם זיין אָן וועמען־עס־איז; אַקוראַט ווי איהר וואָלט זאָגען צו דער מענער־וועלט: „אַזוי ווי איהר זייט ניט געקומען אין צייט, וויל איך אייך איצטער אין גאַנצען ניט".

דאָס איז ניט קיין קלוגע האַלטונג, און ניט קיין גאַנץ נאַטיר־ליכע. אין אמת'ן זייט איהר זיך נוקם אָן זיך אַליין.

אַזאַ האַלטונג איז עלול מעהר אָפּצושטויסען אַלס צוצוציהען. עס איז שווער פאַר אַ מאַן, אפילו אויב איהר געפעלט איהם, צו קומען צו אייך מיט א סענטימענטאַלען אָנבאָט, ווען אויף אייער פּנים איז דער אויסדרוק פון „וואָס פאַרלאַנגט איהר?", אָדער „סטייט יור ביזנעס".

אַ מיידל וואָס אַרבייט פופצעהן יאָהר כסדר אין אָפּיסעס, גע־וואוינט זיך, אמת, צו אַזאַ האַלטונג; אָבער די פרוי אין איהר דאַרף איהר אונטערזאָגען, ווען דאָס איז אין פּלאַץ און ווען ניט.

הערט זיך צו צו אייער מוטער, אפשר איז זי ניט גאַנץ אומ־גערעכט.

פאַרוואָס ער וויל ניט הייראַטען

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

עס איז פאַר מיר שוין לאַנג צייט געוועזען צו הייראַטען. איך בין אַ בחור פון אכט־און־צוואַנציג יאָהר, פאַרדין ביז פופציג דאָלער אַ וואָך מיידלעך וואָס וואָלטען מיך גערן גענומען, און אייניגע מאָל האָט שוין געהאַלטען ביי אַן ענגיידזשמענט. נאָר יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן מיך אָן וואָס איך האָב מיך אָנגעזעהען צווישען מאַן און ווייב אין די הייזער וואו איך בין געוועזען אַ באָרדער, פאַרגעהט מיר דער חשק צו הייראַטען. אין איין באָרדינג הויז איז דער מאַן געוועזען אַ ספּאָרט, די פרוי האָט געאַרבייט האַלטענדיג באָרדערס, און זי האָט פאַר איהם געציטערט ווייל ער פלעגט זי שלאָגען. אין אַ צווייטען באָרדינג הויז פלעגט דער מאַן יעדען אָווענט, קומענדיג פון פעדלען, מוזן אויסטרייסלען אַלע קעשענעס, און וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט האָט ער געמוזט אָוועקגעבען דער ווייב, און זי פלעגט איהם כסדר שילטען און איהם חושד זיין אַז ער האָט עטוואָס באַהאַלטען. אין דעם באָרדינג הויז וואו איך וואוין איצטער איז דער מאַן אַ גרויסער, אַ שטאַרקער מענש, וועגט אודאי צוויי הונדערט

פונט אָדער מעהר, און די ווייב איז אַ קליינטשינקע, אַ דאַרע, אַ מאָגערע, איך ווייס ניט אויב זי וועגט הונדערט פונט, און ער ציטערט פאַר איהר דוך. קומט ער אַמאָל אַהיים אַ האַלבע שעה צו שפּעט איז הימעל עפען זיך! ער מוז איהר אָפּגעבען חשבון וואו ער איז געוועזן און וואָס ער האָט אין די האַלבע שעה געטאָן. ווערט זי אין כעס, כאַפּט זי איהם ביי די האָר און טרייסעלט איהם. ער וואָלט זי געקענט אָוועקלעגן מיט אַ פינגער, אָבער אַלץ וואָס ער טוט איז צו זאָגען: „נו, הער שוין אויף!" ער האָט אין הויז ווייניגער דעה ווי אַ באָרדער. און דאָך, זאָל ער זיך איינמאָל פאַרשפּעטיגען צו לאַנג, הויבט זי אָן זאָרגען: „גאָט ווייס וואָס מיט איהם האָט געטראָפען".

איך פאַרשטעה זעהר גוט, אַז ניט אַלע מענער און ניט אַלע פרויען זיינען אַזעלכע ווי איך האָב געזעהן אין מיינע באָרדינג הייזער. אויך ווייס איך, אַז ווען איך זאָל הייראַטען וואָלט איך ניט געקענט זיין אַזוי ברוטאַל ווי דער ערשטער מאַן וואָס פלעגט שלאָגן זיין ווייב, אָבער איך וואָלט אויך ניט געדולדעט צו לאָזן זיך „באָסן" פון אַ ווייב. אָבער ווער ווייס וואָס פאַר אַ סאָרט ווייב איך וועל אָנטרעפען. האָב איך מורא צו ריזי־קירן. און דאָך וואָלט איך וועלן זיין געסעטעלט און האָבן אַ היים. פרעג איך ביי אייך אַן עצה ווי אַזוי צו געפינען אַ פרוי וואָס מ'דאַרף ניט שלאָגן, און וועלכע זאָל מיך ניט וועלן „באָסן". דער באָרדער.

דאָס דערמאָנט מיך אָן אַ גראַם וואָס איך האָב ערגעץ־וואו געזעהן אַמאָל אין אַ דייטשישן וויץ־בלאַט:

מען זאָגט אַז הייראַט איז אַן איבל,
אַן אונערטרעגליך שווערעס יאָך;
איך גלויב אַז הייראַט איז ווי אַ צוויבל —
מען וויינט דערביי און מ'עסט עס דאָך!

„אַ מוטהלאָזע האַרץ געווינט ניט די שעהנע דאַמע", זאָגט אַן ענגליש ווערטל. אויב אייך איז נמאָס געוואָרן צו זיין אַ באָרדער, און איהר ווילט האָבן אַ היים, מוזט איהר נעמען אַ טשאַנס.

די באַציהונגען צווישן מאַן און ווייב וואָס איהר האָט געזעהן אין אייערע באָרדינג הייזער זיינען ניט די נאָרמאַלע באַציהונגען וועלכע מען זעהט אין טויזענטע פאַמיליען, אין וועלכע דער מאַן מאַכט אַ לעבן, און די פרוי ערפילט געטריי איהרע פליכטן.

און אויב מ'האָט אַמאָל אַן איבעררייד — ווי דאָס פּאַסירט צווישן צוויי מענשן מיט פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן, וועלכע מוזן לעבן שטענדיג צוזאַמען, איז דאָס ניט מעהר ווי אַן איבערגעהענדער אינצידענט.

מאַנכע פרויען דולדן מעהר ווי זיי דאַרפן, ווייל זיי זיינען אָפּהענגיג פון זייערע מענער מיט דער פרנסה; און מאַנכע מענער דולדן פון זייערע פרויען מעהר ווי עס קומט זיי, ,דערפאַר וואָס זיי ווילן האָבן רוהע, אָדער האָבן מורא פאַר סקאַנדאַלן.

קיין פאַרזיכערונג קען מען אין אַזעלכע פאַלן ניט געבן, אַז די פרוי וואָס איהר וועט נעמען וועט זיין אַ מלאך אָהן פליגלען; אָבער אַ בחור מיט שכל קען דערקענען אין אַ קורצע צייט דעם כאַראַקטער פון דער מיידל מיט וועלכער ער גערט אום אייניגע וואָכן. און ווייטער איז עס טרעף אָדער פעהל, ווי גאָט גיט.

ער וויל, נאָר ער האָט מורא

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

איך בין אַ בחור אַכט־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, האָב אַ גוטע שטעלע, און אַ פּאָר טויזענד דאָלער אין באַנק. איך וואָלט געקענט האָבן פיל מעהר אויב איך וואָלט געקענט לעבן שפּאָרעוודיגער. אָבער איך וויל הנאה האָבן פון לעבן, וואוין איך אין אַ באַטשעלאָר׳ס אַפּאַרטמענט, און האָב אַ קאַר; בין איך אַ גרויסער בעל־הוצאה. מיט אַ פינף מאָנאַטן צוריק בין איך פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיידעל, אַן אמת׳ע פאַרשוין. מיר זיינען עטליכע מאָל אויסגעגאַנגען צוזאַמען, און איך האָב זי געפונען אַלס אַ זעהר אַנגענעמע חבר.׳טע. זי האָט געענדיגט היי סקול, אָבער איז פיל אינטעליגענטער אַלס די דורכשניטליכע הייסקול גויר׳ל. אין פאַרלויף פון דריי מאָנאַטן האָב איך זי ליב געוואונען, און הגם איך האָב קיינע ערקלערונגען ניט געמאַכט, האָב איך געפיהלט אַז איך ווער אַלץ מעהר צוגעצויגן צו איהר, און פריהער אָדער שפּעטער וועל איך איהר מוזן ערקלערן אַז איך האָב זי ליב און איהר פאָרשלאָגן צו ווערן מיין פרוי. זי האָט מיר אויך קיינע ערקלערונגען געמאַכט, אָבער איך האָב געהאַט אורזאַכע צו גלויבן, אַז זי איז ניט גלייכגילטיג. ווען איך האָב שוין געהאַט באַשלאָסן צו ריידן צו איהר, האָב איך גענומען באַטראַכטן מיין פינאַנציעלע לאַגע. אויב איך זאָל הייראַטן די מיידעל מוז איך זיין אימשטאַנד איהר צו געבן אַ פיינעם ענגיידזשמענט־רינג, אַ גוטע היים, אַ קאַר, און די באַקוועמליכקייטן צו וועלכע זי איז בארעכטיגט. זי קומט פון אַ פיינע היים. די פּאָר טויזענד דאָלער וואָס איך האָב וועט קלעקן אויף אַ צאָהן. מיין סאַלאַרי איז פיליכט גענוג אויף אַ מיטעלמעסיגן לעבן פאַר אַ פּאָר פאָלק, אָבער ווען עס קומט אַ בייבי און עס הויבט זיך אָן אַ ביזנעס מיט אַ דאָקטאָר, און אַ נוירס, און די אַנדערע הוצאות פון אַ פאַמיליע — וואָס וועט דאַמאָלס זיין? מיינע מחשבות האָבן

מיך אזוי איבערגעשראָקן, אז איך האָב באשלאָסן דאָס איך טאָר ניט טראכטן פון הייראט און מוז אָפּלעגן מיין הייראטן ביז איך וועל זיין אימשטאַנד. שוין צוויי מאָנאטן ווי איך האָב אויפגעהערט צו זעהן די מיידעל. זי האָט מיר איינמאָל טעלעפאָנירט צו פרעגן אויב איך בין ניט קראנק, איז מיר געווען שרעקליך ניט אנגענעם. איך האָב זי ליב, און האָב ניט קיין מוט איהר צו זאָגן דעם אמת פאַר וואָס איך קום ניט צו איהר.

איצטער איז אזוי: די הארץ ציהט צו איהר. עס פאַרגעהט ניט א טאָג וואָס איך זאָל ניט טראכטן פון איהר. איך דערכאַפּ זיך אָפּט געהענדיג צו איהר הויז און האַלט מיך צוריק מיט כחות. און הייראטן און פיהרן א לעבן פון האַנט־צום־מויל, און אפשר פון דחקות — אויף דעם קען איך מיך ניט באשליסן, טאָ וואָס זאָל איך טאָן, דר. קלאָרמאַן, גיט מיר אַן עצה.

אַכט־און־צוואַנציג יעהריגער בחור.

עס איז ניט לייכט צו געבן אַן עצה אין אזא פאַל, ווייל עס איז שווער צו דערוואַרעמען די האַרץ אין סימפּאַטיע פאַר אזא בחור, וואָס לעבט אין א בעטשלאָר׳ס אַפּאַרטמענט, האָט א קאַר און א פּאָר טויזענד דאָלער, און קען האָבן א שעהנע מיידל, נאָר ער האָט מורא...

אודאי איז גוט צו קלערן פון דער צוקונפט, און לעבן מיט א רעכענונג, און זוכן א באַקוועמען לעבן; אָבער עס שיינט, אז איהר רעכענט שוין צופיל, און ווי ליב איהר האָט די מיידל, ווילט איהר דאָך ניט נעהמען קיין טשאַנס, און ווילט ניט אָפּפערן פון איהרט־וועגן קיינע פון די באַקוועמליכקייטן וועלכע איהר האָט איצטער.

צו די אלע הנאה׳ס וואָס איהר האָט פון אייער בעטשלאָר־לעבן, ווילט איהר צולייגן נאָך איינע – א שעהנע געבילדעטע פרוי, — אָבער אָפּזאָגן זיך פון וועלכע הנאה, כדי זי צו געווינען, דאָס ווילט איהר ניט.

דער זיכערסטער סימן פון ליבע איז די ווילינגקייט צו אָפּפערן.

אויב איהר וואָלט געווען פארליבט אין דער מיידל מעהר ווי אין די וויגאָדעס פון אייער בעטשעלאָר־לעבן, וואָלט איהר ניט געקענט מאכן אזעלכע חשבונות, און איהר וואָלט ניט באשלאָסן צו וואַרטן ביז איהר וועט זיין אַן עושר, און וועט קענען געבן אייער פרוי אַלע לוקסוסן וואָס איהר ווילט איהר געבן.

איהר צאָלט געווים רענט פאַר אייער בעטשלאָר־אפּאַרטמענט. אַן אַפּאַרטמענט פאַר צוויי וואָלט ווארשיינליך ניט געקאָסט פיל מעהר.

איהר האָט א קאַר. די זעלביגע קאַר וואָלט אויך געקענט פיהרן

צוויי פּערזאָן. איך בין חושד דאָס איהר פֿאָהרט ניט אַלע מאָל אַליין אין דער קאַר סאַי-ווי-סאַי.

וועגן אַן ענגיידזשמענט רינג — וואו שטעהט דאָס געשריבן, אַז עס מוז דוקא זיין אַ רינג מיט אַ דימענט אַזוי גרויס ווי אַ באָב? איז מען יוצא מיט אַן איינפאַכן רינג.

און וועגן די בייבים וואָס וועלן פּילייכט קומען שפּעטער, און וועלן פאַרגרעסערן די הוצאָה, איז דאָ אַ ווערטל: „אויף מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן".

איהר האָט אַ פּאָר דאָלער, איהר קריגט אַ גוטע סאַלאַרי; לעבענדיג אויסגערעכנט שפּאָרט מען אָפּ פּאָר אַזעלכע געשעהענישן. ווילט איהר אָבער ניט ריזיקירן מיט קיינע פון אייערע באַקוועמ-ליכקייטן, און איהר ווילט זיין זיכער, אַז איהר זאָלט קענען פיהרן אַ לעבן פון לוקסוס, און עס זאָל אייך קיין זאַך ניט פעהלן.

איהר האָט מורא צו נעמען דעם טשאַנס, נעהמט איהר אַ שוואַכערן טשאַנס — צו וואַרטן ביז איהר וועט רייך ווערן. טאָמער חלילה ניט?

אָנגענומען אַז אין צעהן יאָהר שפּעטער וועט איהר זיין אַ גביר, און וועט זיין אימשטאַנד צו געבן אַ פּרוי אַ לעבן פון לוקסוס — וואו וועט איהר דאַמאָלסט נעמען די מיידל?

איהר וועט וואַרשיינליך געפינען אַן אַנדערע, אָבער וועלכע זיכערהייט האָט איהר אַז איהר וועט דאַמאָלסט קענען זיין אַזוי פאַרליבט ווי איהר זייט איצטער?

איהר רעדט וועגן וואַרטן, אַקוראַט ווי קריגן אַ מיידל אין וועלכע מ'איז פאַרליבט, איז אַ זאַך וואָס מ'קען באַשטעלן אין אַ דעליקאַטעסן סטאָר אַזוי ווי אַ שמאַלץ-הערינג.

דער שיקזאַל וועלכער שיקט אייך צו אַזאַ גאָט'ס מתנה רעכענט זיך ניט מיט אייערע פינאַנציעלע צושטענדן.

ס'איז אמת, אַז אַ מאַן האָט קיין רעכט ניט צו הייראַטן אויב ער זעהט ניט די מעגליכקייט אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע.

אין נויט און אָרימקייט קען ניט זיין קיין גליקליך לעבן; אָבער פאַרזאָרגן אַ וועלט קען מען אויך ניט. וואו מ'זעהט פּאָר זיך אַן אויסזיכט פון זיכערהייט אויף אַזוי ווייט ווי מ'קען אריינבליקן אין דער צוקונפט, איז פאַראַן אַ יסוד פאַר אַ פאַמיליען-לעבן.

עס פאָדערט זיך ניט דוקא עשירות צום הייראַטן. געלט איז קיין זיכערהייט פאַר א צופרידענעם פאַמיליען-לעבן. די זאַכן וועלכע מאַכן אַ צוזאַמענלעבן גליקליך קען מען ניט קויפן.

קומט ביי מיר אויס, אַז וואַרטן מיט הייראַטן ביז מ'ווערט רייך

איז ניט קיין שכל'דיגע זאַך — באַזונדערס פֿאַר איינעם וואָס דענקט אַז ער האָט געפֿונען די פּאַסענדע מיידל און איז פֿאַרליבט.

דער יוגענדליכער פֿייער, דער ענטוזיאַזם, די הינגעריסענקייט — די ווערן מיט דער צייט אָפּגעקיהלט. א מיטל־יעהריגער מאַן האָט ניט מעהר די באַגייסטערונג פֿון יוגנט.

ווען אַ פּאַסענדע פּאָר הייראַט יונג, און בויען זייער היים צוזאַמען, ווערן זיי צוזאַמענגעוואַקסן, און קלעפּן מעהר איינער צום אַנדערן. ווען ניט מעהר יונג האָבן זיי זייערע באַקאַנטשאַפֿטן און געוואוינהייטן פֿון וועלכע ס'איז שווערער זיך אָפּצוברעכן.

און נעהמט אַן עלטערער בחור אַ יונגע מיידל איז ער ניט אַלע מאָל זיכער אַז ער ווערט געליבט פֿאַר זיין אייגענע פּערזאָן, און ניט פֿאַר דער באַקוועמליכקייט און לוקסוס וואָס ער קען געבן; דען עס איז די טבע פֿון יוגנט צו ליבן יוגנט.

די אידעאַלע זאַך פֿאַר אַ יונגע פּאָר איז אָנצופֿאַנגען בויען אַ צוקונפֿט צוזאַמען, טיילענדיג אַלע האָפֿנונגען און פּלאַנעווענדיג פֿאַר דער פֿאַמיליע צוזאַמען.

דערפֿאַר דענק איך, מיין ליבער בחור, אַז עס איז ניט קלוג אָפּצולייגן ליבע און גליק אויף שפּעטער.

אויב איהר זייט ניט קיין עם האָרץ אין אונזערע שוואַרצע פֿינ־טעלעך, וועל איך אייך ראַטן צו נעמען צום האַרצן וואָס אונזער דיכטער ביאַליק האָט געזונגען:

אחת, שתים, שלש, ארבע —
הזמין אל לך אשה — בְחר בת!
אל תתמהמה, אל תאחר,
שמא יקדמך אחר.

אַ חתן פֿול מיט חרטה

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

איך בעט אייך מיר צו העלפֿן מיט אייער לאָגישן שכל, צו נעמען אַ באַשלוס אין דער וויכטיגסטער פֿראַגע אין לעבן, אהין אָדער אהער.

איך האָב אַ גוטע שטעלע, פֿאַרדין גוט און האָב שעהנע עטליכע טויזענד דאָלער אינוועסטעד. איז שוין צעהן יאָהר ווי איך זוך אַ פּאַסענדן זיווג פֿאַר מיר; איך וויל הייראַטן, סעטלען, און האָבן אַן אייגענע פֿאַמיליע אָנשטאָט וואָס איך וואוין ביי אַנדערע פֿאַמיליען. צוויי מאָל בין איך שוין געווען ענגיידזשט, און עס האָט געהאַלטן נאָהענט צו

חתונה. אָבער ווען עס איז געקומען צו דער חתונה האָב איך חרטה געהאַט, יעדעס מאָל צוליב אַן אַנדער אורזאַכע. פון דער ערשטער האָב איך מיך צוריקגעצויגען ווען איך האָב אויסגעפונען אַז זי האָט זיך גע־האַדעוועט אין אַ הויז וואו עס איז שטענדיג געווען קריגערייע צווישן די עלטערן און ברידער און שוועסטער. דאָס האָט מיך אָפּגעשראָקן. אין די צווייטע בין איך געווען אמת פאַרליבט. אָבער איך האָב ניט געקענט פאַרטראָגן די פאַרב אויף די ליפּן און דעם ריח פון סיגאַרעטס אַרום איהר. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי גיט עס אויף מיר צוליב. איך האָב איהר געגלויבט. דערנאָך האָב איך אויסגעפונען אַז זי באַהאַלט עס נאָר פון מיר. ווען איך בין דערביי ניטאָ געהט זי אַרויס מיט געפאַרבטע ליפּן, אין געזעלשאַפט סמוקט זי און טרינקט אַפילו. איצט געה איך אויס מיט אַ דריטע מיידעל. זי געפעלט מיר זעהר. זי איז שלאַנק, און שעהן, און אַ מיידעל מיט שכל. אָבער אונטער די צעהן יאָהר וואָס איך זוך אַ באַשערטע האָב איך מיך אַנגעזעהן אַזוי פיל עלענד, און ביטערקייט, און צוריסענקייט אין פאַמיליען־לעבענס, אַז איך האָב באמת מורא. איך בין צו דער מיידעל אַזוי גוט ווי ענגיידזשט, און האָב אַפילו איהר שוין געגעבן אַ רינג. אָבער ווען מ'נעמט ריידן פון חתונה האָבן, ציטערט אויף מיר מיין הויט, און איך פיהל אַז איך מוז ווידער חרטה האָבן. אָבער דערווייל רוקן זיך די יאָהרן, און איך בין שוין איבער פינף־און־דרייסיג. וויל איך הערן פון אייך, דר. קלאַרמאַן, צי איך זאָל טאָן דעם שריט אָדער ניט.

דער אונענטשלאָסענער.

וועל איך אייך דערצעהלן, מיין פריינד, אַ קורצע מעשה'לע וועלכע געפינט זיך אין אונזערע ספרים.

געוועזן אַ בחור וואָס האָט בראַקירט מיט כלה'ס. וועלכע כלה מ'האָט איהם געבראַכט איז אַלץ ניט גוט גענוג געווען פאַר איהם; די איז ניט שעהן גענוג, די אַנדערע ניט קלוג גענוג, די דריטע האָט ניט גענוג נדן, און אַזוי ווייטער.

איז ער געבליבן אַ פאַרזעסענער בחור.

צו דער עלטער האָט ער זיך מיישב געווען אַז ער וויל דאָך חתונה האָבן, איז ער געגאַנגען צו אַ שדכן.

זאָגט צו איהם דער שדכן: שוטה! וועלכע מיידל וועט דיך איצטער וועלן!

די מעשה'לע איז ניט קיין משל צו אייך, ווייל איהר זייט נאָך אין די בעסטע יאָהרן און, ווי איהר זאָגט אַליין, עס פעהלן ניט מיידלעך וועלכע זיינען גרייט מיט אייך צו הייראַטן. אָבער די מעשה'לע קען אייך דינען אַלס וואָרנונג.

וויבאַלד אַז חתונה האָבן ווילט איהר, איז אין אייערע יאָהרן

אַ סכנה צו לאַנג צו קלייבן. איידער איהר קוקט זיך אַרום, געהט אַוועק נאָך אַ צעהנדליג יאָהרן, און דאַן וועט איהר זיך נאָך מעהר נויטיגן אין אַ פאַמיליען-לעבן.

דאַן אָבער וועט איהר שוין מוזן זוכן אַן אַלמנה אָדער אַ גרושה מיט אַ „רעדי-מייד פאַמיליע".

אָבער איהר פאַרלאַנגט פון מיר אַ לאָגישן אַרגומענט וועלכער זאָל אייך לייכטער מאַכן צו פאַסן אַ באַשלוס. טאַ הערט-זשע זיך צו:

אין אייער בריף זאָגט איהר, אַז איהר האָט שעהנע עטליכע טויזענט דאָלער אין אינוועסטמענטס. מ'הערט אָפט אַז אינוועסט־מענטס ווערן ווערטלאָז און מען פאַרלירט פאַרמעגענס אין אינ־וועסטמענטס.

פון דעסטוועגן האָט איהר אייך ניט געשראָקן צו מאַכן אינ־וועסטמענטס און אַריינלייגן אין זיי אַלץ וואָס איהר פאַרמאָגט.

אַזוי ווייט ווי איהר האָט געקענט, האָט איהר אייך מן הסתם אַרומגעקוקט צי די אינוועסטמענטס זיינען זיכער, אָבער אַ שטיקל טשאַנס האָט איהר דאָך גענומען, ווייל אַפילו די זיכערסטע אינ־וועסטמענטס קענען אַמאָל ליידן.

איהר געהט געוויס אַלע טאָג צו אייער דזשאָב, און צוריק צו אייער וואוינונג. איהר ווייסט געוויס פון די טויזענטע אָטאָמאָביל־עקסידענטס וואָס קומען פאָר יעדעס יאָהר.

דאָך הינדערט עס אייך ניט צו „נעמען אַ טשאַנס" און געהן אין וועג פון אָטאָמאָבילס.

איך ווייס ניט וואָס אייער ביזנעס איז; אָבער איהר קענט געוויס פילע לייט אין דערזעלביגער ביזנעס וואָס זיינען דורכגעפאַלן און האָבן ניט באַוויזן אָנצוהאַלטן אַ שטעלע. וואָלט איהר אייך געלאָזט אָפּשרעקן דערפאַר און ניט האַלטן אייער שטעלע?

אין יעדער מענשליכער אונטערנעמונג זיינען דאַ דורכפאַלן און עס זיינען דאַ ערפאָלגן.

אין יעדער מענשליכער אונטערנעמונג, סאַי גרויס, סאַי קליין, מוז מען נעמען אַ טשאַנס.

אויב איהר אָרגאַניזירט אַ ריילראָוד קאָמפּאַניע נעמט איהר אַ טשאַנס, ווייל מיר האָבן געזעהן ריילראָודס באַנקראָט, אין די הענט פון רעסיווערס, און אויב איהר עפענט אַ באַרבער-שאַפּ נעמט איהר אַ טשאַנס.

אַלעס וואָס מ'קען פון אַן אונטערנעהמער פאַרלאַנגען איז, ער זאָל זיך ווי ווייט מעגליך אַרומקוקן. לכל הפּחות דער חשבון פאַר־

אוים זאל ווייזן, אז די אונטערנעמונג איז נעהנטער צו ריווח ווי צו היזיק.

דערנאך דארף מען זיין טעטיג און זעהן צו טאן דאס בעסטע.

דאסזעלבע איז אויך מיט דער גרויסער אונטערנעהמונג פון הייראטן — א פארטנערשאפט קאנטראקט אויף׳ן גאנצן לעבן.

צוויי מענשליכע טעמפעראמענטן מוזן זיך איינלעבן, איינלא־דעווען, איינמאשצען — אמאל קומט עס אן לייכטער, אמאל שווע־רער, — אבער מ׳נעמט א טשאנס אז מ׳וועט עס מיט גאט׳ס הילף דורכפיהרן.

טרעפט זיך אז עס גיט זיך ניט איין, איז מאטערניש, איז צרות. אבער דאס זעלבע טרעפט ביי אנדערע אונטערנעמונגען אויך. דאך שרעקן זיך מענשן ניט אפ פון געהן אין אימער פרישע אונטערנע־מונגען.

אין אייער אייגענעם פאל איצטער, מיט אייער דריטער כלה, האט איהר אייך געוויס ארומגעקוקט.

צוערשט די אויסערליכקייט — זאגט איהר אליין, זי איז שעהן, און שלאנק, און זי געפעלט אייך.

דאן זאגט איהר, אז זי איז א מיידל מיט שכל. דאס מיינט א מיידל וואס קען זיך צופאסן צו אומשטענדן.

דאס איז אזוי ווייט ווי איהר קענט געהן. דאס איבריגע איז א גאט־זאך. פאר דאס איבריגע מוזט איהר נעהמען א טשאנס.

די מיידל אייערע נעמט פיליכט א גרעסערן טשאנס ווי איהר. ווי באלד אז איהר זייט אזא איבערקלייבער, און אזא פחדן, קען די מיידל מורא האבן איהר זאלט נאך דער חתונה ניט זוכן חסרונות, צי האט זי אייך חלילה אין עפעס ניט אפגענארט. און אז מ׳זוכט געפינט מען.

עס איז אמת, אז הייראט איז אן איינצאמונג פאר דעם מאנ׳ס פרייהייט, אבער אזוי איז דאס גאנצע ציוויליזירטע לעבן; מ׳גיט אוועק א טייל פון דער אונגעצוימטער פרייהייט כדי צו געניסן בעסער דאס לעבן אין זיכערהייט.

אויב אלעם צווישן אייך און דער מיידל איז אפענהערציג, און איהר האט זיך געגענזייטיג גערן, און איהר געפינט אז איהר קענט שטימען איינער מיט דעם אנדערן, האט איהר דעם חשבון נאהענט צו ריווח און ווייט פון היזיק. וואס עס קען זיך שפעטער מאכן, גוט צי שלעכט, איז א גאט־זאך. דאס איז דער טשאנס וואס מ׳נעהמט.

אויב דער ארגומענט קען אייך העלפן, זאל אייך וואויל באקומען.

די אַלט־נייע פּראַגע

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

איך בין אַ מיידעל, פיר־און־צוואַנציג יאָהר אַלט. איך שטאַם פון אַ בכבוד'ע אידישע היים, און קום זיך צוזאַמען מיט בכבוד'ע מענשן. איך האָב אַ שטעלע וועלכע צאָהלט מיר דרייסיג דאָלער אַ וואָך, לעב איך מיר גאַנץ באַקוועם. לעצטענס האָב איך געמאַכט די באַקאַנטשאַפט פון אַ פיינעם אינטעליגענטן יונגן מאַן, וועלכער איז מיר זעהר געפעלן, און איך האָב אורזאַך צו גלויבן אַז איך געפעל איהם אויך. אַלצדינג וואָלט געווען גוט און וואויל, די איינציגע זאַך וואָס האַלט מיך אָפּ איז דער פאַקט, וואָס דער יונגער מאַן פאַרדינט בלויז צוויי־און־דרייסיג דאָלער אַ וואָך, וואָס איז היינטיגע צייטן ווייט ניט גענוג אַפילו פאַר אַן אָרעמען לעבן. איך בין צופרידן צו געהן ארבייטן אויך נאָך דער חתונה, אָבער, פריינד דר. קלאַרמאַן, ווי לאַנג קען אַ פרוי אַרבייטן נאָך דער חתונה? שוין אַכט יאָהר ווי איך אַרבייט אין שאַפּ. און וועגן די אויסזיכטן אויף בעסער ווייס איך ניט. דער יונגער מאַן איז אַכט־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, און האָט זיך וועניג ארויפגעאַרבייט. האָב איך זעהר מורא צו נעמען אַ טשאַנס. בעט איך אייך, פריינד, מיר צו געבן אייער ראַט.

סאָפיא.

אייער פראַגע, ליבע סאָפיא, געהערט צו די שווערסטע פראַגן וועלכע ווערן אַזוי אָפט פאָרגעלייגט, און אויף וועלכע עס איז כמעט ניט מעגליך צו געבן אַן ענטשידענעם ענטפער.

אין אַזאַ פאַל ווי אייערער זיינען דאָ אַזוי פיל זייטיגע אומשטענדן וועלכע מוזן גענומען ווערן אין באַטראַכטונג, און אין די אומשטענדן קען קיין זייטיגער מענש ניט אַריינדרינגען, ווייל דאָס זיינען הויפּטזעכליך זאַכן פון געפיהל.

איין זאַך איז קלאָר פון אייער בריף — איהר זייט אַ מיידל מיט אַ ניכטערן בליק, וועלכע באַטראַכט הייראַט אַלס אַ העכסט ערנסטע אונטערנעמונג, און איהר לאָזט זיך ניט הינרייסן פון אייער נייגונג, ווי שטאַרק זי זאָל ניט זיין.

פון אייער ערקלערונג, אַז איהר זייט גרייט אויך נאָך דער חתונה צו געהן אַרבייטן, איז צו זעהן, אַז איהר באַגרייפט ווי נויטיג עס איז פאַר אַ פרוי אין פאַרהייראַטן לעבן צו העלפן דעם מאַן נאָך איהרע מעגליכקייטן; צו געבן אַזוי גוט ווי צו נעמען.

און איהר זייט אויך גערעכט מיט אייער פראַגע: „ווי לאַנג קען אַ פרוי אַרבייטן נאָך דער חתונה"?

מ'קען אויף אַזאַ פראַגע ניט ענטפערן מיט באַשטימטקייט,

אָבער אין דעם נאַטירליכן גאנג פון זאכן קומט אַ צייט, ווען די פרוי קען ניט געהן ארבייטן, און מוז ווידמען איהר צייט און ענער־גיע צו דער הויז־פיהרונג און צו די בייבים.

און דאַך, אויב איהר וועט ביי זיך אין הארצן געפינען אן ענט־פער צו די פאָלגענדע צוויי פראגן, וועט איהר האָבן געלייזט אייער פראָבלעם.

איין פראגע איז: ווי ליב האָט איהר דעם יונגען מאן? דאָס מיינט, פיהלט איהר ביי זיך אין הארצן, אז ער פעהלט אייך צו אייער גליק און צופרידענהייט אין לעבן?

און די צווייטע פראגע איז: וויפיל פון אייער איצטיגער באַ־קוועמליכקייט זייט איהר גרייט צו אָפּפערן, אום דעם יונגען מאן צו געווינען אַלס אייער לעבענס־באגלייטער?

די בײדע פראגן זיינען, אין גרונד גענומען, איינע, ווייל אַ פרוי וועלכע האָט אויפריכטיג ליב, איז אַלע מאָל גרייט עטוואָס צו אָפּ־פרען פאַר איהר ליבע.

איצטער, זאָגט איהר, לעבט איהר גאנץ באקוועם, אָבער עס שיינט אַז אייך פעהלט וואָס צו אייער באקוועמליכקייט און צו אייער גליק, אַז ניט וואָלט איהר ניט געהאָט אייער איצטיגן פּראָבלעם.

דאָס איז ווי עס באַדאַרף צו זיין. די פרוי איז באשטימט צו זיין פרוי און מוטער, און אויב זי איז עס ניט, פארפעהלט זי איהר נאַטירליכע אויסלעבונג, און איז ניט גליקליך.

מיר זעהען אָפט מיידלעך וואָס בלייבן אונפארהייראַט, אָבער דאָס קומט בלויז פון זייער ניט־געפינען זייער באשערטן, אָדער פון געפינען אין לעבן א באשעפטיגונג וואָס נעהמט אין אַנשפּרוך זייער גאַנצע ענערגיע, און שוואכט אָפּ דעם נאַטירליכן „מוז".

איז, ווי מ'זעהט, דער טשאַנס וואָס מ'נעהמט אין הייראַטן ניט אָהן ענטשעדיגונג. יעדע הייראַט איז אַ סאָרט לאָטערי: אמאָל ציהט מען ארויס אַ געווינס, און אמאָל אַ שלים־מזל.

אָבער דאָס איז א לאָטערי אין וועלכע מ'מוז ריזיקירן א צעטל, און אויב מען ריזיקירט ניט, איז מען ניט גליקליך.

עס איז אמת וואָס איהר זאָגט, שוועסטערל, אַז מיט צוויי־און־דרייסיג דאָלער אַ וואָך איז שווער היינטיגע צייטן אויסצוקומען אפילו פאַר אַ קליינער פאַמיליע, און אויב עס וועט קומען א צייט ווען איהר וועט ניט קענען מיטהעלפן וועט איהר פיליכט ליידן פון אונבאקוועמליכקייט.

אָבער צו געווינען אַלס לעבענס־באגלייטער אַ פיינעם אינטע־ליגענטן יונגען מאן, צו וועלכן עס טראָגט אייער הארץ, איז אַן ענטשעדיגונג פאַר דעם טשאַנס וואָס איהר נעמט.

און נאָך אַלעמען זיינען דאָך דאָ הונדערטער פאַמיליען מיט קינדער וועלכע מוזן אויסקומען מיט צוויי-און-דרייסיג דאָלער אַ וואָך, און אָפט נאָך ווייניגער.

און דערווייילע זייט איהר דאָך נאָך אימשטאַנד צו אַרבייטן און צו פאַרדינען און בייצוטראָגן צו דער הוצאָה.

זעהט איהר שוין, שוועסטערל, אז די הויפט-פראַגן זיינען דאָ: ווי ליב איהר האָט דעם יונגען מאַן, און וויפיל פון אייער איצטיגער באַקוועמליכקייט איהר זייט גרייט צו אָפּפערן פאַר אייער ליבע.

די פראַגן קען קיינער פאַר אייך ניט ענטפערן: דאָס מוזט איהר אַליין טאָן. איך קען בלויז מאַכן אַ צומוטונג וואָס זאָל אייך פילייכט העלפן קומען צו אַן ענטשיידונג.

איך שטעל מיר פאָר די זאַך אַזוי:

איהר הייראַט מיט דעם פיינעם אינטעליגענטן יונגען מאַן און איהר ריכט זיך איין אַ גאַנץ באַשיידענע הויז-האַלטונג פון די מיטל וואָס איהר ביידע באַזיצט.

אָבער למען השם ניט אויף קרעדיט שפּעטער אָפּצוצאָלן. טאָמער בלייבט איהר איין דאָלער שולדיג, איז דאָס שוין אַ סימן שלים׳מזל.

איך נעהם אָן, אז איהר זייט אַן אויסגערעכענטע, אַ פאָרזיכ-טיגע, וועלכע ברענגט ניט אוים קיין ניקל אויב דאָס איז ניט דורכ-אוים נויטיג. צו אַ הכנסה פון בלויז צוויי-און-דרייסיג דאָלער אַ וואָך מוז מען זיין אויסגערעכנט.

איהר וועט זיך ניט קענען פאַרגינען געהן אין רעסטאָראַנטס, אָדער געהן אין טעאַטערס, אָדער אפילו צו מואַווים צו אָפט. אין די ערשטע צייטן וועט איהר געווים געפינען גענוג פאַרוויילונג איינער אין דעם אַנדערנ׳ס קאָמפּאַניע, אָדער אין באַזוכן אַמאָל פריינד, אָדער אויפנעמען פריינד.

איהר געהט ביידע צו אייערע דזשאָבס. אייער באַשיידענע היים מוז אויסגעהאַלטן ווערן פון אייער מאַנ׳ס פאַרדינסטן. אייערע פאַר-דינסטן מוזט איהר לייגן אין באַנק. העכסטנס קענט איהר נעהמען דערפון פאַר אייער פּערזענליכע הוצאָה, אָבער אַזוי שפּאָרעוודיג ווי מעגליך.

ביז עס קומט די מזל׳דיגע שעה, ווען אַ יונגע פרוי קען ניט מעהר געהן אַרבייטן, וועט איהר האָבן עטליכע הונדערט דאָלער אָפּגעשפּאָרט.

עס פאַרשטעהט זיך, אז וואָס שפּעטער די „מזל׳דיגע שעה" קומט איז אַלץ בעסער, אָבער דאָס איז אַ גאָט-זאַך.

ווייטער נעהם איך אָן, אַז אייער יונגער מאַן האָט פאַרשטענד-ניש פאַר די פליכטן וואָס ער נעהמט אויף זיך, און איז אויך אַן

אויסגערעכענטער, און אן עהרענהאפטער מענש, וועלכער וועט באַטראַכטן די דערהאַלטונג פון אייער צוזאַמענלעבן אלס זיין וויכטיגסטע אויפגאַבע.

ער וועט ניט שפּילן אין קאָרטן, און וועט ניט ריזיקירן אַ דאָלער, און וועט בלויז טראַכטן ווי אַזוי זיין לאַגע צו פאַרבעסערן, און אייער ביידנס לעבן באַקוועמער צו מאַכן.

ביידע מוזט איהר אָפּפערן פיל פון דער באַקוועמליכקייט פון אייערע לעבענס אַלס סינגל-לייט, כדי צו געניסן אייער צוזאַמענלעבן און קומען צו אַ תכלית.

נאָר אויב די אַנגעמונגען וואָס איך מאַך זיינען ניט ריכטיג, דאָס הייסט, אויב אייך איז צו שווער צו שיידן זיך מיט די באַקוועמליכקייטן וועלכע איהר געניסט איצטער;

אויב איהר זייט ניט קיין אויסגערעכענטע, און געלט רינט ביי אייך אַרויס דורך די פינגער, ווי דאָס טרעפט אַזוי אָפט ביי פילע מענשן;

און אויב דער יונגער מאַן איז ניט גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון זיינע בחור'שע באַקוועמליכקייטן —

דאַן איז באמת אַ ריזיקע, און איהר מוזט זיך שטאַרק מיישב זיין.

טאָכטער וויל ניט חתונה האָבן

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיין מאַן איז אַן אַרבעטער, און מ'מאַכט אַ לעבן. מיר האָבן דריי קינדער, צוויי מיידלעך און אַ אינגעל. די עלטערע מיידעל איז באַלד אַכצעהן יאָהר, אין דריטן טוירם הייסקול. וויל זי ניט מעהר געהן אין סקול, נאָר זי וויל לערנען אַ טרייד, דעזיינינג ביי דרעסעס. זי האָט אַ צוג צו דרעסעס, און זי פאַרשטעהט זיך אויף דרעסעס. דאַרפט איהר וויסן, דר. קלאָרמאַן, אַז זי איז אַ שעהנע מיידעל, בחורים ווערן די כפרה פאַר איהר. זי וואָלט געקענט נעמען דעם בעסטן, און זיין געסעטעלט און פאַרזאָרגט. און זי האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז זי וויל ניט חתונה האָבן, זי וויל פריהער לערנען אַ טרייד און פאַרדינען געלד. פרעג איך אייך, איז דאָס אַ תכלית פאַר אַ מיידעל וועלכע קען זיין גליקליך מיט אַ מאַן, צו געהן זיך איצט לערנען אַרבייטן. און מיין מאַן, דער פּקח, זאָגט, אַז זי איז גערעכט, און ער זאָגט איהר צו אַרויסצונעמען פון באַנק אַ פּאָר הונדערט דאָלער פון אונזערע אָפּגעשפּאָרטע פענים, און באַצאָהלן פאַר איהר לערנען. ער זאָגט, זי האָט נאָך צייט חתונה צו האָבן; זאָל

זי פריהער קענען פאַרדינען. האָבן מיר טענות וועגן דעם, און איך וועל שיער משוגע פון ערגערנים. זי לאָזט געהן אַזעלכע פיינע יונגע לייט. איינער איז אַ דענטיסט מיט אַ גוטע פּראַקטיקע, וויל ער זי נעמען ווי זי שטעהט און געהט. אַן אַנדער יונגער מאַן האָט אַן אייגענע ביזנעס, און איז אַ רייכער מענש. ער געהט אוים נאָך איהר. און זי האַלט זיך ביי דאָס איהריגע: „איך וויל ניט חתונה האָבן", און דער טאַטע פּאַטאַ־קעוועט. קען מען דאָס אויסהאַלטן?

פליז, דר. קלאַרמאַן, זאָגט אייער מיינונג, צי עס איז ניט בעסער אַז זי זאָל זיין געסעטעלט, אַלס צו געהן ערשט לערנען אַ טרייד.

די געערגערטע מאַמע.

איהר זייט גערעכט, שוועסטער־לעבן, אייער טאָכטער איז גערעכט, און אייער מאַן איז אויך גערעכט, נאָר די מיינונג־פאַר־שיידענהייט און די טענות צווישן אייך, קומען אַרוים דערפון, וואָס די צייטן זיינען איצטער גאַנץ אַנדערע ווי די וועלכע איהר געדענקט.

אַמאָל איז חתונה האָבן געווען דער איינציגער תכלית פאַר אַ מיידל. דער מאַן האָט גענומען אויף זיך די פליכטן זי מפרנס צו זיין, און צו געבן איהר אַלץ וואָס זי האָט נויטיג, און די עלטערן האָבן זיך געפיהלט גליקליך וואָס זיי האָבן מיט איין לאַסט ווייניגער.

יעדע מיידל האָט געקוקט אויף חתונה ווי אויף אַ פאַרזיכערונג פאַר דער צוקונפט. אָפטמאָל איז די פאַרזיכערונג געווען אַ שוואַכע, און צרות האָט ניט געפעלט, אָבער זי איז געווען אַ „באַזאָרגטע", אַ „באַזעצטע".

האָט אַ מיידל חתונה געהאַט, האָט עס געהייסן, אַז „זי האָט שוין וועט עס זאָל זאָרגן פאַר איהר".

אָפטמאָל, ביי אונזערע זיידעס, האָט די פרוי באַזאָרגט די פרנסה און דער מאַן איז געזעסן על התורה ועל העבודה. דאָס זיינען געווען די אויסנאַהמען. אָבער אפילו אין די אויסנאַהמען האָט דער מאַן באַזאָרגט די פרוי מיט עפּעס; אויב ניט מיט פרנסה, איז מיט עולם הבא.

אין איצטיגער צייט איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג אין די פרנסה־באַציהונגען צווישן מאַן און ווייב. חתונה האָבן האָט אויפ־געהערט צו זיין אַ פאַרזיכערונג פאַר דער פרוי.

אַ גרויסע צאָל פאַמיליען אין די שטעט הענגען, אין גאַנצן אָדער טיילוויז, אָן די פאַרדינסטן פון דער פרוי, אפילו וואו דער מאַן האָט אַ באַשעפטיגונג.

נאַטירליך, פעהלן ניט פעהיגע, ענערגישע מענער, וועלכע פאַר

דינען גענוג אויסצוהאַלטן די פרוי „עם כל הוויגאָדעס", און זי דאַרף ניט געהן אַרבייטן אויף אויסצוהאַלטן דעם מאַן.

אָבער אין די מייסטע פאַמיליען מוז די פרוי העלפן, און אויב זי געהט ניט אין שאַפּ אָדער אין אָפיס, האָט זי גענוג צו טאָן אין הויז, און אַרבייט שווערער אַלס אין שאַפּ, און פיל לענגערע שטונדן.

פילע מיידלעך וועלכע אַרבייטן אין שאַפּס און אין אָפיסעס קוקן נאָך איצט אויף חתונה ווי אויף אַ דערלייזונג פון זייער אַרבייט.

אָבער וואָס ווייטער מעהרן זיך אַלץ די פאַלן, ווען זיי מוזן אָנהאַלטן זייערע דזשאָבס אויך נאָך דער חתונה, ווייל די פאַר־דינסטן פון דעם מאַן רייכן ניט אוים צו באַזאָרגן די פאַמיליע ווי עס געהערט צו זיין, און נאָך אָפּשפּאָרן עטוואָס פאַר שפּעטער.

אַמאָל, ווען אַ מיידל האָט חתונה געהאַט אין אַן אָרימען אָדער מיטעלן אופן, האָט זי זיך צוריקגעצויגן אין קיך און האָט איבער גענומען די אַרבייט פון באַזאָרגן די הויז און האָדעווען קינדער. קיין אַנדערע אינטערעסן האָט זי ניט געהאַט.

האָט דער מאַן געבראַכט פּרנסה, האָט מען געקאָכט און געגעסן, אַז ניט האָט מען געליטען.

היינטיגע צייטן איז די פרוי ניט מעהר צופרידן מיט אַזאַ לעבן. זי וויל האָבן פיינע דרעסעס, זי וויל געהן צו אַ „שאָו", און אַז גאָט העלפט וויל זי האָבן אַ קאַר.

די גרויסע מערהייט פון מענער קענען דאָס ניט באַהויפּטן. די צאָל פון די וואָס מוזן לעבן אין אָרימקייט, פון האַנט צום מויל, איז זעהר גרויס. האָבן פרויען היינטיגע צייטן אויפגעהערט צו באַ־טראַכטן חתונה־האָבן אַלס אַ „פאַרזאָרגונג" מיט פּרנסה.

און דאָס איז אויך אין אמת׳ן קיין פאַרזיכערונג. די מייסטע צוריסענע פאַמיליען קומען דערפון וואָס עס איז קיין פּרנסה ניטאָ.

אייער טאָכטער, שוועסטער־לעבן, געהערט צו דעם איצטיגן דור אין אמעריקא, און ניט צו דעם דור אין וועלכן איהר האָט חתונה געהאַט אין דער אַלטער היים. און אפילו אין דער אַלטער היים האָבן זיך איצטער די צושטענדן אין דער באַציהונג פיל געענדערט.

אַ יונגע פרוי, וועמעס מאַן האָט דריי יאָהר כסדר ניט געקענט געפינען קיין דזשאָב, האָט געפיהרט די הויז מיט איהרע פאַר־דינסטן.

שטעלט זיך פאָר וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דער פאַמיליע אויב די פרוי וואָלט ניט געהאַט קיין טרייד איהר צו געבן די מעגליכקייט צו אַרבייטן און פאַרדינען?

דערפאַר איז אייער טאָכטער ניט אומגערעכט, ווען זי וויל ניט

מאַכן איהר חתונה־האָבן אַלס די איינציגע פאַרזיכערונג פון איהר צוקונפט.

טאַקע דער דענטיסט וועלכער וויל אייער טאָכטער, האָט אַ גוטע פּראַקטיקע; און דער צווייטער, דער ביזנעסמאַן, איז, ווי איהר זאָגט, רייך; דאָך פיהלט זיך אַ פרוי פיל זיכערער, און מעהר זעלבסטשטענדיג, ווען זי וויים, אז ווי עס זאָל זיך אַמאָל ניט מאַכן, קען זי אַליין באַשטעהן איהר שטעטל.

לאָזט איהר לערנען איהר טרייד; זי איז נאָך גאָר יונג, און האָט נאָך צייט צו וואַרטן אַ ווײלע מיט׳ן אויסקלייבן איינעם פון די בחורים וואָס „געהען אוים נאָך איהר״.

ענדליך געהייראַט, און האָט חרטה

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

ביז מיט אַ דריי מאָנאַטן צוריק בין איך געוועזן אַ בחור, און האָב ביי מיר געהאַט אַזוי גוט ווי באַשלאָסן צו בלייבן אַ בחור ביז מיין לעצטן טאָג. איך האָב מיך אָנגעזעהן צרות גענוג אין פאַמיליען, האָב איך געוואָלט זיין פריי. איך האָב געהאַט פילע נסיונות, און בין זיי אַלע בייגעשטאַנען, ביז איך בין געוואָרן פינף־און־דרייסיג יאָהר אַלט, און האָב שוין גערעכענט אז איך בין פּטור. איך בין אַ מעכאַניק ביי טרייד. האָב שטענדיג אַרבייט, און האָב אייניגע טויזענד דאָלער אין באַנק. קען איך מיר לעבן גאַנץ באַקוועם, טאָ צו וואָס דאַרף איך חתונה האָבן? אַזוי האָב איך מיר געטראַכט. אָבער מיט אַ מאָנאַט זעקס צוריק האָב איך גענומען רומס ביי אַ פאַמיליע — בלויז דריי פּערזאָן, מאַן און ווייב און אַ טאָכטער, אַ יונגע אַלמנה, פון אַ יאָהר אַכט־און־צוואַנציג, אָהן קינדער. זי האָט צוגעזעהן מיינע צווי רומס. נאַטירליך האָבן מיר זיך באַקענט, און — צי איהר וועט דאָס גלויבן אָדער ניט — איך האָב מיך אין איהר אַזוי פאַרליבט אז איך האָב פאַרלאָרן דעם קאָפּ, און מיט דריי מאָנאַטן צוריק האָב איך מיט איהר געהייראַט. איך האָב מיך געפיהלט דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. מיין פרוי איז אין די דריי מאָנאַטן ניט אַנדערש געוואָרן, און איך האָב צו איהר קיין טענות ניט. אָבער איך בין ניט מעהר דערזעלביגער, און פיהל מיך ניט מעהר אַזוי גליקליך ווי ווען איך האָב געהייראַט. איך הויב מיך אָן לאַנגווײלן. איך בענק נאָך מיין פריהעריגע פרייהייט. און עס ווייזט אויך אוים אז ווען מיין פרוי וועט ווערן אַ מוטער, וועט זיך אָנפאַנגען אַ נייע לאַסט. וויל איך איהר זאָלט מיר זאָגן, דר. קלאָרמאַן, צי האָב איך מיך גענאַרט דאַן ווען איך האָב געגלויבט אַז איך בין גליקליך, אָדער בין איך גענאַרט

איצטער ווען מיר ווייזט אויס אז איך האָב גענומען אויף זיך א לעבן
פון לאַנגווייליע און אַן איבעריגן יאָך אויפ'ן קאָפּ ? איך פרעג דאָס ניט
בלויז פאַר קוריאָזיטעט, נאָר איך וויל וויסן ווי איינצואָרדנען מיין לעבן
פאַר דער צוקונפט. א געוועזענער אַלטער בחור.

קודם כל וויל איך אייך זאָגן, מיין ליבער עקס-בחור, אז חרטה
איז ניט מעשה סוחר.

פינף-און-דרייסיג יאָהר האָט איהר געלעבט אַליין, און וועניג-
סטענס צעהן יאָהר האָט איהר זיך געהאַלטן אין מיישב זיין, צי
איהר זאָלט נעמען א ווייב אָדער ניט.

ענדליך האָט איהר געפונען איינע און איהר זייט געווען איבער-
צייגט אַז איהר האָט געפונען אייער גליק אין לעבן.

איהר אַליין ערקלערט אז זי האָט זיך ניט געענדערט. ווילט
איהר איצטער מאַכן נייע פּלענער וועגן איינאָרדנען אייער לעבן —
וואָס מיינט איהר דערמיט?

איהר האָט גענומען אַ פרוי, אין וועלכע איהר זייט געווען פאַר-
ליבט, און איהר זאָגט אַז זי געהט ווערן אַ מוטער — קענט איהר
טראַכטן וועגן „איינאָרדנען" אייער לעבן און איהר ארויסלאָזן פון
אייער רעכענונג?

ניט איינאָרדנען, נאָר אומאָרדנען ווילט איהר אייער לעבן. אזוי
ווי איהר האָט עס איצטער, האָט איהר גאָר ניט שלעכט איינגע-
אָרדענט.

איהר האָט פּרנסה, איהר האָט א ווייב, און איהר וועט מיט
עטליכע חדשים שפּעטער ווערן אַ טאַטע פון אַ קינד — דאָס איז
גאַנץ אין דער אָרדנונג; אזוי פיהרט זיך די וועלט.

מעהר ניט — „דעם בער ציהט צוריק אין וואַלד אריין". איהר
זייט צו לאַנג געווען א „פריי-מאַיאָר", אָהן א היים, און אָהן פליכטן,
בענקט איהר נאָך יענע „גוטע אַלטע צייטן".

אָבער ווען איהר האָט זיך פאַרליבט אין דער יונגער אלמנה זייט
איהר געווען גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון אייער אַלט-בחור'שער פריי-
הייט. איהר האָט זיך געקלערט, אז קיין גרעסערם גליק קען גאָר
אויף דער וועלט ניט זיין.

איך גלויב ניט, אז איהר האָט זיך דאַמאָלסט אפּגענארט. אין
דער ערשטער צייט האָט איהר זיך געווים געמוזט פיהלן גליקליך ווי
יעדער מענש פיהלט ווען ער באפרידיגט א הייסן פאַרלאַנג.

מעהר ניט, אַ מענש קען זיך ניט לאַנג האַלטן אויף א הויכער
מדרגה פון גליק, ווייל — ווי זאָגט אַ אידיש ווערטל — „קרעפּלעך
ווערן אויך צוגעגעסן".

וואו איהר האָט זיך יאָ אָפּגענאַרט, איז אין אייער איינבילדונג אָדער איינרעדעניש, אַז דאָס פלאַם-פייערדיגע גליק וועט אָנ-האַלטן כסדר.

זאָלט איהר וויסן, עקס-בחור, דאָס איהר, אַזוי גוט ווי יעדער נאָרמאַלער מאַנספּאַרשוין, איז פון דער נאַטור באַשטימט צו האָבן אַ באַשערטע, און צו ווערן אַ טאַטע פון קינדער.

איידער ער ערפילט אָט די נאַטירליכע פליכט זעהט ער אַ ווייבספּאַרשוין דורך ראָזיגע שפּאַקולן, און זי קוקט איהם אויס מיט פליטערלעך, און ער שטעלט זיך פאָר אַז ער קען אָהן איהר ניט לעבן.

דאָס מאַכט די נאַטור אומישנע — די כיטרע נאַטור — אַז ער זאָל אַזוי דענקען.

נאָך דער חתונה נעמט די נאַטור צוריק איהרע ראָזיגע שפּאַ-קולן, און לאָזט איבער די גאַנצע זאַך צו אונזער שכל זיך איינצו-אָרדנען אָהן די ראָזיגע שפּאַקולן און אָהן פליטערלעך.

יעדער מאַנספּאַרשוין ווערט אָנגעצויגן פון די אויסערליכע רייצן פון דער פרוי וועלכע ער באַגעהרט; אָבער ער נאַרט זיך אויב ער גלויבט, אַז די זעלביגע אָנציהונג אין דעמזעלביגן גראַד וועט אָנ-האַלטן אימער.

ווען די אָנציהונג ווערט אָפּגעשוואַכט מוז די איינבילדונג גע-פינען יענע מעלות וועלכע מאַכן אַ געטרייע פרוי און אַ גוטע מאַמע צו קינדער.

אין אייער הייראַט האָט איהר זיך ניט גענאַרט, מיין טייערער עקס-בחור. מיר שיינט, אַז איהר האָט געפונען אַ באַשיידענע פרוי, וועלכע האָט שוין פריהער געהאַט די ערפאַהרונג פון אַ מאַן און פון פיהרן אַ הויז, און איהר אַליין זאָגט אַז איהר האָט צו איהר קיין טענות ניט.

איהר האָט זיך אָנגעהויבן לאַנגווייליגן, ווייל איהר זייט געוועןֿ צו-גליקליך.

„האָסטו געפונען האָניג, עס גענוג" — זאָגט אונזער גרויסער חכם — „טאָמער עסטו צופיל וועט דיר ניט וואויל באַקומען".

איהר האָט צופיל געגעסן, און איהר באַקלאָגט זיך וואָס איהר האָט קאַליע געמאַכט דעם אַפּעטיט! נאַרישער מענש!

די צייט איז פאַר אייך געקומען, אַז איהר זאָלט זיך אָנהויבן צוגעוואוינען צו אַן אַנדער סאָרט פאַמיליען-גליק — ניט אַזוי פלאַם-פייערדיג ווי איהר האָט זיך פאָרגעשטעלט אין אָנפאַנג, דערפאַר אָבער דויערהאַפטער, אָנהאַלטענדער, און אין אַ געוויסער מאָס געזינטער.

זייט אַ געטרייער מאַן, צוריקגעהאַלטן, און זוכט אין אייער פרוי יענע מעלות וועלכע אַ גוטע פרוי האָט, און די מעלות וועלכע וועלן זי מאַכן פאַר דער מוטער פון אייערע קינדער.

זעהט, למען השם, אַז אַ קינד אָדער צוויי זאָלן קומען צו אייך, ניט צו לאָזן אייך שלאָפן ביינאַכט, און צו דאַקוטשען אייך בייטאָג. איך פאַרזיכער אייך, אַז אין דעם ליגט אויך אַ היבשע ביסל גליק פאַר אַ מאַן, אַ באַפרידיגונג און אַ תענוג פון וועלכן איהר האָט איצטער קיין באַגריף ניט.

דאָס איז אַ משונה׳דיגער וואונדערליכער תענוג.

ביינאַכט צושרייט זיך די בייבי, און דער טאַטע בייזערט זיך פון שלאָף: „וואַרף איהם ארוים דורכ׳ן פענסטער!״ „שרייט ער צו זיין ווייב. און אין דערזעלביגער צייט „טיאָכקעט״ די „מוטערליכקייט״ אין דעם טאַטענ׳ס האַרצן.

דער מאַנסביל האָט אויך אַ שטיק מאַמע אין זיין האַרצן.

און הויבן זיי אָן ריידן, די קליינוואַרג, און הויבן אָן אַרומלויפן, און לאַכן צו אייך, און שפּילן מיט אייך זייערע „געימס״, געפינט איהר אין דעם גאָר אַ גרויסע באַלוינונג פאַר אייער „אָפּגעגאַרטקייט״.

קיין מענש קען ניט זיין געלאַנגווייליגט מיט קליינע קינדער וועלכע ער האָט ליב. ער מעג זיין מיד פון אַ טאָג ארבייט, ער מעג זיין אַפּאַטיש צו די רייצן פון זיין פרוי, אָבער ער קען ניט ווידערשטעהן דעם געלעכטער און די אומאַרמונג פון דער בייבי׳ס אָרעמלעך אַרום זיין נאַקן.

אַזוי, עקס-בחור מיינער, אַלעס געהט ביי אייך כשורה, ווי איך זעה. און אויב איהר וועט קוקן אויף דאָס לעבן מיט ניכטערע אויגן, און ניט פאָדערן צופיל, האָט איהר דעם בעסטן טשאַנס אויסצולעבן אייערע יאָהרן אין גאָר נישקשה׳דיגער צופרידענהייט.

אַ פרוי זאָל ניט „קאָמאַנדעווען״

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

פיליכט ווייסט איהר ווי אַזוי אַ יונגער מאַן וועלכער וויל הייראַטן און קען מפרנס זיין אַ ווייב, קען געפינען אַ פרוי וואָס זאָל ניט קאָמאַנדעווען?

איך קום פון אַ קליין שטעדטעל אין ליטא. איך בין איין-און-דרייסיג יאָהר אַלט, און בין עלף יאָהר אין אַמעריקא. איך האָב מיך, גאָט-צו-דאַנקען, דערשלאָגן צו אַ שטיקעל ביזנעס. איך וואָלט געוועהן

פיל גליקליכער און אויך מיין ביזנעס וואָלט געווען בעסער, ווען איך זאָל האָבן אַ פרוי צו פיהרן אַ הויז און פיליכט אויך צו העלפן מיר אין די ביזנעס. האָב איך מיך אָבער, ליידער, אַנגעזעהן אין אַמעריקא אַ סך צרות וואָס מענער האָבן פון פרויען. אין אַמעריקא אַז מ'נעמט אַ פרוי נעמט מען אַ הארינטע איבער זיך, זיי נעמען גלייך קאָמאַנדעווען. אין דערהיים, אַז אַ מאַן האָט געזאָגט עפּעס, האָט די ווייב געפאָלגט. דאָ ווילן די פרויען אַז די מענער זאָלן טאָן וואָס זיי ווילן, און טאָמער ניט, איז גלייך סקאַנדאַלן און טרייעלס אין קאָורט. איך האָב מיך דאָ געהאַט באַקענט מיט אַ מיידעל מיט וועלכער איך האָב שיער-שיער ניט חתונה געהאַט. אַ גליק איז מיר געשעהן וואָס זי האָט אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען פאַר דער חתונה, האָב איך מיך ארומגעזעהן באַצייטענס און דער שידוך איז צוקראָכן געוואָרן. זוך איך אַ פרוי וואָס זאָל ניט קאָמאַנדעווען, און ווען דער מאַן זאָגט איהר וואָס, זאָל זיין געזאָגט, און זי זאָל ניט מאַכן קיין טענות. אויב איך געפין ניט אַזאַ פרוי בין איך ענטשלאָסן צו בלייבן אַ בחור. אָבער גוט איז דאָס ניט. בעט איך אייך, מיר צו געבן אַן עצה ווי אַזוי צו געפינען אַ פרוי וואָס זאָל ניט קאָמאַנדעווען.

אַ בחור אַ ליטוואַק.

איך וואָלט זעהר ניט וועלן אייך שווער מאַכן דאָס הארץ, מיין ליבער בחור, אָבער איך האָב שטאַרק מורא, אַז עס איז אומזיסט אייער זוכן.

די שוועריגקייט פון אייער פאַל איז, דאָס ווען אפילו איהר זאָלט איינע געפינען וועלכע זאָל אייך אויסקוקן ווי אַ ניט-קאָמאַנדעוודיגע, אָדער וואָס זאָל אייך אפילו הייליג פאַרשפּרעכן ניט צו קאָמאַנדעווען, וועט איהר אַלץ ניט האָבן קיין גאַראַנטיע, אַז נאָך דער חתונה וועט זי ניט ענדערן איהר צוזאָג, און וועט ניט אָנהויבן קאָמאַנדעווען.

ווען איהר זאָלט אפילו הייראַטען אַ שטומע וועלכע קאָן ניט קאָמאַנדעווען, זייט איהר אויך ניט זיכער אַז זי וועט ניט קאָמאַנדעווען אויף שטום-לשון.

ענטוועדער איהר מוזט נעהמען אַ טשאַנס אויף גאָט'ס באַראָט, אָדער איהר מוזט בלייבן אַ בחור.

איבריגענס איז ניט גאַנץ קלאָר וואָס איהר מיינט מיט דעם אויסדרוק „אַ ווייב וואָס זאָל ניט קאָמאַנדעווען”.

אויב איהר חלום'ט פון אַ ווייב וואָס זאָל זיין געהאָרכזאַם און אונטערטעניג, און זאָל קיינמאָל ניט ריידן אנטקעגן, און מעהר ניט דורכפיהרן די באַפעהלן פון איהר האַר, איז דאָס אַ וויסטער חלום. אפשר זיינען אַמאָל געווען אַזעלכע ווייבער ערגעץ-וואו אין די

שטעטלעך פון ליטא אָדער פוילן; אָבער היינט זיינען זיי אפילו דאָרטן ניט מעהר צו געפינען.

און זייערע אייניקלעך די פלאַפּערס אין אַמעריקא — די האָבן אפילו קיין סימן ניט פון דער באַשיידענהייט און פון דער אונטער־גיביגקייט פון זייערע באָבעס.

אַנדערע צייטן געקומען אויף דער וועלט, מיין ליבער בחור! עס זיינען געקומען צייטן פון רעוואָלוציעס, פון וועלט־איבערקעהרענישן, פון ווידערשפעניגונג!

טראַגען ווערן אומגעוואָרפן, מלכים פאַרלירן זייער ממשלה — טאָ ווי קען אַזאַ בחור ווי איהר האָפן, אויפצוריכטן אַ סאָרט אויטאָ־קראַטיע, אַ זעלבסט־הערשאפט, און זיין דער איינציגער וואָס קאָ־מאַנדעוועט?

אַמאָל ווען דער מאַן איז געווען דער איינציגער בעל מפרנס, און די פרוי איז אין גאנצן אָפּגעהאנגען פון איהם, האָט נאָך אפשר געקענט טרעפן אז דער מאַן אליין האָט קאָמאַנדעוועט.

היינטיגע צייטן פאַרדינען פרויען זייער חיונה אַזוי גוט ווי די מאַנסלייט און די אַרבייט פון דער פרוי ווערט אָנערקענט און באַ־לוינט, פיהלט זי זיך גלייכגעשטעלט מיט דעם מאַן, און פאָדערט דאָס רעכט צו קאָמאַנדעווען אַזוי גוט ווי ער.

און אויב אפילו איהר „דזשאָב" באַשטעהט בלויז פון האלטן די הויז אין אָרדנונג, פון צוגרייטן מאָלצייטן, פון האָדעווען אַ קינד, פיהלט די פרוי היינטיגע צייטן אַז זי פאַרדינט אין פולן מאָס איהר אויסקומעניש, און אַלץ וואָס דער מאַן קען איהר געבן, און איז אין אַלע הינזיכטן אַזאַ יחסן'טע ווי ער.

די גליקליכסטע פאַמיליען־לעבענס וואָס מען טרעפט, זיינען די אין וועלכע קיינער פון די ביידע — ניט דער מאַן און ניט די פרוי — זוכן צו קאָמאַנדעווען איינער איבער דעם צווייטן.

אין די פאַמיליען וואו קיינער פון די ביידע זוכט ארויפצו־צווינגען זיין ווילן אָדער קאַפּריז אויף דעם אַנדערן, און וואו יעדער ערפילט זיין פליכט און לאָזט נאָך פון דאָס זייניגע אויף אַזוי ווייט ווי דאָס איז נויטיג צו דער דערהאלטונג פון א פרידליכן צוזאמענ־לעבן — אין אַזעלכע פאַמיליען איז ניט נויטיג צו קאָמאַנדעווען.

אויב דער מאַן אָדער די פרוי דריקט אויס אַ פאַרלאַנג וואָס האָט אַ טעם און שכל, טוט עס דער אַנדערער, ווייל דאָס איז צום בענע־פיט פוןביידן.

אויב עס איז דאָ איינצואווענדן דאגעגן, הערט מען אויס די איינווענדונג אָהן עקשנות און אויפרעגונג, מ'רעדט זיך דורך און מען באַשליסט צוזאמען אויב מ'זאָל עס יאָ טאָן אָדער ניט טאָן.

די מייסטע חורבנות און צוריסענקייטן וואָס קומען פאָר אין פאַמיליען וואַקסן אַרויס פון דעם וואָס איינער זוכט צו האָבן די ממשלה איבער דעם צווייטן.

וואו איהר זעט מחלוקת צווישן מאַן און ווייב, מעגט איהר זיין זיכער אז איינער פון דיביידע פּראוועט עקשנות.

אַ פאַרלאַנג ווערט געמאַכט פון איינעם, און דער אַנדערער שטעלט זיך ניט פרעגן, צי איז דאָס רעכט אָדער ניט, צי איז דאָס מעגליך אָדער ניט, צי איז דאָס פּראַקטיש אָדער ניט, זאָנדערן ער זאָגט: „אַזוי וויל איך".

עס איז סאַי ווי סאַי אונמעגליך צו געפינען צוויי מענשליכע נאַטורן וועלכע זאָלן זיין גלייך אין זייערע געשמאַקן, אין זייערע נייגונגען, אין זייערע טעמפּעראַמענטן.

און ווען אַ פּאָר הייראַטן און באַשליסן צו לעבן צוזאַמען, טוען זיי דאָס מיט דעם זעלבסטפאַרשטענדליכן אָפּמאַך אַז זיי מוזן מאַכן פשרות, און נאָכגעבן איינער דעם אַנדערן אין אַלע זאַכן וואו עס לאָזט זיך, און וואו עס לאָזט זיך ניט, מוזן זיי איבערלאָזן די פריי־הייט איינער צום אַנדערן, און ניט געברויכן צוואַנג.

אַ פרוי מיט פאַרשטאַנד, וועלכע געפינט אַז דער מאַן איז פּראַק־טישער, מעהר ערפאַהרן, אויסגעררעכענטער אלס זי איז, וועט ממילא אָנערקענען זיין אויטאָריטעט.

דאָס גלייכן וועט אַ מאַן מיט שכל נאָכגעבן דער פרוי אין אַלע זאַכן אין וועלכע זי איז מעהר ערפאַרן. און וואו די מיינונגען זיינען פאַרשידן איז ניט שווער צו געפינען אַן אויסגלייך אויב מען פּראוועט נאָר ניט קיין עקשנות.

ראָט איך אייך, מיין ליבער בחור, אז אויב איהר ווילט הייראַטן, און איהר פיהלט ניט גוט צו זיין אַליין, זאָלט איהר זיך קודם כל אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם געדאַנק, אַז איהר מוזט געפינען אַ פרוי וואָס איהר זאָלט קענען קאָמאַנדעווען — און בלויז איהר אַליין און ניט זי.

דאָס האָט אפילו אָדם הראשון ניט געקענט אויספיהרן, וואָס ער איז געווען איין־איינציגער מאַנסביל אויף דער וועלט.

ווען דער יונגער חוה'ן האָט זיך פאַרוואָלט עסן פון עץ הדעת, האָט זי געגעסן, און האָט אויך געמאַכט איהר אָדם'ן עסן.

עס שטעהט ניט אין חומש אַז ער האָט געוואָלט עסן. זי האָט „קאָמאַנדעוועט" — „עס!", האָט ער געגעסן.

טאַקע עס שטעהט, אַז „ער זאָל געוועלטיגן", נאָר פון דעסט־וועגן מוזן זיין זאַכן אין וועלכע די פרוי קאָמאַנדעוועט.

אויב איהר וועט זוכן אַ פרוי ניט צו קאָמאַנדעווען — ניט איהר און ניט זי — נאָר צו לעבן מיט שכל אָהן קאַפּריזן, האָט איהר גיכער אַ האָפנונג איינע צו געפינען.

צי לוינט זיך דער שידוך?

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַ מיידעל אין אָנפאַנג פון די צוואַנציגער יאָהרן, און וואוין אין אַ נאָכבאַרשאַפט וואו קיין גרויסע אויסוואַהל פון אידישע יונגע לייט איז ליידער ניטאָ. איך געה אָפט אוים מיט אַ יונגן מאַן פון אַ יאָהר אַכט־און־צוואַנציג, וועלכן איך קען נאָך פון די קינדער־יאָהרן. ער איז פון אַ פיינע פאַמיליע; ניט קיין גרויסער פאַרדינער. ער זאָגט מיר ניט פיל ער פאַרדינט, אָבער איך שטוים מיך אָן, ארום אַכט־און־דרייסיג דאָלער אַ וואָך. ער איז ניט קיין איבערגעשפּיצטער, ניט קיין פאַרשוין, ניט קיין חכם, אָבער עהרליך און רוהיג. זיין פאַמיליע וויל ניט ער זאָל אָנהאַלטן ביי זיין ארבייט. זיי ווילן איהם העלפן מיט אַ הלואה צו אַ סטיישאָנערי סטאָר. דאָס מיינט, אַז אויב איך זאָל דעם יונגן מאַן הייראַטן, וועל איך מוזן אָפּפערן אַלצדינג — ארבייטן אין סטאָר ביז שפּעט אין דער נאַכט יעדן טאָג אין דער וואָך, צוריקצוצאָהלן די הלוואה, און דאַן העלפן ארויפארבייטן די סטאָר. זיין פאַמיליע ווייס אַז איך טויג מיך צו דער ביזנעס און וועל מאַכן אַ סוקסעס. אָבער טאָמער חלילה ניט, וואָס וועט דאַן זיין? וועל איך האָבן די „אַפּער הענד"? פּליז, גיט מיר אייער ראַט צי עס לוינט זיך דער שידוך, דען ער וויל אַן ענגיידזשמענט גאָר אין קורצן, און איך פאַרלאָז מיך אויף אייער ענטפער.

קלאַראַ ווייס.

וועל, קלאַרא, וועגן אייער האָבן די „אָפּער הענד", ווי עס זאָל זיך ניט מאַכן — בין איך וועגן דעם שוין גאָר ניט פאַרזאָרגט.

מ'זעהט, אַז איהר זייט אַ מיידל אַן אויסגערעכענטע, וועלכע באַטראַכט די זאַך פון אַלע זייטן, און ווערט ניט הינגעריסן פון צופיל סענטימענטס.

און דער יונגער מאַן, זאָגט איהר, איז ניט קיין איבערגעשפּיצ־טער, אַ שטילער, אַ רוהיגער — מעג מען זיכער זיין אַז ער וועט אייך לאָזן פיהרן די ביזנעס, און וועט אייך קיין צופיל דעות ניט זאָגן.

אָבער אייער צווייטע פראַגע, צי עס לוינט זיך דער שידוך — דאָס, זעהט איהר, איז שוין ניט אזוי לייכט צו ענטפערן. עס הייננט זעהר פיל אָפּ פון דעם, פון וועלכער זייט מ'קוקט אויף דעם, און ווי איינער פיהלט דערביי.

אויב איהר זייט אַ מיידעל וועלכע קוקט אוים אויף אַ „גוד טיים", און איז ניט בעזונדערס וויליג צו ארבייטן שווער נאָך דער חתונה, און צו אָפּפערן „אַלצדינג" — ווי איהר רופט דאָס — דאַן לוינט זיך דאָס פיליייכט ניט.

אויב איהר פיהלט אז נאָך דער חתונה וועט איהר איין הארצן באַדויערן וואס איהר האָט זיך „געאָפּפערט" פאַר אַ שטילן, רוהיגן, ניט-איבערגעשפּיצטן, און ניט קיין שעהן-אויסזעהענדן מאַן, און וואָס איהר וועט דארפן נאָך שווער ארבייטן, איהם צו העלפן צו קומען צו אַ תכלית — דאַן לוינט זיך דער שידוך ניט.

איהר וועט זיך דאַן ניט פיהלן גליקליך אפילו אויב די ביזנעס זאָל געהן גוט, און אַפילו אז איהר וועט האָבן די „אָפּער הענד".

אויפריכטיג גערעדט, געפעלט מיר איבערהויפּט ניט אייער שטעל פון „אָפּפערן אַלצדינג". דאָס איז אַ פאַלשע איינריידעניש, אַז איהר אָפּפערט עטוואָס. איהר אָפּפערט ניט מעהר ווי דער יונ-גען מאַן אָפּפערט.

איהר זייט אַ מיידעל וועלכע וויל און דאַרף הייראַטן; ער איז אַ יונגער מאַן וועלכער וויל אויך הייראַטן.

איהר ווילט זיין פאַרזאָרגט מיט פרנסה, און איהר ווילט האָבן אַ היים און פיהרן אַ פאַמיליען-לעבן, און דאָסגלייכן וויל דער יונ-גערמאַן.

איז דער פּלאַן, אז איהר זאָלט ווערן מאַן-און-ווייב, אוןביידע צוזאַמען טאָן דאָס וואָס איהר קענט, איינצואָרדנען אייער לעבן צו-זאַמען אזוי גוט ווי עס לאָזט זיך, און אַזוי ווייט ווי אייער ביידענס בריה'שקייט קען דאָס דערגרייכן.

דאָס איז, הייסט עס, אַ פאַרטנערשיפּ. קיינער אָפּפערט דאָ גאָר ניט. נאָר ביידע נעמען אַ גלייכן טשאַנס.

ווען איין פאַרטנערשאַפט זוכט איין פארטנער גלייך פון אָנ-פאַנג צו קריגן די „אָפּער הענד", קען דאָס ניט זיין קיין גליקליכע שותפות.

די פאַרטנערשאַפט קען זיין אַ געראָטענע, אין וועלכער יעדערער פון די פאַרטנערס איז אָפענהערציג און עהרליך, און זוכט ניט צו איבערפאָרטיילן דעם צווייטן מיט קיין זאַך.

אויך איז ניט אין אַ פאַרטנערשאַפט צו רעכענען זיך אַלע מאָל, ווער עס טוט מעהר און ווער ווייניגער. יעדערער דאַרף טאָן אַלץ

וואָס ער קען, כדי די פּאַרטנערשאַפט זאָל זיין אַ סוקסעס. יעדערער טוט לויט נאָך זיינע פעהיגקייטן.

אויב איהר פיהלט, אז איהר קענט מיט'ן גאַנצן הארצן אריינגעהן אין אזאַ פּאַרטנערשאַפט, און צוזאַמען מיט דעם מאַן אויפבויען אַ לעבן פאַר אייך ביידן, דאַן, קען זיין, אַז דאָס לוינט זיך.

צוזאַמען מיט אייער פערהייראטן לעבן וועט איהר אויך אָנהויבן בויען אַ ביזנעס, צו וועלכער יעדערער פון אייך וועט ביטראָגן זיין חלק, און מיט געמיינזאַמע ארבייט און אָנשטרענגונג, און מיט שפּאַרזאַמען לעבן, וועט איהר ווארשיינליך אין פארלויף פון דער צייט זיין וואוילהאבענדע מענשן.

טאָמער חלילה געהט ניט אַזוי גוט, מוז מען דולדן צוזאַמע.ן

דאָס זיינען די איינציגע באַדינגונגען אויף וועלכע עס לוינט זיך אַנצופאַנגען אזא פּאַרטנערשאַפט.

אויב איהר קווינקעלט, צי איהר זאָלט אויף אַזעלכע באַדינגונגען איינגעהן, דאַן לוינט זיך ניט אָנצופאַנגען.

איין מיידל מיט דריי חתנים

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיין פאָטער לעזט מיר פאַר די בריף מיט אייערע ענטפערס, אין וועלכע איך בין זעהר אינטערעסירט. פיליכט קענט איהר מיר אויך ביישטעהן מיט אַ ראַט?

איך בין ערצויגן אין אַ וואוילהאבענדן באַלעבאַטישן הויז. אַלע מיינע פּראָבלעמען בין איך געוואוינט צו לייזן אַליין פאַר זיך. אָבער אין מיין איצטיגן פּראָבלעם קען איך דאָס ניט טאָן.

איך בין אַ מיידעל ניינצעהן יאָהר אַלט, געענדיגט קאַלעדזש. זיינען דאָ דריי יונגע מענער וועלכע גיבן מיר ערנסטע אויפמערקזאַמקייט, און איך קען ניט באַשליסן וועלכער איז דער פּאַסענדסטער פאַר מיר.

איינער איז נאָך גאָר יונג. ער געהט אין קאַלעדזש און ארבייט אויך. אין אויסזעהן איז ער מיר אָנציהענדער אַלס די אַנדערע. אָבער ער האָט נאָך ווענינסטענס פיר יאָהר צו שטודירן און צו ארבייטן ביז ער וועט קומען צו אַ באַשטאַנד. דענקט איהר אַז זיין ליבע קען אָנהאַלטן פיר יאָהר?

דער צווייטער איז באַדייטענד עלטער. זעהר צוגעטאָן צו מיר. ער איז נאָך אויך ניט געקומען צו אַ באַשטאַנד, אָבער עס ווייזט אויס אַז ער געהט דערצו, און האָט גוטע אויסזיכטן. ער איז אַ גוטער חבר, און מיין מוטער רעדט מיר צו צו איהם.

דער דריטער איז אַביסעל נאָך עלטער, איז עטאַבלירט אין אַ פיינער פּראָפעסיע, אין אַ גוטן באַשטאַנד. איך רעספּעקטיר איהם זעהר. ער איז אַ מאַן מיט פאַרשטאַנד.

ווען צוויי הייראַטן איז אַלע מאָל דאָ שווערינקייטן ביז מען איז עטאַבלירט. דאָס ערוואַרט איך. מיין פראַגע איז, מיט וועלכן פון די דריי איז גלייכער צו טאָן דעם שריט. איך בין ניט אַ מיידעל פון דעם טיפּ וואָס פאַרלירט שנעל איהר האַרץ, ווייל איך קען אריינקוקן אין מענשן. דערפאַר בין איך אין דער זאַך אַזוי אונענטשלאָסן.

קענט איהר מיר העלפן, דר. קלאָרמאַן, צו קומען צו אַ באַשלוס?

פּאָזלד ראָוז.

ניין, ראָוז-לעבן, איך קען אייך ניט זאָגן וועלכן פון די דריי חתנים איהר זאָלט נעהמען, ווייל אין הייראַט, נאָך מעהר ווי אין יעדער אַנדער ביזנעס, איז דאָ אַן עלעמענט פון טשאַנס; און טאָמער חלילה קומט אַרויס ניט אַקוראַט אַזוי ווי איהר ערוואַרט, וועט דר. קלאָרמאַן אויפהערן צו זיין ביי אייך דער חכם פאַר וועלכן איהר האַלט איהם; מוז איך היטן מיין אייגענע רעפּוטאַציע.

אויסערדעם ווייס איך קיין זאַך ניט וועגן אייערע דריי „אַדמיי-רערס" — ניט פון זייערע כאַראַקטערע, ניט פון זייערע אָפּשטאַ-מונגען, ניט פון די קרייזן אין וועלכע זיי באַוועגן זיך, און אַפילו ניט פון זייער איצטיגער אומגעבונג.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז פאַר מיר נאָך שווערער צו וועהלן ווי פאַר אייך. דען איהר האָט מינדעסטנס דעם פאָרצוג זיי צו זעהן, און איך האָב דאָס אויך ניט.

אָבער וואָס איך קען יאָ טאָן פאַר אייך, איז אויסצודריקן מיין מיינונג וועגן וואָס פאַר אַ סאָרט מאַן עס וואָלט זיך געפּאַסט אַם בעסטן פאַר אַ מיידל פון אייער טיפּ — גאַנץ אונאַבהייענגיג פון די דריי חתנים.

דאָס איהר זייט ניט אַ מיידעל וועלכע טראָגט איהר האַרץ אויפ'ן אַרבל וואָלט מען געקענט פאַרשטעהן פון אייער פראַגע, ווען אַפילו איהר וואָלט עס ניט אויסגעשריבן אין אייער בריף.

אויב איהר וואָלט געווען אַ מיידל וואָס קען זיך אַליין פאַר-געסן אין איהר ליבע וואָלט די פראַגע וואַרשיינליך געוועזן וועגן איינעם, אויסשליסענדיג אַלע אַנדערע.

איהר זייט, הייסט עס, אַ מיידל מיט מער באַרעכנונג אַלס סענ-טימענט, מיט מעהר שכל אַלס געפיהל; און איהר זייט געוואוינט, זאָגט איהר, צו לייזן אייער אייגענע פּראָבלעמען, וואָס מיינט, אַז איהר זייט גענייגט דורכצוזעצן אייער אייגענעם ווילן.

אויב אַ מיידל פון אַזאַ טיפּ הייראַט אַ גאַנץ יונגען מאַן, איז ער אַנטקעגן איהר ווי אַ בייבי, ווייל אַ מיידל ענטוויקלט זיך נאָר־מאָל פיל אינגער אַלס אַ מאַן.

אַ מיידל פון נײַנצעהן יאָהר איז צייטיגער, און האָט מעהר וועלט־קלוגהייט אַלס דער דורכשניטליכער יונגער מאַן פון דריי־פיר־און־צוואַנציג. און ווען די מיידל איז נאָך אין צוגאָב אַן אויסגע־רעכענטע, וועלכע קען „קוקן דורך מענשן”, האָט אַזאַ יונגער מאַן גאָר קיין באַטרעף געגן איהר ווילן.

זי קען איהם פיליכט ליב האָבן, אָבער ניט רעספּעקטירן. און ווען די ליבע ווערט אַביסל אָפּגעטראָגן — ווי דאָס קומט פאָר מיט דער צייט אין אַלע הייראַטן — בלייבט פון איהם ניט פיל איבעריג וואָס זאָל מאַכן דאָס צוזאַמענלעבן דערקוויקליך.

פאַר אַזאַ מיידל איז אַ מאַן וואָס איז עלטער מיט אַכט אָדער צעהן יאָהר אַ פּאַסענדער זיווג. אָבער אויך ער דאַרף ניט זיין קיין שוועכלינג אין כאַראַקטער, און ווי פאַרליבט ער זאָל ניט זיין, דאַרף ער קענען באַשטעהן און זיך ניט לאָזן אין גאַנצן באַהערשן. קוים לאָזט ער זיך באַהערשן פאַרלירט אַזאַ פרוי איהר רעספּעקט פאַר איהם.

דאָרט וואו די פרוי איז ניט געניגט צו סענטימענטאַליטעט, איז רעספּעקט פון דער פרוי פאַר דעם מאַן׳ס איבערלעגענהייט אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין אַ פרידליכן צוזאַמענלעבן.

נאַטירליך רעכנט אַזאַ פּראַקטישע מיידל אויס, וואָס איהר צוקונפטיגער מאַן קען איהר געבן פון די באַקוועמליכקייטן פון לעבן. פאַר אַ מיידל וואָס איז געהאַדעוועט געוואָרן אין וואוילטאָג, און איז געוואוינט צו איהר קאָמפאָרט, איז אַזאַ אויסרעכנונג זעלבסטפאַרשטענדליך.

די ערפאַהרונג אָבער לערנט, דאָס יענע זיווגים זיינען די גליק־ליכסטע, אין וועלכע די פרוי באַרעכענט אויך וואָס זי וועט געבן אָדער טאָן פאַר דעם מאַן, און ניט בלויז די זאַכן וואָס ער וועט געבן און טאָן פאַר איהר.

יענע זיווגים זיינען די גליקליכסטע אין וועלכע די פרוי אונ־טערנעהמט זיך צו העלפן דעם מאַן מיט וואָס זי קען דורך די ער־פילונג פון איהרע פליכטן, געבנדיג איהם אַ גוטע היים, אָדער אַפילו אין זיין ביזנעס אויב נויטיג.

בויענדיג די היים בשותפות, יעדערער בייטראָגענדיג זיין טייל, וואַקסן זיי בעסער צוזאַמען, און די אויסזיכטן אויף דורכצו־וואַנדערן דאָס לעבן צוזאַמען זיינען פיל בעסער אַלס ווען די פרוי איז בלויז גרייט צו נעהמען, און קיין זאַך ניט בייצוטראָגן צו זייער שותפות.

איך ווייס ניט אין ווי ווייט אַזאַ מיינונג פון מיין זייט קען אייך העלפן אין אייער איצטיגן פּראָבלעם, אָבער פילייכט וועט דאָס אַ קאַפּעלע קלעהרער מאַכן פאַר אייך דאָס פּראָבלעם פון הייראַטן אין אַלגעמיין.

ווען ער זאָל זיין אַ ביסעלע שעהנער

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַ מיידעל זעקס־און־צוואַנציג יאָהר; ניין יאָהר אין לאַנד. לייטע האַלטען מיך פאַר סימפּאַטיש און ניט מיאוס. איך ארבייט צייט איך בין אַלט געווען ניין יאָהר. איך מוז אויסהאַלטן אָרעמע עלטערן אין יוראָפּ. עס וואָלט צייט געווען איך זאָל קומען צו אַ תכלית. ווען איך זאָל האָבן געלט וואָלט איך געקענט נעמען איינעם וואָס מיר געפעלט. אָהן געלט איז שווער. איך בין אויסגעגאַנגען מיט יונגע לייט. נאָר איינעם האָב איך געטראָפן, וועלכער האָט זיך אין מיר שטאַרק איינגעליבט, און מיינט עס ערנסט. איז אָבער די צרה וואָס ער איז גאָר ניט קיין שעהנער און קליין געוואַקסן. ער איז אין כאַראַקטער אַ פיינער יונגער מאַן, קליידט זיך שעהן ,פאַרדינט גוט, האָט אַ גוטע טרייד. ער האָט מיך עטליכע מאָל באַזוכט אין הויז. איך וואוין ביי קרובים. מיין פאַמיליע איז ער זעהר געפעלן. ווען ער האָט מיר אָנגעבאָטן אַ פּרעזענט האָב איך מיך ענטזאָגט אָנצונעמען, ווייל איך בין ניט פאַרליבט אין איהם. מיר זיינען זיך אויסאיינאַנדער געגאַנגען. מיר האָבן זיך אַ גאַנץ יאָהר ניט געזעהן. צייט איינינע וואָכן באַגעגענט ער מיך ווידער דאָרט וואו איך אַרבייט, און בעט מיך מיר זאָלן ווידער אָנהויבן אויסגעהן. ער האָפּט, זאָגט ער, אַז איך וועל איהם ליב קריגן. איך דענק מאַנכעס מאָל אַז איך טרייב אַוועק פון זיך אַ גוטן יונגן מאַן און וועל דערנאָך חרטה האָבן. מיין פאַמיליע רעדט מיר צו איהם צו נעמען. זיי זאָגן, אַז שעהנהייט איז ניט וויכטיג. דאָך האָב איך מורא אַז מיר זאָלן ביידע ניט זיין אומגליקליך אויב איך זאָל ניט באַוויזן איהם ליב צו קריגן. איך אַכט איהם זעהר פאַר זיין פיינקייט און אָפּענהערציגקייט. פּליז, דר. קלאָרמאַן, גיט מיר אַ ראַט, וואָס איך זאָל טאָן. סערע קליין.

וועל, ליבע סערע, איך וועל אייך ניט זאָגן אַזוי ווי אייערע קרובים זאָגן אייך, אַז שעהנקייט איז ניט וויכטיג. שעהנקייט איז יאָ וויכטיג.

מען פאַרבינדעט זיך מיט אַ מאַן אויף אַ גאַנצן לעבן, און אויב

זיין אויסזעהן איז אָפּשטויסענד צו דער פרוי, קען זי ניט זיין גליקליך.

אָבער, ליבע סערע, עס זיינען דאָ אַלערליי שעהנקייטן. עס זיי־נען דאָ אויבערפלעכליכע שעהנקייטן אין מענשן, אַזעלכע וועלכע ליגן פון אויבן־אויף און כאַפּן בלויז די אויג, און עס זיינען דאָ טיפערע שעהנקייטן, אין באַנעהמונג, אין באַוועגונג, אין ריידן, אין אינטעליגענץ, אין כאַראַקטער.

דער פאַקט אַליין וואָס אַ מענש איז קליין־געוויקסיג, אָדער האָט אַ ניט שעהנעם נאָז מאַכט ניט אַמענשן העסליך. עס קען זיין אָנציהענד און ליב אין פילע אַנדערע הינזיכטן.

עס זיינען בעקאַנט פאַקטן פון בילד־שעהנע פרויען וועלכע האָבן זיך פאַרליבט אין גאָר ניט שעהנע מענער, אַפילו אין קריפּלס. צוםביישפּיל, די שעהנע טאָכטער פון אַ באַנקיר האָט זיך פאַר־ליבט אין משה מענדעלסאָן, וועלכער האָט געהאַט אַ הויקער פון פאָרנט און פון הינטן.

איזראַעל זאַנגוויל איז געווען גאָר ניט קיין שעהנער מאַנס־פּאַרשוין, האָט זיך אין איהם פאַרליבט די בילד־שעהנע געבילדעטע טאָכטער פון אַ פּראָפעסאָר און זיי האָבן חתונה געהאַט און געלעבט גליקליך.

נאַטירליך זיינען דאָס פאַלן פון באַריהמטע מענער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע טאַלאַנטן. אָבער צווישן מיטלמעסיגע מענשן זיינען אויך אַזעלכע פאַלן גאָר ניט זעלטן.

עס הענגט אַלע מאָל אָפּ ניט פון די שעהנקייטן, וועלכע דער מאַן באַזיצט אין זיין פּנים אָדער געוואוקס, נאָר פון די שעהנקייטן וועלכע די פרוי ענטדעקט אין איהם.

און איך זעה פון אייער לעטער, אַז איהר האָט אין דעם יונגן־מאַן ענטדעקט אַ פיינעם כאַראַקטער, אַן אויפמערקזאַמקייט צו זיין אויסערליכקייט, אַ געשמאַק אין קליידונג, אַן אויפריכטיגקייט, אַן אָפּנהאַרציגקייט — ווייזט אויס אַז איהר זייט ניט בלינד צו אינער־ליכע שעהנקייטן.

אַוודאי וואָלט נאָך בעסער געווען, אַז צו אַלע מעלות זאָל ער אויך זיין איין אינטש אָדער צוויי העכער געוואַקסן, און זאָל האָבן אַ שעהנערן נאָז, אָדער שעהנערע האָר.

אָבער, שוועסטערל, מ׳קען זיי ניט באַשטעלן „טו אָרדער״. זיי קומען אַזוי פון דער פעקטאָרי מיט זייערע מעלות און מיט זייערע חסרונות, און איינער וואָס איז מיט אַלע מעלות, אי קערפּערליך ווי גייסטיג און מאָראַליש, איז זעהר שווער צו געפינען.

איהר זאָגט אין אייער לעטער, אַז ווען איהר וואָלט געהאַט

געלט, דאָס הייסט נדן, וואָלט איהר געקענט נעהמען איינעם וועל־כער וואָלט אייך געפעלן.

אפשר יאָ, און אפשר ניט. אָבער אַפילו אויב יאָ, איז דאָס נאָך קיין באַווייז ניט, אַז איהר וואָלט מיט איהם געווען גליקליך.

שעהנע מאַנסבילן זיינען מייסטענס אַזוי איינגערעדט און אייטל, און אַזוי האָפערדיג מיט זייער שעהנקייט, ווי שעהנע פרויען. זיי זיינען אויך אַזוי עמפינדליך צו קאָמפּלימענטן, און אויך אַזוי ענגסטליך צו בעצויבערן מיט זייער אויסזעהן.

די פרויען פון שעהנע מענער ווערן אָפט פאַרצעהרט פון איי־פערזוכט. שעהנע מאַנסבילן ווילן באַוואונדערט ווערן פון פרויען, דערפאַר זיינען זיי ניט אַלע מאָל איבערגעגעבן צו זייערע אייגענע פרויען.

דער יונגער מאַן פון וועלכן איהר שרייבט האָט אַלס פערליב־טער אַ היבש ביסל צו זיין קרעדיט.

ער איז אויפריכטיג אין זיין ליבע; ער איז שטאַנדהאַפט; און דער פאַקט דאָס נאָך אַ יאָהר אונטערברעכונג אין אייער אויסגעהן צוזאַמען, קומט ער צו אייך צוריק, באַווייזט אַז ער טראַכט נאָר פון אייך.

ער איז אַ גוטער פאַרדינער — איינע פון די גרעסטע מעלות.

ער איז אויפריכטיג און אָפּענהערציג, וועט ער זיין אַ געטרייער מאַן.

און אויב ער איז אַן איידעלער מענש, ניט געוואוינט צו גראָבע רייד, צו באַליידיגענדע רייד, אַ מענש מיט איינזעהעניש פאַר די געפיהלען פון אַנדערע, און אַ געזונטער מענש — איז ער אַ מאַן וואָס קען געבן גליק און צופרידענהייט צו אַ ווייב.

דערפאַר וועל איך אייך ראָטען אַז איהר זאָלט איהם ניט אָפּ־שטויסן פון זיך, נאָר איהר זאָלט זיך נעהמען דעם טשאַנס איהם בעסער צו דערקענען און אויסגעפינען אין איהם יענע מעלות וועל־כע זיינען אָפט אָנציהענדער ווי אַ שעהנער וואוקס אָדער אַ שעהנער פנים.

געהט אוים מיט איהם אַזוי אָפט ווי איהר קענט און לערנט צו קענען זיין כאַראַקטער, און יענע ליבענסווירדיגקייט וואָס אַ מענש טראָגט אין זיין נשמה און וואָס אַנטפּלעקט זיך ביי פאַר־שידענע פאַלן וועלכע קומען פאָר אין לעבן.

לערנט איהם ליב צו קריגן. אויב נאָך אַ געוויסע צייט בלייבט ער דאָך פאַר אייך אָפשטויסענד, און איהר פיהלט, אַז איהר זייט גאָר גלייכגילטיג צו איהם, זאָלט איהר איהם ניט הייראַטן.

אָבער דער שכל זאָגט, אַז אויב ער איז אַזוי ווי איהר שילדערט איהם אין אייער לעטער, וועט איהר איהם ליב געווינען.

איהר האָט אַכטונג צו איהם — דאָס אַליין איז אויך אַ סאָרט ליבע. אָבער אומגאַנג, און דער ווילן אַרויסצוזוכן זיינע מעלות, אַנשטאָט צו זוכן חסרונות, וועט טאָן דאָס איבעריגע.

אַ מאַן איז דאַנקבאַר ווען ער ווייס, דאָס זיין פרוי האָט איהם אויסגעקליבן ניט פאַר זיין שעהנקייט, וועלכע ער האָט ניט, און טראָץ זיין ניט־שעהנקייט, נאָר פאַר אַנדערע מענשליכע מעלות.

צו פריה צו הייראַטן

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַן איין־איינציגע טאָכטער ביי מיינע עלטערן, האָב געענדיגט הייסקול און בין איצטער אין צוויטן יאָהר קאָלעדזש. איך האָב אַן עלטערן ברודער וועלכער האָט געהייראַט שוין עטליכע יאָהר און וואוינט אין אַן אַנדער שטאָדט. בין איך די איינציגע קינד אין הויז. מיינע עלטערן זיינען ניט רייך, נאָר לעבן גאַנץ באַקוועם. מיין מוטער איז די בעסטע מוטער וואָס אַ מיידעל קען זיך ווינשן צו האָבן. זי אַליין איז פאַר זיך זעהר קאַרג, נאָר פאַר מיר איז קיין זאַך ניט צו גוט געווען. זי גיט מיר די בעסטע ערציהונג אין די סקולס, דינגט פאַר מיר די בעסטע מוזיק־טיטשערס, און קויפט מיר די פיינסטע קליידער. צייט אַ יאָהר געה איך אוים מיט אַ יונגן מאַן וועלכער איז זעקס יאָהר עלטער פון מיר. איך האָב איהם ליב און ער מיר אויך. ער איז אין ביזנעס מיט זיין פאָטער, און איז פאַרמעגליך. ער קומט אָפט צו אונז אַהיים, ער שפּילט טשעקערס מיט מיין פאָטער, און מיין מוטער זאָגט, אַז ער איז אַ פיינער יונגער מאַן. מיט אייניגע טעג צוריק האָט ער געזאָגט צו מיין מוטער, אַז ער וויל איך זאָל הייראַטן מיט איהם נעקסטן מאָנאַט, האָט זי זיך צואוויינט און האָט שיער גע'חלש'ט. איך האָב דעם יונגן מאַן שוין פריהער געזאָגט, אַז איך וועל איהם הייראַטן ווען ער וויל, און זיינע עלטערן זיינען אויך צופרידן, נאָר מיין מוטער וויינט און טענה'ט, אַז עס איז צו פריה פאַר מיר צו הייראַטן. זי זאָגט, אַז זי האָט איהר לעבן אוועקגעגעבן פאַר מיר, דאַרף איך וואַרטן כאָטש נאָך אַ פאַר יאָהר און ניט אוועקגעהן פון דער היים אַזוי גיך. זי וויל איך זאָל ענדיגן קאָלעדזש איידער איך הייראַט. מיין פאָטער זאָגט גאָר ניט, און דענקט אַז דאָס איז דער מוטער'ס זאַך. הערט מיין מוטער ניט אויף צו טענה'ן און צו פאָדערן פון מיר אַז איך זאָל אָפּלייגן מיין חתונה אויף צוויי יאָהר. אַזוי ווי מיין מוטער לעזט אַלע טאָג אייערע ענטפערס צו לייטע וואָס ווענדן זיך צו אייך מיט פראַגן, האָב

איך איהר געזאָגט, אַז איך וועל שרייבן צו אייך און איך וועל טאָן ווי איהר וועט זאָגן. פליז, דר. קלאַרמאַן, ענטפערט וואָס שנעלער, ווייל מיר אַלע ווארטן אויף אייער ענטפער. די אַכטצעהן יעהריגע.

אייער מוטער האָט ניט געהאַט קיין איינווענדונג ווען איהר האָט צו זיבעצעהן יאָהר אָנגעפאַנגען אויסצוגעהן מיט אַ יונגען מאַן וועלכער איז זעקס יאָהר עלטער פון אייך.

זי האָט אייך געלאָזט אומגעהן מיט איהם אַ יאהר כסדר, און ווי א פרוי האָט זי געוויס פארשטאַנען אַז איהר האָט איינער דעם אנדערן ליב, און דאָס דער יונגער מאַן האָט אין געדאַנקען אייך צו הייראטן.

ווען אַן אינטעליגענטע מיידעל פון אכצעהן יאָהר איז אומגעגאנגען מיט אַ יונגען מאַן, איינציגע יאָהר עלטער פון איהר, אַ גאַנצן יאהר, און אויב זי איז אויך קערפערליך גענוג ענטוויקעלט, איז פאַר איהר ניט צו פריה צו הייראטן.

די אַרגומענטן פון אייער מוטער פאַר וואָס איהר זאָלט ווארטן נאָך צוויי יאָהר, זיינען ניט שטאַרק גענוג, אַז זיי זאָלן אייך אָפּהאַלטן פון הייראטן.

זי דיינקט איהר זייט צו יונג, און איהר דארפט פריהער ענדיגן קאָלעדזש. זי אַליין פיהלט אפשר ניט, אַז דאָס זיינען ניט די ריכטיגע „ריזאָנס” פאַר וואָס זי וויל ניט איהר זאָלט גלייך הייראטן.

דער אמת'ער ריזאָן איז, וואָס איהר איז אומעטיג אַליין אָהן אייך. זי האָט אייך ליב ווי א צערטליכע מאַמע קען ליב האָבן אַ קינד, האָט אויף אייך פאַרווענדעט אלץ וואָס זי האָט געקענט, האָט גענאָסן דעם גרעסטן פאַרגעניגן וואס א צערטליכע מאמע קען געניסן ווען זי זעהט ווי אַ יונגע טאָכטער וואַקסט און ענטוויקלט זיך אזוי שעהן.

פאַר איהר זייט איהר נאָך אַ בייבי. זי האָט הנאה פון אייער בילדונג און פון אייער מוזיק, און צו זעהן ווי לייט קוועלן אָן פון אייך. זי פיהלט זיך גליקליך מיט אייך, און איז ניט איינזאַם.

מיט אַמאָל קומט אַ פרעמדער יונגער מאַן און וויל אייך אוועקנעמען פון איהר, און זי וועט בלייבן איינזאַם.

דאָס איז די ריכטיגע אורזאַכע פאַר וואָס זי וויל ניט איהר זאָלט אזוי גיך הייראַטן, נאָר זי קען דאָס ניט אַרויסזאָגן אין ווערטער, דאָס וואָלט געקלונגען צו אייגננוציג, צו זעלבסטזיכטיג, און גאָר ניט שכל'דיג.

יעדע מוטער ווייס אז די העכסטע באַשטימונג, און דער העכסטער וואונש פון אַ מיידעל איז צו געפינען דעם ריכטיגן מאַן, צו

זיין פרוי און מוטער, און צו זאָגן צו אַ טאָכטער זי זאָל וואַרטן בלויז ווייל דער מאַמען איז אומעטיג אָהן איהר, וואָלט געווען גאָר אָהן שכל.

איז די נאַטור פון מענשען צו געפינען שכל׳דיגע אַרגומענטען פאַר אַ פארלאַנג וואָס איז אַליין ניט שכל׳דיג.

זאָגט אייער מוטער אַז איהר זייט צו יונג, און איהר דאַרפט ענ־דיגן קאַלעדזש.

מיר שיינט, אַז אייער מוטער פיהלט ביי זיך אין הארצן אַז איהר זייט ניט צו יונג צו הייראַטן, און די צוויי יאָהר קאַלעדזש וועלכע זי וויל איהר זאָלט ענדיגן איז ווייט ניט אַזוי וויכטיג ווי צו היי־ראַטן דעם מאַן וואָס מ׳האָט ליב, און צו געפינען אַ קאַריערע אַלס ווייב און מוטער פאַר׳ן גאַנצן לעבן.

עס איז פיל גלייכער איהר זאָלט הייראַטן דעם מאַן וועלכן איהר האָט ליב שוין איצטער, איידער זיך אַריינלאָזן אין אַ לאַנגן ענ־גיידזשמענט פון נאָך צוויי יאָהר. דאָס איז ניט קיין געזונטע זאַך.

עס איז קיין צווייפעל, אַז איהר האָט אַ גוטע צערטליכע מוטער, וועלכע מיינט עס גוט מיט אייך. אָבער עס ליגט אין דער נאַטור פון זאַכן, אַז טעכטער פאַרלאָזן די היים פון עלטערן און געהען מיט דעם מאַן, וואָס האָט זיי געוואונען.

אייער מוטער קען ניט פאַרגעסן אַז איהר זייט איהר בייבי. עס איז איהר שווער זיך אָפּצוזאָגן פון דעם בעזיץ פון דעם קינד וואָס איז אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיט איהר; וואָס זי האָט געדריקט צו איהר הארצן, וואָס האָט איהר געהאַלזט און געקושט, און איז ווי אַ טייל פון איהר.

אָבער די אומשטענדן פון אייער בעפאָרשטעהענדע הייראַט ווייזן אויס צו זיין אַזוי גינסטיג, אַזוי צופרעדענד, אַז זי דאַרף זיך ווי אַ צערטליכע מוטער אָפּזאָגן פון דעם תענוג צו האַלטן אייך ביי זיך נאָך אַ פּאָר יאָהר, און אייך איבערגעבן מיט צופרידענהייט צו דעם יונגען מאַן וועלכער ליבט אייך, און וועמען איהר האָט ליב.

צו וואָס נעמען אומזיסטע טשאַנסעס? ווער ווייסט וואָס אין צוויי יאָהר קען זיך מאַכן?

אויך איז קיין אורזאַכע ניטאָ פאַר וואָס אייער מוטער זאָל פיהלן אַז איהר פאַרלאָזט זי.

דער פאַקט וואָס איהר וועט האָבן אַן אַנדער היים, אַן אייגענע היים, צורייסט ניט דעם בונד צווישן מאַמע און טאָכטער.

איהר וועט אָפט קומען צו איהר, זי צו אייך, און אויסטויש פון פאַרטרויען צווישן מאַמע און פאַרהייראַטע יונגע טעכטער שאַפט נייע אינטערעסן.

און ווען גאָט גיט אז עס קומט אן אייניקעל, דאַן פיהלט זיך אַ פרוי ווי אַ יונגע מאַמע ווידער, דען אייניקלעך זיינען אזוי ווי איי־גענע קינדער און מאַנכעס מאָל נאָך בעסער.

מ'האָט פון זיי אַלע הנאה'ס ווי פון אייגענע, אָהן די יסורים פון ברייגנען זיי אויף דער וועלט און זיי צו האָדעווען.

איז דערפאַר מיין מיינונג אַז אייער מוטער דאַרף אייך ניט אָפּ־ריידען פון הייראַטען באַלד, און וואָס איז נאָך מעהר, זי דאַרף זיך פיהלן גליקליך מיט אזא פּאַסיגען שידוך.

ניט קיין פּאַרשוין, און צו פעט

ווערטער דר. קלאַרמאַן :

איך בין אַ מיידעל פון זעקס־און־צוואַנציג יאָהר. בין געקומען מיט מיינע עלטערן אין אַמעריקא מיט פערצעהן יאָהר צוריק. איך האָב גע־ענדיגט קאַלעדזש און האַלט אַ פּאָזישאַן, וועלכע צאָהלט אַ גאַנץ פיינע סאַלערי. ביז מיט דריי־פיר יאָהר צוריק האָב איך שווער געאַרבייט בייטאָג און געלערענט האַלבע נעכט. מיינע עלטערן זיינען אָרעם און האָבן אַ גרויסע פאַמיליע אויסצוהאַלטן, אָבער זיי נויטיגן זיך ניט אין אונטער־שטיצונג פון מיר. איך וואָלט אייגענטליך געקענט זיין צופרידן, ווייל מיר פעהלט קיין זאַך ניט. אָבער מיין האַרץ גאַרט נאָך אַן אייגענע היים, נאָך אַ געליבטן מאַן, און נאָך אַ קינד. נאַטירליך קען איך ניט נעמען דעם ערשטן וואָס קומט מיר אַנטקעגן. אַזעלכן וואָלט איך אפשר געקענט געפינען. אָבער איך וואָלט ניט געקענט זיין גליקליך מיט אַ מאַן וואָס איז ניט אינטעליגענט. אָבער אינטעליגענטע יונגע לייט זוכן צוויי זאַכן: שעהנקייט אָדער פיל געלד, אָדער ביידע זאַכן. און די ביידע זאַכן פעהלן מיר ליידער. איך בין ניט שעהן און איך בין צו פעט, וואָס איז היינטיגע צייטן ניט אין סטייל. און פיל געלט האָב איך ניט. די עטליכע דאָלאַר וואָס איך שפּאָר פון מיין סאַלערי וואָלטן קוים געווען גענוג אויסצופּאָרנישן אַ קליינעם אַפּאַרטמענט פון דריי רומס. בעט איך אייך מיר צו זאָגן, צי איז דאָ אַ האָפנונג פאַר אַ מיידעל ווי איך בין צו קומען צו אַ ציל און זיך אויסצולעבן, און וואָס קען איך טאָן דאָס צו דערגרייכן? אָדער זאָל איך פּילייכט אויפגעבן אַלע האָפנונגען? בעסי.

מיר שיינט, שוועסטער־לעבן, אז דאָס וואָס אייך פעהלט שעהנ־קייט און געלט איז ניט אייער גרעסטער חסרון. אַ פיל גרעסערער חסרון איז וואָס אייך פעהלט מוטה. איהר ליידעט פון אן „אינפיריאָ־ריטי קאָמפּלעקס”; איהר זייט צופיל געפאַלן ביי זיך.

אמת, טאַקע, שעהנקייט איז איינע פון די גרעסטע מעלות וואָס א מיידעל קען באַזיצן ווען עס האנדעלט זיך וועגן געפינען אַ מאַן. און וואו שעהנקייט פעהלט און עס איז דאָ געלט קען מען שוין אויך היינטיגע צייטן אויסקומען. אייך, זאָגט איהר, פעהלן ביידע זאכן.

אָבער איהר האָט אַנדערע מעלות, וועלכע מענשן מיט שכל וויסן ווי צו שעצן. איהר קענט, צום ביישפּיל, שרייבן אן אינטע־ליגענטן בריף, אויסדריקנדיג זיך אין אַ פיינעם דירעקטן, קלאָהרן ענגליש, וואָס טויזענדע אנדערע מיידלעך קענען ניט.

נאַטירליך קען מען מיט אַזאַ מעלה ניט צוציהען איינעם אָהן אַ נאָהענטע באקאנטשאַפט. און ניט אַלע וויסן אזא מעלה צו שעצן. זיינען היינטיגע צייטן דאָ גענוג אנדערע מיטעל, אויב מ'האָט נאָר שכל און גוטן געשמאַק, ווי אזוי צו מאַכן זיך אנציהענד, אפילו ווען די מוטער־נאַטור איז געווען צו קאַרג מיט איהר מתנה פון שעהנ־קייט.

מ'קען זיך פאָרשטעלן, דאָס אַרבייטענדיג און שטודירענדיג האָט איהר וואַרשיינליך פאַרנאַכלעסיגט אייער אויסערליכע ערשיינונג. עס איז אייך ניט געלעגן אין קאָפּ צו פוצן זיך, אָדער צו קליידן זיך סטייליש, און אַפילו אויב איהר האָט געטראַכט דערפון האָבן אייך געפעהלט די מיטעל דערצו.

דער דורכשניטליכער יונגער מאַן, אינטעליגענט אָדער ניט, האָט א פאָראורטייל געגן אן „אינטעליגענטקע" וואָס איז אָפּגעלאָזן אין איהר קליידונג אָדער אין איהר אויסזעהן.

אין די מייסטע פאַלן האָט אזא פאָראורטייל א גוטן גרונד, ווייל „אינטעליגענטקעס" פון דעם סאָרט זיינען זעלטן גוטע באַלעבאָסטעס, זיינען צופיל אַריינגעטאָן אין „העכערע ענינים" און פאַרנאַכלעסיגן די טאָג־טעגליכע.

„אינטעליגענטקעס" וועלכע אינטערעסירן זיך מיט אַלע הויכע ענינים, אויסער ווי צו זיין א גוטע באַלעבאָסטע, א גוטע פרוי און מוטער, באַצייכענט מען נאָך עד היום אין יוראָפּ מיט דעם נאָמען „בא־בלעי", (בלויער זאָק), און מען פאַרשטעהט דאַרונטער אָפּגע־לאָזענקייט.

איך מיין ניט צו זאָגן אז איהר זייט פון דעם סאָרט „אינטעלי־גענטקעס". דער פאַקט וואָס איהר האַלט אַ שטעלע און איהר פאַר־דינט געלט, באַווייזט אַז איהר טויגט צו פּראקטישע זאכן.

אָבער איך שטעל מיר פאָר, דאָס אַ מיידעל וואָס האָט אַזוי שווער געארבייט ווי איהר, און וואָס האָט דורכגעמאכט קאָלעדזש אונטער אזעלכע מאַטעריעלע שוועריגקייטן, האָט געמוזט פאַרנאַכ־

לעסיגן געוויסע ווייבליכע השלמות (אַקאָמפּלישמענטס) וועלכע זיי־נען באַזונדערס אַנציהענד צו היינט־וועלטיגע יונגע לייט.

איהר זייט פיליכט אויך ניט „אַפּ־טו־דייט” אין זאַכן פון קליי־דונג. אין די יאָהרן פון שווערע ארבייט און געדריקטקייט האָט איהר ניט געקענט טראַכטן וועגן דעם. איהר צאָהלט פילייכט הויכע פּרייזן פאַר אייערע קליידער, אָבער איהר זייט פילייכט ניט גאַנץ „פּרעטיקלע” אז זיי זאָלן פּאַסן צו אייער פּערזאָן.

האָט איהר אייך בעראַטן מיט אַ ביוטי פּאַרלאָר ווי אַזוי איהר דאַרפט טראָגן אייערע האָר? אָדער וואָס פאַר אַ סאָרט קאָמפּלעק־שאָן עס פּאַסט צו אייער פּנים?

און האָט איהר זיך בעראַטן מיט אַ „דייעטישן” וועגן די שפּייז און די צאָהל „קאַלאָרים” וואָס איהר דאַרפט נעמען, אום צו פאַרלירן אַביסעל פון אייער געוויכט?

פילע מיידלעך טוען דאָס בלויז פון סטייל וועגן, און כאַפּן אי־בער די מאָס, און מאַכן זיך העסליכער אנשטאָט שעהנער. עס איז ניטאָ קיין העסליכערע זאַך ווי שטאַרק רויטע ליפּן, וואָס קוקן אויס ווי אַ וואונד, אָדער באַפאַרבטע באַקן אויף וועלכע מען זעהט פון ווייטן די „סלאַיעס” פאַרב.

אָבער ווען דאָס ווערט געטאָן מיט קונסט און מיט גוטן גע־שמאַק, ניט איבערכאַפּענדיג די מאָס, פאַרמעהרט דאָס די שעהנקייט פון אַ יונגע פרוי.

אין אייער פאַל איז דאָס אַ נויטווענדיגקייט. לערנט די קונסט צו זיין שעהן. לייגט זיך אָפּ אויף דעם אַזוי ווי איהר האָט זיך אָפּ־געלייגט אויף די ביכער, שטודירענדיג אין קאָלעדזש.

דער גרעסטער טייל פון פרויען־שעהנקייט ליגט אין זייער קליי־דונג און אין זייער „מעיק־אָפּ”. אויב די קליידער זיינען פון קאָליר און שניט צוגעפּאַסט צו דער פּערזאָן, און דער „מעיק־אָפּ” איז צו־געריכט מיט קונסט און געשמאַק, קען אַ ניט־שעהנע פרוי אויסקוקן שעהן.

לאָזט זיך קאָסטן אויף דעם אַביסעל געלד, און טוט דאָס סיס־טעמאַטיש. גיט זיך איבער אין די הענד פון אַ געשיקטע ליידי, אין אַ ביוטי פּאַרלאָר, און בעראַטה זיך מיט אַן עקספּערט וועגן אייער קליידונג. נעמט דאָס ערנסט.

דאַן זאָלט איהר נעמען לעסאָנס אין טאַנצן, אויב אייך פעהלט די השלמה (אַקאָמפּלישמענט), און איהר זאָלט פרעגן ביי אַ דאָק־טאָר־דייעטישן וואָס איהר מעגט עסן און וואָס ניט.

אויב איהר וועט דאָס רעגעלמעסיג טאָן אין פאַרלויף פון זעקס מאָנאַטן, וועט איהר זיך אליין ניט דערקענען אין שפּיגעל.

פֿאַר אייער פֿרישער „קאָמפּלקעשאַן” וועט פֿאַרשווינדן אייער „אינפֿיריאָריטי קאָמפּלעקס”, איהר וועט זיך פֿיהלן מוטיגער, דרייס-טער און וועט ניט מעהר זיין אזוי געפֿאלן ביי זיך.

פֿון אָפּהיטן „דייעט”, און פֿון טאַנצן וועט איהר ווערן באַוועג-ליכער, גראַציעזער, און איהר וועט ניט מעהר זיך קוויינקלען צו געהן צו פּאַרטיס אוים מורא, אז די יונגע לייט וועלן ניט קוקן אויף אייך און אייך לאָזן זיצן.

קוקענדיג אויף אייך וועלן די בחורים „פּאַרצאַפּעלט” ווערן, און איהר וועט אימירצישעם געפֿינען אייער באַגעהר.

זי האָט זיך אַנדערש פֿאַרגעשטעלט

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

א מאַן פֿון א יאָהר צוויי־דריי און דרייסיג האָט מיר געמאַכט א פֿאָרשלאָג פֿון הייראַט. איך בין א מיידעל פֿון איינאון־צוואַנציג יאָהר. איך קען דעם מאַן שוין פֿון א היבשע צייט. ער איז אין ביזנעס מיט מיין אָנקעל. איך האָב אָפֿט גערעדט מיט איהם, און איינמאָל האָט ער מיר גענומען אפילו צו א שאָו. אָבער ביז ער האָט געמאַכט זיין ערקלערונג צו מיר האָב איך קיינמאָל ניט געטראַכט פֿון איהם ווי פֿון א מעגליכן חתן אָדער מאַן. בין איך געוואָרן זעהר איבערראַשט און האָב ניט גע-וואוסט וואָס צו ענטפֿערן. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז דאָס קומט אַזוי פּלוצלונג, און בין אוועק אַהיים. ווען איך האָב דאָס דערצעהלט מיינע עלטערן, זאָגט מיין פֿאָטער אַז דאָס איז ניט קיין קרומע זאַך, און מיין מוטער זאָגט, אַז ער איז צו אַלט פֿאַר מיר. איך אַליין קען קיין זאַך ניט זאָגן געגן דעם יונגן מאַן. ער איז אַן אָרענטליכער מענש, ארבייט סטעדי אין די ביזנעס און מיין אָנקעל ליבט איהם זעהר. רייך איז ער ניט, אָבער ער האָט אַן אינטערעסט אין מיין אָנקעל'ס ביזנעס, און ציהט גענוג געלד צו מאַכען א לעבען פֿאַר א פֿאַמיליע. אָבער איך האָב מיר אַלע מאָל גאַנץ אַנדערש פֿאָרגעשטעלט דעם יונגן מאַן וואָס וועט קומען מיר נעמען, און האָב אַלע מאָל געהאָפּט אז ער וועט זיין פֿאַרליבט און צערטליך ווי א יונגער מאַן דאַרף זיין צו א יונגער מיידעל. און דאָ איז דער מאַן געקומען און האָט צו מיר גערעדט וועגן הייראַטן מיך אונגעריכטערהייד, און אין א שטייגער אַקוראַט ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדעלט פֿון פֿאַרקויפֿן מיר א קאָוט. האָב איך מיך געפֿיהלט זעהר ענטוישט. און דאָך קען זיין אַז מיין פֿאָטער איז גערעכט, אַז דאָס איז ניט קרום. אָבער די מאַמע זאָגט, ער איז צו אַלט. איז ביי אונז געבליבן מיר זאָלן הערן אייער מיינונג. פּליז, ענטפֿערט אונז. די מיידעל.

איך האַלט מיט אייער פאַטער, אַז דאָס איז גאָר ניט קיין קרומע זאַך, און איך שטים ניט איין מיט אייער מוטער, אַז ער איז צו אַלט פאַר אייך.

און אויב אַפילו אַן אונטערשיעד אין די עלטערס פון עלף-צוועלף יאָהר איז אַ קאַפּעלע צו גרויס, האָט אָבער אַזאַ יונגער מאַן אַנדערע מעלות וואָס אַ אינגערער האָט ניט, און וואָס אַ פּראַקטישע מיידל דאַרף נעהמען אין בעטראַכטונג.

אַ מאַן פון צוויי-דריי און דרייסיג יאָהר איז שוין געזעצט אין זיינע מיינונגען און אין זיינע געשמאַקן, איז ניט מעהר קיין אַרומ-לויפער, און ער ווייס אַקוראַט וואָס ער וויל.

פון אַזאַ מאַן מעג מען גיכער ערוואַרטן אַז ער זאָל זיין טריי און איבערגעגעבן צו זיין פרוי, אַלס פון אַ אינגערן מאַן וועלכער פאַר-ליבט זיך היינט אין איין שעהנעם פּנים, און מאָרגן פיליכט אין אַן אַנדערן.

ער איז וואַרשיינליך שוין אַרויסגעוואַקסן פון די גאַנץ יונגע יאָהרן ווען מ׳ברענט און מ׳פלאַטערט ביי דער נאָהענטקייט פון אַ מיידל, אָבער אַ מאַן פון צוויי-דריי און דרייסיג קען נאָך זיין גענוג ראָמאַנטיש און צערטליך אויף זיין שטייגער.

פיליכט פיהלט ער אַקוראַט אַזוי ווי דער יונגער בחור׳ל פון אייער עלטער פון וועלכן איהר האָט גע׳חלום׳ט; נאָר אַ דער-וואַקסענער מענש, אַ ביזנעסמאַן, דענקט וואַרשיינליך אַז מ׳דאַרף זיך ניט נאַריש מאַכן מיט ליבעס-ערקלערונגען.

אויב דער יונגער מאַן פון וועלכן איהר האָט פאַנטאַזירט — ווי יעדע מיידל פאַנטאַזירט — וואָלט געקומען צו אייך מיט שעהנע ריידעלעך, מיט קאָמפּלימענטן, און וואָלט זיך אייך ערקלערט אין ליבע, און וואָלט אייך געזאָגט אַז ער קען אָהן אייך ניט לעבן אַ וואָך — וואָלט איהר אוודאי געפיהלט אַ „טהריל", אַ געוויסע באַפרידיגונג.

אָבער איהר וואָלט ניט געוואונען די זיכערקייט, די באַשטימט-קייט וואָס אייך האָט געגעבן דער מאַן מיט זיין דירעקטן פאַר-שלאַג.

דער יונגער מאַן פון דער פאַנטאַזיע וואָס קען ניט לעבן אַ וואָך אָהן אייך, וואָלט אפשר שפּעטער געזאָגט, ער קען ניט לעבן אַ וואָך מיט אייך, ווייל יונגע לייט וואָס פאַרליבן זיך שטאַרק קענען זיך שנעל ענטליבן.

אויך זיינען די יונגענקע בחורים וועלכע פאַרליבן זאַך, זעלטן געסעטלט אין לעבן, אַזוי דאָס זיי זאָלן קענען געבן אַ זיכערע עקזיסטענץ צו דער מיידל וועלכע זיי הייראַטן.

דער מאַן וואָס האָט אייך געמאַכט דעם הייראַטס-אנטראג איז אייך פון לאַנג־אָן בעקאַנט, איהר ווייסט ווער ער איז, וואָס ער טוט, און איז אימשטאַנד אייך צו געבן אַ געזיכערטע עקזיסטענץ.

דאָס זיינען גאָר גרויסע מעלות.

אויב איהר וואָלט געזאָגט אַז ער איז אָפּשטויסענד צו אייך, און איהר פיהלט אַז איהר קענט איהם ניט ליב האָבן, דאַן וואָלט איך אייך דורכאויס געראָטן איהם ניט צו הייראַטן.

אָבער פון אייער בריף מערק איך, אַז איהר זייט ניט גאָר אָפּגע־נייגט פון איהם. מעהר ניט, זיין ביזנעסמעסיגער פאָרשלאַג ,און די פּלוצליכקייט, האָט אייך איבערראַשט. און איהר האָט געהאַט גע־וואָרט אויף אַביסעלע ראָמאַנטיק.

טאָ וועגט די אַנדערע גרויסע מעלות אַנטקעגן די פאַרלאָרענע ראָמאַנטיק, און בעטראַכט דעם מאַנ'ס פאָרשלאַג ערנסט, און מיט דער צונייגונג וואָס ער פאַרדינט.

געפאַנגען פון אַ „ים־מיידל"

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיט מיר האָט געטראָפען אַזאַ מעשה: איין הייסן טאָג, פאָריגן דזשולי, האָב איך מיך אַריבערגעכאַפּט אין קאָני איילאַנד צו נעמען אַ שווים. איך שווים מיך דורך אַזוי אונגעפעהר אַ האַלבע שעה, און שטעה אין מיין ביידינג סוט אין ים און טראַכט, צי עס איז שוין צייט צו געהן אַהיים, אָדער מ'קען כאַפּען נאָך אַ שווים. מיט אַמאָל דערזעה איך נאָהענט ביי מיר אַ שעהנע בלאָנדע מיידעל וועלכע קוקט אויף מיר און שמייכעלט. „ווערי נייס וועטהער", — זאָגט זי צו מיר. „ביוטיפול", — ענטפער איך. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז עס איז געקומען אַזוי דאָס מיר האָבן פאַר־לאָזן דעם ים האַנד־אין־האַנד, און אַ פּאָר טעג שפּעטער קריג איך אַן איינלאַדונג צו קומען אין הויז פון איהרע עלטערן. ווייזט זיך ארויס דאָס איהר פאָטער איז אַ יוראָפּעאישער תלמיד חכם וואָס האָט נאָך גע־קענט מיין זיידן, און מיר זיינען לאַנדסלייט.

איך ווייס ניט פאַר וועלכע מעשים טובים, נאָר די ים־מיידעל האָט זיך שטאַרק איינגעליבט אין מיר, כאָטש זי איז בלויז צוויי־און־צוואַנציג יאָהר אַלט און איך זיבען־און־דרייסיג, און בין שוין אין יוראָפּ אַמאָל געווען פאַרהייראַט. אָבער אין אַ קורצע צייט איז זי מיר אויך זעהר ליב געוואָרן. מיר זעהען זיך יעדן אָוועגט ביי די עלטערן אין הויז און איך פיהל מיך זעהר וואויל מיט איהר, גאָר ניט ווי אַ געפאַנגענער.

אַלעם געהט כשורה, ווי עס געהער צו זיין, אָבער איין מח עגבערט די פראַגע, צי איז דער חילוק אין די עלטערס — גאַנצע פופצעהן יאָהר — אַ קאַפּעלע ניט צו גרויס פאַר אונזער ביידענס גליק אין דער צוקונפט. איצט פיהל איך מיך געזונט און מונטער ווי אַ מאַן אין די בעסטע יאָהרן פון לעבן; אָבער ווען איך טו אַ טראַכט וועגן צוואַנציג, פינף־און־צוואַנציג יאָהר שפּעטער, ווען איך וועל זיין שוין אין די עלטערע יאָהרן, און זי ערשט אין די מיטעלע, ווערט מיר אַביסעל קאַלעמוטנע צום מוט, און איך פרעג, צי קען ניט זיין טראָבעל. בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן, צו ענט־פערן מיר אויף דער פראַגע. יעקב בן לוי.

ליבער פריינד, ווען עס טרעפן אַ אידן אַזעלכע „נסים אויפ'ן ים" דאַרף מען ניט צופיל איבערקלערן. ניט אַלע טאָג טרעפט זיך אַ נס, און אויב איהר וועט דעם „נס" ניט אויסנוצן, ווער ווייסט אויב איהר וועט נאָך אַמאָל האָבן אַזאַ זכיה, אַז אַ ים־מיידעל זאָל אייך פאַנגען.

עס איז גוט צו טראַכטן וואָס שפּעטער וועט זיין, אָבער ניט אויף אַזוי שפּעט, אויף גאַנצע צוואַנציג אָדער פינף־און־צוואַנציג יאָהר. דאַמאָלס וועט איהר וואַרשיינליך שוין האָבן דערוואַקסענע זיהן און טעכטער, און וועט האָבן אַנדערע אינטערעסן אַ חוץ שפּילן זיך אין ליבע.

אייער איבערקלעהרעניש איז ווי פון יענעם קאַרגן, וועלכער פאַרגינט זיך ניט אַ ביסן פלייש, אָדער טשיקען, קלייבענדיג אַלץ אויף שפּעטער; און ווען דער שפּעטער קומט האָט ער ניט מעהר קיין ציינער צו קייען, און דער געשמאַק איז טעמפּ, האָט ער פאַר־בראַכט אַ לעבן און קיין הנאה ניט געהאַט.

אַ חילוק פון פופצעהן יאָהר אין די עלטערס פון מאַן און פרוי, אויף דעם מאַן'ס זייט, איז פּילייכט אַ קאַפּעלע צו גרויס, אָבער ניט זעהר גרויס.

אַ מאַן וואָס איז נאָרמאַל־געזונט, און פיהרט אַ רעגעלמעסיגן ריינעם לעבן, עלטערט זיך פיל לאַנגזאַמער אַלס די פרוי, וועלכע געהט דורך דעם מאַרטירטום פון מוטערשאַפט, און טראָגט די לאַסט פון האָדעווען קינדער, און אַנדערע טראָבעלס וועלכע זיינען אייגן צו איהר געשלעכט.

עס הייראַטן אָפט מענער פון פינף־און־זעכציג און אפילו פון זיבעציג יאָהר, מיט פרויען פיל אינגער פון זיי.

איז מיין עצה, אַז איהר זאָלט בלייבן אַ פריווויליגער געפאַנגע־נער ביי אייער בלאָנדער סירענע.

אַן אַמעריקאַנער און „גרינער".

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַ מיידעל פון ניינצעהן יאָהר און ניט קיין מיאוס'ע. איך בין אַן אַמעריקאַנער געבוירענע און האַלט אַ שטעלע אַלס בוקקיפּער אין אַ ביזנעס.

מיט אַ קורצע צייט צוריק האָט אַ פריינד פון דער פאַמיליע מיר פאַרגעשטעלט אַ יונגן מאַן, וועלכער איז בלויז זעקס יאָהר אין אַמעריקא. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער רעדט שלעכט ענגליש. ביי טרייד איז ער אַ פּלאָמבער. דער מאַן, וואָס האָט איהם מיר פאַרגעשטעלט, איז זיין באָס. ער האָט איהם זעהר געלויבט אַלס אַ מענשן מיט אַ פיינעם כאַראַקטער.

מיין פראַגע איז, אויב אַן אַמעריקאַנער געבאָרענע מיידעל קען זיין גליקליך מיט אַ „גרינעם" באָי. ווילט איהר אַזוי פריינדליך זיין, דר. קלאָרמאַן, און מיר געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע.

די אַמעריקאַנערקע.

דאָס איז אַ פראַגע, וועלכע פערדינט אַז מען זאָל זי אומשטענדליך אַרומריידען, ווייל זי קומט אַזוי אָפט פאָר.

איך בין זיכער, אַז ווען מען זאָל דער זעלביגער מיידל, וועלכע פרעגט, אויב אַן אַמעריקאַנער מיידל קען זיין גליקליך מיט אַ „גרינעם" מאַן, שטעלן די געגענפראַגע: „פאַרוואָס ניט?" וואָלט זי געפונען גרויס שוועריגקייט צו ענטפערן אויף דעם.

זי זאָגט, אַז ער רעדט שלעכט ענגליש. נו, איז וואָס? עס איז זעלבסטפערשטענדליך. געקומען אַהער איז ער אַלס דערוואַקסענער מאַן, איז בלויז זעקס יאָהר אין לאַנד, קיין צייט צו לערנען די שפּראַך סיסטעמאַטיש האָט ער ניט געהאַט, רעדט ער שלעכט ענגליש.

עס זיינען דאָ פערהעלטניסמעסיג אַ קליינע צאָהל פון דערוואַקסענע איינגעוואַנדערטע וועלכע ריידן גוט ענגליש.

און אויב אַפילו זיי ריידן גוט די שפּראַך, קען מען נאָך אימער אין זיי דערקענען דעם אויסלענדער, וועלכער האָט ניט ווי עס געהערט צו זיין בעמייסטערט דעם טי־אייטש, אָדער דעם אַמעריקאַנער אַרר.

אָבער עס זיינען דאָ טויזענדע, צעהנדליגע טויזענדע, פון די וואָס ריידען ניט גוט ענגליש, אָדער ריידען מיט אַ שטאַרקן אויסלענדישן אַקצענט, וועלכע האָבן זיך אַרויפגעאַרבייט צו אַ פיינעם שטאַנד, צו אַ נאָמען, צו עשירות.

מייסטענס קומט די פראַגע אַרויף ביי מיידלעך וועלכע זיינען

אויבערפלעכליך, דיינקען זיך ניט אריין טיפער אין אַ סיטואַציע, און אורטיילן פון אויסערליכקייטן און פון דעם ערשטן איינדרוק.

מען זעהט אַפט מיידלעך אָהן בילדונג און אָהן שכל בליקן אַרונטער מיט אַ געוויסער פעראַכטונג אויף אַ „גרינעם", וועלכער איז צעהן מאָל מעהר געבילדעט פון זיי, און פערשטעהט פיל מעהר פון זיי, און פערשטעהט אפילו די ענגלישע שפּראַך בעסער פון זיי, נאָר ער קען ניט ריידן מיט דער ריכטיגער אויסשפּראַכע, ער רעדט מיט אַ שטאַרקן אַקצענט, און קען זיך ניט בענוצן מיט דעם געוועהנ־ליכן „סליינג", — איז ער אַ „גרינער".

דאָ שפּילט הויפּטזעכליך אַ ראָלע דער פאָראורטייל געגן דעם פרעמדן. שוין דער צוזאַמען „גרינער" האָט אַ ווידערווערטיגן קלאַנג, איז אַ סאָרט גרינגשעצונג, פעראַכטונג.

מאַנכעס מאָל האָט די פראַגע איהר פולע בערעכטיגונג; דען עס זיינען דאָ גראַדן אין „גרינקייט", און עס זיינען דאָ גראַדן אין אַמעריקאַנישקייט.

לאָמיר אָננעהמען, צום ביישפּיל, אַ מיידל, וואָס איז אויסגע־וואַקסן אין אַ פולשטענדיג אַמעריקאַניזירטע היים, וואו אַלעס פיהרט זיך אַמעריקאַניש, און וואו ענגליש ווערט גערעדט אַלס די מוטער־שפּראַך שוין ביי די עלטערן, און מען זאָל איהר שדכנ'ען אַ יונגען מאַן, וועלכער איז ניט לאַנג אין לאַנד, רעדט שלעכט די שפּראַך, און איז נאָך גאָר פרעמד צום אַמעריקאַנישן לעבן.

דאָ וואָלט די פראַגע פון פּאַסיגקייט געווען אַן ערנסטע.

ניט בלויז די שפּראַך וואָלט דאָ געווען אַ שטערונג, נאָר די זיטן, די געוואוינהייטן, די וועלט־אַנשויאונג.

דער פּראָצעס פון צופּאַסן־זיך, פון איינמאַשצען זיך, פון צו־געוועהנען זיך איינער צום אַנדערן — וואָס איז נויטיג צו אַ האַר־מאָנישן לעבן — וואָלט צוגעגאַנגען זעהר שווער; וואָלט פּיליכט גאָר ניט מעגליך געווען.

אָבער די פראַגע ווערט אָפט אויפגעהויבן פון מיידלעך, וועלכע זיינען אַליין אויסגעוואַקסן אין אידישע היימען; ביי עלטערן, וועל־כע ריידן אַליין שלעכט ענגליש, און אפשר אמאָל גאָר אידיש; דאָס לעבן אין הויז איז אַ באַלעבאַטיש אידיש לעבן, ניט ווייט אָפּ־געררוקט פון דעם אידישן לעבן אין דער אַלטער היים, פון וואַנען דער „גרינער" באַי שטאַמט.

מעהר ניט, די מיידעל איז דאָ געגאַנגען אין סקול, רעדט ריכ־טיגער די שפּראַך, לעזט אַן ענגלישע צייטונג, איז זי שוין, הייסט עס, אַמעריקאַניזירט.

אין אַזאַ פאַל, האָט די פראַגע קיין בארעכטיגונג, און זי

שפּראַצט גיכער אַרויס פון פאַראורטייל, פון ניט-בעדיינקען, און פון פוסטע גאוה.

פוסטע גאוה שפּילט דאָ די הויפּט-ראָלע. א מיידעל גיט זיך א טראַכט: „איך וועל מיך שעהמען פאָרצושטעלן מיין חתן פאר מיינע אַמעריקאַנישע חבר'טעס. זיי וועלן „גיגלען" ווען ער וועט אַרויסריידן אַן ענגליש וואָרט ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין".

דאָס, ווייזט מיר אויס, איז דער ספּעציעלער פאַל, פון וועלכן דאָ ווערט גערעדט.

די ניינצעהן-יעהריגע מיידעל, וועלכע צייכענט זיך „די אַמע-ריקאַנערקע", שרייבט א גאַנץ גוטן אידיש. אין דעם גאַנצן ברי-וועל איז ניט געוועזן איין וואָרט שלעכט אויסגעלעגט.

דאָס באַווייזט, אַז זי איז אויסגעוואַקסן אין אַ באַלעבאַטיש הויז, און זי האָט געלערענט אידיש. עס איז מעגליך, אַז מיט דער מאַמען אין דער היים איז איהר שפּראַך אידיש.

דאָס אידישע לעבן, אידישע געוואוינהייטן און די אידישע דיינקונגס-אַרט זיינען איהר, הייסט עס, ניט אומבאַקאַנט.

נאָר זי איז דאָ געבאָרן, איז געגאַנגען אין סקול און רעדט די ענגלישע שפּראַך מיט דער ריכטיגער אויסשפּראַכע, וואַרשיינליך מיט דעם ניו יאָרקישן אַקצענט.

ווען דער יונגערמאַן, דער פלאַמבער, וואָלט נאָר אַרויסגערעדט דעם „טי-אייטש" און דעם „אַרר" ווי עס בעדאַרף צו זיין, וואָלט זי גאָר קיין שאלות ניט געפרעגט.

זי זאָגט ניט, אַז דער יונגערמאַן איז ניט גענוג אינטעליגענט, אָדער האָט ניט גענוג אַמביציע, אָדער קען קיין לעבן ניט מאַכן — זי האָט בלויז אויסצוזעצן וואָס ער איז אַ „גרינער", און אַ „גרינער" אין דעם פאַל איז איינער, וואָס רעדט ניט גוט ענגליש.

איז די פראַגע דאָ ניט אַ באַרעכטיגטע פראַגע, און איך קען ניט זעהן, פאר וואָס אַזאַ פּאָר זאָל ניט קענען זיין גליקליך.

איך קען מיר זעהר גוט פאָרשטעלן, ווי אַזוי אַ יונגע פרוי מיט שכל קען „דערציהען" אַזאַ פלאַמבער, אַז ער זאָל ריידן בעסער ענגליש.

אויב זי וועט ניט אָפּלאַכן פון זיין אויסשפּראַכע, נאָר גוטמו-טיג פאַרבעסערן, און אפשר גאָר געבן איהם לעסאָנס, וועט א לי-בענדער מאַן טאָן אַ גרויסע פעולה.

אויך קען איך מיר פאָרשטעלן, ווי אַזוי אַן אינטעליגענטע פרוי, וועלכע פאַרשטעהט בוק-קיפּינג און ביזנעס, קען אָנפירען די אַמביציע פון אַזאַ פלאַמבער, אַז ער זאָל מיט דער צייט ווערן אַ

פלאַמבינג־קאָנטראַקטאָר, און די פרוי וועט אכטונג געבן אויף די בוך־פיהרונג.

אלזאָ, מיין ליבע אַמעריקאַנערקע, איהר האָט געפרעגט אַ פראַגע, לאָזט מיר זי ענטפערן אייך דירעקט.

מען זאָגט אייך, אז דער יונגערמאַן איז פון גוטן כאַראַקטער. דאָס איז גאָר א גרויסע מעלה. כאַראַקטער איז זעהר פיל.

לייגט אַוועק דעם חסרון פון דעם שלעכטן ענגליש אָן אַ זייט; דאָס איז איבערהויפּט ניט זעהר וויכטיג. א חוץ דעם ווערט דער חסרון מיט דער צייט פארקלענערט.

איהר איבערצייגט אייך, צי איז ער אַ מענש מיט שכל; צי איז ער א געזעצטער מענש; צי האָט ער אַמביציע; צי פאַר־דינט ער גענוג אויסצוהאַלטן א פאַמיליע; צי איז ער ניט צו־פארשווענדעריש, אָדער צו־קאַרג; צי געמבעלט ער ניט, און צי איז ער אייך איבערהויפּט סימפּאַטיש.

און דער וויכטיגסטער פּונקט פון אַלע פּונקטען איז, אז איהר מוזט באשליסן ביי זיך, דאָס זיין „גרינקייט" זאָל אייך ניט שטערן צו אייער פריידליכן לעבן.

דאַן וועט קיין אורזאכע ניט זיין פאַר וואָס אַזאַ פּאָר זאָל ניט קענען זיין גליקליך.

ליטוואַק און גאַליציאַנער

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַ מיידעל פון פיר־און־צוואַנציג, און לייטע האַלטן מיר פאַר ניט קיין נאַר און ניט קיין מיאוס'ע. איך בין אַ סטענאָגראַפער אין אַן אָפיס און פאַרדין גענוג צו צאָהלן מיין מוטער פאַר מיין באָרד און צו קליידן זיך אָנשטענדיג. אין די לעצטע עטליכע מאָנאַטן האָב איך געהאַט ניט וועניגער פון פינף „פּראָפּאָזישאָנס" צו הייראַטן. דריי האָב איך צוריקגעוויזן, און פון די צוויי, וועלכע איך האַלט אין באַטראַכטן, קען איך ניט ענטשיידן, און איך בעט אייך מיר צו העלפן צו קומען צו אַ באשלוס. איינער פון די יונגע לייט איז אַ גאַליציאַנער. ער איז געקומען אין אַמעריקא אַלס איינגעל פון צעהן יאָהר, איז געגאַנגען דאָ אין סקול, און איצט איז ער אין ביזנעס. מיינע עלטערן קומען פון ליטא, האָבן זיי אַ פאָראורטייל געגן גאַליציאַנער, און ריידן מיר אָפּ פון איהם. אָבער מיר געפעלט ער גראד יאָ. ער איז אַ מונטערער, ענערגישער מענש, און מאַכט אויס ניט שלעכט אין ביזנעס. דעם איינציגן חסרון וואָס איך געפין אין איהם איז וואָס ער האָט ליב צו פיהרן אַרגומענטס און איבערשפּאַרן.

אויב איך זאָג, אז די שאָו געפעלט מיר, זוכט ער תיכף צו באַווייזן, אז זי טויג ניט. אמאָל איז דאָס אינטערעסאַנט, אָבער ווען איינער טוט עס אויס געוואוינהייט ווערט דאָס דערעסן.

דער צווייטער איז אַ דראָגיסט און טוט אַ גוטע ביזנעס. ער קומט אויך פון ליטאַ אזוי ווי מיינע עלטערן, געפעלט ער זיי בעסער. ער האָט קיינמאָל קיין אַרגומענט מיט מיר, און איז אַלע מאָל איינפאַרשטאַנען מיט מיינע מיינונגען וועגן זאַכן.

וואָס איך פרעג זיך אַליין איז, צי איז בעסער צו האָבן אַ מאַן וואָס האָט דעם זעלביגן געשמאַק און די זעלביגע מיינונגען וואָס די פרוי האָט, אָדער איז בעסער צו האָבן אַ מאַן וואָס האָט מיינונגען אַנדערש ווי זיין פרוי.

וועגן מאַכן אַ לעבן זיינען זיי ביידע כמעט אין זעלביגן מצב. יעדער האָט זיין ביזנעס און ביידע האָבן מיטלמעסיגן סוקסעס.

איך וועל אייך זעהר דאַנקען פאַר אייער מיינונג אין דער זאַך.

די אונענטשלאָסענע.

די פראַגע פון „גאַליציאַנער״ און „ליטוואַק״ איז אין אייער פאַל ניט פון גרויסער באַדייטונג. ביידע יונגע לייט זיינען געקומען יונג אין אַמעריקאַ, ביידע האָבן דורכגעמאַכט אַמעריקאַנישע סקולס, און איהר אַלע דריי רעדט די זעלביגע שפּראַכן.

דער פאָראורטייל פון ליטוואַקעס געגן גאַליציאַנער, און פון גאַליציאַנער געגן ליטוואַקעס, אין זאַכן פון שידוכים, האָט אַ שטיקעל גרונד בלויז אין אַזעלכע פאַלן, אין וועלכע די יונגע לייט זיינען נאָך „גרין״, און יעדערער פון זיי ברייננגט פון זיין היים זיינע אייגענע געוואוינהייטן, גלויבענס, איינריידענישן און פיהרונגען.

אָבער דאָס אַמעריקאַנישע לעבן און די אַמעריקאַנישע סקול ווישן אָפּ די אונטערשידן צווישן יונגע קינדער, און דער פאָראורטייל בלייבט בלויז ביי די עלטערן, וועלכע ריידן נאָך אידיש.

אייער באַציהונג צו די ביידע יונגע לייט איז דער בעסטער באַווייז דערצו. די באַציהונג פון „ליטוואַק״ און „גאַליציאַנער״ מיינט קיין זאַך ניט פאַר אייך. איהר זעהט אין די יונגע לייט אידיש-אַמעריקאַנישע ביזנעס לייט. בלויז אייערע עלטערן, וועלכע שטאַמען פון ליטאַ און ריידן אידיש קענען נאָך מאַכן אַזעלכע אונטערשידן.

די זעלביגע פאָראורטיילע קענען עקזיסטירן צווישן אידן, וועלכע קומען פון אירגענד וועלכע אַנדערע צוויי לענדער, ווי רומעניען און פוילן, אָדער ליטאַ און אוקראַינאַ. מעגט איהר אין גאַנצן איגנאָרירן דעם אונבאַגרינדעטען פאָראורטייל פון אייערע עלטערן.

אָבער אייער אייגענע פראַגע, צי עס איז בעסער צו האָבן אין פאַמיליען־לעבן אַ געוויסע פאַרשידענהייט אין מיינונגען און געשמאַקן צווישן מאַן און ווייב, אָדער צו האָבן איינשטימיגקייט אין אַזעלכע זאַכן — דאָס פאַרדינט בעאַכטונג.

מ׳זאָגט אָפטמאָל, דאָס ווען צוויי אינטעליגענטע פּערזאָנען, מאַן און ווייב, האָבן די זעלביגע מיינונגען און דעמזעלביגן געשמאַק אין אַלע זאַכן, האָבן זיי ניט וועגן וואָס צו דעבאַטירן, און זיי לאַנגווייליגן זיך.

אין דער פּראַקטיק אָבער זעהט מען, אַז פון דעבאַטן איבער מיינונגס־פאַרשידענהייטן צווישן מאַן און ווייב, ווי גוטמוטיג זיי זאָלן ניט געפירט ווערן, קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

עס איז שווער צו מאַכן אַ גרענעץ צווישן די ניט־פּערזענליכע זאַכן און די פּערזענליכע זאַכן איבער וועלכע אַ דעבאַטע צווישן מאַן און ווייב זאָל אָנגעהן; מ׳קען ניט אַלע מאָל אָפּזונדערן אַ מיינונג פון דער פּערזאָן.

אין אַ דעבייטינג סאָסייעטי קען אַ דעבאַטע זיין אינטערעסאַנט. זי שאַרפט דעם מח און ברענגט אַרויס פרישע שטאַנדפּונקטן און אַנזיכטן. אָבער צווישן מאַן און ווייב מוז עס אָפט פירן צו איבערשפּאַרעניש, צו עקשנות, צו פּערזענליכע פּאַראיבלס.

די וויכטיגסטע זאַך אין פאַרהייראַטן לעבן איז „פּאַרטנעראָגבאַרקייט“ צווישן מאַן און ווייב, דאָס מיינט איינשטימיגקייט, אַ צוגעפּאַסטקייט איינער צום אַנדערן.

וואו מאַן און ווייב קענען זיך אָם בעסטן פּאַרטראָגן, און וואו עס עקזיסטירט ניט קיין אונאיינגקייט אין זאַכן וואָס ריהרן אָן זייער געמיינזאַמען לעבן, איז זייער פאַמיליען־לעבן אַם גליקליכסטן.

דאָס איז אונגעפעהר ווי אַ דועט וואָס צוויי זינגען האַרמאָניש. ווען אָבער עס פעהלט איינשטימיגקייט, דאַן איז עס ווי אַ דועט וואו ביידע זינגען אין פאַלשע טענער, און עס קראַצט און רייסט אין די אויערן פון דעם צוהערער.

מאַן און ווייב מעגן זיך געגנזייטיג רעספּעקטירן, און באַוואונדערן איינער דעם אַנדערנ׳ס גוטע מעלות, אָבער אויב עס פעהלט ביי זיי פּאַרטראָגבאַרקייט, די פעהיגקייט אויסצוקומען איינער מיט דעם אַנדערן, די נייגונג צו געהן צוזאַמען, און די עהנליכקייט אין זייערע געשמאַקן און געפיהלן, וועלן זיי ניט לעבן גליקליך צוזאַמען.

דער מאַנגל אין איינשטימיגקייט איז די זאַך וואָס מאַכט אַזוי פיל פאַמיליען־לעבנס עלענד דורך ביטערע איבעררייידעניש און איבערשפּאַרענישן, און די שטענדיגע פראַגע ווער עס זאָל אויספיהרן.

עס איז ניט מיין אויפגאַבע צו זאָגן אייך וועלכע פון די צוויי יונגע לייט איהר זאָלט וועהלן, ווייל אויסער די כאַראַקטעריסטיקן וואָס איהר גיט אָן אין אייער בריף האָט דאָך יעדערער פון זיי געוויס אויך אַנדערע מעלות אָדער חסרונות וועלכע מוזן גענומען ווערן אין באַטראַכטונג.

אָבער דעם כלל וועל איך אייך יאָ געבן: וואָס גרעסער די אויס־זיכט צו האָבן איינשטימיגקייט און האַרמאָניע צווישן מאַן און ווייב, אַלץ מעהר צופרידענהייט מעג מען ערוואַרטן אין דעם פאַרהייראַטן לעבן.

דאָס מיינט נאַטירליך ניט, אַז דער מאַן וועלכן איהר וועהלט מוז שטענדיג איינשטימען מיט אייער ווילן. אַזאַ צושטאַנד אין אַ פאַמיליען־לעבן איז אַקוראַט אַזוי שלעכט, אויב ניט נאָך ערגער, ווי איבערשפּאַרעניש.

אַזאַ צושטאַנד פאַרשקלאַפט ענטוועדער דעם מאַן אָדער די ווייב, און עס קען מעהר קיין רייד ניט זיין פון ליבע אָדער אפילו פריינדשאַפט.

דאָס מיינט בלויז, אַז איהר געפינט אין דעם מאַן אַ מענשן צו וועלכן איהר קענט זיך צופּאַסן, און וועלכער קען זיך צופּאַסן צו אייך, און איהר קענטביידע שטימען אין די מייסטע זאַכן וועלכע קומען פאָר אין לעבן.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס וואָס דער יונגערמאַן וועלכן איהר רופט „גאַליציאַנער", איז ניט איינשטימיג מיט אייער מיינונג וועגן אַ שאָו, אָדער אַן אַנדער זאַך וואָס האָט ניט צו טאָן מיט דעם אינטימען לעבן פון מאַן און ווייב, איז קיין באַוויז, אַז איהר קענט ניט ביידע האַרמאָנירן.

אָבער אויב איהר מערקט, אַז זיין ווידערשפּרעכן קומט פון אַ נאַטירליכער נייגונג איבערצושפּאַרן, צו זאָגן פאַרקעהרט ווי דער אַנדערער, אַ נייגונג וועלכע קומט פון גרויסהאַלטעריי און אייטעל־קייט און א ווואונש זיך שטענדיג צו באַהויפּטן און צו איבערנעהמען זיך איבער דעם צווייטן — דאַן איז דאָס אַ נייגונג וועלכע פאַר־שפּרעכט ניט פיל פרידליכקייט אין א פאַמיליען־לעבן.

מיר באַגעגענען אין לעבן אָפט אַזעלכע מענשן, וועלכע וועלן אַרויסזאָגן מיינונגען פאַרקעהרט ווי דער אַנדערער זאָגט, ניט דער־פאַר וואָס זיי דענקען אַזוי, אָדער דערפאַר וואָס עס איז דאָ אַ שכל אין דעם, נאָר בלויז איבערצושפּאַרן.

אַזעלכע מענשן געהערן צו די אונאַנגענעהמע, סאַי אין פאַמי־ליען, סאַי אין געזעלשאַפטליכן לעבן.

לויט נאָך דעם כלל קענט איהר אורטיילן אייער „גאַליציאַנער".

אויב ער ווידערשפּרעכט מיט אַ שׂכל, און זוכט צו איבערצייגן אייך אין דער ריכטיגקייט פון זיין מיינונג, כדי איהר זאָלט זיי אָננעהמען און דענקען אַזוי ווי ער, דאַן איז דאָס אינטערעסאַנט און אנגענעהם, און קען ניט פיהרן צו מחלוקת.

אויב אָבער ער זאָגט פאַרקעהרט בלויז אויס נייגונג צו זאָגן פאַרקעהרט, אָהן אַ שׂכל, נאָר צו ווייזן אַז ער האָט אויך אַ מיינונג, וועט איהר פון איהם קיין נחת ניט האָבן.

דאָס איז ניט שווער אויסצוגעפינען.

דאָס פּראָבלעם פון א קליינשטעטעלדיגע

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיר זיינען די איינציגע אידישע פאַמיליע אין אַ קליין שטעדטעל. מיין פאָטער איז אַ קלוגער, פעהיגער מענש, אונגעפעהר פינף־און־זעכציג יאָהר אַלט. די מוטער איז פינף יאָהר אינגער, און זעהט אויס פיל אינגער ווי זי איז. מיר זיינען אַכט קינדער, פיר זיינען פאַרהייראַט, און פיר זיינען צו הויז. פון די לעצטערע פיר געהען דריי ארבייטען. איך בין די אינגסטע פון די דריי. די אינגסטע פון אַלע איז אַ יונגע הייך־סקול מיידעל וואָס איז צו הויז.

מיר, וועלכע ארבייטען, מוזן געהן אין דערבייאיגע שטעדט צו אַר־בייטען, ווייל אין אונזער קליין שטעדטעל איז פאַר אונז קיין ארבייט ניטאָ. דאָס פאָהרען הין־און־צוריק קאָסט צופיל; וואוינען מיר ביי שוועסטער, און קומען אַהיים בלויז אַ פּאָר מאָל אַ וואָך.

אונזער הויז־געזינד איז עכט אידיש. אַלעס פיהרט זיך ביי אונז אין דער היים אידישלעך. שבת ווערט שטרענג אָפּגעהיט, און אין הויז איז אַלעס כשר. פאַר מיין מוטער איז דאָס לעבן באַזונדערס שווער. דורך די וואָך איז זי פאַרטאָן אין איהרע פאַרשיידענע פליכטן, האָט זי קיין צייט ניט צו טראַכטן פון אַנדערע זאַכן. אָבער ווען עס קומט שבת און זי איז פריי פון אַרבייט, און קיין שוהל איז ניטאָ, זיצט זי אַ גאַנצן טאָג און וויינט און בעט נאָר גאָט ער זאָל שיקן עפּעס אַ קונה פאַר אונזער פאַרם, אַז מיר זאָלן קענען לעבן צווישן אידן.

ווען די מאַמע האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן פאַרקויפן די פאַרם, האָט דער טאַטע ניט געוואָלט אפילו הערן דערפון. ער איז אויך איצטער שטאַרק געגן דעם. אָבער איך גלויב אַז אויב מ'וואָלט איהם געקענט איבעררייד וואָלטן מיר אַלע געפיהלט גליקליכער. דער טאַטע איז ניט מעהר יונג, און ניט מעהר אַזוי שטאַרק ווי ער איז געווען. איהם וואָלט

אויך בעסער געווען אין שטאָדט. איך האָב וויפיל מאָל געהערט מענשן זאָגן, אַז אַ פאַרם איז נאָר פאַר'ן גוי. דענק איך אַז דאָס איז ריכטיג.

וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך, דר. קלאָרמאַן, איז צו דרוקן מיין בריף מיט אייער ענטפער, אפשר וועט דאָס באַווענגן מיינע עלטערן אַז זיי זאָלן זיך ענטשליסן צו פאַרקויפן די פאַרם און צו מופן אין שטאָדט אריין. מיר קענען האָבן אַ פיינע היים. עס איז ניט לייכט ארויסצוברענגען אַ פריינד צו אַ פאַרם. פליז, דר. קלאָרמאַן, טוט די טובה צו אַן ענגסטליכע אידישע מיידעל, וועלכע וואָלט וועלן זעהן איהר מוטער גליקליך און לעבן צווישן אידן.

אַ אידישע מיידעל.

דער בריף איז כמעט ווערטליך איבערזעצט פון ענגליש.

ווער קען האָבן אַ הארץ צוריקצואווייזן די בקשה פון אַ „אידישע מיידל”, וועלכע שרייבט אַזוי הארציג, און קלאָר, און אומ־שטענדליך, און לייגט פאַר איהר „קיים” אויף אַזאַ אַנציהענדן אופן.

אוודאי וואָלט איך אייך וועלן אונטערהעלפן אין אייער זאַך, מיין גוטע „אידישע מיידל”, אָבער אויב איך זאָל דאָס טאָן, וועט עס זיין געגן מיין בעסערן אורטייל, ווייל אין הארצן פיהל איך, אַז אייער פאָטער איז גערעכט ווען ער וויל ניט פאַרקויפן די פאַרם און מופן אין שטאָדט אריין.

איך באַגרייף גוט דעם שכל פון אייערע אַרגומענטן, אפילו פון די וואָס איהר האָט ניט אויסגעשריבן אין אייער בריף; אָן דאָך בין איך איבערצייגט, אַז עס וואָלט געווען אַ טעות פאַר אייערע עלטערן צו טאָן דאָס וואָס איהר שלאָגט פאָר.

האָט איהר אייך געשטעלט די פראגע, וואָס אייער פאָטער וואָלט געטאָן אין דער גרויסער שטאָדט?

אַ מאַן פון פינף־און־זעכציג יאָהר קען ניט געהן זוכן אַ דזשאָב, און אויב אַפילו ער וואָלט געהאַט אביסל געלט וואָלט געווען זעהר ריזיקאַליש פאַר איהם אַנצופאַנגען אַ ביזנעס.

וואָלט אייער פאָטער געוואָרן אַ ליידיג־געהער, און דאָס וואָלט פאַרקירצט זיינע יאָהרן.

ווען אַן עלטערער מענש האָט זיינע טעגליכע פליכטן, אפילו ווען זיי זיינען אַמאָל צו שווער, דערהאַלט דאָס איהם פריש און מונטער. אויב ער האָט ניט קיין באַשטימטע זאַך צו טאָן, געהט ער אַרום און ווייס ניט וואו זיך אַהינצוטאָן.

אַן אַלטער מאַן, אַלע מאָל אין הויז, אָהן באַשעפטיגונג, איז אַן אומגליקליכער מענש. ער איז אַלעמען אין וועג, און זיך אַליין אויך.

איך נעם אָן, אַז קיין גרויסע גבירים זיינען אייערע עלטערן

ניט; וואָלטן אייערע עלטערן געמוזט לעבן (טיילווייז מינדסטענס) פון די פאַרדינסטן פון זייערע קינדער.

קיין צווייפל ניט, אַז איהר וואָלט זיי געהאַלטן בכבוד ווי ווייט איהר וואָלט געקענט, אָבער פאַר אַ טאַטן וואָס איז געווען באַלעבאָס ביי זיך זיין גאַנצן לעבן, און געלעבט פון זיין אייגענער פּראַצע, איז אבהענגיגקייט פון קינדער, אין בעסטן פאַל, גאָר ניט קיין אנגענעמע זאַך.

אויך מאַכט איהר אַ טעות ווען איהר דענקט אַז אייער מוטער וואָלט זיך געפיהלט גאָר גליקליך אין דער שטאָטישער אומגעבונג.

איהר דיינקט, אַז איהר קענט האָבן אַ פיינע היים. ווי „פיין" אייער היים וועט זיין, וועט זי אַלץ ניט האָבן די ריינע לופט און דעם פרייען הימעל, און דעם ברייטן פּלאַץ וואָס אייערע עלטערן האָבן אויף דער פאַרם.

איהר וועט זיין זעקס אין דער פאַמיליע, צוזאַמענגעדריקט וואַר־שיינליך אין אַ ניו יאָרקער אַפּאַרטמענט, מיט טרעפּ צו קלעטערן אַרויף און אַראָפּ.

לעבענדיג אין ענגשאַפט קען מען ניט זיין צופרידן; איז מען אויפגערעגט, נערוועז; מ'איז איינער דעם אַנדערן אין וועג; קומען פאַר רייבונגען, אונצופרידענהייטן.

איהר זאָגט אַז אייער זעכציג־יעהריגע מוטער קוקט אויס פיל אינגער ווי זי איז. דערפאַר קומט אַ דאַנק דעם פאַרם־לעבן.

איהר מעגט זיכער זיין, אַז אין אַ שטאָדטישן אַפּאַרטמענט וואָלט זי ניט אויסגעזעהן אינגער; די שטאָדטישע אַפּאַרטמענטס מאַכן איינעם עלטער פאַר דער צייט.

אייערע עלטערן, נאָך מיין מיינונג, זיינען אין אַ פיל געזינטערן און זיכערערן צושטאַנד אויף זייער פאַרם אַלס זיי קענען זיין אין שטאָדט. שטערט זיי ניט. זאָלען זיי דאָרט רוהיג אויסלעבן זייערע יאָהרן.

בלייבט דאָס פּראָבלעם פון אייער מוטער, וועלכע זיצט שבת און ווינט ווייל זי האָט ניט קיין אידישע געזעלשאַפט און איז איינע אַליין.

דאָס איז ניט קיין אנגענעהמע זאַך. אָבער אזוי ווי איהר זייט אָהן עין הרע אַכט קינדער אין דער פאַמיליע וואָלט איהר פּילייכט געקענט אזוי אַראַנזשירן צווישן זיך, אז פון צייט צו צייט זאָל איינע פון אייך קומען אויף אַ שבת אַהיים; אַמאָל אויך די פאַרהייראַטע מיט זייערע מענער. דאָס וואָלט פאַר אייער מוטער פיל לייכטער געמאַכט די לאַסט פון איינזאַמקייט.

מיר איז אויך גאַנץ קלאָר פאַר וואָס מיידלעך וועלכע ארבייטן אין שטאָדט ווילן האָבן ביי זיך עלטערן און אַ היים.

מ'מאַכט בעקאַנטשאַפטן מיט יונגע לייט — אַ מיידעל דאַרף דאָך חתונה האָבן — ברייינגט מען דעם יונגען מאַן צו זיך אַהיים; מען שטעלט איהם פאָר פאַר די עלטערן. דאָס האָט גאָר אַן אַנדער פּנים.

עס איז קלאָר צו זעהן, פאַר וואָס דריי מיידלעך אין שטאָדט וואָלטן וועלן האָבן די עלטערן נאָהענט.

אָבער אין אייער פאַל, מיין ליבע „אידישע מיידעל", איז דאָס פּראָבלעם האַלב געלייזט.

ערשטענס, וואוינט איהר ביי פערהייראַטע שוועסטער. דאָס איז פיללייכט ניט אַזוי גוט ווי צו לעבן ביי זיך מיט עלטערן צוזאַמען, אָבער אַ שוועסטער'ס היים איז אויך אַ היים.

און צווייטענס — וויפיל וואָלט אַ מיידעל געגעבען פאַר אַזאַ טייערן טשאַנס, צו זאָגן צו אַ „באָי פרענד": „לאָמיר אַרויספאָהרן אויף אַ וויק-ענד, אָדער אַ שבת, צו אונז אויף דער פאַרם!"

וואו נאָך קען אַ מיידעל אויסקוקן אַזוי רייצענד, און אַ יונגער-מאַן אַזוי ליבענסווירדיג, ווי ווען זיי שפּאַצירן פריי און פראַנק, אונטער'ן פרייען הימעל, אַרום אַן אייגענע פאַרם?

דערפאַר מוז איך האַלטן מיט אייער פאָטער, אַז עס איז גאָר ניט קיין גלייכע זאַך, אין זייערע איצטיגע יאָהרן, צו פאַרקויפן די פאַרם און אָנפאַנגען שטאָדט-לעבן אין אַן אַפּאַרטמענט.

איהר וועט געפינען אין יעדער גרויסער שטאָדט טויזענדע, פיללייכט צעהנדליגע טויזענדע, וועלכע וואָלטן זיך געשעצט גליקליך צו קענען אַנטלויפן פון שטאָדט און לעבן אויף אַ פאַרם אפילו מיט די שווערסטע אַרבייט.

זוכט צו פאַרלייכטערן אייער מוטער'ס איינזאַמקייט אַזוי ווייט ווי איהר קענט, אָבער שלעפּט זיי ניט פון פאַרם אין שטאָדט.

קאָונטרי־אידן מיט טעכטער

וווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיר וואוינען אין אַ קליינער שטאָדט אין מידל-וועסט און האָבן אַ פיינע גוט־געהענדע ביזנעס. מיר האָבן זיך לאַנג געקוועלט, און יאָהרן געאַרבייט שווער ביז מיר האָבן די ביזנעס ארויפגעאַרבייט. איצטער איז אונז גרינגער. מיר טוען אַ מיליאָן דאָלאַר ביזנעס אַ יאָהר, און מיר וואָלטן געקענט לעבן אָהן דאגות. איז אָבער איינגעשטאַנען פאַר אונז

דאָס שווערסטע פּראָבלעם אין אונזער לעבן. מיר האָבן צוויי דערוואַקסענע טעכטער, איינע באַלד פינף און צוואַנציג, די צווייטע איין און צוואַנציג יאָהר. זיי זיינען שעהנע, געלערענטע קינדער. איינע איז באַשעפטיגט ביי אונז אין אָפיס, די צווייטע העלפט אויס דער מוטער אין הויז. דאָ מאַכט זיך פאַר די מיידלעך קיין שידוך ניט, און מיר האָבן גרויסע יסורים דערפון. מיין פרוי זאָגט אַז מיר זאָלן ארויסמופן אין אַ גרויסע שטאָדט, וואָלט מען געהאַט אַ בעסערן טשאַנס צו געפינען פּאַסענדע שידוכים פאַר די מיידלעך. אָבער וואָס טוט מען מיט אַזאַ ביזנעס? פאַרקויפן — ווערט דערפון גאָר ניט. און וואו נעמט מען אַ קונה? צו אדווערטייזן פאַר אַ קונה קען רואינירן דעם קרעדיט און די ביזנעס. און ווער ווייס אויב איך וועל מיך קענען עטאַבלירן אין אַ נייעם פּלאַץ, אין אַ גרויסער שטאָדט? און מיר זיינען שוין ניט קיין יונגע מענשן, ביי די פופציגער. זאָג איך צו מיין פרוי אַז דאָס איז אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג, און מיין פרוי זאָגט איך זאָל מיך האַלטן מיט אייך אַן עצה; דערפאַר שרייב איך אייך און בעט אייך מיר צו זאָגן אייער מיינונג. מיר וועלן אייך זעהר דאַנקען. שטענדיגער לעזער פון די וועסט.

איך וואָלט דאָ אייגענטליך געמעגט איבערדרוקן די תשובה וואָס איך האָב מיט איניגע מאָנאַטן צוריק געגעבן צו אַנאַנדער קאַנטרי-אידען, וועלכער האָט זיך געפונען אַקוראַט אין דער זעלביגער לאַגע ווי דער שרייבער פון דעם בריף.

דאָס פּראָבלעם איז אין אַלע הינזיכטען געווען דאָסזעלבע, אויסער אין איין פּונקט — יענער האָט בלויז געהאַט איין טאָכטער צו פערהייראַטן.

אויב יענער איד האָט געפאָלגט מיין עצה אָדער ניט, ווייס איך ניט; צי האָט מיין עצה איהם געהאָלפען לייזען זיין פּראָבלעם, אָדער ניט, ווייס איך אויך ניט.

יענער איד וואָלט פיליכט געטאָן גוט, פאַר דעם בענעפיט פון טויזענדע אַנדערע אידן מיט דערוואַקסענע טעכטער, אין קליינע קאַונטרי-שטעדט, מיטצוטיילן דעם רעזולטאַט.

דאָס וואָלט פיליכט אויך אַנדערע געהאָלפען. אָבער ביז איצטער האָט ער דאָס ניט געטאָן; קען איך אייך, מיין פריינד, געבן בלויז אונגעפעהר די זעלביגע עצה, אָבער אָהן יענעם׳ס ערפאַהרונג פון דעם רעזולטאַט.

ערשטענס וועל איך אייך ראַטהן אויף קיין פאַל ניט צו פערקויפן אייער ביזנעס אפילו ווען איהר זאָלט געפינען אַ קונה, און אפילו פאַר אַ גוטן פּרייז.

איהר זייט ניט מעהר אין שטאַנד אריינצולייגן אין אַ נייע ביז־נעס אזוי פיל יאָהרן און אַזוי פיל ענערגיע ווי איהר האָט אריינ־געלייגט אין די ביזנעס וואָס איהר פיהרט איצטער.

ווען אַפילו איהר זאָלט קריגן אַ הויכן פרייז פאַר אייער ביזנעס און איהר זאָלט זיך פאַרנעמען צו עטאַבלירן א ביזנעס אין אַ גרוי־סער שטאָדט, וואו די בעדינגונגען זיינען אייך ניט בעקאַנט, וועט דאָס געלד צורונען ווערן איידער איהר וועט זיך ארומזעהן.

פאַר מענשן אין די פופציגער איז דאָס די גרעסטע ריזיקע וואָס מ׳קען אונטערנעמען, מיט ניין און ניינציג טשאַנסעס צו פארלירן.

און צווייטענס, וועט איהר מיט אייער מופן אין א גרויסע שטאָדט, אפילו אז דאָס זאָל מעגליך זיין, ניט פיל העלפן אייערע טעכטער.

עס קענען אַוועקגעהן יאָהרן מיט פרישע דאגות פון פרנסה, און דאָס איז דער גרעסטער שטער צו געפינען חתנים פאר טעכטער.

מ׳זעהט פון אייער אַדרעס אז איהר זייט גאָר ניט ווייט פון גרעסערע און גאָר גרויסע אידישע קהלות — פאַר וואָס לאָזט איהר אייערע טעכטער ניט געהן אין אזעלכע שטעדט?

אָט קומט אַ יום טוב — לאָזט אייער פרוי און אייערע טעכטער ארויספאָהרן אין אַ גרויסע שטאָדט — בלויז איינעגע שטונדן פון דער היים מיט׳ן טריין — און זאָלן זיי זיך דאָרט עסטאַבלישן, אויב דאָס איז נויטיג.

אייער פרוי מוז ניט בלייבן מיט זיי, אויב זי מוז אַטענדן די הויז פאר די איבעריגע פון דער פאַמיליע. אַבער זי קען זיי דאָרט בע־זאָרגן מיט וואוינונגען אין אָרענטליכע פאַמיליעז, אפשר צווישן קרובים, און מאַכן בעקאַנטשאַפטן.

אויב איהר האָלט איין טאָכטער אין אָפיס, און די מוטער האָלט די צווייטע אין הויז, טאַ ווי קענען זיי געפינען זייערע בעשערטע?

און עס קען אויך גאָר ניט שאַדען אז אייער עלטערע טאָכטער, וועלכע איז וואַרשיינליך א בוך־קיפּער, אָדער סטענאָגראַפער, זאָל געפינען בעשעפטיגונג אין דער גרויסער שטאָדט.

די אינגערע קען אויך געפינען וואָס צו טאָן. זיי קענען קומען צווישן מענשן, מאַכן פריינדע, און אויף דעם אופן האָבן אַ געלע־גענהייט צו זעהן, און געזעהן צו ווערן.

זייענדיג ניט ווייט פון דער היים, קענען זיי אָפט זיין מיט אייך, אָדער איהר, אָדער אייער פרוי, קענען זיי אָפט בעזוכן וואו זיי זיינען.

עס פאַרשטעהט זיך, דאָס אַזאַ אויפטו איז פאַרבונדן מיט מאַנכע אונבאַקוועמליכקייטן פאַר די פאַמיליע, און אויך מיט הוצאות.

אָבער דאָס איז גאָר ניט אין אַן ערך ביליגער ווי זיך צוצו־ברעכן, און רואינירן אַן איינגעפונדעוועטע ביזנעס. קיין ריזיקע איז ניטאָ דערביי.

אַ חתן מיט אַ קינסטליכן פּוס

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיינע עלטערן זיינען אַרבעטס־לייטע וועלכע האָבן פיל געאָפּפּערט צו געבן מיר אַ גוטע ערציהונג, און צו זאָרגן פאַר מיר, אַז עס זאָל מיר קיין זאַך ניט פעהלן. זיי האָבן געטאָן פאַר מיר איבער זייערע כחות און איך פיהל טיפע דאַנקבאַרקייט צו זיי. איצט בין איך אַ מיידעל פון צוואַנציג יאָהר. מ'האַלט מיך פאַר אַנציהענד און געבילדעט.

אין דעם הויז פון אַ חבר'טע מיט וועלכער איך בין זייט יאָהרן באַ־פריינדעט האָב איך געמאַכט די באַקאַנטשאַפט פון אַ יונגן מאַן, אַ מעמבער פון דער פאַמיליע, פון גוטן אויסזעהן און פיינער באַנעמונג, מונטער און ליבענסווירדיג, געבילדעט און רעספּעקטירט פון אַלע וואָס קענען איהם. ער קען מאַכן אַ פיינעם לעבן. אַלס איינגעל האָט איהם געטראָפן אַן אומגליק דורך וועלכן ער האָט פאַרלאָרן אַ טייל פון אַ פוס; טראָגט ער אַ קינסטליכן פוס און הינקט אַביסעל. אין אַלע אַנדערע באַציהונגען זעהט ער אויס אַ געזונטער שטאַרקער יונגער מענש. זיין געזעלשאַפט איז מיר זעהר ליב און מיר געהען אָפט צוזאַמען. מיינע עלטערן פיהלן זיך זעהר אומגליקליך וועגן דעם. נאָכדעם ווי זיי האָבן אַזוי פיל גע־אָפּפּערט פאַר מיר קענען זיי ניט פאַרטראָגן דעם געדאַנק אַז איך זאָל הייראַטן אַ מאַן מיט אַ מום, און זייער מורא איז, אַז מיין אומגעהן מיט איהם וועט פיהרן דערצו. זיי ראַטן מיר אָפּצוברעכן מיט איהם און מאַנכע פריינדע זאָגן אויך אַזוי.

בעט איך פון אייך אַ ראַט, דר. קלאָרמאַן. צי איז דאָ גענוג אורזאַכע אין דעם חסרון, אַז איך זאָל אָפּברעכן פריינדשאַפט מיט דעם יונגן מאַן, אָדער זאָל איך אָנגעהן מיט איהם ווייטער און מיט דער צייט הייראַטן איהם, אַזוי ווי ער פאַרלאַנגט? אייער ענטפער, האָף איך, וועט לייכטער מאַכן מיין האַרץ, און די חרצער פון מיינע עלטערן. וואַנדערינג.

עס איז צו זעהן פון אייער בריף, שוועסטערל, אַז איהר זייט אַ מיידעל מיט געפיהל און מיט שכל, און איהר האָט אַ ניכטערן בליק אויף דאָס לעבן.

אייער דאַנקבאַרקייט צו אייערע עלטערן, וועלכע צווינגט אייך

צו רעכענען זיך מיט זייערע געפיהלן אין אייערע הארץ־אַנגעלע־גענהייטען, איז אַ וואונדערשעהנער צוג פון כאַראַקטער. הלואי וואָלטען אלע אידישע טעכטער זיך אַזוי באַציוגן צו עלטערן.

עס איז ניט שווער צו באַגרייפען די געפיהלן און די ביטערע ענטטוישונג פון עלטערן אין אַזאַ פאַל.

זיי האָבן אויסגעהאָדעוועט אַ טאָכטער מיט אזוי פיל מיה און זעלבסט־אויפאָפּפערונג און זי איז זייער טרויסט און זייער שטאָלץ.

בליקענדיג אויף איהר מיט אויגן פון ליבענדע עלטערן זיינען זיי פיליכט געניינט, ווי אַנדערע עלטערן אין אַזאַ פאַל, אַ קאַפּעלע צו איבערטרייבן.

עלטערן פון שעהנע גערעאַטענע מיידלעך האָבן זייערע זיסע חלומות. זיי שטעלן זיך פאָר אַז דער בעסטער מאַן איז ניט צו גוט פאַר זייער טאָכטער. זיי האָפן, אַז אין אַ שעהנעם טאָג וועט זיך באַווייזן דער מאַן מיט אַלע מעלות, וואָס איז שעהן, קלוג, רייך, און וועט פערלאַנגען די האַנד פון זייער טאָכטער, און זיי וועלן גליקליך זיין מיט איהר גליק.

צום סוף קומט אַ מאַן, וואָס האָט אמת פילע מעלות, אָבער ער הינקט, און מוז טראָגן א קינסטליכן פוס. פיהלן זיי זיך ביטער ענט־טוישט. אין זיסע האָפנונגען און חלומות שטעלט מען זיך קיינמאָל ניט פאָר ענטטוישונגען.

דער שטאָלץ פון עלטערן אויף זייערע גערעאַטענע קינדער איז אַ באַרעכטיגטע זאַך, און איז אַ שעהנע זיך, אָבער אַמאָל איז דאָ אין דעם אַביסעל איבערטרייבונג, און אַביסעל פוסטע גאוה, וואָס איז אַ שטערונג צו א קלאָהרער, ניכטערער אָפּשאַצונג פון דעם מצב.

אייערע עלטערן דאַרפן ניט געגאַרט זיין ביי זיך. קיין גבירים זיינען זיי ניט, אַז זיי זאָלן קענען מיט זייער געלד אויסקלייבן פאַר אייך דעם מאַן וועלכער זאָל זיי געפעלן.

און היינטיגע צייטן ווערט מאַנכע שעהנע מיידעל פאַרזעסן ווען זי האָט ניט קיין געלד, און נעהמט זיך איבער בלויז מיט שעהנקייט און בילדונג, און קלייבט צו לאַנג.

די זאָרג וועלכע דריקט די הערצער פון אייערע עלטערן קען אַרויסגעזאָגט ווערן אין עטליכע ווערטער: „סטייטש, אונזער טאָכ־טער זאָל נעמען אַ קאַליקע!” זיי פיהלן זיך געקריינקט אין זייער עלטערליכן שטאָלץ, און זיינען אומגליקליך.

אָבער אויב זיי זאָלן אַוועקליינן זייער געקריינקטן שטאָלץ אַן אַ זייט, און מיט אַ קיהלן ישוב הדעת באַטראַכטן בלויז די צוקונפט

פון זייער טאַכטער, דאַרפן זיי זיך אַליין שטעלן פאָלגענדע צוויי פראַגן:

ערשטענס, וואָלטן מיר צופרידן געווען מיט אַזאַ חתן פאַר אונזער טאַכטער — מיט זיין כאַראַקטער, מיט זיין אויסזעהן, מיט זיין פעהיגקייט אַלס בעל מפרנס — אויב ער וואָלט ניט געהאַט דעם חסרון פון אַ הינקענדיגן פוס?

און אויב אויף די פראַגע קענען זיי געוויסענהאַפט ענטפערן מיט „יאַ", דאַן די צווייטע פראַגע:

אין ווי ווייט קען אַט דער חסרון פון דעם יונגען מאַן שטערן דאָס גליק און די צוקונפט פון אונזער טאַכטער?

עס פאַרשטעהט זיך, אַז אויב דער פאַרקריפּעלטער פוס וואָלט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף דעם אַלגעמיינעם געזונדהייטס-צושטאַנד פון דעם יונגען מאַן, אָדער וואָלט איהם געשטערט אין זיין שטרעבונג צו פּרנסה, וואָלט עס געווען אַ זעהר ערנסטע פראַגע.

אָדער, אויב דער חסרון וואָלט איהם געקומען ניט דורך אַן עקסידענט, נאָר דורך אַן אָרגאַנישע קראַנקהייט, וואָלט עס געווען נאָך ערנסטער.

אָבער ווען אַזאַ חסרון קומט דורך אַן עקסידענט אין די אינגעלשע יאַהרען, און שטערט ניט דעם קערפּער צו וואַקסען, צו געדייהען, און צו ווערן געזונט און שטאַרק, איז ניטאָ מעהרער מורא צו האָבן פאַר דאָס גליק פון זיין פרוי אָדער די צוקונפט פון זיין פאַמיליע, אַלס ווען דער עקסידענט וואָלט ניט געטראָפן.

אַזאַ אומגליק ווי דער וואָס האָט געטראָפן דעם יונגען מאַן אין זיינע אינגעלשע יאָהרען, האָט אַמאָל זיין ענטשעדיגונג אין אנדערע ריכטונגען.

אַ יונגער מאַן וואָס איז געזונט, שטאַרק, פון פיינעם אויסזעהן, און אַ גוטער פאַרדינער, און איז לעבענס-פריידיג און מונטער, איז גענייגט צו זוכן צושטרייאונג און ביליגע פאַרגעניגענס.

מאַנכער יונגער מאַן מיט גליקליכע אנלאַגן ווערט איבערמיטיג, גאוה'דיג, ניט-אַנגענעהם צו זיין אומגעבונג.

אַנדערע פאַרשווענדן זייערע יונגע כחות און זייערע פאַרדינסטן דורך זייער יאָגן זיך נאָך תענוגים, און ווערן אָפּגעלעבטע פאַר דער צייט.

אַזאַ אויסערליכער חסרון ווי דער יונגער מאַן האָט, איז מאַנכעס מאָל אַ שטאַרקער צוריקהאַלט געגן איבערהויבונג, געגן צו גרויסע האָפערדיגקייט, און געגן צופיל אַרומלויפעניש.

דאָס רופט אַרויס אַ שטריך פון באַשיידנהייט אין כאַראַקטער

וואָס איז אַ מעלה. און דאָס מאַכט אויך אַ מענשן מעהר „דאָמעס־טיקייטעד" און מעהר איבערגעגעבן צו זיין פאַמיליע.

* * *

דאָס, שוועסטער־לעבן, דאַרף זיין אַ געניגענדער ענטפער צו אייער פאַמיליע; אָבער ווי פיהלט איהר אַליין אין דער זאַך?

וועט אייך קיינמאָל ניט פאַרדריסן וואָס דער מאַן — אויב איהר זאָלט איהם הייראַטן — וועט קיינמאָל ניט קענען טאַנצן מיט אייך?

וועט איהר זיך קיינמאָל ניט פיהלן געקרענקט צו הערן, אַז אַ חבר'טע האָט ערגעץ־וואו געמאַכט אַ נאַרישע באַמערקונג וועגן זיין פעהלער?

אויב איהר פיהלט, אַז די זאַכן קענען אייך קיינמאָל ניט פאַר־שאַפן קיין קרענקונג, האָט איהר קיין אורזאַכע מיט דעם יונגען מאַן אָפצוברעכן.

נאָך אַ זאַך: מאַנכע מיידל, מיט דעם אינסטינקט פון צערטליכ־קייט פון דער צוקונפטיגער מוטער — ווערט צוגעצויגן צו אַ מאַן אויס רחמנות טאַקע צוליב זיין פאַרקריפּלונג — אַזוי ווי אַ מאַמע וואָס ווייזט מעהר צערטליכקייט צו אַ קינד מיט אַ מום.

דאָס, האָף איך, איז ניט אייער פאַל. דער יונגער מאַן איז אייך ליב, טראָץ זיין חסרון, און ניט צוליב זיין חסרון. אַזוי דאַרף עס זיין.

אַ פאַרשוין, און האָט קיין מזל

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

מיין עלטערע טאָכטער איז איין־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, און אַ מיידעל אַ פאַרשוין, אַן אמת'ע פּיקטשע אָהן עין הרע. זי איז אַ סיילס־לידי אין אַ גרויסן דעפּאַרטמענט סטאָר, האָבן זיי אַנומעלט געמאַכט אַ שאָו פון אַלע מיידלעך אין סטאָר איז מיין טאָכטער אויסגעקליבן געוואָרן אַלס די שענסטע. קענט איהר פאַרשטעהן אַז זי איז אַ שעהנע. און ביי אונז נעקסט־דאָר איז אויך דאָ אַ מיידעל אין איהרע יאָהרען, אַ פאַרזעהעניש. זי האָט ניט אַזעלכע שעהנע האָר ווי מיין טאָכטער און ניט אַזאַ געוויקס ווי מיין טאָכטער, מעהר ניט, אויגן האָט זי גרויסע און קען פיין שמייכלען. קומען בחורים צו איהר אַהיים, און מ'נעמט זי אויס צו אַ מואווי, און צו אַ דענס, צוויי־דריי מאָל אַ וואָך, און מיין מיידעל זעהט צו און ערגערט זיך. אַמאָל קומט איינער באַזוכן אונז, נעמט זי אויס איין מאָל, צוויי מאָל, און ווערט נעלם. פּליז, דר. קלאַרמאַן, קענט איהר מיר זאָגן וואָס דער טראָבל איז, און וואָס מ'קען טאָן דערצו? פאַרזאָרגטע מוטער.

טאַקע אַ חידוש! געוויינליך טרעפט דאָס פאַרקעהרט, די ניט־שעהנע מיידל זעהט צו ווי איהר שעהנע חבר'טע מאַנאָפּאָליזירט יעדן בעגעהרסטווערטן בחור אין דער אומגעבונג, און האָט גענוג באַגלייטערס צו שאָנס און צו דענסעס,ווערהענד זי, די ניט־שעהנע, קוקט צו און עסט זיך אויס די הארץ.

נאָר ווי עס שיינט איז די נאַטור ניט אַלע מאָל אַזוי שלעכט, און אויב זי דערגיט ניט אַ מיידל אין שעהנקייט, גיט זי איהר דערפאַר אַנדערע מעלות.

שעהנקייט פון אויסזעהן ביי אַ מיידל איז געווים דער שטאַרק־סטער מאַגנעט. ווען מאַנסבילן ריידן צווישן זיך וועגן אַ מיידל וואָס זיי קענען ניט, איז די ערשטע פראַגע „צי זי איז אַ שעהנע"?

צי זי איז אינטעליגענט, צי זי איז אנגענעהם, צי זי איז קלוג, וויציג, אינטערעסאַנט — דאָס פרעגט מען אויך אַמאָל; אָבער פריהער פון אַלץ וויל אַ מאַנסביל וויסן צי זי איז שעהן.

אַ שעהנע פרוי ציהט אויף זיך די אויגן פון די מענער און זייער באַוואונדערונג. דערפון שליסן די פרויען, אַז שעהנקייט איז די וויכטיגסטע מעלה וואָס אַ מיידל מוז האָבן, צו געפינען בעלנים זי צו הייראַטן.

כדי אויסצוקוקן שעהן ברענגען דעריבער פרויען די שווערסטע אָפּפער, און ווענדן אָן כל'ערליי מיטל, און גיבן אויס אוצרות געלט, און מאַכן רייך די „ביוטי פּאַרלאָרס", און דאָקטוירים־שאַרלאַטאַנעס וועלכע נעהמען זיך אונטער צו פאַרוואַנדלען א מיאוסקייט אין די שעהנע העלענע.

אין לעבן אָבער — ווי זאָנדערבאַר דאָס קלינגט, איז עס דאָך אַ פאַקט — ווען עס קומט צו דער פראַגע פון הייראַטן, זוכט דער דורכ־שניטליכער מאַנספאַרשוין מעהר אַנדערע מעלות אלס די גלאַנצעדיגע שעהנקייט.

דער פאַקט איז, אַז די שעהנסטע מיידל אין אַ שכונה איז זעלטן די פּאָפּולערסטע, און ווען עס קומט צו געפינען אַ חתן איז די וועניגער שעהנע אָפט מזל'דיגער.

זאָל ווער־עס־איז באַטראַכטן די פאַרהייראַטע פרויען אין זיין נאַכבאַרשאַפט, וועט ער זיך שנעל איבערציינגן, אַז וועניגע פון זיי זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר זייער שעהנקייט.

אַ מיידל אַ „פּיקטשע" איז געווים אַ גרויסע מעלה, אָבער אויב הינטער דער „פּיקטשע" איז ניטאָ קיין שכל, און עס פעהלט רייץ און טאַקט און גראַציע, ווערט זי גאָר גיך לאַנגווייליג. ווי לאַנג קען מען קוקן אויף אַ „פּיקטשע"?

די שעהנע מיידל איז געוויינליך שטאָלץ אויף איהר שעהנקייט,

און זי באַטראַכט אַז זי מאַכט דעם בחור גליקליך ווען זי ערלויבט איהם צו קוקן אויף איהר פון נאָהענטן, אָדער זיצן ביי איהר זייט אין טעאַטער, אָדער אין רעסטאָראַנט.

זי אַנטוויקעלט אויף דעם אופן אַ באַנעהמונג וואָס איז קאַלט און אָפּגעשטאָנען, און ארויספאָדערנדיג, ווי זי וואָלט זאָגן: אָט קוק מיך אָן און באַוואונדער מיך!

די ניט-שעהנע מיידל איז דאַנקבאַר, און זי ענטוויקעלט אַנדערע מיטל מיט וועלכע אַנצוציהען מענערשע חברים. זי זוכט צו זיין אינ־טערעסאַנט דורך וויץ און טאַקט, און באַמיהט זיך צו אונטערהאַלטן דורך אַנדערע רייצן אַלס די אויסערליכע שעהנקייט.

אַנטוויקעלט די ניט-שעהנע מיידל אַ „אַ רייכערע פּראָגראַם" אַלס די פּאַרשוין, וועלכע פּאַרלאָזט זיך הויפּטזעכליך אויף איהר שעהנקייט.

קומענדיג צו אייער פראגע, פּאַרזאָרגטע מוטער, מיין איך ניט צו זאָגן אַז אייער טאָכטער איז ניט קלוג, אָהן טאַקט, אָהן רייץ און אָהן שכל. איך קען דאָס ניט זאָגן ווייל איך קען זי ניט.

אָבער אויב זי באַזיצט די אַנדערע מעלות, ווייזט זי זיי פּיליכט ניט אַרויס, און טראַכט אימער פון איהר שעהנקייט.

עס קען זיין, אַז וואָס זי איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס די שעהנסטע פון אַלע מיידלעך אין איהר סטאַר, האָט איהר קיין טובה ניט געטאָן. זי זוכט וואַרשיינליך אַנצוהאַלטן איהר רעפּוטאַציע אַלס די שעהנסטע; דאָס גיט אַ מיידל ניט צו קיין באַליבטקייט, ניט ביי חבר'טעס, און ניט ביי מאַנסביל.

מיר שיינט, אַז אויב אייער מיידל וואָלט קענען פּאַרגעסן אַז זי איז די שעהנסטע, און וואָלט געגעבן מעהר אויפמערקזאַמקייט צו פריינדליכקייט, צו גוט-חבר'שאַפט, און די אַנדערע מעלות וועלכע מאַכן אַ גוטע פרוי, וואָלט זי געהאַט מעהר מזל מיט די יונגע לייט וואָס ווילן הייראַטן.

ער איז ראָמאַנטיש, זי — „קאַלטלעך"

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

שוין אַ לאַנגע צייט ווי איך געה ארום מיט אַ באַי וועלכער ליבט מיך זעהר שטאַרק. מיר ריידן שוין אפילו פון חתונה האָבן. אָבער די באַציהונגען צווישן אונז זיינען אַזעלכע וואָס איך קען אַליין ניט פאַר־שטעהן. ער באַטראַכט מיך ווי די טייערסטע זאַך אין דער וועלט, רופט מיך מיט די צערטליכסטע נעמען, און איך קען פון מיין מויל ניט ארויס־

ברענגען אַזעלכע ווערטער ווי „מיין טייערסטער”, אָדער „מיין ליבסטער”, ווי דאָס ווערט געוועהנליך באַנוצט צווישן געליבטע. מיין באַי פיהלט זיך שטאַרק געטראָפן דערפון. ער וואַרפט מיר פאָר אַז איך בין צו קאַלט, אַז איך האָב איהם ניט ליב, און ער זאָגט, אַז ער וועט זיך מוזן דער־ווייטערן פון מיר. איך בין ניט פון דער נאַטור אונפעהיג צו זיין צערטליך, פאַרשטעהע איך ניט פאַר וואָס איך קען ניט ענטפערן אויף זיינע צערט־ליכקייטן. פּליז, דר. קלאַרמאַן, פיליכט קענט איהר מיר דאָס ערקלערן, און מיר ראַטן וואָס צו טאָן.

א מיידל וואָס צווייפעלט.

איהר פאַרלאַנגט אַן ערקלעהרונג פון אייערע האַרצענ'ס גע־פילן, און איהר פאַרלאַנגט אַ ראַט, וואָס איהר זאָלט טאָן דערצו.

די ערקלערונג איז די האַרבערע זאַך, ווייל עס איז שווער צו צוגלידערן די נשמה פון אַ מענשן וועלכן מ'קען ניט און מ'ווייס ניט.

דאָך וויל איך זעהן אויב איך קען ניט אייך העלפן צו פאַר־שטעהן אייער אייגענעם געמיט און לייזן אייערע צווייפלען.

זייט וויסן, ליבע מיידל, דאָס אַזוי ווי עס זיינען ניטאָ אויף דער וועלט צוויי מענשן וואָס זאָלן זיין גלייך איינער צו דעם אַנדערן אין אַלע פּרטים, מיט זייער אויסזעהן, מיט זייער גאַנג, מיט זייערע שטי־מען, און אַז. וו., אַזוי זיינען ניטאָ אין דער וועלט צוויי מענשן וואָס זאָלן זיך גלייכן אין זייערע טעמפּעראַמענטן און נאַטורן.

אייער באַי, שיינט מיר, געהערט צו די ראָמאַנטישע נאַטורן, וועלכע זיינען גענייגט צו אידעאַליזירן דעם געגענשטאַנד וועלכען זיי ליבן, און צו געבן אויסדרוק צו זייערע געפיהלן.

איהר ווידער זייט מעהר צוריקגעצויגן, און מעהר „מעדער־אָוו־פעקט”. דאָס מיינט ניט, אַז איהר זייט ניט פעהיג אויף צערטליכ־קייטן, אָבער איהר זייט ניט גענייגט צו טראָגן אייערע געפיהלן „אויפ'ן אַרבל”.

אַ חוץ דעם איז דער יונגער מאַן אייערער ניט אינגאַנצן צוטרע־פענד צו דעם אידעאַל פון א מאַן ווי איהר האָט זיך אין אייערע געהיימסטע חלומות פאַרגעשטעלט.

יעדע מיידל האָט איהרע חלומות און איהרע אידעאַלן פון אַ מאַן, אַזוי ווי יעדער מאַן האָט זיינע חלומות פון דער פרוי וועלכע ער האָפט צו געפינען.

דאָס זיינען ניט קלאָרע חלומות, נאָר פאַנעבעלטע, דונקעלע; אָבער זיי עקזיסטירן.

די חלומות און אידעאַלן ווערן קיינמאָל ניט דערגרייכט אָהן אַ פּשרה. מ'געפינט זעלטן אַלץ וואָס מ'וויל, לאָזט מען זיך דינגען; מ'גיט נאָך.

עס זיינען דאָ מיידלעך וועלכע זיינען גענייגט צו פאַרגעטערן דעם מאַן פון ברוטאַלע קראַפט. זיי פאָדערן אַ מאַן וואָס זאָל זיי „באַהערשן".

עס זיינען דאָ אין דער נייגונג אַלערליי גראַדן; שטאַרקערע און שוואַכערע.

אַנדערע מיידלעך ווידער ווערן מעהר הינגעריסן פון דער ווייכערער, פון דער צערטליכערער ראָמאַנטיק, פון דער בעטענדער, פון דער געפאַלזיכטיגער.

אין דער הינזיכט האָט איהר מיט אייער באַי אַביסעלע צו שטאַרקע פאַרשידענהייט אין אייערע טעמפעראַמענטן.

אָבער דאָס מיינט ניט אַז איהר קענט ניט זיין גליקליך מיט איהם. אומגעקעהרט, עס איז אַמאָל אַ גרויסע וויגאָדע פאַר אַ פרוי צו האָבן אַ ראָמאַנטישן מאַן.

אויב אַזאַ באַי איז אַ מענש מיט גוטע געוואוינהייטן, און קען מאַכן אַ לעבן פאַר אַ ווייב און קינדער, וועט אַ מיידל מיט שכל טאָן קלוג מאַנכעס מאָל זיך אַריינצולאָזן אין פשרות בנוגע צו דער פאַרשידענהייט אין טעמפעראַמענט און זאָגן: „לאָז מיינע איבערגעהן".

די מאַמע וויל אַ „זיידענעם" איידים

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

איך בין אַן אַלט מענש, אַן אַלמנה, וואָס האָט גענוג איבערגעטראָגן אין איהר לעבן; אָבער גאָט־צו־דאַנקען, איך האָב גוטע קינדער, פאַרהייראַטע, מיט אייניקלעך, וועלכע באַזאָרגן מיך מיט אַלע זאַכן, אַ חוץ געזונט, און דאָס קענען זיי מיר ניט געבן. די איינציגע יסורים וואָס איך האָב, איז פון מיין איינגסטע טאָכטער, אַ מיידעל פון פינף־און־צוואַנציג יאָהר, מיט איהר צוקלייבן זיך אַ שידוך. זי איז שעהן און קלוג און וואויל־געלערנט, און זי האָלט אַ גוטע שטעלע אין די ביזנעס פון איהר עלטערן ברודער. זיינען דאָ גענוג יונגע לייט וועלכע געהען אוים נאָך איהר. איינער פון די יונגע לייט איז אַ זיידענער מענש, פון גאָר אַ געהויבענער אידישע משפחה נאָך פון דער אַלטער היים, און דאָ האָט ער אַ פיינע אינשורענס ביזנעס בשותפות מיט אַ קאָזין. דאָס איז איהם געקומען בירושה פון זיין אָנקעל. ער איז אַ שטילער איידעלער מענש, אַלט אַ יאָהר דרייסיג. אַ האַלב יאָהר שוין ווי ער קומט צו אונז. ער חלש'ט נאָך דער מיידעל. איך האָב שוין געמיינט אַז אָט־אָט וועט זיין תנאים און חתונה, און בין געווען אַ גליקליכע. פון פויגעל־מילך וואָלט זי פאַר

איהם געהאַט. ער האָט געקושט איהרע טריט, און וואָס זי האָט געוואָלט איז באַלד באַשאַפן געוואָרן. האָט זי געוואָלט טעאַטער, איז געווען טעאַטער. און מתנות האָט ער ניט געזשאַלעוועט. מיט אַמאָל האָט זי געוואָרפן אויף איהם אַן אומ׳חן, און האָט אָנגעהויבן אויסגעהן מיט אַ מאַן וואָס קוקט אויס אין מיינע אויגן ווי אַ ריכטיגער „בורילע״. ער איז אַ מענעדזשער אין אַ סטאָר, און עס קען זיין אַז פאַרדינגען פאַרדינט ער געגוג. אָבער ווי קומט ער צו יענעמ׳ס איידעלקייט! ער רעדט ווי אַ בריטאַן נאָר ענגליש, און איז הויך און גרויס, און האָט ליב צו קאָמאַנדעווען. איך וואונדער זיך אויף מיין טאָכטער. דאַכט זיך אַ מיידעל מיט שכל. זי איז אין דער היים די גאַנצע באַלעבאָסטע, און מ׳טאָר איהר אַ וואָרט ניט זאָגן. מיט דעם פיינעם יונגן מאַן פלעגט זי זיך פיהרן מיט שטאָלץ, און האָט געהאַלטן אין איין באַפעהלן. און דאָ מיט דעם, איז זי ווי אַ לעמעלע. וואָס ער זאָגט איז ביי איהר הייליג. וויל זי געהן אין טעאַטער און ער זאָגט ניין, איז ניין. וויל ער געהן מיט איהר צו אַ קאָנצערט כאָטש איהר געפעלט ניט, געהט זי. נאָר זי טשאַטעוועט און קוקט איהם אין די אויגן, אַז עס נעמט מיך אָן אַ רחמנות. טאַקע נאָר אַ כישוף האָט ער איהר אָפּגעטאָן. דאָס מאַכט מיך אומגליקליך און פאַרצווייפעלט. איך רייד צו איהר, און זאָג: „זעה וואָס דו בייטסט אויס, אַ זיידענעם מענשן אויף אַ בורילע״ — רייד צו איהר, רייד צו די וואַנט. דעם, זאָגט זי, האָט זי ליב, יענעם ניט. ליבער דאָקטאָר, וואָס קען מען טאָן צו אַזאַ אומגליק? זעהט, גיט אַן עצה צו אַן אַלטער פאַר׳צרה׳טער מאַמען.

די אַלטע מאַמע.

די איינציגע זאַך וואָס מ׳קען דאָ טאָן, באָבעניו, און וואָס איהר דאַרפט טאָן, איז — צו לאָזן אייער מיידל צו־רוה, און גאָר ניט שטערן איהר אויב זי וויל הייראַטן דעם סטאָר־מענעדזשער.

דאָ איז גאָר ניטאָ קיין אומגליק. איהר רעדט זיך בלויז איין אַז דאָס איז אַן אומגליק. אין אמת׳ן קען זיין אַז דאָס איז גאָר אַ גליק פאַר אייער טאָכטער.

ביי אייך אין די אויגן קוקט איינער אויס „אַ זיידענער מענש״, און דער צווייטער קוקט אויס ווי אַ „בורילע״. אָבער דאָס אויסזעהן פון אַ מענשן נאַרט אָפטמאָל אָפּ.

דער „זיידענער מענש״, קען זיין, איז זיידענס בלויז פון דרויסן, און אינעווייניג איז ער אפשר פּראָסטע לייווענט. און דער „בורילע״ וואָס איז זאָגט, איז מעגליך אַזוי „בורילעדיג״ פון דרויסן, און אינעווייניג האָט ער אַ גאַנץ גוטע האַרץ.

פון אויסקוק אַליין קען מען דאָס ניט וויסן. „דער מענש אור-

טיילט נאָכ׳ן אויסקוק, אָבער גאָט — נאָך די הערצער״. אַזוי שטעהט אין אונזערע ספרים. איז זעהר מעגליך אַז אייער טאָכטער האָט בעסער אויסגעקליבן ווי איהר דענקט.

וואָס ער רעדט בלויז ענגליש ווי „אַ בריטאַן״, איז ער ניט שולדיג. עס זיינען פאַראַן פיל אידן וואָס קענען ניט ריידן קיין אידיש. און דערפאַר וואָס איהר, באַבעניו, פאַרשטעהט איהם ניט גוט, ווייזט אייך אוים, אַז ער רעדט ווי א „בריטאַן״.

אָבער אין די אויערן פון אייער טאָכטער, וועלכע פאַרשטעהט איהם בעסער, איז מעגליך אַז זיינע רייד קלינגען גאַנץ אנגענעהם. עס קען זיין, אַז ווען ער רעדט פון איהרע שעהנע אויגן, מיינט איהר אַז גאָט ווייס וואָס ער זאָגט.

וואַרפט אַרוים פון אייער קאָפּ די פאַנטאַזיע, אַז דער מאַן האָט אהר אָפּגעטאָן אַ כישוף. עס איז אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, דאָס אַ מאַן וואָס איז בטבע מיט אַ פעסטערן כאַראַקטער, און מיט אַן אויס־קוק וואָס איז תקיף׳ער, זאָל האָבן אַן איינפלוס אויף אַ מיידל וועלכע האָט איהם ליב, און ער זאָל קענען מאַכען אַז זי זאָל איהם פאָלגן.

אין דעם פאַל פון אייער טאָכטער, לויט ווי איהר באַשרייבט זי, איז דאָס, נאָך מיין מיינונג, גאָר ניט קיין שלעכטע זאַך.

אין פאַרהייראַטן לעבן מוז אַלע מאָל איינער נאָכגעבן. דאָרט וואו ביידע זיינען איינגעעקשנ׳ט, און יעדערער באַשטעהט אין גאַנצן אויף דאָס זייניגע, קען זעלטן זיין אַ גליקליכעס צוזאַמענלעבן.

איז אַלע מאָל בעסער פאַר דער פרוי ווען זי האָט גענוג ליבע און אַכטונג פאַר דעם מאַן, איהם צו פאָלגן, איידער דער מאַן זאָל איהר פאָלגן אין אַלץ וואָס זי זאָגט.

ווייל פרויען האָבן בטבע ניט ליב אַ מאַן וואָס איז אַ „לעמעש־קע״ און האָט מורא פאַר זיין ווייב, און גיט אַלצדינג נאָך. זיי האָבן קיין רעספּעקט פאַר אַזאַ מאַן.

פרויען האָבן פיל ליבער אַ מאַן וואָס איז שטאַרק אין קערפּער ווי אין גייסט, און קען זיי מאַכן איהם פאָלגן אָהן צוואַנג.

זיי קענען אַמאָל באַוואונדערן דעם מאַן וואָס איז צערטליך, און גוט, און איידל, אָבער ער קען זיי ניט מאַכן אַזוי ענטוזיאַסטיש ווי דער שטאַרקער מאַן.

ווען אייער טאָכטער וואָלט הייראַטן מיט דעם „זיידענעם יונגען מאַן״, וואָלט זי וואַרשיינליך געוועלטיגט איבער איהם, ווייל איהר זאָגט אַז זי האָט ליב צו געוועלטיגן.

זי וואָלט אין איהם פיליכט געהאַט אַן ערגעבענעם דינער צו ערפילן איהרע וואונשן און פאַרלאַנגען, אָבער זי וואָלט צו איהם

ניט געפיהלט קיין ליבע און ניט קיין רעספּעקט. גליקליך וואָלט זי ניט געוועזן מיט איהם, אפילו אז ער וואָלט איהר געבן פון „פויגל-מילך".

אויב אַ פרוי האָט ליב אַ מאַן וואָס איז שוואַך אין כאַראַקטער, און מילד, און נאָכגעביג, איז דאָס מעהר אַ מוטערליכע ליבע, ווי צו אַ קינד; אָבער אַזאַ ליבע גיט ניט דער פרוי די באַפרידיגונג וואָס אַ מאַן מיט פעסטקייט קען איהר געבן, אַ מאַן וואָס קען זי באַהערשן.

עס זיינען דאָ פילע פאַמיליען אין וועלכע, ווי אַ פראָסטער גלייכוואָרטל זאָגט, „די וויב טראָגט די הויזן". איהר קענט אין אַזעלכע פאַמיליען געפינען פיליכט אָרדנונג, און גוטע באַלעבאַטישקייט, אָבער ניט צו פיל ליבע צווישן מאַן און ווייב.

דאָס גליקליכסטע צוזאַמענלעבן איז אין יענע פאַמיליען, וואו ביידע, דער מאַן און די פרוי, זיינען מענשן מיט שכל און מיט אייגזעהעניש איינער פאַר דעם אַנדערן, און יעדערער ווייס ווען און וואו נאָכצוגעבן דעם אַנדערן.

עס זיינען פאַראַן אַזעלכע פאַמיליען, אָבער ניט זעהר אָפט געפינט מען זיי. אין די מייסטע פאַמיליען איז ענטוועדער דער מאַן דער שטאַרקערער, אָדער די פרוי, און דער שוואַכערער גיט נאָך. אויב עס איז דאָ עקשנות פון ביידע זייטן, דאַן איז אומגליק. דאָ קען קיינמאָל ניט זיין קיין גליקליך לעבן.

אייער טאָכטער, באַבעניו, האָט זיך פאַרליבט אין א יונגען מאַן וועלכער באַזיצט די קונץ צו מאַכן אז זי זאָל איהם פאָלגן און רעספעקטירן, ניט מיט צוואַנג און בייזקייט, נאָר דורך פעסטקייט, און דורך יענעם איינפלוס וואָס שטאַרקערע נאַטורן איבן אויס אויף שוואַכערע.

דאָס איז גאָר ניט קיין שלעכטע זאַך פאַר אייער טאָכטער.

איהר דענקט, אַז פאַר דעם „זיידענעם יונגען מאַן" וואָלט זי געהאַט פון פויגל-מילך. אָבער פויגל-מילך, קען זיין, איז גאָר ניט אַזאַ טייערער מאכל, און פרויען וועלכע האָבן ליב זייערע מענער קענען אויסקומען אָהן פיל זאַכן אַ חוץ פויגל-מילך.

איז מיין עצה, באַבעניו, איהר זאָלט צו אייער טאָכטער ניט ריידן קיין רשעות געגן איהר אויסערוועהלטן. און צו איהם זאָלט איהר זיין פריינדליך, כדי ער זאָל אייך רעספּעקטירן און ליב האָבן.

וועט אייך נאָך דער חתונה ניט זיין אונאַנגענעהם ווען איהר וועט וועלן קומען צו אייער טאָכטער, און פיליכט ניאַנטשען נאָך אַן איניקל.

די טאָכטער מאַכט א פעהלטריט

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין א מוטער פון פיר קינדער. מיינע צוויי זיהן זיינען ערפאָלג־רייכע לאָיערס, מיינע עלטערע טאָכטער שאַפט אין אַן אָפיס און מיין אינגערע טאָכטער געהט אין היי־סקול. וועגן די עלטערע איז דאָ די פראַגע. זי איז צוויי־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, א קאָלעדזש גראַדואייט, א שעהנע, ווייס ווי אומצוגעהן מיט מענשען, און האַלט א גוטען פּאָזישאָן. מיר לעבען זעהר פיין, אין א פיינעם הויז. ביי א „פּאַרטי" אין איהר הויז האָט זי געמאַכט די באַקאַנטשאַפט פון א יונגן מאַן. פון דער באַקאַנטשאַפט איז באַלד געוואָרן א שטאַרקע פריינטשאַפט, און זייט דאַמאָלס געהען זיי אויס צוזאַמען. דאָס איז שוין אַזוי זעקס מאָנאַטען. די פאַמיליע איז מיט דעם יונגן מאַן ניט צופרידן. פון אידישקייט ווייס ער גאָר ניט, און קען ניט א וואָרט אידיש ריידן. און דערצו נאָך האָט ער צו מיין טאָכטער ערקלערט, אַז ער איז א גע׳גט׳ער (א גרוש), א פאָטער פון צוויי קינדער, און לויט זיין „דיקרי אָוו דיוואָרס" איז איהם אין ניו יאָרק סטייט פאַרבאָטען צו הייראַטען. ער וועט מוזן געהן אין אַן אַנדער סטייט הייראַטען. ס׳פאַרשטעהט זיך, זיי קענען דערנאָך לעבן אין ניו יאָרק. דער יונגער מאַן איז אַכט־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, האָט גאַנץ ווייניג בילדונג, און ער טוט שווערע אַרבעט אין א מאַשין־פּעקטאָרי. די פאַמיליע האָט פּרובירט ריידן צו דער מיידעל זי זאָל אָפּברעכן איהרע באַציהונגען צו איהם, אָבער עס העלפט ניט. זי זאָגט, אַז זי האָט איהם ליב. ווענד איך מיך צו אייך אין דער האָפנונג אַז איהר וועט מיר ראַטן וואָס צו טאָן. א פאַרזאָרגטע מוטער.

„אַלע פעהלערן פאַרדעקט די ליבע". דאָס איז א ווערטל פון א גרויסן חכם, וואָס שטעהט אין אונזערע ספרים.

דאָס מיינט נאַטירליך ניט אַז דורך דער ליבע פאַרשווינדן די פעהלערן. די פעהלערן זיינען דאָ, מעהר ניט דער פאַרליבטער אָדער די פאַרליבטע, זיינען פאַרבלענדט און זעהען זיי ניט, אָדער מאַכן זיך ניט זעהענדיג.

דאָס איז אונגעפעהר ווי א לאַטע וואָס פאַרדעקט א לאָך אין א קלייד. דאָס לאָך בלייבט, און צייגט אָן אויף דער שוואַכקייט פון דער מאַטעריע, אָבער די לאַטע פאַרדעקט עס — אויף דערווייל.

ווען אייער טאָכטער ענטפערט אויף אַלע איינווענדונגען וואָס די אַנדערע מעמבערס פון אייער פאַמיליע מאַכן געגן דעם שידוך, אַז „זי האָט איהם ליב", איז דאָס אין איהרע אויגן אַן ענטפער אויף אַלע פראַגן, און דעקט צו אַלע פעהלערן.

זי לייקנט ניט אַז די פעהלערן וועלכע איהר רעכנט אויס עק־זיסטירן, אָבער, פאַרבלענדט ציטווייליג דורך איהר ליבע, וויל זי זיי ניט זעהן.

איהר, די אנדערע מעמבערס פון דער פאַמיליע, וועלכע זיינען ניט פאַרליבט,זעהען די פעהלערן ווי זיי זיינען, און אפשר נאָך אַ ביסל איבערטריבן, איז דערפאַר ניט מעגליך אַן אויסגלייך צווישן אייך און איהר, אין דער פראַגע.

אין פרינציפּ איז קיינמאָל ניט רעכט „קאַליע צו מאַכן אַ שידוך" צווישן דערוואַקסענע יונגע לייט, וועלכע זיינען מענשן מיט שכל.

צוקלייבן זיך אַ באַשערטן, אָדער אַ באַשערטע, איז היינטיגע ציטן אַזוי שווער, און אין בעסטן פאַל איז הייראַט אַזוי ווי אַ לאָטערעי, אַמאָל ציהט מען אַ „פּרייז",און אַמאָל עפּעס אַ ווערטלאָזע זאַך, און אפשר נאָך ערגערעס.

אָבער וועניגסטענס דאַרף מען זעהן אַז די לאָטערעי זאָל זיין אַן ערליכע, אָהן פאַלשקייט, און אָהן אָפּנאַרעריי.

אויב עס איז צו זעהן גלייך פון אָנפאַנג, אַז דער „צעטל" וואָס ווערט אונטערגערוקט איז גלייך פון אָנפאַנג אַן אַ שלימזל׳דיגער, דאַן איז די פליכט פון קרובים און פריינד, אויף דעם אויפמערקזאַם צו מאַכן.

פון די פעהלערן אין דעם יונגען מאַן, וואָס איהר, פאַרזאָרגטע מוטער, האָט אין אייער בריף אויסגערעכנט, קענען ניט אַלע גענומען ווערן ערנסט.

איהר זאָגט, צום ביישפּיל, אַז דער יונגער מאַן ווייס גאָר ניט פון אידישקייט און קען קיין וואָרט אידיש ניט רייךן.

דאָס איז געווים אַ געוואַלטיגער פעהלער פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ אידישער מאַמען מיט אידישער געזינונג.

אָבער לײדער איז די צאָהל פון אידישע יונגע לייט אָהן אַ באַגריף פון אידישקייט אַזוי גרוים, דאָס ווען מ׳זאָל זיי דערפאַר ניט לאָזן הייראַטן אידישע טעכטער, וועלן טויזענטע ענטוועדער מוזן בלייבן בחורים, אָדער הייראַטן שיקסעס.

איך וואָלט געקענט ווערן, אַז אויך אייער טאָכטער, לויט ווי איהר באַשרייבט זי, ווייס ניט מעהר פון אידישקייט אַלס דער יונגער מאַן.

דען אויב זי וואָלט געהאַט, דורך איהר ערציהונג, אַ שטאַר־קערע אידישע געזינונג, וואָלט זי וואַרשיינליך זיך מעהר גע׳חבר׳ט מיט יונגע מענער וועלכע זיינען גענייגט צו אידישקייט.

דאָס וואָס דער יונגער מאַן איז אַ שווערער אַרבייטער, אין אַ

מאַשין־פּעקטאָרי, איז אויך ניט אַזאַ פּעהלער וואָס קען אַ יונגען מאַן מאַכן אונווירדיג צו הייראַטן אַ פיינע מיידל.

אַן אַרבייטער קען זיין אַ בראַווער, טיכטיגער, ליבענסווירדיגער מענש, מאַנכעס מאָל מעהר פון אַ ביזנעסמאַן.

אפילו וואָס ער האָט אַזוי ווייניג בילדונג איז צו חתונה האָבן ניט אימער אַ געוואַלטיגער פּעהלער. מאַנכע אונגעבילדעטע מענער וועלכע הייראַטן געבילדעטע פרויען, שטאָלצירן מיט זיי, און ווייסן זיי צו שעצן.

ווען דער יונגער מאַן וואָלט ניט געווען אַ גרוש און אַ פאָטער פון צוויי קליינע קינדער, וואָלט איך אייך געראַטן צו פאַרקוקן די חסרונות וואָס איהר האָט אויסעגערעכנט, און ניט זוכן אייער טאָכטער אָפּצורייסן.

אויב זי איז צופרידן צו לעבן דאָס לעבן פון אַ פרוי פון אַן אַרבייטער, און איהם פיליכט נאָך אויסהעלפּן מיט איהרע פאַר־דינסטן, ווייל זי ליבט איהם, צייגט עס דוקא אַ געוויסן נאָבעלן אידעאַליזם, וואָס יאָגט זיך ניט נאָך רייכקייט, און איז גרייט צו אָפּפערן פיל פאַר אַ באַשיידענעם לעבן אין פרידן, מיט דעם מאַן וואָס זי האָט אויסערוועהלט.

אָבער אין צוגאָב צו די אויסזיכן אויף געדריקטקייט, און קול־טורעלע אונגלייכהייט, אַריינצוטרעטן מיט צוויי־און־צוואַנציג יאָהר אין דער ראָלע פון אַ שטיף־מאַמע פון צוויי קליינע קינדער — אויף דעם דאַרף זיך אַ מיידל מיט שכל שטאַרק מיישב זיין.

דאָס איז אַן אָנבאָט פאַר ביטערקייט און אונצופרידענהייט גלייך פון אָנפאַנג. און אפילו אויב די קינדער זיינען נאָך דער חתונה ניט מיט זיי, נאָר ביי דער גע׳גט׳ער מוטער, אָדער ביי אנדערע, ווערט די לאַגע ניט פיל בעסער.

דער יונגער מאַן האָט פליכטן צו זיינע קינדער, און פיליכט אויך צו זייער מוטער. און די פליכטן וועט ער מוזן ערפילן פון זיינע מאָגערע פאַרדינסטן.

די ליבע פון וועלכע די מיידל רעדט איצטער איז אַ פאַרגיינג־ליכע זאַך. די אינטימיטעט נאָך דער חתונה רייסט אַרונטער דער שלייער פון פאַרבלענדעניש. פריינדשאַפט צווישן מאַן און פרוי פאַרנעמט איהר פּלאַץ.

ס׳איז שווער זיך פאַרצושטעלן, ווי אַזוי אַ מיידל פון בילדונג און פון זעלבסטשטענדיגקייט, און מיט דעם מעהר אָדער ווייניגער לוק־סוריעזן לעבן וואָס זי האָט געהאַט אין דעם הויז פון איהרע עלטערן, זאָל קענען לאַנג פיהרן אַ פאַרהייראַטן לעבן אונטער אַזעלכע אומ־שטענדן.

און זאָל נאָר פאַרקומען די קלענסטע רייבונג וועגן זיינע קינדער, אָדער זיין פריהעריגער הייראַט, אַזוי טרעטן גלייך ארוים אויך די אַנדערע פעהלערן פון זיין אונגעבילדעטקייט און פון זיינע קליינע פאַרדינסטן, און מאַכן עס נאָך שווערער.

* * *

איהר בעט פון מיר אַ ראַט, פאַרזאָרגטע מוטער, וואָס איהר זאָלט טאָן. איהר קענט דאָ קיין זאַך ניט טאָן, איהר קענט בלויז ראַטן אייער טאָכטער וואָס זי זאָל טאָן.

ראַט אייער טאָכטער אז זי זאָל נעמען איין מאָנאַט וואקיישאָן, ווייט אַוועק פון איהר יונגען מאַן.

אין דעם מאָנאַט זאָל זי אפילו ניט קאָרעספּאָנדירן מיט איהם, נאָר זאָל איבערטראַכטן אין איהר מוח די אַרגומענטן פאַר און געגן איהר אויסוואהל.

אויב נאָך דעם מאָנאַט זאָל זי קומען צוריק מיט דעם באשלוס צו הייראַטן דעם יונגען מאַן, זאָל קיינער מעהר ניט שטערן.

אויב זי באַזינט זיך אַנדערש, וועט זי אָפּברעכן איהר באַציהונ־גען מיט איהם.

אַזוי, אָדער אַזוי וועט אייער פּראָבלעם זיין געלייזט.

אַ מיידל היים און קאַלט

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַ יונגער מאַן, אַכט־און־צוואַנציג יאָהר אַלט, שטעה מיט אַ שעהנע ביזנעס און מיין איינקונפט בארעכטיגט מיך צו טראַכטן פון אַ פאַמיליען־לעבן. מיט אַ מאָנאַט זעקס צוריק האָב איך געמאַכט אַ היי־ראַטס־פאָרשלאַג צו אַ מיידעל מיט וועלכער איך בין שוין איניגע יאָהר באַקענט. איהר ברודער איז מיינער אַ חבר. די מיידעל איז מיר אַלע מאָל געפעלן געווען. איך האָב זי ליב, און איך שעץ זי אַלס מיידעל און אַלס מענש. איך האָב לאַנג שוין באַמערקט אַז זי איז צו מיר אויך ניט גלייכגילטיג; אָבער איך בין געווען געדולדיג, ווייל איך האָב פריהער גע־וואָלט פאַרפעסטיגן מיין מצב. ווען איך האָב איהר דעם פאָרשלאַג גע־מאַכט איז זי געווען מעהר ווי גליקליך, און זי האָט עס מיר אויך געזאָגט; זי האָט אָפילו געפרעגט פאַר וואָס איך האָב דעם זעלביגן פאָרשלאַג ניט געמאַכט מיט דריי יאָהר פריהער. פילע גליקליכע מאָנאַטן זיינען אַוועק זינט אונזער ענגיידזשמענט. פּלוצלונג האָב איך אָנגעהויבן באַמערקן, אַז זי איז אָפּט פאַרטראַכט. ווען איך האָב זי איינמאָל געפרעגט וועגן די

אורזאַכן פון איהר פאַרטראַכטקייט, האָט זי זיך צואווײנט. נאָך פיל בעטן און פרעגן האָט זי מיר ענדליך ערקלערט, אַז זי ווייס אַליין ניט וואָס מיט איהר איז. ווען זי איז מיט מיר איז זי גליקליך, אַז בעסער קען גאָר ניט זיין; אָבער ווען זי זעהט מיר ניט, בענקט זי ניט און איז גלייכגילטיג.

איך האָב זי פּרובירט בארוהיגען, און האָב איהר געזאָגט, אַז אויב זי וויל זיין פריי וועל איך איהר לאָזן פריי. אָבער ביים אַוועקגעהן איז זי געוועזן אַזוי צערטליך ווי אימער, און דעם נעקסטן טאָג האָט זי מיר טעלעפאָנירט וועגן באַגעגענען זיך אין געזעלשאַפט. מיר האָבן זיך גע־טראָפן, און פאַהרענדיג אַהיים האָט זי ווידער געוויינט און האָט זיך ענטשולדיגט, באַדויערענדיג די יסורים וואָס זי האָט מיר פאַרשאַפט. זי האָט מיר ערקלערט, אַז זי איז איצטער איבערצייגט אין איהר ליבע צו מיר, און פיהלט זיך גליקליכער ווי פריהער. איך האָב די ערקלערונג גענומען ערנסט, און בין געוועזן צופרידן.

געהט אַוועק צוויי וואָכן — ווידער דיזעלביגע זאַך! וואָס איז איצטער? דיזעלביגע היסטאָריע ווי פריהער. זי האָט מיך ליב ווען זי זעהט מיך, און בענקט ניט נאָך מיר ווען איך בין דערביי ניטאָ. איהר באַנעמונג צו מיר האָט זיך מיט קיין זאַך ניט געענדערט. זי איז אַזוי פריינדליך און צערטליך ווי אימער. אָבער די ענדערונגען אין איהר געמיט מאַכן מיך פיל נאָכצודענקען.

בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן, מיר צו זאָגן אייער מיינונג וואָס איהר דענקט פון אַזאַ באַנעמונג.

א מענש וואָס רעכענט זיך מיט אייער מיינונג.

מיר שיינט, אַז דער שליסל צו אייער רעטעניש ליגט אין דער פראַגע, וועלכע די מיידעל האָט אייך געשטעלט אין יענעם מאָמענט, ווען איהר האָט זיך איהר ערקלערט אין ליבע, און זי האָט זיך גע־פיהלט גאַנץ הינגעריסען פון איהר גליק:

„פאַרוואָס האָט איהר דעם זעלביגן פאַרשלאַג ניט געמאַכט מיט דריי יאָהר פריהער?"

איינער וואָס איז פאַר'שכור'ט פון ווײן זאָגט אַרויס וואָס ער האָט אויפ'ן הארצן. „ביי אַ שכור'ן — זאָגט די וועלט — וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג". „נכנס יין, יצא סוד".

אַזוי איז אויך, ווען מ'איז פאַר'שכור'ט פון ליבע.

זי איז אין יענעם מאָמענט געוועזן הינגעריסן פון דער פאַרווירקליכונג פון דעם באַגעהר וואָס זי האָט לאַנג שטיל געטראָגן אין זיך, דעם מאָמענט אויף וועלכן זי האָט אויסגעקוקט און געוואַרט ביז זי איז מיד געוואָרן וואַרטענדיג, און זי האָט, פיליכט אַליין ניט שפירענדיג, אַרויסגעזאָגט דעם ריינעם אמת.

זי האָט אייך די גאַנצע צייט געליבט, און האָט געוויס אויך גע־האַט די אהנונג — ווי פרויען האָבן געוויינליך — אַז איהר זייט צו איהר ניט גלייכגילטיג, און האָט זיך וואַרשיינליך אין האַרצן פיל מאָל געטראַכט: „פאַרוואָס שווייגט ער?"

האָט זי געליבט, און געוואַרט, און געהאָפט — פון מאָנאַט צו מאָנאַט, פון יאָהר צו יאָהר — ביז דריי יאָהר און מעהר זיינען געווען פאַרביי, און האָט זיך מן הסתם שוין מייאש געווען פון דער פאַר־ווירקליכונג פון איהר ליבע.

אָפט האָט איהר געמוזט קומען אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז זי האָט אַ טעות אין אייך; אַז איהר ליבט זי גאָר ניט; אָדער איהר ליבט זי ניט גענוג צו וועלן זי מאַכן פאַר אייער פרוי; און אין אַזעלכע מינוטן האָט זי זיך געמוזט פיהלן ביטער ענטטוישט.

אַ „פאַרשלעפּטע האָפנונג איז אַ האַרצוועהטאָג", שטעהט אין משלי. און מענשן וויסן פון ערפאַהרונג אַז דאָס איז אַזוי.

איינער האָפט און ערוואַרט אַן אַנגענעהמע געשעהעניש, אַט באַלד דאַרף עס קומען; און עס פאַרגעהן מאָנאַטן און יאָהרן, און די געשעהעניש קומט ניט.

אין אָנפאַנג איז מען אומגעדולדיג, אויפגערעגט, מ'קוקט אויס די אויגן. דערנאָך ווערט מען אַפּאַטיש, גלייכגילטיג, און מ'הערט ביסלעכווייז אויף צו האָפן און צו וואַרטן.

פּלוצלונג קומט זי, די געשעהעניש. מ'איז פריידיג איבערראַשט, מ'איז גליקליך, מ'איז אויסער זיך פון טריאומף.

אָבער נאָך דעם מאָמענט פון העכסטן גליק קומט די רעאַקציע, און די יאָהרן פון דעם פּיינליכן וואַרטן, די יאָהרן פון ענטטוישונג און פון האַרצוועהטאָג, לאָזן זיך שפּירן.

די געפילן זיינען אין דעם לאַנגען וואַרטן עטוואָס אָפּגעשטומפּט געוואָרן. די האַרץ האָט צו לאַנג געבענקט און האָט זיך צוגעוועהנט צו דער ענטוישונג.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן קען מען זיך אַמאָל אין האַרצן אַ טראַכט טאָן: „איז דאָס דער גליק אויף וועלכן איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט?"

די רעאַקציע נאָך דריי יאָהר וואַרטן און האָפן איז אַ צו־שטאַרקע, און זי נעהמט אָן די פאָרמע פון צווייפלען, צי קען די פאַרשפּעטיגטע פאַרווירקליכונג אָפּווישן די דריי יאָהר פּיינליכע ערוואַרטונג.

דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז די מיידל האָט אייך איצטער ניט ליב; אָדער אַז זי פאַרשטעהט אַליין וואָס עס קומט פאָר ביי איהר אין האַרצן.

אַזעלכע געפיהלן רעגן זיך אין דעם אומבאַוואוסטזיין און גע־פינען זייער אויסדרוק אין אומקלאָהרע שטימונגען און אין טרעהרן.

און דאָס אַלעס האָט זיך פון איהר אינערן אַרויסגעריסן אין דעם ערשטן אויגענבליק פון איהר טריאומף, ווען זי האָט געפרעגט: „פאַרוואָס האָט איהר דעם פאָרשלאַג ניט געמאַכט מיט דריי יאָהר פריהער?"

דאָס, גלויב איך, איז די אורזאַכע פון איהר גלייכגילטיגקייט ווען זי איז אַליין און ווען איהר זייט ניט נעבן איהר.

איך דענק ניט, אַז איהר דאַרפט זיך שרעקן דערפאַר. איהר מעגט איהר גלויבן, אַז זי האָט אייך ערנסט ליב, און איהר מעגט איהר אויך גלויבן, אַז זי אַליין פאַרשטעהט ניט וואָס עס קומט פאָר ביי איהר אין דער נשמה.

אַ שטיק ענטווישונג איז פאַרגליווערט געוואָרן, און עס האַלט זיך אין אויפלייזן. דערפון די מינוטן פון אַפּאַטיע; דערפון די טרעהרן.

און איהר קענט פיל העלפן אין אויפלייזן איהר צווייפל, און די אַנגעזאַמעלטע ענטווישונג פון דריי יאָהר און מעהר.

איהר דאַרפט איהר ערקלעהרן, און מעהר ווי איין מאָל, און אין פאַרשידענע נוסחאות, אַז איהר האָט זי געליבט דורך די אַלע יאָהרן; דאָס איהר האָט געאַרבייט די גאַנצע צייט מיט דער האָפנונג אַז איהר זאָלט קענען קומען און איהר אָנבאָטן אַן אַנגענעהמע עק־זיסטענץ צוזאַמען מיט אייער ליבע.

זאָגט איהר, אַז איידער איהר האָט זיך דערשלאָגן צו אַ געזי־כערטע עקזיסטענץ, האָט איהר ניט געהאַט דעם מוט צו בעטן איהר צו ווערן אייער פרוי, און פרעגט איהר, ווי איז עס מעגליך אַז דורך די דריי יאָהר זאָל זי דאָס ניט האָבן איינגעזעהן.

איך בין כמעט זיכער, דאָס אויב איהר וועט אַזוי ריידן צו איהר וועט זיך איהר שטימונג ענדערן, און זי וועט בענקען נאָך אייך אפילו ווען איהר זייט דערביי ניטאָ.

אַ ראָמאַן מיט אַ פּלאָנטער.

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

מיר האָבן אַ טאָכטער אַ בת־יחידה, צוואַנציג יאָהר אַלט. דעם ווינטער וועט זי גרעדיואַייטן יוניווערסיטי. זי איז אַ גוטע ליבע טאָכטער, נעהאָרכזאַם צו די עלטערן. צייט פינף יאָהר געהט זי אום מיט אַ באַי פון איהר עלטער. ער איז אַ העכסט אָרענטליכער און פעהיגער יונגער

מאַן, אַ קאַלעדזש־גראַדוּאַיט. עס איז פאַר אונז אַלע געווען קלאָר, דאָס די ביידע קינדער וועלן הייראַטן. מיר זיינען געווען זעהר צופרידן. איינמאָל האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט מיין פרוי און מיט מיין טאָכטער, און האָט ערקלערט, דאָס אַזוי ווי ער דענקט צו הייראַטן מיין טאָכטער, פאַרלאַנגט ער אַז זי זאָל זיך לאָזן עקזאַמינירן פון אַ דאָקטאָר פעסטצושטעלן אַז זי איז פאָלקאָם געזונט, און ער וועט טאָן דאָס זעלבע. מיין פרוי האָט עס באַטראַכט אַלס אַ באַליידיגונג. ווען מיין פרוי האָט איהם ענטזאַגט האָט ער אָפּגעבראָכן אַלע באַציהונגען מיט מיין טאָכטער. מיין פרוי האָט שפּעטער פאַרדראָסן פאַרוואָס זי האָט איהם ענטזאַגט. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט צוריקצוכאַפּן.

אונזערער אַ קרוב, וועלכער האָט אויך אַ טאָכטער, האָט דעם יונגן מאַן מיט איהר באַקאַנט געמאַכט, און עס ווייזט אויס, אַז דער וויל איהם האָבן פאַר אַן איידעם. שיקט ער איהם אין יוניווערסיטי, און אויף וואַקיישאָן האָט ער איהם געשיקט נאָך יוראָפּ. מיין טאָכטער איז אויסער זיך פון קרענקונג, און די דאָקטוירים זאָגן, דאָס זי איז אין געפאַר. איצטער איז די פראַגע, ווי אַזוי איז מעגליך איך זאָל דעם יונגן מאַן צוריקגעווינען פאַר מיין טאָכטער, און די צווייטע פראַגע איז, אויב אָפּילו דאָס זאָל מעגליך זיין, צי מעג איך ווען טאָן מיין פריינד'ס טאָכטער?

מיין פריינד, וועלכער ווייס די אומשטענדן, זאָגט מיר, דאָס הגם ער וויל זעהר דעם יונגן מאַן פאַר אַן איידים, דאָך אויב דער יונגער מאַן און זיין טאָכטער זיינען צופרידן זיך אויסאיינאַנדערצוגעהן וועט ער ניט שטערן. זיין פרוי ווידער זאָגט, אַז זי וועט דאָס ניט דערלאָזן.

פּליז, דר. קלאָרמאַן, גיט אונז אַן עצה וואָס מיר זאָלן טאָן.

בן־ישראל.

מיין פריינד, דאָס איז אַ פאַרפּלאָנטערטער ענין, ביי וועלכן עס איז ניט מעגליך צו געבן אַן אויסגערעכענטע עצה, ווייל דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגן ממשות'דיגע זאַכן.

דאָ האָט מען צו טאָן מיט געפיהלן, מיט עמאָציעס, מיט צושטענדן פון געמיט, מיט קאַפּריזן — וואָס קען מען אין אַזעלכע זאַכן ראַטן?

אייער טאָכטער'ס ראָמאַן האָט געליטן שיפבּרוך צוליב אַ צולאַנגען ענגיידזשמענט, אָדער נאָהענטע חבר'שאַפט מיט דעם יונגען מאַן, און צו לאַנגע ענגיידזשמענטס אָדער חבר'שאַפטן ענדיגן זיך זעלטן ווי עס געהער צו זיין.

דאָס אייער טאָכטער בענקט נאָך איהר חבר פון עטליכע יאָהר איז גאַנץ נאַטירליך. דאָס וואָלט פאַר איהר וואַרשיינליך ניט געווען אַזוי שווער אַריבערצוטראָגן, דען די אָפּגעבראָכענע באַציהונגען מיט

מאַנאַטן צוריק האָבן, ווי עס שיינט, ניט געמאַכט אויף איהר אזא שטאַרקע ווירקונג.

אָבער דאָ איז איצטער צוגעקומען דאָס געפיהל פון אייפערזוכט — דער געדאַנק אַז ער געהט איהר אויסבייטן אויף אַן אַנדערע — און דאָס איז אַ זעהר פּיינליכער געפיהל.

אייער טאָכטער ליידט גייסטיג. דאָס איז גאַנץ נאַטירליך. אָבער ניט איהר און ניט אייער פריינד, אויך ניט זיין טאָכטער און זיין פרוי, קענען די זאַך העלפן.

דער איינציגער וועלכער קען דעם פּלאַנטער לייזן און באַרוהיגן דעם געמיט פון אייער טאָכטער, איז דער יונגער מאַן אליין. ער דאַרף ענטשיידן צווישן די ביידע מיידלעך.

אויב ער האָט אייער טאָכטער אויפריכטיג געליבט, און האָט זיך פאַרבונדן מיט אייער פריינד׳ס טאָכטער בלויז נאָכדעם ווי ער האָט געגלויבט אַז ער איז צוריקגעוויזן פון אייער טאָכטער, קען זיין, אַז ווען ער קומט צוריק און לערנט ווי אייער טאָכטער גאַרט נאָך איהם, זאָל ער זיך ווידער צוריקקעהרן צו איהר.

דאָס איז אביסעלע ווייטלויפיג, ווייל זיי זיינען צו לאַנג געווען צושיידט. אָבער אַ מעגליכקייט איז אימער פאַראַן.

אַ צווייטער מיטל — נאָך מיין מיינונג, אַ מעהר פּראַקטישער איז — אַן ענדערונג פון דער סצענע.

זאָל אייער טאָכטער נעמען אַ רייזע — וואָס לענגער און ווייטער, אַלץ בעסער — זיך צושטרייען, און זיך אויך באַגעגענען מיט אַנדערע יונגע לייט.

אין די מייסטע אַזעלכע פאַלן, ווי אייער טאָכטער׳ס, איז צושטרייאונג אַ ווירקזאַמער מיטל.

אַ רייזע איבער׳ן ים, וואָלט פיליכט געווען בעסער, ווייל אַזאַ רייזע גיט אויך קערפּערליכע רו אין צוגאָב צו דער צושטרייאונג.

רעדט מיט אייער דאָקטאָר וועגן דעם, ער וועט פיליכט מסכים זיין דערצו.

וואַרטענדיג אויף ליבע, האָט זי חתונה

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

שוין זעקס יאָהר ווי איך בין באַקאַנט מיט אַ יונגען מאַן, אַ גאַנץ שעהנער, פון אַנשטענדיגע עלטערן, און אליין אויך אַן איידעלער יונגער מאַן. ער האָט מיך ליב און רעספּעקטירט מיך, באַטראַכט מיך אַלס זיין אידעאַל. איך בין זיכער אַז ער וואָלט געווען זעהר גוט צו מיר, און מיר

געגעבן א באקוועמע היים און א רוהיג לעבן. איך נויטיג זיך גראָד אין דעם, ווייל צופיל נחת אין לעבן האָב איך ניט געהאט. אָבער די איינ־ציגע שטערונג איז וואָס איך האָב דעם יונגן מאן ניט ליב. צייטענווייז צווייפעל איך אליין, און ווייס ניט מיינע אייגענע געפיהלן צו איהם. איז ער מיט מיר ווייזט ער מיר אויס לאנגווייליג, און איך צייג מיך פריינדליך צו איהם בלויז איהם ניט וועה צו טאָן. רופט ער מיך ניט אָפּ, אָדער קומט ניט מיך זעהן, בענק איך ניט נאָך איהם. ווען איך טראכט וועגן זיך אליין אלס זיין פרוי, אָדער כלה, פיהל איך ניט אנגענעם. מיינע קרובים ריידן מיר שטארק צו איהם צו נעמען, אָבער דאָס מיינט דאָך אויפגעבן אלע מיינע האָפנונגען צו טרעפן ווען איינעם וואָס איך קען ליבן. אין געזעלשאפט געפעלט ער אלעמען אויסער מיר. פריינדע זאָגן מיר, אז דערפאר וואָס ער יאָגט זיך אזוי נאָך מיר בין איך גלייכגילטיג — זאָל דאָס זיין אמת? מיין פאמיליע זאָגט מיר אז נאָך דער חתונה וועל איך מיך איינגעוואוינען מיט איהם און וועל איהם ליב געווינען. וויפיל איך האָב געזוכט זיך אליין איינצורעדן אז איך האָב איהם ליב, האָט זיך דאָס מיר ניט איינגעגעבן. דערווייל געהט אוועק א יאָהר נאָך א יאָהר, דער יעניגער וועמען איך וואָלט געקענט אוועקגעבן מיין הארץ קומט ניט, און עס בענקט זיך אזוי נאָך דעם חלום פון ליבע. עס פארשטעהט זיך, מ׳קען ביי גאָט ניט ארויסנעמען קיין גאראנטיע אויף גליק, אָבער וועניג־סטענס דער ערשטער טריט דארף זיין צום הארצן. אזא וויכטיגער שריט אין לעבן ווי הייראטן דארף, גלויב איך, געטאָן ווערן מיט ליבשאפט, מיט ווארעמקייט, דער מאן דארף זיין ליב און ניט בלויז געדולדעט, און אויך ניט בלויז דערפאר וואָס ער קען מאכן א פיינעם לעבן. די נויט טרייבט מיך ניט צו הייראטן. איך בין באשעפטיגט אין אן אָפיס, און האָב אנגענעמע געזעלשאפטליכע פארבינדונגען. אָבער איך האָב „געברענטע צרות" פון מיינע אייגענע. זיי דענקען אז איך גיב אויף א גוטע געלע־גענהייט. ווערטער דר. קלאַרמאַן, וואָס איז אייער ראט? דער יונגער מאַן איז צודרינגליך, און איך מוז באשליסן.

אַמעריקאַניזירטע מיידעל פון בראָנזוויל.

ווען איהר וואָלט מיר ניט געזאָגט, אז עס איז שוין זעקס יאָהר ווי דער יונגער מאַן „געהט אויס" נאָך אייך, און זוכט אייער האַנט וואָלט מיין ערשטער אימפּולס געווען צו זאָגן, דאָס אַ מיידל איז ניט מחויב צו הייראַטן אויב דער יונגער מאַן איז איהר ניט ליב, בלויז נאָר צו זיין פאַרהייראַט.

עס איז אַ שרעקליכע זאַך צו פאַרברענגען אַ גאַנצן לעבן מיט אַ מאַן צו וועמען די הארץ טראָגט ניט גלייך פון אָנהויב־אָן.

אָבער דער פאַקט וואָס איהר געהט שוין אום צוזאַמען זעקס

יאָהר, און דער יונגער מאַן איז שטאַנדהאַפט, צווינגט מיך צו באַ־טראַכטן איינציגע אומשטענדן, און אייך העלפן פארשטעהן אייערע אייגענע געפיהלן.

זעקס יאָהר איז אַ לאַנגע צייט. און ווען אַ הייראַטס־פעהיגע מיידל געהט אום מיט אַ יונגען מאַן זעקס יאָהר, איז זי זיכער אז זי האָט איהם, ווערט ער ביי איהר וואָכעדיג.

איהר זאָגט, אז ווען ער קומט ניט, בענקט איהר ניט נאָך איהם. דאָס קומט פיליכט דערפון וואָס איהר זייט זיכער אז ער וועט קומען. עס איז זעהר מעגליך, אז ווען איהר זאָלט זיך דערוויסן, אז ער וועט ניט מעהר קומען אייך זעהן, אָדער ער האָט געפונען אַן אַנדער מיידל, וואָלט אייך שטאַרק פארדראָסן.

די „יום־טוב׳דיגקייט״, דער „ברען״, האַלט געוועהנליך אָן ביי יונגע לייט ביז אַ געוויסער צייט נאָך דער חתונה, ביי מאַנכע לענ־גער, ביי אַנדערע קירצער, אָבער סוף כל סוף ווערן די באַציהונגען אַ געוועהנהייט.

מ׳האָט זיך ליב, מ׳איז איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן, אָבער מ׳נעהמט עס מיט רוהיגקייט, אָהן אויפרעגונגען.

איז דאָך זעהר מעגליך, אז ווען אַ מיידל קריגט די „אויפמערק־זאַמקייטן״ פון אַ יונגען מאַן זעקס יאָהר כסדר, זאָל ער ווערן וואָכע־דיג ביי איהר אפילו פאַר דער חתונה.

ווען איהר זאָגט אז איהר האָט דעם יונגען מאַן ניט ליב, מיינט איהר דאָך ניט צו זאָגן, אז איהר האָט איהם פיינט. איהר מיינט נאָר צו זאָגן, אז איהר זייט ניט פארליבט אין איהם.

אָבער אין די זעקס יאָהר האָט איהר דאָך געהאַט גענוג צייט צו פאַרליבן זיך אין אַן אַנדערן, אָדער געליבט צו ווערן פון אַן אַנדערן — פאַרוואָס איז דאָס ניט געשעהן?

אפשר זייט איהר לויט אייער טעמפעראַמענט ניט געשאַפן איינצופליסן ליבע אין פילע יונגע לייט וועלכע טרעפן זיך מיט אייך, און דער איינער אין וועמען איהר קענט יאָ איינפליסן ליבע איז דער יונגערמאַן, וואָס „יאָגט זיך״ נאָך אייך זעקס יאָהר.

טעמפעראַמענט האָט זעהר פיל צו טאָן דערמיט, הגם מ׳קען דאָס על פי שכל ניט ערקלערן.

איהר האָט געוויס אַליין אויך באַמערקט אין לעבן, ווי אַזוי אַ יונגער מאַן פאַרליבט זיך אַמאָל אין אַ מיידל, און אַלע וואונדערן זיך וואָס ער האָט אין איהר אַזוינס דערזעהן, ווען איהרע חבר׳טעס זיינען שעהנערע, קליגערע, געבילדעטערע, און אפשר רייכערע פון איהר.

דאַסזעלבע טרעפט מיט אַ מיידל וואָס פאַרליבט זיך אין אַ יונגען מאַן — דוקא אין דעם און ניט אין קיין אנדערן — ווערהענד די אנדערע זיינען אין אַלע באַציהונגען חשוב׳ער פון איהם.

יעדער בחור האָט זיין אידעאַל פון דער מיידל וועלכע ער וואָלט וועלן הייראַטען. און אַזוי האָט יעדע מיידל איהר אידעאַל. אָבער דער אידעאַל ווערט קיינמאָל ניט געפונען.

אפשר אין אָנפאַנג רעדט מען זיך איין אַז מ׳האָט איהם געפונען, אָבער מ׳מוז מאַכן פשרות מיט זיך אַליין ,און מ׳מוז פיל נאָכלאָזן, ווייל אין דער וועלט איז קיין זאַך ניט פאָלקאָמען.

קומט ביי מיר אויס, אַז איהר זייט גלייכגילטיג צו אייער יונגען מאַן ווייל ער ענטשפּרעכט ניט אייער פאָרשטעלונג פון דעם מאַן וואָס איהר וואָלט וועלן געפינען. אָבער די שאַנסן אַז איהר זאָלט איהם געפינען זיינען זעהר ווייטלויפיג.

מיר שיינט אַז אייער יונגער מאַן האָט מעלות פון דעם דויערהאַפטן סאָרט, דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס האַלטן אָן דורך דעם גאַנצן לעבן. און די חסרונות וואָס איהר געפינט אין איהם זיינען אַזעלכע וואָס יעדער מאַן האָט מעהר אָדער ווייניגער אַ פּאָר יאָהר נאָך דער חתונה — ער ווערט לאַנגווייליג, און די „זיטן" אָדער „מאַניערן", וואָס מען האָט פאַר דער חתונה ניט באַמערקט, הויבן זיך אָן אַרויסווייזן.

מיר ווייזט אויך אויס, אַז איהר געפינט די חסרונות ווייל איהר זוכט זיי. איהר האַלט אימער אין פאַרגלייכן אייער ליבהאַפּטיגן יונגען מאַן מיט דעם יונגען מאַן פון אייער אידעאַל, געפינט איהר פגימות.

אָבער, שוועסטערל, איהר מוזט געדענקען, אַז זיי קומען אַלע מיט פגימות. זיי קומען פון דער פאַבריק אַזוי. די יונגע מענער אַזוי ווי די מיידלעך. איז ניט די פגימות, זיינען דאָ אנדערע.

און דאָס וואָס אייערע קרובים זאָגן אייך, אַז דורך דער חתונה געוועהנט מען זיך מעהר צו איינער צום אנדערן, איז ניט אָהן אַ גרונד. אין די מייסטע פאַלן איז עס אַזוי. נייע אינטערעסן ווערן געשאַפן, נייע באַציהונגען, און דאָס געפיהל פון באַזיצונג, פון האָבן איינער דעם אַנדערן, האָט אויך אַ גרויסע ווירקונג.

שטאַנדהאַפטיגקייט, אויסדויער, איידעלקייט, העפליכקייט, טרייע ערגעבענהייט און די פעהיגקייט צו מאַכן אַ פיינעם לעבן — דאָס זיינען מעלות אין אַ יונגען מאַן וואָס אַ מיידל דאַרף ניט לייכטזיניג אָפּשטופּן פון זיך.

צוויי קוזינעס וועגן ליבע און תכלית

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַ מיידעל פון איין־און־צוואַנציג יאָהר און איך גייע אין קאָלעדזש. מיינע עלטערן זיינען ניט רייך, אָבער מיר לעבן אַנשטענדיג. איך וויל ענדיגן מיין שטודיום און ווערן טיטשער, ריידן מיר מיינע עלטערן אָפּ דערפון. זיי זאָגן, עס איז בעסער איך זאָל הייראַטן. אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, אַ ביזנעסמאַן, בעט מיך איך זאָל איהם הייראַטן. ער איז אַ גאַנץ אַנשטענדיגער מענש, און ניט אָרעם, אָבער מיין האַרץ טראָגט ניט צו איהם. מיר געפעלט בעסער אַן אַנדער יונגער מאַן וועלכער איז אַ פּאָר יאָהר אינגער, און איז טיטשער, אָבער האָט נאָך דערווייל קיין שטענדיגע שטעלע, און איז באַשעפטיגט אַלס „סאַבּ־סטיטוט״. ער איז צו אָרעם צו הייראַטן, און בעט מיך איך זאָל וואַרטן נאָך אַ פּאָר יאָהר.

יענע וואָך איז געקומען צו אונז צו באַזוך אַ קוזינע, אַ מיידעל פון פיר־און־צוואַנציג יאָהר, און איך האָב איהר פּאַרטרויט מיינע אַנגעלעגענ־הייטען, האָט זי זיך פון מיר אויסגעלאַכט, און האָט געזאָגט, אַז איך האָב ניט מעהר שכל ווי אַ קאַץ, דערפאַר וואָס איך וויל ניט הייראַטן דעם ביזנעסמאַן וועלכער קען מיר געבען אַ גוטע היים און אַ קאַר און אַ פּאָר־קאָוט, און איך וויל וואַרטן אויף אַ קבצן וואָס קען מיר קיין זאַך ניט געבען. מיר האָבן געהאַט אַ לאַנגען אַרגומענט וועגן דעם. מיין מוטער האַלט מיט מיין קוזינע. האָט מיין מוטער געזאָגט אַז מען זאָל פרעגן ביי אייך ווער ס׳איז גערעכט. פּליז, דר. קלאָרמאַן, ענטפערט אונז.

אַ קאָלעדזש גוירל.

אין אַזאַ פראַגע, שוועסטער־לעבן, איז ניט מעגליך צו זאָגן מיט באַשטימטקייט ווער עס איז גערעכט און ווער אומגערעכט, ווייל דאָס איז ניט אַ פראַגע פון געזעץ, אָדער פון יושר, נאָר אַ זאַך פון געפיהל.

און אַזוי ווי עס זיינען ניטאָ צוויי מענשען אויף דער וועלט וואָס זאָלן אַקוראַט גלייך איינער צום אַנדערן אין זייער אויסזעהן און אין אַלע אַנדערע כאַראַקטעריסטיקן, אַזוי זיינען אויך ניטאָ קיין צוויי מענשן וואָס זאָלן פיהלן אַקוראַט איינער ווי דער אַנדערער אין אַלע זאַכן פון לעבן.

דערפאַר איז מעגליך אַז צוויי מענשן זאָלן האָבן ענטגעגענגע־זעצטע געפיהלן אין דערזעלביגער זאַך, און ביידע זאָלן זיין גערעכט, יעדערער פון זיין שטאַנדפּונקט.

אַט נעהמט, צום ביישפּיל, טאַקע זיך אַליין און אייער קוזינע. איהר זייט פון דער נאַטור וואָרשיינליך מעהר געניגט צו סענטי־מענט, פּיליכט צו פּאָעזיע, און איהר טראַכט מעהר פון ליבע אַלס פון די וויגאַדעס אין לעבן.

אייער קוזינע איז, ווי עס שיינט, א פּראַקטישע מיידל וואָס לייגט מעהר געוויכט אויף די אויסערליכע פאַרגעניגענס, און דאָס וואָס מ׳רופט ליבע איז ביי איהר א נעבענזאַך.

דערפאַר קענט איהר קיינמאָל ניט קומען צו אַן אויסגלייך אין אייער אַרגומענטן, ווייל איהר טראַכט ניט ביידע גלייך פון דיזעלביגע זאַך: זי טראַכט פון „תכלית" — מיט ליבע אַלס אַ גאָר־ניט וויכטיגן צוליגג, — ווערענד איהר טראַכט הויפּטזעכליך פון ליבע, און תכלית איז ביי אייך אַ נעבענזאַך.

אין אַנדערע ווערטער מיינט דאָס אַזוי: אייער קוזינע רעכענט מיט׳ן קאָפּ די פּאָראורטיילן וואָס זי קען געווינען דורך הייראַטן אַ מאַן, וועלכע קען איהר געבן די זאַכן וועלכע זי ווינשט צו האָבן.

איהר, דאַגעגען, רעכענט ניט, נאָר איהר פיהלט מיט׳ן האַרצן, אַז איהר וואָלט וועלן געהערן דעם מאַן וועלכן איהר האָט ליב.

אויב מ׳זאָל וועלן זיין אויפריכטיג מיט ביידן מוז מען זאָגן אַז איהר זייט ביידע אומגערעכט, ווייל איהר זייט ביידע צו איינזייטיג.

קיין הייראַט קען אויספאַלן גליקליך אין וועלכער קאָפּ און האַרץ נעהמען ניט ביידע אַ טייל אין די באַציהונגען צווישן מאַן און ווייב.

אויטאָמאָבילס, און פּאַר־קאָוטס, און דימענטן מאַכן א פּאַר־הייראַטן לעבן ניט גליקליך, אויב עס פעהלט געגענזייטיגע סימ־פּאַטיע, און געגענזייטיגער רעספּעקט.

און אַריינוואַרפן זיך בלינדערהייט אין די אָרעמס פון אַ מאַן צו באַפרידיגן די לוסט פון האַרצן ניט רעכענענדיג פון אַ פאַמיליען־לעבן, פון א צוקונפט, פון אַ תכלית, איז אויך ניט גוט.

די ערשטע אויפברויזונג פון ליידנשאַפט ווערט אָפּגעקיהלט, און אויב עס פעהלט דער מאַטעריעלער יסוד פון א צוזאַמענלעבן, קען אַזאַ הייראַט קיין לאַנגען קיום ניט האָבן.

און אויב אַזאַ צוזאַמענלעבן אין מאַטעריעלער נויט האַלט אָן, מוז עס ווערן פול פּיין און עלענד און נויט פאַר דער פאַמיליע.

ביידע זאַכן, האַרץ און קאָפּ, מוזן שפּילן אַ ראָלע אין דער גרינדונג פון אַ פאַמיליע. עס איז ניט גוט צו רעכענען דערביי בלויז די מאַטעריעלע זאַכן וואָס מ׳קריגט, עס איז אָבער אַקוראַט אַזוי שלעכט זיך גאָר ניט צו רעכענען מיט די מאַטעריעלע פאָדערונגען פון לעבן.

אין אונזערע פאַרצייטיגע ספרים ווערט דאָס לעבן צוגעגליכן צו אַ וועג, וואָס האָט פון איין זייט אַן אייז-באַרג, און פון אנדערן זייט אַ וואַנט פון פלאַם-פייער.

געהט מען צו נאָהענט צו דעם אייז-באַרג ווערט מען פאַר־פראָרן; געהט מען צו נאָהענט צו דעם פלאַם-פייערדיגער וואַנט, ווערט מען פאַרברענט. וואָס ־זשע זאָל דער מענש טאָן? ער זאָל געהן אינמיטן.

דאָס פאַסט זיך זעהר גוט צו אייער ויכוח, שוועסטערל, אייער קוזינע׳ס ארגומענטן איז צו-קאַלט, אייערער איז צו היים. מוז מען מאַכן אַ פשרה.

געוויס חלומ׳ט יעדע מיידל, און האָפט, און ווינשט, אז איין טאָג זאָל זיך מעלדן דער באַשערטער, וועלכער זאָל זיך פאַרליבן אין איהר איבער די אויערן, און וועלכן זי זאָל תיכף ליב געווינען און איהם מאַכן פאַר דעם איינציגן, פאַר דעם אויסערוועהלטן פון איהר האַרצן.

געוויס חלומ׳ט זי, און האָפט, און ווינשט, אז ער זאָל זיין, אויב ניט אַ פרינץ, איז ווענינגסטענס אַ מיליאָנער, אָדער יעדענפאַלס אַ גביר, אָדער אַ זוהן פון גבירים, און ער וועט איהר געבן אַ פּאַלאַץ מיט אַל־דאָס־גוטס.

די חלומות זאָגן דאָס ניט ארויס אַזוי קלאָר, אָבער דאָס איז זייער גאַנג; זיי ציהען זיך צו דאָס העכסטע און דאָס בעסטע, לויט די באַגריפן פון דער מיידל וואָס חלומ׳ט.

און זי חלומ׳ט פון אַ ליבע וואָס זאָל אי ברענען, אי גלעטן, אי צערטלען, און זאָל אימער בלייבן אַזוי, זיך קיינמאָל ניט אָפקיהלן און זאָל אַלע מאָל אָנהאַלטן אין ענטציקונג, אין גליקזעליגקייט אָהן ענד.

אָבער די חלומות ווערן קיינמאָל ניט פאַרווירקליכט, ווייל די ווירקליכקייט איז ניט פולקאָמען, און זי האָט איהרע פגימות און חסרונות אפילו אין בעסטן און גליקליכסטן פאַל.

געגענזייטיגע סימפּאַטיע צווישן מאַן און ווייב, יענער זיסער ציטער וואָס קומט ביי דער באַריהרונג פון די פּערזאָנען, איז געוויס נויטיג צו דעם גליק פון פאַמיליען-לעבן. אָהן דעם ווערט דאָס צוזאַ־מענלעבן אַ געוואוינהייט וואָס מוז דערעסן ווערן.

אָבער גראַדע אַזוי נויטיג איז אַ געזונטער מאַטעריעלער יסוד וואָס זאָל מאַכן דאגות פרנסה ניט צו שווער, און וואָס זאָל געבן די מעגליכקייט צו ערציהען אַ פאַמיליע.

דער געזונטער אידישער חוש פאַר ליבע און פאַמיליען-לעבן דריקט זיך אויס אין אַ טשיקאַווע פאָלקס-לידל:

אַ ליבע צו שפּילן איז אַוודאי כּדאַי,
נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן,
ווען דער קאָפּ איז דאָ דערביי.

אַ ליבע צו שפּילן איז אַוודאַי כּדאַי,
נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן,
ווען דאָס האַרץ איז דאָ דערביי.

אַ ליבע צו שפּילן איז אַוודאַי כּדאַי,
נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן,
ווען גאָט איז דאָ דערביי.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן, אַז אַ מלמד׳ס אַ טעכטערל איז ערגעץ־וואו געזעסן און גענעהט, אָדער פּאַרצירעוועט זאָקן, ווערהדענד אין צווייטן חדר האָט דער טאַטע געלערנט מיט די תלמידים „במה דברים אמורים״, „ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן״?

האָט די מיידעלע, חלום׳ענדיג פּילייכט פון איהר בחור, אַריינ־געוועבט דעם „ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן״ איז איהר לידל.

מ׳טאָר דעם קאָפּ ניט פאַרלירן, דאָס האַרץ מוז פיהלן, אָבער אַ ריכטיגע חתונה זאָל זיין ווי גאָט האָט געבאָטן. דאָס איז דער טראַדיציאָנעלער אידעאַל פון דער אידישער טאָכטער.

עלטערן שטערן ווייל דער חתן איז אָרעם

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

איך בין אַן אמעריקאַניש־געבאָרענע מיידעל, 23 יאָהר אַלט, אַ טאָכ־טער פון רייכע עלטערן, וועלכע האָבן מיר אימער געגעבן אַלץ וואָס מיין האַרץ האָט געלוסט. איך האָב קיינמאָל ניט געדאַרפט אַרבעטן און בין געוואוינט געוואָרן צו אַלע באַקוועמליכקייטן אין לעבן.

מיט אונגעפעהר פערצעהן מאָנאַטן צוריק האָב איך מיך באַקאַנט מיט אַ פיינעם יונגן מאַן, 30 יאָהר אַלט, וועלכער איז בלויז פינף יאָהר אין לאַנד. ווען איך האָב מיך באַקאַנט מיט איהם איז ער געווען אין ביזנעס; אָבער די לאַין פון זיין ביזנעס איז אין גאַנצן אַרויס פון מאַרקעט, האָט ער גענומען אַ דזשאָב פאַר פופציג דאָלער אַ וואָך.

דער יונגער מאַן האָט איינינע מאָל געשפּראָכן צו מיר וועגן הייראַט, אָבער איך האָב זיין פאָרשלאָג ניט געקענט אָננעמען דערפאַר וואָס מיינע עלטערן האָבן אַ פאָראורטייל געגן איהם — ער איז ניט רייך, ער איז

פינאַנציעל ניט אין אַ גוטן שטאַנד. מיינע עלטערן שדכנ'ען מיר אַנדערע יונגע לייט, וועלכע האָבן געלד, אָבער מיין האַרץ טראָגט ניט צו זיי. זיי געפעלן מיר ניט. קיין איינציגן פון זיי קען איך פאַרגלייכן מיט דעם אָרימען יונגן מאַן, וועלכן איך האָב ליב. מיינע עלטערן אָבער באַשטעהען דאַרויף אַז איך מוז הייראַטן עשירות. און איך אַליין בין אויך אַביסל אין צווייפל, צי קען איך זיין גליקליך מיט דעם יונגן מאַן אויף זיינע איצטיגע פאַרדינסטן נאָכדעם ווי ביי מיינע עלטערן בין איך געוואוינט געוואָרן צו לוקסוס. בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן, מיר צו ראַטן וואָס איך זאָל טאָן. עסטעל הערינג.

דאָס, ליבע שווערטערל, איז אַן אַלטע געשיכטע וועלכע בלייבט אַלע מאָל נייַ, און ביי וועמען דאָס קומט פאָר האָט צו זינגען און צו זאָגן ווי עס זאָל זיך ניט מאַכן.

נעהמט אָן, צום ביישפּיל, אַז אייער באַגעהר צו אַ לעבן פון לוקסוס און באַקוועמליכקייט, און אויך די פאָדערונג פון אייערע עלטערן, וועלן אייך באַוועגן אָפּצוזאָגן דעם אָרימען יונגען מאַן פון אייער אייגענער וואַהל, און צו הייראַטן איינעם פון די מענער וועלכע אייערע עלטערן שדכנ'ען אייך, און צו וועלכע אייער האַרץ טראָגט ניט.

וואָס וועט דאַן זיין ?-

איהר וועט אייך, מן הסתם, מיט דער צייט צוגעוועהנען צו דעם מאַן, און איהר וועט פיהרן אַ פאַמיליען-לעבן ווי טויזענדע אַנדערע, אָבער איהר וועט אין האַרצן שטענדיג טראָגן אַ געפיהל פון באַדויערן, פון בענקשאַפט, און שטענדיג טראַכטן ווי פיל גליקליכער איהר וואָלט געווען, ווען איהר וואָלט געהייראַט דעם יונגען מאַן פון אייער אייגענער וואַהל.

און באַזונדערס, אויב דער יונגער מאַן זאָל שפּעטער הייראַטן אַן אַנדערע און מאַכן אַ סוקסעס אין לעבן, וועט אייער באַדויערן זיין נאָך שאַרפער און פיינליכער.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן וועט איהר פיהרן אַ לעבן אָהן ליבע, אָהן אויפריכטיגע ענטציקונגען, שטענדיג טראַכטענדיג פון דעם יונגען מאַן וואָס איהר האָט געליבט, און אייער רייכקייט און לוקסוס וועלן אייך ניט איינגעהן.

און נעהמט ווידער פון דער אַנדער זייט — איהר באַשליסט אייך צו הייראַטן דעם יונגען מאַן געגן דעם ווילן פון אייערע עלטערן, ריזיקירענדיג צו לעבן בעסער מיט איהם אין אָרימקייט איידער צו האָבן לוקסוס און הרחבה מיט אַ מאַן וואָס איהר האָט ניט ליב.

וואָס וועט דעמאָלט זיין?

אין דער ערשטער צייט וועט איהר ווארשיינליך זיין גליקליך אין אייער ליבע, און די הינרייסונג און ענטציקונגען פון דעם יונגען לעבן וועט אייך פיליכט מאַכן פארגעסן דעם לוקסוס צו וועלכן איהר זייט מיידעלוויז געוואוינט געווען.

אָבער ווען דער ערשטער פייער וועט עטוואָס אָפּגעקיהלט, און איהר וועט מוזן רעכענען יעדן ניקל פון אייער מאַנ׳ס פאַרדינסטן, און וואוינען אין בלויז צוויי-דריי רומס און ניט האָבן אייער קאַר, און מוזן פאָהרן אין דער סאָבוועי, און דולדן די אלע הונדערטער אונבאקעוומליכקייטן וועלכע ניט-רייכע ליטע נעהמען געוועהנליך אָן אלס געהעריג;

און איהר וועט באַרעכענען אז פיליכט מוזט איהר אזוי אָפּ-לעבן אַלע אייערע יאָהרן — דאַן וועט אייך אָנהויבן שטאַרק פאַר-דריסן, פאַרוואָס איהר האָט זיך געלאָזט הינרייסן פון אייער האַר-צענ׳ס באַגעהר, אַנשטאָט צו זיין פראַקטיש און צו הייראַטן עשירות.

דאַן קען זיך נאָך חלילה אָנפאַנגען א סדרה פון פאָרווירפע, פון טרעהרן, פון אונצופרידענהייט פוןביידע זייטן, און עס איז א צוריסן לעבן.

דאָס זיינען זאכן, וועלכע דער יונגער מאַן אזוי גוט ווי איהר אליין מוזט נעהמען אין באַטראַכטונג, ווייל ער נעהמט אויף זיך די גרעסערע פאַראַנטוואָרטליכקייט.

אָבער עס זיינען אויך דאָ אין דער סיטואַציע מעגליכקייטן וועל-כע אייערע עלטערן דאַרפן באַטראַכטן.

זיי מיינען עס געוויס גוט מיט אייך און ווילן זעהן אייער גליק, אָבער עס קען זיין אז ווען זיי ווילן אייך גליקליך מאַכן לויט ווי זייער פארשטאַנד טראַגט אויס, און נעהמען ניט אין באטראַכטונג די יוגענטליכע באַגעהרן, מאכן זיי א טעות.

ווען א מיידל הייראַט דעם אויסגעוועהלטן פון איהר האַרץ, און זיי ליידן דערנאָך צוזאַמען נויט און אָרימקייט, האָט זי וועניגסטענס די באַפּדידיגונג, אז זי ליידעט צוזאמען מיט איהר געליבטן מאַן און פריינד.

אויב אבער זי הייראַט בלויז עשירות, און די עשירות ווערט צורונען — ווי דאָס טרעפט אַזוי אָפט אין לעבן — און זי בלייבט אין אָרימקייט מיט אַ מאַן וועמען זי האָט קיינמאָל ניט געליבט, דאַן איז איהר עלענד גאָר ניט צו דערטראָגן.

אָבער נאָך די אַלע רייד, שוועסטערל, זייט איהר די איינציגע

וועלכע האָט די פראַגע צו ענטשיידן — קיינער קען דאָס ניט טאָן פאַר אײַך.

די פראַגע איז, ליבט איהר דעם יונגען מאַן שטאַרק גענוג, אַז איהר זאָלט נעהמען אַ משאנם מיט איהם צוזאַמען זיך אַרויפצואַר־בייטן אין לעבן, אָדער, אויב עס איז אַזוי באַשערט, מיט איהם צו־זאַמען צו ליידן?

נאָך אַלעמען ווייזט אויס פון אײַער בריף, אַז דער יונגער מאַן איז ניט קיין שלים־מזל און ניט קיין פאַרשלאָפענער.

ער איז ערשט פינף יאָהר אין לאַנד, און האָט שוין באַוויזן צו האָבן אַ ביזנעס, און ווען דאָס איז ניט געגאַנגען, האָט ער באַוויזן צו געפינען אַ דזשאָב פאַר פופציג דאָלער אַ וואָך.

און נאָך אַ זאַך האָט ער באַוויזן — צו געווינען די ליבע און די אכטונג פון אַן אַמעריקאַניש־געבאָרענער מיידל, אַ טאָכטער פון רייכע עלטערן, און דאָס איז אַ זעלטענהייט.

די דורכשניטליכע אַמעריקאַנישע מיידל בליקט מיט גרינג־שעצונג אויף דעם „גרינהאָרן", אָדער „פאָרעינער", וועלכער רעדט מן הסתם ענגליש מיט אַן אַקצענט, און זיין „טי־אייטש" קלינגט ניט יענקיש גענוג.

ווייזט אויס אַז דער יונגער מאַן האָט מעלות, וועלכע וועגן אַריבער די אַלע חסרונות.

מיט דער ערמוטיגונג פון אַ ליבענדע פרוי ביי דער זייט, פון איינער וועלכע איז צופרידן צוזאַמען מיט איהם צו טראָגן די לאַסט, און העלפן, און שפּאָרן, קען זיך אַזאַ יונגער מאַן אַרויפאַרבייטן און געהן גאַר ווייט אין זיין פינאַנציעלן סוקסעס.

אין אַזעלכע זאַכן, שיינט מיר, אויב עלטערן זיינען אויסן דאָס גליק פון זייער טאָכטער, דאַרפן זיי ניט נאָר באַטראַכטן וואָס אַ חתן באַזיצט אין עשירות, נאָר אויך וואָס ער איז אין כאַראַקטער, אין פעהיגקייט, און אין צוזאָג פאַר די צוקונפט אַלס מענש מיט סימ־פּאַטיע און האַרץ.

איך וויל אײַך ניט ראַטן, ניט אײַך און ניט דעם יונגען מאַן, צו טאָן עטוואָס געגן דעם ווילן, און אָהן דער צושטימונג פון אײַערע עלטערן.

אָבער איך גלויב, אַז אַ גרינדליכע באַשפּרעכונג פון אַלע זייטן פון דער סיטואַציע, צווישן אײַך און אייערע עלטערן — אַ באַשפּרע־כונג אָהן אויפרעגונג, אָהן ליידענשאַפטן, אָהן קאַפּריז און ערגער־ניש — נאָר מיט דער רוהיגקייט און שכל, וועט אײַך ברענגען צו דער בעסטער לייזונג פון דעם פּראָבלעם.

אָהן נדן געהט עס ניט

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

פאַר די לעצטע אַכט מאָנאַטן געה איך אָפּט אוים מיט אַ יונגן מאַן וועלכער זאָגט אַז ער האָט מיך ליב; אָבער ווען עס קומט צו רייד וועגן תכלית, זאָגט ער מיר אַז פאַרלויפיג איז ער נאָך ניט אין דער לאַגע צו קענען הייראַטן. ער איז אין ביזנעס, און זיין ביזנעס, זאָגט ער, ברענגט איהם גענוג צו קענען מאַכן אַ לעבן, אָבער ניט גענוג צו געבן מיר די הרחבה וועלכע ער וואָלט מיר וועלן געבן, און אויב ער זאָל דאָס ניט קענען טאָן, וואָלט ער זיך געפיהלט ניט גליקליך. ביי מיר ווידער קומט אוים דאָס דער איינציגער וועג פאַר אַ מאַן צו ווייזן זיין אויפריכטיגע ליבע צו אַ מיידעל, איז צו בעטן זי זאָל הייראַטן מיט איהם, און דאַן טיילן מיט איהר וואָס גאָט גיט, פיל אָדער ווייניג.

דער יונגער מאַן זאָגט, אַז ווען מ'זאָל איהם געבן אַ „פּוש”, דאָס הייסט, אונטערשטופּן איהם, אין זיין ביזנעס, וואָלט ער געמאַכט אַ גרעסערן סוקסעס. מיין פאָטער איז ניט אָרעם, און איך ווייס אַז ווען איך זאָל הייראַטן וואָלט איך פון איהם געקראָגן אַ פיינע מתנה. דער יונגער מאַן פאַרשטעהט עס פיליכט, און עס וואָלט געווים געוועזן פיינער און דעליקאַטנער אַז ער זאָל דערפון גאָר ניט ריידן. און דער „פּוש” וואָלט וואַרשיינליך געקומען סיי־ווי־סיי. נאָר עס ווייזט אוים אַז ער וויל ניט נעמען קיין טשענסעס, און וויל געהן אויף אַן אייזערנעם בריק. ווייזט מיר אוים אַז ער באַנוצט צו פיל קאָפּ און צו ווייניג האַרץ. ער קען ניט הייראַטן סיידן ער קריגט אַ „פּוש”, און דער „פּוש” מוז קומען פריהער.

דענקט איהר ניט, דר. קלאָרמאַן, אַז דער מאַן איז ניט אויפריכטיג אין זיין ליבעס־ערקלערונג?

פּליז, דר. קלאָרמאַן, לאָזט מיר וויסן וואָס איהר דענקט וועגן דעם.

אונגעוויס.

די סיטואַציע וועלכע ווערט דאָ געשילדערט אין דעם בריף (פאַרבייגעהענדיג באַמערקט, גאַנץ אינטעליגענט געשריבן אין ענגליש), דערמאָנט מיך אָן אַ גוי'שע מעשה'לע, וועלכע פילע פון די לעזער האָבן וואַרשיינליך געהערט.

אַ בישאָפּ האָט באַזוכט אַ גראַמער סקול אין אַ קליין שטעדטעל אין די וועסט, און האָט געוואָלט זעהן ווי ווייט די קינדער זיינען אין זייערע סאַנדעי סקול לימודים.

האָט ער גענומען אין האַנט אַ זילבערנעם האַלבן דאָלער און האָט ערקלערט: „דער האַלבער דאָלער געהט צו דעם אינגל, אָדער

מיידל, וואָס וועט ריכטיג ענטפערן אויף דער פראַגע: „וועמען האָסטו ליב מעהר פון אַלע אַנדערע אין דער וועלט?"

אַ מיידעלע האָט געזאָגט: „מיין מאַמען". אַ צווייטע האָט געענטפערט: „מיין בייבי ברודער". איין אינגל האָט געזאָגט: „מיין טאַטען", און אַזוי ווייטער. אַנדערע האָבן דערמאָנט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן", און „הענרי פאָרד".

די אַנטוואָרטן זיינען געווען נאַטירליך גענוג, אָבער זיי האָבן ניט צופרידנגעשטעלט דעם בישאָפּ.

ענדליך האָט איין אינגעלע, פון אַ ווינקל, אויסגערופן: „איך האָב ליב דזשיזוס קרייסט!"

„אָה! אָט איז אַ „סמאַרט באָי!" — זאָגט דער בישאָפּ — „דאָ האָסטו דעם האַלבן דאָלער! ווי הייסטו, אינגעלע?"

„דזשייק ליוואַי" — פּיפּסט דער באָי.

„דזשייק ליוואַי?" — וואונדערט זיך דער בישאָפּ — „ביזט דאָך גאָר אַ אידישער אינגל?"

ענטפערט דזשייק: „יעס, באָט ביזנעס איז ביזנעס!"

איך מיין חלילה ניט צו פאַרגלייכן דעם יונגען מאַן פון וועלכן די מיידל שרייבט דאָ, צו דעם קליינעם דזשייק ליוואַי. דער אינגעלע האָט בלויז געוואָלט דעם האַלבן דאָלער, און „דזשיזוס קרייסט" איז איהם גאָר ניט אָנגעגאַנגען, ווערהרענד אין אונזער פאַל איז אָנצונעהמען, אַז דער יונגער מאַן וויל די מיידל. אָבער ביזנעס איז ביזנעס.

פון דעם וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דעם בריף איז נאָך גאָר ניט געדרונגען אַז דער יונגער מאַן איז ניט אויפריכטיג פאַרליבט, אָדער דאָס זיינע אבזיכטן זיינען ניט עהרליך, אָדער דאָס ער וועט ניט זיין אַ גוטער פליכט-געטרייער מאַן.

אָבער ער איז אַ ביזנעסמאַן. ער רעכענט אין דערזעלביגער צייט אויס וויפיל עס דאַרף קאָסטן די איינריכטונג פון אַ פאַמיליען-לעבן און אויב זיין ביזנעס קען דאָס טראָגן און ניט ליידן דערביי.

דער דורכשניטליכער ביזנעסמאַן איז „מעדער-אָוו-פעקט", און לאָזט זיך ניט הינרייסן פון זיין האַרצנ'ס באַגעהר, אויב דאָס קען טאָן שאָדן זיין ביזנעס. דאָס איז ניט אַלע מאָל אַ חסרון.

אַ ביזנעסמאַן וואָס איז אויסגערעכנט מיט זיין דאָלער, וועט ניט זיין קיין אויסברענגער, וועט וואַרשיינליך ניט געמבלען, און וועט אַטענדען צו זיין ביזנעס.

וואָס דעם יונגען מאַן פעהלט, איז, ווי מיר שיינט, אַ קאַפּעלע מעהר טאַקט, און אַביסעלע מעהר פּסיכאָלאָגישע מבינות, צו פאַר-

שטעהן בעסער די מיידל וועלכע געפעלט איהם און מיט וועלכע ער געהט אום.

ווען ער זאָל האָבן אַ טראָפּן מעהר איינבילדונגס-קראַפט, און אַ טיפערן איינבליק אין דער נשמה פון אַן אַנדערן, וואָלט ער גע־וואוסט, אז מיט זיין ערקלערונג צו דער מיידל דעם אָפּהאַלט פאַר וואָס ער קען ניט הייראַטן אָהן אַ „פוש", צושטערט ער די ראָמאַנ־טיק, די זיסעסטע חלומות פון אַ מיידל וואָס חלום'ט פון ליבע און פון צערטליכקייט.

די אָפּשאַצונג וועלכע די מיידל גיט צו אמאַן וועלכער איז אַזוי פּראַקטיש, דאָס ער וויל גאַר קיין טשאַנס ניט נעהמען, איז באַזונ־דערם גוט צונעפּאַסט און קלוג.

די ערפאַהרונג ווייזט אז יענע פּאַר פאָלקס וועלכע האָבן געהיי־ראַט אָהן פיל אויסרעכענונגען, אָבער מיט דעם אנטשלוס צו ארבייטן צוזאַמען, צו שפּאָרן צוזאַמען, צו זוכן אַ תכלית צוזאַמען, ארבייטען זיך פיל גיכער אַרויף צו עשירות און וואויל-זיין, אלס אנדערע וועלכע פאַרלאָזן זיך אויף א „פוש" פון דרויסן, אין דער פאָרמע פון נדן.

צו פאַרלאַנגען נדן, אָדער אַ „פוש", כדי צו קענען געבן דער פרוי אַ לעבן פון לוקסוס, איז די גרעסטע ניט-באַרעכענטקייט וואָס א ביזנעסמאַן קען באַגעהן.

פיל פּראַקטישער איז צו זאָגן צו דער מיידל וועלכע מ'געהט הייראַטן: „אַזוי פיל איז מיין הכנסה, ביזטו צופרידן דערמיט אוים־צוקומען?" אויב זי זאָגט „יעס", און זי מיינט עס, האָט ער געפונען די ריכטיגע.

און אויב וואוילהאבענדע עלטערן, וועלכע ווילן אז די קינדער זאָלן גיכער קומען צו אַ תכלית, און לעבן בעסער, גיבן זיי אַ „פוש", איז דאָס אי ריכטיג, אי שעהן.

מ'קען דעם יונגען מאַן ניט פאַרדענקען, ווען ער זוכט אַ טשאַנס צו פאַרגרעסרן זיין ביזנעס, כדי צו פאַרמעהרן זיין הכנסה; אָבער די אַרט-און-ווייזע ווי אַזוי ער וויל דאָס דערגרייכן איז טאַקטלאָז, און אָהן די פיינערע פיהלונג.

אַ מיידל מוז זיך פיהלן טיף געקרענקט, ווען זי באַרעכענט, דאָס ווען ניט דער נדן וואָלט איהר יונגערמאַן צופרידן געווען אוים־צוקומען אָהן איהר.

צוריקקעהרענדיג צו דער הויפּט-פראַגע אין דעם בריף, צי דער יונגערמאַן איז אויפריכטיג אין זיין ליבעס-ערקלערונג, וועל איך זאָגן, לויט ווי איך האָב דאָ פריהער ערקלערט, אז אויפריכטיג איז ער, דען אַ יונגער ביזנעסמאַן וועט ניט אומגעהן אכט חדשים מיט

אַ מיידל אויב ער טראַכט ניט פון תכלית, אָבער זיין אויפריכטיגקייט אין ליבע פאַרדונקעלט ניט זיין פּראַקטישע אויסגערעכענטקייט.

זיין ליבע האָט ניט קיין אילוזיעס, און ער באַרעכענט דעם פּרייז און די ריזיקע דערפון ווי ער איז געוועהנט צו טאָן אין ביזנעס.

עס קען זיין, אַז ניט־קוקענדיג אויפזיין וואַכעדיגקייט זאָל ער דאָך זיין אַ גוטער, געטרייער מאַן, זאָרגענדיג פאַר דעם וואוילזיין פון זיין פאַמיליע; אָבער אַ מיידל מיט ראָמאַנטישע נייגונגען און מיט פייענערע געפיהלן וועט פיליכט זיין ניט גאַנץ צופרידן מיט אים.

איבריגענס, מוז מען זיך אַ מאָן ערציהען אויב מ'וויל ער זאָל זיין ווי עס געהערט צו זיין. צוגעשניטן אַקוראַט צו אָרדער קומען זיי ניט פון פעקטאָרי.

זי וויל אַן אויטאָמאָביל

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

מיין זוהן איז אַ יונגער מאַן פון דרייסיג יאָהר און איז מיט מיין מאַן אין ביזנעס. ער ציהט פון די ביזנעס פופציג דאָלאַר אַ וואָך פאַר זיין אייגענעם געברויך. דורך די ביזנעס האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ מיידעל, אייניגע יאָהר אינגער פון איהם, וועלכע מענעדזשט די ביזנעס פון איהר פאָטער אין דעמזעלביגן ליין ווי אונזער ביזנעס. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר מאָנאַטן האָט ער זי אייניגע מאָל אויסגענומען. דאָס לעצטע מאָל האָבן זיי בייגעוואוינט אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, אין וועלכער עס איז פאָרגעקומען דער אויסדרוק: „אַ גוטע ווייב איז שווער צו געפינען".

צוריקגעהענדיג פון טעאַטער מאַכט מיין זוהן אַ באַמערקונג וועגן דעם און זאָגט, אַז עס איז באמת שווער צו געפינען אַ ריכטיגע חבר'טע אין לעבן. ענטפערט די מיידעל, אַז אויב דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אויף אַ „פּראָפּאָזישאָן", וויל זי זיך אַ ווייליע מיישב זיין איידער זי גיט אַן ענדגילטיגן ענטפער. און אין פאַרלויף פון דעם געשפּרעך האָט זי ווייטער באַמערקט, דאָס זי איז געוואוינט צו אַן אויטאָמאָביל, און וואָלט בעסער האָבן אַן אויטאָמאָביל איידער עסן און קליידער.

אויף דעם האָט מיין זוהן געענטפערט, אַז די מיידעל וואָס וועט איהם נעמען וועט זיך מוזן באַנוגענען מיט די וויגאָדעס וואָס ער וועט איהר קענען געבן לויט זיין הכנסה.

נאָך יענעם אָוונט זיינען זיי מעהר ניט אויסגעגאַנגען.

אייניגע מאָנאַטן שפּעטער האָט די מיידעל גערעדט צו מיין זוהן אויפ'ן טעלעפאָן וועגן ביזנעס און האָט איהם אויך געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זי וואָלט וועלן באַנייען זייערע פריינדליכע באַציהונגען. דערביי האָט

דאָס איצטער. און די פראַגע איז, צי זאָל עס מיין זוהן טאָן אָדער ניט. ביי אונז קומט אויס אַז זי איז ניט דער טיפּ וואָס וואָלט זיך געפּאַסט אַלס פרוי פאַר מיין זוהן. זי האָט איהם וואַרשיינליך גענומען אַלס פיל רייכער ווי ער איז. און יעדעס מאָל וואָס ער געהט אויס מיט איהר איז אַ הוצאה פון צעהן דאָלער אָדער מעהר, און ווען דאָס קומט פאַר אַ פּאָר מאָל אַ וואָך איז עס אַ צו גרויסע פאַרשווענדונג פאַר זיין הכנסה. מיין זוהן אָבער דענקט, אַז זי איז נאָך אַלעמען די בעסטע אונטער אַלע זיינע באַקאַנטשאַפטן, און איז געניגט די פריהערדיגע באַציהונגען צו באַניַיען. מיין זוהן געהערט צו פראַטוירניטיס, און נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין טשאַריטייבל אינסטיטושאָנס. ער וועט אייך זעהר דאַנקבאַר זיין אויב איהר וועט איהם געבן אייער ראַט אין דער אַנגעלעגענהייט.

שטענדיגע לעזערין.

אויב דער יונגער מאַן דענקט, אַז זי איז די בעסטע מיידל פאַר איהם, איז ער אַליין די העכסטע אויטאָריטעט אין דער זאַך, און איז ניט מחויב אָנצונעהמען אַן ענטגעגענגעזעצטע מיינונג פון אַן אַנ־דערן, אַפילו ניט פון זיינע אייגענע עלטערן.

נאָך אַלעמען איז אַ יונגער מאַן פון דרייסיג יאָהר ניט מעהר קיין אינגעלע וואָס מ'דאַרף פיהרן פאַר אַ הענטל. געוויס ווייס ער וואָס ער וויל, און ער וועט דאַרפן איינאָרדנען זיין אייגענעם לעבן.

נאָך אונפּאַסיגער וואָלט עס געווען פאַר אַ זייטיגן מענשן וואָס האָט קיינמאָל ניט געזעהן די מיידל און ניט דעם יונגען מאַן, צו זאָגן אויב זיי זיינען אַ פּאַסיגע פּאָר אָדער ניט.

ער וואָלט גראַדע אַזוי גוט געקענט אַ וואָרף טאָן אַ מטבעה אין דער הויך, און ענטפערן די פראַגע מיט „העד אָדער טעיל”.

נאָר אורטיילענדיג נאָך דער מוטער'ס בריף, וויל איך זאָגן, אַז דאָס וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם אין אַ טשיקאַווען אופן, איז די קאַלטבלוטיגקייט, און די אויסגערעכענטקייט, און די „ביזנעס־לייק מעטאָדס”, מיט וועלכע מאַנכע מיידלעך היינטיגע צייטן קלייבן אַ „באַשערטן”.

אָט איז אַ מיידל וואָס געהט אויס שעהנע עטליכע מאָל מיט אַ יונגען מאַן, ווערט פון איהם אונטערהאַלטן, און געהט מיט איהם אין טעאַטער — ווייזט אויס, אַז ער געפעלט איהר.

דאַן הערט זי פון איהם אַ באַשיידענע באַמערקונג וועלכע זי טייטשט אויס אַלס אָנצוהערעניש אויף אַ הייראַט־פּאָרשלאַג, נעהמט זי עס גלייך אויף מיט דעם גאַנצן ישוב הדעת פון אַ „ביזנעס פראָ־פּאָזישאָן” אָהן אַ סימן פון אויפרעגונג אָדער עקזאַלטאַציע.

„יעס, מ'דאַרף עס נעהמען אין באַטראַכטונג, מ'דאַרף זיך אי־

בערלייגן וועגן דעם; אָבער וואָס איז מכח אן אייגענעם אָטאָ־מאָביל?״

א שרעקליכע פּראַקטישע וועלט געוואָרן, ווען יונגע מענער ווילן קודם כל וויסן וויפיל נדן איז דאָ, און מיידלעך זוכן צו דער־גרייכן אויב עס וועט זיין אן אייגענער אָטאָמאָביל.

אין דעם פאַל האָט זיך דער יונגערמאַן דוקא ניט אָנגעפרעגט אויף נדן, און זיין ענטפער, דאָס זיין צוקונפטיגע פרוי וועט זיך מוזן צופרידנשטעלן מיט דעם וואָס ער וועט איהר קענען געבן, איז געווען דער ריכטיגער ענטפער.

אָבער דער פאַקט, וואָס נאָך דעם ענטפער זיינען זיי זיך צוגאַנ־גען און האָבן ניט געשפּירט קיין צו־גרויסע בענקשאַפט און קיין הארצוועה, ווערהענד די מיידל האָט געהאַט איהר לאַנגען ישוב הדעת, איז פּיליכט אַן אָנדייטונג, אז צופיל ליבשאַפט ווערט דאָ ניט פאַרשווענדעט.

פּראַקטישקייט און אויסגערעכענטקייט איז גאָר ניט קיין שלעכטע זאַך אין לעבן. הלואי וואָלטן מער פרויען געווען פּראַק־טישער און אויסגערעכענטער וואָלטן פיל ווייניגער צוריסענקייטן פאָרגעקומען אין פאַמיליען.

און עס קען דאָך אויך געמאָלט זיין, דאָס גראָד אַזאַ פּראַקטישע און אויסגערעכענטע מיידל זאָל זיין נאָך דער חתונה א גוטע איבער־געבענע, פליכט־געטרייע פרוי, נישט קוקענדיג אויף דעם געלאַסענעם און מיושב׳דיגן טעמפּעראַמענט.

אָבער לכתחילה געהט דאָך ניט א יונגער מאַן הייראַטן א „רעכען־מאַשין״; און קען ניט שטאַרק באַגייסטערט ווערן פון א מיידל וואָס איהר ערשטער געדאַנק איז: „וואָס וועל איך האָבן?״ און ניט „וואָס קען איך געבן צו מאַכן מיין באַשערטן גליקליך?״

איבריגענס איז זעהר מעגליך, אז דאָ איז געווען א מיספאַר־שטענדניש פון ביידע זייטן, און די באַמערקונג וועגן אָטאָמאָביל איז אפשר גאָר ניט אזוי געמיינט געוואָרן.

דער יונגער מאַן, וועלכער האָט א פאָר מאָל א וואָך געמאַכט א „ספּלוירדזש״ וואָס האָט איהם געקאָסט אכט אָדער צעהן דאָלער, האָט אפשר געגעבן דער מיידל דעם איינדרוק אז געלט איז ביי איהם „ניפאָטשאָם״, דאָס הייסט: „ווער רעדט וועגן געלט?״

ער האָט זיך מיט זיין געלט ניט באַנומען ווי איינער וואָס האָט די הכנסה פון בלויז פופציג דאָלער א וואָך, און די מיידל האָט אוודאי געמיינט אז אויב ער ערלויבט זיך אַזאַ הוצאה מוז ער מן הסתם האָבן אן ענטשפּרעכענדע הכנסה.

דערביי האָט זי בלויז געזאָגט, אז „זי איז געוואוינט צו האָבן

אַן אָטאָמאָביל", פּיליכט אַלס אַ וואָרנונג וועגן דעם וואָס זי וועט ערוואַרטן אין פאַל אַז זי זאָל זיין פאָרשלאַג אָננעהמען.

זי האָט ניט געשטעלט בפירוש דעם אָטאָמאָביל אַלס באַדינגונג צו זייער דערנעהנטערונג.

איצטער האָט זי געפונען פאַר נויטיג, אין אַ טעלעפאָן-אונטער-ריידונג וועגן ביזנעס, אַריינצומישן אַ שטיקל האַרץ-אָנגעלעגענהייט, און אָנצומוטן אַ באַנייאונג פון נעהענטערע באַציהונגען וועלכעס באַווייזט אַז זי האָט פון דעם יונגען מאַן געטראַכט.

און דער יונגער מאַן ווידער דענקט נאָך אַלץ אַז זי איז די בעסטע מיידל פאַר איהם פון אַלע זיינע ווייבליכע באַקאַנטשאַפטן.

קומט ביי מיר אויס, אַז ער דאַרף די מיידל באַגעגענען האַלב-וועגס, און באַנייען זייער פריינדשאַפט, אָבער מיט איין באַדינגונג: אָהן „באָנק", אָהן פאַרשטעלעניש, און אָהן פאַלשע פּרעטענזיעס.

ער דאַרף זיך ניט אָנשטעלן פאַר דער מיידל רייכער ווי ער איז, און דאַרף איהר זאָגן דעם אמת וועגן זיין פינאַנציעלן צושטאַנד.

אויב זי דענקט ערנסט וועגן איהם, וועט זי, אַלס פּראַקטישע מיידל, אַליין ניט דערלאָזן ער זאָל פאַרשווענדן זיין געלט.

און אויב זי וועט זיך ענטשליסן איהם צו הייראַטן, וועט זי עס טאָן מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער קען איהר פיל ניט געבן, און זי מוז מיט איהם צוזאַמען זיך אַרויפאַרבייטן, און מוז איהם העלפן צו דערגרייכן אַ העכערן שטאַנד אין לעבן.

קען דוקא אַרויסקומען אַ גאַנץ גליכע זאַך.

יעדענפאַלס קען גאָר ניט שאַדן צו באַנייען אַזאַ פריינדשאַפט. ביי אַזעלכע קיהלע, איבערלייגטע טעמפּעראַמענטן קען ניט אַרויס-קומען קיין צו שטאַרקע הינרייסונג וואָס זאָל פיהרן צו איבער-איילונג.

אַ בחור'ס שווערער נסיון

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַ בחור פון דריי און צוואַנציג יאָהר, פיר יאָהר אין לאַנד. איך בין צוויי יאָהר געגאַנגען אין נאַיט סקול. אַ שוועסטער אין אַן אַנדער שטאָדט, וועלכע האַלט אַ גראָסערי סטאָר און מאַכט אויס ניט שלעכט, האָט מיר געשריבן איך זאָל קומען אויסהעלפן, ווייל איהר מאַן מוז געהן אין האָספּיטאַל פאַר אַן אָפּערײשאָן. האָב איך אַזוי געטאָן. ווען מיין שוואָגער איז געזונט געוואָרן האָט ער מיר געקראָגן אַ גוטן דזשאַב וואו איך אַרבייט יעצט. דעם פערטן דזשולאַי אין אָווענט, קום איך באַזוכן מיין שוועסטער, בעט זי מיך צוטראָגן אַן אָרדער צו אַ קאָסטאָמער. דאָס

איז געווען אַ לײדי װעלכע װאױנט אין אַ הױז װי אַ פּאַלאַץ. װען איך האָב זי דערזעהן בין איך געװאָרן װי אַ צוטומעלטער. אַזאַ שעהנהײט האָב איך נאָך אין מײן לעבן ניט געזעהן. שפּעטער האָט מיר מײן שװעסטער דערצעהלט, אַז זי װערט פֿאַררעכענט אַלס די שעהנסטע פֿרױ אין שטאָדט, דאָס זי איז צװײ און אַ האַלב יאָהר אַן אַלמנה און פֿאַרמאָגט װעניגסטענס אַ האַלב מיליאָן. זי איז אַן אַמעריקאַנער געבאָרענע, פֿון דײטשע אַדין. זי איז אײן־און־פֿערציג יאָהר אַלט, אָבער קוקט ניט אױס עלטער װי פֿינף־און־דרײסיג.

איך האָב דעליװערט דעם אָרדער. האָט זי זיך מיט מיר פֿרײנדליך דורכגערעדט, און דער סוף איז געװען, אַז זי האָט מיך אײנגעלאַדן צו קומען װידער. מײן צװײטער באַזוך איז געװען אַ פֿרײטאָג־צו־נאַכט, האָב איך געפֿונען שבת־ליכט אױפ'ן טיש. זי האָט מיר געװיזן איהר הױז און אַ זעלטענע לײברערי, װאו עס געפֿינט זיך אַפֿילו אַ װילנער ש"ס. דאָס איז געבליבן, זאָגט זי מיר, פֿון איהר פֿאָטער. צום שלום פֿון דעם באַזוך האָט זי מיר גאַנץ אָפֿן געזאָגט אַז איך געפֿעל איהר זעהר, און זי איז װיליג צו הײראַטן מיט מיר. איך װעל מעהר ניט דאַרפֿן אַרבײטן, נאָר אַכטונג געבן אױף איהרע פּראָפּערטים. עס פֿאַרשטעהט זיך אַז איך בין געװען זעהר איבעראַשט. איך האָב איהר געענטפֿערט אַז איך בין נאָך אַ גרינער ליטװאַק, האָב ניט מעהר װי מײן דזשאַב, און זי אַן אַריס־טאָקראַטישע דאַמע, אַ מיליאָנערשע, געהט אין די הױכע געזעלשאַפֿט — טאָ װי קום איך צו איהר? ענטפֿערט זי מיר, אַז ליבע רעכענט זיך ניט מיט אַזעלכע זאַכן, און בעט מיך איך זאָל װידער קומען. אין אמת'ן האָב איך זי אױך שטאַרק ליב געקראָגן, זי איז אַ זעלטענע שעהנהײט און סתם אַ ליבע פֿרױ; אָבער איך באַרעכן אַז זי איז באַלד צװײ מאָל אַזױ אַלט װי איך, װי קען דאָס זײן אַ גלײכע זאַך? נעכטן אָװענט בין איך װידער געװען בײ איהר, און האָב איהר געזאָגט, אַז איך װיל מיר נעמען דרײסיג טעג צו באַדענקען. זאָגט זי גוט, אָבער איך זאָל ניט אױפֿהערן קומען אַזױ אָפֿט װי איך קען. דערװײל װײס נאָך דערפֿון קײנער ניט, און איך קען מיר ניט געבן קײן ראַט. װענד איך מיך צו אײך איהר זאָלט מיר ראַטן, צי דאַרף איך דאָס טאָן אָדער ניט, און איך װאַרט אױף אײער אַנטװאָרט.

ה. מיכעלזאָהן.

איך זעה, מײן ליבער בחור, אַז איהר נױטיגט זיך װירקליך אין אַ ראַט, דען איהר שטעהט פֿאַר אַ שװערן נסיון.

װעניג יונגע לײט פֿון אײער שטאַנד װאָלטן געהאַט דעם מוט זיך אָפּצוזאָגן פֿון אַזאַ זעלטענעם גליק: צו קריגן אַ פֿרױ אַ שעהנ־הײט, אַ געבילדעטע, אַן אַריסטאָקראַטקע און אַ צוזאָג אױף אַ לעבן אָהן דאגות, אין עשירות און װאױלטאָג.

אבער אויב איהר וועט פאָלגן מיין ראַט וועט איהר ניט אָנ־נעהמען דעם שמייכלהאַפטן אָנבאָט פון דער רייכער שעהנער אלמנה, און איהר וועט זי ניט הייראַטן.

איך ראַט אייך דאָס ניט צו טאָן, ווייל דאָס גליק וואָס ווערט אייך אָנגעבאָטן קען ניט אָנהאַלטן לאַנג, און ווען די ענטווישונג וועט קומען — און זי מוז קומען גאַר גיך — וועט איהר זיך פיהלן זעהר אומגליקליך.

די פרוי האָט זיך פארליבט אין אייך — דאָס איז קלאָר. זי האָט זיך ניט פארליבט אין אייער בילדונג, אָדער אין אייער חכמה, אָדער אין אייער עשירות, נאָר איהר געפעלט איהר אלס מאַנסביל.

זי וויל האָבן אַ יונגן מאַן — מ׳קען איהר ניט פאַרדיינקען. פילע מיטליעהריגע און אפילו עלטערע פרויען קענען האָבן אַזאַ פאַרלאַנג.

איהר האָט פיליכט געליענט אין די צייטונגען, ווי אַזוי די זעכציג יעהריגע שוועסטער פון דעם געוועזענעם קייזער ווילהעלם האָט זיך פארליבט אין אַ רוסישן יונגן מאַן מיט׳ן נאָמען זובקאָוו און האָט מיט איהם געהייראַטעט.

דאָס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. זובקאָוו ווערט איצטער אַדווערטייזט אין פּאַריז אַלס טענצער אין אַ צירקוס, און די פּרינ־צעסין ביינקט נאָך איהם.

עס איז קלאָר, אַז די פרוי האָט געמאַכט אויף אייך אַ טיפן איינדרוק מיט איהר שעהנקייט, מיט איהר פריינדליכקייט, און מיט איהר איידעלער אַריסטאָקראַטישער בענעהמונג.

דאָך צווייפל איך שטאַרק, אויב איך וואָלט אייגגעפאָלן אַ גע־דאַנק צו הייראַטן מיט איהר, אויב זי וואָלט ניט געווען אַ מיליאָ־נערשע, נאָר אַן אָרימע אלמנה, פאַר וועלכע איהר וואָלט געדאַרפט מאַכן אַ לעבן.

אויסער איהר שעהנקייט, ציהט אייך אָן די אויסזיכט, צו האָבן אַ גרינגן לעבן, ניט צו דאַרפן אַרבייטן און צו באָדן זיך אין וואוילטאָג.

איהר פאַרשטעהט וואַרשיינליך אליין, אַז זי האָט אייך ניט נויטיג צו פיהרן איהרע פּראָפּערטים. זי פאַרשטעהט וואַרשיינליך איהר ביזנעס, און אויב זי דאַרף אַ מענעדזשער פאַר איהרע פּראָפּ־ערטים האָט זי קיין דאגות ניט צו געפינען איינעם.

אייך דאַרף זי צו באַפרידיגן די ליידענשאַפטן פון אַ מיטל־יעהריגע פרוי, וועלכער איהר זייט מיט אייער אויסזעהן געפעלן געוואָרן.

קויפט זי אייך מיט דעם צוזאָג פון אַ לעבן אָהן מיה, פון אַ לעבן מיט וואוילטאָג.

דאָס איז גאָר ניט קיין ווירדיגע שטעלונג פאַר אַ יונגן מאַן, וועלכער האָט אַ קאַפּעלע רעספּעקט פאַר זיך אַליין.

און וואָס קען זיין דער סוף פון אַזאַ פאַרבינדונג? איהר וועט זיך אין אַ קורצער צייט איינגעוואוינען צו אַ לעבן פון ליידיג-גייען און תענוגים, און אין עטליכע יאָהר וועט איהר זיין אַ „לא יוצלח לכל מלאכה" — איהר וועט ניט מעהר טויגן אַ קאָץ אָן עק צו פאַרבינדן.

איהר וועט מיט אייער חיונה זיין אָפּהענגיג אין גאַנצן פון איהר. און עס איז אויך גאַנץ נאַטירליך דאָס זי זאָל אייך ניט געבן צופיל פרייהייט, דען אַ עלטערע פרוי מיט אַ יונגן מאַן איז אייפערזיכטיג, און זי וועט אַכטונג געבן אַז איהר זאָלט זיין אָפּהענגיג פון איהר.

זי זאָגט אייך אַז אין ליבע רעכנט מען זיך ניט מיט די אונגלייכהייטן אין שטאַנד, אין בילדונג, אין געזעלשאַפטלאַכן פאַרקער, און אַזוי ווייטער.

די פאַרליבטע רעכענען זיך ניט דערמיט — דאָס איז אמת — אָבער די וועלט רעכנט זיך דערמיט.

אויף אייך וועט די וועלט קוקן ווי אויף אַ יונגן מאַן וואָס האָט זיך פאַרקויפט צו אַ רייכע אלמנה כדי צו לעבן אַ גוטן טאָג אָהן אַרבייט.

אויף איהר וועט די וועלט קוקן ווי אויף אַ פרוי וואָס האָט נאָכגעגעבן איהר הארץ און האָט געטאָן אַ לעכערליכע זאַך — געקויפט אַ יונגן מאַן.

אין די ערשטע צייט וועט איהר ווארשיינליך זיין ווי בעטרונקען איינער מיט דעם אַנדערן — זי מיט איהר יונגן מאַן, איהר מיט דער נייהייט און אָנציהונג פון דער לאַגע.

מיט אַמאָל אַריינצופאַלן אין אַזוי פיל תענוגים איז אַ זאַך וואָס קען אויף אַ ווײַלע בערוישן.

אָבער נאָך דעם ערשטן רויש וועט איהר ביידע אָנהויבן פיהלן ווי אַזוי די וועלט קוקט אויף אייך ביידן; עס וועלן זיין שמייכלס, בליקן, שושקענעס, דערווייטערונג פון פריינדע, און עס וועט זיך אָנהויבן חרטה פון ביידע זייטן, אונצופרידנהייט און פאַרדרוס.

זי וועט מיט אייך ניט קענען קומען אין די געזעלשאַפטן צו וועלכע זי איז געוואוינט, און איהר וועט זי ניט ברייגגען צו אייערע געזעלשאַפטן.

און די הויפּטזאַך איז וואָס אין פופצעהן-צוואַנציג יאָהר אַרום —

אויב דאָס וועט אָנהאַלטן אַזוי לאַנג — וועט זי זיין אַן אַלטע פרוי, און איהר אַ מאַן אין די בעסטע יאָהרן.

דאָס איז ניט קיין נאַטירליכע פאַרבינדונג. ניט דאָס איז דער נאַטירליכער צוועק צוליב וועלכן אַ יונגערמאַן הייראַטעט.

נעהמט אַ פרוי אין אייערע יאָהרן אָדער אַ ביסל אינגער, און שאַרפט אייער ענערגיע און אייערע פעהיגקייטן צו ווערן אַ מאַן אין אייער אייגענעם רעכט, און ניט דורך דעם חסד פון אַ רייכער אַלמנה.

בעדאַנקט איהר פאַר דעם הויכן קאָמפּלימענט וואָס זי גיט צו אייערע מאָנסבילשע מעלות, אָבער דערקלערט איהר אַז אין אַזאַ פאַרבינדונג קען ניט זיין קיין גליק ניט פאַר איהר און ניט פאַר אייך.

דאָס איז די תשובה וואָס איהר דאַרפט איהר געבן.

אַ לעזער קריטיקירט אַן עצה

אַ לעזער וועלכער צייכנט זיך יצחק בן אברהם געפינט, אַז די עצה וואָס דר. קלאַרמאַן האָט געגעבן צו דעם בחור מיכעלזאָהן, ניט צו הייראַטן די שעהנע, רייכע, איין־און־פערציג יעהריגע אלמנה, איז ניט געווען אַ ריכטיגע עצה.

ער זאָגט, אַז די עצה האָט געזאָלט זיין, ער זאָל יאָ הייראַטן די אלמנה.

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

פון מיכעלזאָהן'ס בריף איז צו זעהן אַז ער און די אַלמנה האָבן זיך איינער אין דעם אַנדערן פאַרליבט גלייך ביים ערשטן בליק. זי מוז זיין אַ העכסט אַנשטענדיגע, מאָראַלישע, בכבוד'ע פרוי, וועלכע האָט געוואַרט צוויי־און־אַ־האַלב יאָהר אַלס אַלמנה. און פרויען וועלכע פיהרן אַ מאָראַלישן לעבן און דערהאַלטן זייער גאַנצע שעהנקייט, זיינען צו איין־און־פערציג יאָהר גאָר ניט אַלט. זי ווייזט אויך אויס צו זיין אַ העכסט אינטעליגענטע פרוי. זי האָט געוויזן דעם יונגן מאַן איהר גרויס־אַרטיגע לייברערי, וואָס האָט אויף איהם געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. דער יונגער מאַן, איבער צוואַנציג יאָהר אַלט, האָט געהאַט מוט און ענערגיע צו מאַכן צוויי יאָהר נייט־סקול. ער איז אַלזאָ אויך ניט גאַנץ אונוויסענד. ווען אַפילו דער בחור און די אַלמנה זאָלן לעבן צוזאַמען גליקליך נאָך צוואַנציג יאָהר, וואָלט אַזאַ הייראַט אויך געווען כדאי. איך בין זיכער אַז די אַלמנה וועט זיך ניט שעמען צו קומען מיט דעם יונגן מאַן אין סאָסייעטי. עס וועט דעם יונגן מאַן ניט לאַנג נעמען זיך אויס־צולערנען די תורה פון „גוד מענערס". אַזוי ווי די ליבע צווישן זיי

שיינט צו זיין אַ ריכטיגע אמת'ע ליבע, זעה איך ניט איין פאַר וואָס זי קען ניט לאַנג אָנהאַלטן. מיר שיינט, אַז אויב מר. מיכעלזאָהן וועט יעצט פאַרלירן די אלמנה וועט ער עס אין דער צוקונפט פיל באַדויערן. ער וואָלט געהאַט אַ טשאַנס צו שטודירן און דערגרייכן וואָס העכערעס, ניט ווי מאַנכע לעדיג־געהער שאַרלאַטאַנעס. דערפאַר האָט איהר איהם געזאָלט ראַטן ער זאָל הייראַטן די אלמנה. יצחק בן אברהם.

דר. קלאַרמאַן קליימט ניט פאַר זיך די אונפעהלבאַרקייט פון רוימישן פאַפּסט; און אויב ער מאַכט אַ טעות אין זיין אורטייל, און מ'ווייזט איהם אָן, איז ער דאַנקבאַר, און איילט זיך צו פאַרריכטן דעם טעות.

אָבער אין דעם פאַל גלויבט דר. קלאַרמאַן ניט אַז זיין עצה איז געווען אַ שלעכטע.

אַ פערהייראַטעס לעבן וואָס וואָלט געקענט בעטראַכט ווערן אַלס פאָלקאָמען, אַלס אידעאַל, וואָלט געפאָדערט:

ערשטענס, אַז מאַן און ווייב זאָלן זיין אונגעפעהר פון זעלביגן עלטער, און דער מאַן נאָך אַ וועלכע עטליכע יאָהר עלטער, ווייל פרויען ענטוויקלען זיך פריהער און עלטערן אַביסעלע גיכער.

צווייטענס, אַז די פיזישע אנציהונג זאָל זיין ביי ביידן, דאָס מיינט אין אַנדערע ווערטער, זיי זאָלן ליב האָבן איינער דעם אַנדערן.

דריטענס, אַז קיינער פון זיי זאָל זוכן צו באַהערשן דעם אַנדערן, אָדער דורכזעצן זיין, אָדער איהר, ווילן, געגן דעם ווילן פון דעם אַנדערן.

פערטענס, דאָס קיינער פון זיי זאָל זיך פיהלן עקאָנאָמיש אָפּ־הייניג פון דעם אַנדערן, ווייל וואו עס איז דאָ עקאָנאָמישע אָפּהיינ־גיגקייט, קען ניט זיין קיין גלייכע שותפות, און וואו עס איז ניטאָ קיין גלייכע שותפות צווישן מאַן און ווייב קען ניט זיין קיין גאַנצער צוטרוי.

פינפטענס, דאָס עס זאָל עקזיסטירן אַ חבר'שאַפט צווישן זיי, אַ בונד פון סימפּאַטי, געמיינשאַפטליכע אינטערעסן, אַפילו ווען די פיזישע זייט איז באַפרידיגט.

זעקסטענס, דאָס קינדער זאָלן קומען צו שטאַרקן דעם בונד צווישן זיי, און צו געבן זיי נייע אינטערעסן אין לעבן, ווייל די אינטערעסע וואָס מאַן און ווייב האָבן איינער אין דעם אַנדערן איז זעלטן שטאַרק גענוג צו האַלטן זיי צוזאַמען אין גליק און צופרידנ־הייט זייער גאַנצן לעבן.

זיבעטענס, אַז זיי זאָלן זוכן צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדע-רענס שטאַנדפּונקט, און זיין גרייט נאָכצוגעבן אָהן רוגזה אָדער פאַר-דראָס ווען דער שכל פאָדערט דאָס.

דאָס וואָלט געווען דער אידעאַלסטער צושטאַנד פון פערהייראַטן לעבן, אָבער אַזאַ אידעאַל ווערט זעלטן דערגרייכט.

אין איין פערהייראַטן לעבן טרעפן זיך צוזאַמען צוויי אָדער דריי, העכסטנס פיר, פון די אויסגערעכנטע פונקטן, אָבער זעלטן אַלע צוזאַמען.

און וואָס ווייטער אַ פערהייראַטעס לעבן געהט אַוועק פון דעם אידעאַל, אַלץ ווייניגער געראָטן איז עס; אַלץ ווייניגער שאַנס איז דאָ אויף גליק און צופרידנהייט.

איצט לאָמיר זעהן ווי נאָהענט וואָלט געשטאַנען צו דעם אידעאַל די הייראַט פון מיכעלזאָהן מיט דער אלמנה.

די אלמנה איז כמעט צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי ער, פון צוויי בעזונדערע דורות. (אגב זיינען זיי אויך פון צוויי בעזונדערע ספערן).

זי פאַרמאָגט אַלעס און ער גאָרניט, און געזאָגט האָט זי איהם, אַז ער וועט נאָר דאַרפן אַכטונג געבן אויף איהרע פּראָפּערטים. דאָס מיינט אַז עקאָנאָמיש וואָלט ער אין גאַנצן געווען אָפּהיינגיג פון איהר.

ווען די פיזישע אנציהונג איינער פאַר דעם אַנדערן זאָל אויפ-הערן צווישן זיי, קען קיין גרויסע חבר'שאַפט מעהר צווישן זיי ניט עקזיסטירן, ווייל זיי האָבן גאַנץ ווייניג געמיינשאַפטליכעס חוץ די פיזישע אָנציהונג.

אויב עס קענען קומען קינדער איז אַ גרויסער ספק. (מיכעלזאָהן האָט געשריבן אַז זי האָט אַן אויסגעגעבענע טאָכטער אין ניו יאָרק. דאָס איז ניט געדרוקט געוואָרן, ווייל דאָס האָט אויסגעקוקט ניט געהעריג צום ענין).

בלייבט נאָר איבער דאָס וואָס אין דעם איצטיגן אויגענבליק ווילן זיי איינער דעם אַנדערן. איז דאָס גענוג פאַר אַ גליקליכעס און פרידליכעס צוזאַמענלעבן אויף פילע יאָהרן?

דער אַרגומענט פון יצחק בן אברהם איז גאָר ניט קיין טיפער. יעדער איינער פאַלט אויף דעם. אויפ'ן ערשטן בליק איז דאָס אַ שמאַלץ-גרוב. עס זיינען געווים דאָ טויזענדע בחורים וואָס יעדער איינער פון זיי וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אָן אַזאַ אָנציהענדן פאָרשלאָג. ווער וואָלט זיך ענטזאָגט פון כאַפּן אַזאַ שעהנע אלמנה און דאָן

פאַרברייננגען אַ לעבן אָהן דאגת פרנסה? ווער פון זיי וואָלט זיך קימערן וואָס עס וועט זיין מיט יאָהרן שפּעטער?

אָבער פאַר דעם בחור מיכעלזאָהן האָט מיר יאָ געקימערט. אין זיין בריף האָב איך געזען אַ דריי־און־צוואַנציג יעהריגן יונגן מאַן, נאַאיוו, אָפענהערציג, סימפּאַטיש, ענערגיש, מיט אַלע שאַנסן אין דער וועלט צו מאַכן פון זיך אַ מאַן מיט כאַראַקטער און ענטוויקלען אַ פיינע פּערזענליכקייט.

דאָס וואָלט ער קיינמאָל ניט געקענט דערגרייכן אַלס מאַן פון דער אלמנה.

לעבענדיג אין עשירות, וועלכע ניט ער האָט פאַרהאָרעוועט, און ניט האָבענדיג קיין אַנדער פליכט ווי נאָר צופרידענצושטעלן די שעהנע אלמנה — דערמיט קען מען ניט ענטוויקלען כאַראַקטער און פּערזענליכקייט.

ווען עס זאָל קומען צווישן זיי צו אַ פאַרשידנהייט אין אַ מיינונג, ווער דיינקט איהר, וואָלט קענען מאַכן אַז זיין מיינונג זאָל גילטן, ווער וואָלט זיין ווילן דורכגעפיהרט — רעכט אָדער אומרעכט — די אלמנה אָדער ער?

ער וועט אַלע מאָל זיין נאָכגעביג און אַפילו ניט טראַכטן פון האָבן אַן אייגענע מיינונג.

יצחק בן אברהם דיינקט, אַז מיכעלזאָהן וואָלט געקענט שטודירן און דערגרייכן עטוואָס. דאָס איז אַ זעהר ווייטלויפיגע מעגליכקייט.

ערשטענס, ווערט ער ניט גענומען פון דער אלמנה צו לאָזן איהם שטודירן. אַ מיטל־יעהריגע פרוי מיט אַ פיל אינגערן מאַן וועט ניט גערן איהם אַראָפּלאָזן פון די אויגן, אזוי ווי אַן עלטערער מאַן מיט אַ יונגער פרוי.

אין סקול טרעפט מען זיך מיט אינגערע מיידלעך, וואָלט זי מורא געהאַט.

און צווייטענס, איז דאָס געגן אַלע מענשליכע ערפאַהרונגען. די נאַטור פון מענשן איז צו געהן נאָך דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, דאָס מיינט, אַז מ׳קען האָבן אַ לייכטן לעבן זוכט מען ניט קיין שווערערן.

מען געוועהנט זיך זעהר שנעל צו הרחבה, און צו פרייע צייט און צו ווייניג אַרבייט.

און אַ גאַנץ פיינער ענערגישער בחור וואָלט קאַליע געוואָרן.

דערפאַר האָב איך איהם געראַטן ניט צו הייראַטן די אלמנה.

פאַרליבט אין אַ קאַטאָליקין

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

נאָך אַלע פּאָגראָמען און שרעקליכע איבערלעבענישן אין דער אַלטער היים אין רוסיש־פּוילן האָבן מיר זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקאַ. דאָס איז געווען מיט זיבן יאָהר צוריק. מיר האָבן דאָ קיינעם ניט געהאַט צו ווענדן זיך צו ווענדן. נאָך אונערמידליכער שווערער ארבייט האָבן מיר זיך ווי עס איז ארויפגעאַרבייט. מיר מאַכן אַ פיינעם לעבן. מיר האָבן אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטן צו געבן אונזערע קינדער די בעסטע ערציהונג. אונזער זוהן וועלכער איז איצטער זעקס־און־צוואַנציג יאָהר אַלט האָט מיט אַ יאָהר צוריק געענדיגט אַלס דאָקטאָר מעדיצין מיט דער בעסטער אויסצייכנונג. זעלבסטפאַרשטענדליך זיינען מיר געווען די גליק־ליכסטע מענשן. אָבער ווי גרויס אונזער גליק איז געווען, אַזוי טיף איז איצטער אונזער אומגליק. מיר האָבן קיינמאָל ניט ערוואַרט, אַז אונזער זוהן, וועלכער איז אַלע מאָל געווען אידיש געשטימט, זאָל זיך פאַרליבן אין אַ קאַטוילישע מיידעל.

שוין ניט ריידענדיג דערפון וואָס אונזערע הערצער זיינען צובראָכן אויף אונזער גאַנצן לעבן, דען מיר וועלן קיינמאָל ניט קענען זי באַטראַכטן אַלס אַ ליבע־שנור, אַלס אַ טאָכטער, שרעקן מיר זיך פאַר אונזער זוהן'ס צוקונפט. מיר פיהלן מעהר ווי זיכער אַז ער וועט זיך שפּעטער ארומ־קוקן מיט ביטערע חרטה, אָבער עס וועט זיין צו שפּעט.

פּליז, דר. קלאָרמאַן, גיט אַן עצה, אפשר איז נאָך עפּעס צו טאָן אין דעם איידער עס איז צו שפּעט. פאַרצווייפעלטע עלטערן.

פאַר אייך, ליבע פריינד, האָב איך ליידער קיין עצה, ווייל אַן עצה מוז זיין שכל, און דאָרט וואו איינער איז היגגעריסן פון ליידענ־שאַפט, פון דעם מעכטיגן געשלעכטליכן מאַגנעטיזם, שפּילט דער שכל אַ גאַנץ קליינע ראָלע.

ווען אייער זוהן וואָלט געווען אַביסעלע ווייניגער פאַרבלענדעט פון ליידענשאַפט ווי ער איז, וואָלט ער געדאַרפט פרעגן די עצה, ווייל דער שריט וואָס ער געהט טאָן וועט אָהן אַ צווייפל אויסאיבן אַן אונגעזונטן איינפלוס אויף זיין גאַנצן לעבן.

איצטער קלעהרט ער געוויס אַז ער דאַרף קיינעמ'ס עצה ניט; דאָס ער ווייסט וואָס ער טוט, און דאָס ער האָט אַ רעכט איינצו־אָרדנען זיין לעבן ווי איהם געפעלט, ווייל דאָס איז זיין אייגענעס לעבן, און קיינער האָט איבער דעם קיין דעה ניט.

דאָס איז דער אַרגומענט וואָס מ'הערט אָפט אין אַמעריקאַ פון

יונגע לייט אונטער אומשטענדן וואָס זיינען עהנליך צו די פון אייער זוהן.

דאָס איז אַ פאַלשער אַרגומענט, ווייל אין דעם פאַרפלאָנטערטן געזעלשאַפטליכן לעבן איז ניטאָ קיין איינציגער, וועמעס לעבן איז ניט ענג פאַרבונדן מיט די לעבנס פון אַנדערע, און וועמעס האַנדלונג זאָל ניט אויסאיבן אַ ווירקונג אויף זיין אומגעבונג.

אָבער דאָס מענשליכע געוויסן איז אַזוי בעשאַפן, אַז ווען דער מענש טוט עטוואָס וואָס איז ניט ריכטיג, אָדער ניט שעהן, אָדער וואָס איז אַ שוואַכקייט פון כאַראַקטער, וועט ער אימער אַרויסזוכן אַרגומענטן מיט וועלכע דאָס כשר צו מאַכן. אַזוי איז דער מענש. אייער זוהן דענקט געוויס אַז ער האַנדעלט ריכטיג.

איך קען מיך זעהר לייכט אַריינטראַכטן אין אייער זוהן׳ס פסיכאָלאָגיע און נאָכפאָלגן זיינע געדאַנקען און געפיהלן, ווייל נאָך אַלעמען ליגן זיי גאָר ניט טיף. קיין שטאַרקער זעעלן-קאַמף איז דאָ ניטאָ.

ווען אייער זוהן זאָל וועלן אויסדריקן זיינע געפיהלן און זיינע געדאַנקען אין ווערטער, וואָלט זיך עס געלעזן אונגעפעהר אַזוי:

„איך האָב ליב די מיידל, איך וויל זי, איך מוז זי האָבן; זי איז מיין האַרצנס באַגעהר, און צו האָבן זי אַלס מיינע, איז גליק.

„זי איז אַ קאַטאָליקין? וואָס געהט דאָס מיך אָן? און וואָס אַרט מיך וואָס איהר גאַנצע משפחה איז קאַטאָליש? איך האַלט ניט פון אַזעלכע זאַכן! רעליגיאָן איז סאַי-ווי-סאַי אויסגעשפּילט! איך האַלט ניט פון דער רעליגיאָן פון מיינע עלטערן, צו וואָס דאַרף איך זיך קימערן וועגן די רעליגיאָן פון איהרע עלטערן? איך וויל נאָר די מיידל.

„אַי וואָס? מיינע עלטערן פיהלן זיך געקריינקט, אומגליקליך, און פאַרצווייפעלט? דאָס איז ניט מיין שולד! זאָלן זיי ניט זיין אבערגלויביש. אַ מענש איז אַ מענש, איד, קאַטאָליק — וואָס איז דער חילוק? זאָל איך צוליב מיינע עלטערנס אבערגלויבן אָפּפערן דאָס העכסטע גליק פון מיין לעבן?

„זיי ריידן וועגן פאַרשידענהייט פון ראַסע. נאַרישקייט! בין איך דען ניט דאָקטאָר מעדיצין? ווייס איך דען ניט אַז ביאָלאָגיש איז קיין חילוק ניטאָ צווישן אַ אידישע מיידל און אַ קאַטוילישע?

„און האָב איך דען ניט שטודירט „קאָמפּאַראַטיווע אַנטראָפּאָלאָגיע” וועלכע געפינט כמעט גאָר קיין אונטערשיעד צווישן די אידישע ראַסע און די אַריער?

„טאָ פאַר וואָס זאָל איך ניט הייראַטן די מיידל וועלכע איז מיר ליב?”

אַזוי פיהלט און טראַכט אייער זוהן, און אין אַזעלכע געדאַנקען געפינט ער אַ רעכטפערטיגונג פאַר דעם שריט וואָס ער געהט טאָן.

דעם גרויסן טעות מאַכט ער נאָר, וואָס ער בעטראַכט ניט דעם געוואַלטיגן חילוק אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם אידן מיט דעם ניט־אידן, אין די גייסטיגע פאַרשידנהייטן וועלכע זיי האָבן גע׳ירשנ׳ט פון צעהנדליגע דורות, און האָבן דאָס איינגעזויגן מיט דער מוטער׳ס מילך.

דער איינגעוואָרצעלטער האַס און די איינגעזויגענע פּאָראור־טיילע קענען פאַרדעקט ווערן אויף אַ ווײַלע דורך געשלעכטליכע לוסט, אָבער מוז קומען צום פאָרשיין, אין איין פאָרם אָדער אַן אַנדערער, ווען די געשלעכטליכע ליידנשאַפט ווערט געשטילט און געזעטיגט.

און די ירושה פון צעהנדליגע דורות גלות און רדיפות קען מען אויך ניט אָפּווישן מיט דער האַנד. זי ליגט טיף אין דעם גייסט פון דעם אידן.

ביי דער ערשטער אונפריינדליכער אויפרעגונג וועלכע איז אונ־פאַרמיידליך אין יעדן פאַמיליען־לעבן, מוז דער אונטערשיעד זיך אַנטפּלעקן — דער גע׳ירשנ׳טער האַס און פאָראורטייל פון איין זייט, און די אידישע ביטערקייט פון דער אַנדער זייט.

זאָל אייער זוהן זיך אַרומקוקן און בעטראַכטן דאָס לעבן פון אַזעלכע געמישטע הייראַטן און זאָל ער זעהן וויפיל פון זיי פאַלן אוים גליקליך און ענדיגן גוט.

איך וואָלט געקענט איהם אָנווייזן אויף איניגע וועלכע איך ווייס פערזענליך.

איך קען אַ אידישן מאַנופעקטשורער, אַן עושר. אין די יונגע יאָהרן איז ער איינמאָל געלעגן אין האָספּיטאַל אַ קראַנקער, און איז צוגעזעהן געוואָרן פון אַ קאַטוילישער נוירס.

ער האָט זיך פאַרליבט אין איהר און זיי האָבן געהייראַט. איצטער האָבן זיי זיבן קינדער. ער איז אַ מאַן פון איבער פופציג.

איינמאָל האָט ער פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין האַרץ:

„פאַר וועמען האָב איך געלעבט און פאַר וועמען האָב איך גע־זאַמעלט עשירות?״ האָט ער געקלאָגט.

„מיין היים איז פול מיט צלמים, איין זוהן שטודירט גלח, אַ טאָכטער אַ מאָנאַשקע. מיינע געסט זיינען גלחים. ווען מיין הויז איז פול טאָר איך מיך ניט ווייזן. עס איז נאָך אַ גליק וואָס איך האָב זיי צו געבן וואָס זיי ווילן, מוזן זיי ווייזן כאָטש אַ קאַפּעלע דרך ארץ מיר אין די אויגן. וואָס זיי זאָגן אונטער די אויגן קען איך מיר פאָרשטעלן!״

איך בין אמאל געווען דערביי ווען א אידישע פרוי, וועלכע שאַפט ביי איהם, האָט איהם געבראַכט א פּאָר טעפּעלעך אידישע מאכלים. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין אָפיס און האָט זיך צו־געכפּאָט צו זיי מיט היים הונגער.

„די מאכלים אין דער היים — האָט ער געזאָגט —עקלען מיך".

איך וויים פון אַן אַנדער פאַל: אַן אינטעליגענטער איד האָט געהייראָט א קאַטוילישע מיידל, אויך אַן אינטעליגענטקע. אַלעס איז געגאַנגען ניט שלעכט, ביז דאָס ערשטע קינד האָט אָנגעהויבן געהן אין די קאַטוילישע פּאַראָקיעל סקול, און איז געקומען אַהיים וויינענ־דיג, אַז זיינע חברים רופן איהם „שיני". דאַן האָט אַלעס געפּלאַצט.

איך וויים נאָך פון אַזעלכע פאַלן — אָבער צו וואָס אויסרעכענען מעהר. ווער עס האָט אויגן דער קען זעהן.

אַנומעלט האָט געמאַכט א רושם די הייראָט פון אירווינג בערלין מיט דער טאָכטער פון פּילפּאַכן מיליאָנער מאקעי. זיי זיינען קאַטאָ־ליקן. מ'זאָגט, אַז די בערלין'ס לעבן גליקליך. מעגליך.

אָבער מיר האָבן ניט געהערט אַז דער איידעם זאָל ווען האָבן בעזוכט דעם שווער אין געזעלשאַפט.

עס קען ניט זיין אַלעס גליקליך, ווען די פרוי מוז זיך ענטווע־דער ענטפּרעמדן פון די עלטערן אָדער פון מאַן, ווען די קינדער געהערן צו דער קירכע,און אַליין איז מען א סאָרט „ווערמאַ־אַפּענדיקס" צו א פרעמדע געזעלשאַפט.

זאָל זיך אייער זוהן אַרומזעהן און באַרעכענען. אפשר וועט דאָס איהם באַוועגן צו באַצווינגען זיין ליידענשאַפט פאַר וועלכע ער וועט אַזוי טייער מוזן בעצאָלן.

אַ שומר שבת מיט אַן אײרישע

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

אין דער אַלטער היים בין איך געווען א ישיבה בחור. דאָ אין אַמעריקא וואו איך בין געקומען מיט א פּאָר יאָהר צוריק, האָב איך גע־לערנט א טרייד און געאַרבייט, און איצט בין איך אין ביזנעס פאַר זיך. מיט א יאָהר און א האַלב צוריק האָב איך מיך באַקענט מיט א מיידעל אוים ניו יאָרק, זעהר א שעהנע און געלערענטע. איך בין מיט איהר אויסגעגאַנגען אייניגע מאָל. האָב איך אויסגעפונען דאָס זי איז אַן אַמעריקאַנער מיידעל פון איירישער אָפּשטאַמונג. איהרע עלטערן זיינען פרומע קאַטאָליקן, נאָר די מיידעל אַליין גלויבט ניט אין די זאַכן ווי איהרע עלטערן. מיט אייניגע מאָנאַטן צוריק, ווען איך האָב געעפענט

מיין ביזנעס, האָט זי מיר אָנגעבאָטן אויסצובאָרגן געלד אויף אַ באַשטימטע צייט. איך האָב דער מיידעל ערקלערט, דאָס ביי אונז ביידן קען קיין שידוך ניט זיין. צייט איך בין אין ביזנעס האָט מען מיר פאָרגעשלאָגן שידוכים מיט אידישע מיידלעך פון אָרטאָדאָקסישע און ניט-אָרטאָדאָקסישע עלטערן, נאָר צו דער איירישער מיידעל קומען זיי ניט. די אַמעריקאַנישע מיידלעך פון פרומע אידישע עלטערן ווייסן ווייניגער פון אידישקייט אַלס די איירישע. צייט זי געהט מיט מיר האָט זי זיך גענומען די מיה צו וויסן מעהר פון אידישקייט. איך בין זיכער, אַז ווען איך וויל זי זאָל זיך מגייר זיין וואָלט זי דאָס געטאָן. בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן, מיר צו געבן אַן עצה וואָס איך זאָל טאָן.

דער שומר שבת.

פון אייער בריף, מיין פריינד, קען איך זעהן, דאָס דער יצר הרע האַלט אייך פעסט אין זיינע לאַפּעס, און אַזוי ווי זיינע אַרגומענטן זיינען אַנהאַלטענדער און שטאַרקער ווי מיינע, האָב איך מורא אַז מיין עצה וועט ניט העלפן.

אויב די ישיבה און דער שבת און די אידישע טראַדיציעס, וועלכע איהר האָט איינגעזויגן ביי פרומע אידישע עלטערן, אין אַ אידישע סביבה, וועלן אייך ניט צוריקהאַלטן פון אַזאַ שריט, וועט מיין עצה דאָס געוויס ניט קענען טאָן.

צו באַרוהיגן אייער געוויסן זאָגט איהר, אַז אייער איירישע חבר'טע איז גרייט זיך מגייר צו זיין, אויב איהר זאָלט עס פון איהר פערלאַנגען. אָבער איהר קענט דאָך ניט מגייר זיין, אין דערזעלביגער צייט. איהרע עלטערן און אור-עלטערן, די פרומע קאַטאָליקן, סאַי זיי לעבן נאָך און סאַי ניט, און זיי וועלן אויסאיבן אַ געוואַלדיגן איינפלוס אויף אייער פאַמיליען-לעבן, אויב איהר זאָלט די מיידל הייראַטן.

איהר פאַרשטעהט דאָך אַליין, אַז דאָס מגייר זיין זיך וואָלט אין דעם פאַל געווען בלויז אַ פוסטע צערעמאָניע.

איהר אַליין זאָגט, אַז זי האַלט ניט פון די קאַטוילישע אמונה, אין וועלכער זי איז געבאָרן און ערצויגן געוואָרן, און אין וועלכע איהרע פרומע קאַטוילישע עלטערן לעבן, טאָ ווי אַזוי קענט איהר ערוואַרטן אַז זי זאָל אַריינוואַקסן פלוצלינג אין די אידישע אמונה פון אייערע עלטערן וועלכע זי קען ניט און וויים ניט?

און אויב אַפילו זי זאָל זיך אויפריכטיג אָפּזאָגן פון איהר אמונה, קען זי זיך ניט אָפּזאָגן פון איהרע עלטערן.

אויב זי וועט אייך ברייגגען קינדער וועלן זיי ערצויגן ווערן אין אַ אומגעבונג וואָס איז גאַנץ פרעמד צו אייך און צו אייערע

טראַדיציעס, דען איהר וועט ניט קענען פאַרביטן אייער פרוי צו ברייננגען איהרע קינדער צו איהרע עלטערן, אָדער איינצולאַדן די עלטערן צו זיך.

איצטער זייט איהרביידע יונג, און איהר ווערט צוגעצויגן איינער צום אַנדערן בלויז דורך פּיזישע אנציהונגען.

איהר געדיינקט געוויס דעם פּסוק אין משלי וועלכער זאָגט: „על כל פשעים תכסה אהבה" — די ליבע פאַרדעקט פילע פעהלערן.

די ליבע פאַרדעקט אויך גרויסע פאַרשידענהייטן אין כאַראַקטער, פילע איינגעוואָרצלטע געוואוינהייטן ביי איינעם וואָס זיינען דעם אַנדערן צו־ווידער.

נעהמט אָן אפילו די שפּראַך אַליין. איהר זייט געקומען אַהער אַן ערוואַקסענער און איהר רעדט מן הסתם ענגליש מיט אַ שטאַרקן אידישן אַקצענט. זי רעדט ענגליש ווי אַ געבאָרענע אַמעריקאַנערין.

איהרע פריינדע, קרובים און בעקאַנטע וועלן זיין פרעמד צו אייך. זי וועט זיך פיהלן אין פאַרלעגנהייט צו האָבן אייך ביי איהר זייט ווען זי נעהמט אויף איהרע אַמאָליגע חבר'טעס און חברים.

זי וועט זיין פרעמד צו אייערע אידישע חברים. זייערע רייד ווי זייער באַנעהמונג וועט איהר זיין צו־ווידער.

איהר קענט דאָס ניט זעהן איצטער ווייל ליידענשאַפט פאַרבלענדט די אויגן. דאָס איז אַקוראַט ווי לאַקיר אָדער פאַליטור וואָס פאַרדעקט דעם חילוק צווישן צוויי ברעטער פון פאַרשידענע סאָליעס.

דער חילוק ווייזט זיך שטאַרק אַרוים ווען דער לאַקיר ווערט אָפּגענוצט, און וואָס ווייטער זעהט זיך דער חילוק אַלץ שטאַרקער.

עס איז זעהר מעגליך אז די מיידל האָט אייך ערנסט ליב, אַז ניט וואָלט זי ניט געווען גרייט אויף אַזאַ אָפּפער, און וואָלט ניט געוויזן צו אייך אַזאַ צוטרוי ווי אייך אַנצובאָטן געלד.

אויך זי רעכנט ניט די „קאָסט" און דעם פּרייז וואָס זי וועט שפּעטער מוזן צאָהלן פאַר איהר איצטיגע צונייגונג צו אייך.

אָבער זי פרעגט וואָהרשיינליך ביי קיינעם קיין עצות ניט. אין דער קונסט פון פאַנגען דעם מאַן וועלכן זי וויל, ווייזט זי אוים צו זיין פיפיגער און געשיקטער אַלס מאַנכע פון די אידישע טעכטער וועלכע מען שדכן'ט אייך.

און אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס איהר קומט אייך מיט איהר עפּטער צוזאַמען אַלס מיט די אַנדערע, דען נאָהענטקייט אין פאַרקעהר האָט פיל צו זאָגן אין אַזעלכע זאַכן.

אויב איהר דיינקט, דאָס הייראַטענדיג די איירישע מיידל, אַפילו ווען זי זאָל זיך מגייר זיין, וועט איהר קענען האָבן אַ אידישע היים, עסן כשר און היטן שבת א. ד. גל., זייט איהר אין טעות.

אָבער די עצה וועלכע איך גיב אייך איז ניט באַגרינדעט אויף רעליגיעזע ערוועגונגען, נאָר אויף מיינע בעאָבאַכטונגען פון פאַמי־ליען־לעבן אין אַזעלכע פאַלן ווי אייערער.

איך האָב געקענט אַ אידן וועלכער האָט געהייראַט אַ דייטשע מיידל וועלכע האָט זיך פון זיינעטוועגן מגייר געווען.

אַ פּאָר יאָהר האָבן זיי געלעבט גליקליך אַלס מאַן און ווייב, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון זיינע אידישע זיטן.

עס זיינען געקומען קינדער. ווען זיי זיינען אונטערגעוואַקסן האָבן זיי דעם טאַטן גערופן שיני. זיי האָבן זיך גענומען רופן אויף דער מאַמעס נאָמען אין סקול און צווישן חברים.

דער סוף איז געקומען. ווען לעבן אַזוי איז איהם געוואָרן אונ־מעגליך, זיינען זיי זיך צוגעגאַנגען. זי האָט גענומען איהרע קינדער, איז אַוועק צו איהרע עלטערן, און ער האָט זיי געמוזט סופּאָרטן.

אַ צווייטן פאַל ווייס איך פון אַ רייכן אידן וועלכער האָט גע־הייראַט אַן איירישע. ער גיט זיך אויס פאַר אַן אטהעאיסט, איז די פראַג עפון אמונה נט געקומען אין ערוועגונג. זי איז אַ קאַטאָליקן, געהט זי צום גלח זיך „ספּאָוויעדזען", און ער געהט אין ערגעץ ניט.

די קינדער זיינען זעלבסטפאַרשטענדליך קאַטאָליקן, און זי איז אַלע מאָל צוזאמען מיט איהר קאַטוילישע פאַמיליע און פריינד. דער מאַן איז ווי אַ פרעמדער אין זיין אייגענעם רייכען הויז. און טאָמער פאַרווילט זיך איהם עטוואָס אידישעס בעט ער זיך איין ביי אַ אידישן קאָסטאָמער איהם צו ברייגנען בשתיקה אין זיין אָפיס אַ שטיקל געפילטע פיש.

אין די לעצטע יאָהרן זיינען פאָרגעקומען זעהר פיל געמישטע חתונות ביי אידן. בעאָבאַכטעט מען זיי, געפינט מען זעלטן איינע וואָס גיט זיך אײן און פאַלט אויס גליקליך.

עס פּאַסירט אָפט דאָס אַ אידישע מיידל פאַרליבט זיך אין אַ קריסטליכן יונגענמאַן, אָדער אַ אידישער יונגערמאַן אין אַ קריסט־ליכער מיידל, און זיי פרעגן קיינע עצות, און הערן קיינעם ניט.

די האַרצגעבראָכענע עלטערן קומען און פרעגן אַן עצה אין זייער פאַרצווייפלונג; אָבער די יונגע לייט אַליין פרעגן נאָכדעם ווי עס איז שוין צו שפּעט.

אין אַזעלכע פאַלן איז אַמאָל מגייר זיין דאָס איינציגע וואָס מ'קען טאָן צו באַפרידיגן כאָטש ווי עס איז דאָס אידישע געוויסן.

אָבער איהר ווייזט אויס ניט אין גאַנצן פאַרבלענדעט, און איהר פרעגט אַן עצה איידער עס איז צו שפּעט. האָב איך אייך געוויזן וואָס איך ערוואַרטעט אויב איהר זאָלט דעם שריט טאָן.

אַ מיידעל מיט שכל.

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

מיינע עלטערן זיינען פרומע אָרטאָדאָקסישע אידן, און איך בין ערצויגן געוואָרן אין אַ שטרענג אידישער אומגעבונג. — מיט אַ צוויי יאָהר צוריק האָב איך מיך געטראָפן מיט אַ יונגן מאַן און וועלכן איך האָב מיך שטאַרק פאַרליבט. צוויי וואָכן נאָך אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט ער מיר ענטדעקט, אַז ער איז אַ פאַרהייראַטער מאַן, און אַ פאָטער פון אַ בייבי. די ריכטיגע זאַך וואָס איך האָב דאַמאָלס געזאָלט טאָן וואָלט געווען ניט ווידער איהם צו זעהן. אַזוי ווי איך האָב דאָס ניט געטאָן מוז איך איצטער זוכן אייער ראַט. — איך האָב אין די צוויי יאָהר מיך געטראָפן מיט אַנדערע יונגע לייט, אָבער קיינער פון זיי האָלט אויס אַ פאַרגלייך מיט דעם יונגן מאַן. איך זעה איהם אונגעפעהר איין מאָל אַ מאָנאַט, ער פאַרזיכערט מיך אַז ער האָט מיך ערנסט ליב, און זאָגט אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער זיין געשידן פון זיין פרוי. — עס וואָלט געווען אַ מורא׳דיגער קלאַפּ פאַר מיינע ליבע עלטערן, ווען זיי זאָלן זיך דערוויסן דערפון. אָבער איך פיהל אַז מיר איז ניט מעגליך זיך אָפּצוזאָגן פון איהם. מיין פּראָבלעם איז: צו בין איך מחויב צו אָפּפערן מיין לעבענס־גליק, און מיר אָפּזאָגן פון דעם יונגן מאַן צוליב מיינע עלטערן?

איך האָב מיך פאַרטרויט צו איינער פון מיינע פאַרהייראַטע שוועסטער, און זי ראַט מיר איהם אויפצוגעבן. אָבער איך וויל הערן אייער ראַט.

אַ פאַרצווייפעלטע יונגע מיידעל.

אַזוי ווי איהר אַליין פערשטעהט ריכטיג, וואָס איהר האָט געזאָלט טאָן ווען איהר האָט צום ערשטן מאָל געהערט פון דעם יונגען מאַן אַז ער האָט אַ פרוי און אַ קינד, איז ניט נויטיג פאַר מיר צו ריידן צו אייער געוויסן, אָדער צו זאָגן אייך מוסר.

איך וויל נאָר זאָגן עטליכע ווערטער צו אייער שכל וואָס איז פערבלענדעט פון אַ צייטווייליגער ליידנשאַפט.

איך זעה פון אייער שרייבן אַז איהר זייט אַ מיידל ניט אָהן אינטעליגענץ, וועט אַ לאָגישער אַרגומענט פּיליכט אייך העלפן זיך בעפרייען פון אַ שעדליכער אילוזיע.

ניט צוליב אייערע עלטערן דאַרפט איהר אייך אָפּזאָגן פון דעם מאַן, נאָר צוליב אייך אַליין, צוליב אייער גאַנצן לעבן און צוקונפט.

און ניט אייער גליק וועט איהר אָפּפערן ווען איהר שיקט דעם מאַן אַוועק פון זיך, נאָר אַן אומגליק וועט איהר אויסמיידן.

צוערשט וויל איך אויסדריקן מיין צווייפל, אויב דער מאַן האָט

אייך ערנסט ליב אָדער פיהלט צו אייך די איינזועהעניש און דעם רעספּעקט, וואָס אַן אויפריכטיגער מענש דאַרף פיהלען צו אַ אינטע־ליגענטע אָרענטליכע מיידל.

שוין אַ מעשה פון צוויי יאָהר ווי אייער ראָמאַנטישע בעקאַנט־שאַפט געהט אָן, און די איינציגע פאַרשפּיגלונג פאַר אייער צוקונפט איז, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער זיך בעפרייען פון זיין פרוי.

און אויב ער וועט זיך ניט בעפרייען — וואָס דאַן?

וואָס ווייסט איהר פון זיין פרוי, וואָס ווייסט איהר פון זיינע בעציהונגען צו איהר אַפילו אין דעם איצטיגן אויגנבליק?

פון וואַנען ווייסט איהר אַז ער האָט אַן אורזאַכע זיך צו בע־פרייען פון זיין פרוי און מאַכן זיין בייבי פאַר אַ לעבעדיגן יתום?

עס איז גיכער אַנצונעמען אַז ער האָט גאָר ניט בדעה זיך צו בעפרייען פון זיין פרוי. אין דער זיכערהייט פון אַ פערהייראַטן שטאַנד, איז איהם פיליכט אַנגענעהם בלויז צו פלוירטן מיט אַ יונגע אונערפאַהרענע מיידל, וועלכע איז פערליבט אין איהם.

אויב ער וואָלט געמיינט ערנסט און אויפריכטיג וואָס ער זאָגט, און וואָלט געהאַט רעספּעקט און איינזועהעניש פאַר אייך, האָט ער זיך געזאָלט האַלטן אַזוי ווייט ווי מעגליך, ביז ער איז אין שטאַנד צו קומען צו אייך אַלס אַ פרייער מאַן, און דאַן אַנבאָטן אייך זיין האַנד און האַרץ.

„פריהער אָדער שפּעטער“ מיינט אין אַזאַ פאַל קיינמאָל ניט.

ער איז וואַרשיינליך געווען אַמאָל פערליבט אין זיין פרוי איידער ער האָט זי געהייראַטעט. איצטער זאָגט ער אַז ער האָט אייך ליב.

לאָמיר אַננעהמען אַז ער וועט זיך בעפרייען פון זיין פרוי און אייך הייראַטן — וועלכע זיכערהייט האָט איהר אַז ער וועט ניט זוכן קורץ נאָכדעם צו בעפרייען זיך פון אייך ווען ער וועט בעגע־גענען אַן אַנדערע?

אייער ליבע פאַר דעם מאַן, ווי שטאַרק זי זאָל אייך ניט אויס־וויזן, קען בלויז זיין אַן אויבערפלעכליכע און אונבאַרעכענטע.

וואָס אייך געפעלט אין איהם איז וואַרשיינליך זיין אויסער־ליכקייט, פיליכט זיין ריידן, פיליכט אַנגענעהמע מאַנירן, אָבער איהר געהט ניט טיף צו דעם כאַראַקטער פון דעם מאַן.

און כאַראַקטער איז די הויפּט זאַך אין אַ מאַן מיט וועלכן אַ פרוי האָפּט צו געפינען גליק אין לעבן.

כאַראַקטערלאָזיגקייט מיינט אונפעראַנטוואָרטליכקייט; און דאָס ברייננגט אַלעמאָל אונגליק צו אַ פרוי און צו קינדער.

דערוויילֿ האָט ער שוין פון אייך אָוועקגערויבט צוויי ווערטפולע

יאָהר — דאָס איז אַ לאַנגע צייט אין דעם לעבען פון אַ הייראַטס-פעהיגע מיידל.

ער האָט גענאָסען אַן אַנגענעהמען „פלוירט”. און וואָס האָט ער אייך געגעבען דערפאַר? אַ ווערטהלאָזען צוזאָג פון „פריער אָדער שפּעטער”.

די פערגלייכונגען וואָס איהר שטעלט אָן צווישען איהם און אַנדערע יונגע לייט זיינען אויך צו אויבערפלעכליך, ווייל איהר זייט צייטווייליג פערבלענדעט. איהר אורטיילט בלויז נאָך אויסער-ליכקייטען.

איך בין איבערצייגט, אַז אויב איהר וואָלט געקענט מאַכען די בעקאַנטשאַפט פון דעם מאַן'ס פרוי און זיין פאַמיליען-לעבען איין טאָג, וואָלט איהר גאָר גיך אויסקורירט געוואָרן פון אייער אילוזיע.

דאָס וואָס ציהט אייך אָן איצטער אין דעם מאַן איז אַן אונ'-ממשות'דיגע זאַך וועלכע שפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָלע אין דעם אינטימערן פערהייראַטען לעבען.

מיין ראַטה צו אייך איז, אַז איהר זאָלט ניט לאָזען אַן איבער-געהענדען צייטוויילינגן קאַפּריז פערדונקלען אייער שכל.

וואָס גיכער און ענטשלאָסענער איהר וועט זיך צוריקציהען פון איהם אַלץ גיכער וועט איהר איבערקומען אייער פאַרבלענדע-נעש, און קומען צו זיך.

טאָכטער פון ראַדיקאַל האָט טראָבל.

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

מיינע עלטערן זיינען ראַדיקאַלע מענשן, באַזונדערס מיין פאָטער, וועלכער האַלט ניט פון רעליגיע אָדער פון וועלכע עס איז אידישע מנהגים. ער האַלט אויך ניט פון דער הייראַטס-צערעמאָניע. ער אליין מיט מיין מוטער האָבען געהייראַט מיט דרייסיג יאָהר צוריק אין אַ קליין שטעדטעל אין רוסלאַנד, זאָגט ער, אַז דאָס פאַרדריסט איהם נאָך ביז היינט. ער זאָגט, אַז ווען אַ מאַן און אַ פרוי האָבען זיך ליב און זיי ווילען זיין מאַן-און-ווייב, דאַרפען זיי קיינעם ניט פרעגען, ניט קיין רב און ניט קיין גלח, און אויך ניט ביי אַ דזשאַדזש. ווען איך בין אַלט געוואָרן זיבעצעהן יאָהר האָט זיך אין מיר איינגעליבט אַ באָי פון פיר-און-צוואַנציג יאָהר, אויך אַ ראַדיקאַל. ער פלעגט אָפט קומען צו מיין פאָטער. ער האָט געהאַט אַ גוטען דזשאַב און האָט אויסגעוויזען צו זיין אַן עהרליכער באָי. איך האָב איהם אויך ליב געהאַט. האָבען מיר גענומען רומס און מיר זיינען געוואָרן מאַן-און-ווייב, מיט דער צושטימונג פון מיין פאָטער.

אונזער „גליק" האָט אָנגעהאַלטן בלויז איין יאָהר, ווייל אין דעם יאָהר האָב איך אויסגעפונען אַז ער געמבעלט, און איז אַ ליגנער, האָב איך איהם ניט מעהר געקענט פאַרטראָגן. זיינען מיר זיך צוגאַנגען, און איך בין ווידער מיט מיינע עלטערן. איך בין אַ גוטע דרעסמייקער און פאַרדין גוטע ווידזשעס. איצט בין איך דריי־און־צוואַנציג יאָהר.

מיט אַ פיר מאָנאַטן צוריק האָב איך מיך באַקענט מיט אַ יונגן מאַן פון אַ יאָהר אכט־און־צוואַנציג, וועלכער פיהרט אַן אייגענע ביזנעס, און ווייזט אויס צו זיין אַן אָרענטליכער מענש. מיר געהען אָפט אויס, און מיר געפעלן זיך איינער דעם צווייטן. די וואָך האָט ער מיר געמאַכט אַ פאָרמאַלנעם פאָרשלאַג צו הייראַטן מיט איהם. איך וואָלט מיט פרייד געזאָגט „יעס", ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט אַז ער וועט דערגעהן וועגן מיין פריערדיגע ערפאַהרונג. ער דענקט אַז איך בין אַ מיידעל. ווען איך זאָל איהם זאָגען וואָס מיט מיר איז געשעהן פינף יאָהר צוריק, בין איך אַזוי גוט ווי זיכער, אַז ער וועט זיך דערווייטערן פון מיר. ער איז ניט ראַדיקאַל. ער איז ניט רעליגיעז, אָבער ער רעדט פון אַ ריכטיגע חתונה און פון אַ לעבן ווי עס פיהרט זיך ביי אידן. און אויב איך זאָל איהם ניט דערצעהלן פון מיין לעבן מיט אַן אנדער מאַן אַ יאָהר צוזאַמען, וועט ער דאָס געוויס ערפאַהרן שפּעטער, ווייל עס זיינען דאָ אַזוי פיל מענשן וואָס ווייסן דערפון. מיינע אייגענע חבר'טעס און באַקאַנטע ווייסן דערפון. האָב איך איהם געענטפערט אַז איך וויל אַ פּאָר וואָכן צייט צו געבן איהם אַן ענטפער, און ער איז צופרידן געווען.

איצטער בין איך אין גרויס טראַבעל און ווייס ניט וואָס פאַר אַן ענטפער איהם צו געבן. איך וויל איהם ניט פאַרלירן, ווייל מיין האַרץ ציהט צו איהם, און וויל איהם אויך ניט אָפּנאַרן. בעט איך אייך, דר. קלאַרמאַן, מיר צו ראַטן וואָס פאַר אַן ענטפער איך זאָל איהם געבן.

טאָכטער פון אַ ראַדיקאַל.

דערצעהלט איהם דעם גאַנצן אמת אַזוי ווי איהר האָט עס דערצעהלט דאָ אין דעם בריף. דאָס איז אין אייער פאַל דער בעסטער ענטפער.

עס איז זעהר מעגליך אַז איהר וועט איהם פאַרלירן, ווי איהר אליין זאָגט. אָבער אויב איהר נאַרט איהם, און ער וועט אַלצדינג דערגעהן נאָך דער חתונה, וועט איהר איהם סאַי־ווי פאַרלירן, און אין אַ פיל ערגערן אופן.

איהר וועט דאַן ביידע זיין געבונדן דורך אַן אומגליקליכע חתונה, ער פול מיט רוגזה און האַס געגען אייך פאַר אָפּנאַרן איהם, איהר מיט אַ געפלאגטן געוויסן, און פיהלענדיג זיך שולדיג געגן איהם.

ווען איהר דערצעהלט איהם די ריכטיגקייט קען זיין, אז איהר האָט נאָך אַ טשאַנס מיט איהם.

ער וועט געוויס זיין שרעקליך ענטטוישט און וועט ווארשיינליך גלייך אַפּברעכן באַציהונגען מיט אייך; אָבער אויב ער האָט אייך ליב וועט ער אין די טעג נאָך דעם פילייכט די זאַך איבערלייגן און סימפּאַטיזירן מיט אייך.

ער וועט פילייכט באַרעכנען אַז איהר זייט דאַמאָלס אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר, צו יונג און צו אונערפאהרן, אונטער דעם איינפלוס פון די פאַלשע לעהרע פון אַ נארישן טאַטן, וועלכער האָט אייך ערלויבט צו געהן געגן די עפענטליכע מיינונג פון דער וועלט.

יעדענפאַלס וועט ער אייך ניט האַלטן אַלס מאָראַליש פאַרדאָרבן, און וועט ניט פאַרלירן זיין רעספּעקט צו אייך. ער וועט פילייכט וויסן צו שעצן אייער אויפריכטיגקייט, און וועט איינזעהן אַז איהר ליבט איהם גענוג ניט צו וועלן איהם אָפּנאַרן.

אויב ער זאָל איבערקומען דעם „שאָק" וואָס אייער ענטדעקונג וועט איהם געבן, און וועט געפינען אַז ער האָט אייך טראָצדעם ליב, וועט ער ווארשיינליך צוריקקומען צו אייך, און דאַן וועט קיין זאַך מעהר שטעהן צווישן אייך און איהם, צו שטערן אייער בונד.

ער וועט באַגרייפן אַז ניט איהר זייט שולדיג אַזוי פיל אין דער טרויעריגער ערפאַהרונג וואָס איהר האָט מיט פינף-זעקס יאָהר צוריק געמאַכט אַלס אייער פאָטער, און דאָס איהר בעצאָהלט פאַר אייער פאָטער'ס זינד.

„דער טאַטע עסט אונצייטיגע טרויבן, און די צייהנער פון די קינדער ווערן אייליג". — ווי דאָס שטעהט געשריבן אין אונזערע ספרים.

און אויב ער קומט ניט צוריק, און איהר פאַרלירט איהם, וועט איהר ווענינגסטענס האָבן דאָס בעוואוסטזיין, אַז איהר האָט געהאַנדעלט עהרליך און אויפריכטיג, און האָט ניט פאַרלאָרן דעם רעספּעקט אין זיינע אויגן.

זאָל אייער ענטפער זיין צו איהם — דער ריינער אמת.

אַ מאַמע געגן היינטיגע מיידלעך

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

איך בין אַ בחור פון זיבן-און-צוואַנציג יאָהר, פופצן יאָהר אין אַמעריקא. איך קען מאַכן אַ לעבן פאַר אַ פאַמיליע, און וואָלט זעהר געוואָלט הייראַטן. אָבער יעדעס מאָל ווען איך הויב אָן אויסצוגעהן מיט

א מיידעל הויבט מיין מוטער אָן מיך שרעקן מיט אריינפאַלן אין א צרה. מיין מוטער איז אַן אַלמנה וועלכע איז גיט אָפּהענגיג פון איהרע קינדער. דריי זיינען פאַרהייראַט. איך בין דער איינציגער וועלכער מאַכט זיין היים ביי דער מאַמען. איינע פון מיינע ברידער האָט ניט גוט אָנגעטראָפן מיט זיין פרוי און ער האָט גרויסע צרות. דער צווייטער האָט עס אביסעל בעסער, אָבער זיין ווייב פאָדערט צופיל און ער קען ניט שפּאָרן א דאָלער. ווייזט מיר די מאַמע אָן אויף מיינע ברידער: „דו זעהסט, דזשאָו, וואָס פאַר א צרות זיי האָבן?" די היינטיגע מיידלעך, זאָגט זי, ווילן ניט קאָכן, ווילן ניט וואַשן, ווילן זיך נאָר פּוצן און ארומלויפן, און האָבן א גוד־טיים, אז דו וועסט חתונה האָבן וועסטו חרטה האָבן. מיין מאַמע האָט א פּלימעניצע אין פּוילן וועלכע איך קען ניט און ווייס ניט, וויל זי איך זאָל וואַרטן אויף איהר. זי איז נאָך צו יונג, בלויז זעכצעהן יאָהר אַלט, אָבער איך וויל ניט וואַרטן. און פון וואַנען ווייס איך, אז יענע וועט זיין די פּאַסענדע פרוי פאַר מיר?

בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן, מיר צו געבן א ראַט, און מיר זאָגן, צי ס'איז באמת אזוי ווי מיין מאַמע זאָגט וועגן היינטיגע מיידלעך. און איך בעט אייך אויך מיר צו ראַטן צי איך זאָל וואַרטן אויף מיין מאַמע'ס פּלימעניצע.
דזשאָו.

אייער מאַמע, דזשאָו, רעדט פון איהרע אייגענע ערפאַהרונגען, וועלכע געהערן צו א פריהעריגן דור, אין אַן אַנדער לאַנד, איז קיין וואונדער ניט וואָס איהר געפעלן ניט די „היינטיגע מיידלעך" אין אַמעריקאַ.

עס איז מעהר ווי זיכער, דאָס ווען אייער מאַמע איז געווען א מיידל, האָט זי ניט געוואוסט פון א „ליפּסטיק" אָדער פון רוזש, האָט ניט געוואוסט פון סיגאַרעטס און א גוד־טיים, אָבער זי האָט געוואוסט פון קאָכן, און וואַשן, און האָדעווען קינדער.

זי וויל דעריבער אז איהר זאָלט נעהמען אַזאַ ווייב ווי זי איז געווען, און דערפאַר הייסט זי אייך וואַרטן אויף איהר פּלימעניצע פון פּוילן.

אייער מאַמע מאַכט א טעות אין צוויי זאַכן: ערשטענס, אין דעם וואָס זי דענקט אַז אונטער די „היינטיגע מיידלעך" אין אַמע־ריקאַ איז ניטאָ איינע וואָס זאָל זיין צו אייך א גוטע געטרייע פרוי.

דער פאַקט וואָס אייערע ברידער האָבן ניט גוט אָנגעטראָפן, ווי אייער מאַמע דענקט, איז גאָר קיין בעוויז ניט אַז איהר קענט ניט אָנטרעפן בעסער.

טויזענדע יונגע לייט, און טויזנדע מיידלעך הייראַטן, און פילע

פון זיי לעבן צופרידן און גליקליך, און האָדעווען קינדער, און זיינען געטריי איינער צום אַנדערן.

טויזענדע אַמעריקאַנער אידישע מיידלעך, ווען זיי הייראַטן, ווייסן ווי צו פיהרן אַ הויז, קענען קאָכן, און וואַשן, און נעהען, און זיי טוען דאָס ווען זיי מוזן דאָס טאָן.

און דער צווייטער טעות וואָס אייער מאַמע מאַכט, איז וואָס זי דענקט אַז די פּלימעניצע פון פּוילן וועלכע איז נאָך צו יונג צו הייראַטן, וועט זיין פאַר אייך די געווינשטע פרוי.

דאָס קען מען גאָר ניט וויסען, ווייל אַ מיידל פון פּוילן קען אויך זיין אַ ווייב אַ שלאַק אַזוי ווי אַ היינטיגע מיידל אין אַמעריקא.

אייער מאַמע איז געווים אַ געטרייע מאַמע, און זי מיינט עס גוט מיט אייך, אָבער איהר קענט ניט לעבן מיט איהרע ערפאַהרונגען. איהר מוזט מאַכן אייערע אייגענע ערפאַהרונגען.

פון די עלטסטע צייטן אָן איז הייראַטן אַ פרוי געווען ווי אַ לאָטערי. ווער עס האָט מזל טרעפט אָן די ריכטיגע, ווער ניט, טרעפט אָן אַ שלאַק.

אונזערע אַלטע חכמים האָבן דאָס געזאָגט, „מצא" אָדער „מוצא", דאָס מיינט „מצא אשה מצא טוב", געפינט ער אַ פרוי און געפינט אַלדאָס-גוטס, „ומוצא אני מר ממות את האשה", דאָס מיינט אַ פרוי וואָס איז ביטערער פון טויט.

דאָסזעלבע גילט אויך היינטיגע צייטן פאַר מיידלעך וועלכע הייראַטן, אַמאָל טרעפן זיי אָן אַ גוטן ליבעסווירדיגן מאַן, וועלכער ערפילט זיינע פליכטן, און אַמאָל אָן אונפעראַנטוואָרטליכן מענשן און אַן אומגליק.

אָבער ווען אַלע מענשן וואָלטן זיך אַזוי געשראָקן אויסצופּרובירן זייער מזל וואָלט קיינער ניט חתונה געהאַט; און מיר זעהען אַז אַ וועלט האָט חתונה; אַ וועלט נעהמט דעם טשאַנס.

דאַרפט איהר אויך ניט מורא האָבן צונעהמען דעם טשאַנס. אַז מען ריזיקירט ניט, האָט מען ניט. און האָבן אַ ווייב, און אויסלעבן די יאָהרן מיט איהר, און ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט, איז די גרעסטע און רייכסטע ערפאַהרונג וואָס אַ מענש קען האָבן אין לעבן.

נאָך מיין מיינונג איז ניט ראַטהזאַם איהר זאָלט וואַרטן אויף אייער מאַמע'ס פּלימעניצע פון פּוילן. איהר זייט שוין פופצן יאָהר אין אַמעריקא, זייט איהר, הייסט עס, מעהר אָדער ווייניגער אַמעריקאַניזירט. זי וועט קומען אַ יונגע „גרינע" ציגעלע פון אַ פּוילישן קליין-שטעדטל, אונבעקאַנט מיט דעם אַמעריקאַנישן לעבן.

איהר ווייסט אַפילו ניט צי זי וועט אייך געפעלן, אָדער אויב איהר וועט איהר געפעלן. דער טשאַנס איז פיל ריזיקאַלישער ווי צו

נעהמען אַ מיידל וועלכע איז בעקאַנט מיט דעם היגן לעבן, און מיט וועלכער איהר קענט גוט בעקאַנט ווערן איידער איהר הייראַט.

און וואָס אייער מאַמע שרעקט אייך, אַז אונטער היינטיגע מיידלעך איז ניטאָ אַזעלכע וואָס זאָלן זאָרגן פאַר אַ גוטע היים, און קאָכן און וואַשן, און זיין געטרייע פרויען, איז דאָס ריינער אונזין.

די מענשליכע נאַטור איז דיזעלביגע ווי אין איהרע צייטן, און ווי אין איהר באָבע'ס צייטן. עס איז אין דער נאַטור פון דער פרוי צו וועלן האָבן אַ היים. בלויז די מעטאָדן זיינען אַנדערע.

אַ בחור פון זיבן-און-צוואַנציג יאָהר וועלכער פיהרט זיך לייטיש, און קען מאַכן אַ לעבן פאַר אַ פאַמיליע, דאַרף גאַר קיין שוועריגקייטן ניט האָבן צו געפינען אַ פאַסענדע אידישע מיידל, וואָס זאָל זיין צו איהם אַ גוטע פרוי.

פאַרלאָזט זיך ניט צופיל אויף אייער מאַמע'ס מבינות, ווייל עס איז אין דער נאַטור פון מאַנכע מאַמע'ס צו דיינקען, דאָס די מלכה שבא איז ניט גוט גענוג פאַר איהר זוהן.

אויך קומט איהר מבינות פון אַ פריהעריגן דור; און שליסליך וועט איהר מוזן לעבן מיט אייער פרוי און ניט מיט אייער מאַמע.

א גר אין דער משפחה.

ווערטהער דר. קלאַרמאַן:

מיט עטליכע חדשים צוריק האָב איך זיך באַקענט מיט אַ אידישן אינטעליגענטן בחור, וועלכער האָט געפונען חן אין מיינע אויגן און אויך אין די אויגן פון מיינע עלטערן. מיר זיינען אָפט אויסגעגאַנגען צוזאַמען, ביז מיר האָבן אויסגעפונען אַז מיר געפעלן איינער דעם אַנדערן און האָבן זיך געגעגזייטיג ליב. דורך אַ צופאַל האָבן מיינע עלטערן אויסגעפונען, אַז מיין פריינד'ס ברודער האָט זיך פאַרליבט אין אַ קריסטין, וועלכע האָט זיך מגייר געוועזן און זיי האָבן דערנאָך געהייראַט כדת משה וישראל, און זיי פיהרן אַ אידישע היים. מיינע עלטערן זיינען איצטער געגן דעם שידוך. פרעג איך ביי אייך, צי איז ערגעץ אין אידישע ספרים דערמאָנט, אַז אַזאַ זאַך איז געגן דער אידישער טראַדיציע? צי האָבן מיינע עלטערן אַ גרונט צו זיין געגן דעם שידוך? איך בעט אייך מיר צו זאָגן ווי אַזוי איך דאַרף דאָ האַנדלען.

בת באַרי החתי.

עס איז ניט שווער נאָכצופאָלגן דעם „ריזאָנינג" פון אייערע עלטערן צו פאַרשטעהן פאַרוואָס זיי זיינען געגן דעם שידוך.

דער אויסדרוק „אַ ברודער האָט זיך פאַרליבט אין אַ שיקסע"

האָט אַ זעהר שלעכטן קלאַנג פאַר דעם אויער פון אַן אָרטאָדאָקסישן אידן.

און הגם די „שיקסע" אין דעם פאַל איז געוואָרן אַ אידישע טאָכטער, אַ „בת אברהם", און געהייראַט האָט זי מיט'ן ברודער בהיתר, און פיהרט זיך ווי אַ אידישע טאָכטער, בלייבט דאָך די טענה ביי אייערע עלטערן: „סטייטש, ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ שיקסע!"

ביי אַ פרומען אידן איז דאָס אַ טענה; אָבער הייראַטן אַ גיורת איז אַזוי וויט ווי איך ווייס, ניט געגן די אידישע טראַדיציע.

אומגעקעהרט, אונזערע ספרים, אָנהויבענדיג פון תורת משה, ביז די לעצטע פון אונזערע חכמים, האָבן אַלע מאָל געוואָרנט, ניט צו באַליידיגן אַ גר, ליב צו האָבן אַ גר, און צו זיין פריינדליך צו אים.

אונזערע ספרים זאָגן אונז, אַז ווער עס איז מגייר אַ גוי און איז איהם מקרב, איז אַקוראַט ווי ער וואָלט איהם באַשאַפן. און אַ גוי וואָס איז זיך מגייר איז אַקוראַט ווי ער וואָלט פון דאָס ניי געבאָרן געוואָרן.

ווייטער שטעהט אין אונזערע ספרים, אַז ווען אַ גוי וויל הייראַטן אַ אידישע טאָכטער, און צוליב איהר איז ער זיך מגייר און ווערט אַ איד, זאָגט גאָט צו די אידן: קינדער, אַזוי גוט ווי ער פאַרלאַנגט פון אייך מנוחה, אַזוי זאָלט איהר איהם געבן מנוחה.

די אידישע טראַדיציע איז, אַז פון רות המואביה וועלכע האָט זיך מגייר געווען, איז אַרויסגעקומען דוד המלך.

און פון אַ רוימישן הערשער וואָס האָט זיך מגייר געווען איז אַרויסגעקומען דער גרויסער תנא רבי מאיר.

פאַרשטעהט מען דערפון אַז די אידישע טראַדיציע האָט קיינמאָל ניט בעטראַכט אַ גר אָדער אַ גיורת אַלס אַ פסול אין דער משפחה.

מיין אויספיהר איז דעריבער, דאָס אויב אייערע עלטערן האָבן קיין אַנדער גרונט צו זיין געגען דעם שידוך אַלס דאָס וואָס איהר וועט האָבן אַ שוועגערין אַ גיורת, איז זייער איינווענדונג ניט אין דעם גייסט פון דער אידישער טראַדיציע.

און ווי אַזוי איהר דאַרפט האַנדלען? איהר דאַרפט זיי געבן דעם אַרגומענט, און זיי איבערצייגן, אַז צוליב דעם גרונט אַליין דאַרפן זיי אייך ניט שטערן.

עלטערן און קינדער

אַ „פּאַספּאָרט" צום הימעל

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך האָב אַ צוועלף־יעהריגע טעכטערל, וועלכע האָט אַ סקול־חבר'טע, אַ קריסטליכע מיידעלע, אין איהר עלטער. זיי זיינען זעהר באפריינדעט, קומט אמאָל די חבר'טע צו אונז אין הויז, און אמאָל געהט מיין טעכטערל צו איהר אין הויז. די עלטערן פון דער חבר'טע זיינען זעהר בכבוד'ע אמעריקאנער, פרומע קריסטן. זיי האָבן מיין טעכטערל זעהר גערן, און נעמען זי אָפט אין זייער אויטאָמאָביל צוזאַמען מיט זייערע קינדער.

אַנומאָלט קומט מיין מיידעלע אַהיים און דערצעהלט מיר אַז די מוטער פון איהר חבר'טע האָט געפרעגט ביי איהר: „וואָס איז דיין „פּאַספּאָרט" צום הימעל?" אַזוי ווי מיין טעכטערל האָט ניט פאַרשטאַנען די פראַגע, האָט די פרוי איהר דערקלערט אַזוי: „אונזער פּאַספּאָרט צום הימעל איז אונזער גלויבן אין דזשיזוס קרייסט, וועלכער איז פאַר אונז געשטאָרבן כדי צו ראַטעווען אונז פון אונזערע זינד. וואָס איז אייער פּאַספּאָרט צום הימעל?"

מיין טעכטערל, אַ נאַאיוו קינד, האָט געענטפערט: „איך ווייס ניט, אָבער איך וועל פרעגן מיין טאַטן". ווען קינדער זיינען קליין מיינען זיי אַז דער טאַטע ווייס אַלצדינג, און ווען זיי וואַקסן אונטער זאָגן זיי אַז דער טאַטע ווייס גאָר ניט. דערווייל איז נאָך מיין טעכטערל אין די יאָרן וואָס זי גלויבט אַז איהר טאַטע ווייס אַלעס.

איצט בין איך אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל איך ווייס באמת ניט וואָס צו ענטפערן אויף דעם. די גאַנצע פראַגע איז מיר ניי, ווייל איך האָב קיינמאָל נישט געהערט פון אַ פּאַספּאָרט צום הימעל. איך בין ניט גאָר אונוויסענד, איך ווייס מיין „שמע ישראל", אָבער ביי אונז איז דאָס ניט באַטראַכט ווי אַ פּאַספּאָרט צום הימעל. און אויב איך זאָל מיין טעכטערל ניט געבן אַזאַ ענטפער וואָס זי זאָל קענען איבערגעבן צו איהר חבר'טעס מוטער, וועט זי זיך שעמען צו געהן צו איהר חבר'טע, און דאָס וועט איהר זעהר וועה טאָן. אחוץ דעם וועט זי פאַרלירן אַ היבשע ביסל פון איהר רעספּעקט פאַר מיין אַל־וויסן. און איך אַליין וואָלט אויך וועלן געבן אַן ענטפער צו דער פרוי וואָס זאָל זיין מיט שכל, און זאָל ניט באַליידיגן.

בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן, העלפט מיר אויס מיט אַן ענטפער אויף די פראַגע. איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין. אבא ב—ן.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איהר קענט ניט ענטפערן, דאָס מיר האָבן ניט קיין פּאַספּאָרט צום הימל, ווייל פון דעם פרומען קריסט-ליכן שטאַנדפּונקט וועט דאָס הייסן, אַז מיר האָבן קיין צוטריט צום הימל, צום גן־עדן, און מיר זיינען פאַרדאַמט צו גיהנם.

אָבער איהר קענט ענטפערן, אַז פּאַספּאָרטן זיינען בלויז נויטיג פאַר פרעמדע, פאַר אונבאַקאַנטע; פאַר אייגענע מענשן זיינען פּאַס-פּאָרטן איבעריג.

ווען מיר קומען אין הימל, דאָס מיינט אין גן־עדן, האָבן מיר דאָרטן אַלע אונזערע אייגענע, אונזערע טאַטעס, מאַמעס, פירער, נביאים און מלכים.

מיר האָבן דאָרט אברהם, יצחק, יעקב, משה, דוד, ישעיה, ירמיהו און אַלע איבעריגע נביאים פון דער ביבל. און מיר האָבן דאָרט די מאַמעס, שרה, רבקה, רחל ולאה.

און אַפילו זייערע הייליגע, פון דזשיזוס קריסט ביז צום לעצטן פון די אַפּאָסטאָלן, זיינען אויך אַלע אונזערע קרובים.

אייגענע מענשן — צו וואָס דאַרפן מיר פּאַספּאָרטן?

איך גלויב אַז דער ענטפער וועט צופרידן שטעלן די פרוי, ווייל דאָס איז אין איינקלאַנג מיט איהר גלויבן אין די ביבל.

אויב אייער טעכטערל איז ניט אין שטאַנד דאָס איבערצוגעבן אַזוי קלאָר, אויף אויסוויינינג, שרייבט דאָס אויס פאַר איהר.

זוי ווייט מוזן עלטערן אָפּפערן?

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

אונז האָט גאָט געבענטשט מיט עטליכע טעכטער, און ער האָט אונז אויך געבענטשט מיט א שעהן ביסעל עשירות. האַלט ביי שידוכים, שטעלן די טעכטער פאָדערונגען. עס איז איינגעפיהרט געוואָרן אין אַמעריקא דער אייראָפּעאישער גאַנג — אָהן נדן געהט עס ניט. אַן איינפאַכער באָי וויל א טויזענד דאָלער; א לאָיער פיל מעהר; א דאָקטאָר אָדער א ביזנעס-מאַן קען זיך הייסן געבן פינף־און־צוואַנציג טויזענד; מיינע מיידלעך זאָגן, אַזוי לאַנג ווי די עלטערן האָבן געלד וואָס זיי דאַרפן ניט צו די ביזנעס, האַרפן זיי געבן די קינדער די בעסטע און שעהנסטע באָים וואָס מ׳קען קריגן פאַר געלד. לעצטע וואָך איז אריינגעקומען צו מיר א באָי, א רעוועריענד, מיט וועלכן מיין מיידעל האָט זיך באַקאַנט. זאָגט מיין מיידעל צו מיר: „דעם קען מען קריגן פאַר פינף־און־צוואַנציג טויזענד״. זאָג איך צו די קינדער, אַז איך האָב חתונה געהאַט מיט אייער מאַמען האָט מען מיר ניט געגעבן אַפילו דריי הונדערט דאָלער, און פון דעסטוועגן

האָבן מיר ב"ה ניט ווייניגער פון מאנכע לאַיערס און דאָקטוירים. דאָס־גלייכן מיט הוצאות החתונה. מ'קען קריגן אַ קייטערער פאַר פינף דאָלער אַ קאָפּעל, און פאַר פינף־און־צוואַנציג דאָלער אַ קאָפּעל. זאָגן די קינדער, אַז עלטערן דאַרפן מאכן פאַר קינדער דאָס בעסטע וואָס זיי קענען קריגן פאַר געלד. איז געבליבן ביי אונז צו פרעגן ביי אייך, און מיר וואַרטן אויף אייער תשובה. ה. גרינבערג.

עס איז ניט מעגליך צו געבן אַ „בליינקעט" תשובה אויף אַזאַ פראַגע — אַ תשובה וואָס זאָל זיך פּאַסן פאַר אַלע טאַטעס־מאַמעס פון דערוואַקסענע טעכטער.

יעדער פאַל מוז געאורטיילט ווערן לויט זיינע אייגענע אומ־שטענדן און אייגענע פאַרדינסטן.

עס איז געוויס די פליכט פון עלטערן, אויב זיי האָבן נאָר ביכולת, צו פאַרהעלפן קינדער צו שטעלן זיך אויף אייגענע פיס.

אָבער די פראַגע „וויפיל"? „ווי ווייט מוזן זיי געהן?" — דאָס הענגט אָפּ פון פילע אנדערע אומשטענדן.

עס הענגט אָפּ אַמאָל פון די עלטערן'ס סימפּאַטיע פאַר דעם נייעם איידעם; עס הענגט אָפּ פון דער ליבע צו דער טאָכטער; עס הענגט אָפּ פון זייער ליבע צו זייער געלט; און וויפיל זיי קענען דערפון אוועקגעבן און ניט טאָן קיין צו גרויסן שאָדן צו די איבעריגע פון דער פאַמיליע; עס הענגט אָפּ פון זייער אויסרעכענונג, אויב דאָס געלט געהט פאַר אַ תכלית. און עס הענגט אָפּ פון פילע אנדערע זאַכן, צופיל אויסצורעכענען.

מעהרפון אַלץ אָבער הענגט דאָס אָפּ ווי ווייט דער באָי האָט ליב די מיידל, און די מיידל — דעם באָי.

עלטערן קענען ניט „איינהאַנדלען" פאַר אַ טאָכטער „דעם בעסטן און דעם שענסטן באָי", ווייל הייראַט איז אָפט אַ טשאַנס, און אַמאָל קען מען איינשטעלן אויף דעם ניט־ריכטיגן „פערדל", און אַ חוץ וואָס מען פאַרלירט דאָס געלט האָט מען דערנאָך צרות פון דער טאָכטער.

ביז איצטער זיינען נאָך גאָט־צו־דאַנקען ניטאָ קיין „קוואָטיי־שאָנס" אויף חתנים אויפ'ן סטאָק־עקסטשיינדזש און מ'קען ניט זאָגן מיט זיכערהייט וויפיל אַ חתן איז ווערט לויט דעם איצטיגן קורס.

מיר פערזענליך איז דער נדן־האַנדל, איך מוז מודה זיין, גאָר ניט געפעלן. ער קומט ביי מיר אויס צו מגושם'דיג, גראָב, אפילו באַליידיגענד.

אַ בחור זאָגט צו אַ מיידל ער האָט זי ליב — צען טויזנט דאָלער שטאַרק. טאָמער אַ פאַר טויזענט ווייניגער, האָט ער זי ניט

מעהר ליב. א מיידל מיט עמפפינדליכקייט מוז זיך פיהלן געקרענקט דערפון.

דאָך באַגרייף איך, אַז עס זיינען דאָ עלטערן אָהן פיינקייט און אָהן געוויסן, וועלכע קענען צוזאָגן „גאָלדענע בערג" דעם צוקונפ־טיגן איידעם, אַבי ארויסצו׳פּטר׳ן אַ טאָכטער, און דערנאָך זאָגן זיי „האַלט זיך מיט דער דודע" און קימערן זיך ניט, ניט וועגן די שנאה פון איידעם אָדער דיליידן וואָס די טאָכטער האָט אויסצושטעהן.

זיינען אפשר מאַנכע חתנים ניט אומגערעכט וואָס זיי פאָדערן „סי־אָ־די". אָבער די נויטווענדיגקייט מאַכט דעם האַנדל ניט שעהנער.

דער אידעאַלער וועג איז דער פאַל וואָס איז געקומען לעצטענס צו מיין אויפמערקזאַמקייט ביי מיינעם אַ פריינד.

אַ יונגער מאַן פון ניין־און־צוואַנציג יאָהר, אַ פעהיגער, אַן אינ־טעליגענטער, אָבער צייטוויילינג אָהן אַ דזשאָב, האָט זיך פארליבט אין אַ מיידל פון איין־און־צוואַנציג יאָהר, פון אַ וואוילהאַבענדער פאַמיליע.

די מיידל האָט אויך איהם ליב געוואונען. זיי האָבן באַשלאָסן צו הייראַטן ניט קוקענדיג אויף זיין אָרימקייט.

איז דער יונגערמאַן געקומען צו דער מיידל׳ס מוטער און האָט איהר אָנגעזאָגט די בשורה: „זייט וויסן אַז אייער בת יחידה און איך האָבן באַשלאָסן צו הייראַטן."

— אויף וואָס זעהענדיג? — פרעגט די מאַמע.

— אויף מיך זעהענדיג, — ענטפערט דער בחור.

הכלל, די בת יחידה האָט זיך איינגע׳עקשן׳ט, און זיי האָבן געהייראַט.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט דער יונגערמאַן געקראָגן אַ פיינעם דזשאָב, און די יונגע פּאָרל לעבן גליקליך ווי צוויי טייבעלעך.

מיט דריי מאָנאַטן שפּעטער קומט דער מיידל׳ס פאָטער צום איידעם און גיט איהם אַ טשעק פאַר פינף טויזנט דאָלער. „דו ביזט פיליכט אַ בעל חוב פון פריהער, זאָגט ער, וועט דיר צוניץ קומען. מיין ווייב, זאָגט ער, האָט אפילו געהייסן געבן צעהן טויזענט, אָבער דו דאַרפסט דאָך דאָס ניט."

איך האָב זעלטן געזעהן אַזאַ ליבע און ערגעבענהייט צווישן קינדער און עלטערן, און פון אַזאַ צוטרוי איינער צום אַנדערן, ווי אין דעם פאַל. און דאָס איז שוין אַ מעשה פון צוויי יאָהר.

אויב אַ רעוורענד קען מען איינהאַנדלען פאַר פינף־און־צוואַנציג טויזענט, איז אַזאַ יונגער מאַן ווערט אַ מיליאָן פאַר זיין פיין־געפיהל און פאַר זיין מענליכע האַנדלונג.

ער האָט געוואוסט, אַז די עלטערן זיינען ניט אָרעם, אָבער ער האָט קיין זאַך ניט ערוואַרטעט. די מיידל איז געווען דער עיקר. אַזאַ „נדן" איז שעהן.

ס'פאַרשטעהט זיך, אַז אַזעלכע פאַלן זיינען זעלטן. אָבער וואָס וויינינער דאָס צוקונפטיגע גליק פון די יונגע קינדער ווערט געבויט אויף נדן, אַלץ געזינטער און פאַרשפּרעכענדער איז זייער גליק.

עס איז ניטאָ קיין מאָס ווי וויט עלטערן דאַרפן געהן אין העלפן קינדער צו ווערן זעלבסטשטענדיג און צו זיכערן זייער צוקונפט.

מאַנכער יונגער מאַן האָט ליב די מיידל און זי ליבט איהם, און איז גרייט מיט איהם צו הייראַטן אפילו ווען זי זאָל איהם מוזן העלפן מיט איהר ארבייט אין זיין ביזנעס.

אָבער פאַרמעגליכע עלטערן ווילן זעהן אז די קינדער זאָלן האָבן וואָס ווייניגער דאגת פרנסה.

זעהען זיי וואָס מ'קען טאָן. האָט ער א ביזנעס וואָס פאָדערט מעהר קאַפּיטאַל, וועלן זיי איהם אויסהעלפן מיט קרעדיט און געלט לויט זייער מעגליכקייט.

איז ער א פּראָפעסיאָנעלער מענש וואָס האָט נויטיג אויסשטאַטונג פון אַן אָפיס, א היים, און אביסל געלט צו דערטראָגן די ערשטע צייט, איז רעכט זיי זאָלן העלפן.

אָבער צו שטעלן פאָדערונגען „איך וויל אַזוי פיל נדן, אַז ניט וויל איך די מיידל ניט", איז מגושם'דיג, און באַליידיגענד.

און באַזונדערס גראָב איז עס, ווען די פאָדערונג איז גאָר ניט אין פּראָפּאָרציע צו דער נויטיגקייט, נאָר פשוט ארויסצוציהען וואָס מעהר געלט אין דעם „האַנדל".

ניין, עלטערן זיינען ניט מחויב צו קויפן די בעסטע און שעהנסטע באַים פאַר זייערע טעכטער — מ'קריגט זיי ניט אין א דעפּאַרטמענט סטאָר.

די טעכטער דאַרפן זיך געפינען די באַים, און עס איז די פליכט פון עלטערן זיי צו העלפן לויט זייער מעגליכקייט, און לויט די אומשטענדן.

און וועגן א „קייטערער" וואָס באַרעכנט פינף דאָלער א קאָפּ אָדער פינף־און־צוואַנציג דאָלער, וויל איך זאָגן אַזוי:

מ'קען מאַכן א שעהנע בכבוד'ע חתונה גאָר אָהן א קייטערער, וואו מ'זאָל נאָר טרינקען לימאָנייד און פאַרבייסן מיט אַ שטיקל קעיק, און עס זאָל זיין אַן אמת'ער תענוג דאָרט צו זיין;

און מ'קען צאָהלן א קייטערער פופציג דאָלער א קאָפּ, און

עסן מעדני מלכים, און מ'זאָל זיך פיהלן געלאַנגווייליגט, פאַרדרים־ליך, און ניט אנגענעהם.

דאָס הענגט אָפּ פון דעם גוטן געשמאַק אין דעם אראַנזשמענט, פון דער אויפפיהרונג פון די מחותנים און געסט, און פון דער גוטער אָרדנונג.

דער כלל איז, אַז וואָס קלענער דער עולם, און וואָס אינטימער און פריינדליכער, איז די חתונה אַלץ געראָטענער.

צו אָפּפערן צוקונפט פאַר קינדער.

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

פופצעהן יאָהר בין איך געזעסן אַן אַלמנה און האָב אויסגעהאָדעוועט מיינע פיר קינדער, דריי באָים און אַ מיידעל. די מיידעל איז די אינג־סטע — ניינצעהן יאָהר. די באָים זיינען נאָך ניט פאַרהייראַט. זיי פאַרדינען אַלע און גיבן מיר גענוג אויסצוהאַלטן די הויז פאַר אונז אַלע. איצט האָט זיך געמאַכט אַן אַלמן אין מיינע יאָהרן וועלכער איז צופרידן צו הייראַטן מיט מיר. ער האָט אַ שעהנערע היים פון מיינע און קען מאַכן אַ לעבן. ווען איך זאָל הייראַטן וועל איך האָבן מעהר באַקוועמ־ליכקייט און ווייניגער ארבייט ווי איך האָב איצטער, אָבער איך האָב מורא אַז איך וועל פיהלן אומגליקליך, ווייל מיר וועלן פעהלן די קינדער. באַ־זונדערס איז מיר שווער צו לאָזן די מיידעל אָהן איהר אייגענע היים. זי קען אריינמופן צו מיין שוועסטער און צאָהלען פאַר רום און באָארד, אָבער דאָס איז פאַר אַ מיידעל ניט קיין היים.

איך האָב צוגעזאָגט דעם אַלמן צו געבן איהם אַ קלאָרע תשובה: „יעס" אָדער „נאָו" אין צוויי וואָכן, און איך קען מיר קיין עצה ניט געבן וואָס איך זאָל טאָן. די באָים וואָלטן אפשר געווען צופרידן. אָבער די מיידעל איז אַזוי ווי אונטער'ן וואַסער. זי שווייגט. בעט איך אייך, דר. קלאַרמאַן, איהר זאָלט מיר געבן אַן עצה וואָס איך זאָל זאָגן דעם אַלמן.

די אלמנה.

ביי אַזאַ געלעגענהייט איז נויטיג אַז איהר זאָלט טראַכטן פון דער צוקונפט און זאָרגן אביסעלע פאַר זיך אַליין אויך, און ניט בלויז פאַר די קינדער.

יעדער איינציגער קען פאַרשטעהן ווי שווער עס איז פאַר אַ מאַמען צו שיידן זיך מיט קינדער צו וועלכע זי האָט געגעבן איהרע בעסטע יאָהרן זיי צו מאַכן פאַר מענטשן ביז זיי זיינען אימשטאַנד צו שטעהן אויף אייגענע פיס.

די ליבע און צוגעבונדענקייט פון א מוטער צו קינדער וואקסט אין דעמזועלביגן מאָס ווי די זאָרג וואָס זי טראָגט און די שווערענישן וואָס זי ליידעט פון זייערטוועגן.

וואָס לענגער זי ליידעט, וואָס שווערער די האַדעוואַניע, אַלץ טיפער ווערן זיי איינגעבאַקן אין איהר הארצן, און עס איז איהר שווער זיך אָפּצוררייסן פון זיי אפילו ווען זיי האָבן איהר הילף ניט מעהר נויטיג.

אָבער א מוטער מיט שכל דאַרף אויך באגרייפן,דאָס ניט ביז צום סוף פון איהר לעבן קען זי זיי האָבן אלע אַרום זיך, האַלטנדיג זיך אָן די שנירלעך פון איהר פאַרטוך.

עס איז אַ נאַטור-געזעץ ביי מענשן ווי ביי אלע אנדערע באַשעפענישן, דאָס ערוואקסענע קינדער געפינען פריהער אָדער שפּעטער זייערע זיווגים, און פאַרלאָזן דאָס עלטערליכע הויז, צו בויען זייערע אייגענע נעסטן. דאָס וועט אין אַלע וואַרשיינליכקייטן פאַרקומען אויך ביי אייך מיט אייערע קינדער. אמאָל איז מעגליך דאָס איהר שטערט זיי אין דעם ניט-ווילענדיג, דערמיט וואָס איהר מאַכט פאַר זיי אַ גוטע היים.

אָבער ווען די צייט זאָל קומען און זיי וועלן ענדליך געפינען זייערע באַשערטע, און איינער נאָך דעם אנדערן וועט פאַרלאָזן אייער היים — וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט אייך? וואו וועט איהר זיין?

איהר וועט דעמאָלט זיין מיט עטליכע יאָהר עלטער, און דער טשאַנס דאַן צו געפינען אַן אייגענע באַקוועמע היים, וועט זיין פיל מאָגערער ווי עס איז איצטער.

וועט איהר מוזן אָנקומען צו אייערע קינדער. איך גלויב אַז איהר האָט גוטע זיהן, וועלכע וועלען אייך ניט פאַרלאָזן, אָבער ווער ווייסט וועלכע שניר איהר וועט קריגן?

דערפאַר איז מיין עצה , שוועסטער-לעבן, אַז ווען דער אלמן וועט קומען צו אייך נאָך אייער ענטפער, זאָלט איהר דורכאויס זאָגן „יעס".

אייער מיידל, זעהט איהר, פאָדערט אַביסעלע מעהר פאַרזאָרגונג אלס אייערע זיהן. וואָלט גאָר ניט געשאַדט, אז ווען איהר זאָגט אייער „יעס" צו דעם אלמן זאָלט איהר איהם אויך ערקלערן דאָס פּראָבלעם וואָס אייער טאָכטער איז פאַר אייך.

געפינט אוים, אויב ער וועט ניט האָבן קיין איינווענדונג, אַז איהר זאָלט מיטברענגען אייער טאָכטער, וועלכע וועט ניט פאַלן איהם צו לאַסט, אַזוי ווי זי פאַרדינט איהר אויסקומעניש.

אַ מיידל וועט מן הסתם אין קורצן געפינען איהר באַשערטן און וועט מיט אייך לאַנג ניט זיין.

עס איז זעהר מעגליך, אַז דער אַלמן וועט זיין איינפאַרשטאַנען, און דאַן וועט אייער פּראָבלעם זיין געלייזט. נאָר אויב אַפילו ניט, און אייער טאָכטער וועט מוזן מופן צו איהר מומען, זאָל וועגן דעם דער שידוך ניט פאַנאַדערגעהן.

ערשטע פליכט איז צו איהר מאַן...

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיט דריי יאָהר צוריק האָב איך געהייראַט אַ פיינע מיידעל מיט וועלכער איך שעץ מיך זעהר גליקליך. איך בין אַ פאָר אַפּערייטאָר, מיט מעהר סלעק אַלס אַרבייט, און ווען ניט מיין ליבע פרוי מיט איהר בריה'שקייט און גוטע ווירטשאַפט וואָלט אונז אויסגעקומען צו הונגערן. דורך איהר ווירטשאַפט און ציכטיגקייט האָבן מיר גאָט־צו־דאַנקען אַ פיינע היים, און ווען מיר געהען אויס אַמאָל מיט אונזער ליב קינד, מיינט מען אַז מיר זיינען גאָר „גוט אָפּ". איך פיהל זעהר דאַנקבאַר צו איהר, און איך טו פון מיין זייט אַלץ וואָס איך קען צו פאַרלייכטערן איהרע הויז־אַרבייט און אַטענדן צו די בייבי, ווען איך בין ניט ביי דער אַרבייט, אָדער זוכענדיג אַרבייט.

מיט אַ האַלב יאָהר צוריק איז געשטאָרבן איהר פאָטער, האָבן מיר געמופט נעהנטער צו דער אַלטער מוטער, וועלכע וואוינט אַליין אין דריי רומס. איז זייט דאַמאָלס געהט מיין פרוי אַלע טאָג צו דער מוטער, פאַרברענגט ביי איהר גאַנצע טעג, און קומט אַהיים אָפט עלף אַזייגער ביי נאַכט, און אַמאָל נאָך שפּעטער. דערפון קומט ביי אונז אַרויס אַן אַר־גומענט.

איך וויל אייך זאָגן, דר. קלאָרמאַן, אַז איך האָב קיין איינוועגדונג געגן דעם וואָס מיין פרוי געהט צו דער מוטער. אדרבה, אויב דאָס איז איהר ליב לאָז זי דאָס טאָן ביי טאָג. אָבער ווען איך בין אַליין אין דער היים ביז האַלבע נאַכט וואַרטענדיג אויף איהר, קלער איך איבער, גאָט וויים וואָס האָט געטראָפן מיט איהר אָדער די בייבי, איך ווער נערוועז, און דעם נעקסטן טאָג בין איך קראַנק דערפון. נאַטירליך, מוז מען האָבן איינזעהעניש מיט אַ מאַמען אַן אלמנה; אָבער עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע פיר פאַרהייראַטע קינדער, און זיי זיינען אַלע אָפט ביי דער מאַמען.

בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן, איהר זאָלט אונז זאָגן וואָס עס איז רעכט און וואָס עס איז ניט רעכט אין דער זאַך, און אונז ראַטן ווי צו טאָן, אַז אונזער פאַמיליען־גליק זאָל ניט געשטערט ווערן. מ. ס.

עס איז געוויס רעכט, אז אַ טאָכטער זאָל העלפן אַ מאַמען אַן אַלמנה, און לייכטער מאַכן פאַר איהר איהר אלמנה'שע איינזאַמ-קייט, און איהר ברענגען טרויסט מיט איהר צערטליכקייט.

עס איז אָבער ניט רעכט פאַר אַ פרוי צו פאַרנאַכלעסיגן איהר אייגענע היים און איהרע פליכטן צו איהר מאַן, און דעם פאָטער פון איהר אייגענעם קינד.

מוז אַ פרוי מיט שכל געפינען דעם מיטל-וועג, ווי אַזוי יוצא צו זיין אי פאַר דער מאַמען, אי פאַר דעם מאַן, און ערפילן איהרע דאָפּעלטע פליכטן אַלס טאָכטער, און אַלס פרוי און מוטער.

אין דעם פאַל דאַרף דאָס גאָר ניט שווער זיין צו טאָן, ווייל דאָ איז אַ גוט לעבן, מיט אַלע איינזעהעענישן וואָס אַ מאַן קען האָבן פאַר זיין פרוי.

איז דאָ נאָר די פראַגע, ווי אַזוי איינצוטיילן די צייט, און ניט געהן צו עקסטרעמען.

די ערשטע פליכט פון אַ פרוי איז צו איהר מאַן און איהר קינד.

דער מאַן, ווען ער קומט אַהיים פון דער ארבייט, אָדער פון אַ טאָג זוכן אַרבייט, וואָס דאָס איז נאָך אַ פיל גרעסערע מאַטערניש, און ער געפינט זיין היים פוסט, ניט הערענדיג קיין וואָרט פון ערמו-טיגונג פון דער פרוי און ניט זעהענדיג קיין שמייכל פונדער בייבי, מוז ער זיך פיהלן פאַרלאָזן און אומגליקליך.

דאָס איז ניט רעכט. דער מאַן האָט אַ רעכט צו דער געזעל-שאַפט פון זיין פרוי און קינד אין די שטונדן וועלכע ער פאַרברענגט אין דער היים. דאָס גיט איהם מוט און גערולד צו קעמפן מיט מעהר ענערגיע פאַר דער עקזיסטענץ פון זיין פאַמיליע צו וועלכער ער איז איבערגעגעבן.

דער מאַן ערקלערט, אז ער האָט גאָרניט דאַגעגען, דאָס זיין פרוי זאָל מיט דער בייבי פאַרברענגען ביי דער מוטער, און העלפן דער מוטער, ווילאַנג זי וויל, אין דער צייט ווען ער איז ביי דער אַרבייט.

ער שיינט צו האָבן פולן צוטרוי צו זיין פרוי, און וויל איהר ניט דיקטירן וואָס זי זאָל טאָן מיט איהר צייט.

ער פאַרלאַנגט נאָר, אז ווען ער קומט אַהיים זאָל ער קומען צו זיין פרוי און בייבי און ניט צו פוסטע פיר ווענט.

דאָס איז דער גערעכטער פאַרלאַנג וואס אַ מאַן קען האָבן.

עס קען זיין, דאָס אַ קאַפּעלע שולדיג אין דעם אַרגומענט איז די אַלטע מאַמע, די אלמנה, וועלכע האָט ליב צו זעהן ביי זיך איהר טאָכטער מיט'ן איניקל.

אָבער אויב זי איז אַ גוטע מאַמע,ניט צו זעלבסטזיכטיג, און וויל ניט שטערן דעם פאַמיליען-לעבן פון איהר טאָכטער, דאַרף זי אַליין אַכטונג געבן, אז די טאָכטער זאָל ניט פאַרברענגען די אָוועגטן ביי איהר, און זאָל ניט פאַרנאַכלעסיגן איהר אייגענע היים.

מיט איינזעהעניש און יושר פון ביידע זייטן דאַרף גאָר ניט שווער זיין צו סעטלען דעם אַרגומענט.

„צו גוט" איז אויך ניט גוט...

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

מיין עלטערע טאָכטער איז אַ מיידעל פון פיר־און־צוואַנציג יאָהר. מיר זיינען ניט קיין רייכע לייט, אָבער מיין מאַן האָט אַ קליינע ביזנעס און מאַכט אַ בכבוד'ן לעבן. מיר האָבן דער טאָכטער געגעבן די בעסטע ערציהונג וואָס אונזערע מיטעל האָבן ערלויבט. מיר האָבן זי געשיקט אין היי סקול, דערנאָך אין אַ גוטן ביזנעס־קאָלעדזש. איצטער האַלט זי אַ גוטן פּאָזישאָן אַלס סעקרעטערי צו אַ פּרעזידענט פון אַ גרויסער ביזנעס. מיר האָבן זי אַלע זעהר ליב, ווייל זי איז אַ וואויל קינד. מיט אַמאָל קומט זי יענע וואָך אהיים און זאָגט, אַז זי האָט גענומען אַ קליינעם אַפּאַרטמענט און זי געהט מופן פון אונז. אין דער היים זעה איך איהר צו, זי זאָל האָבן איהר ווינאַדע, און די אינגערע קינדער זיינען גרייט צו לויפן פאַר איהר אין פייער און אין וואַסער. בעט איך זיך ביי איהר מיט טרערן, און דער פאָטער בעט זי אַז זי זאָל ניט מופן, און זי איז איינגע'עקשנ'ט. זי זאָגט אַז אין דער היים איז זי געשטערט, און זי וויל אַמאָל זיין אַליין, און זי קען ניט. דאָס איז איינפאַך אַ משוגעת. זי ווייס ווי ליב זי איז ביי אונז אַלעמען. איך פיהל אַז מיין לעבן וועט מיר אויסגעהן אָהן איהר. זי איז מיין ערשטע קינד, און אָהן איהר אין הויז וועל איך אַלץ איבערטראַכטן, אפשר איז זי ניט געזונט, אפשר האָט עפּעס געטראָפן צו איהר, און דאָס לעבן וועט מיר ניט איינגעהן. פּליז, דר. קלאַרמאַן, גיט אַן עצה וואָס קען איך טאָן אַז זי זאָל ניט מופן.

די מאַמע.

אויב אייער טאָכטער איז פעסט ענטשלאָסן אַרויסצומופן פון איהרע עלטערנ'ס היים, און נעהמען אַ וואוינונג פאַר זיך, איז קיין מיטל ניטאָ ווי אַזוי איהר צו פאַרהינדערן אין דעם.

זי איז פוליעהריג און פאַרדינט איהר אייגענע חיונה, איז זי זעלבסטשטענדיג, און האָט אַ רעכט צו וואוינען וואו זי וויל.

פון אויבן-אויף, אורטיילענדיג בלויז פון אייער בריף, זעהט

דאָס אויס ווי א משוגעת, אָדער א קאַפּריז. פאַר וואָס זאָל אַ מיידל — קענטיג אַן אנשטענדיגע גוט-ערצויגענע מיידל — וועלן ארויסקלייבן זיך פון איהר עלטערנ׳ס היים און וואוינען איינע אַליין?

צעהנדליגע טויזענטער מיידלעך זיינען דאָ אין ניו יאָרק וועלכע ווינשן זיך צו האָבן אַ היים ביי עלטערן, און פיהלן זיך אומגליקליך ווען זיי מוזן לעבן אַליין אין דער פרעמד.

און דאָך קען זעהר מעגליך זיין, אַז אייער טאָכטער׳ס טענה, דאָס אין דער היים ביי אייך איז זי געשטערט, און דאָס זי וויל אַמאָל זיין אַליין, איז אַ ריכטיגע טענה, און ניט קיין משוגעת.

אין יעדער פאַמיליע עקזיסטירט א געוויסע נייגירדע, אמאָל אין א גרעסערער מאָס, אמאָל אין אַ קלענערער, דער וואונש פון דער גאַנצער פאַמיליע צו וויסן וואָס עס קומט פאָר מיט יעדן פון איהרע מעמבערס.

דאָס איז א גאַנץ נאַטירליכע נייגירדע, אָבער זי ווערט אָפט צו לאַסט, און מענשן מיט עמפּפינדליכע נערוון קענען דאָס ניט לייכט פאַרטראָגן.

יעדער מענש האָט צייטן ווען ער וואָלט וועלן זיין אַליין. און יעדער מענש האָט זיינע סעקרעטן — אפילו גאַנץ אומשולדיגע סעק־רעטן — וואָס ער וואָלט וועלן האַלטן פאַר זיך, און ניט לאָזן אַן אַנדערן זיך ריענען אין זיי.

אין די מייסטע פאַמיליעס איז אַזאַ זאַך ניט מעגליך. די פאַמי־ליען-נייגירדע פיהרט אָן איהרע אויספאָרשונגען פון יעדן מעמבער פון דער פאַמיליע. די פאַמיליע וויל וויסן וואָס יעדער מעמבער טוט אָדער לאָזט אומגעטאָן, און פאַר וואָס.

מאַנכע נאַטורן דולדן דאָס ניט. דאָס וואָס מ׳וויל וויסן איז אפשר גאָר קיין סוד ניט, און מ׳וואָלט עס אַליין דערצעהלט, אָבער מען האָט פּאַראיבל ווען מען ווערט עקזאַמינירט.

קומט אָן אַ בריף אין הויז פאַר איינעם אָדער איינע פון דער פאַמיליע, אַזוי מוזן אַלע לייענען דעם פּאָסט-שטעמפּל צו זעהן פון וואַנען דער בריף קומט, און אויב עס האָט א „רעטוירן אדרעס״, צו וויסן פון וועמען ער קומט.

און מ׳וויל וויסן וואָס עס שטעהט אין בריף; און טאָמער וויל מען ניט זאָגן, ווערן די אַנדערע פאַרדעכטיג, און די מאַמע האָט פּאַראיבל.

טוט אַ מיידל זיך אָן אויסצוגעהן, איז תיכף די פראַגע: „וואוהין געהסטו?״ „פאַרוואָס געהסטו?״ „מיט וועמען געהסטו?״ „ווען קומסטו צוריק?״ „וועמען וועסטו זעהן?״ און נאָך אזעלכע צעהנדליגער פראַגן.

קריגט איינער אַ טעלעפאָן־קאָל הערט די גאַנצע פאַמיליע וועגן וואָס עס רעדט זיך. און טאָמער איז דער היימישער טייל פון דער אונטעררייידונג ניט קלאָר גענוג, ווייל מען וויסן ווער עס האָט גע־רעדט, פון וואַנען, וואָס האָט יענער געזאָגט, און פאַר וואָס?

דאָן איז די טבע אין די מייסטע פאַמיליעס צו געבן עצות צו יעדן מעמבער פון דער פאַמיליע, כאָטש ער פאַרלאַנגט קיין עצה.

און דאָ פּאַסירט אָפט, אַז ווען איינער פון דער פאַמיליע איז ענטוזיאַסטיש וועגן עפּעס אַ זאַך, וועלן די איבעריגע מיט זייערע עצות איהם אָפּשלאָגן די פליגלען.

איז מען חלילה ניט געזונט, האַלט די גאַנצע פאַמיליע אין געבן עצות, וועלכן דאָקטאָר צו רופן, אָדער וועלכע באַבסקע רפואות צו נעמען.

און טאָמער וויל מען עסן אַ פּיקלד סאַלאַד, זאָגט די מאַמע: „עס ניט, ס'איז ניט גוט פאַר'ן מאָגן". און אויב מ'האָט פיינט באַנאַ־נאַס, זאָגט איינער פון דער פאַמיליע: „עס, ס'איז געזונט פאַר'ן מאָגן".

ווייל מען לעזן אַ בוך איידער מ'שלאָפט איין, שרייט די מאַמע: „עס איז שעדליך צו לעזן ביינאַכט", און אַ וואַרימע וואַנע, זאָגט די מאַמע, איז געזינטער פון אַ קאַלטן שפּריצער.

דאָס זיינען אַלץ גוט־געמיינטע עצות, און פריינדליכע אריינ־מישונגען. דאָס ווערט געטאָן מיט ליבע און מיט דער בעסטער כוונה. אָבער דערוואַקסענע מענשן, מיט מעהר אָדער ווייניגער זעלבסטשטענדיגע נאַטורן, פיהלן זיך אומבאַקוועם און צורודערט אין זייערע נערוון.

מ'קען דעריבער ניט פאַרדענקען אַמאָל אַ דערוואַקסענע מיידל ווען זי וויל פאַרלאָזן די היים און לעבן פאַר זיך.

מיר שיינט, ליבע מאַמע, אַז איהר דאַרפט אייער טאָכטער ניט שטערן. לאָזט איהר מופן אין גוט־פריינדשאַפט, און זאָל זי קומען צו באַזוך אַזוי אָפט ווי מעגליך.

אַקוראַט ווי עס זיינען דאָ צייטן ווען מ'וויל זיין אַליין, אַזוי זיינען דאָ צייטן ווען מ'וויל זיין צווישן אייגענע.

אין אַזעלכע צייטן, מעגט איהר זיין זיכער, וועט זי קומען אַהיים און וועט זיין ליבעפולער, מונטערער און רייידעוודיגער ווי זי איז איצטער.

ווי ערציהט מען גוטע קינדער?

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיין מאַן און איך זיינען צעהן יאָהר פארהייראט. אונזער ערשטע קינד איז געשטאָרבן אין עלטער פון פיר יאָהר. מיר זיינען געווען ווי דערשלאָגענע ביז גאָט האָט אונז געגעבן אַ צווילינג, צוויי ליבע באַי־טשיקלעך, וועלכע זיינען איצטער פינף יאָהר אַלט. מיר לעבן פרידליך און מיין מאַן מאַכט אַ פיינעם לעבן, און איך בין ניט קיין אויסברענ־גערקע. פיהר איך די הויז מיט אויסרעכנונג, און מיר שפּאָרן גאָט־צו־דאַנקען אַ דאָלער. הלואי וויטער ניט ערגער. וואָלט אַלצדינג געווען גוט ווען מיין מאַן וואָלט געלאָזן צו רוה מיך מיט די קינדער. איך ציטער איבער די קינדער און היט זיי אָפּ ווי די אויג אין קאָפּ, און ער האַלט אין איין שרייען, אַז איך פיהר זיי איבער און מאַך זיי פאַר קאַליקעס. קינדער זיינען אמאָל קאַפּריזנע, ווילן ניט עסן וואָס עס איז גוט פאַר זיי, בעט איך זיי איין, גיב זיי אַ שטיקעל קענדי, צי אַ צאַצקע, אַבי זיי זאָלן עסן. ווערט מיין מאַן אָנגעצונדענער למאי איך טו דאָס. ער זאָגט, אַז איך שטאָפּ זיי צופיל און איך גיב זיי צופיל קענדי, און איך גיב זיי צופיל נאָך. קומט ביי אונז ארויס ערנסטע מחלוקת. אַז איך זאָל איהם פאָלגן דאַרף איך ווארטן ביז זיי וועלן זיין הונגעריג, און איך טאָר זיי קיין זאַך ניט געבן חוץ זייערע רעגעלע מיעלס. יענע וואָך האָט זיך איינער פון די קינדער איינגעשפּאַרט, עקשנ׳ט, אַז ער וויל אייז־קרים, אַז ניט וועט ער ניט עסן. איך בין דאָך אַ מאַמע, קען איך דען צולאָזן אַז מיין קינד זאָל ניט עסן? בין איך ארויס אין דראָג סטאָר און האָב געבראַכט אייז־קרים. איז מיין מאַן געוואָרן אַזוי ווילד דאָס ער האָט געכאַפּט די אייז־קרים און אריינגעוואָרפן אין סינק, און האָט געמאַכט אַזאַ סקאַנדאַל, אַז די קינדער האָבן זיך צושריען און איך בין אריין אין היסטעריקע, און שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן. איך בין באַשלאָסן צו נעמען די קינדער און אַוועקגעהן מיט זיי צו מיין שוועסטער. פליז, דר. קלאָרמאַן, גיט מיר אַ ראַט וואָס איז דאָס בעסטע צו טאָן פאַר מיר און מיינע קינדער.

די מאַמע פון צווילינג.

דאָס בעסטע וואָס איהר קענט טאָן פאר זיך און פאר אייערע קינדער איז צו בלייבן אין דער היים און פאָלגן אייער מאַן.

איך קען ניט זאָגן, אַז ער האָט געטאָן ריכטיג אין דעם סקאַנ־דאַל. פיליכט וואָלט ער געקענט אויספיהרן וואָס ער האָט געוואָלט אָהן קולות און אָהן סקאַנדאַלן; אָבער וואָס ער האָט ארויסגעוואָרפן די אייז־קריעם און וואָס ער לאָזט אייך ניט אונטערקויפן די קינ־דער מיט קענדי אַז זיי זאָלן עסן — אין דעם איז ער גערעכט.

און דאָס וואָס ער פאָדערט אז די קינדער דאַרפן עסן רעגעלע מיעלס, ווען זיי זיינען הונגעריג, און מ׳טאָר זיי ניט שטאָפּן מיט נאַשערייי צווישן די מילס — אין דעם איז ער אויך גערעכט.

פון דעם וואָס איהר אליין דערצעהלט פון אייער מאנ׳ס אויפפיהרונג בנוגע די קינדער קען מען זעהן, אז ער איז א מענש מיט שכל, און ער איז אויסן די טובה פון די קינדער אזוי גוט ווי איהר, מעהר ניט ער פארשטעהט בעסער פון אייך און בארעכנעט זאכן.

איהר רעדט זיך געווים איין אז איהר זייט די בעסטע מאַמע אין דער וועלט, ווייל איהר וואָלט וועלן אריינשטאָפּן אין די קינדער וואָס איהר קענט, און אויך דערמיט וואָס איהר לאָזט זיי ניט שרייען און קאפריזעווען, און איהר גיט זיי אַלצדינג נאָך וואָס זיי ווילן.

ווען דער באַי עקשנ׳ט זיך איין אז ער וועט ניט עסן סיידן איהר וועט איהם געבן אייז-קרים, לויפט איהר און ברענגט אייז-קרים, און איהר רעדט זיך אוודאי איין אז איהר האָט געהאַנדעלט ווי א צערטליכע מאַמע.

מעג איך אייך זאָגן — ווי באַלד אז איהר פרעגט ביי מיר — אַז איהר זייט ניט קיין גוטע מאַמע; איהר זייט א שלעכטע מאַמע; דען איהר גיט נאָך און ענטוויקעלט יעדע שוואכקייט ביי אייערע קינדער; איהר צולאָזט זיי און מאכט זיי פאר „טרייפענע העלזער" און „זולל וסובא׳ס", פאר שוואכע קרענקליכע קינדער.

אויב אייער מאן וועט אייך לאָזן אזוי ווייטער האָדעווען זיי מיט אייער גאנג וועט איהר זיי מאכן פאר גייסטיגע קריפלס, פאר קאַפּריזנע קינדער וואָס אַלצדינג מוז זיי דערגרעהן; פאַר קינדער אָהן איינזעהעניש, וועלכע וועלן קוקן אויף די עלטערן ווי אויף שקלאַפן וועלכע זיינען בלויז דאָ צו דינען.

ווען אייערע באָים זאָלן דריי טעג ניט עסן און דריי טעג זיך קאפריזעווען, וועט דאָס זיי ניט אזוי פיל שאדן ווי אייער איין מאָל נאָכגעבן זיי.

אייער מאַן ווייס וואָס ער רעדט ווען ער פאָדערט פון אייך איהר זאָלט זיי געבן רעגעלע מילס, און קיין זאך ניט צווישן די מילס.

האַלט דאָס אָן צוויי וואָכן, און גיט זיי גוטע נאַרהאַפטע שפּייז — אויב איהר ווייסט אליין ניט, פרעגט ביי א קינדער דאָקטאָר וועלכע שפּייז און וויפיל איהר זאָלט זיי געבן — און קימערט זיך ניט אויב זיי קאפריזעווען און עסן ניט איין מאָל אָדער צוויי מאָל — וועט איהר זעהן וואָס פאר א געזונטע קינדער איהר וועט האָבן.

קליינע קינדער האָבן שטאַרקע אַפּעטיטן, אויב אַ קינד וועט זיך איינמאָל קאפריזעווען, און דערנאָך הונגערן א פּאַר שעה, וועט ער נאָך אַמאָל מורא האָבן צו פארפעהלן זיין מאָלצייט.

פון פארפעהלן א מאַלציים שטאַרבט א קינד ניט פון הונגער.

און דאָס וואָס איהר זוכט צו אונטערקויפן זיי מיט קענדי, טוט איהר זיי א דאָפּעלטע רעה. איהר לערנט זיי ווי אזוי אויסצומאַנטאַזשען זאכן פון אייך דורך קאַפּריז, און ווען זיי וועלן גרעסער ווערן וועלן זיי אָנווענדן געגן אייך שטרענגערע מיטל צו קריגן פון אייך וואָס זיי ווילן; און איהר סס'ט זיי מיט קענדי.

קינדער וועלכע עסן פיל קענדי קענען ענטוויקלען צוקער ווען זיי קומען אין עלטער פון צוואנציג-דרייסיג יאָהר, און אָפטמאָל נאָך פריהער.

קענט איהר זעהן פון דעם וואָס איך זאָג אייך דאָ, אז איהר זייט ניט אזאַ גוטע מאַמע ווי איהר דענקט, און אייער מאן איז גערעכט ווען ער פּראָטעסטירט געגן אייער האַדעוואַניע.

אַ גוטע מאַמע לערנט איהרע קינדער ניט צו וועלן די זאכן וועלכע זיינען ניט גוט פאר זיי, און זי לערנט זיי צו באגרייפן אז ווען די מאמע זאָגט „ניין" צו זייערן א פארלאנג, קענען זיי דעם פארלאנג ניט קריגן.

א גוטע מאַמע לערנט די קינדער רעגולמעסיג — ווען צו עסן, ווען צו שפּילן, ווען צו געהן צו בעט, און קיין זאך טאָר ניט ענדערן די איינגעשטעלטע אָרדנונג.

אַ גוטע מאמע לערנט די קינדער צו העלפן זיך אליין לויט זייערע יאָהרן, און זיך ניט צו קלאָגן און ניט צו מאַכן קולות.

אַ גוטע מאמע מאַכט איהר היים אַ הויז פון רוהיגקייט, שטילקייט, ריינליכקייט, אַן אָרט וואו מ'הערט קיין שלעכטע ווערטער, קיינע קללות, קיין מחלוקת, און ליבע און צערטליכקייט ווערט ניט אַרויסגעוויזן מיט שטורם, נאָר מיט אַנהאַלטענדער פארזאָרגונג פאַר דאָס וואוילזיין פון די קינדער.

אין די זאכן וועלכע איהר האָט אויסגערעכענט אין אייער אייגענעם בריף צו מיר, איז אייער מאן געווען גערעכט. אָבער עס קען דאָך זיין אז ער איז ניט אלע מאָל גערעכט. אפשר פארגעהט ער צום אנדערן עקסטרעם.

איז מיין ראָט צו אייך, אז וועגן די האָדעוואַניע פון די קינדער זאָלט איהר זיך באַראָטן מיט אַ קינדער-דאָקטאָר וועגן די פּאסענדע שפּייז, און ווי אָפט זיי דארפן עסן, און וויפיל שטונדן זיי דארפן שלאָפן, און איהר זאָלט אייך אָן דעם האלטן.

און וועגן די אַנדערע זאכן פון ערציהונג, מוזט איהר אייך צוזאמענריידן מיט אייער מאַן, אז איהר זאָלט אַלע מאָל שטימען אין אייערע פאראָרדנונגען צו די קינדער.

ווען דער טאַטע זאָגט „יעס", טאָר די מאמע ניט זאָגן „ניין",

און אויך פארקעהרט אזוי. די שעדליכסטע זאך איז צו טומלען די קינדער מיט ווידערשפרעכענדע קאמאנדעס.

אויב איהר האט אין זיך די שטארקייט און דעם ווילן דאס דורכצופיהרן וועט איהר באמת זיין א גוטע מאמע.

צו געווינען די ליבע פון קינדער.

ווערטער דר. קלארמאן:

מיין מאן און איך זיינען פיר־און־צוואנציג יאהר פארהייראט. מיר האבן ביידע שווער געארבייט צו געבן אונזערע קינדער א גוטע דערציהונג. מיר האבן געשפארט פון דעם נויטיגסטן כדי די קינדער זאלן אלעס האבן. א טאכטער איז געגאנגען אין קאלעדזש, האט זי דאס ערשטע יאהר געהייראט פאר א געבילדעטן שעהנעם מאן, און זיי לעבן גאט צו דאנקען גליקליך. אבער אזוי ווי זי האט פארלאזן די היים צו געהן אין קאלעדזש אין אן אנדער שטאדט איז זי שוין דארט פארבליבן. זי האט ניט געוואלט א ניו יארקער קאלעדזש, ווייל זי האט ניט געגליכן איהר היים. ווען זי איז פון מיר אוועק בין איך קראנק געווארן פאר בענקעניש, אבער איהר האט ניט געארט.

א זוהן האבן מיר, איז ער ניינצעהן יאהר אלט. האט געענדיגט קאלעדזש מיט א גאלדענעם מעדאל. ער איז אויך א גוטער פיאניסט, האט גוט געלערענט העברעאיש. ער האט פילע גוטע פריינד און אלע ליבן איהם און אכטן איהם. זאגט מיר איצטער מיין זוהן, אז איך האב איהם ניט גוט ערצויגן, און אויב ער געהט מיט א מיידעל, אדער ער וועט הייראטן, איז דאס זיין ביזנעס, און ער איז ניט פארפליכטעט מיר צו דערצעהלן, אויב ער פיהלט ניט אזוי. ליבער דר. קלארמאן, עס איז מיר זעהר שווער געווען צו דערציהען מיינע קינדער, ווייל מיר זיינען ניט געווען רייך, און ווען איך הער אזעלכע רייד פון מיין באי טוט דאס מיר וועה.

איך האב נאך צוויי אינגערע קינדער, איינער זעכצעהן, דער צווייטער צעהן. בעט איך אייך, גיט מיר אן עצה, ווי אזוי זאל איך האנדלען אז מיינע קינדער זאלן מיר ווייזן א ביסעלע מעהר ליבע און אכטונג. צו פריינד זיינען זיי גוט. קען איך ניט פארשטעהן פאר וואס זיי זיינען ניט פריינדליך צו מיר. די מאמע ביילע.

איך האב זעהר מורא, מאמע ביילע, אז איהר קומט מיט אייער פראגע א היבשע ביסעל צו שפעט.

איינער א חכם האט אמאל געזאגט, דאס דערציהען א קינד

דאַרף מען אָנהויבן ווען זיין מאַמע ווערט געבאָרן. דאָס מיינט, אַ גוט־דערצויגענע מאַמע וועט וויסן ווי צו דערציהען איהרע קינדער.

וואָס איהר רופט דערציהונג, מאַמעביילע, איז צו געבן זיי אַלצדינג, צו שיקן זיי אין סקולס, און מאַכן זיי פאַר געלערענטע קינדער.

דאָס איז גוט גענוג: אָבער וואָס איהר האָט פאַרפעהלט, איז צו מאַכן זיי פאַר אייערע פריינד, וועלכע זאָלן האָבן פולן צוטרוי צו אייך.

אין אַ הויז וואו מאַן און ווייב באַציהען זיך איינער צום אַנדערן מיט רעספּעקט, וועלן אויך די קינדער אַזוי טאָן, און וועלן זיך באַציהען מיט רעספּעקט צו די עלטערן.

אין אַ הויז וואו עס איז דאָ אמת'ע פריינטשאַפט און סימפּאַטיע צווישן מאַן און ווייב וועלן אויך די קינדער זיין פריינטליך און ווייזן סימפּאַטיע צו די עלטערן.

פון קינדער קען מען ניט דערוואַרטן קיין דאַנקבאַרקייט פאַר דאָס וואָס מ'טוט פאַר זיי. ליבע און פריינטשאַפט און צוטרוי מוז מען איינפלאַנצן, פון אָנפאַנג אָן.

ווען עלטערן פאַרשטעהען צו מאַכן זיך פאַר אויפריכטיגע חברים און פריינד פון זייערע קינדער, ווען זיי זיינען נאָך קליין, צו אינטערעסירן זיך מיט זייערע קינדערשע עסקים און פּראָבלעמען, און זיי ראַטן, און זיי איינגעוואוינען צו דערצעהלן אַלצדינג אָפענהערציג צו די עלטערן, וועלן זיי האָבן די ליבע און פריינטשאַפט פון די קינדער.

עס איז ניטאָ קיין לחש, און קיין מיטעל צו מאַכן אַז קינדער זאָלן ליבן זייערע עלטערן, און זיי פאַרטרויען אַלצדינג וואָס זיי טוען, אויב זיי זיינען פון דער קינדהייט אָן ניט דערצויגן געוואָרן דערצו.

איך מיין ניט חלילה צו זאָגן אייך, מאַמע ביילע, אַז איהר זייט ניט געווען קיין גוטע מאַמע. איהר זייט געווען צו גוט צו אייערע קינדער. איהר האָט געאָפּפערט וואָס איהר האָט געקענט פאַר זיי.

אָבער ווי טויזענדע אַנדערע גוטע אידישע מאַמעס האָט איהר ניט באַוויזן איינצופלאַנצן אין זיי חבר'שאַפט און צוטרוי צו אייך.

דאָס איז די טראַגעדיע פון טויזענדע פאַמיליען, וועלכע אָפּפערן פיל אויף די קינדער'ס אויסבילדונג און גלויבן אַז די קינדער וועלן אָפּצאָהלן דערפאַר מיט ליבע און פריינדשאַפט.

קינדער צאָהלן ניט אָפּ. אויב זיי האָבן ליב די עלטערן איז עס דערפאַר וואָס זיי פיהלן אַזוי, גאַנץ אָפּגעזעהן דערפון, צי די עלטערן האָבן פיל געאָפּפערט פאַר זיי אָדער ווייניג.

און צו מאַכן אַז זיי זאָלן ליבן די עלטערן מוז מען זיי דער־ציהען דערצו כמעט פון וויגעלע אָן.

ווען אַ קינד פיהלט אַז ער האָט אין זיין טאַטן אָדער מאַמען אַ געטרייען חבר, וואָס אינטערעסירט זיך מיט זיינע שפּילן, מיט זיינע קינדערשע פּראָבלעמען, און איז אַלע מאָל אויפריכטיג און אָפענ־הערציג מיט איהם, ווערט דאָס קינד צוגעבאַקן, צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם פאָטער אָדער מוטער.

דאָס פאָדערט פיל נאָכדענקונג, פיל צייט, אינטעליגענץ און מיה, און זעלטן ווען עלטערן קענען דאָס באַווייזן. דערפאַר געפינט מען אַזוי ווייניג אמת׳ע פריינדשאַפט און אָפענהערציגן צוטרוי צווישן דערוואַקסענע קינדער און עלטערן.

אין פאַמיליען וואו עלטערן אָפּפערן פיל פאַר די אויסבילדונג פון זייערע קינדער, וואַקסן זיי אָפט אַוועק פון די עלטערן און זיי באַטראַכטן זיך אַלס העכערע בעסערע ברואים ווי די עלטערן, און ניט זעלטן שעהמען זיי זיך מיט די עלטערן.

און דאָרט וואו קינדער באַטראַכטן זיך אַלס העכערע בעסערע מענשן, ווי קען דאָ זיין ליבע אָדער פריינדשאַפט צו די עלטערן?

און נאָך אַלעמען טרעפט אָפט דאָס אפילו ביי דער בעסטער דערציהונג קען מען ניט באַווייזן צו מאַכן קינדער דאַנקבאַר, ליבע־פול, און פאַרטרויאונגספול, ווען זיי זיינען פון דער נאַטור ניט עמפינדליך פאַר צערטליכקייט און זיינען עגאָאיסטיש.

די עלטערן זיינען די קליגסטע, וועלכע דערפילן זייערע פליכטן צו זייערע קינדער און דערוואַרטן פון זיי קיין דאַנקבאַרקייט און קיין צערטליכקייט; אַזעלכע עלטערן זיינען ניט ענטוישט.

און אפשר, מאַמעביילע, פאָדערט איהר צופיל פון אייערע קינדער. אייער טאָכטער איז אַוועק אין קאָלעדזש, האָט תיכף געהייראַט, און איז גליקליך. וואָס־זשע האָט איהר געוואָלט? זי זאָל קומען און זיצן מיט אייך כדי איהר זאָלט ניט בענקען?

אייער באָי פון ניינצעהן יאָהר געהט אוים מיט מיידלעך, און דערצעהלט אייך ניט. דאָס איז דאָך באמת זיין ביזנעס. אפשר ווילט איהר צו פיל וויסן, און איהר האָט איהם פון קינדהייט ניט איינגעוואוינט אייך אַלצדינג אָפענהערציג צו דערצעהלן ווי מ׳דער־צעהלט צו אַ פריינד.

דאָך מעגט איהר האָפן, אַז אויב עס זאָל האַלטן ביי חתונה האָבן וועט אייער זוהן וואַרשיינליך געפינען פאַר נויטיג צו לאָזן וויסן טאַטע־מאַמע דערפון, אויב ניט אוים ליבע אָדער דאַנקבאַרקייט, איז צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן.

וואָס אָנבאַטרעפט אייערע אינגערע קינדער — אפשר קענט איהר נאָך באַווייזן צוטרעטן צו זיי אין נעהנטערע פריינדליכע באַציהונגען אַלס צו אייערע עלטערע קינדער, און מאַכן זיי פאַר אייערע חברים, וועלן זיי אייך אַלצדינג דערצעהלן.

זוכט ניט ארויסצוגריבלען פון זיי זייערע סודות, נאָר ווייזט זיי אַז איהר זייט אימער גרייט זיי צו ראַטן און צו העלפן אין זייערע אונטערנעמונגען.

קיין בעסערע עצה האָב איך פאַר אייך ליידער ניט.

ווען אַ טאַטע פאַרנאַכלעסיגט קינדער.

קיינע קלאַגן לאָזן זיך הערן אזוי אָפט און אזוי ביטער אין די בריף וואָס ווערן געשריבן צו דר. קלאַרמאַן, ווי די קלאַגן פון טאַטעס און מאַמעס געגן קינדער וואָס פאָלגן זיי ניט; אָדער געגן קינדער וואָס ווילן זיי ניט העלפן אין זייער נויט.

אין די מייסטע פון די קלאַגן הערט זיך א האַרצרייסענדער פאַרצווייפלונגס-געשריי, ווי אַ גאַנצע וועלט וואָלט האַלטן אין חרוב ווערן.

אין א געוויסן זין איז דאָס אויך אַזוי: אַן אַלטע וועלט געהט אונטער, און די נייע איז נאָך ניט געשאַפן.

ביי פילע אידישע עלטערן טליעט נאָך דער אלטער אידישער באַגריף פון כיבוד אב, פון כיבוד אם — די פליכט פון קינדער צו רעספעקטירן טאַטע-מאַמע פאַר דעם פאַקט אליין וואָס זיי זיינען טאַטע-מאַמע, אפילו ווען זיי האָבן קיין אַנדערע פאַרדינסטן.

זיי דענקען פון די צייטן ווען דער טאַטע איז געווען דער הער־שער אין הויז און די קינדער האָבן זיך אנגעפרעגט ביי זיי וואָס זיי מעגן טאָן און וואָס ניט, און די מאַמע האָט קאָנטראָלירט זייער אויפ־פיהרונג.

אַמאָל האָט אַ טאַטע געקענט אויסטראַשן אַ אינגל אָדער א מיידל וואָס האָט ניט געוואָלט פאָלגן, ווען ער האָט געזאָגט אז ער וועט זיי אַרויסיאָגן פון הויז.

היינט איז געקומען א געוואַלטיגע ענדערונג אין די באַציהונגען צווישן עלטערן און קינדער, אָדער ריכטיגער, אין די באַציהונגען פון קינדער צו עלטערן, און פילע טאַטע-מאַמעס פון א פריהערדיגן דור קענען ניט באַגרייפן די ענדערונג און קענען זיך ניט צופאַסן צו איהר.

זאָגט היינט אַ אינגל פון זעכצעהן אָדער זיבעצעהן יאָהר, אָדער

אַ מיידל אין דעם עלטער, אז איהר וועט זיי ארויסטרייבן פון הויז, וועלן זיי זיך אויסלאכן.

באזונדערס וועלן זיי לאכן ווען זיי האָבן דזשאבס און קענען זיך אליין דערנעהרן, און אפשר העלפן זיי נאָך מיט זייערע פאר־דינסטן אויסהאלטן די הויז.

זיי זוכן פיליכט א געלעגענהייט אוועקצוגעהן פון די עלטערן וואָס גיכער און אזא סטראַשונאָק וואָלט זיי געווען ווילקאָמען.

אידישע קינדער אין אמעריקע, אונטער געוויינליכע באדינגונ־גען, האלטן ניט זייערע איינגעוואנדערטע עלטערן פאר באזונדערע חכמים, אז זיי זאָלן זיך מיט זיי מיישב זיין אין זייערע אנגעלע־גענהייטן.

טאַטע־מאַמע ריידן ניט גוט ענגליש, און האָבן קיין גרויסע עשירות ניט געמאכט, און אויב זיי האָבן געלט, גיבן זיי ניט גענוג אויף א „גוד־טיים", און פארשטעהען איבערהויפט ניט ווי מ'קען הנאָה האָבן אין אמעריקא פון לעבן, וואָס איז דאָ מיט זיי וואָס צו ריידן?

געהען זיי זיך זייערע וועגן, און די הערצער פון טאַטע־מאַמע ווערן צושפרונגען פון וועהטאָג און צרות.

אָט איז א בריוועלע פון א מאמען, וועלכער איז כאראקטעריס־טיש פאר דעם אלגעמיינעם צושטאַנד, אין די באציהונגען צווישן קינדער און עלטערן אין אמעריקא ביי אידן.

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַ מאַמע פון צוויי קינדער, אַ באָי פון אכצעהן און אַ מיידעל פון זיבעצעהן יאָהר. מיין מאַן האָט אַ קליינע ביזנעס, ארבייט שווער און האָט זיך קיינמאָל ניט געקימערט וועגן די קינדער. ער האָט געוואָלט מיט יאָהרן פריהער, אַז דער אינגעל זאָל געהן אין תלמוד תורה און לערנען אידישקייט, האָט דער אינגעל ניט געוואָלט, האָט מיין מאַן אַראָפּגעלאָזן די הענט און האָט קיין זאַך ניט געטאָן וועגן דעם. די מיידעל האָט געענדיגט פּאָבליק סקול צו פופצעהן יאָהר, האָב איך געוואָלט זי זאָל געהן אין הײַ־סקול, איז זי אוועק און האָט געפונען אַ דזשאָב און זי אַרבייט ביז היינטיגן טאָג. איצטער געהט מיין באָי אום מיט אַ שיקסע און דורך איהם איז די מיידעל באַקאַנט געוואָרן מיט אַ שייגעץ, און איך געה אוים פון יסורים. רייד איך צו מיין מאַן וועגן דעם, שרייט ער צו מיר: „דיין האָדעוואַניע!" און ער הייסט מיר זיי ארויסטרייבן פון הויז. ער זאָגט מיר: „מ'דאַרף ניט קיין קינדער אין אַמעריקאַ". ווי קען דאָס אַ מאַמע טאָן? ווי קען מען בלייבן עלענד ווי אַ שטיין נאָכדעם ווי מ'האָט געליטן, זיך געמאַרדעוועט ביז מ'האָט אויסגעהאָדעוועט

צוויי קינדער פון פיר וואָס זיינען געקומען אויף דער וועלט. און דאָ ציטער איך יעדן טאָג פאַר שרעק אַז זיי געהען מיר פאַרלאָרן. ווען איך רייד צו זיי מיט טרערן, מאַכן זיי שפּאַס און זאָגן אַז איך בין „אָלד פעשאָנד" און איך פאַרשטעה ניט. דער פאָטער גיט אַ מאַך מיט דער האַנד און רעדט ניט. ער וויל ניט מאַכן קיין סקאַנדאַל אין הויז. טאָ וואָס זאָל איך טאָן? גוואַלד, דר. קלאָרמאַן, גיט אַן עצה.

אַ צואוועהטאָגטע מאַמע.

אומגליקליכע מאַמע, איך האָב פאַר אייך קיין עצה ניט, און קיינער קען אייך דאָ קיין עצה ניט געבן.

אייערע קינדער זיינען זעלבסטשטענדיג, ווייל זיי מאַכן אַ לעבן פאַר זיך, און דאַרפן ביי קיינעם קיין עצות ניט פרעגן, אויב זיי ווילן ניט.

מ'קען זיי ניט שטאַרק באַשולדיגן אין וואָס זיי טוען, ווייל די באַדייטונג און די וויכטיגקייט פון קלעפּן צו זייער פאָלק איז אין זיי קיינמאָל ניט איינגעפּלאַנצט געוואָרן.

איהר אליין זייט געווים אַ אידישע טאָכטער, וועלכע איז אין דער אַלטער היים ערצויגן געוואָרן אין גוט-אידישקייט. אָבער דאָס איבערגעבן צו אייערע קינדער האָט איהר ניט געקענט.

אייער מאַן האָט זיך קיינמאָל ניט גענומען די מיה, און איהר, אָרימע מאַמע, ווייסט פיליכט ניט ווי דאָס צו טאָן.

אין אייער הויז האָבן אייערע קינדער וואַרשיינליך ווייניג געלעגענהייט געהאַט צו באַקענען זיך מיט דער פיינערער זייט פון אידישקייט, און דאָס וואָס זיי האָבן געמוזט לערנען, איז זיי געווען צו-ווידער.

ווען זיי זיינען אונטערגעוואַקסן האָבן זיי עס פון זיך אוועק-געוואָרפן ווי אַן איבריגע לאַסט, וועלכע זיי קענען אפילו ניט פאַר-שטעהן.

מען צווינגט, צום ביישפּיל, אַ אינגל צו לייגן תפילין און צו דאַוונען ווען ער ווערט בר מצוה. ער טוט עס ווייל דער טאַטע הייסט. ער האָט קיין באַגריף אין דער באַדייטונג דערפון.

ער טוט דאָס עטליכע מאָל אויס נייגירדע, דערנאָך ווערט דאָס איהם מיאוס, האָדעוועט זיך אויס אידן „מיט נסים".

ביי אונז אין מדרש ווערט דערצעהלט אַ מעשה'לע פון אַ אידן וואָס איהם האָט געטראָפן אַ נס — זיינע תפילין זיינען פאַרוואַנ-דעלט געוואָרן אין אַ טויב און זיינען אוועקגעפלויגן.

דאָס איז געווען אַ צייט ווען אַ מלך אַ צורר ישראל, האָט

ארויסגעגעבן א באפעהל, אז אידן זאָלן ניט טראָגן קיין תפילין. האָט מען געכאַפּט אַ אידן מיט תפילין, האָט מען איהם ערמאָרדעט.

איז געווען א איד, אלישע וואָס האָט ריזיקירט זיין לעבן און איז ארויס אין גאַס אין תפילין.

כאַפּט איהם א פּאָליסמאַן און פרעגט: וואָס האָסטו אין האַנט? האָט דעם אידן געטראָפן א נס, די תפילין האָבן זיך פאַרוואַנדעלט אין א טויב און זיינען אוועקגעפלויגן.

אַן עהנליכער נס טרעפט ביי די מייסטע אינגלעך אין אמע־ריקא — אפילו ביי אזעלכע וואָס קריגן תפילין צו זייער בר־מצוה.

אַט האלטן זיי די תפילין, און אַט איז אַ פייף, און אוים! — ניטאָ קיין תפילין!

קען מען זיי ניט פארדאמען — זיי ווייסן ניט בעסער.

דער באַפעהל צו קינדער: „טו דאָס ניט!" אָדער „טו דאָס יאָ!" ווירקט ניט מעהר. ווען א מאמע זאָגט צו א טאָכטער זי זאָל ניט געהן מיט א שייגעץ, באַטראַכט דאָס די מיידל פאַר א נאַרישן קאַפּריז פון דער מאמען, ווייל זי פיהלט ניט אזוי ווי די מאמע פיהלט וועגן דעם.

דער איינציגער וועג היינטיגע צייט צו געווינען איינפלוס איבער קינדער איז צו זיין זייערע חברים פון קינדהייט אָן.

די עלטערן וועלכע באַווייזן איבערצוגעבן צו די קינדער, ווען זיי זיינען נאָך גאָר יונג, אַזוי פיל פון זייערע אייגענע ערפאַהרונגען ווי דאָס איז נאָר מעגליך, און צוזאמענוואקסן מיט זיי, און רעזאָנירן מיט זיי אָנשטאָט באַפעהלן אָדער בעטן, די קענען האָבן אַן איינפלוס אויף די קינדער.

דאָס פאָדערט צייט, מיה, נאָכטראַכטן, און שטענדיגע אויפ־מערקזאמקייט. עס פאָדערט זיך איינפלאַנצן ליבע צו זיך. אָבער דאָס איז דער איינציגער פרייז פאַר וועלכן מ׳קען קויפן דעם צובונד פון היינטיגע קינדער אין אמעריקע צו זייערע עלטערן און צו זייער פאָלק.

וועגן „הויכע" בילדונג פאַר טעכטער

וווערטער דר. קלאָרמאַן:

אונזער עלטסטע טאָכטער איז זיבעצעהן יאָהר אַלט און זי ענדיגט איצטער הײ־סקול, קומט, ס׳פאַרשטעהט זיך, ארויף די פראַגע: „וואָס ווייטער?" מיין פרוי פאָדערט אז מיר זאָלן זי שיקן אין קאַלעדזש, און דערנאָך זאָל זי לערנען דאָקטאָריע. זי זאָגט אז עס איז שעהן צו האָבן א טאָכטער א דאָקטאָר, און א פרוי א דאָקטאָרקע קען פאַרדינען געלד,

און קען אויך הייראטן א דאָקטאָר. מיין פרוי אַליין איז אַ גוטע מוטער און ניט קיין נארישע פרוי, אָבער געבילדעט איז זי ניט, און דאָס ביסעל באַלעבאַטישע בילדונג וואָס זי האָט מיטגעבראכט פון דער אַלטער היים האָט זי שוין לאַנג פארגעסן, און דאָ דערלערנט זי ניט. אָבער זי האָט גרויס דרך ארץ פאר בילדונג און באזונדערס פאר אַ דיפּלאָם. ווייל זי האָבן אַ טאָכטער מיט אַ דיפּלאָם פון אַן אוניווערזיטעט. איך אַליין בין אויך ניט קיין גרויסער געלערנטער, אָבער ביי מיר קומט אויס, אַז דורכ־צופיהרן מיין פרוי'ס פּלאַן איז אַן עסק אויף יאָהרן. דאָס וועט אונז קאָסטן אַן אייגענעם מיט געלד, און מיר זיינען גאָר ניט רייך. מיר מאַכן אַן אנשטענדיג לעבן און האָבן עטליכע טויזענד דאָלער. זיינען נאָך אָבער דאָ אינגערע קינדער. זאָג איך צו מיין פרוי, אַז פאַר אַ מיידעל איז דאָס קיין תכלית ניט, זי זאָל זיך בעסער אויסלערנען בוכקיפּינג אָדער ווערן אַ סטענאָגראַפער און געפינען אַ דזשאָב. אין אַ יאָהר צוויי־דריי וועט זי מן הסתם הייראטן. מאַכט מיין פרוי קולות און זאָגט אַז איך לאָז ניט מיין קינד אויפקומען אין דער וועלט. די מיידעל אַליין שווייגט, און זי זאָגט אַז ביי איהר איז רעכט ווי מיר וועלן באַשליסן. פאַרשטעהן פאַרשטעה איך אַז זי האַלט מיט מיר, נאָר זי וויל ניט דערצאָרענען די מוטער. איז ביי אונז געבליבן צו פרעגן אייער ראַט, און ווי איהר וועט ראַטן אַזוי וועלן מיר טאָן. די עלטערן פון דער מיידעל.

לאָמיר באַטראַכטן וואָס זייט איהר ביידע אויסן מיט אייער אַרגומענט. איהר זייט ביידע אויסן אַ ריכטיגן תכלית פאַר אייער טאָכטער.

און וואָס פאַר אַ תכלית וואָלט איהר ביידע וועלן אַז אייער טאָכטער זאָל דערגרייכן? איהר וואָלט וועלן אַז זי זאָל געפינען אַ גוטן מאַן, וואָס האָט אַ פּראָפעסיע אָדער אַ ביזנעס, קען מאַכן אַ פיינעם לעבן און וועט האַלטן אייער טאָכטער טייער.

אין דעם זייט איהר געוויס ביידע מסכים. אייער אַרגומענט איז נאָר ווי אַזוי גיכער און זיכערער צוצוקומען צו אַזאַ ציל.

טאָ לאָמיר דאָס באַרעכענען: צו שטודירן דאָקטאָריע וועט איהר נעמען וועניגסטענס זיבן יאָהר. וועט אייער טאָכטער אַלט זיין פיר־און־צוואַנציג ווען זי וועט ענדיגן דאָקטאָרקע.

דערנאָך וועט זי מוזן דינען אַ פּאָר יאָהר אַלס „אינטוירן” אין אַ האָספּיטאַל, און ערשט דאַן וועט זי קענען עפענען אַן אָפיס און אָנהויבן זוכן פּאַציענטן. זי וועט שוין דאַמאָלס זיין אַ מיידעל פון זעקס־און־צוואַנציג.

און ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? ווען אַלעס געהט כשורה, און עס קומט ניט פאָר קיין איבערהאַק, ניט צוליב אַ דורכפאַל אין

אַן עקזאַמען, און אויך ניט צוליב אַן אריינפאַל אין אַ ליבע ווי דאָס קען טרעפן ביי אַ דערוואַקסענע מיידעל.

די מוטער דענקט אַז עס איז שעהן צו האָבן אַ טאָכטער אַ דאָקטאָרקע. פאַר וועמען איז דאָס שעהן? פאַר דער פאַמיליע? איז דאָך דאָס ניט מעהר ווי פוסטע גאוה! די פראַגע דאַרף בלויז זיין, צי עס איז ניצליך פאַר דער מיידעל.

די ערפאַהרונג ווייזט אַז הויך־געבילדעטע מיידלעך האָבן אַ פיל קלענערן טשאַנס צו הייראַטן, אַלס די מיטעלמעסיג־געבילדעטע, וועלכע האָבן גענוג בילדונג זיך ניצליך צו מאַכן אין ביזנעס ווען זיי זיינען נאָך אין די בליהענדסטע יאָהרן, אָדער קומען אין באַריהרונג מיט יונגע לייט אין אַ געזעלשאַפטליכן וועג.

אויב עלטערן זעהען דעם העכסטן תכלית פאַר אַ טאָכטער אין חתונה האָבן, דאַן איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז זיי מוזן איהר געבן אַזאַ ערציהונג וואָס זאָל איהר ביישטעהן אין געפינען דעם מאַן און אין האַלטן דעם מאַן.

דאָס קען אַ מיידעל זיך ניט אָנאייגנען דורך דעם שטודיום פון דאָקטאָריע.

די איינריידעניש פון דער מוטער, אַז אַ טאָכטער אַ דאָקטאָרקע וועט וואַרשיינליך הייראַטן אַ דאָקטאָר, איז זעהר וויטלויפיג. וועניג דאָקטוירים זיינען פאַראַן וועלכע זיינען גרייט צו הייראַטן פרויען דאָקטוירים.

דאָך, אויב די מיידעל אַליין וואָלט געווען ענגסטליך צו שטודירן דאָקטאָריע, וואָלט איך געזאָגט, אַז איהר דאַרפט איהר ניט שטערן. איהר ענגסטליכקייט וואָלט וועניגסטענס געוויזן, אַז זי האָט אַ נייגונג דערצו.

אָבער ווי באַלד אַז די מיידעל איז גלייכגילטיג, מעגט איהר זיכער זיין אַז דער שטודיום וועט איהר זיין צו־לאַסט; זי וועט וואַרשיינליך קיינמאָל ניט צו־שטאַנדע ברענגען צו שניידן אַ טויטן קערפער אין סעציר־צימער צו לערנען אַנאַטאָמיע, און וועט קיינמאָל ניט ווערן דאָקטאָר.

וועניג מיידלעך זיינען דאָ וועלכע זיינען גרייט צו אָפּפערן די בעסטע מיידעלשע יאָהרן אויף שטודיום.

דעריבער דענק איך אַז דעם פאָטער׳ס פּלאַן איז דער בעסערער. אַ היי־סקול עדיוקיישאָן, אַ קורס אין אַ ביזנעס קאָלעדזש, און אַ פּראָפעסיע פון בוכקיפּינג אָדער סטענאָגראַפיע, איז אַ ניצליכע ערציהונג פאַר אַ מיידעל, וועלכע וויל אַליין פאַרדינען אַ טייל פון איהר הוצאה.

דאָס איז אויך אַ פּאַסענדערע ערציהונג פאַר אַ מיידעל וועלכע זעהט אין חתונה דעם בעסטן תכלית פאַר זיך.

ערשטענס, קומט זי צווישן מענשן אין די ערטער וואו הייראַטס־פעהיגע יונגע לייט טרעפן זיך; און צווייטענס, לערנט אַ ביזנעס־מיידעל דיסציפּלין און אָרדנונג, און קריגט אַ באַגריף וועגן ביזנעס.

אויך איז די ריזיקע פון אַ ביזנעס־קורס אַ גאַנץ קליינע — אין גאַנצן זעקס מאָנאַטן און אַ הונדערט דאָלער. לאָזט אייער מיידעל נעמען אַ ביזנעס קורס.

איז כדאַי שיקן קינדער אין קאַלעדזש?

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיר זיינען צוויי שוועסטער פארהייראַט צו צוויי ברידער. אונזערע מענער זיינען אין ביזנעס און מאַכן אַ פיינעם לעבן פאַר זייערע פאַמיליען. מיין שוועסטער האָט צוויי זיהן און איין טאָכטער. אַלע דריי זיינען אין קאַלעדזש. מיינע צוויי זיהן זיינען נאָך אין היי־סקול. דער עלטערער וועט באַלד גרעדויאייטן. זאָגט מיין מאַן, אַז ער וויל איהם אין קאַלעדזש ניט שיקן, נאָר ער וויל איהם אריינגעמען גלייך אין די ביזנעס. און איך וואָלט וועלן זעהן מיין זוהן אין קאַלעדזש אַזוי ווי זיינע קאָזינס. האָבן מיר אַרגומענטן וועגן דעם. מיין מאַן זאָגט, אַז קינדער וואָס געהען אין קאַלעדזש ווערן פאַרפרעמדט פון זייערע עלטערן וועלכע זיינען ניט אַזוי געלערנט. ער ווייזט מיר אָן אַז ביי מיין שוועסטער האָבן די קינדער גאָר קיין רעספּעקט פאַר די עלטערן, און קוקן אויף די עלטערן פון אויבן אַראָפּ. זיי שטאָלצירן מיט זייערע קענטניסן, און וואָס די עלטערן האָבן געטאָן פאַר זיי באַטראַכטן זיי אפילו ניט. און איך זאָג, אַז וואָס מיין שוועסטער׳ס קינדער טוען, דאָס איז מיין שוועסטער׳ס זאַך. אונזערע קינדער זיינען אַנדערש. האָבן מיר ביידע באַשלאָסן צו פרעגן אייער מיינונג וועגן דעם. די מאַמע פון צוויי באָיס.

אייער מאַן מאַכט אַ טעות. ער מישט צוזאַמען בילדונג מיט כאַראַקטערלאָזיגקייט.

ניט קאַלעדזש און ניט קענטניסע האָבן געבראַכט דערצו וואָס אייער שוועסטער׳ס קינדער האָבן קיין רעספּעקט פאַר זייערע עלטערן, נאָר זייער שלעכטע ערציהונג.

רעספּעקט און ליבע צו עלטערן מוזן איינגעפלאַנצט ווערן אין קינדערשע הערצער ווען זיי זיינען נאָך גאַנץ יונג, און מוזן גענעהרט ווערן כסדר אָהן אויפהער.

אין פאַמיליען וואו די עלטערן האָבן קיין רעספּעקט איינער פאַרן' אַנדערן, וואַקסן די קינדער אָהן רעספּעקט פאַר די עלטערן.

אין פאַמיליען וואו עס קומט פאַר צאַנקעריי, און קללות, און שנאה, וואַקסן די קינדער אויף אָהן ליבע צו די עלטערן.

דאָרט וואו די עלטערן חבר'ן זיך מיט די קינדער פון זייער יוגנד אָן, נעהמען אינטערעס אפילו אין זייערע שפּילן, און העלפן זיי לייזן זייערע קינדערשע פּראָבלעמען, וואַקסן די קינדער צוזאַמען מיט די עלטערן.

און דאָרט וואו טאַטע-מאַמע האָבן איינזעהעניש איינער פאַר דעם אַנדערן, און ווייזן קיין שנאה און קיין רשעות, באַנעהמען זיך אויך די קינדער אַזוי.

עס איז געוויס א ביטערע ענטוישונג און אַ האַרצוועהטאָג פאַר עלטערן, ווען זיי מאַטערן זיך מיט'ן גאַל, און שפּאָרן און רייסן אָפּ פון זיך, צו שיקן קינדער אין סקול, און געבן זיי די פּאַרטיילע וועל-כע זיי אליין האָבן ניט געהאַט, און די קינדער צאָהלן זיי אָפּ מיט אונדאַנקבאַרקייט, מיט פאַראַכטונג.

אָבער דאָס קומט ניט פון זייער בילדונג, נאָר פון זייער כאַראַק-טערלאָזיגקייט, פון זייער אייגענניציגקייט און זעלבסטזוכט.

אָבער מ'זעהט אָפט אויך פאַמיליען, אין וועלכע די עלטערן האָבן פיל געאָפּפערט פאַר זייערע קינדער, און זיי האָבן קיין אור-זאַך דערנאָך חרטה צו האָבן.

די קינדער זיינען ליבעפול, נאַכזיכטיג, איבערנעהמען זיך ניט מיט זייער בילדונג, און די עלטערן זיינען שטאָלץ מיט זייערע קינדער.

מ'הערט אָפט אַ מאַמען זאָגן: „איך וויל ניט מיין טאָכטער זאָל זיין געבילדעט, ווייל זי וועט זיך איבערנעהמען געגן איהר מאַמען".

דאָס איז אַן אייגענניציגע, זעלבסטזיכטיגע מאַמע.

אין אמת'ן איז ניטאָ קיין נאָבעלערער אָפּפער וואָס עלטערן קע-נען ברענגען פאַר זייערע קינדער ווי צו געבן זיי די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זייער וויסן און זייער פאַרשטאַנד, צו זיין בעסער צוגע-גרייט פאַר דעם קאַמף פון לעבן.

פון דער אַנדער זייט ווידער זיינען דאָ עלטערן, וועלכע ווילן שיקן זייערע קינדער אין קאַלעדזש ניט דערפאַר וואָס די קינדער זיי-נען פעהיג, אָדער וואָס זיי ווילן לערנען און עפּעס מאַכן פון זיך, נאָר בלויז דערפאַר וואָס די עלטערן ווילן שטאָלצירן: „אונזערע קינדער געהען אין קאַלעדזש".

דאָס איז אַ נאַרישער שטאָלץ, וועלכער טוט קיין גוטס ניט צו די עלטערן, ניט צו די קינדער.

אויב באם זיינען אהן פעהיגקייטן, אדער מיט גאנץ מעסיגע פעהיגקייטן, איז בעסער זיי צו לאזן לערנען א מלאכה, אדער געהן אין ביזנעס, אלס צו געהן אין קאלעדזש און זיך נודען, און גאר ניט ארויסטראגן פון דארטן.

די אונטערשטע שורה איז, אז אויב אייערע באים ווילען לערנען און איהר קענט באהויפטן זיי צו שיקן אין קאלעדזש, דארפט איהר פון זיי ניט צוריקהאלטן אזא ווערטפולע געלעגענהייט.

וועגן א „קאריערע" פאר א מיידל

ווערטער דר. קלארמאן:

מיין מוטער האט מיר אפט פארגעלעזן די פיינע עצות וועלכע איהר גיט צו מענשן וואס ווענדן זיך צו אייך מיט זייערע פראבלעמען; האב איך באשלאסן צו קומען צו אייך אויך מיט מיין פראבלעם פון וועלכן מיין צוקונפט הענגט אפ.

איך בין א יונגע מיידעל, זיבעצעהן יאהר אלט, א גאנץ שעהנע און א בלאנדע. מענשן זאגן מיר אז איך האב עהנליכקייט צו דער באקאנטער אקטריסע נענסי קאראל, אנדערע געפינען אין מיר עהנליכקייט צו מערי פילבין, און ווידער אנדערע צו דאלארעס קאסטעלא. ווי די זאך איז, איך ציה ווירקליך אויפמערקזאמקייט אומעטום וואו איך קום. איך בין א גרעדואייט פון א באקאנטער פריוואט ביזנעס-סקול. זינט איך האב גראדואירט האב איך שוין געהאט צוויי פאזישאנס און איצטער האב איך א דריטע. דאס איז ניט דערפאר וואס איך פארשטעה ניט גוט מיין ארבייט — אין סקול בין איך געראד געווען פון די בעסטע סטודענטקעס — נאר דערפאר וואס איך קען מיך ניט קאנצענטרירן אויף מיין ארבייט. איך זיץ אין אפיס און מיין קאפ איז ניט דערביי.

פון מיין קינדהייט אן האב איך ארויסגעוויזן אמביציע און טאלאנט פאר'ן סטיידזש. איך האב גענומען לעסאנס אין א „דענסינג סטודיא" וואו מ'האט מיך פארזיכערט אז איך האב טאלאנט און די געהעריגע געשמיידיגקייט און בויגזאמקייט פון קערפער. דאסזעלבע האט מען מיר אויך געזאגט אין א צווייטער טאנץ-סטודיא וואו איך בין צום ערשטן מאל געקומען. דא פארלאנגט מען פון מיר פאר א זעקס מאנאט קורס זיבעציג דאלער, און זיי זאגן מיר צו אז נאך דעם קורס וועלן זיי מיר באזארגן א דזשאב אין א טעאטער. מיינע קרובים זאגן מיר, אז דאס איז א פעיק. זיי זאגן, אז נאך די זעקס מאנאטן וועלן זיי מיר קיין דזשאב ניט געפינען. מיין פאמיליע ראט מיר צו בלייבן ביי מיין בוק-קיפינג און ארויסווארפן פון קאפ די נארישקייטן. אבער ביי מיר איז

דאָס ניט קיין נארישקייט. איך קען מיך ניט אָפּזאָגן פון דעם פּלאַן צו דערגרייכן אַ סטיודיש-קאַריערע. מוז איך נעמען לעסאָנס פאַר נאָך זעקס מאָנאַטן.

דאָ האָב איך אייך אַלצדינג דערצעהלט, דר. קלאָרמאַן. אַלץ איז אמת און אָהן איבערטרייבונגען; דען איך וויל איהר זאָלט מיר העלפן אין מיין שווערן פּראָבלעם. און איך וועל טאָן אַזוי ווי איהר דענקט אַז עס איז בעסער פאַר מיר. אַ טאָכטער פון אַ לעזערין.

אַ שווערע אויפגאַבע האָט איהר מיר דאָ פאַרגעבן, מיין יונגע שעהנע שוועסטערל, ווייל מיט אייער צוזאָג צו טאָן אַזוי ווי איך דענק עס איז בעסער פאַר אייך לעגט איהר אויף מיר די פאַראַנט-וואָרטליכקייט פאַר אַ וויכטיגע ענטשיידונג אין אייער לעבן.

אויב דאָ וואָלט זיך בלויז געהאַנדעלט וועגן ריזיקירן זיבעציג דאָלער און זעקס מאָנאַטן צייט וואָלט איך די פראַגע געענטפערט אָהן פיל באַדענקען: זיבעציג דאָלער איז ניט קיין גרויסער פאַר-מעגן, און אַ מיידעל פון זיבעצעהן יאָהר קען באַשטעהן צו ריזיקירן זעקס מאָנאַטן צייט.

אָבער דאָ רעדט זיך דאָך פון אייער גאַנצע צוקונפט. און איך צווייפעל ניט, אַז אין פאַמיליען וואו דער בריף און ענטפער ווערט געלעזן געפינען זיך פילע אַנדערע יונגע מיידלעך וועלכע טראָגן זיך ארום מיט חלומות צו ווערן אַקטריסעס.

פון אייערטוועגן און פון זייערטוועגן וויל איך דאָ ארומריידן אייערע טשאַנסעס.

שטעלט אייך פאָר, אַז איהר האָט שוין געענדיגט אייער זעקס מאָנאַט'דיגן טאַנץ-קורס און די טאַנץ-סקול האָט געקראָגן פאַר אייך אַ „בוקינג" — וואָס פאַר אַ סאָרט „בוקינג" וועט דאָס זיין?

איהר רעדט זיך דאָך ניט איין אַז איהר וועט תיכף ווערן אַ באַריהמטע באַלעט-טענצערין! איהר וועט מוזן אָנפאַנגען אַלס אַ קאַבאַרע-טענצערין. איהר וועט געפינען אַז די טאַנץ-סקול שטעלט צו אַזעלכע טענצערקעס צו אַ קאַבאַרע און אַנדערע ביליגע טאַנץ-פּלעצער.

צאָהלן וועט מען אייך זעהר ווייניג דערפאַר. מ'וועט אייך איינשאַצן אין נדן וואָס מען גיט אייך אַ טשאַנס צו פּראַקטיצירן.

דאָ וועט איהר קומען אין באַריהרונג מיט אַ קלאַס צושויער, וועלכע זיינען גאַנץ ווייניג אינטערעסירט אין טאַנץ-קונסט.

וואָס וואולגאַרער און מגושם'דיגער דער טאַנץ אַלץ בעסער פאַר זיי און פאַר דעם אייגענטימער פון קאַבאַרע.

איהר וועט זיך אָנהערן און אָנזעהן פילע גראָבקייטן, מיאוס'ע

באנעמונגען, און אָפטמאָל מאַנכע באליידיגונגען פון די חברים און חבר׳טעם אין דער „פּראָפעסיאָן״.

עס וועט אייך נעמען אַ היבשע צייט ביז איהר וועט זיך דער־שלאָגן צו זיין אַ כּאָרוס־גוירל, און אריינפאַלן אין דעם הינטער־די־קוליסן־לעבן, וואו איהר מוזט אייך צוזאַמענטרעפן מיט אַלערליי אונגעווינשטע פּאַרשוינען.

דער פאקט וואָס איהר זייט שעהן און בלאָנד, מיט אַ קערפּער וואָס איז געשמיידיג און בויגזאַם, וועט אייך אויסזעצן צו אַלערליי געפאַהרן פון דער זייט פון „פּרויען־יעגער״ פון איין זייט, און צו דער קנאה, און האַס, און קליינע פאַרפאָלגונגען פון אייערע חבר־טעם פון הינטער די קוליסן פון דער אַנדער זייט.

און אויב איהר זאָלט זיך דערשלאָגן אין עטליכע יאָהר צו אַ פּראָמינענטערע שטעלונג אַלס טענצערין וועט עס ניט געשעהן אָהן אַ הויכן פּרייז וואָס איהר וועט דאַרפאַר מוזן צאָהלן צו עפּעס אַן איינפלוסרייכן מענעדזשער אָדער אַנדער „באַלעבאָס״ אין דער טעאַטער־וועלט.

ווען איהר זאָלט טיפער אריינקוקן אין דעם לעבן פון די באריהמטע טענצערינס (און די זיינען זעהר וועניג אין צאָהל) וועט איהר געפינען אַז עס האָט זיי גענומען פילע יאָהרן פון פּיין, און אָפטמאָל דערנידעריגונג און אינטריגע, איידער זיי האָבן זיך דער־שלאָגן צו זייער שטאַנד.

זייט איהר גרייט אָנצופאַנגען אַזאַ קאַריערע?

און דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן אַז אייער טאַלאַנט איז ווירקליך אַ באדייטענדער, און איהר וועט אויסהאַלטן אַלע העכערע פּראָבן.

טאָמער איז עס נאָר אַ מיטעלמעסיגער טאַלאַנט, פאַרבלייבט איהר אַ כּאָרוס־גוירל, אָדער איינע פון באַלעט, אָהן אויסצייכנונג, אָהן אַ נאָמען, בלויז נאָך אַ נומער אין דער צאָהל.

איצטער ווידער באטראכט די שאַנסן וואָס איהר האָט פון דער אַנדער זייט, אויב איהר זאָלט וועהלן די קאַריערע וועלכע איז אָפן צו אייך אַלס געראָטענע אידישע טאָכטער, וועלכע האָט אַביסעל אינטעליגענץ, פאַרשטעהט בוכקיפּינג און איז יונג און שעהן, און בלאָנד, און גראַציעז.

וואַרשיינליך געדענקט איהר פון סקול דעם שפּרוך פון דעם מילנער׳ס טאָכטער: „מאַי פּיים איז מאַי פאָרטשון, סער, שי סעד״.

אויף אַזאַ מיידעל וועלן זיך געפינען פיל בעלנים און עס וועלן אייך ניט פעהלן קיין טשאַנסעס אויסצוקלייבן אייער באַשערטן.

און אויב איהר געפינט דעם ריכטיגן וועלכער איז אייך געפעלן, וועט איהר פאַרגעסן אייער באַגעהר צו ווערן אַ טענצערין.

איהר זייט נאָך יונג און איהר האָט זיך ניט וואָס צו איילן. לעגט זיך אָפּ אויף אייער באַשעפטיגונג אין אָפיס, און צייכענט זיך אוים אין וואָס איהר טוט.

אין באַריהרונג מיט לייטן אין דער ביזנעס־וועלט מעגט איהר זיכער זיין אַז אייער „פּרינס־טשאַרמינג" וועט קומען, און וועט אייך אַרומרינגלען מיט דער ליבע און אַכטונג און טרייהייט וואָס איהר פאַרדינט.

דאָס איז די קאַריערע וועלכע אייער מוטער און אייער פאַמיליע האָפן און ווינשן פאַר אייך. דאָס איז די נאַטירליכסטע און גע־זינטסטע קאַריערע.

וועלכע וועט איהר אויסקלייבן?

דריי זיהן און איין אַלטער טאַטע

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַ מאַן זעקס־און־פופציג יאָהר אַלט, און פיר־און־צוואַנציג יאָהר אין אַמעריקאַ. איך האָב מיך יאָהרען שווער געפּלאָגט, ביז איך האָב מיך דערשלאָגן צו אַ שטיקעל ביזנעס, צו מאַכן אַ לעבן און צו דערציהען מיינע דריי קינדער. איך האָב זיי אַלעמען געלאָזט געהן אין היי־סקול און אין קאָלעדזש. מיין עלטערער זוהן איז איצטער אַ וואויל־באַקאַנטער דאָקטאָר מיט אַ רייכע פּראַקטיק. ווען ער האָט געענדיגט זיין מעדיקאַל קורס האָב איך איהם געשיקט נאָך דייטשלאַנד פאַרפאָלקאָמען זיך. ער איז אונפאַרהייראַט, און וואוינט אויף פּאַרק עוועניו צווישן די רייכע. מיין צווייטער זוהן איז געגאַנגען אין לאָא־סקול און איז אַ לאָיער. מיין טאָכטער איז אַ סקול־טיטשער. איך אַליין בין געווען אַנגעזעהן און רעספּעקטירט. מיט איינינע יאָהר צוריק איז מיר געשטאָרבן מיין פרוי, און מיר האָט עס אַנגעהויבן געהן שלעכט. איך האָב געמוזט אויפגעבן די ביזנעס ווייל איך בין געוואָרן קראַנק אויף די פיס, און דערצו לייד איך פון אַסטמאַ. איך האָב פאַרקרענקט אַלץ וואָס איך האָב געהאַט. איצטער וואַלגער איך זיך צווישן פרעמדע, גאַנץ אָפּט קראַנק, הונגעריג און פאַרשמאַכט אין מיינע פיר ווענט און האָב אפילו ניט ווער עס זאָל מיר דערלאַנגען אַביסעל וואַסער. מיינע קינדער לעבן אין וואוילטאָג און לוקסוס. איך האָב אויף זיי געספּענדט טויזענדער און זיי ווילען זיך אויף מיר אפילו ניט אומקוקן, און ווילן ניט וויסן ווי איך לעב. פרעג

איך אייער עצה, דר. קלאַרמאַן, ווי קען איך מאַכן דאָס מיינע קינדער זאָלן טאָן געגן מיר כאָטש אַ קליינעם טייל פון זייער פליכט צו אַן אַלטן קראַנקן טאַטן, וועלכער האָט זיי אָוועקגעגעבן אַ טייל פון זיין לעבן?

דער אומגליקלעכער פאָטער מ. ק.

דער בריף פון דעם אַלטן קראַנקען טאַטן ווערט דאָ געדרוקט ניט דערפאַר וואָס ער איז אַזוי אינטערעסאַנט אָדער ניי, און אויך ניט דערפאַר וואָס דאָס פּראָבלעם וועלכעס עס שטעלט פאָר קען דערוועקן אַלגעמיינע אינטערעסע.

קינדער וועלכע פאַרנאַכלעסיגן נויטבאַדערפטיגע עלטערן זיינען ליידער אַ טאָג-טעגליכע ערשיינונג, און ווי אַזוי צו לייזן אַזאַ פּראָבלעם איז אויך צו יעדערן באַקאַנט.

דאָס אַמעריקאַנישע געזעץ לייגט אַרויף אויף דערוואַקסענע קינדער די פליכט צו זאָרגן פאַר אָרימע הילפלאָזע עלטערן, אַקוראַט ווי עס פאַרפליכטעט עלטערן צו זאָרגן פאַר מינדעריעהריגע הילפלאָזע קינדער, איידער זיי זיינען פעהיג אַליין זיך צו דערהאַלטן.

עס איז גאָר קיין צווייפל ניטאָ, אַז אויב דער פאָטער אין דעם פאַל וואָלט זיך ערלויבן אריינצוברענגען אַ קאָמפּליינט געגן זיינע קינדער פאַר זייער פאַרנאַכלעסיגן איהם, און פאַר זייער איבערלאָזן איהם אין נויט, וואָלט אַן אַמעריקאַנער דזשאַדזש זיי געמאַכט דערפילן זייער פליכט.

ניט וועגן דעם ווערט דאָ געגעבן פּלאַץ פאַר דעם בריף, ווייל דערצו וואָלט אַ תשובה פון צוויי-ציילן אין די קורצע ענטפערס געווען גענוג.

דער בריף פאַרדינט געדרוקט צו ווערן צוליב זיין „טיפּיטשנעקייט”, צוליב די פאָלקאָמענהייט פון זיינע כאַראַקטעריסטיקן.

אויב אַ קינסטלער זאָל וועלן דראַמאַטיש פאַרשטעלן די אונדאַנקבאַרקייט און פליכט-פאַרגעסענהייט פון קינדער צו עלטערן, וואָלט ער שווערליך געקענט אויסטראַכטן אַ פאָלקאָמענערן און מעהר „טיפּישן” פאַל ווי דער איז.

אין דער הינזיכט איז דער פאַל יאָ אינטערעסאַנט.

עס זיינען דאָ זעלבסטזיכטיגע, אייגענניציגע עלטערן וועלכע קימערן זיך ווייניג פאַר דער צוקונפט פון זייערע קינדער, און נוצן זיי אויס, אַזוי גיך ווי די קינדער זיינען פעהיג צו אַרבייטן און פאַרדינען, פאַר זייער אייגענעם בענעפיט.

די קינדער וואַקסן אויס אונוויסענד, אָפטמאָל אָהן אַ מלאכה אין האַנט, און זיי האָבן מאַנכעס מאָל אַ גערעכטע טענה צו די עלטערן,

אויב אזעלכע קינדער פארנאכלעסיגן דערנאָך די עלטערן אין זייער נויט קען מען נאָך געפינען א שטיקל פארענטפערונג פאר זיי.

אין מאנכע פאמיליען טרעפט, אז די עלטערן זיינען אונטער זיך צוריסן, און זייער הויז איז פול מיט מחלוקות און רוגזה. די קינדער ווערן דורך דעם פארפרעמדט, און פיהלן א ווידערווילן געגן די עלטערן.

אָדער איינער אָדער דער אנדערער פון די עלטערן פיהרן זיך ניט אויף אנשטענדיג, און דערוואקסענע קינדער האָבן אורזאכן זיך צו שעמען מיט זיי און דערווייטערן זיך פון זיי.

אין אַלע אזעלכע פאלן האָבן די קינדער דאָך די מאָראלישע פליכט ניט צו לאָזן עלטערן פארהונגערן, אָדער צו איבערלאָזן זיי צו זייער עלענד.

אין דעם פאַל פון דעם אלטן קראנקען טאַטן וועלכער שרייבט דעם בריף, איז ניטאָ, ווי עס שיינט, קיינע פון די אורזאכן וואס זאָל דינען אלס שאָטן פון ענטשולדיגונג פאר דער הארטהארציגקייט פון די קינדער.

דער פאָטער ווייזט אוים צו זיין א בכבוד'ער איד, וועלכער האָט געטריי געזארגט פאר זיין פאמיליע.

ער האָט מיטגעבראכט פון דער אלטער היים נאָך אמעריקא יענעם רעספעקט פאר לערנען, פאר בילדונג, וואס איז אַזוי כאראַקטעריסטיש פאר אידן פון דעם עלטערן דור.

איז פאר איהם קיין אָפּפער ניט געווען צו שווער צו מאכן פון זיינע קינדער געבילדעטע מענשן מיט ליבעראלע פראָפעסיאָנען.

ער איז ניט געווען רייך; ער האָט געפיהרט בלויז א קליינע ביזנעס; עס וואָלט איהם געווים פיל גרינגער געווען צו שיקן זיינע קינדער ארבייטן און מאכן זיי ביישטראָגן צו דער אויסהאלטונג פון דער פאמיליע.

אָנשטאָט דעם האָט ער געטראָגן די לאסט אליין, און האָט אנגעווענדעט אלע זיינע כחות צו געבן זיינע קינדער א גוטן באַשטאַנד אין לעבן.

עס איז גאָר ניט קיין קלייניגקייט פאר אַ אידן מיט א קליינע ביזנעס, דורכצופיהרן אַ זוהן דורך די סקולס און אוניווערזיטעט, און דערנאָך איהם שיקן אין אויסלאנד צו פארפאָלקאָמענען זיך, ביז ער ווערט א גוטער דאָקטאָר.

ניט פיל גרינגער איז צו דערפיהרן א זוהן ביז ער ווערט א לאָיער, און אַ טאָכטער ביז זי ווערט א טיטשער.

דער שרייבער פון דעם בריף זאָגט, אז ער איז אלע מאָל געווען אן אָנגעזעהענער רעספעקטירטער מאן; מוז מען אָננעהמען, דאָס ער האָט זיך גוט אויפגעפיהרט, און האָט חלילה ניט געגעבען זיינע קינדער אורזאכע צו שעמען זיך מיט איהם.

פאר די אונדאנקבארקייט און פליכט-פארגעסענהייט פון אזעלכע קינדער איז ניטאָ קיין סימן פון ענטשולדיגונג. דאָס איז די ריינסטע הארטהארציגקייט, די הונדערט-פראָצענטיגע אונדאנקבארקייט.

און עס מוז אויך שטעקן אין זיי אַ היבש ביסל היפאָקריטסטווע וויל אין די קרייזן וואו זיי באוועגען זיך אלס דאָקטאָר, אלס לאָיער, אלס טיטשער, קליימען זיי געווים פאר זיך רעספעקט אלס אנשטענ־דיגע סיטיזענס.

גאַנץ ווייניג רעספעקט וואָלט מען דאָרט פאר זיי געהאט אויב מ׳זאָל דאָרט וויסן ווי אזוי זיי באנעהמען זיך געגן אן אלטן קראנקען טאַטן, וועלכער האָט פאר זיי אזוי פיל געאָפפערט.

זיי האָבן אפילו ניט דעם אויסרייד צו זאָגן, אז דער טאַטע איז אליין שולדיג אין זיינע ליידן, ווייל גאנגרען-פיס און אסטמאַ זיינען פון די אומגליקן פון וועלכע קיין מענש איז ניט באוואָרענט.

מ׳קען לייכט באַגרייפן די אונוויליגקייט פון אַ פאָטער צו ברענ־גען אזעלכע זאכן אין דער עפענטליכקייט. קינדער מעגן זיין שלעכט, אונדאנקבאר, אָהן איינזעהעניש, אָבער ער איז אַ טאַטע וואָס איז שטאָלץ אויף זייער דערגרייכונג און וויל זיי ניט שטערן דורך אן עפענטליכן סקאנדאל.

פיליכט וויסן זיי אז דער טאַטע וועט זיך ניט ערלויבן צו מאַכן זיי אונאנגענעהמליכקייטן, אָדער זיי טראַכטן איבערהויפט ניט פון אזאַ מעגליכקייט. אָבער א טאַטע וואָס האָט אזעלכע צרות, דאַרף ניט איבערטרייבן די מאָס פון איינזעהעניש מיט קינדער וועלכע האָבן אליין גאָר קיין איינזעהעניש ניט.

דער טאַטע וואָלט געטאָן גוט צו לאָזן יעדערן פון זיינע קינדער וויסן אין וואָס פאר א לאגע ער געפינט זיך (לאָזן זיי ניט האָבן דעם אויסרייד אז זיי האָבן ניט געוואוסט, הגם עס איז זייער פליכט צו וויסן).

אויב זיי מאכן זיך ניט וויסנדיג, איז בלויז נויטיג צו לאָזן וויסן דערפון דעם קאונטי איידזשענט, און ער וועט שוין זעהן אז דער דאָקטאָר, דער לאָיער, און די טיטשער, זאָלן טאָן זייער פליכט צו זייער אלטן קראנקען טאַטן.

דאָס איז די עצה וואָס איך קען אייך געבן, אָרימער מאן.

נעגן טאַטענ'ס צווייטע הייראַט

אלס א כלל מעג מען אַננעמען, דאָס פאר דערוואַקסענע קינדער איז ניט אַנגענעם צוצוזעהן דאָס אַן עלטערער פאָטער וואָס איז געבליבן אַן אַלמן, זאָל נאָך אַמאָל הייראַטן און זיי געבן אַ שטיף־מאַמען; אָדער דאָס אַן עלטערע מאַמע זאָל ווידער הייראַטן און זיי געבן אַ שטיף־טאַטן.

די מייסטע דערוואַקסענע קינדער אין אַזאַ פאַל באַציהען זיך צו עלטערן מיט אַ געוויסן ווידערווילן.

פאַר וואָס דאָס איז אַזוי קען מען על פי שכל ניט ערקלערן, ווייל קיין שכל איז ניטאָ אין דעם; דאָס איז בלויז אַ געפיהל־זאַך, און געפיהל איז ניט אַלע מאָל שכל'דיג.

דעם פאָראורטייל געגן שטיף־טאַטעס און שטיף־מאַמעס, אין פאַלן ווען עס זיינען דאָ קליינע קינדער, קען מען נאָך פאַרשטעהן. עס טרעפן אָפט שלעכטע שטיף־טאַטעס און שלעכטע שטיף־מאַמעס. צוליב זיי גיט מען אַ שלעכטע רעפּוטאַציע צו שטיף־טאַטעס און שטיף־מאַמעס אין אַלגעמיין, הגם אין לעבן טרעפט מען שטיף־עלטערן וועלכע באַהאַנדלען די קינדער אָפט בעסער ווי אייגענע טאַטע־מאַמע.

אָבער דאָרט וואו קיין קליינע קינדער זיינען ניטאָ קען מען דעם ווידערווילן צו עלטערן פאַר זייער הייראַטן נאָך אַמאָל ערקלערן בלויז מיט אַ ניט־שכל'דיגן סענטימענט.

קינדער פאַרעהרן דעם אָנדענקען פון אַ פאָטער אָדער אַ מוטער וואָס איז געשטאָרבן; קומט ביי זיי אויס אַז ווען דער אלמן אָדער די אלמנה הייראַט, איז דאָס אַ פאַרשוועכונג פון דעם אָנדענקען פון דעם פאַרשטאָרבענעם.

טראַכטענדיג בלויז פון דעם פאַרשטאָרבענעם פאַרגעסן אַזעלכע קינדער דערווייל די צרות פון דעם טאַטן דעם אַלמן, אָדער דער מאַמען די אלמנה, און זייער רעכט צו געניסן די יאָהרן וואָס זיינען זיי נאָך איבערגעבליבן, ווי עס איז בעסער פאַר זיי.

קינדער באַרעכענען ניט, דאָס אַ מאַן וואָס האָט אָפּגעלעבט מיט אַ פרוי די בעסטע יאָהרן פון זיין לעבן, און בלייבט פלוצים אַליין, געפינט ער זיך קיין אָרט און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך.

זיי דענקען, אַז ווען זיי גיבן איהם אַ היים, און באַהאַנדלען איהם פיין — און דאָס איז ניט אַלע מאָל אַזוי — דאַרף ער זיך שעצן גליקליך.

זיי פאַרגעסן, אַז איינער וואָס האָט אָפּגעלעבט זיין לעבן אַלס באַלעבאָס ביי זיך אין דער היים, קען ניט זיין אין גאַנצן גליקליך אין שכנות, אפילו ביי די בעסטע קינדער.

אחוץ דעם האָט אפילו אַן עלטערער מענש אַ רעכט איינצו־אָרדנען זיך און צו געניסן זיין לעבן ווי איהם איז אנגענעמער.

אָבער נאַרישע קינדער זיינען גרייט צו אָפּפערן דעם לעבעדיגן טאַטען צו דער טויטער מאַמען, אָדער פאַרקערט, ניט רעכענענדיג זיך מיט די פאָדערונגען פון לעבן.

וועגן אַזאַ געשעהענים אין אַ בכבוד׳ער פאַמיליע שרייבט אַ „באַטריבטער פאָטער״.

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

איך בין אַן אַלמן פון אַ יאָהר זעכציג, אַן אָרטאָדאָקסישער איד. בין מיינע אַלע יאָהרן געווען אין ביזנעס. מיט אַנדערטהאַלבן יאָהר צוריק איז מיר געשטאָרבן מיין פרוי. איך האָב גוטע לייטישע קינדער. מיין עלטערע טאָכטער וואוינט ווייט פון ניו יאָרק, האָב איך אריינגעמופט צו דער אינגערער, וועלכע האָט מיך באהאנדעלט ווי אַ גוטע טאָכטער. אכט מאָנאַטען נאָך מיין פרוי׳ס טויט האָב איך געהייראַט אַ חשוב׳ע פרוי, ארום מיין עלטער, און מיר האָבן געעפענט אַ סטאָר, און וואוינען אין די רומס ביי דער סטאָר, און מאַכן אַ פיינעם לעבן. מיר זיינען ביידע צופרידן. קענען דאָס מיר מיינע טעכטער ניט מוחל זיין, אקוראַט ווי איך וואָלט באַגאַנגען דאָס גרעסטע פאַרברעכן. מיין זוהן קומט יאָ צו מיר. ער פאַרשטעהט אַז דאָס מיינט ניט אַ באַליידיגונג פאַר דעם אָנדענקונג פון זיין מאַמען, וועלכע איז מיר אַזוי טייער ווי איהם. די אינגסטע טאָכטער וואָלט צופרידן געווען איך זאָל קומען צו איהר, אָבער אַליין, אָהן מיין פרוי. זי צו מיר וויל ניט קומען. צו מיין עלטערער טאָכטער האָב איך געשריבן, האָט זי צוריקגעשיקט מיין בריף ניט געעפענט. איז רעכט אַז איך זאָל באַליידיגן אַן אומשולדיגע בכבוד׳ע פרוי וואָס באהאנדעלט מיך אנשטענדיג ווי אַ אידישע פרוי דאַרף באהאנדלען אַ מאַן?

איצטער ווערט ביי מיין זוהן אַ אינגעל בר־מצוה, וויל איך נאַטירליך זיין ביי דער שמחה מיט מיין פרוי. האָב איך וועגן דעם געשריבן צו מיינע טעכטער. איך וואָלט וועלן ניט שטערן די שמחה אפילו ניט מיט אַ קרומען בליק. די עלטערע האָט גאָר ניט געענטפערט. די אינגערע האָט געשריבן אַז מיך אַליין איז זי צופרידן צו זעהן, אָבער מיין פרוי ניט. בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן, צו זאָגן אייער מיינונג, צי האָב איך באמת באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכן וואָס קינדער קענען ניט מוחל זיין, אָדער זיינען מיינע טעכטער אומגערעכט? איך וועל אייך דאַנקען פאַר אייער ענטפער.

דער באַטריבטער פאָטער.

ניין, מיין פריינד, איהר האָט קיין פאַרברעכן ניט באַגאַנגען; אומגעקערט, איהר האָט געטאָן די גלייכסטע זאַך וואָס אַ מאַן אין אייערע אומשטענדן האָט געקענט טאָן.

א מאַן פון זעכציג יאָהר איז נאָך ניט אַלט גענוג אַז ער זאָל זיך לעגן און שטאַרבן, צוליב צו טאָן די קינדער.

און צו לעבן ארומגעהענדיג פוסט-און-פּאַס, לעבן ביי אַ טאָכ-טער, אַפילו די בעסטע און צערטליכסטע טאָכטער, איז פאַר אַזאַ מאַן אַ קיצור ימים.

וואָלטן אייערע טעכטער מעהר שכל געהאַט, וואָלטן זיי זיך געמענגט פיהלן העכסט צופרידן, וואָס זייער פאָטער, אין די יאָהרן, קען זיך אַליין העלפן, דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען און וויל זיין זעלבסטשטענדיג.

אויב זיי וואָלטן באַזעסן עטוואָס מעהר פון דעם רעספּעקט און איינזעהעניש וואָס קינדער זיינען שולדיג צו אַ פאָטער, האָבן זיי אדרבה געדאַרפט מקרב זיין אייער פרוי פון אייערטוועגן כדי צו מאַכן אייער לעבן אַנגענעמער.

זי איז ניט שולדיג וואָס זייער מוטער איז געשטאָרבן, און זי טוט איהר פליכט אין מאַכן זייער פאָטער׳ס לעבן אַנגענעמער.

זעה איך ניט איין, מיין פריינד, פאַר וואָס איהר זאָלט זיך רייסן דעם פּעלץ צוליב די אַנערקענונג פון נאַרישע טעכטער, אָהן שכל און אָהן איינזעהעניש אָדער באַרעכענונג.

אין זייער נאַרישקייט ריידן זיי זיך איין אודאי אַז זיי מאַכן זייער מאַמען אַ נחת רוח אין גן עדן ווען זיי פאַרביטערן דעם טאַטען דאָס לעבן אויף דער וועלט.

לאָזט זיי צורוה! איגנאָרירט זיי. איהר האָט אַ בעסערע באַ-רעכטיגונג צו זיין שטאָלץ געגן זיי אַלס זיי געגן אייך.

איהר האָט דעם גרעסטן טייל פון אייער וועלט אָפּגעלעבט, און איהר דאַרפט צו זיי ניט אָנקומען. איהר זייט זיי קיין זאַך ניט שולדיג. איהר האָט געהאַנדעלט געגן זיי ווי אַ פאָטער דאַרף האַנדלען.

זיי אָבער האָבן געהאַנדעלט געגן אייך גאָר ניט אַנשטענדיג. עס איז די העכסטע גראָבקייט פון אַ טאָכטער צוריקצושיקן איהר פאָטער׳ס בריף ניט געעפענט, ווי אייער עלטערע טאָכטער האָט געטאָן.

עס איז ניט ווייניגער גראָב פון אייער אינגערע טאָכטער צו ענטפערן אייך, אַז זי קען ניט אויפנעמען אייער פרוי אָדער קומען צו אייך.

גאָט האָט אייך געשטראָפט מיט אַ פּאָר טאַקטלאָזע, ניט-איידעלע טעכטער — טאָ לאָזט זיי לויפן.

איהר געהט אייער וועג און לאָזט זיך ניט שטערן פון זיי.

געהט צו אייער אייניקעלס בר מצוה מיט אייער פרוי און

קימערט אייך ניט צי אייערע טעכטער וועלן דאָרט זיין אָדער ניט.

ביז זיי וועלן איינזעהן זייער נאַרישקייט און קומען צו אייך ווי קינדער צו אַ טאַטן, מעגט איהר אייך באַנעמען געגן זיי אַקוראַט ווי זיי וואָלטן ניט עקזיסטירט.

די נאַרישע גענז!

זאָל דער טאַטע בלייבן באַלעבאָס ביי זיך?

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

ניט לאַנג צוריק איז געשטאָרבן מיין מוטער אין עלטער פון פינף־און־זעכציג יאָהר. מיין פאָטער זאָל לעבן איז אין זעלבן עלטער. זיי האָבן געפיהרט צוזאַמען אַ גליקליך לעבן, און ערצויגן אַ פיינע פאַמיליע. צוויי זיהן וואוינען אויסערהאַלב ניו יאָרק. איך, דער אינגסטער, וואוין אין ברוקלין. מיר זיינען אַלע פאַרהייראַט. מיין פאָטער האַלט נאָך אַן זיין אַפּאַרטמענט פון פיר רומס. ער איז חלילה ניט אָרעם, און איז ניט אָפּהענגיג פון זיינע קינדער. די קינדער ווידער מאַכן אויך ניט שלעכט אויס, און זיינען ניט אָפּהענגיג פון איהם.

מיין פרוי און איך בעטן אונזער פאָטער, ער זאָל אויפגעבן זיין אַפּאַרטמענט און קומען לעבן מיט אונז. ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט וואָס עס הייסט צוצוגרייטן זיינע אייגענע מאָלצייטן, אָדער האַלטן אַ הויז אין אָרדנונג. ער האָט זייט ער לעבט ניט אריינגעשמעקט אין אַ רעסטאָראַנט און טוט דאָס איצטער אויך ניט. קומט ער אָפּ מיט קאַפּע און ראָלס צוויי מאָל אַ טאָג, און אין אָוונט קומט ער צו אונז צו דינער, און באַשטעהט דורכאויס אַז ער מוז צאָהלען דערפאַר. מיר זאָגן איהם ניט ער זאָל אויפגעבן זיין ביזנעס, אָדער ענדערן זיין אַרט לעבן לויט זיין געוואוינהייט. מיר ווילן נאָר זעהן אַז ער זאָל האָבן די באַקוועמליכקייט און די צוזעהונג וואָס ער האָט נויטיג אַלס אַן עלטערער מענש. מיר פיהלן זיך געקרענקט ווען ער זאָגט זיך אָפּ דערפון. זיין וואוינען מיט אונז וואָלט איהם געגעבן אַ פיל באַקוועמערעס לעבן, און אונז וואָלט עס געמאַכט גרויס פאַרגעניגן. מיין פאָטער'ס ביזנעס איז ריעל עסטייט און מאָרטגיידזשעס אויף דער איסט סייד, און פאָדערט ניט אַז ער זאָל דאָרט אימער מוזן זיין. האָבן מיר אַלע באַשלאָסן פאַרצולעגן די זאַך פאַר אייך און פאָלגן אייער ענטשיידונג.

אַ געטרייער זוהן.

עס מוז זיין אַ גרויסע באַפרידיגונג פאַר אַן אלטן טאַטן, צו פיהלען אַז זיינע קינדער, פון דעם יונגען דור, ליבן איהם, עהרן איהם, און שעצן איהם הויך גענוג, צו וועלן אים האָבן שטענדיג ביי זיך.

דער פאַל פון קינדער וועלכע באַקלאָגן זיך, פאַר וואס דער אַלטער טאַטע ענטזאַגט זיך צו זיין זייער שטענדיגער גאַסט, און אַננעהמען די צוזעהעניש און די וויגאַדעס וועלכע זיי זיינען גרייט איהם צו געבן, איז אויך גאַר א זעלטענער.

דאָס באַקלאָגן זיך פון אלטע טאַטעס, וואס האָבן פיל מקריב געוועזן פאַר קינדער, געגן פאַראנכלעסיגונג, און געגן די אונדאנקבאַרקייט פון קינדער — דאָס הערט מען גאַנץ אָפט, לײדער צו אָפט.

אָבער אז קינדער זאָלן אָנבאָטן זייער היים, און זייער צוזעהעניש, און זייער האלטן און עהרן דעם טאַטן, און דער טאַטע זאָל זיך אָפּזאָגן דערפון, איז אַ נייער פאַל וועלכער פאַרדינט אויפמערקזאמקייט.

מ׳קען נאַטירליך ניט וויסן וואָס די שטעלונג פון די קינדער וואָלט געווען אויב דער טאַטע וואָלט חלילה ניט געווען אזוי זעלבסשטענדיג, אזוי אונאָפּהענגיג, און ביי אלע זיינע קרעפטן צו באזארגן זיין אייגענע ביזנעס.

אָבער דאָס גיט אונז קיין רעכט ניט צו צווייפלען אין דער טריײהייט, און ערגעבענהייט, און אויפריכטיגקייט פון די קינדער, וועלכע נויטיגן זיך ניט אין פאָטער׳ס הילף, און גאַהרן אזוי צו האָבן איהם ביי זיך אין הויז.

פון אויבן־אויף איז פיליכט א חידוש; פאַר וואָס זאָל אַ איד, אויף די עלטערע יאָהרן, פאַרציהען אָפּצוקומען מיט קאָפּע און ראָלס ביי זיך אין דער היים, וואו ער איז איינזאם, אלס אנצונעהמען די צערטליכע גאַסטפריינדליכקייט פון קינדער, און האָבן אלע וויגאַדעס און זיין אין זייער געזעלשאַפט.

אין די אויגן פון דעם געטרייען זוהן און פון דער גוטער שנור, קוקט דאָס מן הסתם אוים ווי א גרונדלאָזער קאפריז פון אן אלטן מאַן, אָדער ווי אונפריינדליכקייט, און זיי פיהלן זיך געקרענקט דערפון.

אָבער אויב דער געטרייער זוהן וועט די זאך בעסער באַטראַכטן, און וועט אַריינבליקן אַ קאַפּעלע טיפער אין הארצן פון אַלטן מאַן, וועט ער פיליכט איינזעהן, אז דעם טאַטענ׳ס אָפּזאָגן זיך פון דעם צערטליכן אָנבאָט איז ניט אָהן א גרונט.

דאָ איז, קענטיג, א מאַן פון א זעלבסטשטענדיגער, אונאָפּהענגיגער נאַטור, וואָס האָט פאַרבראַכט פערציג אָדער פינף־און־פערציג יאָהר, מיט זיין געטרייער לעבענס־באַגלייטערין, אין זיינע אייגענע פיר ווענט.

ער איז דורך די פילע יאָהרן, סאַי אין לייד און סאַי אין פרייד, געוועזן באַלעבאָס ביי זיך אין דער היים.

און איצט, ווען זיין לעבענסבאַגלייטערין איז ניט מעהר מיט איהם, איז די אייגענע היים פיליכט נאָך טייערער געוואָרן, ווייל דאָ שוועבן נאָך אַלע סענטימענטן און עראינערונגען פון א גליקליכן צוזאַמענלעבן.

ער האָט נאָך די אָרדנונג אין זיינע רומס אזוי ווי ער האָט עס געהאט דורך די פילע יאָהרן.

די מעבל שטעהען נאָך אין די ערטער ווי ער איז געוועהנט געוועזן זיי צו זעהן, און זיינע געוואוינהייטן פון קומען און געהן, פון זיצן און ליגן זיינען נאָך אונפאַרענדערט.

מיט איינמאָל דאָס אפצוברעכען און געהן וואוינען אין שכנות— אפילו אין די אנגענעהמסטע שכנות, אפילו מיט די צערטליכסטע און ליבעפולסטע קינדער — איז פאַר אן עלטערן מענשן ניט קיין לייכטע זאך.

אינסטינקטיוו מוז אן עלטערער מענש פיהלן, אז די אפּברעכונג פון זיין אייגענע היים וואָלט געווען גלייכבאַדייטענד מיט דעם אָפּשלוס פון א קאַפּיטעל אין לעבן — א קאַפּיטל פון זעלבסשטענדיגקייט, פון אונאבהענגיגקייט, פון זיין באַלעבאָס פאַר זיך.

דאָס טוט קיינער ניט גערן; דאָס טוט קיינער ניט אזוי לאַנג ווי ער קען זיך ווידערשטרעבן, און קעמפן געגן דעם.

דאָס איז ניט אַ באוואוסטזיניגער קאַמף. דאָס קעמפט דער אינסטינקט פון זעלבסטבאוואהרונג, דער אינסטינקט פון לעבן. עס ווילט זיך ניט אָפּשליסן אַ קאַפּיטל וועלכער ענטהאלט די טעטיגסטע יאָהרן, און אָנפאַנגען א נייעם — אן אלט-מאַן'ס קאַפּיטל.

אויפצוגעבן זיין אייגענע היים, און געהן לעבן מיט די קינדער, וואָלט געמיינט דאָסזעלבע ווי אַן ערקלערונג: „מיין זעלבסטשטענדיגקייט איז צו ענדע; פון איצטער אָן מוז איך האָבן ווער עס זאָל אכטונג געבן אויף מיר!"

פיליכט דאַרף ער דאָס טאַקע האָבן, אָבער דער אינסטינקט פון זעלבסטבאוואהרונג ראַנגעלט זיך, אונבאוואוסט, געגן דעם. עס ווילט זיך ניט אַלט ווערן צו גיך.

דערפאַר קומט ביי מיר אויס, מיין פריינד, אז איהר דאַרפט ניט צו שטאַרק דרינגען אין אייער פאָטער אז ער זאָל אויפגעבן זיין היים און אריינציהען צו אייך, און איהר דאַרפט זיך ניט פיהלן געקרענקט, אויב ער ענטזאַגט זיך דאָס צו טאָן.

„דער מאַן איז אַזוי אַלט ווי ער פיהלט". און אויב אייער פאָטער פיהלט אינגער פון זיינע יאָהרן, און וויל זיין באַלעבאָס ביי זיך אין דער היים, איז דאָס אַ גאַנץ גוטע זאַך.

נאַטירליך, אָפּקומען צוויי מאָל אַ טאָג מיט קאַפע און ראָלס

איז אפשר ניט קיין געזונטע זאַך פאַר אַן עלטערן מענשן. אָבער נאָך אַלעמען איז דאָס אַ צושטאַנד וואָס קען גרינג אויסגעבעסערט ווערן.

עס דאַרף ניט שווער זיין פאַר עטליכע דאָלאַר אַ וואָך צו געפינען אַ פרוי וואָס זאָל האַלטן די הויז אין אָרדנונג, און צוגרייטן אַ מאָלצייט.

און אויב עס איז איהם באַקוועמער צו האָבן ווענינגסטענס איין מאָלצייט מיט די קינדער צוזאַמען, איז דאָס געווים גוט, ווייל דאָס נעמט אַוועק פיל פון זיין איינזאַמקייט, און האַלט איהם אין באַריה־רונג מיט די וואָס זיינען איהם נאָהענט צום האַרצן.

לאָזט איהם בלייבן אַ זעלבסטשטענדיגער באַלעבאָס אַזוי לאַנג ווי זיינע יאָהרן ערלויבן איהם.

נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

מיין פרוי און איך זיינען עלטערע מענשן און זיינען געקומען אין אמעריקא פון אַ ליטווישער שטעדטעל אויף דעם פאַרלאַנג פון אונזערע קינדער. מיר האָבן דאָ צוויי זיהן און צוויי טעכטער, און עס געהט זיי ניט שלעכט, גאָט צו דאַנקען. מיר ביידע אַלטע האָבן וועגן פרנסה גאָר ניט צו זאָרגן. די קינדער גיבן אונז אַלצדינג בשפע. אָבער מיט זייער פיהרונג פון זייער הוצאה קען איך ניט זיין מסכים. עס טוט מיר פשוט וועה צו זעהן די געלד וואָס זיי גיבן אוים אויף נאַרישקייטן, אויף טייערע מלבושים, אויף פוסטע צאַצקעס, און וויפיל געלד מען גיט אוים אויף די קינדער, אונזערע אייניקלעך, און מען געוואוינט זיי איין צו אויסבּרענ־גערייַ. אויך די נאַרישע מנהגים צווישן די מאַנסבילן און די פרויען, דאָס אַראָפּנעמען פון די היטלען ווען מ'רעדט אין גאַס צו אַ שוועסטער מיט נאָך אַ מאַן, און די צערעמאָניעס ביים טיש צווישן אייגענע. דאָס קען איך ניט ליידן. זאָג איך צו מיינע קינדער: פאַר וואָס אין דער אַלטער היים זיינען מיר אויסגעקומען אָהן פאַרשווענדונג און אָהן די קונצן, און מ'איז געווען עהרליכער און אמת'ער איינער צום אַנדערן? ענטפערן זיי מיר, אַז עס איז אַן אַנדער וועלט געוואָרן. וואָס פאַר אַ טענה איך זאָל ניט אויפברענגען, איז דער תירוץ: „ס'איז ניט דאָס וואָס אַמאָל; ס'איז אַן אַנדער וועלט". זאָג איך, אַז דאָס איז ניט אמת, די וועלט איז ניט אַנדערש געוואָרן, די זון געהט אויף אַלע טאָג ווי אימער, און די לבנה איז די זעלביגע, און מענשן האָבן חתונה און האָבן קינדער אַזוי ווי אַלע מאָל, און מען עסט ברויט און פלייש, און מילכיגס ווי אַלע מאָל, טאָ וואו איז די וועלט אַנדערש געוואָרן? גאָר ניט אַנדערש געוואָרן.

עס זיינען אַלע מאָל געווען מענשן סטאַטעטשנע, מיט באַרעכענונג, און מענשען הולטאַיעס אויסברענגער. אויף דעם האָט אַ טאָכטער פּאַראיבעל גענומען, און האָט געזאָגט, אַז איך בין אַלטמאָדיש און פאַרשטעה ניט אַז די וועלט איז אַנדערש געוואָרן.

פרעג איך ביי אייך, דר. קלאַרמאַן, איהר זאָלט מיר זאָגן אויב עס איז אמת, אַז די וועלט איז אַנדערש געוואָרן, און אין וואָס איז זי אַנדערש געוואָרן. אַ פּשוטיער ליטווישער איד.

איהר האָט אייער ויכוח מיט אייערע קינדער גאַנץ סקלאַדנע אַרויסגעשריבן — ווייזט אויס איהר זייט פון דערהיים אַ שטיקעל חקרן.

אָבער די מיספאַרשטענדנים צווישן אייך און אייערע קינדער קומט אַרויס, ווי מיר שיינט, דערפון וואָס יעדער צד באַנוצט דאָס וואָרט „וועלט" אין אַן אַנדער זין.

איהר רעדט פון דער גאַנצער וועלט, ניט פון די ערד אַליין, נאָר אויך פון די הימלען; און איהר רעדט פון דער מענשליכער נאַטור וואָס האָט זיך ניט געענדערט;

אייערע קינדער ריידן פון זייער „וועלטעלע". דערפאַר פאַר־שטעהט איהר ניט איינער דעם צווייטן.

איך ווייס ניט ווי ווייט איהר זייט גערעכט אין אייער קריטיק בנוגע צו דער פיהרונג פון אייערע קינדער. אפשר זייט איהר גערעכט.

אָבער אמאָל קען זיין אַז איהר אורטיילט זייער הוצאה לויט אייערע השגות פון אַ קליינשטעדטעלדיגען אידען, קומען זיי אויס ביי אייך מורא'דיגע אויסברענגעריי.

נאָר אייער טענה אַז די וועלט איז גאָר ניט אַנדערש געוואָרן איז לגמרי ניט ריכטיג, ווייל די וועלט — אפילו בלויז אונזער אייגענע וועלט, די ערד — איז אַנדערש געוואָרן, און זי ווערט אַנדערש אַלע ווייל.

קומט אַן ערד־ציטערניש, ווערן בערג וואו פריהער זיינען געווען טאָלן, און טאָלן וואו עס זיינען געווען בערג. אינזלען קומען אויף אין ים. די ברעגעס פון די ימים ענדערן זיך; קלימאַטן ענדערן זיך.

ווער קען אויסצעהלן די זאַכן וואָס האַלטן זיך כסדר אין ענדערן!

עס איז אמת, אַז די זון און די לבנה האַלטן זייער צייט אַזוי ווי אמאָל, אָבער ווען זיי קוקן אַרונטער אויף אונזער ערד זעהען זיי זאַכן וואָס זיי האָבן אמאָל ניט געזעהן.

זיי זעהען, צום ביישפיל, בנינים אַנטקעגן וועלכע דער טורעם פון בבל איז געווען אַ קאַרליקל. זיי זעהען מענשן באַוועגן זיך אויף דער ערד אין מאַשינען מיט אַזאַ שנעלקייט וואָס זיי האָבן פריהער קיינמאָל ניט געזעהן.

זיי זעהען ריזיגע מאַשינען אַרבייטן און אויפטועדיג אַרבייט וואָס אַמאָל האָבן מיליאָנען הענד דאָס ניט געקענט אויפטאָן.

ווער קען אויסרעכענען די טויזענדע נייע זאַכן וואָס זיי זעהען אויף דער ערד איצטער און וואָס זיי האָבן אַמאָל ניט געזעהן.

די אַלע אויפטועכצן ענדערן די געוואוינהייטן פון מענשן, זייערע השגות, געשמאַקן, באַדערפענישן און די איינריכטונג פון לעבן.

ביי אייך אין שטעדטעל, צום ביישפיל, קענען זיך אַמאָל צוויי אידן טרעפן אין גאַס און זיך אָפּשטעלן ריידן אינמיטן גאַס וועגן די דרשה וואָס דער רב האָט שבת געהאַלטן אין שוהל, אָדער וועגן דעם נייעם „נעריצך" פון חזן.

זאָלן דאָס צוויי אידן פּרובירן טאָן אין גאַס ווען זיי באַגעגענען זיך אין זייערע אויטאָמאָבילס, וועט זיי מעהר ניט פעהלן.

זעהט איהר, מיין פריינד, אַז די וועלט איז אַנדערש געוואָרן.

וועל איך אייך ראָטן, מיין פריינד, איהר זאָלט זיך מיט אייערע קינדער ניט אַמפּערן וועגן דעם. איבערמאַכן וועט איהר זיי סאַיווי ניט, און איהר וועט נאָר אָנמאַכן פּאַראיבעלעס.

גאָט האָט אייך געבענשט מיט קינדער וועלכע זאָרגן פאַר אייך — דאָס איז אַ מתנה וואָס ניט אַלע אַלטע טאַטע־מאַמע האָבן. קריטיקירט זיי ניט ביז איהר וועט בעסער באַקאַנט ווערן מיט דעם לעבן אין דער נייער וועלט פון אייערע קינדער.

אַלגעמיינע בריעף

„שווער צו זיין אַ פרוי".

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

זינט איך בין אַלט געווען זעקס יאָהר האָב איך געהאַט טענות צו מיין מאַמען, פאַר וואָס איך בין ניט אַ אינגעל. שפּילענדיג זיך מיט מיינע חברים האָב איך גאַנץ פריה אָנגעהויבן צו מערקען דעם „דיס־אדוואַנטעדזש„ וואָס אַ מיידעל האָט אין פאַרגלייך מיט אַ אינגעל. נאָך אַלס קליינע קינדער איז דעם אינגעל ערלויבט צו טאָן זאַכן וואָס די מיידעל טאָר ניט. ער מעג קלעטערן, שפּרינגען, שטיפן ווי ער וויל, און אז אַ מיידעל וויל דאָס טאָן זידעלט מען איהר דערפאַר און מ'זאָגט איהר אז פאַר אַ מיידעל פּאַסט דאָס ניט. אין סקול זיינען די אינגלעך די מיוחסים, כאָטש מאַנכע מיידלעך לערנען בעסער פון זיי. איצט בין איך אַ מיידעל פון אכצעהן יאָהר און האָב שוין לאַנג אויפגעהערט האָבן טענות צו מיין מאַמען פאַר וואָס איך בין ניט אַ אינגעל, אָבער איך קען ניט אויפהערן טראַכטן אז ווען מען מוז שוין יאָ זיין אַ פרוי, וואָס קען איינע טאָן צו מאַכן אַ סוקסעס אַלס אַ פרוי. איך מיין ניט אַ סוקסעס אין ביזנעס, אָדער אין אַ פּראָפעסיע, ווייל דאָס איז דאָך אויך די ביזנעס פון אַ מאַנסביל; איך מיין אַ סוקסעס אין די ביזנעס פון זיין אַ פרוי. איך באַדויער אויך איצטער אַמאָל, אין דער שטיל, וואָס איך בין ניט אַ מאַן; אָבער ווען מ'מוז שוין זיין אַ פרוי, ווי אַזוי קען מען מאַכן דאָס בעסטע פון אַ ניט־אַנגענעמען צושטאַנד? פּליז, דר. קלאַרמאַן, זאָגט מיר וואָס צו טאָן צו זיין אַ סוקסעס אַלס אַ פרוי.

רייזאַ.

זינט איך בין דר. קלאַרמאַן איז מיר אַזאַ פראַגע געשטעלט געוואָרן צום ערשטן מאָל און האָט מיך געבראַכט אין אַ פאַר־לעגענהייט, ווייל פון אייגענע ערפאַהרונג האָב איך קיין ברעקעל ידיעה ניט אין די ביזנעס פון זיין אַ פרוי.

אָבער די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן מיט גענוג ערנסט און אינטעליגענץ צו פאַרדינען אַן אויספיהרליכן ענטפער, האָב איך געטאָן אין דעם פאַל וואָס איך טו אין אַנדערע עהנליכע פאַלן: ווען מיר אַליין פעהלט די ידיעה, זוך איך זי פון אַנדערע קוועלן אַלס מיין אייגענע ערפאַהרונג.

איך האָב מיך געווענדעט מיט דער פראַגע צו איניגע ערפאַה־רענע פרויען פון פאַרשיידענע עלטערס און פון פאַרשיידענע צו־

שטענדע אין לעבען, האָב מיר נאָטירט זייערע ענטפערס, האָב די ענטפערס גרינדליך אַנאַליזירט, און האָב פון זיי אַלע געצויגן פאָלגענדן סך הכל:

די ביזנעס פון זיין אַ פרוי איז אַ שווערע פאַרפּלאָנטערטע ביזנעס אין פאַרגלייך מיט דער ביזנעס צו זיין אַ מאַנסביל.

צו זיין אַ מאַנסביל איז אַ גאַנץ איינפאַכע זאַך. אַלץ וואָס ער דאַרף טאָן איז — געבאָרן ווערן אַ מאַנסביל און לאָזן געהן ווי עס געהט. אַלץ וואָס מ'פאָדערט פון איהם איז, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען טאָן איין זאַך נישקשה'דיג, וועט ער זיך שוין דורכשלאָגן.

מיט אַ פרוי איז עס גאַנץ אַנדערש. זי מוז קענען פילע מלאָכות און זיין אַ בריה אין אַלע, און אַ חוץ דעם מוז זי זיין באַ'חנ'ט, און באַזיצן אַלערליי מעלות.

און ווען זי האָט די אַלע מעלות און טוגענדן גיט מען איהר ניט דערפאַר אַ גלעט איבער'ן קעפּעלע; מ'זאָגט בלויז: „אַ פיינע פרוי! אַ גוטע מוטער!"

אַ מאַנסביל מעג זיך זיין שעהן אָדער העסליך, ווי גאָט האָט איהם געמאַכט, און זעלטן ווען מ'מאַכט אַ ווענזן דערפון. ווען מ'רעדט פון איהם, רעדט מען פון זיינע פעהיגקייטן, פון זיינע אויפטואונגען, פון זיינע דערגרייכונגען.

אַ פרוי מוז זיין שעהן, סאַי גאָט האָט זי געמאַכט אַזוי, אָדער ניט. אויב גאָט האָט עס פאַרנאַכלעסיגט צו טאָן, מוז זי אָנווענדן אַלע מיטעל צו פאַרריכטן דעם פעהלער. זי מוז מאַכן אַ קרויז אין גלייכע האָר (אַ פּוירמאַנענט וועיוו), און מוז מאָלן רויזן אויף די באַקן וואו זיי בליהען ניט פון זיך אַליין.

און צו זיין אָן ערפאָלג מוז זי דאָס קענען מאַכן קונציג, עס זאָל אויסקוקן נאַטירליך, ווייל אויב דאָס איז ניט גוט געמאַכט איז דאָס ערגער ווי גאָר ניט מאַכן.

איז זי גענייגט צו פעטקייט, מוז זי צעהלן די ביסענס פון מויל זי זאָל זיך האַלטן אין טאַליע, און אויב זי איז צו מאָגער, מוז זי עסן זאַכן וואָס מאַכן פעט.

זי מוז האָבן מבינות אין ליניען, אין קאָלירן פון דרעסעס, און אין שיך מיט קנאָפּעל וואָס זאָלן זי מאַכן אויסקוקן העכער ווי זי איז.

און אויב זי ווייס ניט ווי אַזוי צו טאָן די אַלע זאַכן ווי עס געהער צו זיין, איז זי אין געפאַהר צו זיין אָהן חברים, אָהן אַ דזשאָב, און אָהן אַ מאַן. ווייל אַפילו אין קריגן אַ דזשאָב האָט די שעהנערע מיידעל אַ בעסערן טשאַנס.

און געפינט זי א דזשאָב מוז זי טאָן איהר אַרבייט בעסער און ביליגער אַלס אַ מאַנסביל אום דעם דזשאָב צו האַלטן, ווייל אין דער מאַנסבילשער וועלט איז אָנגענומען אַז די פרוי איז נאַכ־לעסיג און האָט ניט די געשיקטקייט פון אַ מאַנסביל.

אויב זי איז אַ טאָכטער אין דער היים דאַרף זי העלפן דער מאַמען מיט די דישעס אין קיטשען ווען זי קומט פון שאַפּ אָדער אָפּיס, ווערענד איהרע ברידער, די מיוחסים, געהען נעמען זייערע „גוירלס" צו אַ מואווי.

קריגט זי אַ מאַן און האָט חתונה, ערוואַרט מען פון איהר, אַז זי זאָל קענען קאָכן ווי אַ פראַנצויזישער „שעף", זאָל קענען נעהען ווי אַ דרעסמייקער, זאָל זיין אַ קראַנקען־וועכטערין, אַ נוירס, אַן אַם, אַ ספּעציאַליסטקע אין האָדעווען אַ בייבי, אַ שמייכלערין, אַ דיפּלאָמאַטקע, אַ גוטע אונטערהאַלטערין, אַ ליאַלקע, און אַ היים־זיצערין.

דאָס אַלצדינג געהערט צו די ביזנעס פון זיין אַ פרוי. און דער חידוש איז, וואָס מיליאָנען פרויען טראָגן דורך זייער ביזנעס אין לעבן גוט אָדער שלעכט, קען מען קיין פּאַראַיבעל ניט האָבן אויף אַ מיידעל ווען זי באַדויערט אַמאָל פאַר וואָס זי איז ניט געבאָרן געוואָרן אַ אינגעל.

עס איז, ווי איהר זעהט, שוועסטערל, ניט קיין גרינגער דזשאָב צו זיין אַ פרוי, און דאַך דאַרפט איהר ניט זיין ענטמוטיגט, דען די נאַטור האָט איהרע אייגענע וועגן פון פּאַרגיטיקן, פון ענטשע־דיגן. טוט זי איינעם אַן עולה אין איין זאַך, דערלעגט זי איהם אין אַן אַנדער זאַך.

איין־איינציגע מעלה איז נויטיג פאַר אַ פרוי צו מאַכן אַ סוקסעס פון דער „ביזנעס פון זיין אַ פרוי" — אַ מעלה וואָס איבערשטייגט אַלע אַנדערע — און דאָס איז שכל.

אונטער שכל ווערט שוין אויך אריינגערעכענט גוטער גע־שמאַק, אַ זין פאַר די פּאַסיגקייט פון זאַכן, און א באַרעכענונג אין אַלץ וואָס זי טוט.

אַ פרוי מיט שכל וועט אימער באַווייזן צו זיין אַ ריכטיגע שותפ'טע אין דער הויז־האַלטונג, און אַמאָל מעהר ווי אַ שותפ־טע — אַ הערשערין, אָבער איהר הערשאַפט זעהט זיך ניט ארוים, און ווערט וויליג געדולדעט.

אַ פרוי מיט שכל וועט זיך קיינמאָל ניט לעכערליך מאַכן אין איהר אויסזעהן. אויב זי איז אַן עלטערע פרוי וועט זי ניט אָנטאָן קליידער פון אַ פיל־איונגערע, און וועט זיך ניט פאַרבן און מאָלן מיט איבערטרייבונג, אין דעם גלויבן אַז זי נאַרט אָפּ די וועלט.

אַ פרוי מיט שכל וועט אַלע מאָל וויסן ווען צו ריידן און ווען צו פאַרשווייגן, ווען צו דולדן און ווען צו פּראָטעסטירן, און וועט וויסן צו געווינען דעם רעספּעקט פון איהר אומגעבונג.

אַ פרוי מיט שכל ווייס זיך צו העלפן אין די שווערסטע מאָ־מענטן פון לעבן, פאַרלירט ניט דעם מוט, און איז אַ הילף צו איהר מאַן אין אַ נויט.

און זי האָט איהרע גליקליכע מאָמענטן אין דער ליבע און צערטליכקייט פון קינדער, און אין דעם שטאָלצן באוואוסטזיין אַז זי האָט זיי אויסגעהאָדעוועט און געמאַכט פון זיי מענשן צו גאָט און צו לייט.

יאָ, שוועסטער־לעבן, עס איז ניט קיין לייכטער דזשאָב צו זיין אַ פרוי, אָבער ער האָט אויך זיין ענטשעדיגונג און זיינע פריידן.

פאַר וועמען פאַרבן זיך מיידלעך?

די פראַגע וועגן דעם געברויך פון פאַרב, פּוידער און ליפּסטיק, האָט געבראַכט אַ היבשע צאָהל בריף מיט אַרגומענטן „פאַר" און „געגן".

מערקווירדיגערווייזע קומען כמעט אַלע אַרגומענטן פאַר דעם געברויך פון רוזש און ליפּסטיק פון יונגע פרויען.

זייער טענה איז די וואָס מ'האָט אָפט געהערט: עס איז דער נאַטירליכער אינסטינקט פון דער פרוי צו געפעלן, און אויב די נאַ־טור האָט איהר ניט געגעבן די שעהנקייטן וועלכע זיינען באַזונדערס אַנציהענד, איז קיין עולה ניט אַז זי זאָל אונטערהעלפן דער נאַטור.

אַנדערע זאָגן, דאָס אַ יונגע פרוי, אָדער אַ מיידעל, וועלכע איז באַשעפטיגט אין אַן אָפיס אָדער אין שאָפּ אַ גאַנצן טאָג, אין שטויב און אין סמוק פון סיגאַרן און סיגאַרעטס, פאַרלירט איהר נאַטירליכע „קאָמפּלעקשאָן", און מוז זיך באַהעלפן מיט קינסטליכע מיטעל צו שאַפן זיך אַ קינסטליכע „קאָמפּלעקשאָן".

איינע זאָגט גאַנץ אָפן, אַז זי טוט עס ווייל זי האָט אויסגעפונען, אַז דאָס געפעלט די בחורים. ווען די מייסטע בחורים וואָלטן געווען געגן דעם, וואָלטן די מיידלאַך דאָס ניט געטאָן.

די פּראָטעסטן געגן דעם געברויך פון רוזש און ליפּסטיק קומען פון יונגע מאַנסבילן. יעדער איינציגער דערקלערט, אַז די מייד־לאַך מיט די בלוט־רויטע ליפּן, מיט רויטע „טשיק־באָונס", און שוואַרצע שאָטענס ארום די אויגן, זיינען זיי צו־ווידער.

אַן אַלטער פאָטער פון פיר געראָטענע זיהן, וועלכע זיינען אונפאַרהייראַט בלויז דערפאַר וואָס זיי קענען ניט פאַרטראָגן די

געפארבטע מיידלאך, גיסט אוים זיין הארץ אין דעם פאלגענדן בריף:

ווערטער דר. קלארמאן:

איך בין א פאטער פון פיר הייראטספעהיגע זיהן. איינער איז א לאיער, איינער א טיכטיגער ביזנעסמאן, איינער אן אינזשעניר און איינער א דאקטאר מעדיצין מיט א נאמען. פארשטעהט מען, אז זיי זיינען קיין פארשלאפענע בחורים, און ניט קיין „גרינע”, און ווילן דוקא יא הייראטען. נאר איך הער אפט ווי זיי ריידן צווישן זיך, אז עס עקעלט זיי אפילו צו קוקן אויף די געפארבטע מיידלאך. און זיי זאגן, אז זיי זיינען ניט די איינציגע, וועלכע פיהלן אזוי. אונטער פילע יונגע לייט פון זייער באקאנטשאפט ווערט אפט אויסגעדריקט ווידערווילן געגן אזעלכע מיידלאך, און מאנכע דענקען פון מאכן א רייזע נאך יוראפ, צו נעמען בעסער נאטירליכע „גרינע”, אבי ניט רויט־געפארבטע אמעריקאנערקעס, מיט גלאנציגע נעגעל. זיי זאגן ממה נפשך: איז א מיידעל שעהן, צו וואס דארף זי דאס? און איז זי ניט שעהן, צו וואס זאל זי זיך מאכן נאך מיאוס'ער? און אפילו א שעהנע מיידעל, וועלכע פארבט זיך, דערוועקט דעם חשד, דאס זי פארדעקט ניט־שעהנקייטן. מאנכער בחור טראכט זיך, ווער ווייסט וואס פאר א קרענקליך בלאסער פנים עס שטעקט הינטער דער פארב. איך גלויב, אז מיט אייער אגיטירן געגן דער ניט־שעהנער מאדע טוט איהר א טובה צו מאנכע אידישע טעכטער, וועלכע הערן זיך צו צו אייך.

א. שלום.

א יונגערמאן, א סטודענט אין א קאלעדזש, און קענטיג א מענש מיט געשמאק, געהט ניט צו אזא עקסטרעם.

ער גיט צו, אז אמאל איז נויטיג פאר א מיידעל צו באנוצן קאסמעטיקס. אויב א מיידעל פיהלט, אז מיט דער הילף פון א קאפעלע פוידער, אדער א „סודזשעסטשאן” פון פארב אויף די באקן, מאכט זי זיך געפעליגער און אנגענעמער צו דעם בליק פון אנדערע, איז גאר קיין עולה ניט, אז זי טוט עס.

מ'האט דאך קיין פאראיבעל ניט אויף א פרוי — זאגט ער, ווען זי טוט אן פערל און אוירינגלאך, און רינגען אויף די פינגער מעהר ניט זיך שענער צו מאכן, טא פארוואס ניט אויך א ביסעל פארב און קאסמעטיקס, וואס פרויען האבן באנוצט פון אייביג אן?

די צרה איז נאר — זאגט ער — וואס די מייסטע מיידלעך האבן ניט קיין זין פאר פראפארציע און קיין עסטעטישן געשמאק; זיי האבן קיין מאס און קיין אויג פאר די שעהנקייט פון נאטירליכע קאלירן, כאפן זיי איבער די מאס און מאכן פון זיך פארזעהענים.

ווען איך געה אין גאס און באגעגן א מיידעל מיט פלאמען־

רויטע ליפּן, מיט אַ קינסטליך־בלאַסן פּנים, און רויט אויף די „טשיק־באָונס", מיט אַ קינסטליכן שאָטן אונטער די אויגן, ווייס איך אַז דאָס איז אַ וואולגאַרע באַשעפעניש, אָהן אַ סימן פון געשמאַק, אָהן אַ זין פאַר פּאַסיגקייטן אָדער אמת'ע שעהנקייט.

זי האָט בלויז איין פאַרלאַנג — צו ציהען אויף זיך די אויגן פון פאַרבייגעהער. זי האָט אַקוראַט אַזוי גוט געקענט דערגרייכן דעם ציל ווען זי זאָל זיך אָנהענגען אַ רינג אויפ'ן נאָז ווי די אַפריקאַנער פרויען אין די ווילדעסטע געגנדן פון אַפריקאַ.

ווען אַ פרוי הענגט אויף זיך אָן פּערל, און אוירינגען, און דימענטענע רינגען אויף אַלע פינגער און געהט אַרום ווי אַ לעבעדיגע אַדווערטייזמענט פאַר אַ דזשועלערי סטאָר, איז זי וואולגאַר געוויג; אָבער די פלאַם־פייערדיגע ליפּן מיט געפאַרבטע באַקן און געקאַלכטע נעזער איז גאַרניט צו פאַרגלייכן דערמיט.

דאָס איז דער סאַמע שפּיץ פון וואולגאַריטעט.

איך אורטייל די איידעלקייט און די אינטעליגענץ פון אַ מיידעל נאָך די פאַרבן אויף איהר פּנים און די פּאַרפומען וואָס זי באַנוצט.

אַן אינטעליגענטע מיידעל מיט אַן אמת'ען גוטן געשמאַק וועט באַנוצן אַ קאַפּעלע פּוידער און אַן אָנצוהערעניש פון רוזש אויף אַזאַ אופן, אַז די נאַקעטע אויג קען דאָס ניט דערקענען. דאָס מיינט קונסט.

און פּאַרפום וועט זי באַנוצן בלויז אַן אָנצוהערעניש, אויב זי האָט עס נויטיג.

ווען אָבער בלוט־רויטע ליפּן גיבן מיר אַ בלאַסק אין די אויגן, און אַ ריח פון אַ גאַנצער אַפּטייק גיט מיר אַ „שלאָג צו דער נאָז", ווייס איך, אַז דאָס איז אַ גראָבע באַשעפעניש, אָהן אַ געשמאַק.

זעהר אָפט באַגעגענט מען מיידלאָך מיט רויט־געפאַרבטע ליפּן פון וועלכע אַ טייל פאַרב איז אָפּגעקראָכן אָדער אָפּגעלעקט, איז ניטאָ קיין העסליכערע זאַך ווי דאָס.

זיי דערגרייכן אַקוראַט דעם פאַרקערטן ציל פון דעם וואָס זיי זוכן. אַנשטאָט צוצוציהען, שטויסן זיי אָפּ פון זיך.

אַ צעהנדליג אַנדערע בריף פון יונגע און פון אַלטע דריקן אויס די זעלביגע אַנזיכטן. בלויז איין־איינציגער בריף, קענטיג פון אַ לעבעדיגן חברה־מאַן, דריקט אויס צופרידענהייט מיט דער מאָדע פון רוזש און ליפּסטיק.

און דער אַרגומענט וואָס ער גיט אָן פאַר זיין מיינונג איז קוריאָז. ער זאָגט אַזוי:

ווערטהער דר. קלאָרמאַן: —

מיר געפעהלט זעהר די רויטע ליפּן און רויטע באַקן. דאָס איז מיר בעסער געפעהלן ווי די בלאַסיגע ריהר־מיך־ניט־אָן מיידלעך, וואָס קושן מיר אַלע מאָל אויס צו וואָכעדיג.

אז איך זעה אַ מיידל מיט רויטע ליפּן און רויטע באַקן, ווייס איך, אַז זי וויל איך זאָל קוקן אויף איהר, און דאַרף ניט האָבן קיין צופּיל צערעמאָניעס.

אָבער מיט די ניט־געפאַרבטע ווייס איך קיינמאָל ניט וואו איך בין אין דער וועלט. איך ווייס ניט ווי מ'דאַרף צוטרעטן צו זיי.

דערפאַר זיינען מיר רויטע ליפּן און רויטע באַקן געפעהלן, און וואָס רויטער אַלץ בעסער.

א בחור.

דער בחור, זעהט מען, איז פון דעם זעלביגן שלאַג ווי די מיידלאך פון די פלאַמענדיגע ליפּן.

פון זיינעטוועגן טוען זיי דאָס; פון זיינעטוועגן מאַכן זיי זיך פאַר קאַליקעס, ווייל די באַנוצונג פון פאַרבן און פודרע מוז האָבן אַ שעדליכע ווירקונג אויף די הויט.

און דער „בחור" דערגרייכט מיט זיין אַרגומענט אויך דעם ענטגעגענזעצטן ציל פון דעם וואָס ער האָט געוואָלט באַווייזן.

מ'דאַרף ניט האָבן קיין שטאַרקערן אַרגומענט געגן דעם געברויך פון רוזש און ליפּסטיק ווי דעם אַרגומענט פון אָט דעם בחור.

אַ „קאָמסאָמאָלעץ" געפעלט ניט אַמעריקא

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

אַלס איינער פון אייערע לעזער וויל איך אייך פרעגן, ווי אַזוי איך קען קומען צוריק אין רוסלאַנד. איך בין אין אַמעריקא פינף יאָהר; געקומען אהער צו מיין פאָטער פון אַ קליין שטעדטעל אין רוסלאַנד. געוועהנליך, פאַר דער לעצטער צייט אין רוסלאַנד בין איך ערצויגן געוואָרן אין קאָמוניסטישן גייסט. געקומען אהער האָב איך אויסגעפונען אַז דאָס לעבן דאָ איז גאַנץ אַנדערש. מיין פאָטער וויל ניט אַז איך זאָל האָבן צו טאָן מיט קאָמוניסטן. איך האָב שוין עטליכע מאָל געוואָלט פאַרגעסן, אָבער ווי קען מען פאַרגעסן אַ זאַך אויף וועלכע מ'האָט אוועקגעגעבן די יונגע יאָהרן. איז שוין עטליכע מאָל געקומען צו אַ קריג. דערפאַר האָב איך באַשלאָסן צו פאָהרן צוריק קיין רוסלאַנד. אויף צו פאָהרן האָב איך מיין געלד, נאָר איך ווייס ניט צי מען וועט מיך אריינלאָזן. וויל איך איהר זאָלט מיר זאָגן וואוהין דאַרף מען זיך ווענדן. איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין.

ל. רעזניק.

ווען איהר זאָלט זיך ווענדן צו דעם „אַמטאָרג“, וואָס איז אין אַמעריקא דער פאַרטרעטער פון רוסישן מסחר מיט אַמעריקא, און זיי ערקלעהרן אז אין אייך געהט דאָ פאַרלאָרן א געטרייער „קאָמסאָמאָ-ליעץ“, קען מעגליך זיין, אז זיי זאָלן זיך פאר אייך „זאַסטופּאַיען“, און אויסרווירקן אז מ'זאָל אייך אין רוסלאנד אריינלאָזן.

דאָס איז דער ענטפער אויף דער פראגע וועלכע איהר האָט גע-פרעגט.

איצטער וועל איך מיר ערלויבן צו זאָגן אייך עטליכע ווערטער אויף פראַגן וועלכע איהר האָט ניט געפרעגט, נאָר וועלכע פרעגן זיך פון זיך אַליין.

וואָס איז אייגענטליך די „זאַך“, אויף וועלכע איהר האָט אוועק-געגעבן אייערע יונגע יאָהרן אין דעם קליינעם רוסישן שטעדטל פון וואַנען אייער פאָטער האָט אייך ארויסגענומען?

אויב די זאַך איז „נאַאוקאַ“, לערנונג, האָט איהר דאָ אין אמע-ריקא די זעלביגע זאַך. די זעלביגע פיזיק, די זעלביגע כעמיע, די זעלביגע מאַטעמאַטיק און נאָך פיל בעסער ווי אין רוסלאנד.

דער באַווייז איז, אז סאָוויעט רוסלאנד באַציהט פון אמעריקא „ספּעצן“, ספּעציאַליסטן, אין אלע צווייגן פון מעכאַניק, טעכניק, און וויסענשאַפט און זי צאָהלט זיי גרויסע „זשאַלאָוואַניעס“.

ערשט אין די לעצטע צייטן האָב איך געהערט פון א זיכערע קוועלע אז די סאָוויעטסקע רעגירונג זוכט פון אמעריקא א געלעגט, וואָס זאָל קענען ריידן אידיש אָדער רוסיש, אויב ביידע שפּראַכן איז נאָך בעסער.

זעהט מען דערפון, אז אין רוסלאנד וויים מען, דאָס אין אמעריקע לערנט מען די זאַכן גרינטליך. איז אויב איהר בענקט נאָך דער רו-סישער ערציהונג אין „נאַאוקאַ“, איז דאָס נאַריש, ווייל דאָ קען מען בעסער לערנען ווי אין רוסלאנד.

אויב די „זאַך“ איז ארבייט, האָט איהר וואַרשיינליך געפונען ארבייט אויך אין אמעריקאַ.

ס'איז אמת, אז דאָס לעבן איז דאָ גאַנץ אנדערש. דאָ דאַרף מען ניט שטעהן אין ליניע מיט דער ברויט-קאַרטע אָדער צוקער-קאַרטע, און מען עסט דאָ ווייס ברויט צו-זאַט אפילו אין אָרימען אופן, און מען וואוינט דאָ פיל געראמער, און ריינער, אלס אין די רוסישע שטעדטלעך, און מען טראָגט גאַנצע שיך, און וועניגסטענס איינמאָל א וואָך נעהמט מען א באָד.

נאַטירליך זיינען דאָס אלץ עסקים פאר די „בורזשויעס“, אָבער די קאָמוניסטן שטרעבן דאָך אויך דערצו, ווילן דאָך אויך די אַלע

זאכן, איז דאָך אַ סימן אַז דאָס זיינען אַלץ גוטע זאכן וואָס איז ווערט צו האָבן.

עס לעגט זיך ניט אויפ׳ן שכל אַז איהר זאָלט בענקען נאָך די ענגשאַפט, די פאַרוועריםטקייט, די אָפּגעריסענקייט פון דעם קליינעם שטעדטעל אין רוסלאַנד.

וועט איהר מן הסתם זאָגן, אַז דר. קלאָרמאַן איז אַ „בורזשוי" און אַ „נעפּמאַן", און פאַרשטעהט ניט דעם אידעאַל פון קאָמוניזם, דעם גייסט פון קאָמוניזם, די „זאַך" נאָך וועלכע איהר בענקט.

איז אָבער ווידער אַ פראַגע, וואָס קענט איהר טאָן פאַר אייער אידעאַל, וואָס האָט איהר געלערנט, און מיט וואָס קענט איהר זיך ניצליך מאכן צו דעם קאָמוניסטישן אידעאַל אין רוסלאַנד?

אויב איהר וואָלט אין די פינף יאָהר וואָס איהר זייט אין אַמעריקא דערלערנט גרינדליך די מלאָכה פון טעכניקעל אינדזשעניר, אָדער עלעקטריקעל אינדזשעניר, אָדער כעמיקער — אַזעלכע אַר-בייטן וואָס רוסלאַנד פאָדערט — וואָלט איהר געקענט זאָגן אַז איהר וועט אַרבייטן פאַר אייער אידעאַל.

איהר וואָלט דאמאָלס אויך גאָר קיין שוועריגקייטן ניט געפונען אריינצוקומען צוריק אין רוסלאַנד. מ׳וואָלט אייך איינגעלאַדן צו קומען.

איך קען וועטן, דאָס בענקענדיג נאָך אייער רוסישן אידעאַל האָט איהר אין די פינף יאָהר אַפילו פאַרנאַכלעסיגט צו דערלערנען ענגליש ווי עס געהער צו זיין, אַז איהר זאָלט כאָטש קענען זיין אַ גוטער „פּערעוואָדטשיק".

איך צווייפעל אַפילו צי איהר קענט גענוג רוסיש צו איבער-זעצן פון ענגליש אין רוסיש.

וואָס-זשע וועט איהר טאָן אין רוסלאַנד פאַר אייער אידעאַל, און וואָס איז די „זאַך" נאָך וועלכע איהר בענקט אַזוי?

און אויב אייער כוונה איז צו אַרבייטן פאַר אייער קאָמוניס-טישן אידעאַל, איז אייער פאָטער גערעכט וואָס ער וויל ניט אַז איהר זאָלט דאָ האָבן צו טאָן מיט די היגע קאָמוניסטן.

די אַמעריקאַנישע קאָמוניסטן אַרבייטן ניט פאַר אַ אידעאַל; זיי ליאַרעמען נאָר, און מאַכן אַן טראָבעל בלויז אין איין אידישן ווינקעלע אין ניו יאָרק. זיי טוען קיין זאַך ניט אויף פאַר רוסלאַנד. זיי ברענגען נאָר אויס אומזיסט רוסיש געלד.

טאָ וואָס פאַר אַ נוץ קענט איהר ברענגען צו אייער אידעאַל מיט אייער חבר׳ן זיך מיט די קאָמוניסטן אין אַמעריקא?

רוסלאַנד נויטיגט זיך איצטער אין טעכניקער, אין מענשן ספּע-

ציאַליסטן אין זייער פאך. ניט־געלערנטע אַרבייטער האָט רוסלאַנד גענוג.

אויב אַפילו מ׳זאָל אייך איצט אריינלאָזן אין רוסלאַנד וועט איהר ניט זיין קיין אַנגענומענער גאסט, ווייל איהר ברענגט קיין זאך ניט וואָס קען דאָרט צוניץ קומען — בלויז אַ מויל צום עסן און אַ מאָגן צום הונגערן.

אויב איהר זייט אַן אַמעריקאַנער סיטיזען וועט איהר וואהר־שיינליך נאָך צוויי יאָהר פאַרלירן אייער סיטיזענשיפּ, און עס איז אַ גרויסע פראַגע אויב איהר וועט קענען צוריקקומען אין אַמעריקאַ.

אויב איהר זייט ניט קיין סיטיזען, וועט איהר אוודאי צוריק ניט קענען קומען.

ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז ווען מען איז זאַט, און מען האָט אַ באַ־קוועמע היים, דענקט מען אַז מען איז גרייט צו הונגערן און צו ליידן פאַר אַן אידעאַל. דער אמת אָבער איז, אַז ווען מען הונגערט און מען איז אין נויט, קריכט ניט קיין אידעאַל אין קאָפּ, נאָר מען קלערט ווי אָנצופילן דעם מאָגן.

איך וויל אייך ניט אָפּריידן פון שטרעבן צו אייער אידעאַל. אַזאַ שטרעבונג איז אַלע מאָל שעהן, וואָס דער אידעאַל זאָל ניט זיין, אויב מ׳גלויבט אַז דאָס איז צום גוטן פאַר די מענשן.

אָבער פריהער מאַכט פון זיך אַליין אַ ניצליכן מענשן, צו קענען דינען דעם אידעאַל. דאָ אין אַמעריקאַ האָט איהר די געלעגענהייט.

איהר זאָגט ניט ווי אַלט איהר זייט, אָבער איך זעה נאָך אייער שרייבן אַז איהר זייט נאָך אַ יונגער אינגעל. האָט איהר נאָך צייט צו געהן אין די נייט־סקולס, אָפּצושפּאָרן פון אייער אַרבייט ביי־טאָג גענוג פאַר אייער עדיוקיישאָן.

איהר קענט געהן אין אַ טעכניקעל סקול און דערלערנען אַ ניצליכע פּראָפעסיע פון דעם סאָרט וואָס רוסלאַנד האָט נויטיג.

דאמאָלס וועט איהר קענען דינען אייער אידעאַל, און נאָך קריגן גוט באַצאָהלט דערפאַר אין טשערוואָנצעס.

דאָרפט איהר אייך מיט אייער פאָטער ניט קריגן. עס איז איהם מן הסתם אָנגעקומען גענוג שווער אייך ארויסצוקריגן אַ הונגעריגן, אַ נאַקעטן, פון דעם קליינעם שטעדטעל, און אייך ברענגען אין אַמעריקאַ.

אַפילו אַ „קאָמסאָמאָלעץ” דאַרף האָבן אַ מענשליך געפיהל פון דאַנקבאַרקייט.

דאַרף אַ פרוי באַלאַנגען צו סאָסייעטיס?

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

מיר זיינען צוויי שוועסטער,ביידע פאַרהייראַט. אונזערע מענער זיינען שותפים אין ביזנעס. מיר האָבן ביידע צו צוויי קינדער און וואוינען אין א דופּלעקס אפּאַרטמענט הויז אין ברוקלין. איך באַלאַנג צו עטליכע סאָסייעטיס. אייניגע פון זיי טוען טשאַריטי ארבייט. א פאַרפאַרנעמען זיך מיט שפּילן ברידזש א פּאָר מאָל א וואָך, און אמאָל מאַכט מען א קאָנצערט און א דענס. מיין מאַן האָט גאָר ניט דאַגעגן, ווייל מיין הויז און מיינע קינדער ווערן גוט אטענדעט, און איך גײה צו די מיטינגס ווען מיין מאַן געהט צו פריינדע שפּילן א פּינאָקל, אָדער ער געהט צו זיינע מיטינגס. אמאָל בלייבט ער צו־הויז מיט די קינדער. אָבער ער טוט עס גערן, ניט ווייל ער מוז. רייד איך צו מיין שוועסטער אז זי זאָל באַלאַנגען מיט מיר צו א פּאָר פון מיינע סאָסייעטיס, ענטפערט זי מיר, אז זי וויל ניט קיין אַנדער סאָסייעטי ווי פון איהר מאַן מיט די קינדער, און איהר פּלאַץ איז ביי זיך אין דער היים. און איך זאָג א פרוי איז אויך א מענש און דאַרף קומען צווישן מענשן און פאַרברענגען אמאָל אין סאָסייעטי, ווייל דאָס גיט צו פאַרגעניגן אין לעבן. האָבן מיר יענע וואָך געהאַט אַן ארגומענט וועגן דעם. אונזערע מענער זיינען געווען דערביי, אָבער זי האָבן ניט געוואָלט זאָגן ווער פון אונז איז גערעכט. איינער האָט געזאָגט אז מיר זאָלן דאָס פרעגן ביי דר. קלאַרמאַן. שרייבן מיר צו אייך און בעטן אייך צו זאָגן ווער פון אונז איז גערעכט. צוויי שוועסטער.

איהר האָט געהאַט אַן ארגומענט, ביידע שוועסטער, און אייערע מענער האָבן גאָר ניט געהאַט צו זאָגן, און האָבן ניט געוואָלט ענטשיידן. דאָס איז א טשיקאַווע זאַך.

דאָס פיהרט מיך ארויף אויף דעם געדאַנק, דאָס איין מאַן איז ניט אַן גאַנצן צופרידן וואָס זיין ווייב באַלאַנגט צו אַזוי פיל סאָ־סייעטיס, און דער צווייטער איז ניט זעהר צופרידן וואָס זיין ווייב זיצט שטענדיג אין דער היים. דערפאַר האָבן זיי קיין זאַך ניט געקענט אריינזאָגן.

עס איז זעהר מעגליך, אַז ווען איין שותף באַקלאָגט זיך פאַר דעם צווייטן וואָס זיין ווייב לויפט צו אַזוי פיל מיטינגס, ברידזש־פּאַרטיס און דענסעס, הויבט זיך דער צווייטער שותף אָן צו באַ־קלאָגן, וואָס זיין ווייב איז שטענדיג צו הויז און נעמט קיין אינ־טערעסע אין וועלכע אַנדערע זאַכן אויסער די הויז.

דאָס נייטראַליזירט די טענות פון די מענער און זיי לאָזן די

פרויען צו־רוה און האָבן מיט זיי ניט קיין אַרגומענטן וועגן דעם. זיי האָבן ניט געקענט ענטשיידן, ווייל ווי זיי וואָלטן ענטשידן וואָלט אין איין פאַמיליע ארויסגעקומען אַ פּאַראַיבעל צווישן מאַן און ווייב.

אָבער אַן אונפּאַרטייאישער ריכטער וועט אָהן צווייפעל געפינען, דאָס די שוועסטער וועלכע זאָגט אַז „אַ פרוי איז אויך אַ מענש״, און דאָס זי דאַרף נעמען אינטערעסע אין געזעלשאַפטליכע זאַכן, האָט דעם שטאַרקערן אַרגומענט אויף איהר זייט.

איהרע ערשטע פליכטען זיינען זעלבסטפאַרשטענדליך צו איהר מאַן און איהרע קינדער. אָבער נאָכדעם ווי זי באַזאָרגט איהר הויז, און די קינדער, און האָט געגעבן דעם מאַן עסן, בלייבט איהר נאָך פרייע צייט, איז געווים רעכט אַז זי זאָל געבן די פרייע שטונדן צו דער געזעלשאַפט.

מענער אַטענדן צו זייערע ביזנעס, און געפינען צייט פאַר געזעלשאַפטליכע אינטערעסן אויך. זיי נעמען אַנטייל אין אַלערליי וואוילטעטיגע און קולטורעלע אונטערנעמונגען; זיי געהען צו לעקטשורס, צו פאָרשטעלונגען אין טעאַטער, צו מאַסמיטינגס א. ז. וו. פאַר וואָס זאָלן דאָס אויך פרויען ניט טאָן.

מיר האָבן אין אַמעריקא גרויסע פרויען־אָרגאַניזאַציעס וועלכע טוען אויסגעצייכענטע געזעלשאַפטליכע אַרבייט. אויב אַלע פרויען וואָלטן געווען הויז־זיצערקעס, ווער וואָלט געטאָן די געזעלשאַפטליכע אַרבייט?

אָבער עס איז דאָ נאָך אַ פיל שטאַרקערער אַרגומענט פאַר וואָס אַ פרוי זאָל ניט שטענדיג זיצן צו־הויז, און פאַר וואָס זי זאָל זיך באַטיילינגן אויך אין געזעלשאַפטליכע אינטערעסן.

זיצענדיג אימער אין דער היים, אין דעם ענגען קרייז פון מאַן און קינדער, און באַשעפטיגענדיג זיך בלויז מיט די קליינליכע אינטערעסן פון הויז־פיהרונג, טאָג־איין, טאָג־אויס, מוז מען ווערן אָפּגעשטומפּט און גלייכגילטיג צו די פּאַסירונגען אין דער וועלט.

דער מאַן האָט זיינע ביזנעס וועלכע ברענגט איהם טאָג־טעגליך אין באַריהרונג מיט מענשן. אפילו אָהן כוונות צו לערנען, נעמט ער זיך אַן מיט פרישע ערפאַהרונג; אויב ער האָט קיין צייט צו לעזן, הערט ער וואָס מענשן ריידן, ער ווייס וואָס עס טוט זיך אַרום איהם.

דער מאַן וואַקסט, די פרוי בלייבט הינטערשטעליג. זי אינטערעסירט זיך ניט מיט די זאַכן מיט וועלכע ער אינטערעסירט זיך.

אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען יונג, און די קינדער זיינען נאָך קליין, האָט די פרוי גענוג אינטערעסע ביי זיך אין הויז.

אָבער ווען די קינדער וואַקסן אונטער און דאַרפן ניט מעהר איהר פאַרזאָרגונג, און דער מאַן פיהלט זיך לאַנגווייליג מיט אַ פרוי מיט וועלכער ער האָט קיין אַנדער זאַך איבער וואָס צו ריידן אויסער די הצטרכות פון הויז, דאַן הויבט די פרוי אָן פיהלן איהר איינ-זאַמקייט, און הויבט אָן באַדויערן וואָס זי האָט פאַרנאַכלעסיגט אין די אינגערע יאָהרן.

קומענדיג צווישן מענשן לערנט מען וואָס, שלייפט מען זיך, פאָלירט מען זיך, מ'ווערט ברייטער אין מח און מ'קריגט אַ ווייטערן בליק.

מ'נעמט אריין באַגריפן וועגן מענשליכע פריידן אוןליידן, מ'לערנט ווי אַזוי צו העלפן, און לערנענדיג ווערט מען קליגער, ערפאַהרענער.

דאָס איז עהנליך צו דעם פּראָצעס דורך וועלכן דער טשיינימאַן מאַכט די ביליאַרד באָלס פון עלפענביין.

דער טשיינימאַן הובעלט ארום שטיקער עלפענביין, אַז זיי זאָלן זיין רונד, אָבער זיי זיינען ניט גלאַט, ניט פּאָלירט. לעגט ער זיי אריין, פילע צוזאַמען, אין אַ זאַק, און קערט זיי, און רייבט זיי אַזוי לאַנג ביז זיי ווערן גלאַט, אָפּגערונדעט און פּאָלירט.

אַזוי זיינען אויך מענשן. וואָס מעהר זיי קומען אין באַריהרונג איינער מיט דעם אַנדערן, וואָס מעהר זיי באַגעגענען זיך, און קלאַפּן זיך און רייבן זיך איינער אָן דעם צווייטן, אַלץ גלאַטער און פּאָ-לירטער קומען זיי ארויס.

עס זיינען דאָ פרויען וועלכע וואַרפן זיך אריין אין געזעלשאַפט-ליכע אַרבייטן און געזעלשאַפטליכע תענוגים מיט אַזאַ ברען, אַז זיי פאַרנאַכלעסיגן די הויז און דעם מאַן און קינדער.

דאָס פיהרט אָפט צו דעם חורבן פון אַ פאַמיליע.

עס זיינען דאָ אַנדערע פרויען וועלכע ווילן פון דער וועלט גאָר ניט וויסען, און זיינען בלויז אריינגעטאָן אין זייער קיך, אין זייער מאַן און קינדער, און זוכן גאָר ניט קיין אַנדערע אינטערעסן.

דאָס איז ניט ווייניגער אומגליקליך, הויפּטזעכליך פאַר די פרוי אַליין.

אַז וואויל איז צו דער פרוי וועלכע ווייס צו געפינען דעם גאָל-דענעם מיטעלוועג, צו ערפילן ריכטיג איהרע פליכטן אַלס פרוי און מוטער, און צו האָבן גענוג צייט פאַר געזעלשאַפטליכע אינטערעסן אויסערהאַלב די הויז.

זי איז די ריכטיגע אשת חיל, וועלכע איז טייערער פון רובינען.

ווענן עפענען פרעמדע בריף

ווערטער דר. קלאַרמאַן:

איך וואוין ביי אַן אַנקעל וועלכער האָט מיך אריבערגעבראכט פון איירָאָפּאַ, האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ גוטע שטעלע, און באַהאַנדעלט מיך ווי אַן אייגן קינד. פאַרשטעהט זיך, אַז איך בין מיין אַנקעל זעהר דאַנקבאַר און האָב איהם אויסער דעם אמת ליב. נאָר איין זאַך פאַרשאַפט מיר פאַרדראָס. מיין אַנקעל האָט אַ טבע צו עפענען מיינע בריף. ער איז בטבע אַ נייגעריגער מענש. ער טוט אויך דאָסזעלבע צו די בריף פון מיין קאָזין, זיין דערוואַקסענעם זוהן. ווען מיין קאָזין און איך האָבן באַשלאָסן צו נעמען אַ פּאָסט־אָפיס באָקס, האָט זיך דער אַנקעל געפיהלט געקרענקט. איך וואָלט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט געוואָלט פאַרשאַפן ערגערנים צו מיין אַנקעל, נאָר איך וואָלט איהם געוואָלט מאַכן פאַרשטעהן ווי אונריכטיג עס איז צו עפענען אַן אַנדערענס בריף, אפילו פון אייגענע דערוואַקסענע קינדער. פליז, זאָגט מיר, ווי זאָל איך עס טאָן אויף אַן איידעלן אופן.

א. ש.

מיר שיינט, אַז דער איידעלסטער אופן אויף וועלכן איהר קענט דאָס טאָן איז, דורכצופיהרן אייער באַשלוס פון נעמען אַ באָקס אין פּאָסט אָפיס, און ניט ברענגען אייער גוטן אַנקל צו דעם נסיון, פון וועלן עפענען אייערע בריף.

יעדער אַנדער וועג קען נאָר פיהרן צו ארגומענטן, איבער־ריידענישן, ערקלערונגען, און פיליכט אויך צו בייז בלוט, און עס וואָלט געווען צו באַדויערן אַן אויספאַל צווישן קרובים אין אַזעלכע גוטע באַציהונגען.

עס וואָלט געווען ניט לייכט צו ערקלערן אייער אַנקל דעם פרינציפּ פון ניט טאָרן עפענען בריף וואָס זיינען אַדרעסירט אפילו צו „אייגענע מענשן״, ווייל ער זעהט ניט אין דעם קיין עוולה.

ער וואָלט זיך וואַרשיינליך ניט ערלויבט צו עפענען אַ בריף, וואָס איז אַדרעסירט צו אַ ווילד־פרעמדן. דאָס וואָלט ער זיכער יאָ באַטראַכט פאַר אַ ניט־פּאַסיגע זאַך;

דען יעדער איינציגער באַגרייפט, אַז צו לעזן אַ בריף וואָס איז באַשטימט פאַר אַן אַנדערן, אָהן יענעמ׳ס ערלויבניש, איז אַקוראַט ווי צוצולייגן דעם אויער צו אַ שליסל־לאָך, זיך איינצוהערן וואָס פרעמדע מענשן ריידן.

ביי אַלע ציוויליזירטע מענשן ווערט „אונטערהאָרכן״ און „שפּיאָנירן״ באַטראַכט אלס איינע און די זעלבע זאַך, און גאָר ניט קיין אנשטענדיגע זאַך.

אָבער אייער אַנקל טראַכט זיך געוויס, אַז צווישן אייגענע

מענשן אין דערזעלביגער פאמיליע, איז סאי ווי סאי ניטא קיין סודות און עס דארף ניט זיין קיין סודות, טא פארוואס זאל ער ניט בא־פרידיגן זיין נייגירדע ווען איהם ווילט זיך וויסן וואס עס שטעהט אין אייער בריף?

עס פארשטעהט זיך, אז דאס איז א פאלשע לאגיק; דען אנגע־נומען אפילו אז צווישן אייך און איהם זיינען ניטא קיין סודות, מעגן אבער זיין סודות, אדער אינטימע זאכן, צווישן אייך און די אנדערע וועלכע שרייבן צו אייך — זאכן וועלכע זיינען נאר באשטימט פאר אייך אליין און וועלכע מ'וואלט אייך פיליכט ניט געשריבן אויב מען זאל וויסן אז נאך ווער־עס־איז קוקט אריין אין דעם בריף.

די ערפאהרונג פון טויזענדע יאהרן, זינט מענשן האבן אנגע־הויבן שרייבן, האט געלערנט מענשן צו זיין פארזיכטיג מיט דעם געשריבענעם ווארט. אלע פעלקער האבן שפריכווערטער וועגן דעם.

און זינט דער בריף־וועקסל דורך פאסט האט זיך פארברייטערט אין דער וועלט, האט די ערפאהרונג אויך געלערנט, דאס גרויסע צרות קומען ארויס אפט ווען בריף פאלן אריין אין פרעמדע הענט — צרות וואס צושטערן פריינדשאפטן, צורייסן פאמיליען, און מאכן אן אלערליי חורבנות.

דערפאר איז אנגענומען אזוי פעסט דער כלל ביי אלע ציוויליזירטע מענשן, דאס עפענען אן אנדערנס בריף, אפילו אהן א בייזער כוונה, איז ניט אנשטענדיג און ניט ערענטליך.

א חוץ דעם איז דא וועגן דעם א שטרענגער פארבאט אין די פאסט־געזעצן פון אלע לענדער.

און ביי אונז אידן פלעגט מען אויך זיין אפגעהיט וועגן דעם. ווער געדענקט ניט די בריף וואס אונזערע טאטעס און זיידעס פלעגן אמאל איבערשיקן דורך רייזנדע, צוזאמענגעקנייטשטע, אפענע, אהן קאנווערטן, אבער אויף איין זייט פון דעם צונויפגעלייגטן בריף איז געשטאנען דאס ווערטל „בחדרג" (בחרם דרבנו גרשן) אלס א שמירה נעגן יעדן נייגעריגן.

דאס קענט איהר פיליכט אייער גוטן אנקל ערקלערן; אויב ער וועט דאס ריכטיג באנעהמען וועט איהר פיליכט ניט נויטיג האבן אייער פאסט־אפיס באקס.

פרויען וואס ארבייטן — ניט אוים נויט.

ווערטער דר. קלארמאן:

אין דעם שאפ וואו איך בין באשעפטיגט זיינען מיר אונגעפעהר זעכציג ארבייטערינס, אונטער זיי עטליכע פארהייראטע פרויען. עס זיינען

אויך דאַ אַלמנות און אַזעלכע וואָס לעבן ניט מיט זייערע מענער. רעכענען מיר זיי צו די אונפּאַרהייראַטע. די עטליכע פּאַרהייראַטע פרויען זיינען בעסער געקליידעט ווי די אַנדערע, ווייל זיי ווערן אויסגעהאַלטן פון זייערע מענער, און קענען אויסגעבן זייערע גאַנצע וויידזשעס אויף קליידער און אויף אייגענע ווינאַדעס. די אונפּאַרהייראַטע וועלכע מוזן צאָהלען רענט און באָארד קענען דאָס ניט. זאָגן פילע מיידלעך אַז עס איז אַ גרויסער אומרעכט פאַר אַ פּאַרהייראַטע פרוי, וועלכע האָט אַ שפּייזער, אַוועקצונעמען אַ דזשאָב פון אַן אָרימער שאָפּ־מיידעל וועלכע יאָגט זיך ארום פון איין שאָפּ אין דעם צווייטן און קריגט ניט קיין ארבייט. אייניגע מיידלעך זאָגן, אַז מ׳מוז סטרייקן און פאָדערן פון באָס ער זאָל אָפּזאָגן די פּאַרהייראַטע פרויען. אַנדערע מיידלעך זיינען געגן דעם. בעטן מיר אייך צו זאָגן אייער מיינונג, צי ס׳איז רעכט אַז פּאַרהייראַטע פרויען וועלכע האָבן מענער וואָס זאָרגן פאַר זיי זאָלן אַוועקנעמען דזשאָבס פון אונפּאַרהייראַטע שאָפּ־מיידלעך. ליזי פּראָס.

די עטליכע יונגע פרויען וועלכע פיינען זיך אויס מיט זייערע בעסערע קליידער און מיט זייער „עשירות", באַגעהען פּיליכט אַ טאַקטלאָזיגקייט, אָבער צו מאַכען אַ סטרייק צוליב דעם וואָלט געווען די לעכערליכסטע זאַך וואָס די מיידלעך קענען טאָן.

און אויב אפילו עס וואָלט זיך זיי איינגעגעבן צו צווינגען דעם באָס זיי אָפּצוזאָגן, וואָלט אַזאַ „רול" געגען פּאַרהייראַטע פרויען געווען אַ פיל גרעסערע עוולה ווי די ווייבלעך באַגעהען געגן שאָפּ־מיידלעך וואָס זוכן ארבייט.

מאַנכע יונגע פּאַרהייראַטע פרוי, וואָס איהר מאַן פאַרדינט ניט גענוג אויסצוהאַלטן פרוי און קינד, נויטיגט זיך אָפט אין אַ דזשאָב פּיליכט מעהר אַלס אַ שאָפּ־מיידל וועלכע דאַרף נאָר אויסהאַלטן זיך אַליין.

די מיידלעך וועלכע ווילן סטרייקן וואָלטן אַליין אויך געוויס סימפּאַטיזירט מיט אַ מוטער פון בייבים, וועלכע מוז געהן ארבייטען, אַנשטאָט צו פיהרן איהר הויז, און באַזאָרגן דורכ׳ן טאָג איהרע בייבים.

פילע מוטערס וועלכע געהען ארבייטן מוזן מיט שווערע הערצער איבערלאָזן זייערע בייבים אין די נוירסעריס, און געהן פאַרדינען.

אַזעלכע סטרייקס וואָלטן געווען ניט בלויז לעכערליך, נאָר אויך אונמעגליך. קיינער וואָלט זיי ניט גענומען ערנסט, און יעדערער וואָלט עס אויסגעטייטשט דאָס נאַרישע מיידלעך סטרייקן, ווייל זיי זיינען מקנא די עטליכע וואָס טראָגן בעסערע קליידער.

א פארהייראטע פרוי האט אקוראט אזא רעכט צו ארבייטן און פארדינען ווי א ניט־פארהייראטע; און דעם כלל מעג מען אננעמען אז ווען א פארהייראטע פרוי געהט ארבייטן, איז דאס דער בעסטער סימן אז זי האט נויטיג דאס געלט. מ׳געהט ניט ארבייטען אין א שאפ בלויז צום צייט־פארטרייב.

פילע מיידלעך הייראטן ארימע יונגע לייט, מיט דער פאר־אויסגעגאנגענער באדינגונג, אז נאך דער חתונה זאלן ביידע אר־בייטן און שפארן כדי צו קומען צו א תכלית.

אויב די מיידלעך זאלן דורכפיהרן אזא סטרייק, וואלטן זיי פיליכט פאר זיך אליין אויסגעשלאסן אזעלכע טשאנסעס.

דערפאר ראט איך אייך, שוועסטערל, איהר זאלט בארוהיגן אייערע חבר׳טעס אין שאפ, און זיי זאגן, אז זיי זאלן זיך ניט נאריש מאכן מיט אזא סטרייק.

יושר צווישן צוויי ברידער

ווערטער דר. קלארמאן:

איך האב מיינע צוויי זיהן אריינגעפיהרט אין א האטעל־ביזנעס, מיט א ליעס אויף דריי יאהר, און די ביזנעס איז ליידער שלעכט געגאנגען. דער עלטערער איז א פאמיליען־מאן, און לויט אפמאך האט ער אריינ־געלעגט פיל מעהר געלד אלס דער אינגערער, וועלכער איז סינגעל. איצט איז שוין דער דריטער סיזאן צו ענדע, און דער דעפיציט איז באדייטענד. דער אינגערער האט א טשאנס צו נעמען א פאזישאן און פארדינען דרייפיר טויזענד דאלאר א יאהר. זאגט ער, אז ער קען ניט לאזן זיין ברודער אין שטיך ביז דער ליעס וועט זיין צו ענדע. דער עלטערער האט פארלארן פיל געלד, און האט זיך ניט פאר וואס צו נעמען. מיר טוט יועה דאס הארץ אויף ביידן, אבער איך האב צוגעזעהן ווי מיין אינגערער זוהן איז ארומגעגאנגען שלינג־און־שלאנג צוויי ווינטערן, האט זיך ענט־זאגט פון אננעמען אנדערע פאזישאנס און האט אויך ניט גענומען קיין געלד פון עלטערן ברודער אויף א סוט. דענק איך, אז דער אינ־גערער דארף פארלאזן די האטעל־ביזנעס און זוכן א שטעלע. אבער איך בין ניט זיכער, אז דאס איז ריכטיג. אונזער פאמיליע איז צוטיילט וועגן דעם. בעט איך אייך אונז צו געבן אייער אונפארטייאישן אורטייל, און ווי אזוי די ברידער זאלן זיך אויסאיינאנדערגעהן אז עס זאל ניט בלייבן קיין אורזאכע פאר שנאה. מיר וועלען פאלגן אייער עצה. דער פאטער.

זאלן די צוויי ברידער ענטפערן אויף די פאלגענדע צוויי פראגן, וועט זייער פראבלעם פון א פרידליכן אויסאיינאנדערגעהן זיין גע־לייזט פון זיך אליין.

די ערשטע פראַגע איז, — נויטיגט זיך נאָך די ביזנעס, אין איהר איצטיגן שלעכטן צושטאַנד, אין די דינסט-לייסטונגען און צוהעלפונג פון דעם אינגערן ברודער?

און די צווייטע פראַגע איז — צי וועט זיין אוועקגעהן פון די ביזנעס איצטער, פאַרגרעסערן דעם געלט-פאַרלוסט פון דעם עלטערן ברודער?

אויף ביידע פראַגן דאַרף ניט זיין שווער צו ענטפערן, אויב ביידע ברידער זאָלן זיך פריינדליך דורכריידן, און גענוי באַטראַכטן די אומשטענדן.

ביז איצטער, ווי עס איז צו זעהן פון אייער בריף, האָבן די ברידער עהרליך געהאַנדעלט איינער געגן דעם אַנדערן. יעדערער האָט ערפילט זיינע פאַרפליכטונגען לויט דעם אָפּמאַך.

עס איז זייער ביידנעס אומגליק וואָס די ביזנעס איז ניט אַוועק אַזוי גוט ווי זיי האָבן געהאָפּט, און ביידע ליידן פארלוסט אין געלט, און אין מיה, און אין צייט, יעדערער לויט זיין אינוועסטמענט.

אָבער דער יושר פאָדערט אַז אַן אָפּמאַך זאָל געהאַלטן ווערן אפילו אַז ער איז ניט פּראָפּיטאַבל, און צווישן ברידער, וועלכע זיינען געבונדן דורך פאַמילען-אַנגעהעריגקייט פיל מעהר אַלס דורך דעם ביזנעס-אָפּמאַך, איז דאָס נאָך פיל נויטיגער אַלס צווישן פרעמדע, ווייל ווען דער אָפּמאַך וועט שוין לאַנג זיין פארגעסן, וועלן זיי נאָך אַלץ בלייבן ברידער.

קיין ביזנעס-אָפּמאַך, ווי באַדייטענד ער זאָל ניט זיין, איז ניט אַזוי וויכטיג, אַז צוליב איהם זאָל קומען צוריסענקייט צווישן ברידער.

איז אייער אינגערער זוהן גערעכט ווען ער זאָגט, אַז ער וויל ניט לאָזן זיין ברודער אין שטיך און איהם איבערלאָזן צו דער שלעכ-טער ביזנעס.

אַן אָפּמאַך איז אַן אָפּמאַך, און ביידע ברידער דאַרפן זיין ביי דער ליקווידירונג פון די ביזנעס אַזוי ווי זיי זיינען געווען ביי דער גרינדונג.

אָבער אין דערזעלבער צייט וואָלט עס דאָך געווען אַן אומזין צו קלעפּן צו אַ ביזנעס און פארלירן אומזיסט צייט און ענערגיע, ווען מען ברענגט איהר קיין נוצן ניט, און קיינעם קומט דערפון קיין טובה ניט אַרויס.

מוזן זיי דעריבער ענטשיידן דעם פונקט: צי ברענגט אייער אינגערער זוהן אַ נוץ צו די ביזנעס — ווי קליין ער זאָל ניט זיין — דערמיט וואָס ער קלעפּט צו איהר?

אויב ער ברענגט א נוץ, מיינט דאָס, אז מיט זיין קלעפּן צו די ביזנעס פאַרקלענערט ער דעם געלט-פאַרלוסט פון דעם עלטערן ברודער. דאַן איז זיין פליכט צו בלייבן מיט די ביזנעס ביז׳ן סוף.

אויב ער ברענגט קיין נוץ צו די ביזנעס, און זיין בלייבן מיט איהר פאַרקלענערט ניט דעם פאַרלוסט פון עלטערן נאָך ניט אויף א דאָלער, און זיין בלייבן איז נאָר פון „פרעהליכקייט״ וועגן — מיזערי לאַווס קאָמפּאַני — דאַן האָט זיין בלייבן אין די ביזנעס קיין זין ניט.

דער טויטער בוכשטב פון אן אָפּמאַך וואָס האָט אין גאַנצן פאַרלאָרן זיין ווערט דאַרף ניט קאָנטראָלירן די לעבעדיגע אינטערעסן פון איין צד אָדער פון דעם אנדער צד צו דעם אָפּמאַך.

עס וואָלט געווים ניט געוועזן קיין יושר פון דעם עלטערן ברודער צו זאָגן צו דעם אינגערן: „איך לייד, מוזטו אויך ליידן, כאָטש איך האָב פון דיין ליידן גאָר קיין בענעפיט ניט״.

אויב אייערע זיהן וועלן ענטפערן אויפריכטיג, און מיט באַרעכענונג, אויף די צוויי פראַגן וועלכע שטעהען דאָ פריהער, וועלן זיי קיין אורזאַכע האָבן צו ווערן זיך שונאים. יעדערער וועט האָבן עהרליך נאָכגעקומען זיינע פאַרפליכטונגען.

פליכטן צו דער ווייב׳ס פאַמיליע

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיט זעקס מאָנאַטן צוריק האָב איך געהייראַט א פיינע מיידעל און איך בין מיט איהר זעהר צופרידן. זי איז א ליבע פרוי און אן אויסגעצייכענטע באַלעבאָסטע. מיר וואָלטן געקענט לעבן זעהר גליקליך. האָט זי אָבער באַלד נאָך דער חתונה אריינגענומען אין הויז איהר ברודער, א באָי פון זעכצעהן יאָהר, און צוליב איהם קומען ביי אונז פאָר איבערריידעניש און ערגערניש. דער באָי געהט אין הייסקול. וואָלט ער געוואָלט לערנען און געמאַכט פּראָגרעס, און וואָלט געוועזן א סטאַטעטשנער באָי, וואָס איז דאַנקבאַר פאַר דאָס וואָס מ׳טוט פאַר איהם, וואָלט מיר ניט אַזוי געאַרט. מיר האָבן גענוג פּלאַץ אין אונזערע רומס, און איך וואָלט געוועזן ווילִיג איהם אויסצוהאַלטן. איז ער אָבער זעהר פויל, לערנען וויל ער ניט, פאַלט דורך אין זיינע לימודים, און אין הויז וויל ער פאַר זיך קיין זאַך ניט טאָן, און זיין שוועסטער, מיין פרוי, מוז איהם באַדינען. ער פאָדערט פון איהר געלד אויף עקספּענסעס, און ער גיט דאָס אויס אויף נאַרישקייטן. זאָג איך צו מיין פרוי, אז מ׳זאָל איהם ארויסנעמען פון סקול און ער זאָל זוכן א דזשאָב, אָדער ער זאָל לערנען א טרייד, און זי זאָגט, אז איך בין „סעלפיש״. בעט איך אייך, דר. קלאָרמאַן

איהר זאָלט אונז זאָגן צי בין איך „סעלפיש״, און צי בין איך מחויב אויסצוהאַלטן אַ באַי וועלכער וויל ניט לערנען און איז ניט אַפילו דאַנק־באַר פאַר דאָס וואָס מ׳טוט פאַר איהם.

אהרן.

די פראַגע צי איהר זייט „סעלפיש״ אָדער ניט איז פון פיל קלע־נערער וויכטיגקייט אלס די פראַגע צי איהר ביידע טוט די ריכטיגע זאַך פאַר דעם באַי, צו מאַכן פון איהם אַ מענשן מיט אַ תכלית.

איך נעהם אָן, אַז דער באַי האָט ווארשיינליך קיין אנדער פּלאַץ וואו צו זיין, אַז ניט וואָלט אייער פרוי איהם ניט גענומען צו זיך. ווען מ׳האָט ליב די פרוי איז קיין עוולה ניט ארויסצוהעלפן איהר פאַמיליע.

עס איז געווים אַ שעהנע נאָבעלע האַנדלונג צו פארהעלפן אַ באַי, ער זאָל קענען געהן אין סקול און ווערן אַ מענש.

אָבער אַזוי ווי דער באַי וויל ניט לערנען און איז פויל, און האָט ניט שכל גענוג צו פארשטעהן אַז מ׳וויל איהם העלפן, זייט איהר פאַלשטענדיג גערעכט אין אייער פאָדערונג, אַז ער זאָל לערנען אַ טרייד כדי ניט צו זיין אָנגעוואָרפן אויף אַנדערע.

דאָס איז נויטיג ניט בלויז דערפאַר וואָס איהר זייט ניט מחויב איהם צו האַלטן אומזיסט, נאָר הויפּטזעכליך דערפאַר וואָס אייער פרוי טוט איהם גאָר קיין טובה ניט מיט איהר גוטסקייט צו איהם.

ער געמט זיך אָן מיט פוילע, פּוסט־און־פּאַס׳דיגע געוואוינהייטן, וועלכע וועלן בלייבן ביי איהם דורך זיין גאַנצן לעבן, אויב מ׳וועט איהם איצטער ניט אַרויסרייסן פון זיין פוילקייט און ליידיג־געהן.

זיין מאָראַל ווערט צושטערט דורך דעם וואָס ער געוואוינט זיך צו לעבן אויף דעם חשבון פון אַנדערע, און איז ניט געצוואונגען צו טאָן וואָס פאַר זיך.

אויב מ׳לאָזט איהם אַזוי אָנגעהן נאָך אַ יאָהר אָדער צוויי, וועט ער זיין אַ לא יוצלח, ניט צו גאָט און ניט צו לייט, און עס וועט שווער זיין דערנאָך איהם איינצושפּאַנען אין אַ וועלכע עס איז ניצליכע באשעפטיגונג.

עס איז ניט קיין אונטערשייד, צי דער באַי מאַכט ניט קיין פאָרטשריט אין סקול אוים פוילקייט, אָדער דערפאַר וואָס ער האָט ניט קיין חשק צום לערנען, אָדער דערפאַר, וואָס ער האָט ניט קיין פעהיגקייט צום לערנען.

אַזוי צי אַזוי, איז די בעסטע זאַך פאַר איהם צו ארבייטן, און וואָס גיכער ער וועט אָנהויבן לערנען אַ מלאכה און פארדינען כאָטש אַ טייל פון זיין הוצאה איז אַלץ בעסער פאַר איהם.

ער מוז אָנהויבן פארשטעהן, אַז ער מוז זיך אַליין אויסהאַלטן.

ווי ווייניג ער זאָל ניט פאַרדינען, דאַרף ער עס ברענגען צו דער שוועסטער, אָדער צו אייך, כּדי ער זאָל געווינען דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער צאָהלט פאַר זיין אויסהאַלטונג.

ער מוז לערנען באַצייטענס, אַז מ'קען ניט לעבן אַלס פּאַראַזיט אויפ'ן חשבון פון אַנדערע און דאָס אַ געזונטער מענש דאַרף קענען שטעהן אויף אייגענע פיס.

עס איז אויך ניט ריכטיג וואָס אייער פרוי לאָזט איהם אַרומלויפען פריי אָנשטאָט איהם צו מאַכען העלפען איהר אין דער הויזאַרבייט, אַפילו ווען זי קען אויסקומען אָהן זיין הילף.

פאַר אַ זעכצעהן יעהריגען באָי וואָס האָט אַ נייגונג צו פוילקייט און ליידיג געהן איז אַרבייט — וועלכע דאָס זאָל ניט זיין — די בעסטע דיסציפּלין. אויף קיין פאַל טאָר אייער פרוי איהם ניט באַדינען, צו האַלטען זיינע זאַכען אין אָרדנונג. דאָס מוז ער אַליין טאָן.

דאָס איהר און אייער פרוי זאָלט האָבען איבערריידעניש און קריגעריי וועגען דעם באָי, פאַרשפּרעכט ניט קיין גוטעס פאַר דער צוקונפט. דאָס דאַרף אייער פרוי פאַרשטעהן.

איהר זייט ניט מחויב איהם אויסצוהאַלטען, און עס איז גענוג פיין פון אייך ווען איהר זייט צופרידען צו לאָזען איהם האָבען זיין היים ביי אייך אין הויז.

אָבער ווען איהר פּראָטעסטירט געגען זיין פוילקייט, אונדאַנקבאַרקייט, און זיין אַרומלויפען פּוסט-און-פּאַס, אָנשטאָט צו לערנען אַ טרייד, זייט איהר גערעכט.

צוויי ברידער און אַ געוויסען

ווערטער דר. קלאָרמאַן:

מיט איין-און-צוואַנציג יאָהר צוריק האָב איך געבעטען מיין ברודער ער זאָל מיך אַריינגעמען אַלס פּאַרטנער אין זיין ביזנעס. ער האָט עס געטאָן. מיר האָבען אַ היבשע צייט שווער געאַרבייט און געמאַכט אַ שווער לעבען. דערנאָך האָט די ביזנעס אָנגעהויבען צו געהן און וואַקסען. האָט מיין ברודער מיר צוריקגעצאָהלט דאָס געלד, וואָס איך האָב אַריינגעלעגט, און האָט מיך געמאַכט פאַר אויס-פּאַרטנער. מיין בעטען, און מיין זוהן'ס בעטען (מיין זוהן איז דאַמאָלס געווען אַ אינגעל פון פערצעהן יאָהר) האָבען ניט געהאָלפען. מיין ברודער איז רייך געוואָרען פון די ביזנעס. איך בין געבליבען אָרעם. מיין ברודער האָט מיר אימער אָנגעבאָטען הילף, אָבער „טשאַריטי" האָבען מיר פון איהם ניט געוואָלט אָננעמען. מיר האָבען גוטע קינדער וועלכע פאַרזאָרגען אונז מיט אַלעם נויטיגען. די וואָך זיינען געקומען צו אונז מיין ברודער, זיין פרוי און זיינע קינדער, און

מיין ברודער זאָגט מיר, אז ער וויל מיר צוריקגעבן א העלפט פון דעם פארמעגן וואָס ער האָט געמאַכט אין די ביזנעס, נאָר מיר זאָלן איהם פארגעבן וואָס ער האָט געטאָן צו אונז, און זיין ווי ברידער דארפן זיין. מיין עלטסטער זוהן איז דאגעגן. ער האָט געפרעגט מיין ברודער: „וואו ביזטו געווען ווען מיר האָבן געליטן נויט? אונזערע עלטערן האָבן אין דחקות זייערע כחות פארלאָרן. און זיי זיינען נאָך איצטער קראַנק פון זייער פלאָגן־זיך פאַר אונז. איצטער דארפן מיר ניט דיין געלד". מיין ברודער און זיין פאַמיליע פיהלן זיך נאַטירליך געקרענקט דערפון. האָט מיין ברודער געבעטן מיר זאָלן דאָס איבערגעבן צו דר. קלאַרמאַן, און ווי ער וועט ענטשיידן אזוי וועלן מיר טאָן. די צוויי ברידער.

וואָס פאַר א גרויסארטיגן מוסר השכל מ'קען פון דעם בריף ארויסנעמען!

טויזענט דרשות מיט שטראָף־רייד פון מגידים וואָלטן ניט גע־קענט אזוי קלאָר מאַכן דעם עונש פון זעלבסטזוכט, גייציגקייט, ניט־פארגינען, און ניט־איינזעהעניש, ווי דאָס ווערט קלאָר געמאַכט אין דער פאַסירונג!

ווי אָפט ווערן מענשן געטריבן דורך גייציגקייט און ניט־איינ־זעהעניש צו באַגעהן אזעלכע עוולות געגן ברידער, געגן פריינד, און אפילו געגן עלטערן, און פיהלן זיך פאַר דערוויי צופרידן מיט זייער געווינס.

פיהלן זיי נאָר אז עס וועט אָפגעהן גלאַט, און דער פאַליסמאַן וועט זיי גאָר ניט טאָן דערפאַר, באַטראַכטן זיי זייער געווינס אַלס א „כשר'ע מציאה", און טראַכטן ניט מעהר פון דעם אומרעכט וואָס זיי זיינען באַגאַנגען.

אָבער מאַנכעס מאָל, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אָדער ווען מ'איז אַליין מיט זיך, וואַקסט אויף דאָס געוויסן — דער פאַליס־מאַן אין דער נשמה פון וועלכן מ'קען זיך ניט אויסבאַהאַלטן — און ער הויבט אָן דאַקוטשען, און מאַכן פאַרווירפע, און מאָהנען.

ווען מ'איז יונג, און מ'יאָגט, און מ'האָוועט, און מ'וויל איינ־שלינגען די וועלט, באַווייזט מען נאָך ווי עס איז דאָס געוויסן צו פארטומלען, צו מאַכן זיך ניט־הערענדיג, ניט־פארשטעהענדיג.

אָדער מ'זוכט דאָס געוויסן שטיל צו מאַכן מיט דער איינריידע־ניש, אז שפּעטער, ווען־עס־איז, ווי־עס־איז, וועט מען די זאַך פאַר־ריכטן, מ'וועט די עוולה ווידער גוט־מאַכן.

ווען מ'איז יונג קוקט מען אַלץ אין דער צוקונפט, מ'האָפט אַלץ אויף שפּעטער, און מיט די אויסזיכטן און האָפנונגען באַמיהט מען זיך דאָס געוויסן איינצושלעפערן.

אָבער וואָס עלטער מ'ווערט, הויבט מען אָן אַלץ אָפטער זיך אומצוקוקן אויף צוריק, און דאָס געוויסן טוט אויך אַזוי און הויבט אָן אַלץ שטאַרקער צו מאָנען, אַלץ צודרינגליכער צו פּלאָגן.

ווי אָפט פּאַסירט אַז אַ מענש מיט אַ קראַנקן געוויסן, נעמט זיך פאַר גוט-צו-מאַכן וואס ער האָט פאַרקרימט, און געפינט אַז עס איז צו שפּעט!

ווי אָפט הערט מען אַ מענשן מיט אַ געפּלאָגטן געוויסן אויס-שרייען: „אָה, ווען איך וואָלט דאָס געוואוסט, אָדער ווען איך וואָלט געקענט ביישטעהן דעם נסיון ווען עס איז נאָך צייט געווען, ווי גליקליך וואָלט איך מיך איצטער געפיהלט!”

מאַנכע לייט מיט בייזע געוויסענס זוכן צו פאַרטושן זייער אינערליכע פּיין דורך צדקה, דורך העלפן אנדערע.

אַנדערע ווידער ריידן זיך איין אַז מיט פרומקייט און מיט בעטן צו גאָט קענען זיי אָפּווישן די עוולה, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען געגן אַ ברודער אָדער געגן אַ פריינד.

אונזערע פאַרצייטיגע חכמים וועלכע האָבן דאָס גוט געוואוסט, האָבן געוואָרנט, דאָס יום כפור ווישט ניט אָפּ די עוולה וואָס מ'טוט צו אַן אַנדערן, סיידן מען פאַרריכט פריהער דאָס אומרעכט וואָס מען איז באַגאַנגען, און מען געווינט די פאַרגעבונג פון דעם געקריוודעטן.

* * *

אין דעם פאַל פון וועלכן מיר ריידן דאָ האָט איין ברודער גע-קריוודעט דעם צווייטן, און האָט זיך דערנאָך יאָהרן-לאנג געראַנגלט מיט זיין געוויסן.

דער יצר טוב און דער יצר הרע האָבן זיך געראַנגלט אין זיין נשמה. דאָס געוויסן, דער יצר טוב, האָט געמורמעלט: „מענש, דו האָסט געקריוודעט דיין ברודער; ער ליידט דורך דיין גייציגקייט, דורך דיין זעלבסטזוכט; געה בעט איהם איבער, גלייך זיך אוים מיט איהם, מאַך עס ווידער גוט און דו וועסט האָבן רו.”

דער יצר הרע אָבער בורטשעט: „אַ שאָד דאָס געלט! און וואס פאַר אַן עולה האָסטו איהם געטאָן — ער איז געווען פריהער אַן אָרעמאַן און איז איצטער אַן אָרעמאַן. ווארף איהם צו עטוואס איבער די מוזט. און אַז ניט, ווארט ביז דו וועסט האָבן גענוג פאַר זיך, וועט דיר ניט וועה טאָן אוועקצוגעבן אזוי פיל, דו האָסט נאָך צייט גוט צו מאַכן די קריוודע.”

אין אַזאַ אינערע ראנגלעניש זיינען אוועק פילע יאָהרן. דער געקריוודעטער ברודער האָט געליטן און האָט זיך דורכגעשלאָגן ווי עס איז אין דלות און מאַטערניש, פיהלענדיג די אלע יאָהרן אַז זיין ברודער האָט איהם געקריוודעט.

דער אנדערער האָט געזוכט צו מאכן פשרות מיט זיין געוויסן, האָט אָנגעבאָטן הילף, מתנות, טשאַריטי, וואָס צו זיין גליק, האָט דער אָרימער ברודער ניט אָנגענומען.

אויב ער וואָלט עס אָנגענומען וואָלט ער דערמיט פיליכט גע־האָלפן פאַרשלעפערן דאָס געוויסן אין דעם ברודער׳ס נשמה.

ענדליך האָט דער יצר טוב געזיגט!

גוט מאכן דאָס גאַנצע אומרעכט איז ניט מעגליך, דען ווער קען באַצאָלן דעם אָרעמען ברודער פאַר די דחקות און דלות וואָס ער און זיין פאַמיליע האָבן געליטן? אָבער דער וויכטיגער פונקט איז וואָס ער זוכט פאַרגעבונג ביי דעם געקריוודעטן, און איז גרייט גוט צו מאכן דעם שאָדן אויף אזוי ווייט ווי דאָס ליגט אין זיין כח.

עס קומט אַביסל צו שפּעט, אָבער בעסער שפּעט איידער קיינ־מאָל ניט. מ׳מוז סימפּאַטיזירן מיט׳ן שכל פון דעם יונגען מאַן, דעם עלטסטן זוהן, וועלכער איז געגן פאַרגעבונג און געגן אָננעהמען דעם אָנבאָט פון זיין אָנקל.

ער האָט צוגעזעהן די פּיין און די מאַטערניש פון זיינע עלטערן, און ער ווייס אז די עשירות וואָס קומט צו זיינע עלטערן אזוי שפּעט קען זיי ניט פיל נוצן. דאָס קוקט אים אוים ווי א ביטערער שפּאָס; ווי אָנבאָטן געבראָטענע טייבעלעך צו איינעם וואָס האָט קיין ציינער מעהר צו קייען, אָדער וואָס זיין גומען פיהלט ניט מעהר דעם טעם.

אַזאַ שטעל האָט פיליכט ווירדע, און איז מענשליך, אָבער ניט גאָר אין גאַנצן נאָבל. עס פיהלט זיך אין דעם נקמה.

א פיל נאָבעלערע שטעלונג איז ברידערליכע פאַרגעבונג.

דאָס באַוואוסטזיין אז ער האָט געראַטעוועט די נשמה פון זיין ברודער און האָט איהם שלום געמאַכט מיט זיין געוויסן, איז פיל איידעלער און גיט מעהר באַפרידיגונג אַלס די באַפרידיגונג פון א נקמה־געפיהל.

אויך איז דאָס מעהר אידישלעך, ניט צו פאַרגעבן וואָלט געווען פיליכט א גרעסערע עוולה ווי דאָס וואָס זיין ברודער איז געגן איהם באַגאַנגען.

דער אָנבאָט, אָפּצוגעבן דעם חלק וואָס דער ברודער וואָלט געהאַט ווען ער וואָלט געבליבן פאַרטנער, איז א יושר׳דיגער אָנבאָט, אַזוי ווייט ווי מ׳קען דאָס גוט מאכן מיט געלט. גוט צו מאכן די יאָהרן פון זיין ברודער׳ס ליידן האָט ער ניט בכח. ער טוט וואָס עס איז מעגליך צו טאָן.

איז מיין מיינונג, אַז דער אָנבאָט וואָס קומט מיט אויפריכטיגער חרטה, דאַרף אָנגענומען ווערן, און ברידערליכע פאַרגעבונג זאָל גע־געבן ווערן צו דעם ברודער וואָס זוכט פאַרגעבונג.

קולטור־פראגען

וואס האבען מיר פון איינשטיינ'ס „רעלאטיוויטי?

ווערטער דר. קלארמאן,

די גאנצע וועלט זאגט אז פראפעסאר איינשטיין איז א גאון, מן הסתם איז דאס אמת. אבער פאר וואס זאל א פשוט'ער מענש ווי איך ניט קענען פארשטעהן אין וואס באשטעהט זיין גאונות? די וועלט קלינגט אז ער האט ענטדעקט „רעלאטיוויטי". רעלאטיוויטי היינט, רעלאטיוויטי מארגען — וואס איז „רעלאטיוויטי"? איך לייען צייטונגען, אידישע און ענגלישע. מ'הערט ניט אויף שרייבען וועגען איינשטיין און רעלאטיוויטי, אבער קיין צייטונג דערקלערט ניט וואס דאס איז. עדיסאן האט ענטדעקט א פאנאגראף, ווייס איך וואס דאס איז. ריידיא, זעה איך א ריידיא־אפאראט, און הער איהם ריידען און שפילען. איך פארשטעה ניט דעם שכל דערפון, אבער איך זעה די זאך און ווייס וואס דאס טוט. רעלא־טיוויטי — ניט איך זעה, ניט איך הער, ניט איך ווייס וואס דאס איז אזוינס, און וואס פאר א נוץ דאס ברענגט פאר דער וועלט. איך האב מיך אנגעפרעגט ביי פילע מענשען, און האב ניט באגעגענט איינעם וואס זאל מיר דאס דערקלערן. אפשר קענט איהר דאס טאן, דר. קלארמאן, איך וועל אייך זעהר דאנקבאר זיין. אברהם מאיערס.

ליבער פריינד, עס זיינען דא עטליכע אורזאכען פארוואס איך קען אייך ניט געבען קיין קלארע תשובה אויף אייער ערשטע פראגע — „וואס איז אזוינס „רעלאטיוויטי"?

די הויפט-אורזאכע איז וואס אויף דער וועלט, ווי מ'זאגט, איז בלויז דא א מנין מענשען וואס פארשטעהען אקוראט וואס איינ־שטיינ'ס „רעלאטיוויטי" איז, און מיך האבען חברה ניט „מצרף" געווען צו דעם מנין.

דער מנין — און אפשר זיינען דא עטליכע מנינים — באשטעהט בלויז פון מענשען וואס גיבען זיך אפ מיט נאטור-וויסענשאפטען און מיט העכערע מאטעמאטיקע, און זיינען אליין אויך גרויסע קעפ אין זייער פאך.

איך האב מיך אליין אויך געמאטערט צו פארשטעהן וואס „רעלאטיוויטי" איז, און האב עס ניט ווייט געבראכט.

דאס איז ניט איינשטיינ'ס שולד.

שטעלט אייך פאַר אַז איהר זייט אַ איד וואָס פאַרשטעהט קוים דעם פירוש המילות פון דאַוונען, און איהר הערט ווי אַ רב, אַ מופלג, לייגט אַוועק אַ פלפול פאַר אַנדערע רבנים-לומדים, און איהר הויבט ניט אָן פאַרשטעהן אפילו וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

וועט איהר זיך דען וואונדערן פאַר וואָס איהר קענט ניט פאַר־שטעהן?

אַזוי איז מיט איינשטיינ'ס „רעלאַטיוויטי". מ'מוז אַליין זיין אַ געלערנטער אין פיזיקע און מאַטעמאַטיקע, צו פאַרשטעהן וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך.

נאָר פון דעסטוועגען איז מעגליך, דאָס אַ מענש פון דורכשניט־ליכער אינטעליגענץ זאָל זיך אָנשטויסען, אַז די טעאָריע פון „רעלאַ־טיוויטי" באַציהט זיך אויף דער באַוועגונג פון מאַטעריעלע קערפּערס אין דעם חלל פון דער וועלט, און אויף די עלעקטראָ-מאַגנעטישע כחות וואָס צווינגען זיי צו האַלטען זייערע באַציהונגען איינער צום אַנדערן.

די גאונות פון איינשטיינ'ס טעאָריע באַשטעהט אין דעם, וואָס מיט איהר האָט ער פאַרענטפערט עטליכע שווערע קשיות וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין די לעצטע פאַר הונדערט יאָהר ביי די געלערנטע נאַטורפאָרשער.

* * *

אויף אייער צווייטער פראַגע: „וואָס טוט „רעלאַטיוויטי" אויף פאַר דער וועלט?", אָדער, אין אַנדערע ווערטער: „וואָס האָבען מיר דערפון?" — אויף דעם ענין קען איך אייך געבען אַ קלערערע תשובה.

זייט וויסען, פריינד, אַז עס איז ניטאָ איין זאַך אין דער וועלט וואָס מענשען דערגעהען אויף קלאָר, ניטאָ איין נאַטור-געזעץ וואָס מענשען דערגרונטעווען, וואָס זאָל ניט פריהער אָדער שפּעטער ברענגען אַ פּראַקטישען נוץ צו דער מענשהייט.

דאָס וויל איך אייך מסביר זיין מיט אַ קליינעם משל.

איהר האָט אפשר געהערט די מעשה'לע פון אַ מאַן וואָס איז אַמאָל געלעגען אונטער אַ בוים, און אַן עפּעל איז געפאַלען פון בוים איהם אויפ'ן קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבען טראַכטען, פאַר וואָס זאָל אַן עפּעל דוקא פאַלען צו דר'ערד און ניט צום הימעל.

דער מאַן האָט געהייסען ניוטאָן — דאָס איז דער גרויסער סער אייזיק ניוטאָן וואָס איז שוין צוויי הונדערט יאָהר טויט, און וואָס די וועלט באַטראַכט אלס דעם פאָטער פון דער מאָדערנער פיזיקע.

אַ נאַרישקייט — אַן עפּעל איז אַרונטערגעפאַלען, וואָס איז דאָ צו טראַכטען וועגען דעם? דער דורכשניטליכער מענש, ביי וועלכען

מ׳וואלט געפרעגט „פאר וואס פאלט דער עפעל אויף דר׳ערד?"
וואלט געענטפערט: „וואו דען זאל ער פאלן — אויפ׳ן הימעל?"

אבער ניוטאן האט אזוי לאנג געטראכט וועגען דעם, האט אזוי לאנג געפארשט און געזוכט און עקספערימענטירט, ביז ער האט פעסטגעשטעלט, אז אלע קערפערס האבען א צוציהונגס-קראפט לויט זייער גרויס.

דאס איז באקאנט אלס ניוטאנ׳ס „לאו אוו גראוויטיישאן", דאס געזעץ פון צוציהונג, אדער פון שווערקייט.

מיט דעם געזעץ האט ער אויך דערקלערט די מעכאניקע פון די גרויסע קערפער וועלכע באוועגען זיך אין דעם חלל פון דער וועלט.

וועט איהר פרעגען: „נו, וואס האבען מיר דערפון?"

וועל איך אייך ענטפערן, אז עס איז ניטא קיין איין-איינציגע מאשין אין אונזערע פעקטארים, וואס וואלט געקענט געבויט ווערן אהן ניוטאנ׳ס „לאו אוו גראוויטיישאן".

די גאנצע מעכאניקע איז געבויט אויף דעם. אין דעם געזעץ קומען נאטירליך אויך אריין די כללים פון רייבונג (פריקשאן) וואס קומט פון די שווערקייט פון זאכען, ווי אויך די כללים פון העבעל (ריטשאג) וואס זיינען דער יסוד פון מעכאניקע.

קענט איהר זעהן דערפון וואס א טעאריע קען אמאל אויפטאן אין דער פראקטיקע.

איצט קומט איינשטיין און איז מיט זיינע טעאריעס „מחדש חידושים" אפילו אין ניוטאנ׳ס „לאו אוו גראוויטיישאן", און אין די טעאריעס פון ליכט, עלעקטרא-מאגנעטיזם, און אין די טיפע אסטראנאמישע חשבונות. און די גרויסע מלומדים מאכען עקספערימענטען און געפינען, אז זיינע טעאריען האלטען אויס און שטימען איין מיט אלע אנדערע וויסענשאפטען.

דאס אליין איז א גוואלטיגער געווינס פאר דער מענשהייט. דאס מאכט אלץ קלערער פאר׳ן מענשן, אויף וואס פאר א וועלט ער איז.

אבער מ׳מעג אויך זיכער זיין, אז פריהער אדער שפעטער וועלען איינשטיינ׳ס טעאריעס געפינען פראקטישע אנווענדונג אין דעם לעבען פון מענשען, אזוי ווי ניוטאנ׳ס טעאריעס האבען געפונען.

וואס איז ציוויליזאציע און וואס — קולטור?

ווערטער דר. קלארמאן,

איך בין א איד אן ארבייטער וואס מאכט שווער זיין לעבען. אין די סקולס בין איך קיינמאל ניט געגאנגען, אבער וויסען ווילט זיך. איז ווען איך האב נאר צייט, און עס איז ערגעץ וואו דא צו הערן א לעקטשור,

געה איך. אין די מייסטע לעקסיקאָנען פון יעדער שפּראַך ווערט

זאָגט „קולטור־פעלקער". איך פאַרשטעה אז דאָס מיינט געבילדעטע אָדער געלערנטע פעלקער, טאָ וואָס איז דער חילוק צווישען ציוויליזאַציע און קולטור? אויך וואָלט איך וועלען וויסען, וועלכע פעלקער האָבען ציוויליזאַציע אָדער קולטור, און וועלכע ניט, און ווען די ציוויליזאַציע האָט אָנגעפאַנגען. פיליכט ווייסט איהר פון א בוך אין אידיש וואו דאָס ווערט דערקלערט, וועט איהר מיר טאָן א טובה מיר זאָגען וואו איך קען דאָס קריגען.

סעם וואולף.

הלואי וואָלט איך געוואוסט פון אזא בוך אין אידיש, וואָלט איך מיר פאַרשפּאָרט א היבשע שטיקעל אַרבעט; דען איך וויל אייך ניט אָפּ'פּטר'ן מיט שיהי־פּיהי — א איד וואָס זוכט צו וויסען פאַרדינט א ביסל אויפמערקזאַמקייט — וועל איך מיך מוזען אַריינלאָזען אין א לענגערער דערקלערונג, כדי איהר זאָלט דעם ענין גרינדליכער פאַרשטעהן.

וואָס מען פאַרשטעהט אונטער ציוויליזאַציע.

א פאָלק וואָס איז אָרגאַניזירט און פיהרט זיך מיט אַן אָרדנונג, און באַזיצט געוויסע באַקוועמליכקייטען און איינריכטונגען, וועלכע עס האָט זיך אַליין געשאַפען, איז א ציוויליזירטעס פאָלק.

אַזוי ווי ניט אַלע פעלקער האָבען די זעלביגע איינריכטונגען און ניט אַלע פעלקער פראַגרעסירען גלייך, נאָר יעדעס פאָלק מאָשצעט זיך איין נאָך זיין אייגענעם געשמאַק, אונטער די באַדינגונגען פון זיין אייגענעם לעבען און פון זיין אייגענעם פאָרשריט, מוזען זיין פאַרשידענע ציוויליזאַציעס; עס זיינען דאָ העכערע, דאָס מיינט אַנטוויקעלטערע ציוויליזאַציעס, און עס זיינען דאָ נידעריגערע, וויניגער ענטוויקעלטע. אָבער וואו נאָר עס לעבען מענשען צוזאַמען, אַפילו די ווילדעסטע, קוים זיינען זיי אָרגאַניזירט אַלס א גרופּע, איז שוין ביי זיי דאָ א ציוויליזאַציע, זי מעג זיין א גאַנץ נידעריגע ציוויליזאַציע, אָבער זי איז דאָ.

ביי היינטיגען טאָג זיינען שוין כמעט ניטאָ קיין אומבאַקאַנטע פעלקער אדער שטאַמען. מענשען האָבען פיל געוואַנדערט און זיינען אַריינגעדרונגען אין די פאַרלעגענסטע געגענדען, אין די פאַרוואָרפענסטע אינזלען. זיינען געבליבען גאַנץ וועניג מענשליכע שטאַמען פון וועלכע מ'ווייס ניט.

באַטראַכט מען די אַלע פאַרשידענע פעלקער, שטאַמען, און

גרופּען, ווי זיי ליגען אַרום אונז אין דער גאַנצער וועלט, פיהלט מען אונגעפעהר ווי אַ דערוואַקסענער מענש וואָס קומט אַריין אין אַ מחנה פון קינדער פון פאַרשידענע עלטערם. דער דערוואַקסענער מענש זעהט אין די קינדער די עלטערם וואָס ער אַליין האָט דורכגעמאַכט ביז ער איז אויסגעוואַקסען.

דער מענש וואָס שטעהט אויף אַ הויכער מדרגה פון ציוויליזאַציע זעהט אין די פאַרשידענע מענשען-גרופּען וועלכע זיינען צולייגט אַרום איהם אין דער וועלט, די פאַרשידענע מדרגות פון אנטוויקלונג וועלכע ער אַליין האָט געמוזט דורכגעהן ביז ער האָט דערגרייכט דעם פונקט אויף וועלכען ער שטעהט. ניט בלויז דינען זיי איהם אַלס אַ שפּיגעל אין וועלכען ער קען זיך אַליין זעהן ווי ער איז אַמאָל געווען, נאָר זיי גיבען איהם אויך דעם שליסעל צו דער וויטער פאַרגאַנגענהייט פון דעם מענשען׳ם געשיכטע.

זעהר אָפט געפינט מען טיף אין דר׳ערד מענשליכע סקעלעטען, און צוזאַמען מיט די סקעלעטען געפינט מען וואַפען, געצייג, ביינער פון חיות און אַלערליי שאַרבענס און ברוכשטיקער פון זאַכען, פון וועלכע מ׳קען זיך אָנשטויסען אויף דעם סאָרט לעבען וואָס האָט אַמאָל עקזיסטירט. אַזעלכע זאַכען געפינט מען אין פילע געגענדען. מ׳רופט זיי „פּאָרהיסטאָרישע”, ווייל זיי שטאַמען פון צייטען איידער געשריבענע היסטאָריע האָט אָנגעפאַנגען. מען געפינט זיי ניט פון אויבען-אויף, נאָר טיף-טיף, אין אַזעלכע שיכטען פון דער ערד וואָס זיינען ווער ווייסט פיל טויזענדע יאָהרען ניט געשטערט געוואָרען.

געלערנטע מענשען אונטערזוכען די סקעלעטען און די געצייג און זאַכען און מאַכען זיך פון זיי אַ באַגריף פון דער ציוויליזאַציע פון די ערשטע מענשען. זיי פאַרגלייכען די אויסגעגראָבענע געצייג מיט די געצייג וואָס ווערט נאָך היינט באַנוצט אין מאַנכע האַלב-ווילדע שטאַמען, און געפינען אַ גרויסע עהנליכקייט צווישען זיי. אין מאַנכע פאַלען זיינען זיי כמעט די זעלביגע.

דער אָנפאַנג פון ציוויליזאַציע.

גלייך מיט אַלע אנדערע לעבעדיגע באַשעפעניסען ווערט דער מענש געטריבען, און ווערט דערהאַלטען אין לעבען, דורך צוויי „מוז׳ן”: ער מוז עסען, און ער מוז ברענגען קינדער אויף דער וועלט. אָהן שפּייז קען ער ניט לעבען; אָהן א פרישען דור קינדער וואָלט דער מין אונטערגעגאַנגען. זוכט דער מענש זיין נאַהרונג פון דעם ערשטען אויגענבליק ווי ער קומט נאָר אַרוים פון זיין מוטער׳ס לייב, ביז צו זיין לעצטען אָטעמצוג. ער הויבט אָן זוכען זיין נאַהרונג, אינסטינקטיוו; גלייך ביי דער מוטער׳ס ברוסט. און

אין דעם מאָס ווי ער לערנט שטעהן, און געהן, און ריידען, און זיך אליין העלפען, זוכט ער זיין נאָהרונג מיט באַרעכענונג, און שאַפט זיך די שפּייז וואָס ער האָט נויטיג דורך מענשליכע פּראַצע, און מיט אַלערליי מיטעל און איינפאַלען.

און אַזוי גיך ווי ער גרייכט די יאָהרען פון געשלעכטליכער צייטיגקייט ווערט ער געטריבען פון דעם צווייטען „מוז״ — פון געשלעכטליכען הונגער — צו זוכען אַ ווייב (אָדער די ווייב צו זוכען אַ מאַן), צו ברענגען אַ דור אויף דער וועלט.

אַזוי באַוועגט זיך אַלעס וואָס לעבט און אָטעמט. דאָס גאַנצע טרייבען — ווי אַ פּאָעט האָט זיך אויסגעדריקט — „האַלט זיך דורך הונגער און דורך ליבע״.

אַרום די צוויי „מוז׳ן״ האָט זיך אַנטוויקעלט, און פון זיי זיינען אַרויסגעוואַקסען, אַלצדינג וואָס מענשען האָבען זיך געשאַפען אויף דער ערד, סיי אין מאַטעריעלע זאַכען, און סיי אין גייסטיגע, קול־טורעלע, אָדער געזעלשאַפטליכע. אַלע ציוויליזאַציעס, שפּראַכען, מנהגים, אמונות, מענשליכע גרופּירונגען, — די פאַמיליע, דער שבט, די נאַציאָן — אַלעס, אַלעם האָט אַרויסגעשפּראָצט, אַרויסגעוואַקסען, און האָט זיך אַרויסגעוויקעלט, פון אָט די צוויי „מוז׳ן״, וואָס מיינט, אין אַנדערע ווערטער, פון דעם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָט ביי׳ם מענשען אָנגעפאַנגען מיט זיין ערשטער ערשיינונג אויף דער ערד. ווען דאָס איז געוועזען ווייס קיינער ניט, ווייל דאָס פאַרלויפט זיך אין די דונקעלהייט פון דורות פון וועלכע עס איז קיין רעקאָרד ניטאָ, אַזוי ווי דער אָנפאַנג פון אַלע אַנדערע זאַכען וועלכע עקזיסטירען. אָבער ווי אַזוי די שאַפונגען פון מענשען, געטריבען דורך די נויטען פון לעבען (דאָס מיינט ציוויליזאַציע) זיינען אַרויסגעוואַקסען, און ווי אַזוי זיי האָבען זיך אַנטוויקעלט — דאָס ווייס מען יאָ, ווייל מ׳זעהט עס מיט די אויגען; און אפילו וואו מ׳זעהט ניט אַלעס בחוש, קען מען זיך גאַנץ קלאָר משער זיין.

פון די זאַכען און געציייג וואָס מ׳האָט פון צייט צו צייט אַנטדעקט, גראָבענדיג אין דר׳ערד, האָט מען פיל געלערנט וועגען די מדרגות פון ציוויליזאַציע וואָס מענשען האָבען דורכגעמאַכט אין דעם משך פון דורות אָהן אַ צאָל.

ווען מען געפינט, צום ביישפּיל, העק, געמאַכט פון אַ רויהען שטיין, שטויסט מען זיך אָן, אַז דאָס האָט געמוזט זיין די ערשטע געציייג פון דעם מענשען, דאָס האָט ניט געפאָדערט צופיל בעל־מלאָכה׳שקייט. אַ שטיק שטיין, מיט אַ לאָך וואָס איז דורכגעריבען

געוואָרן מיט אַ שפּיציגן שטיין, אַריינצושטעקן אַ דיקן צווייג פון אַ בוים אַלס אַ הענטעל, איז געווען דער אָנפאַנג.

אין אַ העכערן סלאַי געפינט מען פלינט שטיינערנע העק וועלכע זיינען שוין גלאַט געשליפען, אַפּילו מיט אַ שאַרף, פאַרשטעהט מען, אַז דאָס געהערט שוין צו אַ שפּעטערדיגער תקופה, ווען דער מענש איז שוין געוואָרן געניטער אין מאַכען העק, און האָט געשאַפען אַ בעסערן אַרטיקל.

אין נאָך העכערע ערד סלאַיעס געפינט מען שוין העק און מעסערס געמאַכט פון בראָנז. דאָס איז שוין געווען אַ פיל העכערע מדרגה פון ציוויליזאַציע, דען דאָס באַווייזט אַז מענשען האָבען שוין געלערנט דעם געברויך פון פייער, און פון האַמערן אַ שטיק מעטאַל צו אַ געוויסער פאָרמע.

און נאָך שפּעטער געפינט מען שוין העק, מעסערס און אַנדערע זאַכען געמאַכט פון אייזען.

די פאָרשער פון דער ציוויליזאַציע געפינען עס באַקוועם איינצוטיילען זיי אין פיר תקופות: די תקופה פון רויען שטיין, תקופה פון פּאָלירטען שטיין, תקופה פון בראָנז, און תקופה פון אייזען.

נאַטירליך געפינט מען אויך אונצעהליגע אַנדערע אַרטיקלען, ווי ליימענע כלים, זאַכען אויסגעמייסטרעוועט פון ביינער, הערנער, ציינער, פון חיות אז״וו. אויך די וויזען סימנים פון פאָרטשריט פון איין תקופה צו דער צווייטער.

גראָבענדיג און זוכענדיג דערגעהט מען אויך ביסלעכווייז ווי אַזוי מענשען האָבען געלעבט אין די ערשטע תקופות, זייערע וואוינונגען, זייערע באַשעפטיגונגען, זייערע שפּייזען, און וועלכע סאָרטען חיות זיי האָבען געהאַט אין די געגענדען וואו זיי האָבען געלעבט, און וועלכען פאָרטשריט מענשען האָבען געמאַכט אין דעם לויף פון די ציימען.

עס זיינען דאָ שטאַמען אין אונזער צייט וואָס מיט זייער ציוויליזאַציע שטעהען זיי נאָך אין דער תקופה פון שטיין, אָדער בראָנז.

דורך דורות אָהן אַ צאָל און אָהן אַן עק האָט די מענשהייט געקלעטערט מיט גרויס מאַטערניש אַלץ העכער און העכער אויף דעם לייטער פון פאַרבעסערונג אין זייער לעבען.

דורך פילע יסורים האָט דער מענש אַלץ מעהר ערפאַהרען און געלערנט ווי אַזוי צו באַנוצן די נאַטור אַרום איהם, כדי צו מאַכן זיין לעבען גרינגער, באַקוועמער, שעהנער, זיכערער.

דאָס איז דער וועג פון ציוויליזאַציע.

בכן איז ציוויליזאַציע די מייסטערשאַפט, די באַהערשונג וואָס דער מענש געווינט איבער די מאַטעריאַלען וואָס ער געפינט אַרום

זיך אין דער נאַטור, זיי צו באַנוצען פאַר דער פאַרבעסערונג פון זיין לעבען.

און וואָס איז קולטור?

קולטור מיינט בילדונג, אויפקלערונג, פאַרפיינערונג.

אַקוראַט ווי ציוויליזאַציע שטעלט פאַר אַלץ וואָס דער מענש האָט אויפגעטאָן פאַר דער פאַרבעסערונג פון זיין מאַטעריעלען לעבען, אַזוי שטעלט קולטור פאַר אַלעס וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר דער פאַרבעסערונג פון זיין גייסטיגען לעבען.

ציוויליזאַציע און קולטור געהען צוזאַמען, און איינע איז ניט מעגליך אָהן דער אַנדערער.

דער מענש, אפילו אין זיין ווילדעסטען צושטאַנד, האָט געמוזט קומען אין בּאַריהרונג מיט אַנדערע מענשען, פריהער מיט זיין אייגענער פאַמיליע, עלטערן, פרוי, קינדער. אין פאַרלויף פון הונ־דערטע, פון טויזענדע דורות, האָבען זיך געמוזט אויסבילדען געוויסע פעסטגעשטעלטע געוואוינהייטען, געוויסע מנהגים, רעכטע, אין זייערע באַציהונגען.

דער מענש האָט גאַנץ פריה געמוזט אויסגעפינען, אַז עס איז בעסער פאַר דער זיכערהייט פון זיין לעבען צו לעבען צוזאַמען מיט אַנדערע מענשען. פון אַ פאַמיליע איז מיט דער צייט געוואָרן אַ שבט, אַ שטאַם, פון פילע שטאַמען — אַ נאַציע.

פון צוזאַמענלעבען מיט אַנדערע האָבען אויך בּיסלעכווייז געמוזט אַרויסוואַקסען געוויסע מנהגים, געוואוינהייטען, רעגעלן וועלכע אַלע האָבען געמוזט פאָלגען.

דער מענש האָט גייסטיגע עמפּינדונגען ווי מוראָ, פרייד, טרויער, בענקשאַפט, וועלכע ער דריקט אויס אויף פאַרשידענע וועגען, ווי דורך אויסגעשרייען, געזאַנג, קערפּערליכע באַוועגונגען.

דאַן האָט דער מענש, אין גאַנג פון זיינע באַאָבּאַכטונגען אַרום זיך אַנטוויקעלט נייגיערדע, אַ וואונדערן־זיך איבער זאַכען וואָס ער באַגרייפט ניט, פאַר וועלכע ער האָט געזוכט דערקלערונגען.

אין אַלע אַזעלכע ערפאַהרונגען, האָבען זיך אין פאַרלויף פון לאַנגע צייטען געמוזט איינשטעלען געוויסע מנהגים, זיטען, געוואוינ־הייטען און כללים.

לאָמיר דאָ געבען אַ פּאָר ביישפּילען דאָס בעסער צו דערקלערען.

לאָמיר אָננעהמען, אַז אַ פאַמיליע, אָדער אַ שטאַם האָבען מיט פאַראייניגטע כחות אוועקגעלייגט אַן עלעפאַנט. דאָס מיינט שפּייז, דאָס מיינט אַ פעל פאַר קליידונג, דאָס מיינט עלפענביין פאַר געצייג. איז אַ שמחה.

זיי זאַמלען זיך אַרום, אַרום דעם געפאַלענעם עלעפאַנט און דריקען אויס זייער פרייד דורך געשרייען, אָדער דורך שפּרינגען, אָדער פּיליכט נאָכקרימענדיג דעם עלפאַנט׳ס טרומייטערן, דערנאָך נעמען זיי איהם צורייסען אָדער צוהאַקען.

אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט מוזען זיך פון די הכנות אויסבילדען געוויסע צערעמאָניעס וואָס דער שטאַם פיהרט דורך ביי עהנליכע פאַסירונגען.

אָדער, לאָמיר אָננעהמען, אַז אין זייער מורא פאַר אַ ווילדער חיה, אַ קראָקאָדיל, אָדער אַ שלאַנג, האָבען זיי אָנגענומען געוויסע מיטלען ווי אַזוי זיך צו שיצען געגען איהר, ווי ברענגען קרבנות צו דער חיה, אָדער מאַכען געוויסע קולות. האָבען זיך דערפון אויסגעבילדעט געוויסע מנהגים.

צוויי מענשען צואַמפערן זיך, פיליכט איבער אַ פגר פון אַ האָז; דער שטייגער איז אין ווילדען מצב, אַז זיי ממית׳ן איינער דעם אַנדערן, ביז איינער פאַלט טויט. מיט דער צייט קומט מען צו דעם איינפאַל, אַז דאָס איז ניט גוט, נאָר עס איז בעסער צו ברענגען דעם האָז צום עלטסטען פון שטאַם, ער זאָל זאָגען ווער עס זאָל עסען דעם האָז.

דערפון וואַקסט אַרויס מיט דער צייט דער איינפיהר פון אַ געריכט, פון געזעץ.

די, און טויזענדע אנדערע אַזעלכע מנהגים, געוואוינהייטען, מאַנירען האָבען זיך געזאַמעלט ביי די מענשען אין פאַרלויף פון טויזענדע און טויזענדע יאָהרען. פון די אַלטע מנהגים זיינען אַרויסגעוואַקסען נייע, בעסערע, איידעלערע איינפיהרונגען. זיי זיינען געוואַקסען און האָבען זיך פאַרפיינערט מיט דעם גאַנג פון דער ציוויליזאַציע.

אַט־דער סך הכל פון די אַלע אָנגעזאַמעלטע איינפיהרונגען צו פאַרשענערען דאָס מענשליכע לעבען, איז קולטור.

יעדעס פאָלק אין זיין אייגענער אומגעבונג, שאַפט זיך זיין קולטור, אַזוי ווי עס שאַפט זיך זיין שפּראַך.

געוואוינהייטען אין אומגאַנג מיט אַנדערע מענשען, די געוואוינהייטען פון געזעלשאַפטליכען לעבען, צערעמאָניעס, רעליגיעס, קונסט — דאָס געהערט אַלעס צו קולטור.

אין אַ געוויסען זין, ווי מ׳זעהט, איז קולטור כמעט די זעלביגע זאַך ווי ציוויליזאַציע, אָבער דאָס לייגט זיך מעהר אויף גייסטיגער אנטוויקלונג און אויף די פאַרפיינערונג פון לעבען.

מען מעג זאָגען, אַז קולטור איז די מייסטערשאַפט און באַהערשונג וואָס דער מענש געווינט איבער זיך אַליין.

די צוויי שוועסטער־וויסענשאַפטן.

ווערטער דר. קלאַרמאַן,

איך בין אַ פעדלער און מאַך שווער מיין לעבן. איך פעדל מיט אַלומינום כלים, מיט נאַושענס און נאָך אַזעלכע זאַכען. מיר איז אַליין שווער, האָב איך געוואָלט אַז מיין עלטערער אינגעל, וואָס איז שוין באַלד זעכצעהן יאָהר אַלט, זאָל מיטפאָהרען מיט מיר אויפ'ן וואָגען. לאָזט ניט מיין ווייב. זי זאָגט אַז ער האָט חשק צו לערנען, דאַרף מען איהם לאָזען געהן אין סקול. מ'איז דאָך אַ טאַטע, גיב איך נאָך; זאָל ער געהן אין סקול; וויל איך אָבער וויסען צי לערנט ער תכלית. פרעג איך איהם: „וואָס לערנסטו אין סקול?" ענטפערט ער מיר: „פיזיקע און קעמיסטרע". פרעג איך איהם, וואָס דאָס איז, און וואָס מ'טוט דערמיט, צי קען מען דערמיט מאַכען אַ לעבען. דערקלערט ער מיר דאָס אויף ענגליש, און איך פאַרשטעה ניט אַ וואָרט. זאָג איך צו איהם: „וואָס זיינען דאָס פאַר לימודים וואָס דו אַליין ווייסט ניט וואָס דאָס איז?" ווערט ער ברוגז. בעט איך אייך, דר. קלאַרמאַן, איהר זאָלט מיר זאָגען, וואָס דאָס זיינען פאַר לימודים, און צי איז דאָ אַ תכלית אין זיי. דער טאַטע.

ליבער פריינד, איך וואָלט אייך געקענט ענטפערן בקיצור און זאָגען, אַז פיזיקע און קעמיסטרי זיינען וויכטיגע לימודים, און אויב מ'לערנט זיי גרינטלעך און מיט חשק קען מען זיך דערשלאָגען צו אַ פיינעם תכלית.

אָבער איהר וועט וואַרשיינליך ניט זיין צופרידען מיט אַזאַ ענטפער; איהר ווילט אַליין פאַרשטעהן וואָס פאַר אַ לימודים דאָס זיינען און וואָס מ'טוט מיט זיי.

וועל איך מיר נעהמען די מיה אייך דאָס צו דערקלערן, האָפענדיג, אַז אפשר וועט איהר מיך בעסער פאַרשטעהן ווי איהר פאַרשטעהט אייער אינגעל. אָבער לייגט צו קאָפּ:

* * *

קעמיסטרי (כימיע) איז אַ לימוד וואָס לערנט אונז צו וויסען, פון וואָס באַשטעהען די אַלע מאַטעריאַלען און זאַכען וואָס מיר זעהען אַרום אונז אין דער וועלט, און ווי אַזוי מיר קענען זיי איבער־אַרבייטען און מאַכען פון זיי אַנדערע ניצליכע זאַכען וואָס מענשען געברויכען.

עס איז כמעט ניטאָ קיין איינציגער אַרטיקעל וואָס מענשען באַנוצען, וועלכער זאָל ניט זיין אַרויסגעקראָגען פון אַזאַ איבער־אַרבייטונג, אָדער אומאַרבייטונג פון איין זאַך אין אַן אַנדער זאַך. אָט נעמט, צום ביישפּיל, די אַלומינום־כלים מיט וועלכע איהר

פעדלט. פון וואָס מאַכט מען אַלומינום? פון אַ געוויסן סאָרט ערד, געמישט מיט געוויסע זאַלצען און אַנדערע מאַטעריאַלען, און זיי ווערן דורך היץ צוזאַמענגעשמאָלצען.

אויב אַ קעמיסט וואָלט ניט געהאַט אויסגעפונען אַקוראַט, וועלכע מאַטעריאַלן עס מוזן אַריינקומען אין אַלומינום, וואָלט איהר ניט געהאַט קיין אַלומינום-כלים צום פעדלען.

אָדער נעמט די שיך וואָס איהר טראָגט. זיי זיינען געמאַכט פון לעדער. וואָס איז לעדער? די פעל פון אַ בהמה אָדער אַ חיה. נעמט מען די פעל און מען ווייקט דאָס אין געוויסע מאַטעריאַלען און מ'אַרבייט דאָס אום אין לעדער.

נעמט די אָוועראָלס וואָס איהר טראָגט. דאָס איז געמאַכט פון קאַטען וואָס וואַקסט, און געפאַרבט איז דאָס מיט אַ פאַרב וואָס איז אַרויסגעצויגען פון פעך.

וואָס דאַרפט איהר מעהר — נעמט די מטבעות וואָס איהר האָט אין קעשענע — זילבער אָדער קופּער. פון וואָס זיינען זיי געמאַכט? פון ערד-שטויב. זיי ווערן געשמאָלצען צוזאַמען מיט אַנדערע מאַטע-ריאַלען ביז זיי ווערן זילבער אָדער קופּער. און ווער ווייס אַקוראַט וואָס עס דאַרף אַריינקומען אין זיי? דער קעמיסט.

ניטאָ איין זאַך וואָס איהר זעהט וואָס זאָל ניט זיין אומגעאַרבעט אָדער אומגעוואַנדעלט פון אַנדערע זאַכען. די אומאַרבייטונג געהט אָן אַרום אונז אַפילו אָהן דער הילף פון קעמיסט.

מיר זעהען יעדען טאָג ווי זאַכען אַרום אונז ענדערן-זיך, און פאַרוואַנדלען זיך אין אַנדערע זאַכען, נאָר מיר ווערן אַזוי געוואוינט דערצו אַז מיר באַמערקען ניט דעם חידוש.

אָט, למשל, ענדיגט זיך דער ווינטער און באַלד דאַרף קומען ווּעסנע. שטעהען די בוימער נאַקעט-הייל און די פעלדער זיינען ברוין. עטליכע וואָכען שפּעטער איז אַלעס גרין. די ערד איז באַדעקט מיט גראָז, די בוימער מיט בלעטער.

אַ וואונדערליכע ענדערונג, צו וועלכער קיינער האָט אַ האַנט ניט צוגעלייגט.

פון וואַנען איז די ענדערונג געקומען? ענטפערט מען, אַז דאָס האָט אויפגעטאָן די ערד, דער רעגען, די זון און די לופט.

עטליכע חדשים שפּעטער, הויבט עס אָן געהן פאַרקערט: די בלעטער פאַלען פאַרטריקענטע ווייל די פייכטקייט איז פון זיי אַרויס, די גראָז דאָסגלייכען, און זיי ווערן ביסלעכוויז פאַרוואַנדעלט ווידער אין שטויב.

מיר אַליין, לעבעדיגע מענשען, און אַזוי אַלע לעבעדיגע באַשע-פעניש, האַלטען זיך אויך אין איין אומוואַנדלען, אין איין אומבייטן

זיך. ווי אַזוי לעבן מיר? מיר עסן ברויט, פלייש, און נאָך הונדערטע זאַכען, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך אין אונז אין נאַהרונג צו אונזער לייב און אין אַפּפאַל.

וואָס איז ברויט? גראָז פון דר'ערד. וואָס איז פלייש? גראָז וואָס די בהמה האָט געגעסען און האָט אומגעוואַנדעלט אין פלייש.

מיר לעבעדיגע מענשען האַלטען זיך אין איין אומוואַנדלען פון טאָג צו טאָג, מיר וואַקסען אויס דורך די מאַטעריאַלען וואָס מיר נעהמען אַריין אין זיך — שפייז, וואַסער, לופט — און דערנאָך ווערן מיר ווידער צולייגט אויף ערד, וואַסער, און לופט.

דער קעמיסט לערנט צו דערגעהן די טבע פון די מאַטעריאַלן וואָס ער זעהט, און קליגט זיך זיי אומצואַרבייטען אין ניצליכע זאַכען וואָס דער מענש קען געברויכען.

ער נעמט בוריקעס און פאַרוואַנדעלט דאָס אין צוקער. ער נעמט האָלץ און מאַכט דערפון פּאַפּיר. ער נעמט קויהל און מאַכט דערפון פאַרב, אָדער פאַרפיום, אָדער שו-וואַקס.

קעמיסטרי (כעמיע) לערנט ווי אַזוי דאָס צו טאָן.

און וואָס איז פיזיקע?

פיזיקע איז אַ לימוד, אָדער אַ וויסענשאַפט וואָס זוכט צו דער-געהן דעם כח פון זאַכען כדי דאָס אויסצונוצען פאַר דער באַקוועמ-ליכקייט פון מענשען.

מ'האָט, צום ביישפּיל, באַמערקט, דאָס ווען מ'שטעלט אַוועק אַ טיי-קעסל מיט וואַסער אויף אַ הייסען אויווען, און דאָס וואַסער הויבט אָן זידען, שלאָגט אַ פּאַרע, און די פּאַרע הויבט אויף דעם דעקעל פון טיי-קעסעל.

מיינט דאָך דאָס, אַז פּאַרע איז אַ כח. קומט דער פיזיקער און טראַכט, ווי אַזוי מ'קען מאַכען אַז דער כח זאָל העלפען דעם מענשען אין זיין אַרבעט.

האָט ער געמאַכט אַ פּלאַן איינצושפּאַנען פּאַרע צו טרייבען אַן אייזענבאַן, אַ שיף און טויזענדע אַנדערע מאַשינעס.

היץ איז אַ כח. די היץ פון דער זון שלעפּט אַרויף טאָג-טעגליך מיליאָנען טאָן וואַסער אין דער הויך (פריהער מאַכט זי פון דעם וואַסער פּאַרע), און דערנאָך לאָזט זי דאָס אָפּ, און עס פאַלט אַרונטער רעגען. זוכט דער פיזיקער צו דערגעהן די טבע פון היץ, און ער ווענדעט דאָס אָן אויף טויזענדע ניצליכע זאַכען.

עלעקטריסיטי איז אַ כח, ליכט איז אַ כח, זוכט דער פיזיקער צו דערגעהן די טבע פון די כחות, און ווי אַזוי מ'קען זיי איינשפּאַנען פאַר דעם נוץ פון מענשען.

פיזיקע און קעמיסטרי זיינען ווי צוויי שוועסטער, אַ צווילינג, און זיי געהען אַלע מאָל האַנט אין האַנט, העלפענדיג איינע די אַנדערע. די פיזיקע וויל אַלע מאָל וויסען וואָס קעמיסטרי געפינט אויס וועגען די מאַטעריאַלען, און קעמיסטרי וויל וויסען וואָס פיזיקע געפינט אויס וועגן כח, ענערגיע, וואָס די זאַכן גיבן ארויס פון זיך.

* * *

קענט איהר זעהן דערפון, ליבער פריינד, דאָס פיזיקע און קעמיסטרי זיינען גאָר וואַזשנע לימודים, און אויב מ'לערנט זיי גריינטלעך קען מען מיט זיי קומען צו אַ פיינעם תכלית.

אָבער איהר קענט ניט דערוואַרטען, אַז אייער אינגעל זאָל אַרויסקומען פון היי־סקול אַ פאַרטיגער קעמיסט, אָדער אַ פאַרטיגער פיזיקער, אין היי־סקול לערנט ער נאָר דעם אָנפאַנג פון די לימודים.

יעדענפאַלס איז גוט צו האָבען אַ ידיעה אין די זאַכען, אַפילו אויב איהר וועט ניט קענען באַווייזען צו שיקען איהם אין קאָלעדזש צו שטודירן ווייטער.

אַ טאַטע וועלכער וויל פאַרשטעהן

ווערטער דר. קלאַרמאַן,

איך האָב אַ אינגעל און אַ מיידעל, זאָלען געזונט זיין, וואוילע קינדער, און זיי געהען ביידע אין סקול. אַנומאָלט הער איך ווי דער אינגעל גיט דער מיידעל צו פאַרשטעהן עפּעס אַן ענין, און ער רופט עס אָן „אסטראָנאָמיקל דזשיאָגראַפיע". איז דאָס מיר געוועזן אַ גרויסער חידוש. מילא אַסטראָנאָמיע פאַרשטעה איך אַז דאָס איז חכמת הכּכבים (די חכמה פון די שטערן). דזשיאָגראַפיע (געאָגראַפיע) ווייס איך אַז דאָס איז אַ לימוד פון די לענדער און ימים און שטעדט וואָס זיינען אויף דער ערד. פרעג איך מיין אינגעל, וואָס פאַר אַ שייכות האָט געאָגראַפיע צו אַסטראָנאָמיע, די ערד מיט'ן הימעל? צולאַכען זיך ביידע קינדער, אַקוראַט ווי איך וואָלט געזאָגט די גרעסטע נאַרישקייט. האָט דאָס מיר שטאַרק פאַרדראָסען און איך האָב מיך אָנגעבייזערט. דערנאָך האָט מיין אינגעל מיר געזאָגט, מ'לערנט אין סקול אַז די ערד איז אַ שטערן. בעט איך אייך, דר. קלאַרמאַן, איהר זאָלט מיר זאָגען צי דאָס איז אמת, און מיר דערקלערן דעם ענין פון אַסטראָנאָמיקל דזשיאָגראַפיע.

עוזר חיים ה—ץ.

מיין ליבער עוזר חיים, אויף אייער פראַגע צי מ'לערנט טאַקי אין סקול אַז די ערד איז אַ שטערן, קען איך אייך זאָגען, אַז אייער אינגעל האָט געזאָגט אמת. אַזוי לערנט מען אין די סקולס.

נאָר צו מאַכען אייך קלאָר דעם ענין פון „אַסטראָנאָמיקל דזשיאָ־גראַפיע” האָב איך מורא אַז דאָס וועט זיין אַ ביסל שווערלעך. עס איז דאָ אַ סך צו ריידען וועגען דעם. דאָך, אויב איהר האָט געדולד צו לייענען אויפמערקזאַם מיין ענטפער, וועל איך עס דאָ אייך דער־קלערן אַזוי קורץ ווי מעגליך.

וואָס מ׳האָט אַמאָל געגלויבט, און וואָס מ׳גלויבט איצטער.

אַמאָל האָט מען געגלויבט, אַז די ערד איז אַן אונבאַוועגליכע זאַך, דער מיטעלפונקט פון דער גאַנצער וועלט, און די זון, די לבנה און די שטערן זיינען בלויז באַשאַפען געוואָרן צו געבען איהר וואַרימקייט און ליכט, אָהן וועלכע קיין לעבעדיגע זאַך קען ניט עקזיסטירן.

אין דעם אַליין איז שוין אויך פאַראַן אַ גרויסע שייכות צווישען ערד און הימעל. דען ווי אַזוי וואָלט די ערד געקענט אויסקומען אָהן דער זון?

אָבער שוין מיט מעהר ווי אַ פּאָר טויזענד יאָהר צוריק האָבען זיך געפונען איינצעלנע חכמים־שטערנזעהער, וואָס האָבען אַרויס־געזאָגט די השערה, אַז די ערד באַוועגט זיך אַזוי ווי אַנדערע שטערן, אָבער בלויז געצעהלטע מענשען האָבען געגלויבט אין דער השערה.

נאָר מיט אַ יאָהר פיר הונדערט צוריק איז געקומען אַ גרויסער אַסטראָנאָם און אַ גוואַלטיגער בעל חשבון, קאָפּערניקוס האָט ער געהייסען, און האָט געזאָגט מיט׳ן פולען מויל, אַז אונזער ערד איז אַ פּלאַנעט, דאָס הייסט אַ שטערן, און זי באַוועגט זיך אַרום דער זון אַזוי ווי אַנדערע פּלאַנעטען וואָס באַוועגען זיך אַרום דער זון.

ער האָט אונטערגעשפּאַרט זיין השערה מיט קלאָרע חשבונות פון ליקוי חמה, ליקוי לבנה, און פון די באַוועגונגען פון די אַנדערע שטערן וועלכע מ׳זעהט מיט בלויזע אויגען.

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אַזוי: ווען מיר וואָלטען זיך געקענט שטעלען אויף דער זון און אַרונטערקוקען אויף דער ערד, וואָלט די ערד אויסגעקוקט אין אונזערע אויגען ניט גרעסער ווי די אַנדערע שטערן קוקען אוים אין אונזערע אויגען, ניט מעהר ווי אַ באַלויכטענע פינטעלע, און מיר וואָלטען קלאָר געזעהן ווי זי געהט אַרום דער זון.

עטליכע צעהנדליג יאָהר נאָך קאָפּערניקוס איז געקומען אַ צווייטער גרויסער אַסטראָנאָם און בעל־חשבון, גאַלילעאָ, וועלכער האָט שוין געקענט מאַכען טעלעסקאָפּען וואָס פאַרגרעסערען דרייסיג מאָל, און ער האָט באַשטעטיגט דאָס וואָס קאָפּערניקוס האָט געזאָגט.

עס זיינען שפּעטער געקומען הונדערטע, טויזענטע חכמים שטערן־פאָרשער, מיט פאַרבעסערטע טעלעסקאָפּען וואָס פאַרגרעסערן טויזענטע מאָל און מעהר, און מיט די קונציגסטע ערפינדונגען פון פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען, און אַנדערע קונציגע מאַשינעס, עס זיינען אויך געקומען פיזיקער, כעמיקער, גרויסע בעלי חשבון, און אַלע אָהן אויסנאַהמע האָבען מסכים געווען, אַז די טעאָריע פון קאָפּערניקוס איז אַ ריכטיגע.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איצטער ווייס מען פיעל־פיעל מעהר וועגען די שטערן וועלכע באַוועגען זיך אַרום דער זון, און וועגען די באַוועגונגען פון דער ערד אין באַזונדערן, ווי מ׳האָט געוואוסט אין דער צייט פון קאָפּערניקוס.

אין די לעצטע דרייציגהן יאָהר, זינט מ׳האָט אַרויפגעשטעלט דעם גרעסטען טעלעסקאָפּ אויף מאָונט ווילסאָן, ביי פּאַסאַדענאַ, אין קאַליפאָרניאַ, איז מען דערגאַנגען פילע זאַכען פון וועלכע מ׳האָט פריהער ווייניגער געוואוסט, און מ׳האָט געלערנט וועגען דעם מהות פון די שטערן מעהר אלס מ׳האָט געלערנט אין די הונדערט יאָהר פאַר דעם.

די ערד געהערט צו דער זונ׳ס „משפּחה“.

איינער וואָס האָט גרינטליך דורכשטודירט אַלצדינג וואָס די היינטיגע אַסטראָנאָמיע זאָגט וועגען דער זון און איהר „משפּחה“ (די אַסטראָנאָמען רופען דאָס „זון־סיסטעם“), קען זיך מאַכען דערפון אַ קלאָרעס בילד.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען אין אונזער פאַנטאַזיע, אַז מיר האָבען זיך אַ הויב געטאָן אַ וועלכע צעהן מיליאָן מייל נעהענטער צו דער זון, כדי מיר זאָלען זי בעסער קענען באַטראַכטען.

צעהן מיליאָן מייל איז עטוואָס מעהר ווי אַ צעהנט־חלק פון דער ווייטקייט פון דער ערד צו דער זון, אָבער די זון וועט אונז שוין אויסקוקען גוואַלטיג גרויס, און די ערד, פיליכט, ניט גרעסער פון אַ פוט־באָל.

מיר וועלען זעהן דייטליכער ווי די זון פלאַמט און לאַדערט, און שליידערט פלאַמעדיגע כוואַליעס נאָך אַלע זייטן, און זי טראָגט זיך אין דעם חלל פון דער וועלט.

אין דערזעלביגער צייט שוועבען אַרום איהר די פּלאַנעטען, וועלכע קוקען אונז אויס ניט גרעסער פון בייס־באָלס און פוט־באָלס (פון דער ערד קוקען זיי אונז אויס ווי ליכטיגע פינטעלעך).

אָט איז מערקורי קלענער פון אונזער ערד. ער איז בלויז זעקס־און־דרייסיג־מיליאָן מייל ווייט פון דער זון. אַ דרייסיג מיליאָן מייל

נאָך ווייטער פון דער זון קומט פּלאַנעט ווענוס — אויך אַ ביסעל קלענער פון דער ערד. נאָך ווייטער פון דער זון קומט די ערד — אונזער פּלאַנעט אויף וועלכען מיר לעבען — נאָך ווייטער פון דער זון קומט פּלאַנעט מאַרס. און דאַן, ביליאָנען מיילען אָפּגערוקט פון דער זון, באַווייזען זיך די ריזיגע קינדער פון דער משפחה — יופּיטער, סאַטורן, אוראַנוס, נעפּטון — אַלע אַכט פּלאַנעטען.

יעדער איינציגער פון זיי דרעהט זיך ווי א חנוכה־דריידעל אַרום זיך אַליין ווערהענד ער שוועבט אין זיין מאַרשרוט אַרום דער זון.

יעדער איינציגער פון זיי האַלט אַלע מאָל זיין ווייטקייט פון דער זון, קומט ניט נעהענטער צו איהר, און טרעט ניט אָפּ ווייטער.

שווימט די זון מיט איהרע פּלאַנעטען דורך דעם חלל פון דער וועלט ווי אַ קאַטשקע מיט קאַטשקעלעך. דאָס איז וואָס די אַסטראָנאָמען רופען אונזער זון־סיסטעם — אַ שטיק מאַשינערי וואָס דער אַרכיטעקט פון דער וועלט האָט איינגעסטראָיעט.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז קיינער קען זיך ניט אויפהויבען צעהן מיליאָן מייל אַוועק פון דער ערד; ניט אפילו צעהן מייל. אָבער די גרויסע טעלעסקאָפּען ווייזען דאָס וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן.

ווען אייערע קינדער לערנען אין סקול געאָגראַפיע, דאָס מיינט די באַשרייבונג פון דער ערד, לערנען זיי אויך וועגען די אַסטראָנאָמישע באַטראַכטונג פון דער ערד אַלס אַ מעמבער אין דער משפחה פון די פּלאַנעטען.

דאָס איז אַסטראָנאָמישע געאָגראַפיע.

וואָס זעהט מען אויף דער לבנה?

ווערטער דר. קלאַרמאַן,

מיין אינגעל וועלכער געהט אין חדר און אין סקול און האָט אַ גוט קעפּעל, האָט מיר אַנומאָלט דערצעהלט, אַז איצטער וויים מען אַלצדינג אַקוראַט וואָס עס טוט זיך אויף דער לבנה. ער זאָגט מיר אַז די לבנה האָט ניט קיין לופט און קיין וואַסער, און קיין זאַך קען אויף איהר ניט לעבען און ניט וואַקסען, און זי איז בלויז אַ פינסטערער שטיין וואָס ווערט באַלויכטען פון דער זון. פרעג איך איהם, פון וואַנען וויים מען דאָס? זאָגט ער מיר, אַז מ׳זעהט דאָס דורך אַ טעלעסקאָפּ. איז דאָס מיר אין איין אויער אריין, דורכ׳ן צווייטען אַרויס. אַ פּאָר טעג שפּעטער געה איך אין אָוועננט דאָון טאַון, זעה איך אויפ׳ן סייד וואָק ביים סיטי האָל (אין שיקאַגאָ) שטעהט אַ גרויסע שפּאַקטיווע אויף דריי פיס, און אַן אַמעריקאַנער שרייט: „ווער וויל קוקען אויף די לבנה דורכ׳ן טעלעסקאָפּ?״

דערמאָן איך מיך וואָס מיין אינגעל האָט מיר געזאָגט, און בין אַ בעלן אַרויסצוואַרפן צעהן סענט און כאַפּן אַ בליק אויף די לבנה דורך אַ טעלעסקאָפּ. האָב איך געזעהן, אַז מ'זעהט קיין זאַך ניט! די לבנה איז דורכ'ן טעלעסקאָפּ אַ היבשע ביסעל גרעסער, אָבער דאָס איז אַלעס! בעט איך אייך, דר. קלאַרמאַן, מיר צו דערקלערן אויב דאָס איז אַלצדינג בלאָף וואָס מ'לערנט אין סקול וועגען די לבנה, און אויב ניט בלאָף, פון וואַנען ווייס מען דאָס?
איסר.

לאָמיר אייך פריהער קלאָר מאַכען דעם ענין וועגען טעלעסקאָפּ, ווייל אַזוי לאַנג ווי דאָס איז אייך ניט קלאָר, וועלען זיך די אַנדערע דערקלערונגען אויף אייער פראַגע ניט קלעפּען צו אייך.

דער טעלעסקאָפּ אויפ'ן סיידוואָק פון אייער סיטי האָל האָט געוואויגען אפשר פינף-און-צוואַנציג פונט, און דאָס גלעזעל, דורך וועלכער איהר האָט אַריינגעקוקט האָט געהאַלטען העכסטענס אַן אינטש אָדער צוויי.

פון דעסטוועגען האָט אייך די לבנה, אָט דורך דער צאַצקע, אויסגעוויזען אַ היבשע ביסל גרעסער — לאָמיר זאָגען צוויי מאָל אַזוי גרוים ווי זי האָט אייך אויסגעקוקט אָהן טעלעסקאָפּ.

היינט שטעלט אייך פאָר, ווי פיל מאָל גרעסער וואָלט אייך אויסגעקוקט די לבנה, ווען איהר זאָלט זי באַטראַכטען דורך אַ טעלעסקאָפּ וואָס וועגט הונדערט טאָן, איז הונדערט פופציג פוס לאַנג, און האָט אַ גלעזערנע אויג הונדערט אינטשעס ברייט! דורך אַזעלכע סאָרטען טעלעסקאָפּען קוקען די שטערנפאָרשער אין פאַרשידענע געגענדען פון דער וועלט, און יעדער איינציגער פאַרשרייבט וואָס ער זעהט, דערנאָך פאַרגלייכען זיי וואָס זיי האָבען אַלע פאַרשריבען, צו זעהן אויב עס שטימט.

דער טעלעסקאָפּ אויף מאַונט ווילסאָן.

אָט אַזאַ מאַכינע פון אַ טעלעסקאָפּ געפינט זיך אויפ'ן שפּיץ באַרג פון מאַונט ווילסאָן, ביי פּאַסאַדינאַ, קאַליפאָרניאַ.

דאָרט האָט מען ספּעציעל אויסגעבויט אַ שטערן-וואַרטע (ד. ה. אַ שטערן-זעהעריי) פאַר דעם טעלעסקאָפּ. ער וועגט הונדערט טאָן, און זיצט אין אַ ים פון קוועקזילבער, מ'זאָל איהם לייכט קענען באַוועגען.

ער ווערט געשטעלט מיט זיין אויג דורך אַן אָפענעם דאַך, און ווערט באַוועגט דורך אַ דריק פון אַ קנעפּעל.

דער געלערנטער מאַן וואָס קוקט דורך אָט דעם טעלעסקאָפּ, קען איהם דרעהען אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ, פיל לייכטער

ווי יענע שפּאַקטיוו דורך וועלכער איהר האָט אַריינגעקוקט אויף דער לבנה.

צו דעם טעלעסקאָפּ זיינען צוגעשטעלט אַלערליי וואונדערליכע דעליקאַטנע אַפּאַראַטען. שטעלט מען אָן דעם טעלעסקאָפּ אויף אַ שטערן, האַלט ער איהם אין אויג און לאָזט איהם שוין ניט אָפּ אַזוי לאַנג ווי מ'וויל.

אַזוי ווי די ערד האַלט זיך רק אין אַוועקדרעהען זיך פון דעם פונקט, האַלט דער טעלעסקאָפּ אין דרעהען זיין אויג כסדר אין דער פאַרקערטער זייט, ניט אַרויסצולאָזען דעם שטערן פון זיין בליק.

און דערוויילע טוען אויך די אַנדערע אַפּאַראַטען זייער אַרבייט.

אַ דעליקאַטנער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט פאָטאָגראַפירט דעם שטערן; אַ צווייטער אַפּאַראַט מעסט זיין היץ; אַ דריטער אַנאַליזירט זיין ליכט כדי צו דערגעהן פון וועלכע מאַטעריאַלן דער שטערן באַשטעהט; אַ פיערטער מעסט זיין גרויס; אַ פינפטער — זיין ווייטקייט.

דער אַסטראָנאָם דאַרף ניט קוקען כסדר אין הימעל אַריין, ער דאַרף נאָר אַכטונג געבען אַז די אַפּאַראַטען און די מאַשינערי זאָלען טאָן זייערע אַרבייטען בשלמות.

דער טעלעסקאָפּ און די פאָטאָגראַפישע קאַמערא זעהען בעסער ווי דאָס מענשליכע אויג, און זיי ווערן קיינמאָל ניט מיד קוקענדיג.

וואָס דער טעלעסקאָפּ זעהט, דאָס פאָטאָגראַפירט די קאַמערא. דערנאָך ווערט דאָס אַלץ דורכגעפאָרשט, אויסגעלייטערט, באַרעכענט און פעסטגעשטעלט אַזוי ווייט ווי דער מענשליכער שכל קען פעסטשטעלען אַ זאַך, און דאָס ווערט פאַרשריבן אין די ביכער, און די בילדער ווערן אָפּגעדרוקט אין די ביכער.

אָט דאָס לערנט אייער אינגעל אין סקול.

ווי ווייס מען אַז די חשבונות זיינען ריכטיג?

נאָך די אַלע דערקלערונגען וועגען טעלעסקאָפּען און די פאַרשידענע אַפּאַראַטען, מוז זיך נאָך, פון דעסטוועגען, דרומלען ביי אייך אין קאָפּ די פראַגע: פון וואַנען ווייס מען דאָך אַז די חשבונות זיינען ריכטיג?

נאָך אַלעמען, איז דאָך קיינער ניט געפלויגען צו דער זון, צו דער לבנה, און צו די שטערן, פעסטצושטעלן, אַז אַלץ וואָס די אַסטראָנאָמען זאָגען איז ריכטיג.

אויף אַזאַ שאלה איז ניט שווער צו ענטפערן. דער בעסטער סימן איז, אַז זייער חשבון האַלט אויס איז, אַז וואָס זיי באַרעכענען פאַר דער צוקונפט איז אַלע מאָל ריכטיג.

דער גאַנג פון די שטערן ווערט קיינמאָל ניט געענדערט. קענען די אַסטראָנאָמען פאָראויסזעהן, ווען און וואו א געוויסער שטערן וועט זיך באַווייזען איבער אַ יאָהר, איבער צעהן יאָהר, איבער הונדערט יאָהר, און זיי קאָנען דאָס פאָראויסזאָגען צום טאָג, צו דער שטונדע, אפילו צו דער מינוט, און דער חשבון האַלט אוים.

נעמט, למשל, אַזאַ געוועהנליכע ערשיינונג ווי אַ ליקוי חמה, אַ פאַרשטעלעניש פון דער זון (עקליפּס), וואָס קומט פאָר, ווען די לבנה געהט דורך צווישען דער ערד און דער זון, און זי פאַרשטעלט אויף אַ ווייליגקע די זון; אָדער — אַ ליקוי לבנה, ווען די ערד געהט דורך צווישען דער זון און דער לבנה און זי שניידט אויף אַ ווײלע אָפּ די ליכטיגקייט וואָס די לבנה קריגט פון דער זון. ווייסען די אַסטראָנאָמען אַקוראַט, צו דער סעקונדע, ווען אַזעלכע זאַכען וועלען פאָרקומען אין דער צוקונפט, אפילו הונדערטע אָדער טויזענדע יאָהרען שפּעטער. דער אַסטראָנאָם קען אָנשטעלען זיין טעלעסקאָפּ מיט א געוויסען בויג, צו א געוויסען פונקט אין הימעל, און זאָגען צו אייך: „קוקט אַריין דאַ אין טעלעסקאָפּ פינף־און־צוואַנציג יאָהר שפּעטער, אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה, מינוט, סעקונדע, וועט איהר זעהן אַ ליקוי חמה, אָדער א ליקוי לבנה. און אויב פינף־און־צוואַנציג יאָהר שפּעטער קוקט איהר אַריין און איהר זעהט אַקוראַט ווי דער אַסטראָנאָם האָט פאָראויסגעזאָגט, איז דאָס דער בעסטער סימן אַז זיינע חשבונות זיינען ריכטיג.

דער חשבון פון אַסטראָנאָם הערשל.

ביז אונגעפעהר מיט אַ יאָהר הונדערט־פופציג צוריק האָבען די אַסטראָנאָמען געוואוסט פון זעקס פּלאַנעטען וועלכע באַוועגען זיך ארום דער זון; נאָר אין יאָהר 1781 האָט דער ענגלישער אַסטראָנאָם וויליאַם הערשל ענטדעקט נאָך אַ פּלאַנעט, וואָס מ'האָט פריהער ניט געקענט. מ'האָט דעם נייעם אורח אַ נאָמען געגעבען אוראַנוס. מר. הערשל האָט אויסגערעכענט אַקוראַט זיין מאַרשרוט אַרום דער זון, און אין וועלכע יאָהרען ער וועט זיך ווידער באַווייזען צו די איינוואוינער פון דער ערד.

פערציג יאָהר כסדר האָבען אַסטראָנאָמען געהאַלטען אַן אויג אויף אוראַנוס'ן, און האָבען געפונען, אַז זיין גאַנג שטימט אַקוראַט מיט דעם חשבון פון מר. הערשל. אָבער נאָך די פערציג יאָהר האָבען זיי אָנגעהויבען באַמערקען, אַז אוראַנוס טרעט אָפּ אַ קאַפּעלע פון דעם וועג וואָס הערשל האָט פאַרגעצייכענט אין זיינע רעכענונגען. איז דאָס זיי גאָר ניט געפעלען געוואָרען. א סטאַטעטשנער שטערן געהט קיינמאָל ניט אראָפּ פון זיין דרך הישר

נאָך ניט אויף אַ האָר. זיי האָבען איהם געהיט נאָך אַ צוואַנציג יאָהר, און דאַן איז די אויפרעגונג אין דעם אַסטראָנאָמישען לאַגער געוואָרען אונערטרעגליך. עס האָט אויסגעקוקט ווי אוראַנוס וואָלט זיי געטאָן להכעיס, און ער לאַכט זיך אויס פון זייערע חשבונות. ער געהט ווי איהם געפעלט.

די אַסטראָנאָמען האָבען ניט געקענט געפינען קיין רוה. ווי באַלד אַז אַ שטערען קען ווערען אַ „פריי-מאַיאָר״, און אָראָפּגעהן פון דעם דרך הישר וואָס די אַסטראָנאָמישע וויסענשאַפט האָט פאַר איהם אויסגערעכענט, און געהן ווי דער קאַפּריז טראָגט איהם אוים, „אָהן אַ חשבון״, טאָ וואו האַלט דאָס מיט אַלע אַסטראָנאָמישע חשבונות? און וואו האַלט דאָס מיט אַלע אַנדערע וויסענשאַפ־טען וועלכע שטעהען אויף דעם פּרינציפּ, אַז די נאַטור ענדערט קיינמאָל ניט איהר אָרדנונג?

אין דער אַסטראָנאָמישער וועלט האָט זיך געטאָן חושך!

זיצען צוויי יונגע אַסטראָנאָמען, איינער אין ענגלאַנד און דער צווייטער אין פראַנקרייך, ניט וויסענדיג איינער פון צווייטען, און ברעכען זיך די מוחות צו דערגעהן, וואָס קען זיין דער מעהר מיט אוראַנוס׳ן, וואָס ער פאָלגט ניט הערשל׳ס חשבון.

די איינציגע דערקלערונג וואָס מ׳האָט געקענט אויסטראַכטען איז געווען — אַז ערגעץ־וואו, טויזענדער מיליאָנען מיילען ווייטער אין די טיפע הימלען, מוז זיין נאָך אַ פּלאַנעט גרויס און מעכטיג, וואָס מיט זיין צוציהונגס־קראַפט פיהרט ער אַראָפּ אוראַנוס׳ן פון זיין „דרך הישר״. די יונגע אַסטראָנאָמען האָבען גערעכענט און גע־רעכענט, און האָבען ענדליך אויסגערעכענט וואו אוראַנוס׳עס „פאַר־פיהרער״ מוז זיך געפינען אין די הימלען. דאָס איז געווען בלויז אַ וויסענשאַפטליכע השערה.

אָבער איין טאָג האָט דער פראַנצויז (לעווריעה האָט ער גע־הייסען) געשריבען אַ בריוועלע צו אַ יונגען דייטשען חבר־אַסטראָ־נאָם, הערר גאַלע, בזה הלשון: „אויב דו ווערסט אָנשטעלען דעם טע־לעסקאָפּ אַזוי און אַזוי, און קוקען אין הימעל אַריין דאָרטען און דאָרטען, וועסטו זעהן דעם פּלאַנעט וואָס מיט זיין צוציהונגס־קראַפט פיהרט ער אַראָפּ אוראַנוס׳ן פון זיין גלייכען וועג״.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט דער דייטש געפונען דעם פּלאַ־נעט ווי דער פראַנצויז האָט אָנגעוויזען. דאָס איז געווען אַן אַכטער פּלאַנעט. מ׳האָט איהם אַ נאָמען געגעבען נעפּטון.

וועלכעס באַווייזט, אַז די אַסטראָנאָמען לאָזען זיך אין זייערע חשבונות ניט נאַרען, און ווען זיי גיבען אָן אַ זאַך אַלס אַ פאַקט, מעג מען זיך אויף זיי פאַרלאָזען.

און טאָמער מאַכט איינער דעם קלענסטען טעות, געפינט מען דאָס אויס, ווייל דאָס שטימט ניט מיט אַלע אַנדערע חשבונות פון אַסטראָנאָמיע און מיט אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען.

דאָס איז אונגעפעהר אַזוי ווי ווען אַ בוכהאַלטער זאָל געפינען אין זיינע חשבונות פון מיליאָנען איין סענט צופיל אָדער צו ווייניג, וועט ער זאָגען, אַז דער גאַנצער חשבון איז פאַלש, און וועט ניט רוהען ביז ער וועט אויסגעפינען וואו דער טעות ליגט.

צו וואָס אַזויפיל שפּראַכען?

ווערטער דר. קלאָרמאַן,

ביי מיר אין הויז רעדט מען אַזוי פיל שפּראַכען, אַז איך ווער אָפּט־מאָל ווי אַ צוטומעלטער. איך אַליין בין אַ רוסישער, מיין פרוי איז פון דער ליטאַ. פאַרשטעהען מיר ביידע אַ ביסל רוסיש, נאָר מיר ריידען צווישען זיך אידיש. אַמאָל ריידן מיר רוסיש כדי די קינדער זאָלן ניט פאַרשטעהן. מיט מיין שנור אָבער רעדט מיין פרוי ליטוויש ווען זי וויל אַז איך זאָל ניט פאַרשטעהן. אַ באָי און אַ מיידעל געהען אין היי סקול, לערנט דער אינגעל גרעקיש און לאַטיין — צו וואָס מ'דאַרף דאָס ווייס איהם דער גוטער יאָהר. מיין מיידעל לערנט פראַנצויזיש. די קינדער צווישען זיך און אויך צו אונז ריידען, פאַרשטעהט זיך, ענגליש. טרעפט אַמאָל אַז אַלע שפּראַכען קומען זיך צונויף אויף איינמאָל — דער אינגעל חזר'ט אויפ'ן קול זיין גרעקיש און לאַטיין, די מיידעל איהר פראַנצויזיש, מיין ווייב און די שנור ריידען ליטוויש, איך צו זיי אידיש, און די אינגערע קינדער שרייען אויף ענגליש, איז דאָס אַן אמת'ער דור הפלגה. אַ דאַנק גאָט וואָס חיונה איז כאָטש דאָ אַ ביסל קען מען דאָס אַלץ איבערטראָגען.

אַמאָל טרעפט אַז איך זיץ אין סטאָר ווי אַ צודולטער פון די שפּראַכען, פרעג איך זיך אַליין, צו וואָס דאַרף מען אַזוי פיל שפּראַכען אויף דער וועלט? פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען? וואָלט ניט בעסער געווען אַז אַלע מענשען זאָלען ריידען איין שפּראַך? איך ווייס קיין ענטפער ניט אויף דעם. אַזוי ווי איהר ענטפערט אויף אַלערליי פראַגען, אפשר קענט איהר אויף די אויך ענטפערן?

בענציע.

ליבער פריינד, אויף יעדער פראַגע וואָס איהר האָט דאָ געשטעלט, איז פאַראַן אַ שכל'דיגער ענטפער. הונדערטע ביכער זיינען אָנגעשריבען געוואָרען פון שפּראַך־קענער, ווי אַזוי מענשען האָבען געלערענט ריידען, און פון וואַנען די גרויסע פאַרשידענהייט אין די שפּראַכען האָט זיך גענומען.

אריינצולאָזען זיך אין אַ פולע דערקלערונג פון דעם ענין — ניט איך האָב אַזוי פיל כח צו שרייבען, און ניט איהר וועט האָבען אַזוי פיל געדולד צו לעזען.

וועל איך אייך בעסער דערצעהלען אַן אמת'ע מעשה, וואָס האָט געטראָפען מיט אַ יאהר פערציג צוריק צו אַן אַמעריקאַנישען מיסיאָנער, וועלכער איז אַוועקגעפאָהרען צו די עסקימאָס אין אַלאַס־קא, צו פארשפרייטען אונטער זיי די קריסטליכע אמונה.

דאָס איז אַ מעשה'לע וואָס וועט אייך פיליכט העלפען געפינען אַ תירוץ אויף אייערע פראַגען.

דער מיסיאָנער האָט זיך באַזעצט אין אַ פּאַרוואָרפענעם דער־פעל פון עסקימאָס, וועלכע באַשעפטיגען זיך הויפּטזעכליך מיט פאַנגען פיש.

אין יענע געגענדען איז דער ווינטער לאַנג, און דער זומער קורץ. די בערג אַרום זיינען מייסטענס גלעטשערס, דאָס מיינט אייז־בערג. דער שנעע אויף די אַנדערע בערג צושמעלצט קיינמאָל ניט. בלויז אין די נידעריגערע ערטער שפּראָצט אַרויס אַ מין מאָך אין די זומער־מאָנאַטען. די איינציגע הייזליכע בהמות וואָס זיי האָבען זיינען אַ סאָרט הירשען (ריינדיר) וועלכע קענען לעבען אין קאַלטע מקומות.

די ערשטע זאַך וואָס דער מיסיאָנער האָט געמוזט טאָן, איז דערלערנען דעם לשון פון די עסקימאָס, ער זאָל זיך קענען מיט זיי צוזאַמענריידען. דאָס האָט איהם ניט לאַנג גענומען, ווייל דער לשון פון די עסקימאָס אין יענער געגענד באַשטעהט אין גאַנצען פון אַ פּאָר הונדערט ווערטער. קיין כתב האָבען זיי ניט. האָט דער מיסיאָנער פארצייכענט ביי זיך מיט ענגלישע אותיות יעדעם וואָרט וואָס ער האָט געהערט, און אין אַ פּאָר וואָכען האָט ער געהאַט זייער לשון.

ער האָט זיי דערקלערט, אַז ער וויל לערנען זייערע קינדער ניצליכע זאַכען. האָבען זיי אויסגעבויט פאַר איהם אַ „איגלו" וואָס איז אַ הייזעל אויף זייער לשון, און ער האָט געעפענט אַ סקול. ער האָט מיט זיי אָנגעהויבען לערנען ענגליש, ריידען און שרייבען.

אָנגעפאַנגען האָט ער מיט גאַנץ יונגע קינדער, וועלכע באַנעה־מען אַ שפּראַך גרינגער ווי עלטערע. אין צעהן יאהר האָט ער דער־צויגען אַ דור וואָס האָט געקענט ריידען, לעזען און שרייבען ענגליש.

ער האָט זיי אויך אויסגעלערענט שרייבען זייער אייגענעם לשון מיט ענגלישע אותיות, און איבערזעצען לייכטע פסוקים פון דער ענג־לישער ביבעל אין זייער לשון.

איינמאָל האָט ער זיי געגעבען דעם קאַפּיטעל כ"ג פון תהלים

פון דער ענגלישער ביבעל און האָט פאַרלאַנגט אַן איבערזעצונג אין עסקימאָ-לשון.

קאַפּיטעל כ״ג, ווי איהר ווייסט געווים, פריינד בענציע, איז „מזמור לדוד, ה׳ רועי לא אחסר״, וועלכען איהר האָט אָפט געזאָגט ביים בענשען.

ווען גאָט איז מיין פאַסטוך, וואָס פעהלט מיר?
אין גרין-גראָזיגע ערטער לאָזט ער מיך ליגען,
ער פיהרט מיך צו די רוהיגע וואַסערען,
צו קוויקען מיין זעעלע.

דאָס שטעלט פאָר, ווי מ׳זעהט, אַ שעפּסעלע וואָס האָט פאַרטרויען צו איהר פאַסטוך, וועלכער זאָרגט פאָר איהר. אזוי פאַרלאָזט זיך דער זינגער פון תהלים אויף גאָט.

ווען די עסקימאָ-תלמידים האָבען געבראַכט די איבערזעצונגען, איז זייער לעהרער געוואָרען שרעקליך ערשטוינט. קיין איינציגער פון זיי האָט איבערזעצט ריכטיג דעם אויסדרוק „די לאָרד איז מאַי שעפערד״ (ה׳ רועי).

אנשטאָט „שעפערד״ האָט איינער געהאַט „יעגער״, אַ צווייטער האָט געהאַט „מעכטיגער פיש-פאַנגער״, אַ דריטער „וואַלפיש-קעמפּפער״, און אַזוי ווייטער.

אנשטאָט גרינגראָזיגע לאָנקעס האָבען זיי געהאַט „מאָך-פעלדער״, אָדער „גרינע נאָדעל-בוימלעך״.

דער מיסיאָנער האָט דאַן איינגעזעהן, אז פילע ווערטער וואָס ער לערענט מיט די תלמידים פון דער ביבעל, פלאַפּלען זיי נאָך, אָבער האָבען קיין באַגריף וואָס זיי מיינען; אז זיי קענען ניט האָבען דעם באגריף, ווייל זיי האָבען אין זייער לעבען ניט געזעהן, ניט קיין שעפּסען, ניט קיין פאַסטוך, ניט קיין גראָזיגע לאָנקעס און ניט קיין רוהיגע טייכען. האָבען זיי פאַר די זאַכען קיין ווערטער ניט אין זייער לשון.

ער האָט פאַרשטאַנען אז אזא קאַפּיטעל תהלים וואָלט קיינמאָל ניט געקענט געשריבען ווערען אין אלאסקא, ווייל דאָ פעהלען די זאַכען פון וועלכע דער קאַפּיטעל תהלים זינגט.

אזאָ קאַפּיטעל תהלים האָט בלויז געקענט פאַרפאַסט ווערען אין אַ לאַנד וואו עס זיינען דאָ סטאַדעס שעפּסען, פאַסטוכער, גראָזיגע לאָנקעס, שטילע וואַסערען.

* * *

וואָס-זשע לערנען מיר פון אָט-דער מעשה׳לע?

מיר לערנען, אַז ווען די ערשטע מענשען האָבען אָנגעהויבען ארויסברומען די ערשטע ווערטער, זיינען דאָס געווען ווערטער וואָס

האָבן באַצייכענט די זאַכען וואָס זיי האָבן געזעהן ארום זיך. און זיי האָבן באַנוצט די קלאַנגען וואָס זיי האָבן געהערט ארום זיך.

און אַזוי ווי עס זיינען ניטאָ קיין צוויי געגענדען אויף דער ערד, וואָס זאָלען זיין אין אַלע באַציהונגען גלייך איינע צו דער אַנדערער אין די זאַכען וואָס זיי ברייינגען אַרוים, אין זייערע פלאַנצען, חיות, פויגלען, וואַסערען, בערג און טאָלען, אד״ג; און אַזוי ווי עס זיינען אויך ניטאָ קיין צוויי געגענדען, וואָס זאָלען זיין גלייך איינע צו דער אַנדערער אין די קלאַנגען וואָס זיי ברייינגען אַרוים — קולות פון חיות, בהמות, פויגעל, רוישען פון וועלדער און וואַסערען, טשווי־טשערען פון פויגעל, א. ז. וו., קענען ניט זיין קיין צוויי געגענדען וואו מענשען זאָלען האָבען אַרויסגעבראַכט פון זיך אַקוראַט די זעל־ביגע ווערטער, אָדער די זעלביגע קלאַנגען, ווייל, ווי מיר האָבען געזעהן, שאַפט זיך דער מענש אַ שפּראַך פון דעם וואָס ער זעהט און הערט.

דערפון קומט אַרוים די גרויסע פאַרשידענהייט אין שפּראַכען.

פאַלט שוין ממילא אראַפּ אייער פראַגע, פאַר וואָס זאָל ניט זיין איין שפּראַך פאַר אַלע מענשען. דאָס איז אַקוראַט ווי איהר זאָלט פרעגען, פאַר וואָס זאָל ניט זיין איין סאָרט מענשען אין דער גאַנצער וועלט.

אָדער איין סאָרט פּירות אין דער גאַנצער וועלט.

אָדער איין סאָרט חיות און עופות אין דער גאַנצער וועלט.

אין אַ וועלט פון אַזוי פיל פאַרשידענאַרטיגקייטען קען ניט זיין אַנדערש. אַזוי איז די וועלט באַשאַפען — פרעגט ביי גאָט קשיות!

שפּראַכען ענדערן זיך מיט די פעלקער.

שטאַמען און פעלקער האַלטען מלחמות איינער מיט דעם אַנדערן, האַלטען אויך די שפּראַכען מלחמות. אַ שטאַרקעס פאָלק נעמט איין אַ שוואַכערעס, ווערט מיט דער צייט די שפּראַך פון דעם זיגער אויך די שפּראַך פון דעם באַזיגטען.

מענשע וואַנדערען, קומען אין פרישע לענדער, לערנען זיי פרי־שע שפּראַכען.

מענשען פון פאַרשידענע ראַסען צומישען זיך, מישען זיך אויך צוזאַמען זייערע שפּראַכען.

ס׳איז ניטאָ איין איינציגע שפּראַך ביי היינטיגע ציוויליזירטע, און אַפילו האַלב־ציוויליזירטע פעלקער, וואָס זאָל ניט זיין צוזאַמענ־מישט פון פאַרשידענע שפּראַכען.

אַ שפּראַך וואָס צושפּרייט זיך איבער פאַרשידענע לענדער

גענומט אָפּט אָן אין יעדען לאַנד אַן אייגענע פאָרמע פון אויסדרוק; אנאַנדער צומישונג.

אין די נייע שפּראַכען, וועלכע מ'רעדט אין יוראָפּ און אין אַמעריקא איז אַריינגעמישט פיל גריכיש און פיל לאַטיין. לערענט מען די אַלטע שפּראַכען כדי בעסער צו פארשטעהן די נייע, און אויך צו קריגען אַ בעסערן באַגריף ווי אַזוי די אַלטע האָבען גע־לעבט און גערעדט.

דאָס ענטפערט אויף אייער פראַגע, צו וואָס מ'דאַרף גריכיש און לאַטיין וואָס אייער באַי לערענט אין סקול.

שלום־וואָרט

לייד און פרייד פון אַ בעל־עצה

פון די בריף און די ענטפערס, וועלכע זיינען ענטהאלטן אין דעם בוך האָט דער לעזער פיליכט זיך שוין געמאַכט אַ באַגריף פון דער אויפגאבע וועלכע ליגט אויף א בעל־עצה צום אידישן עולם.

דאָס איז ניט קיין לייכטע אויפגאַבע אַפילו פון דעם ריין־טעכנישן שטאַנדפונקט.

עס איז ניט לייכט דורכצוברעדזשען טאָג־טעגליך צעהנדליגע בריף, געשריבן אין פארשיידענע שפראכן, אָפטמאָל מיט גרויס נאַכלעסיגקייט, אָפטמאָל איבערשרייבן און ענטפערן אויף זיי.

נאָך שווערער איז אריינצוטראכטן זיך אין די פראגן און פּראָבלעמען וועלכע זיי לייגן פאָר, אָפטמאָל אויסלאָזענדיג וויכטיגע פּרטים, ניט דעררײידענדיג און ניט דערזאָגענדיג, פאַרלאָזענדיג זיך, אז דער בעל־עצה וועט שוין אַליין פאַרשטעהן דאָס איבריגע, און פאָרמולירן אן ענטפער וואָס זאָל אין א געוויסן מאָס באַפרידיגן.

אָבער ווי שווער די טעכנישע זייט פון דער אויפגאבע זאָל ניט זיין, קוקט זי אוים אין די אויגן פון בעל־עצה אַליין ווי אונבאַדייטענד, און גאָר ניט וויכטיג, אין פארגלייך מיט דער אחריות, מיט דער מאָראַלישער פאראנטוואָרטליכקייט, וועלכע דער בעל־עצה מוז אויף זיך נעהמען, אויב ער באַטראַכט זיין אויפגאַבע ערנסט, און וויל מיט אַן אמת נוצליך זיין צו די עצה־זוכערס.

אין פאַלן, וואו דער בעל־עצה האָט צו טאָן מיט פאָרגעלייגטע פאַקטן, פון וועלכע עס לאָזט זיך ציהען א לאָגישער שלום על פי שכל, אָדער אין וועלכע די פּסיכאָלאָגישע רעאקציעס געהערן צו די גאַנץ געוועהנליכע, און דער בעל עצה, באנוצענדיג א ביסעלע איינבילדונגס־קראפט, און א ביסעלע אייגענע ערפאהרונג, קען זיך אין זיי דורכקלייבן, — אין אַזעלכע פאַלן איז די אויפגאבע ניט אַזוי שווער, און זי גיט אפילו א היבשע ביסל באפרידיגונג.

דאָס איז אונגעפעהר די זעלביגע הנאָה וואָס א איד אַ למדן פיהלט ווען ער פארענטפערט על פי שכל א קשיא אין דער גמרא.

אָבער ווען דאָס פּראָבלעם וואָס ווערט דעם בעל־עצה פאָרגעלייגט איז ניט ארויסגעוואקסן פון ממשות'דיגע פאקטן, נאָר פון באגעהרן, קאפּריזן, ליבע, האַס, מורא, אָדער פון פאַרדרעהענישן

וואָס קענען ניט מעהר אויסגעגלייכט ווערן, פון הינדערניסן וואָס קענען ניט מעהר באזייטיגט ווערן, און דער פרעגער זוכט ראַט — דאַן איז דעם בעל־עצה גאָר ניט מקנא צו זיין.

עס איז ניט קיין קלייניגקייט צו זיצן ביים שרייב־טיש און ענטשיידן א פראגע, פון וועלכער דער שיקזאל פון א מענשן הענגט אָפּ, באזונדערס ווען דער מענש זאָגט, אז ער פארלאָזט זיך אינגאנצן אויפ׳ן בעל־עצה, און וועט טאָן ווי ער וועט איהם הייסן.

אָט נעהמט , צום ביישפיל, דעם פאל פון דער מיידל וועלכע איז פארליבט אין א בלינדן מוזיקער, א פיאניסט. ער איז א געבאָ־רענער בלינדער, און אין זיין פאמיליע זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע אַזוי געשטראָפטע ווי ער. אויך ער האָט זי ליב. איז די פראגע, צי זאָל זי איהם הייראַטן אָדער ניט. די אויסזיכט אויף הייראַטן אנאַנ־דערן, א זעהעדיגן, איז זעהר שוואך, ווייל זי איז מיט א מום, א היינ־קעדיגע, נעבעך.

וואָס זאָל דער בעל עצה איהר ראַטן? הייראַטן? ווער ווייס אויב זיי וועלן ניט ברענגען אויף דער וועלט בלינדע קינדער, און דאַן וועט זי פאַרשילטן איהר מזל מיט דעם בעל־עצה צוזאמען. ניט הייראַטן? טאָ וואָס איז דער תכלית פון בלייבן אַ פאַרזעסענע מיידל, וואָס איהר לעבן איז קיין לעבן ניט?

און זי שרייבט בפירוש, אַז זי וועט טאָן ווי דער בעל־עצה וועט זאָגן.

אָט קומט אַ פראָבלעם וואָס וואקסט ארויס פון דער צוריסענ־קייט אין אידישע פאמיליען דורך זייערע אונגליקליכע וואנדערונגען:

די יונגע פרוי מיט איהר קינד פון רומעניען האָט באוויזן צו קומען אין אמעריקע, וועהרענד איהר מאַן איז דאָרט פארבליבן צוליב זיין וויזא. דער מאַן איז אוועק נאָך בראזיליען, אין דער האָפ־נונג אז פון דאָרט וועט איהם לייכטער זיין זיך צו דערשלאָגן צו זיין ווייב און קינד. וואלגערט ער זיך שוין דאָרט צוויי יאָהר און מאַכט אַ געמאַטערט לעבן. פארלאנגט, אז זיין פרוי מיט׳ן קינד זאָלן קומען צו איהם. די פרוי דאָ פיהרט א היים פאר איהר אלטן טאַטן, און זי האָט דאָ שוועסטער און ברידער וועלכע העלפן. קומט זי צום בעל־עצה נאָך אַ ראַט: זאָל זי פאַרלאָזן איהר אַלטן טאַטן און די פאַ־מיליע און פאָהרן צום מאַן נאָך בראַזיליע, אָדער זאָל זי בלייבן דאָ און האָפן, אַז אפשר וועט זי איהם נאָך פיר יאָהר, ווען זי וועט ווערן א סיטיזן, איהם ברענגען צו איהר.

אויך זי פאַרזיכערט דעם בעל־עצה, אז זי וועט פאָלגן זיין ראַט.

א מאַן איז איפערזיכטיג געגן זיין פרוי, און אין זיין פאַר־

צווייפלונג שרייבט ער צום בעל־עצה נאָך אַ ראַט, און אויב דער ראַט וועט ניט העלפן וועט ער מאכן א סוף צו זיין לעבן.

אַ פרוי מיט א געבראָכן האַרץ, שרייבט, אז איהר מאַן האָט זי פאַררלאָטען מיט א צווייטער און זי מוז איהם פאַרלאָזן, אבער ווי וועט זי קענען לעבן אָהן איהרע ליבע קינדערלעך? וועט זי טאָן ווי דער בעל־עצה וועט זאָגן.

פרנסה, זיווגים און שבת

עס זיינען דאָ געוויסע פראגן וועלכע קומען כמעט יעדן טאָג, מיט קליינע ענדערונגען אין דעם נוסח, און אין זיי לאָזט זיך הערן דער אידישער וועה־געשריי אין זיין גאנצער ביטערניש און טראַגישקייט.

אונטער די פראגן איז די פראגע פון פרנסה די שווערסטע. זי שרייט ארויס פון די בריף אין אַלע טאָן־ארטן, מיט טרויער, מיט פארצווייפלונג, אין אלערליי שטייגערס, אין אלערליי קאָלירן און שאַטירונגען.

„איך האָב פארלאָרן אַלץ וואָס איך האָב פארמאָגט — שרייבט איינער — ווי זאָל איך מפרנס זיין ווייב און קינדער?"

„איך בין גרייט צו טאָן כל עבודת פרך — שרייבט א צווייטער — אבי א שטיקל ברויט פאר מיינע קינדער, גיט מיר א ראַט צו וועמען זיך צו ווענדן."

„איך בין פופציג יאָהר אַלט — שרייבט אַ דריטער — און קען נאָך גוט ארבייטן, אָבער זיי זאָגן אז איך בין שוין צו אלט פאר מיין אַרבייט; וואָס זאָל איך טאָן?"

און אַזוי כסדר, אָהן אַן עק.

מאַנכעס מאָל פארשטעהט דער פרעגער אליין דאָס אין זיין לאַגע קען קיין עצה ניט העלפן, נאָר פון דעסטוועגן שרייבט ער, אין דער האָפנונג, אז אפשר וועט השם יתברך איינגעבן א גוטן געדאנק צום בעל־עצה און ער וועט דאָך קענען העלפן.

די טעכטער־פראגע טרייבט אָפט דעם בעל־עצה צו פארצווייפלונג. ווער קען שילדערן די הארצוועהטאָגן, די גייסטיגע יסורים, וועלכע ליגן הינטער די פראַגן! דאָ איז די פארשידנארטיגקייט אין די פראגן נאָך גרעסער ווי אין די פראגן וועגן פרנסה. אַ פאָטער'ס קרעכץ ברומט אַרויס פון יעדן בריף, אַ מוטער'ס טרער גלאַנצט צווישן די שורות.

„אַ דערוואקסענע טאָכטער, שוין לאנג צייט געווען צו קומען צו אַ תכלית, אָבער קיין מזל ניטאָ צו אַ חתן."

„מיין טאָכטער האָט אַ חתן, אָבער ער וויל נדן, און מיר מאַכן קוים אַ לעבן."

„אונזער טאָכטער איז אַ שעהנע גערױאָטענע מיידל, איז דאָ אַ פיינער יונגערמאַן וואָס „געהט אוים נאָך איהר". האָט זי זיך פאַר־ליבט אין אַן אַלטן בחור אַ שאַרלאַטאַן, און קען זיך פון איהם ניט אָפּטשעפּן."

„מיין איידים, ימח שמו, האָט פארלאָזן מיין טאָכטער מיט דריי קליינע קינדער און איז אַנטלאָפן. איך קען זיי ניט אויסהאלטן. ראָט מיר ווי קען איך איהם געפינען און איהם מאכן אויסהאלטן זיין פאמיליע?"

„גוואַלד, ראַטעוועט! מיין טאָכטער געהט הייראַטן א גוי!"

„גיט אַן עצה, מיין זוהן געהט אוים מיט אַ שיקסע, און גאָט וויים צו וואָס דאָס קען פיהרן!"

* * *

דאַן קומט די שבת־פראגע. דאָס איז ניט סתם א פראגע, נאָר א האַרצרייסענדער וועה־געשריי וואָס דרינגט טיף אין דער נשמה. דער דורכשניטליכער איד קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן די קרבנות וועלכע אידן ברענגען דעם שבת. דער בעל־עצה אַליין וואָלט עס ניט גע־גלויבט אויב ער וואָלט ניט געהאט די אלע בריף פאר זיינע אויגן.

אָט איז אַ טיפּישע בריוועלע פון אַ אידישן בעל מלאכה אין דער פראגע:

„איך האָב אַ „דזשאָב" אין אַ פעקטאָרי און מאַך א נישקשהדיגן לעבן פאַר מיין פאמיליע. איך אַרבעט פינף טעג א וואָך, ווייל איך בין א שומר שבת. איז איצטער געקומען א נייער פאָרמאַן, פאָדערט ער איך זאָל קומען אַרבייטן שבת, אז ניט וועט ער אוועקשטעלן אַן אַנדערן אויף מיין דזשאָב. מיין פרוי קעהרט די וועלט און זאָגט, אז ס'איז בעסער אויסצוגעהן פון הונגער איידער אַרבייטן שבת. אָבער ווי קען איך לאָזן מיין ווייב און קינדער הונגערן? בעט איך אייך מיר צו זאָגן, צי מעג איך מחלל שבת זיין אָדער ניט?"

א יונגע מיידל שרייבט אין ענגליש:

„נאָך זעקס חדשים קלאַפּן אין די טירן פון אַלערליי אָפיסעס האָב איך ענדליך געפונען אַ שטעלע אין אַן אָפיס. מ'האָט ניט דערקענט אַז איך בין אַ אידישע, האָט מען מיך גענומען. אָבער אויב איך קום ניט שבת צו דער אַרבייט וועט מען מיך זיכער „פייערן" (דאָס הייסט משלח זיין). און איך האָב קיינמאָל ניט געאַרבייט שבת. מיינע פרומע עלטערן וואָלטן דאָס ניט דערטראָגן. מאַכן זיי קולות, איך זאָל ניט געהן שבת אין אָפיס. איך וויל זיי ניט אָנטאָן דעם צער. אָבער וואָס זאָל

איך טאָן? די עטליכע דאָלער וואָס איך קריג איז נויטיג אי פאַר מיר, אי פאַר זיי, צו העלפן אויפהאַלטן די הויז מיט די אינגערע קינדער. טאַ גיט מיר א ראַט וואָס איך זאָל טאָן".

אַן אַנדער מיידל שרייבט:

„איך האָב ליב מיין חתן, און ער ליבט מיך. ער איז א בחור א זעל־טענהייט, און האָט אויך גאָר א פיינעם באַנק־ביכל. אָבער מיינע עלטערן זיינען געגן אים, וויל ער איז ניט קיין שומר שבת. איך בין אומגליקליך. טאָ וואָס זאָל איך טאָן?"

די פראַגן קומען זעלטן אפּגעזונדערטע, איינציגווייז. ניטאָ אַ פראַגע וואָס זאָל ניט זיין פאַרפּלאָנטערט און צוזאַמענגעפּלאָכטן מיט אַנדערע פראַגן. פּרנסה, זיווג, זיהן און טעכטער, שמירת שבת, געשעפט, און אינטימע פראַגן פון מאַן און ווייב וואָס לאָזן זיך ניט ברענגען אויפ'ן פּאַפּיר — אַלע קומען זיי פאַרוויקעלט און פאַר־וועבט איינע אין די אַנדערע.

פרעהליכערע פראגן

אויב די פריהער־דערמאָנטע פראַגן זיינען עלול ארויפצוציאָגן א מרה שחורה אויף דעם בעל־עצה, זיינען דערפאַר דאָ אַנדערע וועלכע ענטהאַלטן א ניט־ווילענדיגן הומאָר, און הייטערן־אויף א קאָפּעלע.

אַזוי, צום ביישפּיל, פרעגט א זיבעציג־יעהריגער איד אַזא שאלה: אַזוי ווי ער און זיין פּלוניתטע זאָל לעבן געהען האָבן א „גאָלדענע חתונה", וואָס די קינדער און די אייניקלעך מאַכן פאַר זיי, זאָל דער בעל־עצה איהם זאָגן, צי ער דאַרף זיך באַזארגן מיט א „טבעת קידושין", און צי מוז מען האָבן א רב און א חזן.

א בחור שרייבט: אַזוי ווי ער געהט זיך „ענגיידזשען" צו א מיידל, וויל ער וויסן צי עס איז געוונג אַז ער זאָל זיך מיט דער מיידל צוקושן, אָדער ער מוז איהר דווקא געבן א דיימאָנד רינג. ביזנעס איז איצטער ניט באַזונדערס גוט, וואָלט ער וועלן אויסקומען אָהן דעם דיימאָנד רינג.

א גאַליציאַנער פּאָטער פרעגט, אַזוי ווי זיין טאָכטער געהט אויס מיט אַ ליטוואַק, צי איז דאָ ניטאָ א סכנה פון א „געמישטער הייראַט".

אַזעלכע און עהנליכע פראַגן געהערן צו דער לייכטערער זייט פון אידישן לעבן אין אַמעריקא, און ווירקן דערמונטערענד אויף דעם בעל־עצה. זיי פאַרגיטיגן איהם אָפּטמאָל פאַר דעם אומעט וואָס די ערנסטערע פראַגן יאָגן אויף איהם ארויף.